STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10040

DI KUZRIM

Shloyme Rosenberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



שלמה ראָזענבערג

די כוזרים

כוך

43

שלמה ראזענבערג

די כוזרים

היסטאָרישער ראָמאַן

פֿאַרלאַג "יידבוך"

ביי דער
"געזעלשאַפֿט פֿאַר יידיש-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע"
בוענאָס-איירעס
1960

מיינע קינדער — מאַרק און
איוואַ — דאָס בוך געווידמעט.

שלמה ראָזענבערג

אינהאַלט:

1) אַ וווּנדערלעכע בשורה — — — — — — — — — — 7

2) אַ בריוו צום יידישן מלך — — — — — — — — — — — — 48

3) אויפן וועג צום כוזרים־לאַנד — — — — — — — — — — 74

4) אין געפאַנגענשאַפט ביי די כוזרים — — — — — — — — 112

5) אַן אויסטערלישער גאַסט — — — — — — — — — — — 150

6) אינעם לאַנד פון די כוזרים — — — — — — — — — — 195

7) דער כאַקאַן בולאַן — — — — — — — — — — — — 236

8) דער גרויסער וויכוח — — — — — — — — — — — — 258

9) דאָס כוזרישע פאָלק איז זיך מגייר — — — — — — — — 285

10) יצחק פירט צוריק קעניגלעכן בריוו — — — — — — — 317

עפּילאָג — — — — — — — — — — — — — — — — 351

קאַפּיטל איינס

אַ וווּנדערלעכע בשורה

דאָס יאָר ד׳ תש״י (950) איז געבוירן געוואָרן אונטער אַ גליקלעכן שטערן. אין מדינת אַנדאַלוזיע, דרום־שפּאַניע, האָט דעמאָלט געהערשט דער מלך חסד, דער אַראַבישער קאַליף אַבדול ראַכמאַן דער דריטער, און זיין אויסערן־מיניסטער איז געווען דער ייִדישער נשיא ר׳ חסדאי אבן שפרוט, אָדער ווי ער האָט גע־הייסן מיט זיין פולן נאָמען: אבו יוסוף חסדאי בן יצחק אבן שפרוט. די געשיכ־טע, וואָס מיר הייבן דאָ אָן, איז פאָרגעקומען אין קאָרדאָוואַ, די הויפּטשטאָט פון אַנדאַלוזיע, וואָס איז נאָך די צוויי שטעט אין בבל — סורא און פומבדיתא — געווען די גרעסטע שטאָט פון תורה און חכמה, און האָט געשמט אין דער ייִדי־שער וועלט מיט איר גרויסער ישיבה.

גליקלעך איז דאָס יאָר 950 געווען דערמיט, וואָס אין דעם דאָזיקן יאָר זע־נען געשען פיל וווּנדער מיט דעם ייִדישן פאָלק און דער שטערן פון ישראל האָט העל געלויכטן אויף דעם פרייען בלויען הימל פון שפּאַניע. דאָס אַנזען פון ייִדן איז געוואַקסן צווישן די פעלקער אין דער וועלט. עס האָט געבליט די ייִדישע פּאָעזיע און וויסנשאַפט, וואָס די הערשנדיקע אַראַבישע וועלט האָט שטאַרק אָפּ־געשאַצט און געגרויסט זיך מיט זיי. אין דעם נשיא חסדאי אבן שפּרוטס הויף האָבן דעמאָלט געלעבט און זענען געווען טעטיק די צוויי העברעיִשע פּאָעטן און בעלי־דקדוק, מנחם בן סרוק און דונש בן לברט, וועלכע האָבן מיט זייער גע־לערנטקייט צוגעהאָלפן דעם נשיא פירן זיינע מלוכה־ענינים.

נישט געקוקט אויף דעם ווױלזיין און רייכטום, אין וועלכן די ייִדן פון אַנ־דאַלוזיע האָבן דעמאָלט געלעבט, זענען זיי נישט אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון דער ייִדישער אמונה און פון ייִדישן פאָלק. זייערע זין האָבן אָנגעפילט די ישיבה אין קאָרדאָוואַ, אין וועלכער עס האָט געלערנט דער גרויסער למדן און ערלעכער מענטש רבי נתן. די טעכטער זענען אויסגעוואַקסן גוטע, פרומע מאַמעס, וועלכע האָבן זייערע קינדער אויפגעצויגן אין ייִדישן גייסט, און די קינדער האָבן מיט דער מאַמעס מילך איינגעזויגן אין זיך די אייביקע בענקשאַפט צום הייליקן לאַנד פון די אבות, איינשלאָפנדיק אונטער דעם שטילן דערציילערישן טאָן פון די מו־טערס מעשהלעך וועגן דער אַמאָליקער ייִדישער גרויסקייט און גלאָררייכער פאַר־גאַנגענהייט.

ווי גוט עס איז די ייִדן נישט געווען אין שפּאַניע, האָבן זיי פונדעסטוועגן

קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו בענקען נאָך זייער הייליקן לאַנד, וואָס איז מיט אַן ערך 900 יאָר צוריק חרוב געוואָרן דורך דער רוימישער אימפּעריע און זיי האָבן קיינמאָל נישט אויפגעגעבן די האָפענונג, אַז דאָס לאַנד פון יהודה וועט אַמאָל צוריק אויפגעריכט ווערן אין זיינע גרענעצן און וועט זיין אַזוי שטאַרק, ווי עס איז געווען אונטער דער הערשאַפט פון דוד און שלמה המלך. אַ סימן, אַז זייער האָפענונג איז נישט קיין אומזיסטע, האָבן זיי געזען דערין, וואָס דאָס גרויסע מלכות רוים איז אונטערגעגאַנגען, די מדינת איטאַליע איז צעקרישלט געוואָרן אויף קליינע מדינהלעך, וואָס האָבן שטענדיק צווישן זיך אָנגעפירט מלחמות. האָט דאָך טאַקע דער גרויסער תנא רבי עקיבא בן יוסף מיט זיין הייליקן מויל אַרויסגעזאָגט די נבואה, אַז ענדלעך וועט דער יידישער גייסט באַזיגן די רוימישע מלוכה, און אַט ליגט זי איצט אין אַש און אין שטויב.

סימנים האָבן זיך געמערט, אַז גאָר בקרוב וועט זיך ענדיקן דער גלות. די אַראַבער — די בני ישמעאל — וואָס קומען אַרויס פון די לענדן פון אונדזער פאָטער אברהם, האָבן זיך געשטאַרקט איבער די קריסטן, די באַליידיקער פון פאָלק ישראל. זייער הערשער אַבדול ראַכמאַן איז פול מיט גנאָד צו יידן, וועלכע פאַרנעמען ביי אים די העכסטע שטעלעס. עס איז דעריבער — האָט מען גע־טראַכט — גאָר נאָענט דער טאָג, ווען די קינדער פון יעקב וועלן זיך ווידער צו־נויפזאַמלען אין דעם לאַנד פון זייערע אבות, אונטער דער הערשאַפט פון אַ יידישן מלך.

האָט מען דאָך אין דבי אליהו געלערנט: זעקס טויזנט יאָר איז אָנגעברייט די וועלט זאָל שטיין. צוויי טויזנט יאָר וועט זי זיין תוהו ובוהו — וויסט און ליי־דיק; צוויי טויזנט יאָר וועט מען לערנען תורה און צוויי טויזנט יאָר וועלן זיין די טעג פון משיח. און אָט איז שוין די וועלט מיט 710 יאָר אַריינגעטרעטן אין דעם פינפטן יאָרטויזנט...

ווי אַזוי דאָס וועט געשען און וואָס וועט זיין די סיבה, צוליב וועלכער די אויסלייזונג זאָל קומען, האָט קיינער נישט געוווּסט אויף קלאָר. אַזאַ געפיל האָט אָבער ביי אַלעמען געהערשט, און אַלע האָבן אין דעם דאָזיקן משיח־געפיל היי־ליק געגלייבט. בפרט, ווען עפּעס מאָדנע קלאַנגען האָבן זיך אין דער לופט אָנ־געהויבן אַרומטראָגן, אַז ערגעץ־ווו הינטער די הרי־חושך עקזיסטירט אַ יידישע מלוכה פון די בני־משה. אמת, קיינער איז נאָך פון דאָרט נישט צוריקגעקומען, וואָס זאָל דערציילן, אַז ער האָט די יידישע מדינה מיט זיינע אייגענע אויגן גע־זען, אָבער פונדעסטוועגן האָט מען דערין געגלייבט. ווער האָט עס אָבער די דאָ־זיקע קלאַנגען פאַרשפּרייט? פאַרוואָס שוועבן זיי אַרום אין דער לופט און מאַכן אויפציטערן יידישע הערצער און מען חלומט וועגן זיי אין די טונקל־מיסטישע פאַרנאַכטן?...

געקומען זענען די דאַזיקע קלאַנגען פון די יידישע מאַמעס און באָבעס, וואָס האָבן נאָך געדענקט און מיט זייערע אייגענע אויגן געזען דעם אויסטערלישן ייד, וועלכער האָט זיך גערופן אלדד הדני, וואָס דאָס הייסט — **אלדד פון שבט דן**. יאָ, דאָס האָט פּאַסירט מיט אַן ערך אַכציק יאָר צוריק!

„איך זע נאָך איצט ווי לעבעדיק פאַר מיינע אויגן" — האָט אַן אַלטיטשקע באָבע דערציילט אין נאָמען פון איר מוטער עליה השלום — „ער איז געווען אָנ־געטאָן אין אַן אויסטערליש ברייטן מאַנטל, פון גרינעם און בלויען שטאָף גע־מאַכט, און אַ ווייסער שטויב, פון ווייטע מאַרשן צופוס, איז אויף זיין מאַנטל געלעגן. אויף זיין ווילד־צעשויבערטן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ פאַרבנרייכן טור־באַן און געהאַלטן אין דער האַנט אַ גרויסן צעדרייטן שטעקן, ווי אַ פאַרצייטי־קער נביא; און ער האָט גערעדט אויף אַן אויסטערלישן לשון קודש, וואָס איז אים אַרויסגעקומען פון טיפן האַלדז, אַז אַפילו ווילגעלערנטע רבנים האָבן אים קוים געקאָנט פאַרשטיין"...

ער האָט מיט אַ שטיל מיסטעריעז קול דערציילט וועגן זיינע ווייטע רייזעס איבער ימים און לענדער, איבער מדבריות און ווילדערנישן, און ווי אַזוי ער האָט אומעטום אויף זיין וועג באַגעגנט עפּעס אַזעלכע אויסטערלישע יידן, מיט מאָדנע הלבשות און מיט אַזוינע אומפאַרשטענדלעכע שפּראַכן אין זייערע מיילער, אָבער אַלע גלייך האָבן זיי געבענקט נאָך שיבת ציון און געוואַרט יעדן טאָג, אַז די גאולה זאָל שוין קומען.

אָט דער דאָזיקער סודותדיקער ייד, מיטן נאָמען אלדד הדני, האָט עס מיט אַן ערך אַכציק יאָר צוריק געלאָזט פאַלן אַ וואָרט וועגן אַ יידישער מלוכה, וואָס ליגט אויף דער צווייטער זייט פון אַ גרויסן טייך, צו וועלכן עס איז שווער צו־צוקומען, און דאָס זאָל אַוודאי זיין דער שטורמישער טייך סמבטיון. ער האָט זיין דערציילונג אין אַזוי פיל געהיימנישן איינגעהילט, אין אַזאַ מיסטעריע פאַר־וועבט, אַז די איצטיקע אייניקלעך האָבן נאָך היינט מיטן זעלבן ציטער אויפגע־שוידערט, פּונקט ווי זייערע עלטער־באָבעס, וועלכע האָבן דעם געהיימנישפולן מאַן מיט זייערע אייגענע אויגן געזען און מיט זייערע אייגענע אויערן געהערט.

דער זעלבער הייליקער ציטער פון בענקשאַפט נאָך די פאַרלוירענע ווייטע ברידער פון די עשרת השבטים, וואָס שלמנאסר, דער מלך פון אשור, האָט נאָך פאַרן ערשטן חורבן בית המקדש אין גלות אַריין פאַרטריבן — דער זעלבער היי־ליקער ציטער, וואָס איז דורכגעגאַנגען די געבלוטן פון פיל יידישע דורות, גייט אויך איצטער אַדורך, ווען די באָבע גיט איבער דאָס, וואָס זי האָט פון איר מו־טערס מויל געהערט דערציילן.

אין ערגעץ זענען די דאָזיקע רייד ביז יענער צייט נאָך נישט געהאַט פאַר־

שריבן געוואָרן, אָבער דאָך האָבן זיי געלעבט ווי אַרומשוועבנדיקע קלאַנגען אין די מוחות פון פאָלק און זענען געשטאַנען אַלעמען לעבעדיק פאַר די אויגן.

„מיין לאַנד געפינט זיך ווייט אין מזרח־אַפריקע, אויף יענער זייט פון רויטן ים", האָט אלדד הדני דערציילט און יעדן איינעם פאַרכישופט מיט זיינע שטילע רייד, „און דאָרט געפינען זיך די שבטים דן, נפתלי, גד ואשר... און דאָס לאַנד זייערס איז גרויס און ברייט, און זיבן חדשים דאַרף נעמען דורכצורייזן עס פון איין עק ביזן צווייטן... און דער שבט דן, צו וועלכן איך אַליין געהער, הערשט איבער די איבעריקע דריי שבטים; און מיר איז דורך אַ געטלעכער מאַכט, וואָס איך אַליין קאָן נישט משיג זיין, באַפוילן געוואָרן אַוועקצוגיין אין דער וייטער וועלט אַריין, כדי אויפצוזוכן און צונויפצוזאַמלען אַלע צעזייטע און צעשפּרייטע קינדער פון ישראל, זיי ווידער אין איין גרויס פאָלק פאַרוואַנדלען און צוריק־ברענגען אין לאַנד פון אונדזערע אבות..."

אָט אַזוי אַן ערך איז די געשיכטע פון אלדד הדני געגאַנגען פון די באָבעס צו מאַמעס און פון די מאַמעס צו זייערע קינדער.

און אויך איצט, אין דעם טונקעלן בין־השמשות, זיצנדיק צווישן מנחה און מעריב אין דער גרויסער ישיבה פון רבי נתן אין דער שטאָט קאָרדאָוואַ, האָבן פאַרחלומטע יונגעלייט, שעפּטשענדיק שטיל ווי אַ תפילה בלחש, איבערדערציילט לעבעדיק די דאָזיקע אַלע פאַנטאַסטישע מעשיות, וואָס זיי האָבן קינדווייז פון זייערע מאַמעס און באָבעס געהערט און דערנאָך זיי אין חלומות געזען...

און געקומען איז מען אויף די דאָזיקע מעשיות צוליב דער גוואַלדיקער נייעס, וואָס עס האָט איצט בסוד־סודות דערציילט דער יונגער יצחק בן נתן:

— איך בין אַנומלט געווען מיט מיין טאַטן, אונדזער רבין ר׳ נתן, אין הויף פון נשיא ר׳ חסדאי אבן שפּרוט, און דאָרט האָב איך געהאַט אַ שמועס מיט מיין לערער אין דיקדוק, מנחם בן סרוק, האָט ער מיר דערציילט, אַז שליחים זענען געקומען פון ערגעץ ווייטע לענדער, דאַכט זיך, פון די סלאַווישע מלוכות ביים דאַניי, און זיי האָבן איבערגעגעבן וועגן עפּעס אַ ייִדישער מדינה ביים טייך איטיל (הייַנטיקע וואָלגע)...

— טאַקע, אַ ייִדישע מדינה?... — האָבן די איבעריקע צוהערער מיט פאַר־כאַפּטן אָטעם איבערגעפרעגט און פאַרגאַפטע זיך איינגעהאָרכט אין יצחק בן נתנס באַגייסטערטע רייד.

— יאָ, אַ ייִדישע מלוכה פון שבט שמעון... — האָט יצחק מיט אַ געהיימ־נישפּולער שטים ווייטער געצויגן די נייעס, וואָס ער האָט געהערט אין הויף פון ייִדישן אויסערן־מיניסטער.

— טאַקע אַ ייִדישע מלוכה, ווי עס האָט מיט אַרום אַכציק יאָר צוריק דער־ציילט דער רייזנדער אלדד הדני, און די קינדער פון ישראל הערשן דאָרט?... —

האָבן שטימען מיט פֿאַרחידושטקייט און גלייכצייטיק מיט אומגעווייגלעכער התלהבות אויסגערופֿן.

— צי עס איז טאַקע אמת, ווי זיי דערציילן, ווייס איך נישט, — האָט יצחק בן נתן געענטפֿערט, — איך ווייס נאָר, אַז אונדזער נשיא, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט, האָט זיך מיט די דאָזיקע שליחים איינגעשלאָסן אין אַן אָפּגעזונדערט חדרל און פֿיל שעהן מיט זיי איינגעטענהט. ווען ער איז צוריק אַרויסגעקומען פֿון דער אסיפֿה, זענען זיינע אויגן געווען פֿאַרצויגן מיט אַ נעפּל און ער איז אינגאַנצן געווען ווי פֿאַרחלומט.

די פֿינצטערניש פֿון שפּעטן בין־השמשות איז מיטאַמאָל דורכגעשפּאָלטן געוואָרן דורך אַן אָנגעצונדן קנייטל אין דער בוימל־אָנגעפּילטער מנורה. די טונקלקייט האָט זיך ווי אַ נישט־געזעענער שוואַרצער פֿאָרהאַנג אויפֿגעהויבן און איז שטופּנווייז אָפּגעטרעטן אויף הינטערווינקלעכטס און איז אויף אַלע זייטן אַוועק אַזוי שנעל, וויפֿל מער קנייטלעך עס האָבן אויפֿגעבלינצלט אין חלל פֿון בית המדרש.

— מעריבֿ! — האָט עמיץ אין חלל אַריין פֿון דער ישיבֿה אויסגערופֿן.

און באַלד האָט זיך דערהערט דאָס שנעלע געמורמלעריי פֿון דער עדה יידן, וואָס האָט אַזוי טרויעריק אָפּגעקלונגען אין דעם ברייטן רוים פֿון דער ישיבֿה: „בורא יום ולילה, גולל אור מפּני חושך“... — ער האָט באַשאַפֿן טאָג און נאַכט, נעמט אַוועק דאָס ליכט פֿאַר דער פֿינצטערניש... — אַלע האָבן געדאַוונט מיט גרויס כוונה, עפּעס האָבן זיי אַלע נאָך די אויפֿגעוואַכטע מעשיות וועגן אלדד הדני און נאָך דער נייעס פֿון די שליחים וועגן אַ יידישער מדינה, געפֿילט זיך מער דערהויבן; און ווי זיי וואָלטן פֿליגל באַקומען, זענען זיי געפֿלויגן אין די הויכע הימלען, און מ׳האָט שוין די אויסלייזונג ממש אין דער לופֿט געפֿילט.

„תקע בשופר גדול לחרותנו, ושא נס לקבץ גליותינו, וקבצנו יחד מארבע כנפות הארץ...“ — בלאָז אין דעם גרויסן שופֿר פֿאַר אונדזער פֿרייהייט, און הייב אויף די פֿאָן, כדי איינצוזאַמלען אונדזערע גלותן, און זאַמל אונדז איין פֿון אַלע פֿיר עקן וועלט... — האָט יצחק בן נתן מיט גרויס כוונה געשעפּטשעט מיט זיינע ליפּן, און ער האָט זיך שוין געזען גיין צו דעם אומבאַקאַנטן ווייטן לאַנד, כדי מיט זיינע אייגענע אויגן צו זען די יידישע מלוכה ביים טייך איטיל...

— ווו איז דער טייך איטיל?... האָט נאָך מעריבֿ, ביים אַרויסגיין פֿון גרויסן בית המדרש, עמיץ אַ פֿרעג געטאָן.

נאָר קיינער פֿון די יידן האָט נישט געוווּסט פֿון אַזאַ טייך. סיי־ווי האָט אָבער די דאָזיקע נייעס איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן רושם אויף אַלעמען און נישט אָפּגעלאָזט דעם געדאַנק, נאָר כסדר געעגבערט אין מוח: אַ יידישע מלוכה... אַ יידישע מלוכה!...

די דאָזיקע נייעס איז צומאָרגנס אויף באַקאַנט געוואָרן אין דער גאַנצער שטאָט און מ׳האָט וועגן איר גערעדט אין אַלע ייִדישע הייזער. איטלעכער האָט עפּעס פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע צוגעלייגט, און עס איז אויסגעוואַקסן אין אַ גוואַלדיקער געשעעניש: עס האָבן זיך אָפּגעפונען די פאַרלוירענע צען שבטים, וואָס מיר זוכן זיי שוין אַרום באַלד צוויי טויזנט יאָר. זיי האָבן ערגעץ־ווו הינ־טער די הרי־חושך אַן אייגענע מדינה, מיט אַ ייִדישן מלך. אַ ריזיקע אַרמיי פון צענדליקער טויזנטער רייטער און פוסגייער היטן מיט שווערדן און שפּיזן זייערע גרענעצן, און קיין שום שונא קאָן זיך גאָרנישט צו זיי דערנענטערן...

אָט אַזוי האָט זיך די מעשה פאַרשפּרייט און איז פאַרפּילפּאַכט געוואָרן, ביז זי האָט זיך פאַרוואַנדלט שיִער נישט אין אַווירקלעכקייט, וואָס אָט שיקט מען שוין צו זיי אַרויס שליחים פון שפּאַניע, און עס וועט זיך איינשטעלן אַ דער־נענטערונג צווישן אונדז און די אָפּגעפונענע ברידער, די בני ישראל...

— איך וואָלט געוועזן דער ערשטער צו גיין צו זיי... — האָט זיך אַרויסגע־שטעלט יצחק בן נתן, אַ הויכער שלאַנקער בחור, מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן און ברוינע האָר, ווי זיי וואָלטן אָפּגעזענקט געוואָרן פון דער גלי־ענדיקער זון. ער האָט זיך דערביי דערמאָנט אין זיינע טראַכטענישן נעכטן ביי דער שמונה־עשרה פון מעריב.

— וווהין וועסטו גיין, אַז ס׳איז גאָרנישט באַקאַנט דער וועג צו זיי?... — האָבן זיינע חברים צו אים געטענהט.

— ס׳איז אמת, אַז דער וועג אַהין איז אַן אומבאַקאַנטער, אַ שווערער און אַ לאַנגער און מען דאַרף דורכגיין פיל לענדער און טייכן, פיל ווילדערנישן, בערג און טאָלן — האָט יצחק אַ פאַרחלומטער געענטפערט — איך בין אָבער אויף אַלעם גרייט, און דער השם־יתברך וועט מיר העלפן.

אָבער בשעת ער האָט דערמאָנט גאָטס נאָמען, ווען ער האָט גענומען צו הילף, איז גלייכצייטיק פאַר זיינע אויגן אויך געבליבן שטיין דאָס געשטאַלט פון דער יונגער שוואַרץ־חנעוודיקער פנינה, די טאָכטער פון נשיא. ערשט נעכטן האָט ער געהאַט מיט איר אַ שמועס אין איר פאָטערס ציפּרעסן־גאָרטן וועגן זיי־נע געפילן צו איר. זי האָט אים נישט אָפּגעזאָגט אינגאַנצן, אָבער זי האָט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז דער וועג צו זייער פאַראייניקונג איז זייער אַ שווערער און פול מיט שטרויכלונגען. דער פאָטער איז זייער אַ שטאָלצער, ער וואָלט זי גע־וואָלט פאַרקנסן צו אַ רייכן מאַן, און ער, יצחק בן נתן, איז אָרים... אַחוץ דעם מוז דער מאַן, צו וועמען דער פאָטער וואָלט זי אַנטשפּויזט, געדאַרפט האָבן באַ־וויזן עפּעס אַ גרויסע זאַך...

— ווען דו טוסט אויף עפּעס אַ העלדישע טאַט, אָדער...

אָבער פנינה האָט דעם זאַץ נישט פאַרענדיקט, ווייל עס איז עמיצער אַנגע־

קומען פון נשיאס הויז. און יצחק האָט געמוזט גיך אַנטרינען פון דעם טונקעלן ציפּרעסן־גאָרטן, ווו ער איז מיט דעם מיידל געשטאַנען, געבעטן זיך ביי איר און געחלשט, אַז זי זאָל אים נאָר זאָגן איין וואָרט...

זי האָט אים דאָס געגאַרטע וואָרט נישט געזאָגט, און ער איז צוליב דעם אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן... יאָ, איצטער וועט ער איר באַווייזן, אויף וואָס ער איז פעיִק. ער וועט אַוועקגיין אין דער ווייטער וועלט אַריין, ער וועט זיכער גיין... דאָס גאַנצע יידישע פאָלק וועט אים דאַנקבאַר זיין, באַוווּנדערן און אים אָנערקענען פאַר אַ גרויסן העלד...

און ער האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט אין דער פאַנטאַזיע, ווי ער קומט צו־ריק פון דעם לעגענדאַרישן לאַנד, ווו אַ יידישער מלך קעניגט איבער אַ ריזיקער מדינה און האָט אַ גרויסע אַרמיי פון צענדליקער טויזנטער רייטערס, מיט שווערדן און שפּיזן... פנינה אַליין, מיט אירע אייגענע הענט, וועט אים אָנטאָן אַ לאָר־בער־קראַנץ אויפן קאָפּ, און זי וועט אויסרופן מיט איר צוויבערלעכער שטים: „דאָס איז מיין אויסדערוויילטער, ער וועט מיך אַנטשפּויזן פאַר אַ ווייב, גיב אונדז דיין ברכה, פאָטער...‟

ער האָט אַזוי קלאָר געהערט איר קול, אַז ער ציטערט אַזש אויף מיט פיבער־דיקן גלאַנץ אין זיינע אויגן און אַ הייסער שטראָם ריזלט אַדורך זיינע גלידער.

— וואָס איז מיט דיר, יצחק?... — האָבן זיינע חברים אים געפרעגט, אַהיימ־גייענדיק אין אָוונט פון דער ישיבה. — דו טראַכסט טאַקע וועגן דיין פּלאַן אַוועקצוגיין אין דער ווייטער וועלט אַריין אויפצוזוכן די עשרת השבטים? מיינסט עס טאַקע ערנסט?...

און זיי האָבן אים מקנא געווען פאַר זיין שטאַרקן ווילן, און פיל פון זיי האָבן זיך שוין אָנגעבאָטן צו באַגלייטן אים אויף זיין אויסטערלישער שליחות. די פּנימער האָבן ביי זיי געפלאַמט, די אויגן האָבן געשפּריצט מיט פייערלעך, און די פאַנטאַזיע איז געפלויגן גאָר הויך־הויך אין די הימלען.

ווען יצחק איז אַהיימגעקומען, האָט ער זיך דעם אָוונט צום ביינאַכטיקן מאָלצייט נישט צוגערירט. ער האָט געגליט ממש פון דעם פיבערדיקן דראַנג עפּעס אויפצוטאָן אַ גרויסע זאַך, וואָס זאָל די וועלט אויפרודערן. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און פאַר תענוג זיך אַזש צעשמייכלט, ווייל ער האָט דאָס ליכטיקע פּנים פון פנינהן אין דער רגע געזען.

— וואָס איז דיר, מיין זון? — האָט פרעגט די מוטער, דערנאָך זיין פאָטער, דער ראש־ישיבה, געפרעגט. — פאַרוואָס ביסטו אַזוי צעטומלט? צי האָט די ידיעה וועגן די אָפּגעפונענע ווייטע ברידער דיך טאַקע אַזוי פאַרכאַפּט, אָדער עפּעס אַנ־דערש פּייניקט דיך?... אַוודאי איז עס אַ גוואַלדיקע געשעעניש, אָבער די דאָזיקע

נייעס דאַרף נאָך פריִער באַשטעטיקט ווערן, זיכער געמאַכט ווערן... מאַלע, וואָס גויִישקע מענטשן פון ערגעץ־ווו אין די סלאַווישע לענדער דערציילן!...

און זיין מאָגער, לענגלעכדיק פּנים, אין דער ברייטער רויטער באָרד איינגעראַמט, האָט זיך דערנענטערט צו יצחקס באַק און פון זיינע בלויע אויגן האָט אַרויסגעקוקט די זעלבע פאַרחלומטקייט וואָס ביים זון. אויך ער אַליין האָט רויִק נישט געקאָנט טראַכטן וועגן דער וווּנדערלעכער בשורה פון אַ ייִדישער מלוכה.

— איך וועל גיין, טאַטע... — האָט יצחק מיטאַמאָל אויסגערופן מיט אַ פעסטקייט און ערנסטקייט אין זיין שטים — איך וועל עס זיין דער, וואָס וועט די דאָזיקע ידיעה באַשטעטיקן און זיכער מאַכן, איך וועל צוריקברענגען אַ גרוס פון אונדזערע אָפּגעפונענע ברידער...

און זיין באַשלוס איז נאָך מער פאַרזיגלט געוואָרן, ווען דער נשיא ר׳ חסדאי אבן שפרוט האָט מיט עטלעכע טעג שפּעטער, אין שבת הגדול, געהאַלטן אַ דרשה, וואָס האָט געזאָלט זיין מעניני דיומא, וועגן דעם זמן חרותנו, און ער איז מיט זיינע רייד גאָר אַרויסגעקומען אויף דער בשורה וועגן דער ייִדישער מדינה ביי דעם אומבאַקאַנטן טייך איטיל.

ווי אַ פייערדיקער מלאך האָט ער אויסגעזען דער נשיא, ווען ער איז געשטאַנען אויף דער בימה אין טלית איינגעהילט און גערעדט. ער איז אַזוי מיטגעריסן געוואָרן פון זיינע אייגענע ווערטער, אַז ער האָט נישט געוווּסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער געפינט זיך. דער גאַנצער עולם איז געווען ווי פאַרכישופט. ער האָט אַזוי שיין און לעבעדיק געמאָלן דעם אחרית הימים, ווען אַלע ייִדן, צוזאַמען מיט די אָפּגעפונענע עשרת השבטים, וועלן ווידער צוזאַמען זיין אויף דער הייליקער ערד און איין מלך וועט איבער זיי הערשן. ער האָט זיין פלאַמיקע דרשה דורכגעפלאָכטן מיט מאמרי חז״ל און מיט די אויסגעקליבנסטע פּערל פון מדרש וועגן דעם גרויסן און דערהאַבענעם ענין גאולה. עטלעכע מאָל האָט ער געמוזט זיין דרשה איבעררייסן צוליב דעם, וואָס טרערן האָבן זיין האַלדז פאַרגאָסן און ער האָט זיך געשטיקט מיט זיינע אייגענע רייד.

אינמיטן זיין דרשה, ווען ער איז געווען גאָר אין די סאַמע הויכן פון זיין געדאַנק, איז געשען אַזאַ אומדערוואַרטע זאַך, אַז אַלע זענען געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט און אויך אין דער אָפּטיילונג פון די ווייבער איז געוואָרן אַ טומל. פנינהס האַרץ האָט אָנגעהויבן העכער צו קלאַפּן, זי האָט אַזאַ מין ווענדונג בשום אופן נישט דערוואַרט... דאָס איז געווען אין דעם מאָמענט, ווען ר׳ חסדאי האָט דערמאָנט וועגן דעם גרויסן נס פון די אָפּגעפונענע עשרת השבטים אין דער ווייטער מדינה ביים טייך איטיל... מיט גרויס התלהבות האָט ער גערעדט דערפון, אַז מען דאַרף ווי צום גיכסטן אָנקניפּן מיט זיי אַ פאַרבינדונג. דאָ האָט זיך

פלוצלינג צווישן עולם אַרויסגעריסן דער יונגער יצחק בן נתן, ער איז אַ פּאַל געטאָן דעם נשיא צו די פיס און האָט אויסגעשריגן מיט אַ באַנומען קול:

— גרויסער נשיא, פירשט פון ישראל!... גיב מיר רשות און דיין ברכה, און מיט גאָטס ווילן וועל איך גיין צום אומבאַקאַנטן לאַנד, כדי אַוועקצופירן דיין בריוו צום יידישן מלך!...

דער נשיא האָט איבערגעריסן זיין דרשה. ער האָט אַ פאַרוואונדערטער אָנגעקוקט דעם יונגן בחור, וועמען ער האָט געקענט פון זען און געוווּסט, אַז דאָס איז דער זון פון ראש־ישיבה ר׳ נתן. ער פלעגט אים אויך אָפט באַמערקן ביי זיך אין ציפּרעסן־גאָרטן, ווען ער איז געקומען העלפן זיין טאָכטער פנינה אין שרייבן די לשון־קודשדיקע פערזן, וואָס זי האָט געלערנט ביים פּאָעט מנחם בן סרוק.

— שטיי אויף, מיין זון, און זאָג מיר, וואָס איז דיין באַגער? — האָט צו אים דער נשיא ווייך גערעדט, — דו ביסט דאָך דער זון פון ר׳ נתן, אונדזער ראש־ישיבה?...

אין גרויסן בית המדרש האָט געהערשט אַ שטילשווייגן. אין אַלעמענס אויערן האָבן נאָך אָפּגעקלונגען דעם נשיאס פלאַמיקע רייד וועגן די אָפּגעפונענע עשרת השבטים, וועלכע האָבן ערגעץ־ווו אין אַ וויים־וויייטן לאַנד אַן אייגענע מלוכה. אַלעמענס אויגן זענען דעריבער איצט געווענדט געוועזן צו דער בימה און, אייננהאַלטנדיק די אָטעמס אין גרויס דערוואַרטונג, האָבן זיי מיט נייגעריקייט זיך צוגעקוקט צום יונגן בחור, וואָס ער גייט דאָ זאָגן.

— גרויסער נשיא, — האָט יצחק זיך אָנגענומען מיט מוט, אויפשטעלנדיק זיך צוריק אויף די פיס, — זינט איך בין צו מיין שכל געקומען, האָב איך געחלומט וועגן צונויפטרעפן זיך אַמאָל מיט די פאַרטריבענע פון ישראל דורך דעם מלך אשור. איך האָב מיינע ברידער געזען אין חלום און אויף דער וואָך. פונקט ווי מיר גאַרן זיי צו זען, אַזוי בענקען זיי מסתמא נאָך אונדז און ווילן אונדז זען. איצט, ווען עס זענען פאַראַן ידיעות, אַז אונדזערע פאַרפאַלענע ברידער האָבן זיך אָפּגעזוכט, דערלויב מיר צו זיין דער ערשטער, וועלכער זאָל זיך מיט זיי פאַרבינדן און ברענגען פון דיר אונדזער ברידערלעכן גרוס...

— יאָ, אָבער ציי גיסטו דיר אָפּ אַ דין וחשבון, מיין זון, אויף וואָס פאַר אַ סכנה דו שטעלסט אויס דיין לעבן? וויפל אומבאַקאַנטע לענדער, אין וועלכע עס לעבן איינוווינער מיט אויסטערלישע מנהגים און געוווינהייטן, וויפל ווילדע מענטשן און חיות רעות עס וועלן זיין אויף דיין וועג? דו ביסט נאָך צו יונג, יצחק בן נתן, אַז דו זאָלסט זיך אַרויסלאָזן מיט אַזאַ שליחות. אויב דיר וועט עפּעס געשען, וועט דיין בלוט געמאָנט ווערן פון מיין קאָפּ. איך קאָן נישט און טאָר נישט דערלויבן אַזאַ זאַך!... — האָט חסדאי אבן שפּרוט אַרויסגעגעבן זיין פסק.

אַ ווײַלע האָט געהערשט שטילקייט, קיינער האָט נישט געוואַגט אַרויסצו־

זאָגן קיין וואָרט קעגן נשיאס רייד. דער יונגער יצחק איז געשטאַנען ווי פאַר־שטיינערט. ער האָט עטלעכע מאָל געעפנט דאָס מויל עפּעס צו זאָגן, אָבער די ווערטער זענען אים ערגעץ אַנטלאָפן אין דער טיפעניש פון זיינע אינגעווייד.

מיטאַמאָל האָט אַ שטראָם מיט טרערן אַ פלייץ געטאָן פון זיינע אויגן, און אומגעריכט פאַר אַלעמען האָט ער אויסגערופן:

— אויב דער נשיא וועט מיר נישט געבן רשות צו גיין אין דעם וויטן לאַנד פון אונדזערע ברידער, וועל איך עס טאָן אַליין, אויף מיין אייגענער אחריות, און וואָס עס וועט מיט מיר געשען, וועט פון דיר, מיין גנעדיקער האַר, נישט געמאָנט ווערן.

— זיי געבענטשט, מיין זון יצחק! — האָט זיך פלוצלינג דערהערט די ציטערנדיקע שטים פון ראש־ישיבה ר׳ נתן, — אויב דו האָסט אַזאַ פעסטן ווילן און אַזאַ שטאַרקע ליבע צו אונדזערע ברידער, אַז אַפילו די רייד פון אונדזער גרויסן נשיא קאָנען דיך נישט אָפּהאַלטן, האָב איך פולשטענדיקן צוטרוי צו דיר און איך גיב דיר מיין פאָטערלעכע ברכה!...

עס איז אַנטשטאַנען אַ גערודער אין גרויסן בית המדרש. עס האָט זיך גע־דאַכט, אַז די רעדער פון צענדליקער וואַסערמילן האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען מיטאַמאָל און צענדליקער וואַסערפאַלן האָבן איבער פעלדזיקע בערג אָנגעהויבן צו שטראָמען. עס האָבן זיך צעטיילט די מיינונגען. פיל זענען געווען דערפאַר, אַז מען זאָל דעם יונגן יצחק בן נתן געבן רשות אַרויסצולאָזן זיך אין דעם וויטן וועג אַריין. ער איז שוין אַ מאַן פון דעם עלטער, ווען מען קאָן אָנטרויען אַזאַ שטייגער שליחות. ער איז נאָך מיט אַ חודש צוריק צוואַנציק יאָר אַלט געוואָרן. אַנדערע, ווידער, האָבן געטענהט, אַז כאָטש זיין ווילן איז אַזוי פעסט און ער איז גרייט צו נעמען אויף זיך אַלע געפאַרן און סכנות, וואָס אַזאַ אונטערנעמונג שטעלט מיט זיך פאַר, טאָר מען נישט אַזאַ יונגן מענטש דערלויבן עס צו טאָן, ווייל דאָס איז גלייך מען וואָלט אים געטריבן צו אַ זיכערן טויט. קיינער האָט נאָך ביז איצט אַזאַ זאַך נישט אונטערגענומען און עס איז נאָך קיין איינער פון יענע לענדער נישט אַהערגעקומען. ווען עס וואָלט מעגלעך געווען, וואָלטן שוין שליחים פון דאָרטן זיך געהאַט באַוויזן.

אין שפּיץ פון די ערשטע האָט זיך געשטעלט דער פּאָעט מנחם בן סרוק, וועלכער איז געווען יצחקס לערער אין דיקדוק. ער האָט מיט גרויס ליבע פאַר־טיידיקט זיין תלמיד און געבראַכט ראיות און באַווייזן, אַז יצחק איז אַ פאַרלעס־לעכער מענטש און ענערגיש אין זיינע טאָטן. נישט איינמאָל האָט ער מיט אים שוין געפירט געשפּרעכן וועגן די עשרת השבטים, און שטענדיק האָט ער אויס־געדריקט דעם ווילן אַרויסצולאָזן זיך זיי זוכן.

— איך בין זיכער, אַז מיין תלמיד, יצחק בן נתן, וועט מצליח זיין אין זיין

שליחות און איך בעט אין מיין נאָמען דעם נשיא אים מיטצוגעבן אַ בריוו צום מלך פון דער דאָזיקער אומבאַקאַנטער מדינה, און ער וועט זיכער צוריקבברענגען אָן ענטפער. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ פאָלגן אַזאַ שליחות קאָן גורם זיין!... — האָט מנחם בן סרוק אויסגעפירט.

שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן דעם איז דער צווייטער פּאָעט דונש בן לברט, וועלכער האָט שטענדיק געזאָגט דאָס פאַרקערטע וועגן דעם, וואָס עס האָט גע־זאָגט מנחם בן סרוק.

— איך גלייב נישט אין דער גאַנצער געשיכטע מיט אַ ייִדישן מלך! — האָט אויסגעשריגן דונש בן לברט, — דאָס איז געבוירן געוואָרן אין דער צעהיצטער פאַנטאַזיע פון אַ בעל־חלומות, פּונקט ווי עס איז געווען דער כלומר־שטער רייזנדער אלדד הדני. די שליחים פון די סלאַווישע לענדער, וועלכע האָבן די מעשה אונדזער נשיא דערציילט, זענען שווינדלערס און דורכגעטריבענע לייט. זיי ווייסן וועגן אונדזער גרויסער שוואַכקייט און וועגן אונדזער בענקשאַפט צום הייליקן לאַנד און צו אונדזערע פאַרלוירענע ברידער, האָבן זיי דאָס אַלץ אויס־געטראַכט, כדי צו געפינען חן אין די אויגן פון ייִדישן אויסערן־מיניסטער און דורך אים ביים קאַליף אַבדול ראַכמאַן און אויספועלן ביי אים פאַרשידענע הנחות.

דער נשיא חסדאי אבן שפרוט האָט לייכט אַ שמייכל געטאָן, אויסהערנ־דיק די רייד פון זיין צווייטן ראַטגעבער, דעם משורר דונש בן לברט און צו אים זייער מילד זיך אָנגערופן:

— דו רעדסט, דונש, מיט אַזאַ זיכערקייט, גלייך דו וואָלסט דאָרט געווען און זיך איבערצייגט, אַז עס איז ליגן... פאַרוואָס־זשע זאָל איך דיר, וואָס ביסט דאָרט נישט געווען, יאָ גלייבן, און זיי — די שליחים — וועלכע האָבן גערעדט מיט מענטשן פון יענער מדינה, זאָל איך נישט גלייבן?...

עס האָט עמיץ אַ לאַך געטאָן, ווי אָפּחוזקנדיק פון דעם פּאָעט. דונש איז אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן. דאָס פּנים זיינס איז געוואָרן פריִער רויט, דערנאָך בלאַס. עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס זיין קעגנער, מנחם בן סרוק, קריגט די אויבערהאַנט אין די אויגן פון נשיא, און ער האָט מיט גרויס כעס אַ געשריי געטאָן:

— ווער וואַגט עס אין מיין אָנוועזנהייט צו לאַכן, מאַכנדיק מיך דערמיט צו שאַנד און צו שפּאָט אין די אויגן פון אַלעמען! אויב איך צווייפל אין דער ריכטיקייט פון די שליחימס רייד, איז עס מיין רעכט צו צווייפלען. נישט איין פאַלשער נביא איז שוין אויפגעשטאַנען ביי אונדז, זיינט מיר זענען פון אונדזער לאַנד פאַרטריבן געוואָרן און האָבן פיל פון אונדז דעם קאָפּ פאַרדרייט מיט פוסטע פאַנטאַזיעס, און צום סוף האָט זיך זיין פאַלשקייט אַרויסגעוויזן ווי בוימל אויפן וואַסער. לאָמיר נישט מיטגעריסן ווערן נישט מיט די רייד פון די סלאַווישע שלי־

חים און אויך נישט מיט די מעשיות, וואָס מען דערציילט זיך נאָך פון פאַלשן רייזנדן אלדד הדני...

— ס׳איז פיל גלייכער צו לאָזן זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט פוסטע פאַנ־טאַזיעס און אַרומגיין מיט האָפענונגען, אַפילו פאַלשע, ווי איינגאַנצן אַראָפּלאָזן די הענט און אַריינפאַלן חלילה אין יאוש... — האָט מנחם בן סרוק זיך אָנגע־רופן, און זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט נצחון, זיין שיטער ברוין בערדל האָט אַזש געציטערט פון באַגייסטערונג.

אַ געשריי פון איינשטימיקייט מיט מנחם בן סרוק האָט זיך געלאָזט הערן פון צווישן פאַרזאַמלטן עולם, וועלכער איז נאָך געווען אונטערן פאַרכישופנדיקן איינדרוק פון נשיא חסדאי בן שפרוטס דרשה, און אַ געברום פון נישט־איינ־שטימיקייט האָט זיך געטראָגן קעגן דונש בן לברט.

אַ צאָרנדיקער האָט דונש זיך אויפגעריסן פון זיין אָרט, געוואָרפן אַ פלאַ־מיקן בליק אין דער זייט פון צווייטן פאָעט, זיין קעגנער, און איז אַרויס פון בית המדרש.

מנחם בן סרוק האָט טריומפירט, ער האָט זיך דערנענטערט צו יצחק בן נתן און אַרויפגעלייגט אים די האַנט אויפן אַקסל און געזאָגט:

— איך האָב גרויס צוטרוי צו דיר, מיין יונגער תלמיד. וואָלטן מיינע האָר נאָך נישט געווען אַזוי גרוי ווי זיי זענען איצט, וואָלט איך דיך באַגלייט אויף דיין וועג. דו נעמסט אויף דיר אַ גרויסע זאַך, פאַר וועלכער אונדזער פאָלק וועט דיר דאַנקבאַר זיין לעולם ועד. דיין נאָמען וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן אין דער יידישער געשיכטע. נאָר אַ מענטש מיט אַזאַ טרוקענעם מוח, ווי עס איז מיין פריינט דונש בן לברט, קאָן דיך אָפּרעדן פון צו טאָן אַזאַ דערהויבענע זאַך...

דערביי האָט ער מיט נצחון געקוקט אין דער זייט פון נשיא ר׳ חסדאי אבן שפרוט, ווי וואַרטנדיק פון אים זיין ענדגילטיקע הסכמה.

אין בית המדרש האָבן אַלע איינגעהאַלטן די אָטעמס. זיי זענען געווען ניי־געריק צו וויסן דעם ענטפער פון נשיא. אויך דער יונגער יצחק בן נתן האָט מיט פיבערדיקער דערוואַרטונג געקוקט דעם יידישן פירשט אין מויל אַריין. דאָס פנים זיינס האָט אינגאַנצן געגליט.

ענדלעך האָט דער נשיא געעפנט דאָס מויל און מיט געציילטע ווערטער געזאָגט:

— דיין פאַרלאַנג, מיין זון, אַוועקצוגיין אין דעם ווייטן אומבאַקאַנטן לאַנד אַריין, כדי אויפצוזוכן אונדזערע פאַרלוירענע ברידער, איז אַ גרויסע זאַך און דו פאַרדינסט דערפאַר לויב. איך קאָן אָבער באַין אופן נישט אויף מיר נעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און דערלויבן דיר, אַ יונגן בחור, אַוועקצולאָזן זיך אין דער אומבאַוווּסטקייט אַריין. איך וועל שטענדיק געדענקען דיין גרייטקייט פאַר

דעם דאָזיקן גרויסן קרבן, אָבער לאָמיר נאָך צוּוואַרטן, אפשר וועלן מיר מיט דער צייט קריגן מער ידיעות וועגן דער אומבאַקאַנטער ייִדישער מדינה. מיר ווייסן דאָך אַפילו נישט דעם נאָמען פון לאַנד און אויך נישט דעם נאָמען פון מלך, וואָס רעגירט איבער די פאַרלוירענע שבטים... איך זאָג דיר אָבער צו, יצחק בן נתן, פאַר אַלעמען דאָ אין בית המדרש און אין דער אָנוועזנהייט פון דיין פאָטער, אונדזער ראש־ישיבה, אַז אין פאַל ווען מיר וועלן באַקומען מער איינצלהייטן וועגן דעם אומבאַקאַנטן לאַנד, איז נישט קיין אַנדערער נאָר דו אַליין וועסט זיין דער יעניקער, וועלכער וועט אָנוועקפירן מיין בריוו צו דעם דאָזיקן לאַנד. דו וועסט זיין דער שליח־מצווה... מיר דערוואַרטן גאָר בקרוב שליחים פון ביזאַנטישן קייסער ראָמאַנוס, און ווען זיי וועלן אָנקומען אַהער, וועלן מיר צו אַלעם ערשטן זיי אויספרעגן, צי זיי האָבן אַמאָל נישט געהערט וועגן אַזאַ לאַנד, וואָס דאַרף זיך געפינען הינטער די בערג פון אַררט און ביי אַ טייך מיטן נאָמען איטיל...

יצחק בן נתן האָט אי געפרייט זיך פון דעם דאָזיקן צוזאָג מצד דעם נשיא, אי עס איז אים באַפאַלן אַ גרויסער אומעט, וואָס די זאַך ווערט אָפגעשלעפט און ער איז צוליב דעם נאָך אַלץ ווייט פון זיין ציל צו געווינען דאָס האַרץ פון דעם נשיאס טאָכטער, דער שוואַרץ־חנעוודיקער פנינה. וואָס וועט ער איר זאָגן, ווען ער וועט זיך מיט איר היינט אָוונט טרעפן אין ציפּרעסן־גאָרטן פון איר פאָטער?...

קיינער האָט וועגן זיין גרויסן סוד נישט געוווּסט, אַחוץ דער לערער פון דיקדוק, מנחם בן סרוק. בלויז אים האָט יצחק געוואַגט צו דערציילן וועגן זיין גרויסער ליבע צום מיידל, וועלכע צאָלט אים אָבער נישט אָפּ מיט די זעלבע הייסע געפילן.

עס איז אָבער באַשערט געווען, אַז יצחק בן נתן זאָל געשטעלט ווערן פאַרן גרויסן נסיון גאָר אין די נאָענטסטע טעג. דאָס איז געשען פסח אויפדערנאַכט צום ערשטן סדר.

אין פּאַלאַץ פון נשיא ר׳ חסדאי אבן שפּרוט זענען געווען אָנגעצונדן צענדליקער מנורות און עס איז ליכטיק געווען ווי ביי טאָג. די טישן זענען געווען געגרייט מיט ווייסע טישטוכער, אויף וועלכע עס זענען געשטאַנען שמעקנדיקע בלומען פון אַלע מינים, וואָס זענען געוואַקסן אין זיין גאָרטן. די צענדליקער פלעשער וויין האָבן געפינקלט אין דעם שיין פון די פיל ליכט, און די פאַרשיידענע פסחדיקע מאכלים האָבן פאַרשמעקט דעם גרויסן זאַל, ווו עס זענען שוין פאַרזאַמלט געווען אַ סך געסט. עס האָבן זיך דאָרט געפונען די בכבודיקסטע ייִדן פון קאָרדאָוואַ, צווישן זיי די צוויי פּאָעטן, מנחם בן סרוק און דונש בן לברט, און אויך דער ראש־ישיבה ר׳ נתן מיט זיין גאַנצער משפחה. אַלע זענען געווען אָנגעטאָן אין ווייס־זיידענע מלבושים, אין לאַנגע ווייסע זאָקן און מיט

זילבער און גאָלד באַשנאָלטע שיך. די קעפּ זענען געווען אַרומגעהילט מיט בלויע אין זילבער אויסגעהאָפטענע טיכער.

אַ פייערלעכע שטימונג האָט געהערשט אין דערוואַרטונג, ווען דער באַלע־באָס פון הויז וועט שוין אָנהייבן דערציילן דעם סיפור פון יציאת מצרים. די יונגע שוואַרץ־חנעוודיקע פּנינה איז געווען אָנגעטאָן אין אַ בלוי־זיידן קלייד, די פּעך־שוואַרצע האָר זענען געווען צוגעקעמט אין אַ גרעק אויפן קאָפּ, און די גרינע אויגן האָבן פון שיינענדיקן פּנים אַרויסגעפינקלט ווי צווי פלאַקערדיקע דימענטן. זי איז געזעסן צווישן די פרויען ביי אַ באַזונדערן טיש אַנטקעגנאיבער די מאַנס־לייט. ווען אירע בליקן האָבן זיך פון צייט צו צייט צונויפגעטראָפן מיט יצחקס, האָט זי זיי פאַרשעמטע אַראָפּגעלאָזט. זינט יענעם טאָג, ווען זי האָט בייגעוווינט די פאַסירונג בעת דעם פאַטערס דרשה אין גרויסן בית המדרש, איז יצחק שטאַרק אויסגעוואַקסן אין אירע אויגן. זי האָט איצט אַרויפגעקוקט צו אים און באַוווּנ־דערט זיין דרייסטקייט.

יצחקס האַרץ האָט אויפגעצאַפּלט ביים אָנבליק פון איר שיינענדיקן פּנים, וויפל וואָלט ער איצט געגעבן, אַז ער זאָל קאָנען פילן אויף זיך איר הייסן אָטעם. ער האָט איר אַזוי פיל צו זאָגן... ער האָט אָבער מורא, אַז ווען ער וואָלט זיך מיט איר איצט צוזאַמענגעטראָפן, וואָלט ער נישט געוואַגט צו רעדן וועגן זיין ליבע צו איר און עפענען די פאַרבאָרגענישן פון זיין האַרץ.

ער האָט זיך אין דעם מאָמענט צופעליק באַגעגנט מיט די בליקן פון זיין לערער, מנחם בן סרוק. יענער האָט ווי פון אַן אָפן ספר אַרויסגעלייענט יעדן געדאַנק פון זיין תלמידס אויגן און ער האָט מיט אַ שמייכל אַרויסגעוויזן צו אים מיטגעפיל. מנחם בן סרוק האָט זייער ליב געהאַט דעם יונגן יצחק פאַר זיין דרייסטקייט און צוגלייך פאַר זיין פאָעטישער פאַרחלומטקייט. ער האָט מיט זיין בלויען בליק אים איצט באַרויקט און געטרייסט.

יצחק האָט איבערגעפירט זיין בליק אויפן צווייטן פאָעט, דונש בן לברט, וועלכער איז גראָד געווען דער היפוך פון זיין לערער. ער איז געזעסן אַן אָנגעצויגענער אויף דער גאַנצער וועלט; זיינע גרויע אויגן מיט די לאַנגע אַראָפּ־הענגענדיקע ברעמען האָבן געקוקט בייז, ווי אַלע דאָ וואָלטן אים עפּעס שולדיק געווען.

צווישן די צווי פאָעטן איז געווען אַ מחיצה, ווייל דער קלוגער נשיא האָט שוין געוווּסט, אַז קיין שלום הערשט נישט צווישן זיי און ער האָט זיי פונאַנדער־געזעצט אַזוי, אַז זיי האָבן זיך אַפילו אין די פּנימער נישט געקאָנט זען. טאָמער זענען זיי געווען נאָענט איינער פון אַנדערן, זענען שטענדיק אויסגעבראָכן מחלוקתן צווישן זיי, און דעמאָלט איז שוין שווער געווען זיי איינצושטילן. כדי אויסצומיידן אין אַזאַ פייערלעכן אָוונט, ווי אין זמן חרותנו, אַ ביטערן שטרייט,

האָט מען די צוויי קעגנער, אויפֿן באַפֿעל פֿון נשיא, צעשיידט, און שלום ושלווה האָט געהערשט צווישן דעם גרויסן פֿאַרזאַמלטן עולם.

מען האָט אַפֿילו אויסגעמיטן איצט צו רעדן וועגן די לעצטע געשעענישן, וועגן די שליחים פֿון די סלאַווישע לענדער, וועגן דעם אַז דער יונגער יצחק פֿאַר־לאַנגט רשות פֿון נשיא, ער זאָל אַוועקגיין אין דעם אומבאַקאַנטן לאַנד אַריין. די געשפּרעכן זענען גאָר אַרויסגעפֿירט געוואָרן אויף אַנדערע וועגן. דונש בן לברט, וועלכער איז געווען אַ נאָענטער ראַטגעבער פֿון ר׳ חסדאי אבן שפרוט און האָט געוווסט אַלע אינערלעכע ענינים פֿון דער מלוכה, האָט דערציילט זיין שכן, לעבן וועמען ער איז געזעסן ביים טיש און אַלע אַרום האָבן צוגעבייגט אַן אויער, אַז — אַנומלט זענען שליחים געקומען פֿון דייטשן קייסער אָטאָ דעם ערשטן, וועלכער בעט הילף ביים קאַליף אַבדול ראַכמאַן און יענער האָט די שלי־חים, נישט אויסהערנדיק אַפֿילו וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, גלייך איבערגעשיקט צו ר׳ חסדאי אבן שפרוט, זיין אויסלאַנדס־מיניסטער.

— וואָס האָט אַ שטייגער דער קריסטלעכער קייסער פֿון דייטשלאַנד אַזעל־כעס צו פֿאַרלאַנגען פֿון מאַכמעדאַנישן קאַליף? — האָבן די צוהערער מיט נייגע־ריקייט געפֿרעגט.

דונש בן לברט האָט צום ערשטן מאָל דעם אָוונט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט זיך געפֿילט דערהויבן, וואָס מען הערט זיך צו מיט אינטערעס צו זיין דערציילן.

— ער האָט עפּעס סיכסוכים מיטן פֿויפּסט אין רוים... פֿאַרלאַנגט ער, דער קריסטלעכער קייסער, אַז דער קאַליף זאָל זיך צווישן זיי אַריינמישן און פֿאַר־מיטלען וועגן אַן אויסגלייך. דער קייסער אָטאָ דער ערשטער האָט געשריבן זייער אַ הכנעהדיקן בריוו צום קאַליף, כאָטש אַ קעגנער פֿון קריסטטוסן, און ער האָט אים צוגעזאָגט אַלע גליקן, אַבי דער קאַליף זאָל זען אָפּצושוואַכן דעם פֿויפּסטס איינפֿלוס אויף די אַרומיקע קריסטלעכע מלוכות. דעם קאַליף איז דער דאָזיקער סיכסוך געווען צו דער האַנט, ווייל ער האָט זיך געניייטיקט אין אַ שטענדיקן פּירוד צווישן די קריסטלעכע פֿעלקער, אין זינען האָבנדיק דערביי די קריסטטוס־אַנהענגער אין צפֿון־שפּאַניע, וואָס האָבן אים קיין רו נישט געגעבן.

— נו, נו?... — האָט דער עולם מיט נייגעריקייט געפֿרעגט.

— נו, דאַרף אָט די דאָזיקע סיכסוכים צווישן איסלאַם און דעם קריסטנ־טום אויסגלייכן דער יידישער אויסערן־מיניסטער, ר׳ חסדאי אבן שפרוט, אונ־דזער איידעלער נשיא!... — האָט דונש בן לברט מיט גרויס צופֿרידנקייט אויס־געפֿירט, און ער האָט זיך נאָך אפֿשר געגרייט דעם שמועס ווייטער אַזוי צו ציִען.

אָבער דאָ איז פּלוצלינג געקומען אַן איבעררייס, ווייל עמיץ האָט, אַרויס־קוקנדיק דורך די ריזיקע ווענעציאַנישע פֿענצטער אויפֿן לבנהדיק־באַזילבערטן

בלויען הימל, אויסגערופן — אַז ס׳איז שוין די העכסטע צייט אָפּצוריכטן דעם סדר, וואָרים דער בלאַסער צפון־שטערן האָט זיך שוין אַ רוק־געטאָן איבערן הימל־געוועלב און עס ווערט שפּעטלעך.

אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט איז געווענדט געוואָרן צום יונג־אויסזעענדיקן נשיא, וועלכער האָט מיט זיין איידעלער אַריסטאָקראַטישער געשטאַלט אַרויס־גערופן גרויס דרך־ארץ צו זיך. אַ פייערלעכקייט איז אויף יעדן איינעמס פּנים געלעגן אויסגעגאָסן, און מיט גרויס דערוואַרטונג האָט מען זיך געגרייט אויס־צוהערן דעם קידוש. עס האָט געהערשט אַ טיף שטילשווייגן, מ׳האָט בלויז געהערט פון צייט צו צייט אַ לייכט הוסטל, וואָס איז מיט געוואַלט אין זיך פאַרשטיקט געוואָרן.

דורך די אָפענע גרויסע פענצטער האָט אַריינגעצויגן אַן אָנגענעם ווינטל, און אַ בלויע לבנה־באַשיינטע נאַכט האָט פאַרחלומט אַריינגעקוקט און פאַרכי־שופט די געמיטער. שמעקנדיקע ריחות פון די טייערע בוימאיילן, מיט וואָס די פרויען האָבן זייערע לייבער איינגעשמירט און די האָר געוואַשן מיט שמעקנדיקע וואַסערן, האָבן זיך געמישט מיט די געשמאַקע ריחות פון דרויסן און האָבן גע־רייצט די נאָזלעכער און פאַרצויבערט די מאַנסלייט ביי די רייך־געגרייטע טישן.

ר׳ חסדאי אבן שפּרוט האָט זיך אונטערגעהויבן פון זיין ווייס־פעכלדיקן הסב־בעט, אויף וועלכן ער איז ביז איצט געלעגן אָנגעלענט און שטיל געשמועסט מיט זיין ערשטן בעל־יועץ, ר׳ מנחם בן סרוק. פון זיין קאָפּ האָט אַראָפּגעשיינט דאָס זילבער מיט גאָלד אויסגעהאָפטענע היטל און די ווייכע שוואַרצע אויגן האָבן אויסגעדריקט ליבשאַפט און פריינטלעכקייט צו אַלעמען.

אין דער פייערלעך יום־טובדיקער שטילקייט, וואָס עס האָט געהערשט, האָט מען געהערט דאָס אָנגיסן פון די פלעשער וויין אין די פאַרביקע כוסות. אייניקע האָבן אויפגעוויקלט די הגדות, וואָס זענען מיט אַ שיינעם כתב־יד געווען אויפ־געשריבן אויף אַ קלאָרן פאַרמעט און געוואַרט מיט דרך־ארץ אויפן נשיא.

„סברי מרנן ורבנן ורבותי״... — האָט ר׳ חסדאי אָנגעהויבן מיט אַ קלינג־גענדיקער שטים, וואָס האָט דורכגעבויערט די לופט אין דעם חלל פון גרויסן, הויך־געוועלבטן זאַל. אַ ציטער איז איבער אַלעמענס לייבער אַדורך פון גרויס געריר־טקייט און פייערלעכקייט; און ווען ער האָט געהאָט פאַרענדיקט די ברכה פון „בורא פרי הגפן״, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ לייכט קלאַפּן אין דער טיר.

אַלעמענס אויערן זענען געוואָרן אָנגעשפּיצט, און כאָטש עס איז געווען די ליל־שימורים, און פאַר קיינעם האָט מען אין יענער צייט נישט קיין מורא גע־האָט, איז פונדעסטוועגן דאָס קלאַפּן אין דער טיר בעת דער דאָזיקער הייליקער שעה פאַרגעקומען עפּעס אויסטערליש.

— ווער קאָן דאָס קלאַפּן אין אַזאַ צייט, ווען אַלע יידן דאַרפן איצט גאָר

זיצן ביי זייערע סדרים־טישן, צוזאַמען מיט ווייב און קינדער?... — האָט מען זיך געפרעגט מיט פאַרווונדערונג.

דאָס קלאַפּן האָט זיך נאָכאַמאָל איבערגעחזרט, דאָס מאָל שוין אַביסל העכער, און דער נשיא האָט געהייסן, אַז עמיץ זאָל גיין אַ קוק טאָן ווער דאָס איז.

— כל דכפין ייתי ויכול, כל דצריך ייתי ויפסח... — ווער עס איז הונגעריק זאָל קומען עסן, ווער עס איז באַדערפטיק זאָל קומען און טיילן מיט אונדז דעם פסח... — האָט דער נשיא מיט אַ מעלאָדישער שטים אויסגערופן.

דער ערשטער, וואָס האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ צו גיין אַ קוק טאָן, ווער עס קלאַפּט, איז געווען דער יונגער יצחק בן נתן. אַלע האָבן אים נאָכגעקוקט מיט גרויס דערוואַרטונג. דער נשיא האָט מיט באַוווּנדערונג אַ טראַכט געטאָן אין דער רגע וועגן דעם יונגנמאַן. הינטערן באַוווּסטזיין האָט ער ביי זיך באַשטימט, אַז ער איז אַ דרייסטער בחור און מען קאָן אים אָנטרויען פיל ערנסטע זאַכן.

ווען יצחק האָט געעפנט די טיר, איז צו אַלעמענס דערשטוינונג געבליבן שטיין אויף דער שוועל עפּעס אַן אויסטערלישער מאַן, וואָס האָט אין דער ערשטער רגע אָנגעוואָרפן שרעק און פאַרגאַפטקייט. זיין קאָפּ איז געווען אַנטבלויזט און אַ כוואַליע שניי־ווייסע האָר זענען אים אַראָפּגעהאַנגען ביז איבער די אַקסל און האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט זיין ווייסער באָרד. ער איז געווען אָנגעטאָן אין צעריסענע קליידער, פון צווישן וועלכע עס האָבן זיך אַרויסגעזען שטיקער נאַקעט לייב. ער האָט נישט געקאָנט קוקן גלייך אין די ליכט, האָט ער מיט אַ האַנט זיך די אויגן פאַרשטעלט.

— קומט אַריין, אַלטיטשקער... — האָט יצחק מיט רחמנות אין זיין שטים אויסגערופן. — איר זענט דאָך אַ ייִד?...

— מיין קאָפּ איז אַנטבלויזט... — האָט דער אַלטער אַרויסגעשטאַמלט. — גיט מיר עפּעס מיט וואָס די נאַקעטקייט צו באַדעקן... עס איז פּסח היינט... יאָ, איך האָב נישט קיין טעות געהאַט...

און אַ הייסער שטראָם טרערן האָט אַ פלייץ געטאָן פון זיינע אויגן.

איינער פון נשיאס דינער האָט אים שנעל דערלאַנגט אַ היטל, וואָס דער אומבאַקאַנטער זקן האָט אויף זיין קאָפּ אַרויפגעלייגט און ער האָט אַריבערגעטרעטן די שוועל.

דער נשיא האָט געגעבן אַ ווונק צו עמיצן און יענער האָט דעם אַלטן אַריינגעפירט אין אַ באַזונדער חדר, ווו ער האָט אים דערלאַנגט אַ שיסל מיט וואַסער און געהאָלפן אים זיך אָרומוואַשן, דערנאָך האָט ער אים געגעבן קלאָרע וועש אָנצוטאָן, אַרויפגעוואָרפן אויף זיינע אַקסלען אַ ווייס־זיידן מלבוש און אים צוריק אַריינגעבראַכט אין גרויסן, ליכטיקן זאַל, ווו אַלע געסט זענען געזעסן שטיל,

נאָך אַלץ אונטער דעם איינדרוק פון דעם אומדערוואַרטן פרעמדן גאַסט, פאַר וועלכן מ׳האָט געמאַכט אַ פּלאַץ לעבן יונגן יצחק.

— אַן אצבע אלוקים!... אַ פינגער פון גאָט... — האָט דער נשיא אַ שעפּטש געטאָן צו מנחם בן סרוק, וועלכער איז געזעסן ביי זיין לינקער זייט. — ביים אַריינקומען האָט ער אויסגעזען ווי אַ שקלאַף און איצט זעט ער אויס ווי אַ האַר, אַ בן־חורין...

מער האָט קיינער וועגן דער דאָזיקער געשעעניש איצט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. דער נשיא האָט מיט אַ פייערלעכן ניגון פאַרגעזעצט דעם קידוש, וואָס אַלע האָבן שטייענדיקערהייט אויסגעהערט מיט גרויס כוונה, און ווען ער האָט פאַרענדיקט, האָט יעדער איינער אָפּגעזופּט פון זיין כוס וויין.

עטלעכע פרויען האָבן אַריינגעבראַכט אין זילבערנע קרוגן וואַסער און יעדן איינעם פון די געסט דערלאַנגט אַ קופּערנע קוואָרט, מיט וועלכער ער האָט זיך די הענט געוואַשן אין אַ זילבערנעם בעקן אַריין, און שטום, נישט מאַכנדיק קיין ברכה, אָפּגעווישט זיי מיט אַ קלאָר ווייס האַנטוך. דער נשיא, אין זיין הויכער געשטאַלט, מיט אַ ברוין בערדל דאָס לענגלעכע פּנים אַרומגעראַמט און מיט ווײַ־כע סאַמעטענע שוואַרצע אויגן, אין ווייסן אַטלאַס געקליידט, האָט זיך געגרייט צו דערציילן אַלעמען די מעשה וועגן יציאת מצרים.

דער נשיא האָט אָבער אומגעריכט מכבד געווען זיין ערשטן בעל־יועץ, מנחם בן סרוק, מיטן לייענען די הגדה, וואָס דאָס האָט אַביסל געקרענקט דעם צווייטן געלערנטן, דונש בן לברט. וואָרים ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרעסערן מיוחס פון זיין קעגנער. עמיץ פון די גאָר ייִנגסטע געסט האָט געפרעגט די פיר קשיות און געוואָרט אויפן ענטפער.

מנחם האָט אויפגעוויקלט די מגילה, ווו עס איז פאַרשריבן געווען די הגדה של פּסח, און מיט אַ שטים, וואָס האָט געציטערט פון ערפורכט, האָט ער אָנגע־הויבן: „עבדים היינו לפרעה במצרים״... קנעכט זענען מיר געווען ביי פרעהן אין מצרים.

ביי די דאָזיקע ווערטער, אַרויסגעזאָגט מיט אַן אומעטיקן טאָן, האָט זיך דער פרעמדער אַלטער מאַן צעוויינט אויפן הויכן קול און מ׳האָט אים לאַנג־לאַנג נישט געקאָנט איינגעמען. אַלעמענס אויגן האָבן זיך אַ ווענד געטאָן אין זיין זייט אַריין און מיט טיפן מיטגעפיל אים באַדויערט, אָנשטויסנדיק זיך, אַז ער האָט געמוזט איבערלעבן אַ טרויעריקע פּאַסירונג. אָבער צוליבן כבוד פון נשיא און צוליב דער פייערלעכקייט פון דער פּסחדיקער נאַכט, האָט קיינער נישט געוואַגט אים איצט עפּעס איבערצופרעגן. בלויז יצחק, וועלכער איז לעבן אים געזעסן, האָט אים צאַרט אַ גלעט געטאָן איבער דער ציטערנדיקער האַנט און געמורמלט

צו אים: „באַרויִקט זיך, זיידע... מען טאָר נישט וויינען, עס איז היינט זמן חרותנו..."

— איך וויין פון פרייד... — האָט דער אַלטער אים צוריק אָפּגעענטפערט מיט אַ מורמל, — וואָס מיין קנעכטשאַפט האָט זיך דעם היינטיקן אָוונט פון פסח פאַרענדיקט...

יצחק האָט נישט פיל פאַרשטאַנען פון זיינע רייד. ער האָט נישט געוווּסט, וועגן וואָס פאַר אַ קנעכטשאַפט דער אַלטער רעדט. ער האָט אָבער מער נישט געפרעגט, כדי נישט צו שטערן די ווייטערדיקע רייד פון מנחם בן סרוק, וועלכער האָט שוין ווידער, נאָך דעם קורצן איבעררייס, אָנגעהויבן אַרויסלייענען פון דער הגדה די דערציילונג פון יציאת מצרים.

דער גרויסער עולם האָט זיך איינגעהערט מיט גרויס ערנסט אין דער געשיכטע פון באַפרייונג, און כאָטש יעדעס יאָר לייענט מען די זעלבע הערלישע סיפור־המעשה, איז זי שטענדיק ניי און פאַרכאַפּנדיק, באַזונדערס היינטיקן פסח, ווען מען רעדט אַזוי שטאַרק וועגן דער נאָענטער גאולה. אַלעמענס אויערן זענען געווען אָנגעשפּיצט און מען האָט נישט געוואָלט פאַרלירן קיין וואָרט. ווער עס האָט נאָכגעזאָגט פון זיין אויפגעוויקלטער הגדה אַרויס און ווער עס האָט זיך בלויז צוגעהערט. פון צייט צו צייט האָט עמיץ געוואָרפן אַ נייגעריקן בליק אויף דעם אויסטערלישן גאַסט, וואָס איז גראָד אין דער סדר־נאַכט געקומען צו גיין, ווי אליהו הנביא...

— און אפשר איז עס טאַקע אליהו הנביא?... — איז יצחקן איינגעפאַלן אַ געדאַנק, און אַ פייערדיקער שטראָם איז אַדורך איבער זיין לייב און ער האָט זיך, גלייך אַן אומגעזעענע האַנט וואָלט אים אַ שטויס געטאָן, אָפּגערוקט פון דעם פרעמדן אורח, ווי ער וואָלט מורא געקראָגן, אַז ער זאָל זיך נישט אָפּברִיען אין דעם געטלעכן פייער...

אָבער אָט האָט זיך דער טייל פון דערציילן די געשיכטע פון יציאת מצרים פאַרענדיקט, און מ'האָט אָנגעהויבן דערלאַנגען די געשמאַקע יום־טובדיקע מאכלים, וואָס מ'האָט אין שטילקייט און אין פייערלעכקייט פאַרצערט, און קיינער האָט אין דער איצטיקער רגע נישט געדענקט אין דעם אַלטן אורח, וועלכער איז דאָ אומגעריכט פאַר אַלעמען אַריינגעפאַלן צווישן דער גרויסער צאָל בכבודיקע געסט.

יצחק האָט נאָך אַלץ זיך געהאַלטן עטוואָס דערווייטערט פון דעם אַלטן; ער האָט אים איצט שוין אויף זיכער אָנגענומען פאַר אליהו הנביאן, פון וועמען עס האָט געווייעט מיט סודותפולקייט און געהיימניש. ער האָט זיך פלוצלינג צוזאַמענגעטראָפן מיטן בליק פון דער צניעותדיקער פנינה. איר פנים האָט געשיינט מיט אַ לויטער פייער, אין איר בלוי־זיידענעם קלייד האָט זי איצט אויסגעזען אַזוי רייצנדיק און פול מיט חן, אַז ס'האָט אים אַזש פאַרשטיקט אין האַלדז פון גרויס

באַגער. ער האָט זיך איצט אין דער רגע דערמאָנט אין דעם באַדינג, וואָס דאָס מיידל האָט אים געשטעלט, כדי ער זאָל קאָנען אויף איר האָפן... ער מוז באַווייזן אַ העלדישע טאָט...

אַ הייסער ציטער איז אַדורך איבער זיינע גלידער, טראַכטנדיק וועגן דעם, און ער האָט זיך צוגעשווירן, אַז ווי נאָר דער יום־טוב פסח וועט זיין פאַרביי, וועט ער זיך אָנהייבן גרייטן אין זיין וויטן וועג אַריין. איר פייערדיקער בליק צו אים און איר צניעותדיקער שמייכל, וואָס האָט אַזוי שעמעוודיק אַראָפּגעשיינט פון איר חנעוודיקן פנים, האָבן אים צוגעגעבן מוט. ער האָט אין אַלצדינג געזען אַ גוטן סימן פאַר זיך, אַז נאָר ער איז אָנגעברייט די הייליקע שליחות דורכצופירן.

אַפילו אין דעם, וואָס דער אַלטער פרעמדער מאַן האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אין דער סדר־נאַכט און וואָס מ׳האָט אים גראָד אַוועקגעזעצט לעבן אים, איז אַ צייכן, אַז מ׳ווייזט אים פון הימל, אַז ער וועט די שליחות דורכפירן מיט הצלחה. איצט איז קיין שום ספק ביי אים נישט געווען, אַז דער אורח איז אליהו הנביא...

די רייכע סעודה פון דער סדר־נאַכט איז געווען פאַרענדיקט. די קעפּ ביי די זאַטע געסט זענען געווען אַביסל שווערלעך פון די פיר כוסות וויין און מ׳האָט אָנגעהויבן אַראָפּנעמען פון די טישן. עמיץ האָט מיט די הענט אַ פּאַטש געטאָן, אַ סימן — עס זאָל ווערן שטיל. עפּעס גייט דאָ פּאַסירן.

דער נשיא האָט זיך אונטערגעהויבן פון זיין הסב־בעט. אַלעמענס אויגן האָבן זיך אָנגעשפּיצט אין זיין זייט אַריין.

אָן דעם פרעמדן אורח האָבן שוין אַלע כמעט געהאַט פאַרגעסן. ער איז איצט געזעסן אין אַ ווינקל, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברוסט און עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געדרימלט.

דער נשיא האָט אָנגעהויבן דרשענען וועגן דעם יום־טוב פסח און וועגן דעם גרויסן ציל פון צו זיין פריי.

„כאָטש מיר שפּירן נישט אונטער דער גנאָדיקער הערשאַפט פון קאַליף אַבדול ראַכמאַן קיין שום אונטערדריקונג און מיר יידן פאַרנעמען די העכסטע שטעלעס אין הערשערס הויף, קאָנען מיר דאָס פונדעסטוועגן נישט אָנרופן מיטן נאָמען חירות, ווי יידן האָבן זיך געפילט בעת יציאת מצרים. מיר זענען דאָך אַלץ אין עבדות, כל־זמן מיר זענען נישט אויף אונדזער אייגענער ערד און אַלע צוועלף שבטים זענען נישט צונויפגעזאַמלט אין איין פאָלק״... — האָט דער נשיא מיט אַ שטיל קול אָנגעהויבן.

און אין פאַרלויף פון זיינע רייד, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשיינט חכמה און גרויס פאַרשטאַנד, האָט ער זיך עטלעכע מאָל אומגעקערט צו דער וואונדערלעכער בשורה, וואָס האָט זיך לעצטנס אָנגעהויבן אַרומטראָגן, אַז ערגעץ־ווו אין

אַ ווייטן לאַנד הערשט אַ ייִדישער מלך איבער די פאַרלוירענע עשרת השבטים, און ער האָט דערביי אַרויסגעזאָגט דעם רעיון, אַז כּל־זמן אַלע שבטים וועלן זיך נישט ווידעראַמאָל צונויפזאַמלען, עס וועט נישט זיין קיין קיבוץ גליות, וועט די אמתע גאולה נישט האָבן געקומען.

מנחם בן סרוק האָט זיך אונטערגעהויבן פון זיין פּלאַץ און געבעטן רשות ביים נשיא עפּעס צו זאָגן.

— קאָנסט רעדן, מנחם... — האָט ר׳ חסדאי אבן שפּרוט מיט אַ ווייכער שטים און מיט גרויס פריינטלעכקייט צו אים אויסגערופן.

און דער פּאָעט האָט זיך אויפגעשטעלט, געוואָרפן אַ בליק אויף דעם יונגן יצחק, דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו ר׳ חסדאין און געזאָגט:

— דיינע רייד, נשיא, האָבן אונדז אַלעמען באַצויבערט און מיר זענען דורך זיי אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַנדערע, הויכע וועלטן. מיר גלייבן באמונה שלימה, אַז באחרית הימים, ווען מיר וועלן ווידער צונויפגעזאַמלט ווערן אויף אונדזער אַלטער הייליקער ערד, וועלן מיר צוריק פאַראייניקט ווערן מיט די פאַרלוירענע צען שבטים. אַ גאַנץ און שטאַרק פאָלק וועלן מיר זיך ווידעראַמאָל באַזעצן אין לאַנד פון אונדזערע אבות, אָבער מיר מוזן אויך צוהעלפן מיט אונדזערע אייגענע הענט צו דערנענטערן די גאולה. אונדזערע חכמים האָבן שוין לאַנג געזאָגט: „אין סומכין על הנס״, מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף קיין נס. מיר טאָרן דעריבער נישט וואַרטן, אַז די פאַרלוירענע שבטים זאָלן אַליין קומען צו אונדז און פאַראייניקן זיך ווי ברידער מיט ברידער. מיר דאַרפן צו זיי שיקן שליחים און געוויר ווערן דעם גאַנצן אמת וועגן זייער מדינה אין דעם ווייטן אומבאַקאַנטן לאַנד. מיין עצה איז, שרייב אָן אַ בריוו צום ייִדישן מלך, און זאָל אַ שליח, וואָס וויל זיך מקריב זיין פאַר דער דאָזיקער הייליקער זאַך, אַוועקגיין דאָרט אַהין און אונדז צוריקברענגען די גרויסע בשורה...

דאָ האָט זיך אַ ריס געטאָן פון זיין פּלאַץ דונש בן לברט. ער איז געווען אָנגעצונדן מיט אַ העליש פייער קעגן זיין חבר מנחם בן סרוק, וועמען ער האָט קיינמאָל נישט פאַרגונען, וואָס ער איז דער ערשטער מקורב צום נשיא און צו זיין וואָרט הערט מען זיך צו.

— מיר טאָרן נישט האָבן קיין צו גרויסן צוטרוי צו די שליחים פון די סלאַווישע לענדער. זיי זענען דערוויילע די איינציקע, וואָס האָבן די בייעס געבראַכט, און בלויז אויף זייערע רייד טאָרן מיר זיך נישט שטיצן און איינשטעלן דאָס לעבן פון אַ מענטש, וועלכער זאָל אַפילו מיט זיין אייגענעם ווילן איינגיין אַוועקצופירן דעם בריוו פון נשיא צו עפּעס אַ ייִדישן מלך פון אַן אומבאַקאַנט לאַנד. צו וועלכן מלך? מיר ווייסן דאָך אַפילו נישט זיין נאָמען! — האָט דונש בן לברט געשריגן און דאָס פּנים האָט ביי אים געפלאַקערט, אפשר פון די פיר כוסות וויין,

וואָס ער האָט אויסגעטרונקען אין דער סדר־נאַכט — מיר טאָרן נישט צולייגן אונדזערע אויערן צו די רייד פון די גויִישע שליחים, כל־זמן מיר זענען נישט אינ־גאַנצן זיכער, אַז אַזאַ לאַנד איז טאַקע פאַראַן און צי עס הערשט דאָרט אַ יידי־שער מלך!...

יצחק בן נתן איז בלאַס געוואָרן. ער האָט זיך אַ הייב געטאָן פון זיין אָרט. עס האָבן אים געבריט דעם פּאָעט דונש בן לברט'ס רייד, און אַ כעס איז אין אים אויפגעגאַנגען פאַר זיין אומגלייביקייט אין דער וווּנדערלעכער געשיכטע און ער קאָן נאָך דערמיט צונישט מאַכן זיין גאַנצע אונטערנעמונג.

דאָס האָט באַמערקט דונש און ער האָט זיך צו אים געווענדט:

— איך באַוווּנדער דיין מוט, יצחק!... אָבער דו ביסט מיר אַ שאָד. עס וואָלט געווען אַ זינד פון אונדזער זייט צו דערלויבן דיר, אַז זאָלסט איינשטעלן אין סכנה דיין לעבן און אַוועקגיין אין אַ לאַנד, וואָס איז אפשר בלויז געבוירן גע־וואָרן אין דעם פאַנטאַסטישן מוח פון אַ מטורף, ווי עס איז געווען אַמאָל דער פאַלשער רייזנדער אלדד הדני, מיט אַן ערך אַכציק יאָר צוריק!...

אָבער דאָ איז געשען אַן אומדערוואַרטע זאַך.

פונעם אָרט, ווו עס איז ביז איצט געזעסן אַ פאַרגעסענער דורך אַלעמען דער אַלטער בעטלער, וועלכער האָט כלומרשט געדרימלט און געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט, האָט זיך דערהערט אַ כריפּענדיקע שטים, וואָס האָט געציטערט פון גרויס שוואַכקייט און אפשר אויפגערעגטקייט. אין אָנהייב איז זיין קול געווען שטיל און מען האָט קוים געקאָנט הערן וואָס ער רעדט, אָבער וואָס אַמאָל איז דאָס קול זיינס געוואָרן העכער און מעכטיקער, אַז אַלע האָבן מיט גרויס שטוינונג און גלייכצייטיק מיט נייגעריקייט זיך איינגעהאָרכט.

— קומט־צו נענטער, אורח!... — האָט אויסגערופן ר' נתן, דער ראש־ישיבה, וועלכער האָט ביז איצט געשוויגן און בלויז אויסגעהערט, וואָס אַנדערע האָבן צו זאָגן.

— זעצט אייך לעבן אונדז דאָ אַנידער... — האָט דער נשיא, ר' חסדאי אבן שפּרוט, אים צוגעגעבן מוט — און זאָגט אונדז, וואָס איר האָט צו זאָגן.

דער אַלטער מאַן האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן פון זיין אָרט. דער יונגער יצחק האָט אים מיט זיין אָרעם צוגעהאָלפן זיך אויפשטעלן און אים צוגעפירט צום אָרט, ווו עס זענען געזעסן די מקורבים פון נשיא, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען זיין פאָטער, דער ראש־ישיבה ר' נתן.

איצט האָט מען געקאָנט באַמערקן אויפן פרעמדן, אַז די הויט פון זיין פּנים זעט גאָרנישט אויס אַזוי אַלט, ווי עס האָט זיך אויסגעדאַכט ביי זיין אַריינקומען. די אויגן קוקן פריש און פלאַמיק ווי ביי אַ יונגן מענטש, בלויז די האָר זענען אים פריצייטיק ווייס געוואָרן.

ער האָט זיך אָנידערגעזעצט אויפן פלאַץ, וואָס דער נשיא האָט פאַר אים ליידיק געמאַכט. מיט גרויס נייגעריקייט האָט ר׳ חסדאי געקוקט אויף זיינע ליפּן. די איבעריקע פאַרזאַמלטע געסט אין גרויסן ליכטיקן זאַל האָבן זיך נעבן־טער צוגעזעצט אַרום דעם פרעמדן אויסטערלישן אורח, וועגן וועלכן עס האָט ביי נישט איינעם אויפגעבליצט אויף אַ רגע דער געדאַנק, אַז דאָס איז אפשר אליהו הנביא, וועלכער איז געקומען צום סדר אין געשטאַלט פון אַן אורח. עס איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט, ווי די ליכט ברענען און די פלעמלעך פון די וואַלענע קנייטלעך הערן זיך סודותדיק איין...

און דער אַלטער האָט אויפסניי אָנגעהויבן.

— עס זענען אמת די רייד, וואָס די סלאַווישע שליחים האָבן אייך דער־ציילט, רבי... — האָט דער פרעמדער איבערגעחזרט דאָס, וואָס ער האָט פריער געזאָגט, נאָר זיינע רייד זענען געהאַט פאַרשלונגען געוואָרן אין דעם חלל פון גרויסן זאַל. — עס זענען אמת די ידיעות, אַז אין אַ וויטן לאַנד איז פאַראַן אַ מלוכה פון אַ פאָלק, וואָס גלויבט אין תורת משה און אַ יידישער מלך, מיטן נאָמען יוסף בן אהרן, קעניגט איבער זיי...

— אַ יידישער מלך!... — האָט ר׳ חסדאי אבן שפרוט מיט אַ ציטער אין זיין קול נאָכגעזאָגט — און זיין נאָמען איז יוסף בן אהרן...

טרערן האָבן זיך געשטעלט דעם נשיא אין די אויגן פון גרויס געריר־טקייט און אויך די אַנדערע געסט האָבן אָפּגעווישט אַ גלאַנציקע טרער, וואָס האָט ווי אַ דימענטל אויפגעפינקלט אין דעם שיין פון די ליכט.

— אַ יידישער מלך... יוסף בן אהרן...

— דערציילט ווייטער, ר׳ ייד... אַ גרויסע בשורה ברענגט איר אונדז אין דער נאַכט פון פסח... — האָט ר׳ חסדאי מיט אַ פאַרשטיקטער שטים דעם אורח צוגעגעבן מוט.

און דער פרעמדער האָט ווייטער געצויגן:

— דאָס דאָזיקע פאָלק, וועגן וועלכן די שליחים פון די סלאַווישע לענדער האָבן אייך איבערגעגעבן, וווינט אין אַ לאַנד, וואָס געפינט זיך אויף יענער זייט פון די בערג אַררט און ציט זיך אַוועק פון שוואַרצן ים ביז אַ צווייטן ים, וואָס מען רופט „דער ים פון די כאַזאַרן״, און אין דער לענג ציט זיך דאָס דאָזיקע לאַנד אַוועק צווישן צוויי טייכן: דאָן און איטיל (וואָלגע) אויף צפון־זייט. אויפן ברעג פון טייך איטיל, ביים אַריינגוס אין „ים פון די כאַזאַרן״ (קאַספּישער ים), שטייט זייער הויפּטשטאָט, ווו עס וווינט דער מלך יוסף בן אהרן... דער נאָמען פון דער הויפּטשטאָט איז באַלאַנגאַר (היינטיקע אַסטראַכאַן), און די איינוווינער פון דעם לאַנד רופן זי אָן „די גאָלדענע שטאָט״.

— ווונדערלעך!... — האָבן זיך געהערט אויסרופן פון די פאַרזאַמלטע

געסט, און אַלעמענס פּנימער האָבן געגליט פון גרויס געשפּאַנטקייט און נייגע־ריקייט. — עס איז וווּנדערלעך...

— דאָס דאָזיקע פֿאָלק רופט זיך „דאָס פֿאָלק פון די כאַזאַרן אָדער כוזרים". פון וואַנען זיי שטאַמען אָפּ איז אונדז אומבאַקאַנט. טייל זענען מיט דער מיי־נונג, אַז דאָס איז דער שבט שמעון; אַנדערע האַלטן, אַז דאָס זענען מיטגלידער פון שבט מנשה און אפרים; גאָר אַנדערע האַלטן, אַז פון אַ גאַנץ פרעמדן שטאַם — האָט דער פרעמדער דערציילט מיט אַזאַ זיכערן טאָן, אַז עס איז ביי קיינעם מער קיין ספק נישט געווען, אַז זיינע רייד זענען אמת.

בלויז איין דונש בן לברט, אַ שטענדיקער נייך־זאָגער, האָט צווייפלענ־דיק געדרייט מיטן קאָפּ און אַרויסגעוויזן אָפענעם אומצוטרוי צו די רייד פון פרעמדן מאַן. ער האָט אים שוין עטלעכע מאָל געוואָלט אונטערברעכן, אָבער יצחק האָט אים יעדעס מאָל ביי דער האַנט אָנגענומען און מער מיטן בליק ווי מיטן מויל געבעטן דאָס נישט צו טאָן, ווייל מען דאַרף דאָך האָבן אַ האַרץ פון מירמלשטיין נישט צו וועלן אויסהערן אַזעלכע פאַרכישופנדיקע רייד.

אָבער ענדלעך האָט דונש נישט אויסגעהאַלטן און וועלנדיק די רייד פון פרעמדן שטעלן אין ספק, האָט ער אים פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן:

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ און ווער זענט איר אַליין?...

עס האָט אַלעמען פאַרדראָסן, וואָס ער האָט דעם אַלטן איבערגעריסן אין זיין ווונדערלעכער דערציילונג. זיי וואָלטן אַזוי אַ גאַנצע נאַכט אומדערמידלעך געזעסן און אויסגעהערט דעם פרעמדנס רייד. אָבער פונדעסטוועגן האָט זיי אַליין אויך אינטערעסירט ווער עס איז דער פרעמדער, פון וואַנען האָט ער זיך פּלוצלינג דערנומען אַהער? און זיי האָבן געקוקט דעם אורח אין מויל אַריין, וואָס ער וועט דערויף ענטפערן.

דער פרעמדער האָט זיך אַ ווייל געוואַקלט אין געדאַנק, צי זאָל ער דער־ציילן אָדער נישט, ווייל מ'האָט געזען ווי ער האָט עטלעכע מאָל די ליפּן גע־עפנט און נישט געקאָנט פועלן ביי זיך ווידעראַמאָל אויפצולעבן די שווידערלעכע פאַסירונגען, וואָס ער האָט דאָ ערשט נישט לאַנג דורכגעלעבט.

דער אורח האָט געוואָרפן אַ בלאַנדזשענדיקן בליק איבער די פאַרזאַמל־טע געסט, און אַרויספילנדיק די גרויסע פאַראינטערעסירטקייט פון אַלעמען און איבערהויפּט פון דעם נשיא אַליין, האָט ער אָנגענומען אַ גיכן באַשלוס און אָנ־געהויבן אין אַ פרעכטיקן לשון־קודש, וואָס נאָר אַ גרויסער געלערנטער איז אימשטאַנד אַרויסצוברענגען אויף זיינע ליפּן, צו דערציילן די שטוינענדיקע גע־שיכטע פון זיינע לעצטע איבערלעבענישן ביז דער צייט, ווען ער איז געקומען אויף דעם שטאַנד, אין וועלכן ער איז היינטיקע פסח־נאַכט פאַר זיי דאָ דערשינען.

די גאַנצע צייט, וואָס דער פרעמדער האָט גערעדט, זענען אַלע פאַרזאַמלטע

פאַרגאַפט געוואָרן פון זיין פּאָעטיש־שיינעם לשון. אַפילו דונש בן לברט, וועלכער האָט פריִער אַרויסגעוויזן ספקות אין דער אמתדיקייט פון פרעמדנס רייד, האָט איצט צוזאַמען מיט אַלע געשלונגען יעדעס וואָרט און געקוויקט זיך מיט דער שיינער שפּראַך, וואָס יענער האָט באַנוצט.

— נאָר איינער, וואָס האָט געלערנט אין די ישיבות פון בבל, קאָן רעדן אַזאַ לשון־קודש... — האָט דונש שעפּטשענדיק באַמערקט צו איינעם פון זיינע שכנים — באמת, אַן אויסטערלישער גאַסט...

אָבער ער איז באַלד דורך עמיצן איינגעשטילט געוואָרן, ווייל דער פרעמ־דער איז שוין געהאַט צוגעקומען צו דעם אויסערגעוויינלעכן טייל פון זיין גע־שיכטע:

— איך בין פון דער באַרימטער שטאָט סורא אין בבל, ווו די גאונים פירן־אָן מיט דער ישיבה און אַ סך הונדערטער תלמידי־חכמים שעפּן דאָרט תורה, עס וואַקסן פון זיי אַרויס גרויסע יידישע געלערנטע. מיין נאָמען איז משה בן חנוך. צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע דריי חברים פון די ישיבות אין סורא און פומבדיתא, שמריהו, כושיאל און נתן בן יצחק, האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט איבער די לענ־דער ביים ים הגדול (מיטללענדישער ים), ווו עס געפינען זיך גרויסע יידישע קהילות, כדי צו זאַמלען נדבות פאַר די אָרימע תלמידים אין די דאָזיקע ישיבות...

— איר זאָגט: נתן בן יצחק?... — איז דער נשיא ר' חסדאי אבן שפּרוט פלוצלינג אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ — דער גרויסער תלמיד־חכם, וועלכער פירט איצט אָן מיט דער ישיבה אין דער פראַנצויזישער שטאָט נאַרבאָן?...

דעם נשיאס פּנים איז געווען בלאַס און ער האָט אינגאַנצן געציטערט ווי אַ בלאַט. ער האָט זיך דערנענטערט צום פרעמדן גאַסט פון בבל, אים אַרומגענומען און בפני כל עם ועדה אויסגערופן: „זייט מיר מוחל, ר' משה בן חנוך, וואָס איך האָב אפשר נישט ווילנדיק אין אייך פּוגע בכבוד געווען און נישט ווי געהעריק אויפגענומען אין מיין שטוב!... אויב איר זענט אַ חבר פון נתן בן יצחק פון נאַר־באָן, האָבן מיר דאָך אַ גרויסן למדן צווישן זיך! יאָ, עס איז אונדז באַקאַנט די געשיכטע פון אייערע דריי פריינט, אָבער וואָס עס איז געשען מיט אייך, האָבן מיר לגמרי נישט געוווּסט!... דערציילט אונדז, איך בעט אייך, וועגן אייערע פּאַסירונגען מיט אַלע איינצלהייטן, ווייל אונדזערע נשמות גליִען מיט נייגע־ריקייט...

דעם נשיאס רייד האָבן געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם. אַלע האָבן זיך מיטאַמאָל אויפגעשטעלט און אָפּגעגעבן כבוד דעם תלמיד־חכם פון בבל, וועלכער איז ערשט מיט אַ ווייל צוריק דערשינען פאַר זיי אין די מלבושים פון אַ שקלאַף.

דער פרעמדער איז געבליבן אַ ווייל שטיל. ער איז געווען משמעות גערירט פון דעם אומגעריכטן כבוד, וואָס מ'האָט אים דאָ אָפּגעגעבן. ער האָט געוואָרפן

אַ בליק פון דאַנקבאַרקייט אויף ר׳ חסדאין און אַראָפּלייענענדיק פון זיין איידעלן פּנים די גרויסע נייגעריקייט, וואָס ער האָט אין אים אויפגעוועקט, האָט ער ווייטער אָנגעהויבן צו׳ען זיין אויסערגעוויינלעכע געשיכטע, וואָס האָט אַלעמען אַריינגעוואָרפן אין גרויס אומרו:

— יאָ, אמת... מיין חבר ר׳ נתן בן יצחק איז טאַקע פאַרוואָרפן געוואָרן קיין נאַרבאָן אין דער מדינת צרפת (פראַנקרייך); שמריהו בן אלחנן האָט מען פאַרשלעפּט קיין אַלעקסאַנדריע של מצרים און כושיאל איז אָנגעקומען אין קיירואַן, אין צפון־אַפריקע. איך אַליין בין מיט עטלעכע חדשים צוריק אַריינגעפאַלן אַהער, אין דער הויפּטשטאָט פון אַנדאַלוזיע...

„אָבער איך בין צו־וויט אַוועק פון מיין געשיכטע, רבותי... — האָט דער פרעמדער אָנגעהויבן שטאַמלען — וואָרים איר האָט מיך דערמאָנט אין מיינע טייערע חברים, ר׳ נתן בן יצחק און די אַנדערע...

„גרויסע האָפענונגען האָט דער ריש־גלותא פון בבל געלייגט אויף אונדזער נסיעה צו די יידישע קהילות ביי די ברעגן פון ים הגדול, וואָרים די צוויי באַרימטע ישיבות אין סורא און פומבדיתא האָבן זיך געניייטיקט אין געלט אויף צו קאָנען אויסהאַלטן די גרויסע צאָל אָרימע תלמידים. עס איז אָבער אונדז נישט באַשערט געווען די שליחות דורכצופירן״...

דער פרעמדער איז געוואָרן שטיל. ער האָט זיך, ווייזט אויס, דערמאָנט אין נישט קיין אָנגענעמער פּאַסירונג, ווייל ווי אַ וואָלקן וואָלט זיך אָפּגעלייגט אויף זיין פּנים... ער האָט פּלוצלינג זיך אָפּגעטרייסלט פון עפּעס, פאַרטראַכט זיך אַ וויל און דערנאָך ווייטער פאָרגעזעצט:

„פינף טעג און פינף נעכט האָט זיך אונדזער שיף, וואָס איז געשווומען אונטער אַ גריכישער פאָן, געשלעפּט איבער די שטורמישע וואַסערן פון ים הגדול. מיט מיר איז אויך מיטגעפאָרן מיין יונג ווייב, די טאָכטער פון ראש־ישיבה אין פומבדיתא. וואָרים אַחוץ מיין הייליקער שליחות צו קלייבן געלט פאַר די צוויי ישיבות אין בבל, איז מיין ציל אויך געווען אָנצוקומען צו אייך קיין מדינת ספרד און מיט די אייגענע אויגן צו זען דאָס לעבן פון אונדזערע ווייטע ברידער, פון וועלכע מיר האָבן זייער ווייניק געוווסט, און איך האָב מיין ווייב מיטגענומען אויף דער דאָזיקער נסיעה.

„אַ גאָלדענער טאָג איז אויפגעגאַנגען אין מיטללענדישן ים. דאָס וואַסער איז געווען דאָס מאָל רו׳יק און בלוי ווי תכלת. מיר זענען גראָד געשטאַנען די שמונה עשרה פון שחרית, ווי פון דערווייטנס אויפן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן אַ שוואַרץ פינטעלע. מיר האָבן מתפלל געווען אויפן דעק פון דער שיף.

„עמיץ האָט געלאָזט פאַלן אַ שרעקלעך וואָרט: „אַ פּיראַטן־שיף!...״

„אַ ציטערניש איז דורכגעגאַנגען איבער אונדזערע לייבער. וואָרים מיר האָבן

נאָך אין בבל זיך געהאַט אָנגעהערט וועגן די שרעקלעכע מעשיות פון פּיראַטן אויפן ים, וועלכע פלעגן פאַנגען שיפן מיט רייזנדע און פאַרקויפן זיי אויף די וועלט־מערק פאַר שקלאַפן און דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון די שיפן האָבן זיי צו־גענומען. עס איז אַ פלאָג, פון וועלכער עס האָבן דעמאָלט געליטן די פיל האַנדלס־שיפן, וואָס האָבן געקרייזט אין די ימים.

„ווען מיר האָבן געהאַט פאַרענדיקט אונדזער תפילה, האָט די פרעמדע שיף שוין געהאַט דערנענטערט זיך צו אונדזערער, און מיר האָבן קלאָר געזען אויף איר די פּנימער פון די שיפס־מאַטראָסן. קיין גוטס האָבן די דאָזיקע פּנימער אונדז נישט אָנגעזאָגט.

„עס האָט זיך צום אומגליק אַרויסגעוויזן, אַז די ידיעה איז געווען אַן אמתע, עס איז געווען אַ פּיראַטן־שיף. וואָרים באַלד האָבן מיר געהערט דעם רויען באַ־פעל פון יענעם שיפסקאַפּיטאַן, וועמענס נאָמען, ווי מיר זענען שפּעטער געוויר געוואָרן, איז געווען — אַדמיראַל ראַמאַהיס...

„דער באַפעל איז געווען, אַז אַלע רייזנדע האָבן געמוזט מיט זייער גאַנצן פאַרמעגן אַריבערגיין צו אים אויפן דעק. דער שרעקלעכער גורל האָט אויך אונדז נישט אויסגעמיטן. אמת, קיין פאַרמעגנס האָבן מיר נישט געהאַט, אָבער מיר אַליין זענען ביים ים־רויבער געווען אַ גאַנץ גוט פאַרמעגן, ווייל פאַר שקלאַפן האָט מען געצאָלט אין די ווייטע לענדער פון אייראָפּע גוט געלט.

„מיר זענען אַזוי אַרום געוואָרן דעם אַדמיראַלס געפאַנגענע. דער רויבער האָט זיך די ערשטע טעג וואָס ער האָט אונדז געפירט אַלס צוקינפטיקע שקלאַפן, גוט באַצויגן. ער האָט עס נישט געטאָן דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַט אַ מענטש־לעך האַרץ אָדער עפּעס אַ געוויסן. ער האָט בלויז אָפּגעהיטן זיינע אייגענע גע־שעפטן, ווייל וואָס בעסער און שענער אַ שקלאַף האָט אויסגעזען, אַלץ מער געלט האָט ער געקאָנט פאָדערן פאַר אים אויף די אייראָפּעיִשע מערק.

„אויפן דריטן טאָג פון אונדזער רייזע אַלס געפאַנגענע פון אַדמיראַל ראַ־מאַהיס, האָט ער באַמערקט מיין יונג ווייב, וועלכע איז געווען זייער אַ שיינע...״

צוקומענדיק צו דעם אָרט פון דער געשיכטע, האָט אַ שטראָם טרערן אַ פלייץ געטאָן פון אַלטנס אויגן און עס האָט אים אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז. אַ פיינלעכע שטילקייט איז אַריינגעטרעטן צווישן די פאַרזאַמלטע... קיינער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. דער נשיא, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט, האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזט פון חרפּה, וואָס אַזעלכעס קאָן פאַסירן צווישן מענטשלעכן מין...

קיינער האָט דעם פרעמדן נישט געבעטן ווייטער צו דערציילן, ווייל מ׳האָט זיך שוין געקאָנט אָנשטויסן פון זיינע ביטערע טרערן, וואָס ווייטער איז געשען...

אָבער דער פרעמדער האָט אַליין, נאָך אַ ווײַלע האַלטן די ליפּן פאַרביסן, אָנגעהויבן פאַרצוזעצן זײַן טרויעריקע געשיכטע:

„מיטן מאָמענט, ווען דער ים־רויבערישער קאַפּיטאַן האָט דערזען מײַן יונג און שיין ווײַב, האָבן זיך פאַר מיר אָנגעהויבן אומגעהויערע לײַדן און גיהנומדיקע יסורים. ער האָט אָנגעהויבן צושטיין צו מיר, פריִער מיט גוטע רייד, דערנאָך מיט בייזע, האַרטע ווערטער, וואָס האָבן געבריט מײַן לײַב און נשמה, אַז — אויב איך וועל אים אָוועקגעבן מײַן ווײַב, וועט ער מיך און מײַנע דרײַ פרײַנט באַפרײַען פון געפאַנגענשאַפט און ער וועט אונדז אַראָפּלאָזן אויף אַ ברעג אין אַפריקע.

„וויפל געבעט און תחנונים איך האָב פאַר אים אויסגעגאָסן, האָט עס גאָר־נישט געהאָלפן. ער איז געווען האַרט ווי אַ פעלדז און קיין מענטשלעכע טרערן האָבן אים נישט גערירט. ער האָט בכלל נישט געקאָנט באַגרײַפן וואָס עס מײַנט אַזוינס יענעמס ווײַב, וואָס איז צו דיר אַנטשפּויזט געוואָרן מיט חופּה וקידושין, און אַז צו טאָן אַזאַ זאַך איז אַ גרויסע זינד, וואָס גאָט וועט אים האַרב באַשטראָפן דערפאַר...

„ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון מײַנע טענות. „נישטאָ אַזאַ מאַכט אין דער וועלט, וואָס זאָל מײַן דעראָבערונג פון מיר צוריקנעמען" — האָט ער, שטשי־רענדיק די ציין, אויסגערופן און דערבײַ זיך אַזוי הויך פונאַנדערגעלאַכט, אַז אין מײַנע אויערן האָט זײַן פרעכן כאָכאָטשען אָפּגעשאַלט ווי דאָס ריטשען פון אַ ווילדער חיה אין וואַלד.

„גרויסער האַר... — האָב איך מײַן מויל אומווירדיק געמאַכט מיט אָנרופן אים ,גרויסער האַר", און זאָל מיר גאָט ברוך־הוא מוחל זײַן פאַר די דאָזיקע חניפהדיקע רייד, וואָס איך האָב איבער מײַנע ליפּן אַרויסגעבראַכט — גרויסער האַר, איך וועל דיר ריזיקע אוצרות מיט גאָלד אָוועקגעבן, ווען דו וועסט מיך און מײַן ווײַב, צוזאַמען מיט מײַנע דרײַ אַנדערע פרײַנט באַפרײַען. וווּהין מיר וועלן אָנקומען, וועלן דיר די ייִדישע קהילות אַזוי פיל אויסלייז־געלט געבן, וואָס דו קאָנסט עס נישט קריגן פאַר דער גאַנצער שיף מיט רויב... באַפרײַ מיך פון דער דאָזיקער גרויסער זינד!..."

„— איך דאַרף נישט דײַנע אוצרות, אויב עס איז מיר צוגעשיקט געוואָרן אַזאַ פינקלדיקער בריליאַנט ווי דײַן יונג, שיין ווײַב... — האָט ער מיט פרעכ־קייט מיר אין פּנים אַרײַן געזאָגט און אויפסנײַ זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט אַ חיהש געלעכטער.

„אויך מײַנע דרײַ פרײַנט, די גרויסע תלמידי־חכמים, האָבן געפּרוווט ווירקן אויף אים מיט ריין־מענטשלעכע רייד. אָבער ער האָט וועגן מענטשלעכקייט איג־

גאַנצן נישט געוווסט. עס איז גאָרנישט צו באַגרייפן, ווי אַזאַ אוממענטש האָט געקאָנט אַרויסקומען פון אַ מוטערס טראַכט.

„מיר האָבן בלויז איין טאָג געהאַט רו פון אים. איך האָב געטראַכט, אַז דער רבונו־של־עולם האָט זיך אויף אונדז דערבאַרעמט. מיר וועלן צוקומען צו אַ באַ־וווינטן ברעג און ער וועט זיך באַזינען, ער וועט זיך אפשר שעמען פאַר מענטשן... אָבער ער האָט אויסגעמיטן באַוווינטע ברעגן, עד היום ווייס איך נישט, וווהין ער האָט די שיף געריכטעט, ווו דער ציל פון זיין שווימען איז געווען.

„צומאָרגנס, ווי נאָר די זון האָט זיך צעשטראַלט איבער גאָטס וועלט, זע־נען אַריינגעקומען אין אונדזער קאַיוטע עטלעכע מאַטראָסן־רוצחים, וועלכע האָבן מיט גוואַלד מיין ווייב גענומען און זי אָנגעהויבן שלעפּן אויפן דעק אַרויף, צום אַדמיראַל. איך בין נאָכגעלאָפן אַ פאַרווירטער פון גרויס שרעק. עס קלינגען מיר נאָך איצט אין מיינע אויערן אירע ביטערע און פאַרצווייפלטע געשרייען. אָבער וואָס האָב איך געקאָנט טאָן, אַז איך בין געווען הילפלאָז און אָנמעכטיק קעגן די אויסוואורפן.

„איך זע נאָך ווי לעבעדיק פאַר מיינע אויגן איר בעטנדיקן בליק צו מיר, איך זאָל זי ראַטעווען פון שאַנד. דאָס האַרץ איז מיר שיעור נישט אַרויסגעשפּרונ־גען פון דער בּרוסט. דאַכט זיך, אַז איך בין אין דער רגע אָפּגעקומען פאַר אַלע מיינע זינד, באַגאַנגענע אָדער נישט־באַגאַנגענע, ווייל אַ גיהנומדיק פייער האָט מיך אַרומגענומען און געברענט און געבראָטן מיין לייב. איך בין געווען גרייט אויפן ערגסטן, אַפילו זיך צו וואַרפן אויף דעם ריזיקן ים־רוביבער אין אַ פאַר־צווייפלטן, נישט גלייכן קאַמף.

„אין דער רגע האָט מיין ווייב, די גרויסע צדקת, צו מיר אַ שעפּטשע גע־טאָן מיט די ליפּן, וואָס בלויז איך האָב געקאָנט דערהערן: „מים חיים“?... איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, וואָס דאָס אָרעמע נפש וויל נעבעך פון מיר... זי האָט דאָס מיך געפּרעגט אויף לשון־קודש, כדי די גויִים זאָלן נישט פאַרשטיין, צי די וואָס קומען־אום אין וואַסער האָבן אַ חלק לעולם־הבא. איך האָב איר געענטפערט מיט אַ פּסוק אין תהילים: „אמר ה׳ מבשן אשוב אשיב ממצילות ים!“ — גאָט זאָגט: פון בשן וועל איך אומקערן, איך וועל אומקערן פון די טיפענישן פון ים...

„זי האָט פאַרשטאַנען מיין ווונק. זי האָט אויף מיר געוואָרפן אַ בליק פול מיט רחמנות, גלייך זי וואָלט זיך מיט מיר אויף אייביק געזעגנט. זי האָט זיך מיט אַלע כוחות אַ ריס געטאָן פון די צוויי מאַטראָסן, וועלכע האָבן זי פעסט גע־האַלטן אונטער די אָרעמס און זי איז אַריבערגעשפּרונגען איבערן באָרטן פון דער שיף גלייך אין שטורמישן ים אַריין.

„דער רוצחישער אַדמיראַל האָט תיכף באַפוילן נאָכצושיקן רעטונגס־שיפ־

לעך, כדי זי אַרויסצוציִען פון וואַסער, אָבער מיין אָרים ווייב נעבעך איז אַראָפּ צום גרונט און אויף אייביק פאַרשוווּנדן געוואָרן אין די צעשוימטע ים־כוואַליעס...

„ווען די מאַטראָסן זענען מיט לייִדיקן צוריק אַרויפגעקומען אויפן דעק, איז דער אַדמיראַל ראַמאַהיס אַריינגעפאַלן אין אַזאַ ווילדער רציחה און ער האָט מיך אַזוי מערדערלעך אָנגעהויבן צו שלאָגן, אַז איך בין שיער נישט געבליבן טויט אונטער זיינע קלעפּ. מיינע האָר זענען אין יענעם מאָמענט ווייס געוואָרן ווי שניי, אַז איך זע אויס ווי אַן אַלטער מאַן... ער האָט מיך באַשולדיקט, אַז דאָס האָב איך מיין ווייב אָנגערעדט, זי זאָל אַראָפּשפּרינגען אין די כוואַליעס פון ים.

„— איר, ייִדן, זענט אומווירדיקע מענטשן, אָן הערצער... — האָט ער געשריען ווי אַ ווילדע, צערייצטע חיה, ביי ווען מ׳האָט דעם רויב פון מויל אַרויס צוגענומען.

„מיינע פריינט האָבן מיך געטרייסט, אָבער איך האָב קיין שום טרייסט נישט געקאָנט געפינען. לאַנג האָב איך אָבער סיי־ווי מיינע פריינט נישט געהאַט מיט זיך: דעם גרויסן תלמיד־חכם שמריהו בן אלחנן, האָט דער רשע פאַרקויפט פאַר אַ שקלאַף אין אַלעקסאַנדריע של מצרים. ער האָט אַ גרויסע סומע געלט פאַר אים גענומען, האָט מען מיר געזאָגט. אָבער געלויבט השם־יתברך, ער איז פריי. איך האָב שפּעטער געהערט, אַז אַ רייכער ייִד אין אַלעקסאַנדריע האָט אים אויסגעקויפט פון שקלאַפעריי און ער איז דער רבי פון אַ גרויסער צאָל תלמידים. ער פאַרשפּרייט גאָטס תורה אין מצרים...

„כושיאל איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן אין קיירואַן, אין צפון־אַפריקע, און באַלד ביים ברעג האָט אים אַ דאָרטיקער רייכער ייִד אויסגעלייזט פון אַדמיראַלס הענט און ער איז געגאַנגען פריי. ערשט דאָ אין קאָרדאָוואַ בין איך דורך עפּעס אַ צופאַל געוויר געוואָרן, אַז אויך נתן בן יצחק האָט זיך דערשלאָגן קיין נאַרבאָן, וואָס איז אין מדינת צרפת...

„איך בין געבליבן איינער אַליין אויף דער שיף. עס זענען טאַקע געווען נאָך פיל הונדערטער אַנדערע מענטשן, אָנגעברייטע אויפן זעלבן גורל, וואָס מיר — פאַרקויפט צו ווערן פאַר שקלאַפן. אָבער דאָס זענען נישט געווען קיין ייִדן, נאָר אָנגעזאַמלטע פון אַלע פעלקער אין דער וועלט. איך בין געבליבן עלנט, אָן אַ טרייסטוואָרט צו הערן און אָן אַ היימישן בליק. געשלאָגן האָט מען מיך שוין מער נישט, ווייל דער אַדמיראַל האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט קריגן ווייניקער געלט פאַר מיר, אויב איך וועל אויסזען שלעכט...

„פאַרקערט, ער האָט מיך אָנגעהויבן שטאָפּן מיט עסן ווי אַ בהמה... ווען איך האָב קיין פלייש נישט געוואָלט נעמען אין מויל אַריין, האָט ער מיך געסטראַשעט, אַז ער וועט מיך הייסן וואַרפן אין ים אַריין.

„ענדלעך האָט זיך די שיף, נאָך עטלעכע טעג זיך שלעפּן איבער די וואַסערן

פון מיטללענדישן ים, פאַראַנקערט אין קאַדיקס, אַ האַפן אין אַנדאַלוזיע, ווו מ׳האָט דעם רויבער אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, וואָרים די שקלאַפן־הענדלער האָבן אים שוין געקענט און אָפּגעוואַרט אויף דער לעבעדיקער סחורה... אַ רייכער מאַן, מיטן נאָמען קאַרדיוואַן, פון דער שטאָט קאָרדאָווא, האָט מיך פון אים אָפּגעקויפט און באַצאָלט אַ גרויסע סומע געלט. אַזוי האָט מיר מיין האַר שפּעטער געזאָגט.

„איך האָב געפונען חן אין זיינע אויגן — האָט ר׳ משה בן חנוך מיט אַ ביטערן שמייכל צוגעגעבן — און ער פלעגט מיך באַפרייען איין מאָל אין דער וואָך אויף אַ שעה צייט צו גיין דאַוונען אין בית המדרש.

„נישט איינמאָל, ווען איך בין געקומען אויף דער איינער שעה אין בית־המדרש, האָט מיך אָנגענומען אַ גרויסער חשק צוצוגיין צו איינעם פון אייך און אויסדערציילן מיין ביטער האַרץ. איך האָב מורא געהאַט פאַר מיין אַראַבישן האַר און איך האָב נישט געפונען גענוג מוט און כוח דאָס צו טאָן — האָט משה בן חנוך צוגעגעבן ביים פאַרענדיקן זיין טרויעריקע געשיכטע — דאָס האַרץ האָט אין מיר געפלאַטערט, ווען איך האָב געהערט די רייד פון תורה. איך פלעג מיך אויף אַ רגע אין געדאַנק צוריק אומקערן אין דער ישיבה פון מיין שטאָט סורא... אָבער ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט פון מיינע מחשבות און צוריק געזען מיין ווירקלעכקייט אַלס שקלאַף, האָב איך מיך געפילט דערנידעריקט. אפשר האָב איך שלעכט געהאַנדלט, פאַרוואָס איך האָב מיך נישט געגעבן צו דערקענען ווי אַ ייִד, ווען איך בין געקומען אויף דער איינציקער שעה אין בית־המדרש... איר מעגט מיר גלייבן, מיינע טייערע ברידער, אַז מיין האַרץ האָט געבלוטיקט און איך האָב געוואַרט אויף אַ בעסערער געלעגנהייט, און די געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט, ווען איך האָב דערפילט, אַז איך וועל דעם יום־טוב פסח מוזן פאַרבלייבן צווישן גויים, האָב איך מיך אָנגענומען מיט מוט און איך בין אַהערגעקומען. עס האָבן מיך צוגעצויגן די פיל ליכט אין די יום־טובדיקע פענצטער און די הייליקייט, וואָס האָט פון דעם גרויסן עולם ייִדן אַרויסגעשטראַמט, ווען איך האָב מיט מיינע אויערן אויפגעכאַפּט דאָס געוויש פון אינעווייניק...“

ער האָט פאַרענדיקט זיין דערציילן, און אַ שטילקייט איז געבליבן הויערן אין גרויסן צעלויכטענעם זאַל. קיינער האָט נישט געוואַגט די דאָזיקע שטילקייט איבערצורייסן. עס האָבן נאָך אין חלל אָפּגעקלונגען די מוראדיקע רייד, וואָס דער ייִד פון בבל האָט איבערגעגעבן...

ביים נשיא, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט, זענען געשטאַנען טרערן אין די אויגן... ער האָט נישט געקאָנט געפינען דאָס ריכטיקע טרייסט־וואָרט פאַרן דאָזיקן געפייניקטן ייִד. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז וואָס ער זאָל אים נישט זאָגן, וועט עס אים די ווייטיק נישט לינדערן און זיין ווונד נישט פאַרהיילן.

אַזוי האָבן אויך געפילט די איבעריקע געסט אין זאַל. עס איז שוין געווען

שפּעט בייןנאַכט. דורך די גרויסע אָפענע פענצטער האָבן אַריינגעבלינצלט בלויע און גרינע שטערן. די לבנה איז שוין געהאַט פאַרשווונדן געוואָרן הינטערן האָריזאָנט און איבערגעלאָזט אַ בלאַסע רויטקייט אויפן ראַנד פון הימל.

ענדלעך האָט דער נשיא געלאָזט הערן זיין שטים, וואָס איז געווען ווייך און פול מיט רחמנות:

— ר׳ משה בן חנוך, פון היינט מאָל אָן פאַרבלייבסטו מיין גאַסט און ווערסט מער נישט צוריקגיין צום רייכן קאָרדיוואַן ווי אַ שקלאַף. איך וועל אים תיכף נאָך יום־טוב לאָזן וויסן, אַז ער קריגט פון מיר די גאַנצע סומע געלט, וואָס ער וועט פאַרלאַנגען פאַר דיר. דו וועסט פון צייט צו צייט פאַרנעמען דאָס אָרט פון אונדזער ראש־ישיבה ר׳ נתן און וועסט לערנען די רייד פון די גאונים אין בבל צו אונדזערע תלמידים.

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט די בעטנדיקע שטים פון יונגן יצחק בן נתן:

— רבי ומורי... — האָט ער אָנגעהויבן, זיך ווענדנדיק צום גאַסט פון בבל, — איר האָט אונדז פריִער אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם פאַלק פון די כוזרים, אָבער דער משורר (פּאָעט) דונש בן לברט האָט אייך איבערגעשלאָגן אין די רייד, בעט איך אייך, דערציילט אונדז ווייטער וועגן דעם דאָזיקן פאָלק, אונדזערע ווייטע פאַרלוירענע ברידער, ווייל מיר דאָ אַלע לעכצן צו הערן וועגן זיי...

אַ געזשום ווי אין אַ בינשטאָק איז אַנטשטאַנען נאָך די דאָזיקע עטלעכע ווערטער פון דעם יונגן בחור, יצחק בן נתן. אַלע האָבן צוגעשטימט צום יונגן יצחקס בקשה, און כאָטש עס איז שוין געווען שפּעט, וואָלט יעדער נאָך געזעסן ביז עס וועט אָנהייבן טאָגן און קיינער וואָלט נישט מיד געוואָרן צו הערן די וווּנדערלעכע שפּראַך פון משה בן חנוך און דעם אינהאַלט פון זיין דערציילן.

אַפילו דונש בן לברט, וועלכער האָט אים געהאַט פריִער איבערגעשלאָגן אין זיינע רייד, האָט זיך איצט אַליין צו אים געווענדט אין אַ בעטנדיקן טאָן:

— ווונדערלעך איז אייער לשון, ר׳ משה בן חנוך און צויבערהאַפט זענען אייערע ווערטער. זייט מיר מוחל פאַר מיין פריִערדיקן צווייפלען אין דער אמת־דיקייט פון אייער געשיכטע.

ר׳ משה בן חנוך האָט אים צוגעוואָרפן אַ דאַנקבאַרן בליק און אין האַרץ אים מוחל געווען. דאָס פּנים זיינס האָט איצט העל געלויכטן אין דעם שיין פון די ליכט, וואָס האָבן שוין באַלד דערברענט ביזן סוף. ער האָט אַ לייכטן שמייכל געטאָן אין דער זייט פון יונגן יצחק בן נתן און צו אים געזאָגט:

— איך זע, ווי גרויס עס איז דיין ליבע און בענקשאַפט צו אונדזערע ברידער אין די ווייטע אומבאַקאַנטע לענדער, ווו גאָט ברוך הוא האָט זיי פונאַנדער־געשפּרייט, און איך וועל מיך טיילן מיט דיר און אַלע ברידער דאָ מיט אונדז מיט דעם אַלעם, וואָס איך ווייס וועגן זיי.

„די כוזרים דינען צום גאָט פון אונדזערע אָבות שוין אַן ערך צוויי הונדערט יאָר. ווער זיי זענען און פון וואַנען זיי שטאַמען זענען פאַראַן פאַרשידענע מיי־נונגען. טייל זאָגן, אַז פון די עשרת השבטים און אַנדערע זאָגן, אַז גאָר פון אַ פרעמדן שבט"...

יצחק בן נתן האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, און איבערגעשלאָגן אים אין די רייד. עס האָט דעם יונגן צעפלאַמטן בחור ווי געטאָן, וואָס עס זענען נאָך גאָר דאָ ספקות, צי אונדזערע פאַרלוירענע ברידער זענען פון די צען שבטים, און ער האָט געזאָגט:

— אויב עס זאָל זיין אמת, אַז זיי שטאַמען נישט פון די עשרת השבטים, טאָ פון וואַנען נעמט זיך, וואָס זיי דינען צו אונדזער גאָט? וואָרים ווען דער אויבערשטער איז אַרומגעגאַנגען מיט זיין תורה צו די אומות פון דער וועלט, האָט קיינער נישט, אַחוץ דעם יידישן פאָלק, די תורה געוואָלט אָננעמען! דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז זיי געהערן צום פאָלק פון ישראל...

מנחם בן סרוק האָט אים לייכט אַ גלעט געטאָן איבער דער פלייצע. ער האָט געהאַט נחת פון זיין יונגן תלמיד. אויך ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס דאָזיקע פאָלק, וואָס רופט זיך אָן מיטן נאָמען „כוזרים", איז איינער פון די פאַרלוירענע שבטים, און אַ ראיה האָט ער טאַקע גענומען פון אלדד הדני, וועלכער האָט דערציילט וועגן אַ פאָלק אויף מזרח פון רויטן ים, און דאָס האָט ער געוויס געמיינט די כוזרים. און אויף זיי האָט ער דאָך געזאָגט, אַז זיי שטאַמען אָפּ פון שבט מנשה און אפרים...

ר' משה בן חנוך האָט אויסגעהערט די רייד פון יצחק בן נתן און זיין לע־רער מנחם בן סרוק און ער האָט אַ פאַרטראַכטער צוגעגעבן, אַז אויף געוויס ווייסט מען נישט, צי די כוזרים שטאַמען יאָ אָדער נישט פון די עשרת השבטים און צי דער רייזנדער אלדד הדני, ווען מנחם בן סרוק דערמאָנט, האָט טאַקע געמיינט זיי, ווען ער האָט גערעדט וועגן אַ פאָלק אויף מזרח פון רויטן ים. דאָס לאַנד פון די כוזרים איז אויף צפון־מזרח פון ים־סוף אַ סך העכער אַרויף, לעבן ים פון די כאַזאַרן... זיכער איז אָבער דאָס, אַז זיי זענען יידן לויט דער אמונה און איבער זיי הערשט אַ יידישער מלך. ער האָט דערביי איבערגעגעבן פאָלגנ־דיקע טשיקאַווע געשיכטע:

— מיט קנאַפּע 250 יאָר צוריק האָט פון בבל אויסגעוואַנדערט אַ תלמיד־חכם מיטן נאָמען יצחק סאַנגורי. ער איז פריער געהאַט אַוועק אין די ביזאַנטישע לענדער, אָבער היות מען האָט דאָרט גערודפט יידן, איז ער געצוווּנגען געווען ווייטער צו וואַנדערן, און ער איז מיט זיין פאַמיליע אָנגעקומען אין אַ לאַנד, וואָס די אַראַבער האָבן עס אָנגערופן כאַזאַריע און אויף לשון־קודש — דאָס לאַנד פון די כוזרים...

וועגן יצחק סאַנגורי איז ווייניק באַקאַנט אין בבל, ווייל ער האָט נאָך זיך דאָרט גאָרנישט איבערגעלאָזט. נאָך מיט אַן ערך 200 יאָר צוריק איז געקומען אין זיין שליחות פון כאַזאַרן־לאַנד זיינס אַ תלמיד מיטן נאָמען חסדי, און אין די רשימות פון דער צייט פון ר׳ אחאי גאון איז פאַרשריבן, וואָס אָט דער חסדי האָט דערציילט. ער קומט, האָט ער איבערגעגעבן, פון דעם כוזרים־לאַנד, ווו אין דער שטאָט באַלאַנגאַר (היינטיקע אַסטראַכאַן), וואָס ליגט אויפן טייך איטיל, ביים אַריינגוס פון ים פון די כאַזאַרן (קאַספּישער ים), וווינען פיל ייִדן און אַלע זענען זייער רייך. זיי האָבן אים געשיקט מיט אַ גרוס און מיט היפּשע נדבות קיין בבל. דאָס פאָלק פון די כוזרים, האָט ער געזאָגט, שטאַמט־אָפּ עפּעס פון אַ מאָנ־גאָלישן צי פון אַ טערקישן שבט און זיי האָבן זיך אונטער דעם איינפלוס פון דעם דאָזיקן יצחק סאַנגורי מגייר געווען און זענען געוואָרן ייִדן...

ווייטער איז אונדז וועגן זיי גאָרנישט באַקאַנט, ווייל דאָס לאַנד געפינט זיך זייער ווייט פון בבל, — האָט ר׳ משה בן חנוך פאַרענדיקט זיין גרוס, — און אויב מען זאָל קאָנען פון דאַנען שיקן אַ שליח, כדי זיך צו שטעלן מיט זיי אין פאַרבינדונג, וואָלט עס געווען אַ גרויסע זאַך...

יצחק בן נתן האָט ביי די לעצטע ווערטער פשוט אויפגעלויכטן. ער האָט געזען פאַר זיך אַ גוטן סימן, אַז זיין לאַנג־אויסגעחלומטער ציל האַלט ביים דער־גרייכט ווערן און ער איז געווען דאַנקבאַר דעם אויסטערלישן גאַסט פון דער היינטיקער פסח־נאַכט.

ווען דער עולם האָט זיך גענומען פונאַנדערגיין פון נשיאס הויז, האָט שוין אָנגעהויבן בלויען אינדרויסן און אַ נייער טאָג איז געבוירן געוואָרן. אויף מזרח־זייט האָט דער הימל בלאַסלעך זיך גערויטלט און גין־גאָלדענע שטראַלן האָבן באַגריסט די בלויע וועלט מיט אַ נייעם „גוט־מאָרגן"...

יצחק בן נתן האָט לאַנג־לאַנג נישט געקאָנט איינשלאָפן. ער איז געווען אינגאַנצן דורכגענומען מיט די געשיכטעס פון ר׳ משה בן חנוך, און די פאַרגאַנ־גענע סדר־נאַכט האָט אים אויסגעזען ווי אַ חלום. ווען ער איז ענדלעך איינגע־שלאָפן, האָט ער דערזען די שיינע פנינה אין איר גאַנצער פּראַכט און זי האָט גאָרנישט צו אים גערעדט, בלויז האָפענונגספול צו אים געשמייכלט, און ער איז געווען גליקלעך...

**
*

אַ גרויסן רושם האָט געמאַכט אין די ייִדישע הייזער דאָס אָנקומען פון דעם אויסטערלישן ייִד פון בבל, ר׳ משה בן חנוך, און עס האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין וועגן אים די פאַרשידנסטע מעשיות. ביי טייל מענטשן איז אויסגעקומען, אַז ער איז געשיקט געוואָרן אַלס שליח פון דעם ייִדישן מלך אין דעם לאַנד פון די

כוזרים, און אַז גאָר אינגיכן וועלן אַהער קומען ייִדן פון דעם דאָזיקן שבט און עס וועט זיך איינשטעלן אַ פאַרבינדונג צווישן די ייִדן אין שפּאַניע און די ייִדן פון ווייטן אומבאַקאַנטן לאַנד.

— עס זענען שוין געקומען משיחס צייטן... — האָט מען גערעדט אין בית־המדרש, אין די שטובן און אויף דער גאַס. — באַלד וועלן זיך אַלע צוועלף שבטים ווידער פאַראייניקן, און דאָס פאָלק פון ישראל וועט ווערן גרויס און שטאַרק ווי אין די צייטן פון שלמה המלך.

אין דעם טאָג נאָך פּסח איז געקומען אַ צווייטע איבערראַשונג, וואָס האָט דעם אויסטערלישן גאַסט נאָך מער דערהויבן, און עס איז באַשטעטיקט געוואָרן דער קלאַנג, אַז אָט דער מאָדנער אורח פון בבל, וועלכער רעדט אַזאַ שיינעם לשון־קודש, איז נישט פּשוט אַ ייִד פון בבל, נאָר ער איז אַ גרויסער תּלמיד־חכם און אַ מאַן פון גרויסן וויסן.

ווען ער איז געקומען אין בית־המדרש צוצוהערן זיך צום לערנען, ווי עס האָט אָנגעפירט דער ראש־ישיבה ר׳ נתן, איז ר׳ משה בן חנוך פריִער געזעסן שטיל און מיט דרך־ארץ זיך איינגעהערט אין די רייד פון די היגע תּלמידי־חכמים. ער האָט באַוווּנדערט זייער קענטעניש פון תּלמוד בבלי, ווי זיי ווייסן גענוי, וואָס די תּנאים און אמוראים האָבן געפּסקנט. ער האָט ביז איצט געמיינט, אַז נאָר ביי זיי אין בבל זענען די אַלע פּירושים און הלכות באַוווּסט. אָבער אָט איז געקומען צו אַן אויסטויש וועגן די רייד פון די לעצטע גאונים, איז אַפילו פאַר ר׳ נתן דעם ראש־ישיבה די זאַך געווען נישט אינגאַנצן קלאָר. ער האָט זיך אָנגעהויבן פּלאָנטערן מיט די רייד און דאָס, וואָס ער האָט פאַר זיינע תּלמידים אַרויסגעבראַכט, איז געווען אומקלאָר און פאַרנעפּלט. דאָ האָט זיך אויפגעשטעלט ר׳ משה בן חנוך און געבעטן רשות ביי ר׳ נתן דעם ראש־ישיבה, אַז ער וויל די זאַך אויפקלערן, און ער האָט אין אַ שיינער דרשה, מיט אַזוי פיל קלוגע משלים און פאָלקס־שפּרוכן, באַצירט מיט פּסוקים פון תּנ״ך, אויפגעוויקלט פאַר זיי אַ רייך בילד. עס האָט געשפּרודלט פון זיין מויל ווי אַ פרישער קוואַל, און מיט אַזאַ חריפות איז אַלץ אַרויסגעזאָגט געוואָרן, אַז די תּלמידים זענען געבליבן זיצן מיט אָפענע מיילער פאַר גרויס התלהבות און פאַרחידושטקייט. פיל פאַרנעפּלטע און נישט גאַנץ קלאָרע ענינים זענען איצט פאַר זיי געווען אַזוי קלאָר און פאַרשטענדלעך, אַז ס׳איז זיי ממש ליכטיק געוואָרן אין די מוחות.

ווען ער האָט געענדיקט דאָס אויפקלערן פאַר ר׳ נתנס תּלמידים די האַרבע שאלות, וואָס ער האָט מיט אַזאַ לייכטקייט פאַרענטפערט, איז אין גרויסן בית־המדרש געבליבן אַ רגע שטיל. אין די אויערן האָט נאָך ביי אַלעמען אָפּגעהילכט די שיינע קלינגענדיקע שפּראַך פון די נביאים, וואָס אַזעלכעס האָבן זיי נאָך ביז איצט פון קיינעם נישט געהערט. נאָר אָט האָט זיך פּלוצלינג אַ הייב־אויף געטאָן

פון זיין אָרט ר׳ נתן. ער איז צוגעגאַנגען מיט פעסטע טריט צום גאַסט פון בבל און, פאַרנייגנדיק זיך פאַר אים מיט גרויס דרך־ארץ, האָט ער אויסגערופן מיט אַ ציטערדיקער שטים:

— רבי ומורי, זיי מיר מוחל, וואָס איך האָב דיך באַלד נישט אַוועקגעזעצט אויף מיין שטול, וואָס פון היינט־אָן געהערט זי צו דיר. נישט איך בין ראוי צו זיין דער ראש־ישיבה און דער מדריך פון מיינע תלמידים, נאָר דו, מיין גרויסער רבי, וועמען גאָט אַליין האָט צוגעשיקט צו אונדזער שטאָט פון תורה...

ער האָט אים זאַכט אָנגענומען ביי דער האַנט, צוגעפירט צו זיין שטול און אים געוואָלט אויף איר אַוועקזעצן.

ר׳ משה בן חנוך האָט זיך אָקעגנגעשטעלט און באַין אופן נישט געוואָלט אָננעמען דעם כבוד.

— חלילה פון מיר צו טאָן אַזאַ זאַך, — האָט ער אויסגערופן מיט אַ וויבּרירנדיק קול, און טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן פון גרויס אויפּרעגונג — איך בין נישט געקומען אַהער ביי דיר צוצונעמען דיין שטול, רבי, נייערט צוצוהערן זיך צום לערנען פון דיינע תלמידים... יאָ, זיי קאָנען גאַנץ דרייסט גיין לערנען אין די ישיבות פון סורא און פומבדיתא... איך וויל בלויז זיין דיין תלמיד...

ר׳ נתן האָט תיכף געשיקט רופן דעם נשיא און די זקני העיר, כדי מיט זיי אָפּצוהאַלטן אַ וויכטיקע אסיפה.

איבער דער צייט האָט זיך אין בית־מדרש אויפגעהויבן אַ טומל, די תלמידים מיט דעם יונגן יצחק בראש האָבן זיך אַרומגעשטעלט דעם גאַסט פון בבל און אים אָנגעהויבן פאַרוואַרפן מיט אַ ים פון שאלות און פאַרשידענע קשיות, וואָס ביז איצט זענען זיי פאַר זייערע מוחות געווען פאַרהוילן און נישט צוטריטלעך. ר׳ משה בן חנוך האָט זיי אויף אַ גוטמוטיקן שטייגער אַלץ פאַרענטפערט, דעם אַ גלעט געטאָן איבערן אַקסל, דעם אַ גוט וואָרט געזאָגט, אַן אַנדערן געלויבט פאַר זיין חריפות און ער האָט גלייך געוווּנען די ליבע פון אַלע תלמידים אין בית־המדרש.

ווען דער נשיא מיט די זקני העיר זענען אָנגעקומען, האָבן זיך די תלמידים אומגעקערט יעדער אויף זיין אָרט און מיט דרך־ארצדיקן שטילשווייגן אָפּגעוואַרט וואָס דאָ וועט ווייטער פאָרקומען.

ר׳ נתן האָט אין קורצע ווערטער זיי דערציילט, וואָס פאַר אַ גרויסן תלמיד־חכם די שטאָט קאָרדאָוואַ האָט אַריינבאַקומען און אַז ער האָט באַשלאָסן אים אָפּצוטרעטן די שטול פון ראש־ישיבה.

— ער איז מער ראוי פון מיר דאָס דאָזיקע אָרט צו פאַרנעמען!... — האָט ר׳ נתן מיט גרויס באַשיידנקייט אויסגערופן. — ער האָט מיר היינט געעפנט

די אויגן און פאַר מיר קלאָר געמאַכט די פאַרהוילענע וועגן אין ים פון תלמוד... מיר האָבן געהאַט אַ זכות אין הימל, וואָס גאָט האָט אונדז צוגעשיקט אַזאַ גרויסן מאַן. צדיק בא לעולם טובה באה... אַ צדיק איז געקומען אויף דער וועלט, איז גוטס געקומען...

דער נשיא האָט דעמאָלט זיך דערנענטערט צו ר׳ משה בן חנוך, אַרויפגעלייגט די האַנט אים אויפן אַקסל און אויסגערופן מיט אַ פריינטלעך קול:

— דיין קומען אַהער צו אונדז אין שטאָט זעט אויס ווי אַ נס, און ווען דו האָסט מיר אָנגעהויבן דערציילן וועגן די פיר שליחים פון בבל, און וויסנדיק שוין דעם גורל פון נתן בן יצחק אין נאַרבאָן, האָב איך באַלד פאַרשטאַנען, ווער דו ביסט, אָבער איך האָב געוואַרט, אַז עס זאָל פון זיך אַליין קומען. נעם־אָן די שטול פון אַ ראש־ישיבה, טו עס אונדז צוליב...

און ר׳ משה בן חנוך האָט מער קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. ער האָט זיך אונטערגעגעבן דעם דעת הקהל, אָנגעטאָן די רבנישע קליידער, אַוועקגעזעצט זיך אויף ר׳ נתנס שטול און אָנגעהויבן לערנען מיט די תלמידים אַ שיעור.

די דאָזיקע נייעס האָט געמאַכט אַ רעש אין שטאָט. אַלע האָבן אין דעם געזען גאָטס פינגער. צום מערסטן האָט זיך אָבער געפרייט דער יינגסטער תלמיד, יצחק בן נתן. ער האָט דערפילט אין דעם נייעם ראש־ישיבה אַ גרויסע אונטערשטיצונג פאַר זיינע פּלענער. ער פלעגט זיך נאָכן לערנען, צווישן מנחה און מעריב, שטענדיק אַוועקזעצן מיטן נייעם רבין אין דער טונקל און אויסגעפרעגט ביי אים וועגן די יידן אין דעם לאַנד פון די כוזרים. ער איז אין פאַרלויף פון זיינע שמועסן געוואויר געוואָרן עפּעס גאָר אַ נייע זאַך, וועגן וועלכער מ׳האָט ביז איצט אין שפּאַניע נישט געוווּסט, און דהיינו: אין די ביזאַנטישע לענדער און אויפן אינדזל קרים, וואָס איז אויפן שוואַרצן ים, האָט זיך אַן אומבאַדייטנדיקע טייל פון יידישן פאָלק אָפּגעריסן און געגרינדעט אַ נייע סעקטע, וואָס האַלט נישט פון תלמוד און אָנערקענט נישט די אויטאָריטעט פון די רבנים. זיי האַלטן בלויז פון חומש, און דעריבער רופט מען זיי „קראים״, צוליבן וואָרט „מקרא״, אָדער קאַראַימער... אָט די דאָזיקע קראים פאַרשפּרייטן זייער פאַלשע לערע צווישן די דאָרטיקע יידן, און זיי באַמיען זיך אויך אַריבערצוקריגן צו די כוזרים און זיי אָפּרייסן פון אונדז...

דאָס פּנים פון יצחקן האָט אויפגעפלאַמט. ער האָט פאַר זיך איצט דערזען אַ טאָפּלטן ציל אין זיין אַוועקגיין אין דעם וויַיטן אומבאַקאַנטן לאַנד. ער וועט צוזאַמענברענגען די פאַרלוירענע ברידער, און אַחוץ דעם וועט ער זיי אָפּהיטן פון אַריינצופאַלן אין די הענט פון אַפּיקורסים... עס טאָר חלילה ווידעראַמאָל נישט קומען צו אַ שפּאַלטונג, ווי אין די צייטן פון ירבעם בן נבט, צווישן די בני ישראל און דעם שבט יהודה...

אַ גאַנצע נאַכט האָט יצחק בן נתן נישט געקאָנט שלאָפן נאָך דעם שמועס מיט ר׳ משה בן חנוך. ער האָט געהאַט עפּעס אַזעלכע קאָשמאַרנע חלומות. ער האָט זיך געזען אַרומגערינגלט מיט אַ מחנה אויסטערלישע מענטשן, וועלכע האָבן אים געוואָלט נעמען אין געפאַנגענשאַפט, אויב ער וועט זיך נישט אָפּזאָגן פון צו גלייבן אין די יידישע רבנים...

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אַן אָפּגעגאָסענער מיט קאַלטן שוויס. ער האָט נאָך דאָס בילד געזען ווי לעבעדיק פאַר זיינע אויגן און אַ לאַנגע צייט זיך נישט געקאָנט באַרויקן, ביז ער איז ווידער איינגעשלאָפן, כדי ווידער זיך צו פּייניקן אין אַזעלכע ענלעכע קאָשמאַרן...

אַ גאַנצן טאָג נאָכדעם איז דער יונגער בחור אַרומגעגאַנגען אַ צעשטריי־טער, ער האָט געלעבט ווי אין אַ חלום, און ווען ער האָט זיך די זעלבע נאַכט באַ־געגנט מיט דער שיינער פנינה אין ר׳ חסדאיס ציפּרעסן־גאָרטן, כדי מיט איר איינצוחזרן די לשון־קודשדיקע פּערזן, האָט ער צו איר גערעדט עפּעס אַזעלכע אויסטערלישע רייד, פאַר וועלכע דאָס מיידל האָט זיך דערשראָקן און געמיינט, חלילה, אַז יצחק איז אַראָפּ פון זינען.

ער האָט גערעדט צו איר וועגן עפּעס אַ מאָדנעם פאָלק מיטן נאָמען „קראים״, און אַז ער וועט קעגן זיי קעמפן מיט די לעצטע כוחות, ביז ער וועט זיי מנצח זיין און אָפּראַטעווען די כוזרים, די ווייטע ברידער, פון זייערע הענט...

— וואָס פאַר אַ מענטשן זענען זיי?... — האָט פנינה אים געפרעגט אַ פאַרוווּנדערטע צוליב די אויסטערלישע ווערטער, וואָס זי הערט פון אים צום ערשטן מאָל — ווער זענען זיי און וואָס ווילן זיי פון אונדז, יידן?

און וויפל יצחק האָט זיך נישט באַמיט איר צו געבן צו פאַרשטיין, האָט זי עס נישט באַנומען און זי האָט צום ערשטן מאָל, זינט זיי קענען זיך, אים אַ גלעט געטאָן איבער דער האַנט און געזאָגט:

— ווען דו וועסט אַוועקגיין אין דעם ווייטן לאַנד אַריין, וועל איך פאַר דיר תפילה טאָן, אַז זאָלסט מצליח זיין אין דיין שליחות, וואָרים איך פיל, אַז אַ גרויסע זאַך נעמסטו דיך אונטער דורכצופירן און דיין נאָמען וועט דורך אַלע־מען געבענטשט ווערן...

יצחק איז דעם אָוונט אַהיימגעקומען אַ גליקלעכער. זיינע אויגן האָבן גע־שיינט, און ווען ער האָט אַריבערגעטרעטן די שוועל פון זיין פאָטערס צימער, האָט דער אַלטער ר׳ נתן באַמערקט אַן ענדערונג אויף זיין זונס פנים.

— וואָס איז דיר געשען, מיין זון, וואָס דיינע אויגן גלאַנצן אַזוי חדווה־דיק? דאָס איז אַ גוטער סימן. דאָס מיינט, אַז דיין ציל איז נאָענט פאַרווירק־לעכט צו ווערן. אויב אַזוי קאָן איך דיר אָנזאָגן אַ פריילעכע בשורה, וואָס דו ווייסט נאָך נישט...

— וואָס האָט פּאַסירט, מײַן פֿאָטער?... — האָט יצחק אַ צעשטראַלטער אויסגערופֿן — וואָס פֿאַר אַ פֿריילעכע בשורה? האָט דען דער נשיא שוין באַשטימט, אַז ער שרײַבט אַ בריוו צו דעם מלך פֿון די כוזרים? האָט ער שוין אָפּגעמאַכט בײַ זיך, אַז איך וועל זײַן דער שליח?...

— יאָ, עפּעס אמת איז פֿאַראַן אין דײַנע רייד... — האָט דער פֿאָטער געצויגן מיט די ווערטער. — דער פּאָעט מנחם בן סרוק, דעם נשיאס ערשטער בעל־יועץ, האָט שוין באַקומען אַ געבאָט פֿון נשיא אויסצושטעלן דעם בריוו צום ייִדישן מלך און ער, מנחם, האָט זיך שוין גענומען צום שרײַבן. אָבער באַוויגן האָט אים דערצו, וואָס נעכטן אָוונט זענען שוין אָנגעקומען די דערוואַרטע שליחים פֿון ביזאַנטישן קייסער ראָמאַנוס דעם צווייטן. אַ גרויסע אויפֿנאַמע האָט אונדזער נשיא, דער אויסערן־מיניסטער אבן שפּרוט, פֿאַר זיי געמאַכט, און ער האָט מיט זיי שוין גערעדט וועגן דעם פֿאָלק פֿון די כוזרים. דאָס איז נאָך דערווײַל פֿאַר אַלעמען אַ געהיימניש. מן־הסתם וועט מען וועגן דעם באַלד געוווּר ווערן אין בית־המדרש, ווײַל דער נשיא האָט אויף מאָרגן צונויפֿגערופֿן אַלע ייִדן פֿון שטאָט מיט די זקני העיר בראש. עס וועלן אויך אָנוועזנדיק זײַן ר׳ משה בן חנוך, דער נײַער ראש־ישיבה, און איך, דײַן פֿאָטער...

יצחק האָט פֿאַר גרויס פֿרייד אָנגעהויבן צו טאַנצן אינמיטן שטוב. די אויגן האָבן בײַ אים אַזוי געשײַנט, גלײַך אַ לויכטנדיקע זון וואָלט אין הויז אויפֿגעגאַנגען. ער האָט פֿון פֿאַרגעסנקייט עטלעכע מאָל אויסגערופֿן דעם נאָמען פֿון דער שיינער פּנינה, אויף וואָס דער אַלטער ר׳ נתן האָט באַדייטונגספֿול אַ שמייכל געטאָן... ער האָט זיך שוין לאַנג עפּעס געהאַט אָנגעשטויסן, און די זאַך האָט אים הנאה געטאָן. אויך אים אַליין איז נישט איינמאָל אין געדאַנק אויפֿגעגאַנגען ווי אַ בליץ, אַז ער וואָלט זיך געוואָלט משדך זײַן מיטן נשיא, אָבער דאָס איז געווען פֿאַר אים אַ ווײַטער נישט דערגרייכבאַרער חלום.

טאַטע און זון זענען די נאַכט נישט זייער רויִק געשלאָפֿן און האָבן געהאַט עפּעס מאָדנע חלומות. צומאָרגנס האָט זיי אַ בריִענדיקע זון אין פֿענצטער אַ לויכט געטאָן אין די אויגן אַרײַן און אויפֿגעוועקט. עס האָט אויסגעזען יום־טובֿדיק אינדרויסן. די גערטנער אין שטאָט זענען געווען גרין און צעבליט, אַן אָנגענעמער ריח האָט זיך געטראָגן איבער די גאַסן און מענטשן האָבן אין זיך אײַנגעזאַפּט די איידעלע געשמאַקן.

עס האָט זיך אָנגעזען אין שטאָט אַ גרעסערע באַוועגונג, אַזוי פֿיל מענטשן האָבן שפּאַצירט אין די גאַסן און מ׳האָט דערקענט, אַז עפּעס אויסערגעוויינלעכס האָט פּאַסירט.

און באַלד איז אַלץ פֿאַרשטענדלעך געוואָרן. איבער דער גאַס האָבן געשפּרייזט עטלעכע אויסטערליש געקליידטע מענטשן, הויך ווי די ריזן, די קעפּ

באַוואַקסן מיט לאַנגע רויטע האָר, און אָנגעטאָן זענען זיי געווען אין גאָלד־אויס־געהאַפטענע קליידער, און שווערדן, באַזעצט מיט איידל־שטיינער, אויף זייערע לענדן אָנגעהאַנגען. זיי האָבן גערעדט אויף עפּעס אַ מאָדנער שפּראַך, וואָס איז אין די אויערן פון די שפּאַניער און ייִדן אויסגעקומען קאָמיש. הינטער זיי זענען נאָכגעגאַנגען מתנות קינדער און דערוואַקסענע און האָבן באַוווּנדערט זייער פּראַכט און גלאַנץ.

דאָס זענען עס געווען אַ טייל פון די שליחים, וואָס דער ביזאַנטישער קייסער ראָמאַנוס האָט געשיקט צום קאַליף אַבדול ראַכמאַן.

מען האָט זיך איינער דעם אַנדערן דערציילט אויפן אויער די גוזמאותדיקסטע געשיכטעס וועגן די טייערע מתנות, וואָס די שליחים האָבן געבראַכט פאַרן קאַליף און פאַר זיין אויסערן־מיניסטער, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט. דאָס האָט דער ביזאַנטישער קייסער געוואָלט מיט די מתנות אונטערקויפן דעם אַראַבישן הערשער פון שפּאַניע און אַרויסקריגן ביי אים גוטע באַדינגונגען אין דעם פּריינט־שאַפטס־אָפּמאַך, וואָס האָט געזאָלט היינט אונטערגעשריבן ווערן אין פּאַלאַץ פון ייִדישן אויסערן־מיניסטער.

שפּעטער, ווען אַלע בכבודיקע מענטשן מיטן נשיא בראש זענען זיך צוזאַמענגעקומען צו מנחה און מעריב אין גרויסן בית־המדרש, און ר׳ חסדאי אבן שפּרוט האָט פאַרן פול־אָנגעפּאַקטן עולם מתפּללים איבערגעגעבן דעם פאַרלויף פון געשפּרעך מיט די ביזאַנטישע שליחים, האָט אַלעמען אַ גרויסע פרייד באַהערשט.

יצחק בן נתן האָט אינגאַנצן געשטראַלט און ער איז אין די אויגן פון זיינע חברים אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסן העלד, וואָרים זיין נאָמען איז אין די געשפּרעכן עטלעכע מאָל דערמאָנט געוואָרן.

און אָט וואָס דער נשיא האָט איבערגעגעבן:

„ווען די שליחים פון קייסער ראָמאַנוס זענען דערשינען פאַר מיר אין פּאַלאַץ, כדי איבערצוגעבן די בקשה פון זייער הערשער צו אונדזער קאַליף אַבדול ראַכמאַן, האָב איך אין איינעם פון די תנאים, וואָס זיי דאַרפן אונדז נאָכגעבן, אויך אַריינגעשריבן, אַז די ייִדן, וועלכע וווינען אין די לענדער אונטער דעם קייסערס הערשאַפט, דאַרפן אַלע גלייך גוט באַהאַנדלט ווערן ווי זיינע איבעריקע אונטערטאַנען. דערנאָך האָבן זיי מיר אויף מיינע פראַגן וועגן דעם כוזרים־פאָלק געגעבן דערציילט דאָס זעלבע, וואָס עס האָט אונדז איבערגעגעבן אונדזער נייער ראש־ישיבה ר׳ משה בן חנוך. איך האָב זיי דעריבער געבעטן, אַז זיי זאָלן אויף דעם וועג אַהיים אין זייער לאַנד אַריין מיטנעמען מיין אויסדערווײלטן מאַן, יצחק בן נתן, וועלכן איך שיק אַלס שליח צו דעם פאָלק פון די כוזרים. מיר בעטן דעם ביזאַנטישן קייסער ראָמאַנוס דעם צווייטן, ער זאָל דערמעגלעכן אונדזער

שליח ווייטער פּאָרצוזעצן זיין וועג קיין קאַווקאַז, איבער די בערג פון אררט, אָנ־צוקומען אין דעם אויסטערלישן לאַנד אַריין, וועמענס באַפעלקערונג דינט צום יידישן גאָט...״

ווען ר׳ חסדאי האָט פאַרענדיקט איבערצוגעבן וועגן דעם פאַרלויף פון זיין געשפרעך מיט די ביזאַנטישע שליחים, איז געוואָרן אַזאַ טומל אין בית־המדרש, אַז מען האָט דעם עולם בשום אופן נישט געקאָנט איינשטילן.

יצחק בן נתן איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך זיינע חברים און מען האָט אים אויף די הענט געטראָגן. ער אַליין איז געווען אַזוי גליקלעך, אַז ער האָט קיין ווערטער אין זיין מויל נישט געקאָנט געפינען ווי אַזוי אָפּצודאַנקען דעם נשיא.

ער איז בלויז צוגעגאַנגען צו אים, אַ ווײַלע געשטאַנען אין ערפורכטיקן שטילשווייגן, דערנאָך האָט ער מיט שטיקנדיקע ווערטער בלויז געזאָגט:

— איך וועל אייך, איידעלער נשיא, נישט פאַרשאַפן קיין אומכבוד. איך וועל זיין גליקלעך צוריקצוברענגען די וווּנדערלעכע בשורה וועגן אונדזערע אָפּ־געפונענע ברידער, פון וועלכע מיר האָבן כמעט צוויי טויזנט יאָר נישט געהערט און נישט געוווּסט.

טרערן זענען גערונען פון אַלעמענס אויגן מחמת גרויס פרייד, אַפילו דעם נשיא אַליין זענען די אויגן פייכט געוואָרן. ער האָט בלויז די הענט זיינע אַרויפ־געלייגט אויף יצחקס קאָפּ און געשעפּטשעט מיט די ליפּן אַ ברכה.

קאַפּיטל צוויי

אַ בריוו צום ייִדישן מלך

די טעג פון פּסח זענען שוין געהאַט פאַרביי, עס האָבן זיך צוריק איינגעשטעלט די וואָכן־טעג, און מענטשן האָבן זיך אַנגעהויבן פאַרנעמען מיט זייערע טאָג־טעגלעכע אַרבעטן. די גאַנצע שטאָט קאָרדאָווא איז געווען באַדעקט ווי מיט אַ ווייסן שניי פון דעם בלי־עכץ אין די גערטנער, און די ריחות פון די אויפגעעפנטע בלומען־קנאָספּן האָבן פאַרכאַפּט דעם אָטעם. די טעג זענען געווען פּראַכטפולע, פול מיט זון־שיין און בלויען הימל, און מענטשן האָבן זיך דערפילט ווי ניי־געבוירענע.

יצחק בן נתן האָט זיך געגרייט אין דעם וויטן וועג אַריין. די ביזאַנטישע שליחים האָבן שוין געהאַט די פאַרזיגלטע בריוו צו זייער קייסער ראָמאַנוס אין קעשענע. זיי האָבן מיט זייער שליחות צום קאַליף אַבדול ראַכמאַן מצליח געווען. גאַר אַ סך האָט זיי דערין צוגעהאָלפן דער ייִדישער אויסערן־מיניסטער, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט. איצט האָט שוין ראָמאַנוס דער צווייטער גאָרנישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן פאַר זיינע שכנים, די האַלב־ווילדע בולגאַרן און אונגאַרן ביים טייך דאָניי. דאָס אַראַבישע שפּאַניע האָט ביי די דאָזיקע סלאַווישע און מאַנגאָלישע פעלקער אַרויסגערופן מורא און דרך־ארץ. ווען די ביזאַנטיער האָבן געהאַט דעם אַראַבישן קאַליף אַבדול ראַכמאַן אויף זייער זייט, האָבן זיי שוין רו־יק געקאָנט אָנגיין מיט זייער טאָג־טעגלעכער אַרבעט.

אָבער אַ פאַרדאַכט האָט זיך אין די מוחות פון די ביזאַנטישע שליחים דאָך אַריינגעגנבעט. זיי האָבן נישט געקאָנט בשום אופן פאַרשטיין, פאַרוואָס עס גייט אַזוי אין לעבן דעם אויסערן־מיניסטער פון אַנדאַלוזיע צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט די ווילדע כאַזאַרן אָדער כוזרים. איז עס נישט אַמאָל מצד דעם ביטערן ייִדישן שטאַטסמאַן אַ שפּיצל קעגן דעם קייסער ראָמאַנוס, וועלכער האָט גראָד פאַר אָט די שטאַרקע כאַזאַרן מורא געהאַט און געשראָקן זיך פאַר זייער אויסשפּרייטונג?...

וועגן דעם, אַז ראָמאַנוס האָט אויך געשלאָסן אַ געהיימען אָפּמאַך מיט דעם רוס און מיט די פּעטשענעגן, וועלכע האָבן געדאַרפט האַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף די אויסטערלישע באַנעמונגען מצד דעם כאַזאַרישן קעניג יוסף, האָבן די ביטערע ביזאַנטישע שליחים נישט דערמאָנט אין זייערע געשפּרעכן מיט אבו יוסף חסדאי אבן שפּרוט, דעם אויסערן־מיניסטער פון קאַליף אַבדול ראַכמאַן.

ווארים דער קעניג יוסף בן אהרן פון דעם כוזרים־לאַנד האָט געהאַלטן אין איין בויען פעסטונגען און שאַנצן לענגאויס די ברעגן פון די טייכן דאָן און איטיל. אַ גאָר שטאַרקע פעסטונג האָט ער אויפגעבויט אויפן טייך דאָן, און דאָס איז די פעסטונג סאַרקעל, וואָס איז כמעט אומאייננעמבאַר. אַזוי האָבן די שפּיאָנען, וואָס דער ביזאַנטישער קייסער האָט אַרויסגעשיקט קיין כאַזאַריע, אים צוגע־שטעלט אַ באַריכט. און נישט אַזוי ער, ווי זיינע פאַרבינדעטע, די רוסן און פּע־טשענעגן, האָבן דערפאַר שטאַרק מורא געהאַט.

די ביזאַנטישע שליחים האָבן דעריבער מיט אַ כיטרען און געהיימנישפולן שמייכל אויפגענומען די בקשה פון ר׳ חסדאי אבן שפרוט מיטצונעמען זיין ספּע־ציעלן שליח יצחק בן נתן אויף זייער וועג אַהיים, און שפּעטער אים דערמעגלעכן צו פאָרן ווייטער אין דעם לאַנד פון די כאַזאַרן אָדער ווי די ייִדן רופן זיי: די כוזרים.

זיי האָבן פאָרן אָפּפאָרן פון קאָרדאָוואַ אָפּגעהאַלטן צווישן זיך אַ געהיימע באַראַטונג, אויף וועלכער זיי האָבן אָנגענומען אַ געוויסן באַשלוס, וואָס זיי האָבן שפּעטער אַפילו צווישן זיך אַליין אויף די ליפּן נישט געבראַכט.

יצחק איז געווען איבערגליקלעך פון דער דאָזיקער געשעעניש. אין אַלע שטובן, אויף דער גאַס און אין בית־המדרש האָט מען געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דעם. דער יונגער בחור איז אויסגעוואַקסן אין די לעצטע עטלעכע וואָכן אויף אַ גרויסן העלד. זיינע אויגן האָבן געשיינט און אַ פלעמל פון נצחון האָט געפלאַקערט אין זיי. אויך ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ געהיימנישפולן שמייכל אויף די ליפּן.

זיין לערער מנחם בן סרוק האָט אים איבערגעגעבן בסוד סודות, אַז ער האָט שוין באַקומען אַ באַפעל פון נשיא ר׳ חסדאי אבן שפרוט אויסצושטעלן א געהעריקן בריוו צום מלך פון די כוזרים, יוסף בן אַהרן. ער האָט שוין דעם טעקסט פונעם בריוו אָנגעוואָרפן און אַפילו איבערגעלייענט פאַרן נשיא, און ער מוז אים איבערשרייבן אויפסניי.

— דער נשיא איז זייער גערירט פון דער גאַנצער זאַך, אוןביים לייענען דעם בריוו צום ייִדישן מלך האָט ער ממש געגאָסן מיט זידיקע טרערן פון גרויס פרייד, וואָס נאָך אַזוי פיל הונדערטער יאָרן פון ייִדישן גלות איז אים באַשערט איצט צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט אַ ייִדישער מלוכה.... — האָט מנחם בן סרוק יצחקן דערציילט.

יצחק האָט געפיבערט פון גרויס דערוואַרטונג און פון נייגעריקייט דעם בריוו צו הערן לייענען. ער האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געוואָלט זען דעם דאָזיקן אויסטערלישן דאָקומענט, וואָס וועט זיכער אויף אייביק פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק.

— דער בריוו צום כוזרישן מלך וועט געלייענט ווערן אויף אַ ספּעציעלער אסיפה מיט די ראַטגעבער פון נשיא, און דו וועסט אויך זיין דערביי... — האָט אים מנחם בן סרוק אויסגעזאָגט אַ סוד.

די דאָזיקע נייעס האָט יצחקן אויפגעהייטערט. ער האָט שוין געציילט די טעג, ווען ער וועט זיך אַרויסרירן אין וועג אַריין. די פאַנטאַזיע זיינע איז גע־לאָפן ווייט פאָרויס. ער האָט זיך שוין געזען דאָרט אין לאַנד פון די געהיימנישפו־לע כוזרים און פאָרגעשטעלט זיך, וואָס פאַר אַ רושם זיין דערשיינונג וועט מאכן, ווען ער וועט אָנקומען אין קעניגלעכן הויף פון יידישן מלך.

אָבער די געהיימניש, וואָס ער האָט מיט זיך אַרומגעטראָגן, האָט ער גע־האַלטן טיף ביי זיך פאַרגראָבן און מיט דעם גרעסטן אייפער פון זיין נשמה געהאָפּט אויף דעם אָפּגעציטערטן מאָמענט, ווען דער סוד וועט מער נישט דאַרפן באַהאַלטן ווערן. דערווייל האָט ער מיט דעם גרעסטן אומגעדולד געוואַרט אויפן צופאַל פון אָוונט, ווען ער וועט זיך אפשר טרעפן מיט דער שיינער פנינהן. צי וועט זי אָבער וואַרטן אויף אים אין דער טונקלקייט פון די גרינע ציפּרעסן אין איר פּאַטערס גאָרטן? אין קאָפּ האָבן זיך ביי אים געראַיעט אַזוי פיל ווערטער, וואָס ער גרייט זיך איר צו זאָגן, אָבער צי וועט ער דאָס אַלץ געדענקען?...

זיין לערער, מנחם בן סרוק, האָט אים מיט אַן איינגעהאַלטענעם שמייכל אויף די ליפּן געלאָזט וויסן, אַז פנינה האָט זיך ביי אים נאָכגעפרעגט צי ער, — יצחק — וועט היינט קומען מיט איר איינחזרן די לשון־קודשדיקע פּערזן...

יצחק איז רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן, וואָרים ער האָט באַמערקט דעם פאַרטייעטן שמייכל אויף דעם פּאָעטס ליפּן.

ער האָט אָנגעהויבן עפּעס צו שטאַמלען, ווי וועלנדיק זיך פאַרענטפערן פאַר מנחם בן סרוק, אָבער דער פּאָעט האָט אים אַ גלעט געטאָן איבערן אַקסל און געזאָגט:

— דאַרפסט זיך נישט שעמען, יצחק... ווען איך וואָלט געווען אַזוי יונג ווי דו וואָלט איך אויך געגאַנגען צו אַזאַ שיין יונג מיידל ווי פנינה צו לערנען זי ווי צו לייענען לשון־קודשדיקע פּערזן...

און ער האָט דערביי פריינטלעך זיך צעלאַכט און יצחקן באַרויקט.

דאָס האַרץ האָט ביים יונגן בחור אָנגעהויבן האַסטיקער צו קלאַפּן, ווען ער האָט זיך דורך זיין לערער דערוווּסט, אַז פנינה וועט טאַקע וואַרטן אויף אים אין גאָרטן.

די גאַנצע וועלט האָט איצט אויסגעזען אין זיינע אויגן שענער און ליכטי־קער. עפּעס האָט די זון היינט מיט אַזוי פיל גאָלדענע שטראַלן געשאָטן אויף די דעכער פון די הייזער, אויף די בליִענדיקע גערטנער, און דער הימל האָט אַזוי

בלוי געשפּרייט זיך איבער דער וועלט און די פייגעלעך האָבן פריילעכער געזונ־גען, און זיין האַרץ האָט מיטגעזונגען.

ווען ער איז שפּעטער אַריינגעקומען אין דער ישיבה צו מנחה און מעריב, האָבן אים די חברים אַרומגערינגלט און מיט קנאה געקוקט אים אין די אויגן אַריין, וואָס ער האָט זיי צו זאָגן, איידער ער פאַרלאָזט די שטאָט קאָרדאָווא און די ישיבה, וווּ זיי לערנען שוין אַזוי פיל יאָרן צוזאַמען.

ער האָט יעדעס מאָל געוואָרפן אַ בליק דורך די גרויסע פענצטער פון בית־המדרש אויפן הימל אַרויס, כדי דורך די שטערן צו וויסן די ריכטיקע צייט. ער האָט זיך ערגעץ־ווו געאײַלט און ער איז צוליב דעם געווען זייער אומרויִק...

— ווּהין אײַלסטו דיך, יצחק? — האָבן ביי אים די חברים געפרעגט, וועלנדיק אויסנוצן די לעצטע טעג, וואָס זענען זיי פאַרבליבן צו זיין מיט אים, און רעדן מיט זייער נאָענטן פריינט.

יצחק האָט אָנגעהויבן שטאַמלען, נישט געפינענדיק אויפן אָרט דעם ריכ־טיקן ענטפער, אָבער דאָ האָט אים געראַטעוועט דער לערער זיינער, מנחם בן סרוק, פון דער פאַרלעגנהייט. ער איז גראָד דורכגעגאַנגען און געהערט זייער פראַגע.

— ער דאַרף נאָך היינט אָוונט זיין ביים נשיא אין הויז... — ער קריגט די לעצטע אָנווייזונגען וועגן זיין נסיעה... — האָט ער געזאָגט, און יצחק איז אים דערפאַר זייער דאַנקבאַר געווען...

מיט אַ פאַרצאַפּלט האַרץ האָט עטלעכע מינוט שפּעטער יצחק געשפּרייזט אין דער טונקלקייט פון דער גאַס אונטערן גרינעם שטערן־שיין אויבן הויך אויפן הימל. עס זענען געווען די לעצטע טעג פון חודש ניסן און דעריבער האָט אַ געדיכטע פינצטערניש אַרומגענומען די גאַנצע וועלט. בלויז מיטן חוש פון דער־שמעקן דעם באַקאַנטן ריח פון די טייערע בלומען אין נשיאס גאָרטן און דעם גוואַלטיקן כוח פון זיין ליבע צו פנינהן האָט יצחק דורכגעשניטן זיין וועג אין דער חשכות, וואָס האָט געהערשט די דאָזיקע נאַכט.

ער האָט זיך כמעט ווי אָנגעשטויסן אויף איר, ווען ער איז אַריבערגעטרעטן דאָס טירל אין דער ביימער־פאַרצוימונג פון גאָרטן. אַ גליִענדיק פייער האָט אים אַרומגענומען פון דער ווייכקייט פון איר יונגן פרישן לייב. ער האָט זיך אין דער פינצטערניש פאַרשעמט, וואָס ער האָט אַזוי נאָענט, כאָטש נישט ווילנדיק, באַ־רירט איר וואַרעמען קערפּער.

זי האָט אַ דערשראָקענע אַ שטילן געשריי געטאָן און האָט זיך באַלד מיט דער האַנט דאָס מויל פאַרדעקט. זי האָט דערפילט זיין אָטעם און זיך באַרויִקט.

— איך וואַרט שוין אַ לאַנגע צייט אויף דיר, יצחק... זינט די זון האָט זיך אַ רויטע געזעצט דאָרט ווייט הינטערן גאָרטן, — האָט זי מיט פאַרשטיקטן

אָטעם געשווינד אַרויסגעוואָרפן פון זיך די ווערטער — איך האָב מורא געהאַט, אַז דו וועסט אַוועקגיין פון אונדזער שטאָט און נישט געזעגענען זיך מיט מיר, און איך האָב אַזוי שטאַרק געוואָלט דיר מיין ברכה מיטגעבן, אַז דיין שליחות זאָל מצליח זיין...

— גייען דען שוין די ביזאַנטינישע שליחים מאָרגן אַוועק?... — האָט יצחק מיט פאַרהאַקטן אָטעם געפרעגט, ווייסנדיק, אַז פנינה דאַרף וויסן מער פון עמעצן אַנדערש, וואָס עס געשעט אין נשיאס הויף.

— איך ווייס בלויז, אַז דער בריוו צום קעניג פון די כוזרים איז שוין אָנ־געשריבן געוואָרן... איך האָב אים געהערט פאַרלייענען דורך אונדזער לערער פאַר מיין פאָטער. אַ גאַנצע נאַכט איז ר׳ מנחם בן סרוק געזעסן און געשריבן און איבערגעשריבן עטלעכע מאָל. ווען איך האָב געהערט דעם בריוו לייענען, זענען מיר טרערן גערונען פון די אויגן, אָבער נישט נאָר איך האָב געוויינט, נאָר אויך ביי מיין פאָטער, וועלכער איז צוגעווויינט צו הערן פאַרשידענע געשריפטסן, האָבן זיך געגאָסן טרערן פון די אויגן צוליב גרויס געריריטקייט. די שענסטע ווערטער, וואָס די לשון־קודשדיקע שפּראַך פאַרמאָגט, האָט דער פּאָעט באַנוצט אין דעם בריוו צום יידישן מלך. איך בין דיך מקנא, וואָס דו וועסט זיין דער, וועלכער וועט דעם בריוו מיט די אייגענע הענט איבערגעבן דעם קעניג יוסף, דעם הערשער איבער אַ יידיש פאָלק... — האָט פנינה געשאָטן מיט רייד ווי מיט גליענדיקע פונקען.

— וועסט בענקען נאָך מיר?... — האָט יצחק געוואָגט אַ פרעג צו טאָן, אַנרירנדיק פאַרזיכטיק איר האַנט, וואָס האָט אים געבריט און פאַרשאַפט פאַר־געניגן.

— איך ווייס נישט... — האָט פנינה געענטפערט, און געשטיקט זיך מיט אירע ווערטער, — ווען דו וועסט צוריקקומען פון דער שליחות וועל איך זיין גליקלעך...

— וועסט זיין?... — האָט זי יצחק איבערגעפרעגט, ווי וועלנדיק איינגאַנצן זיך פאַרזיכערן מיט איר.

— איך האָף, אַז וועסט צוריקקומען אינגיכן פון דאָרט מיט אַ גוטער בשורה. איך וועל מיט מיינע אייגענע הענט דיר אָנטאָן דעם לאָרבער־קראַנץ אויפן קאָפּ — האָט דאָס מיידל מיט ציטערדיקע ווערטער דעם ווונטש אַרויסגעזאָגט.

— וועסטו בלויז באַצירן מיין קאָפּ, פנינה? און מיין האַרץ?... — האָט דער יונגער בחור מיט אַ פלאַטער אין זיין שטים געפרעגט.

מ׳האָט געקאָנט פילן אין דער פינצטער, כאָטש איר פנים איז נישט געווען אָנצוזען, אַז זי איז פון דער דאָזיקער פראַגע רויט געוואָרן. זי האָט אַ לענגערע ווייַלע געשוויגן און גאָרנישט געענטפערט.

— פנינה?... — האָט יצחק אַ שעפּטש געטאָן.

זיין בעטנדיקער טאָן האָט זי געריִרט און זי האָט קוים מיט די ליפּן באַוועגט און געענטפערט:

— מיין האַרץ געהערט נאָך קיינעם נישט... ווען וועסט צוריקקומען...

אַ לינד שמעקעדיק ווינטל האָט אַ צי געטאָן. עס האָט זיך דערהערט דאָס פּישטשענדיקע געזאַנג פון אַ נאַכטיגאַל צווישן די גרינע בלעטער פון די ציפּרעסן, און ביידע, פנינה און יצחק, האָבן זיך דערנענטערט איינע צו די אַנדערע. זיי האָבן געקאָנט אַפילו הערן דאָס קלאַפּן פון זייערע הערצער. און אַ פרייד איז אויפגעגאַנגען אין זייערע נשמות...

— וועסט נאָך איין מאָל קומען צו אונדז אין פּאַלאַץ?... — האָט פנינה שטיל געפרעגט און זי האָט אַ הויך געטאָן אויף זיין פּנים מיט וואַרעמקייט.

— איך מוז דאָך קומען אָפּנעמען דעם בריוו, ווען דער נשיא וועט אים האָבן גרייט מיר איבערצוגעבן — האָט יצחק געענטפערט.

— אָבער וועסט דאָך מיר גאָרנישט קאָנען זאָגן... — האָט פנינה זיך געפּיעשטשעט פאַר אים.

— איך וועל צו דיר רעדן, אַפילו ווען איך וועל דאָ נישט זיין... פנינה...

— האָט יצחק געזאָגט מיט אַ צערטלעכקייט אין זיין שטים.

— וועסט טראַכטן וועגן מיר?... — האָט זי געפרעגט.

— שטענדיק, פנינה...

— און אַז וועסט באַגעגענען אַן אַנדערע אויף דיין וויטן וועג?...

— שטענדיק וועל איך וועגן דיר טראַכטן... — האָט ער געענטפערט דאָס זעלבע.

זי האָט אים אַ שטאַרקן דריק געטאָן די האַנט, צוגענענט איר פּנים צו זיינעם און אַ צי געטאָן מיט די נאָזלעכער, ווי וועלנדיק איינזאַפּן אויף אייביק דעם אָנגענעמען ריח...

— זיי געבענטשט אויף דיין וועג און זאָל גאָט מצליח זיין דיינע אַלע טאַטן. איך וועל יעדן טאָג פאַר דיר תפילה טאָן, אַז עס זאָל דיר קיין שלעכטס נישט געשען... — האָט זי זיך געזעגנט מיט אים און עטלעכע מאָל, ווי דורך אַ כישוף געצויגן, אירע ליפּן צו זיינע צוגעריִרט, אָבער זי האָט נישט געוואַגט אים צו קושן...

ווען ער האָט זיך שוין געהאַט דערווייטערט פון איר אויף עטלעכע טריט, האָט זי אים צוריקגערופן. זי האָט נאָך זיין טרעטן אויף דער ווייכער ערד געהערט, אָבער איר שטילע שטים איז צו אים נישט דערגאַנגען. אַ שטראָם טרערן האָבן פון אירע אויגן אַ פלייץ געטאָן און דאָס האָט לייכטער געמאַכט איר געמיט...

מיט וואַקלדיקע טריט האָט יצחק זיך דערווייטערט פון פנינהן. ער האָט נאָך געפילט איר וואַרעמען אָטעם אויף זיך, די פייכטקייט פון אירע ליפּן, וואָס ער האָט קוים באַרירט ביי איר צוגעגנענען זיי צו זיין מויל. ער האָט זיך נישט געקאָנט שענקען, פאַרוואָס ער האָט זיי נישט געקושט, איינגעביסן זיך אין זיי, ווי אין אַ זאַפטיקער פרוכט. עס האָט אים פאַרפעלט כוח און מוט...

ער האָט איר ברכה איינגעקריצט ביי זיך אין האַרץ און ווי אַ טייערן אוצר געהאַלטן. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זי רופט אים צוריק... ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט צוגלויבן אַזאַ גרויס גליק. ער האָט געטראַכט, אַז דאָס חלומט ער אַזוי אויף דער וואַך, און ער האָט אין דער געדיכטער פינצטערניש ווייטער זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג צו זיין היים...

— זי האָט מיך געשטאַרקט אין מיין אונטערנעמונג... — האָט ער געשעפּ־טשעט צו זיך אַליין — איך וועל מיך באַמיִען זי נישט צו אַנטוישן...

און ער איז מיט געמישטע געפילן אָנגעקומען צו זיך אַהיים, ווו אַלע זענען שוין געהאַט געשלאָפן און ער האָט, לייענענדיק קריאת־שמע, איבערגעגעבן זיין נשמה אין גאָטס הענט צו היטן זי אויף איבער נאַכט. „בידך אפקיד רוחי" — אין דיין האַנט גיב איך איבער מיין זעל... — האָט ער געשעפּטשעט מיט די ליפּן און ער איז איינגעשלאָפן מיט אַ שמייכלענדיק פנים.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין די זון געשטאַנען הויך אין הימל און געשאָטן מיט הייסע גאָלדענע שטראַלן, און די ערשטע נייעס, וואָס ער האָט געהערט, איז געווען, אַז די ביזאַנטישע שליחים פאָרן שוין די טעג אָפּ פון קאָר־דאָווא. דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן. ער גייט אַוועק אין אַן אומבאַקאַנטן וועג, וואָס קיינער ווייסט נישט, צי עס איז אַזוי לייכט זיך פון דאָרט אומצוקערן.

ער איז געווען דער גליקלעכסטער און דער פאַרצווייפלטסטער מענטש אין דער וועלט...

גליקלעך איז ער געווען, וואָס זיין לאַנג־אויסגעחלומטער ציל האָט שוין נאָענט פון פאַרווירקלעכט ווערן. ער זעט שוין באַשיימפּערלעך די אויפגייענדיקע רויטע שטראַלן פון זיין שיינענדיקער זון — דער מאָרגן־רויט, וואָס דאַרף שפּעטער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גאָלדענעם ליכטיקן טאָג פאַר אים און פאַר — פנינהן...

— אָ, איך בין צו געאיילציק אין מיין טראַכטן... — האָט ער זיך באַלד אויסגעמוסרט — פנינה האָט מיר נאָך גאָרנישט צוגעזאָגט... דאָס האָט אים גע־מאַכט פאַרצווייפלט...

אָבער דאָך איז ער גליקלעך געווען אָן אַ שיעור, און דאָס גליק האָט אים אַרויסגעשיינט פון זיינע שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן. זיין גליק־אויסדרוק האָט אָבער מער נישט געדויערט ווי איין אויגנבליק. באַלד האָט אַ וואָלקן אַ שוועב

געטאָן איבער זיין פּנים און פאַריאָגט אויף אַלע פיר זייטן דאָס שײנענדיקע גליק.

ער האָט באַמערקט זיין פאָטערס טרויעריק פּנים אין צווייטן חדר, ווי ער איז געזעסן פאַרטיפט איבער עפּעס אַ מגילה. ער האָט נישט געוואָגט אַריינצו־גיין דאָרט און אַרויסרייסן אים פון זיין פאַרטראַכטקייט, אָבער ער האָט פאַר־שטאַנען פון וואַנען דער טרויער שטאַמט. ער האָט אים אַפילו די לעצטע נאַכט געהערט עטלעכע מאָל אויפזיפצן און שטיל שעפּטשען צו דער מוטער, דער קליינער שוואַרץ־האָריקער פרוי, וועמענס מעשהלעך, וואָס זי האָט אים אַלס קינד ביים איינשלעפערן דערציילט, זענען אים טיף אַריין אין בלוט...

יצחק האָט זיך אָנגעשטויסן וועגן וואָס טאַטע־מאַמע שעפּטשען זיך דורך ביינאַכט און פאַרוואָס דעם טאַטנס פּנים איז איצט אַזוי טיף פאַרזאָרגט. זייער זאָרג האָט אויך איצט אָנגעשטעקט יצחקן...

ער גייט אַוועק אין אַ ווייטן, אומבאַקאַנטן וועג, אין אַ לאַנד, וואָס ער ווייסט אַפילו נישט גענוי ווו עס געפינט זיך. עס איז שווער דער וועג אַהין אָנ־צוקומען, אָבער נאָך שווערער און מער פאַרהוילענער איז זיין צוריקקער... אמת, דער פאָטער האָט עס פאַר אים אָפן נישט אַרויסגעוויזן. פאַרקערט, ער האָט זיך געפרייט מיט זיין זונס העלדישקייט און איז געווען שטאָלץ אויף אים. האָט ער דאָך אים אַנומלט מיט פרייד איבערגעגעבן די גוטע בשורה, אַז דער נשיא האָט שוין באַפוילן דעם משורר מנחם בן סרוק צו שרייבן דעם בריוו צום קעניג יוסף בן אַהרן. אָבער שוין אין יענעם מאָמענט האָט יצחק אַרויסגעפילט דעם פאָטערס טרויער, וואָס ער דאַרף זיך אינגיכן שיידן מיט זיין איינאיינציקן זון.

איצט דאַכט זיך אים אַפילו, אַז ער האָט אין יענעם מאָמענט באַמערקט אַ פערלדיקע טרער זיך אַראָפּגליטשן אין דעם פאָטערס רויטער באָרד אַריין. דע־מאָלט, ווען ער, יצחק, איז געווען איבערגליקלעך פון דער בשורה, האָט ער נישט געלייגט דערויף קיין אַכט, אָבער איצט האָט ער עס זיך זייער גוט דערמאָנט.

און ער איז טרויעריק געוואָרן. אים איז טאָפּל טרויעריק געווען אויפן האַרץ. אי ער וועט זיך שיידן, ווער ווייסט אויף ווי לאַנג, מיט זיינע טייערע עלטערן און אי ער וועט אַזוי גיך נישט אָנקוקן דאָס ליכטיקע פנימל פון פנינהן... ער גיט זיך אָפּ אַ דין וחשבון, וואָס עס וועט פאַר אים מיינען אַזאַ לאַנגע צעשיידונג. ער טראַכט אַצינדערט אַביסל ניכטערער. וואָס נענטער עס קומט דער טאָג פון אָפּפאָרן אין דער אומבאַוווסטקייט אַריין, אַלץ אומרויקער הייבט זיין האַרץ אָן צו ברויזן.

ער וועט מיט איין מאָל אַריינפאַלן אין אַ נייער אומבאַקאַנטער וועלט, ער וועט זיך טרעפן מיט פרעמדע מענטשן, וואָס ער קאָן נישט זייער שפּראַך און ווייסט נישט זייערע מנהגים. אַפילו די הויכע און ריזיקע ביזאַנטישע שליחים מיט די רויטע קעפּ האָר און בלויע אויגן זענען דאָך פאַר אים ווילד־פרעמד.

אמת, זיי רעדן אַביסל אַראַביש, אַנישט וואָלט מען דאָך זיי נישט געשיקט אַלס שליחים אין אַן אַראַבישן לאַנד אַריין! אָבער דאָך זענען זיי פרעמד פאַר אים מיט זייער אַרט טראַכטן. זיי זענען גויִים און ער איז אַ ייִד.

פלוצלינג האָט ער דערהערט טריט הינטער זיך. ער האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען לעבן זיך דעם פּאָטער. ער האָט זיך שוין געגרייט צו גיין אין דער ישיבה, ווו ר׳ משה בן חנוך, דער נייער ראש־ישיבה, האָט היינט געזאָלט דרשענען וועגן ר׳ סעדיה גאון און זיין קאַמף מיט די קראים.

יצחק איז געבליבן שטיין אַביסל איבערראַשט. ער האָט אין פּאָטערס בלויע אויגן דערזען מיטאַמאָל אַזאַ אויסטערלישע וואַרעמקייט און איבערגעגעבנקייט, וואָס ער האָט ביז איצט קיינמאָל אַזוי שאַרף נישט באַמערקט.

— וואָס איז דיר, פּאָטער? — האָט יצחק געפרעגט מיט אַ ציטער אין זיין קול.

ער האָט ווידעראַמאָל באַמערקט אַ טרער אויפפינקלען ביים פּאָטער אין די אויגן. ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט זיינע אויפן פּאָטערס אַקסל און שטיל צו אים זיך אָנגערופן:

— ביסט דען, חלילה, קעגן דעם, אַז איך זאָל זיך אַרויסלאָזן אין דעם וייטן וועג אַריין? האָסטו דען נישט אַרויסגעוויזן די זעלבע פרייד וואָס איך, ווען עס איז דערהאַלטן געוואָרן די ידיעה, אַז עס האָבן זיך אָפּגעזוכט אונדזערע וייטע פאַרלוירענע ברידער? איז דען דאָס נישט דיין פרייד פּונקט אַזוי ווי מיינע, ווי די פרייד פון אַלע ייִדן?...

— זיכער, מיין זון, איז עס מיין פרייד פּונקט ווי אַלעמענס. איך בין אויך שטאָלץ מיט דיר פאַר דיין אַרויסגעוויזענעם מוט און איבערגעגעבנקייט די זאַך דורכצופירן בשלימות. עס פעלט מיר אַפילו נישט איין דיך אָפּצורעדן פון צו טאָן די דאָזיקע זאַך. איך בין דאָך אָבער אַ פּאָטער, און דאָס האַרץ ווייסט נישט פון קיין העלדישקייטן און שטאָלץ, נאָר עס בענקט און וויינט...

ער האָט זיך פאַרהאַקט אין די רייד, ווייל אַ שטראָם טרערן האָבן אים דעם האַלדז פאַרגאָסן און ער האָט מער גאָרנישט געקאָנט זאָגן. ער האָט דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף זיין זונס אַקסל, וואָס ער האָט נאָס געמאַכט מיט זיין שטילן געוויין. אַ ווײַלע איז ער אַזוי געשטאַנען, ביז ער האָט זיך פּלוצלינג אַ כאַפּ געטאָן, אַז עס איז שוין שפּעט און אויסגערופן:

— מעגסט צוקומען אין דער ישיבה, מיין זון... די רייד פון ר׳ משה בן חנוך וועלן דיר אפשר צוניץ קומען אין דיין וועג. ער גייט רעדן וועגן ר׳ סעדיה גאונס ספר, וואָס ער האָט אָנגעשריבן קעגן די קאַראַיִמער, עס וועט דיר צוניץ קומען דערפאַר, ווייל דיר וועט מסתמא נישט איין מאָל אויסקומען זיך אָנצו־טרעפן אויף די דאָזיקע אפּיקורסים פון ענגס חדר...

— איך וועל קומען, פֿאָטער... — האָט יצחק שטיל געענטפֿערט און זיך פֿאַרהאַקט, ווי וועלנדיק נאָך עפּעס זאָגן.

— וואָס נאָך, מיין זון?... — האָט ר׳ נתן געפֿרעגט מיט אַ פֿאַרזאָרגטער שטים.

— די מאַמע... רעד מיט דער מאַמען, גיב איר צו פֿאַרשטיין...

— די מאַמע פֿאַרשטייט געניי אַזוי ווי איך... — האָט ר׳ נתן באַדייטונגס־פֿול געזאָגט און אים אַ גלעט געטאָן איבערן אַקסל — זי האָט דאָך אין דיר די דאָזיקע אייביקע בענקשאַפֿט אַריינגעטריפֿט מיט דער מילך פֿון איר ברוסט...

יצחק איז געוואָרן אויפֿגעהייטערט, הערנדיק די דאָזיקע רייד און ער איז דעם פֿאָטער דאַנקבאַר געווען דערפֿאַר. ער האָט דאָס אויסגעדריקט אין זיין וואַרעמען בליק, וואָס ער האָט צו אים צוגעוואָרפֿן.

ווען ער איז אַרויס אין גאַס, איז די זון שוין געשטאַנען אינמיטן הימל. די שטאָט איז עפּעס היינט געווען מער אָנגעפֿילט מיט מענטשן ווי אַן אַנדערש מאָל. אַלע זענען געווען פֿריילעכע, אָדער עס האָט זיך בלויז אים אַזוי אויסגעוויזן. ער האָט זיך געאיילט אין בית־המדרש אַריין. ער האָט נישט געוואָלט פֿאַרשפּעטיקן די שעה, ווען דער בייער ראש־ישיבה וועט אָנהייבן זיין שיעור.

דאָס בית־המדרש איז געווען אָנגעפֿילט פֿון איין עק ביזן צווייטן. ר׳ משה בן־חנוך, מיט זיין לאַנגער, ווייסער באָרד און געדיכטע ווייסע האָר אויפֿן קאָפּ, וואָס האָבן זיך אָפּגעגרעניצט פֿון אונטער זיין היטל און מיט זיין יונגן פּנים מיט די פֿלאַמיקע אויגן, האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש פֿון אַן אַנדער וועלט. ער איז געשטאַנען אויף דער בימה, אָנגעטאָן אין ווייסע זיידענע קליידער, אַ הויכער און שטאַלצער, גאַרנישט דער זעלבער ווי ער האָט אויסגעזען די לעצטע סדר־נאַכט, ווען ער איז פּלוצלינג דערשינען אין הויז פֿון נשיא, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט.

מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט זיך דער עולם צוגעקוקט צו אים און מיט אומגעדולד אָפּגעוואַרט, ער זאָל שוין אָנהייבן רעדן. ווען דער ראש־ישיבה האָט פֿון ווייטנס דערזען אַריינקומען דעם יונגן יצחק בן נתן, האָט ער צו אים לייכט אַ שמייכל געטאָן, ער האָט דעם בחור ליב באַקומען אהבת־נפֿש, זינט ער האָט אים אין יענער געדענקבאַרער סדר־נאַכט באַמערקט ביים געגרייטן ליכטיקן טיש פֿון נשיא. ער האָט צו אים געפֿילט ווי אַ מין קרובהשאַפֿט און נאָענטקייט.

יצחק האָט דאָס אויפֿגעכאַפּט, און ער איז געווען דערפֿון געשמייכלט. אויך ער האָט צו דעם דאָזיקן אויסטערלישן ייִד דערפֿילט פֿון ערשטן מאָמענט אָן אַ געוואַלטיקע ליבע און נאָענטקייט. ער פֿלעגט פֿון יענעם טאָג אָן שטענדיק בלייבן מיט אים שפּעט אין בית־המדרש און מיט דער פֿולער האַנט געשעפּט ביי אים תורה און וויסן. ער האָט זיך דעריבער איצט מיט אַלע זיינע חושים איינגעהערט אין די אינטערעסאַנטע רייד פֿון זיין נייעם רבין, בפֿרט ווען ער האָט זיך געוואָלט

פון אים דערוויסן עפּעס מער וועגן די דאָזיקע אַפּטריניקע ייִדן, וועלכע רופן זיך „קראים".

און ער האָט זיך נישט אָפּגענאַרט. די דרשה, וואָס ר' משה בן חנוך האָט דעם טאָג געהאַלטן אין בית־המדרש, האָט אים אָן אַ שיעור רייכער געמאַכט אין ידיעות וועגן די קאַראַימער, וואָס לויערן אין איצטיקן מאָמענט אויף די נשמות פון די כוזרים. ער איז פון זיינע רייד, וואָס זענען אפשר געצילט געווען טאַקע פאַר דעם יונגן יצחקן, געוווּיר געוואָרן מיט וואָס פאַר אַ וואָפן צו קעמפן קעגן די דאָזיקע אַפּטריניקע, וועלכע האָבן זיך אונטערגענומען צו שפּאַלטן, פּונקט ווי ירבעם בן נבט, דאָס ייִדישע פאָלק.

ווען די דרשה איז געווען פאַרענדיקט און דער עולם איז נאָך געווען אונ־טערן שטאַרקן איינדרוק פון די פלאַמיקע רייד און דער פּרעכטיקער שפּראַך, וואָס דער נייער רבי האָט באַנוצט, האָט זיך יצחק דערנענטערט מיט שנעלע טריט צו דער בימה, אַרומגענומען ר' משה בן חנוך און מיטן בלויזן בליק, אָן ווערטער, אים געדאַנקט פאַר די קלוגע רייד, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט.

יצחק האָט בכלל די לעצטע טעג געלעבט אין אַ פיבערדיקן צושטאַנד. ער האָט נישט געוווּסט אויף וועלכער וועלט ער איז, צי שטייט ער מיט די פיס אויף דער ערד אָדער ער שוועבט אין הימל. ער האָט זיך איצטער געאיילט שטאַרק אַהיים, ווייל נאָך גאָר גרויסע זאַכן האָבן אים הייַנט דערוואַרט.

אויף דעם זעלבן אָוונט האָט דער נשיא געהאַט צונויפגערופן צו זיך אין פּאַלאַץ אַלע זיינע יועצים און חשובע עלטסטע פון שטאָט, כדי פאַר זיי פאָר־צולייענען דעם בריוו, וואָס מנחם בן סרוק האָט אין זיין נאָמען אָנגעשריבן אויף לשון קודש צום קעניג יוסף בן אַהרן אין לאַנד פון די כוזרים. צווישן די פאָר־בעטענע געסט זענען אויך געווען דער נייער ראש־ישיבה, ר' משה בן חנוך און ר' נתן, וועלכער האָט געדינט אַלס דער סגן פון ראש־ישיבה. זיי האָבן געדאַרפט אַכטונג געבן, אַז אין דעם לשון־קודש פון משורר מנחם בן סרוק זאָל נישט אַריינפאַלן קיין טעותים. דאָס האָט ווי אַ באַשיידענער מענטש פאַרלאַנגט דער פּאָעט אַליין. עס איז אויך אָנוועזנדיק געווען דער צווייטער ראַטגעבער צום נשיא, דער משורר דונש בן לברט. ער איז געווען אַ ביסל אָנגעברוגזט פאַרוואָס מ'האָט נישט אים, נאָר גראָד זיין קעגנער, אויסגעקליבן צו זיין דער שרייבער פון דעם דאָזיקן וויכטיקן און היסטאָרישן דאָקומענט.

אויפן פאַרלאַנג פון נשיא אַליין, איז אויך פאַרבעטן געוואָרן דער ספּעציע־לער שליח, יצחק בן נתן.

— דער שליח, וועלכער טראָגט דעם בריוו אָוועק אין דעם וויטן לאַנד אַריין, דאַרף וויסן זיין אינהאַלט!... — האָט דער נשיא מיט אַ שמייכל געזאָגט און דערביי אַרויסגעוויזן גרויס ליבשאַפט צום יונגן בחור, וועלכער האָט זיך

פרייוויליק אונטערגענומען אַזאַ גרויסע זאַך — אַ חוץ דעם איז ער דאָך דער באַליבטסטער תלמיד פון משורר ר׳ מנחם בן סרוק...

ער האָט דעריבער מיט אַ ווונק צוגערופן יצחקן צו זיך און אים אָנגעוויזן אַ פּלאַץ לעבן פּאָעט.

אַ פייערלעכע שטימונג האָט געהערשט צווישן די פאַרזאַמלטע געסט. אַלע מנורות זענען געוואָרן אָנגעצונדן און עס איז ליכטיק געווען אין גרויסן זאַל, פונקט ווי צו דער סדר־נאַכט, ווען ר׳ משה בן חנוך איז דערשינען צו דער פּסח־דיקער סעודה ווי אליהו הנביא. מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס זענען אַלע געזעסן און אָפּגעוואַרט דעם מאָמענט, ווען מנחם וועט אָנהייבן לייענען.

יצחקס פּנים האָט געפלאַמט פון גרויס אויפגערעגטקייט. ער האָט זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן, גלייך ער וואָלט עמעצן געזוכט מיט די אויגן. ער האָט דאָס געגאַרטע ליבע פּנים נישט געפונען...

קיינער פון די באַוואוסטע אין נשיאס הויז איז צו דער דאָזיקער פייערלעכקייט, וואָס האָט געטראָגן אַ רייך־פּאָליטישן כאַראַקטער, נישט פאַרבעטן געוואָרן. יצחק איז געווען טרויעריק. ער האָט געטראַכט, אַז באַלד נאָכן איבערלייענען פון בריוו וועט ער זיך שטיל אַרויסכאַפּן פון הויז און וועט גיין זוכן פנינהן אין גאָרטן. זי וועט זיכער אויף אים דאָרט וואַרטן. ער האָט דאָס געפּיל, אַז ער האָט זיך נאָך מיט איר נישט גוט געזעגנט. ער מוז זי נאָכאַמאָל זען.

— זי האָט דאָך בפירוש מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז איך זאָל נאָך זיין אין איר פּאָטערס פּאַלאַץ, איידער איך פאָר אָפּ — האָט ער צו זיך אַליין געמורמלט.

אָבער לאַנג טראַכטן האָט ער נישט געקאָנט. אָט האָט דער פּאָעט בן סרוק שוין אויפגעוויקלט דעם פּאַרמעט, אויף וועלכן דער אינהאַלט פון בריוו איז מיט אַ ריינעם און קלאָרן כתב־יד געווען אָנגעשריבן.

עס איז אַזוי שטיל געווען, אַז מען האָט געהערט דאָס אייגענע קלאַפּן פון האַרץ, און יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרויסגעלייענט געוואָרן דורכן מויל פון פּאָעט, האָט הילכיק אָפּגעשאַלט איבערן גרויסן זאַל און איז אַריינגעדרונגען יעדן איינעם אין מוח. יעדעס וואָרט איז געווען אַ געשליפענער דימענט, אַז אַפילו דונש בן לברט, דער פאַרביסענער קעגנער פון מנחם בן סרוק, האָט — פאַרמאַכנדיק די אויגן — געשעפּט תענוג פון יעדן שיינעם אויסדרוק, וואָס דער בריוו האָט אין זיך אַנטהאַלטן.

צוערשט איז אויף עטלעכע צענדליק שורות געגאַנגען דער טיטל פון קעניג יוסף. מיט די אויסגעזוכטסטע און שענסטע ווערטער, געשריבן אין גלייך געמאָסטענע פּערזן, פון וועלכע מנחם בן סרוק איז געווען דער ערשטער מייסטער, איז געלויבט געוואָרן דער מלך פון די כוזרים.

דער בריוו האָט זיך אָנגעהויבן אָט אַזוי:

„צום מעכטיקסטן קעניג פון אונדזער צייט, וואָס זיין פּראַכט דערמאָנט אונדז אָן דעם גלאַנץ פון יהודה און וועקט אין דעם שארית־ישראל ווידער אויף די האָפענונג אויף דער אויפריכטונג פון מלכות בית־דוד"...

די דאָזיקע ערשטע שורות פון בריוו זענען געווען דורכגעפלאָכטן מיט די שענסטע גראַמען און מיט געמאָסטענע זילבן, אַ זאַץ פאַר אַ זאַץ, דורכגעוועבט מיט די הייסטע ברכות פאַר דעם גליק פון דעם פאָלק פון די כוזרים און פאַרן נצחון פון זיינע וואָפן, וואָס ווערן אָן שום ספק אויסגענוצט פאַר די נאָבעלסטע צוועקן. פון יעדן וואָרט און פון יעדן אויסגעציקלטן אות האָט אַרויסגעגליט די ריינע ליבשאַפט פון ברודער צו ברודער און די בענקשאַפט נאָך דער ענדגילטי־קער אויסלייזונג פון פאָלק ישראל.

ווען די באַגריסונג איז געווען פאַרענדיקט, האָט מנחם בן סרוק אויפגע־הויבן שטאָלץ זיין קאָפּ און זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן, צו זען וואָס פאַר אַן איינדרוק די ערשטע שורות האָבן געמאַכט אויף די פאַרזאַמלטע געסט. ער האָט אַ ווײַלע געוואַרט, ווי ער וואָלט ביי זיי געזוכט די פאַרדינטע אָנערקע־נונג... די צעפלאַמטקייט פון אַלעמענס אויגן און די פייערלעכקייט אויף די פּנימער פון אַלע פאַרבעטענע געסט איז געווען דער בעסטער ענטפער...

נאָך אַ קורצן אָפּרו האָט ער ווייטער אָנגעהויבן לייענען פּסוק ביי פּסוק, באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט און אונטערגעשטראָכן איטלעכן אויסדרוק, וואָס ער האָט געדענקט, אַז ער איז זייער וויכטיק; דערמיט האָט ער געוואָלט באַצוועקן, אַז אַלע זאָלן אים גוט תופס זיין.

נאָך דער באַגריסונג זענען געגאַנגען פיל פּסוקים פון תנ"ך, אין וועלכע ר׳ חסדאי אבן שפּרוט, דער פירשט פון ישראל אין מדינת ספרד, האָט געוואָלט אַרויסווייזן אונטערטעניקייט און הכנעה צום יידישן קעניג, צו וועמען ער „בוקט זיך פון דער ווייטער ערד פאַר דעם טראָן־שטול פון מעכטיקן מלך חסד"...

ווען דאָס אַלץ איז געווען פאַרענדיקט, האָט מנחם בן סרוק אין ר׳ חסדאיס נאָמען מיט אַ נביאישן לשון געשילדערט די געשיכטע פון יידישן פאָלק, זינט דעם חורבן פון בית המקדש, און אַז קיינמאָל האָט דאָס פאָלק ישראל אין גלות נישט אויפגעגעבן די האָפענונג אויף דער ענדגילטיקער גאולה, וואָס דאַרף און מוז קומען.

„און ווען גאָט האָט דערזען אונדזערע יסורים און פּיין, האָט ער אונדז צוגעשיקט אַ ישועה און מיר, חסדאי אבן שפּרוט הקטן, געגעבן לייטזעליקייט אין די אויגן פון דעם מלך פון לאַנד, דעם קאַליף אַבדול ראַכמאַן, דעם הערשער פון אַנדאַלוזיע. און דאָס נישט פאַר מיין צדקות, נאָר צוליב גאָטס גנאָד און זיין אייביקן בונד מיטן פאָלק ישראל"... — האָט זיך ווייטער געלייענט אין בריוו.

„דערמיט וויל איך, אַז מיין האַר און קעניג זאָל וויסן זיין, אַז דער נאָמען פון לאַנד, ווו מיר לעבן בשלום ושלווה, איז ספרד (שפּאַניע) און זייער לשון איז דאָס לשון פון די ישמעאלים, די הערשער פון לאַנד אַנדאַלוזיע. דער נאָמען פון דער הויפּטשטאָט איז קאָרדאָווע, וואָס פאַרנעמט 25 טויזנט איילן אין דער לענג און 10 טויזנט איילן אין דער ברייט. אַנדאַלוזיע ליגט לינקס פון דעם ים הגדול, וואָס גרייכט ביז אייער לאַנד און רינגלט אַרום די גאַנצע ערד..."

דערנאָך איז אין בריוו געגאַנגען אַ גענויע באַשרייבונג וועגן שפּאַנישן לאַנד. אַז — די ערד איז פעט און רייך אין טייכן און אין קוואַלן, אין תבואה, אין ווייַן און אייל, אין סעדער און אין גערטנער מיט פּרוכטן פון כל המינים. און אַז די מלכים פון דער ערד „זוכן די פריינטשאַפט פון מיין האַר און זיי באַשענקען אים מיט מתנות". סיי דאָס קריסטלעכע מלכות רוים, סיי די מלכים פון די סלאַוון און בולגאַריע און אַזוי אויך די קייסאַרים פון דייטשלאַנד און ביזאַנץ שליסן מיט אונדז פריינטשאַפט־אָפּמאַכן, וואָס ווערן דורך מיר, אייער אַלעראונטערטעניקסטן, געחתמעט. אַ לויב דעם אויבערשטן, וואָס האָט געטאָן נייגן אויף מיר זיין חסד — נישט צוליב מיין צדקות — נייערט צוליב גרויס רחמים אויף אונדז, יידן...

„און טאַקע דורך די אַלע שליחים, וואָס קומען צו אונדז שליסן זייערע אָפּמאַכן, בין איך געוואויר געוואָרן וועגן דער יידישער מדינה פון די כוזרים. זיי האָבן אונדז איבערגעגעבן, אַז אַלע שכנים, וואָס רינגלען אַרום אייער מדינה, האָבן מורא פאַר אייך און זענען פול מיט אַכטונג און אָפּשיי פאַר די צענדליקער טויזנטער רייטער. זיי האָבן מיר אויך דערציילט, אַז דער נאָמען פון אייך, דעם קעניג, איז יוסף בן אהרן, און דאָס האָט מיין יידיש האַרץ זייער דערפרייט און באַגייסטערט.

„אַ דאַנק דעם אייבערשטן, צו וועלכן איך שיק יעדע מינוט אין טאָג מיין שבח און לויב, האָב איך געפונען אַ יונגנמאַן מיטן נאָמען יצחק בן נתן, וועלכער האָט זיך מיטן גוטן ווילן אָנגעבאָטן אונטערצונעמען די דאָזיקע ווייטע נסיעה, כדי מיט די אייגענע אויגן זיך איבערצוצייגן אין דער עקזיסטענץ פון אייער יידישער מדינה. איך שיק מיט אים די טייערסטע מתנות און דעם דאָזיקן באַגריסונג־בריוו.

„דער אייביקער גאָט פון אונדזערע אבות אבותינו, וועלכער פּרוווט די הערצער און פאָרשט די נירן, ווייסט, אַז דאָס אַלץ האָב איך אונטערגענומען נישט פון מיין כבוד וועגן, נייערט כדי אויסצופאָרשן און צו דערגיין דעם אמת, צי לעבט ווירקלעך נאָך ערגעץ־ווו אויף גאָטס ערד אַן איבערבלייב פון ישראל אין פרידן און אין זעלבסטשטענדיקייט, נישט אונטער דער הערשאַפט פון פרעמדע. „ווען איך וואָלט געוווסט אויף זיכער, אַז דאָס איז אמת, וואָלט איך פאַר־

לאָזט מיין הויז און מיין פּאַלאַץ, מיין כבוד און מיין טיטל און וואָלט געוואַנ־דערט איבער בערג און איבער טאָלן, דורך דעם ים און דורך דער מדבר, ביז צו דעם טראָן־שטול פון מיין מעכטיקן קעניג, כדי צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן זיין גלאַנץ און גדולה און די מנוחה פון דער שארית ישראל. ווען איך וואָלט דערזען זיין גלאַנץ, וואָלטן מיינע אויגן ליכטיק געוואָרן, מיין נשמה וואָלט געזונגען פאַר שמחה און מיינע ליפּן וואָלטן געלויבט דעם אייבערשטן, וואָס טוט נישט אָפּ דעם גנאָד פון זיין פאָלק...

„איצט וויל איך בעטן, אויב דער קעניג וועט טאָן באַוויליקן און ער וועט זיין גנעדיק צו זיין דינער, זאָל ער באַפעלן זיינע שרייבער, זיי זאָלן אָנשרייבן צו מיר, דיין קנעכט, אַ תשובה און אַרויסשרייבן מיט אַלע איינצלהייטן וועגן דער פירונג פון זיין מדינה. אונדזער בקשה איז אויך, אַז זאָלסט אונדז געבן צו וויסן, צי עס איז ביי אייך פאַראַן אַ ידיעה וועגן דעם געגויעצן חשבון פון קץ, אויף וועלכן מיר וואַרטן שוין אַזוי לאַנג און קאָנען זיך נישט דערוואַרטן...

„מיר ווינטשן דעם האַר און קעניג, ווי אויך זיינע קינדער און קינדס־קינדער, אַז זיין הויז און זיין כסא מלכותו זאָל געדויערן לעולם ועד, און הלוואַי זאָל ער פאַרלענגערן זיינע טעג און זיין קעניגרייך, ער און זיינע זין צווישן ישראל, אמן".

אונטערגעשריבן איז געווען חסדאי אבן שפּרוט, דער נשיא פון ידישן פאָלק אין לאַנד פון אַנדאַלוזיע און דער אויסלאַנדס־מיניסטער פון קאַליף אַבדול ראַכ־מאַן, דער הערשער פון מדינת ספרד".

ווען מנחם בן סרוק האָט געענדיקט לייענען דעם לאַנגן בריוו, איז אויסגע־בראָכן אַזאַ פרייד און התלהבות, אַז לאַנג־לאַנג האָט מען זיך נישט געקאָנט באַ־רויקן. דערנאָך האָט דער נשיא אַליין זיך דערנענטערט צו יצחק בן נתן, אים פייערלעך איבערגעגעבן דעם בריוו אין אַן איינגעוויקלטער פּאַרמעטענער מגילה, אַרויפלייגנדיק דערביי זיינע הענט אויף יצחקס קאָפּ און אים פאַר אַלע איז די אויגן געבענטשט און געווונטשן ברכה און הצלחה.

דונש בן לברט איז די גאַנצע צייט וואָס מ'האָט געלייענט דעם בריוו גע־זעסן מיט אַן אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ, בלויז ביי טייל אויסערגעוויינלעך שיינע אויסדרוקן האָט זיין פּנים נישט־ווילנדיק זיך צעשיינט, אָבער באַלד האָט ער ווייטער אָנגענומען אַן ערנסטע מינע.

אָבער ווען מנחם בן סרוק האָט פאַרענדיקט דעם לעצטן זאַץ, האָט ער זיך לאַנגזאַם אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און מיט פייערלעכקייט אין זיין גאַנג זיך דערנענטערט צו זיין קעגנער און שטילשווייגנדיק, אָן אַ וואָרט אויסצורעדן, האָט ער אים אַ קוש געטאָן אין שטערן.

פון גרויס געריטקייט איז ביים פּאָעט מנחם בן סרוק געבליבן שטיין אַ טרער אין אויג, און אַלע האָבן הויך באַגריסט אים אַלס דעם בעסטן בויער פון

לשון־קודשדיקן פערז, וועמענס פּאָעטישער אויפטו עס וועט בלייבן לעולם ועד.

שפּעטער, ווען אַלע זענען זיך שוין געהאַט פונאַנדערגעגאַנגען פון נשיאס הויז און עס זענען בלויז איבערגעבליבן יחידי סגולה, האָט דונש בן לברט אויסגערופן מיט אַביסל ווייטיק אין זיין טאָן, אָבער מיט גרויס אויפריכטיקייט:

— ווען מנחם איז געבוירן געוואָרן, האָט אַ מלאך אים אַ קוש געטאָן אויף די ליפּן און דעריבער איז זיין לשון־קודשדיקע שפּראַך אַזוי געטלעך שיין און מעלאָדיש פּאַרן אויער. מען וועט אים געדענקען אויף אַלע דורות...

מנחם בן סרוק האָט שוין דעם דאָזיקן שבח נישט געהערט, ווייל ער איז איצט, צוזאַמען מיט זיין באַליבטן תלמיד יצחק בן נתן, געגאַנגען איבער דער טונקעלער אַלייע פון נשיאס ציפּרעסן־גאָרטן און שטיל גערעדט. ער האָט אים געגעבן פאַרשידענע אָנווייזונגען ווי אַזוי צו פירן זיך אויפן וועג, נישט האָבן צו פיל צוטרוי צו די ביזאַנטישע שליחים, ווייל פון זייערע אויגן קוקט אַרויס שלויקייט און ליגן.

— באַמי דיך צו שרייבן ביי יעדער געלעגנהייט, ווען ס׳וועט זיך דיר נאָר מאַכן, וועגן אַלצדינג וואָס דיינע אויגן וועלן זען און וואָס דיינע אויערן וועלן הערן. פאַרשרייב יעדע פּאַסירונג, וואָס וועט מיט דיר געשען, ווייל דו קאָנסט גאָרנישט וויסן וואָס פאַר אַ באַדייטונג דאָס קאָן האָבן פאַר די קומענדיקע דורות. זיי וויסן, מיין זון: אַ גרויסע און וויכטיקע שליחות האָסטו אויף דיר גענומען, פיר זי אַדורך אַזוי, אַז זאָלסט פאַרשאַפן כבוד דיין פאָטער, מיר, דיין לערער, און דעם גאַנצן ייִדישן פאָלק. איצט גיי און געזעגן דיך מיט פנינהן...

דאָס זאָגנדיק, האָט ער זיין תלמיד געלאָזט שטיין אין דער טונקלקייט פון גאָרטן. ער האָט זיך שנעל אַוועקגעשלייכט און איז אין דער פינצטערניש פאַרשווונדן געוואָרן.

יצחק איז אים געווען אַן אַ שיעור דאַנקבאַר פאַר אָט דער דאָזיקער מענטשלעכער טאַט. ער האָט אָנגעהויבן פּאַמעלעך צו שפּרייזן צווישן די געדיכטעניש פון די ביימער, ער האָט אַריינגעצויגן אין זיך די קילע שמעקעדיקע לופט, געשנאַפּט מיט די נאָזלעכער און געזוכט עפּעס. אַרום איז אָבער געווען שטיל ווי אין אַן אויער...

— פנינה... — האָט ער גערופן מיט אַ שטיל קול, קוים וואָס מ׳האָט געהערט.

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. בלויז דאָס שאָרשען פון די בלעטער איז געקומען ווי אַן ענטפער אויף זיין רוף.

די ליכט אין פּאַלאַץ האָבן זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז לעשן, די לעצטע פון די פאַרזאַמלטע געסט האָבן שוין פאַרלאָזן דעם זאַל, ווו דער בריוו איז געלייענט געוואָרן און אַ נאָך מער געדיכטערע פינצטערניש האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון הימל און פון אַלע זייטן. יצחק האָט שוין נישט געוווסט וווהין צו ווענדן זיינע

טריט. ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין דעם געדיכטעניש פון די ביימער און ער איז געבליבן שטיין אויף אַן אָרט.

אַ פחד האָט דורכגעריזלט זיינע גלידער. עס איז אים געוואָרן אומהיימלעך איינער אַליין צו שטיין און נישט וויסן ווו אַהין און ווו אויס... מיטאַמאָל, מאַכנ־דיק, ווי אַ בלינדער, אַ שפּרייז פאָרויס אין דער פינצטערניש אַריין, האָט יצחק פלוצלינג זיך אָנגעשטויסן אויף אַ מענטש. ביידע האָבן זיי זיך דערשראָקן, ווייל ביידע גלייכצייטיק האָבן אַרויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקטן געשריי.

ווען יצחק האָט זיך ענדלעך באַהערשט און אַ פרעג געטאָן אויף אַראַביש, ווער דאָס איז, האָט אים יענער געענטפערט אויף אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך, אָבער באַלד, ווי כאַפּנדיק זיך אויף זיין אומפאָרזיכטיקייט, וואָס ער איז באַגאַנ־גען, האָט יענער אויך געענטפערט אויף אַראַביש, אָבער מיט דער אויסשפּראַך פון אַן אויסלענדער, אַז „ער איז דאָ פאַרקראָכן אין דעם געדיכטן חושך און קאָן נישט אַרויסקומען”...

— ווער זענט איר און ווי אַזוי קומט איר אַהער?... — האָט יצחק אַ דער־שראָקענער געפרעגט.

דער פרעמדער האָט אים נישט געענטפערט, נאָר פלוצלינג אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. יצחק האָט געהערט, ווי יענער איז עטלעכע מאָל אומגעפאַלן, אויפגע־הויבן זיך מיט אַ קללה אויף די ליפּן און ווידעראַמאָל געפאַלן און ענדלעך פאַר־שוווּנדן געוואָרן אין דער פינצטערער ביימער־געדיכטעניש.

— אַ גנב... — האָט דער יונגערמאַן אַ טראַכט געטאָן, און ער האָט אָנגע־הויבן צו טאַפּן מיט די הענט פאָרויס, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַן עפענונג אין דעם גאָרטן.

פון דאַנען איז ער שוין, נישט געקוקט אויף דעם חושך ואפלה, געגאַנגען ביז אַהיים. און ער האָט אויף די שפּיץ־פינגער צוגענענט צו זיין בעט און געלייגט זיך שלאָפן.

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער אָבער קיין אויג נישט געקאָנט צוטאָן. צוויי זאַכן האָבן אים געמאַטערט: דאָס וואָס ער האָט פּנינהן נישט באַגעגנט, און דאָס, וואָס ער קאָן נישט פאַרשטיין ווער עס איז געווען דער פרעמדער מאַן, אויף וועמען ער האָט זיך אָנגעשטויסן אין דער פינצטערניש...

ווען ער איז ענדלעך פאַרטאָג איינגעשלאָפן, האָבן אים אָנגעהויבן מאַטערן פאַרשידענע קאָשמאַרן. עס האָט זיך אים אין חלום אויסגעוויזן, אַז דער פרעמ־דער מאַן, וועמען ער האָט באַגעגנט אין נשיאס גאָרטן, איז גאָר איינער פון די ביזאַנטישע שליחים. יאָ, ער האָט דערקענט זיין שטימע, ער האָט דאָך זיי גע־הערט אַנומלט רעדן אין הויף פון חסדאי אבן שפּרוט, ווען זיי האָבן זיך דאָרט צום ערשטן מאָל באַוויזן...

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ביי אים געווען אַזוי זיכער, אַז דער סודותפּולער מאַן איז געווען איינער פון די ביזאַנטישע שליחים, אַז ער האָט שוין אַנדערש גאָרנישט געקאָנט טראַכטן וועגן דעם.

— אָבער צוליב וואָס האָט ער זיך דאָרטן געפונען?... — האָט זיך יצחק שוין צום וויפלטן מאָל געפרעגט, און קיין ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע נישט באַקומען.

ער האָט קיינעם וועגן דער ביינאַכטיקער מיסטעריעזער באַגעגעניש נישט דערציילט. אָבער קיין רו האָט דאָס אים נישט געגעבן.

אין שטאָט האָט זיך דערוויל געקאָכט מיט דעם בריוו, וואָס איז נעכטן געלייענט געוואָרן אין נשיאס הויף. כאָטש דעם אינהאַלט פון בריוו האָט מען קיינעם נישט אַרויסגעגעבן, האָט מען אָבער געוווּסט, אַז דער פּאָעט מנחם בן סרוק האָט אָנגעשריבן איינע פון די שענסטע מגילות צום קעניג פון די כוזרים, יוסף בן אהרן, וואָס וועט ברענגען אַ דערנענטערונג צווישן די אָפּגעפונענע ברי־דער און די יידן אין שפּאַניע.

ווו מען איז געגאַנגען און ווו מען איז געשטאַנען, האָט מען גערעדט וועגן דער דאָזיקער גרויסער געשעעניש, און דער העלד פון טאָג איז געווען יצחק בן נתן. ווו ער האָט זיך נאָר באַוויזן, איז ער באַלד געוואָרן אַרומגערינגלט פון אַ גרופּע חברים, יונגעלייט און עלטערע, וועלכע האָבן אים געקוקט אין מויל אַריין, וואָס ער זאָגט.

יצחקס געדאַנק איז אָבער איצט געווען ווייט אַוועק פון זיי. ער האָט פאַר זיין בליק געזען די שוואַרץ־חנעוודיקע פּנינהן. ער האָט זי געזען אין איר פולן רייץ, אַ שמייכלענדיקע און צעשטראַלטע, און דאָס האָט אים וויי געטאָן.

— פאַרוואָס איז זי נישט טרויעריק צוליב מיין אַוועקפאָרן? פאַרוואָס שמייכלט זי אַזוי און זי שיינט?... אַרט איר גאָרנישט, וואָס איך לאָז מיך אַוועק אין אַזאַ וויטן לאַנד אַריין, וואָס ווער ווייסט, צי איך וועל אַמאָל צוריקקומען?...

קיין ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע האָט יצחק נישט געקראָגן, און דאָס פּנים זיינס איז געווען פאַרוואָלקנט און אומעטיק. וויפל זיינע עלטערן זענען צו אים נישט צוגעשטאַנען און געבעטן זיך, ער זאָל זיי זאָגן, וואָס עס פעלט אים, האָט ער פאַרביסן געשוויגן. עס האָט אים וויי געטאָן, פאַרוואָס פּנינה האָט נעכטן ביינאַכט נישט געוואַרט אויף אים אין גאָרטן, ווי ער האָט געהאָפט. ער איז דאָך נעכטן געווען דער זיגער. דער נשיא האָט עפנטלעך פאַר אַלעמען אים אי־בערגעגעבן דעם פאַרזיגלטן בריוו און געבענטשט אים מיט ברכה און הצלחה אויף זיין ווייטן וועג. ער האָט געוואָלט מיט זיין גליק זיך טיילן מיט דער אויסדער־ווילטער פון זיין האַרץ, און זי — די אויסדערוויילטע — איז נישט געקומען...

שוין גאָר ווייניק צייט איז געבליבן צו פאַרברענגען אין זיין געבוירן־שטאָט

קאָרדאָוואָ, ווו ער האָט זיך דערצויגן און איז אויסגעוואַקסן. יעדער ווינקל איז אים טייער און ליב, און נאָך טייערער און ליבער איז אים דער אויסגעטרעטענער וועג צום נשיאס ציפּרעסן־גאָרטן. וויפל פריידיקע רגעס האָט ער אויסגעחלומט, גייענדיק אַהין, און וויפל גליק, געמישט מיט צאַרטן אומעט, האָט ער אין זיין האַרץ צוריקגעטראָגן, גייענדיק אויף זיין וועג אַהיים!... צי וועט נאָך אַמאָל דאָס אַלץ ווידער אויפלעבן אין זיין האַרץ און צי וועלן זיינע אויגן נאָכאַמאָל די אַלע טייערע זאַכן אָנקוקן?...

ווער ווייסט?...

דער פאָטער האָט יאָ עפּעס פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין יצחקס האַרץ: „האָט ער דאָך אַנומלט, ווען ער איז געווען זייער שטאַרק בגילופין, פּנינהס נאָמען אַרויסגערעדט אין דער הויך. אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס איז ער טרויעריק, מיין זון?...‟

אַזוי האָט ר׳ נתן מיטגעוויי̆טיקט זיין זונס טרויער, אָבער ער האָט אים נישט געוואָלט איבערפרעגן, טאָמער וועט ער נישט־ווילנדיק אָנטרעטן אויף אַ שוואַכן פּונקט און דעם זון נאָך מער ווי טאָן...

ווען די זון האָט געהאַלטן ביי זעצן זיך און עס איז געקומען די צייט צו גיין אין בית־המדרש צו מנחה און מעריב, האָט דער פאָטער זיך דערוועגט און צו־גענענט צו אים און, אַרויפלייגנדיק די האַנט אויף זיין אַקסל, אים שטיל געזאָגט:

— פאַל נישט אַריין אין קיין עצבות, אַ ייִד טאָר נישט טרויערן אויף קיין אַנדערער זאַך, אַחוץ אויפן חורבן בית־המקדש... אַלע דיינע וואונדן וועלן אויס־געהיילט ווערן און דער טרויער וועט פאַרשווינדן ווי רויך. זיי שטאָלץ, וואָס אונדזער נשיא האָט דיר אָנפאַרטרויט אַזאַ וויכטיקע שליחות. לאוו כל אדם זוכה... נישט יעדער איינער האָט דעם זכות צו זיין אַ שליח־מצווה. דו ווייסט דאָך, וואָס אונדזערע חכמים זאָגן: „כל מה שעשה אברהם על ידי שליח עשה הקדוש ברוך הוא לבניו על ידי שליח‟... — אַלץ וואָס אונדזער פאָטער אברהם האָט געטאָן דורך אַ שליח, האָט גאָט ברוך הוא געטאָן צו זיינע קינדער דורך אַ שליח... און דו ביסט דער שליח פון אַזאַ אָדם חשוב ווי אונדזער גרויסער נשיא!... אַ שליח פאַר אַ דבר־מצווה איז אַ גרויסע מדרגה!...

דער פאָטער האָט גערעדט מיט אַזאַ שטיל און רירנדיק קול, אַז ס׳איז אַריין יצחקן אין האַרץ און ער איז געטרייסט געוואָרן. ער האָט דעם פאָטער צוגעדריקט צו זיך און אָן אַ וואָרט אויסצורעדן, האָט ער זיך דערוויי̆טערט פון אים, צו־שיקנדיק אים אַ וואַרימען בליק.

מסתמא האָט עפּעס פּאַסירט אַזעלכעס, וואָס האָט פּנינהן געמאַכט אומ־מעגלעך אַרויסצוקומען אין גאָרטן, האָט דער יונגער יצחק בן נתן פאַרענטפערט דאָס מיידל, די אויסדערוויילטע פון זיין האַרץ.

ווען ער איז שפעטער אַריינגעקומען אין בית־המדרש צו מנחה, האָט ער באַגעגנט זיין לערער, ר׳ מנחם בן סרוק. יענער האָט אים מיט אַ ווונק צוגערופן צו זיך און איינגערוימט אַ סוד:

— פנינה איז פאַרשלאָפט געוואָרן... זי האָט מיט טרערן אין די אויגן מיך געבעטן, אַז איך זאָל דאָס דיר איבערגעבן. איידער דו וועסט אַוועקגיין פון שטאָט, וועט זי דיך קומען זען.

אַ נייע נשמה איז אין דעם יונגן בחור אַריינגעזעצט געוואָרן. ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער אויף זיין לערערס האַלדז אַרויפגעפאַלן און אים געקושט. עס האָט אים אָבער ווי געטאָן, וואָס פנינה איז קראַנק. אַ טרער האָט אויפגעפינקלט אין זיין אויג און אַ לעצטער זון־שטראַל האָט אָפּגעשיינט אין איר ווי אַ פלאַקערדיקער רובין. ער האָט דעם מיידל אַלץ פאַרגעבן אין דעם איצטיקן מאָמענט, און ער האָט אַן אויסגעלייטערטער זיך אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים צו מזרח און אָפּגעבן אַ שבח דעם רבונו של עולם פאַר דעם חסד, וואָס ער טוט מיט אים די גאַנצע צייט. ער האָט מתפלל געווען מיט גרויס כוונה: „ארוממך אלהי המלך, ואברכה שמך לעולם ועד" — איך וועל דיך דערהייבן, מיין גאָט דער קעניג, און בענטשן דיין נאָמען אייביק און שטענדיק.

ער איז אַזוי אויפגעמונטערט געוואָרן, אַז דער פאָטער האָט אים נישט דער־קענט. ווען ער האָט אים צווישן מנחה און מעריב דערזען שטיין צווישן אַ גרופּע יונגעלייט. ער האָט צו זיי גערעדט מיט אַזאַ היץ, אַז אַ רויטקייט האָט אַזש באַ־שלאָגן זיין פּנים און די אויגן האָבן ביי אים געלויכטן ווי צוויי ברענענדיקע קוילן.

— וועסט אונדז שרייבן דורך אַ שליח, יצחק, אַלץ וואָס דו וועסט זען און הערן? — האָבן ביי אים די חברים זיינע אין דער ישיבה מיט בעטנדיקע בליקן געפרעגט. — וואָרים מיר ווען אויסגיין פון נייגעריקייט און בענקשאַפט צו דיר!...

יצחק האָט זיי אַלעמען צוגעזאָגט. ער איז געווען אין דער מינוט ברייט־האַרציק, און אַלץ, וואָס מען וואָלט נאָר ביי אים געבעטן, איז ער גרייט געווען צו דערפילן...

— קאָנסט נאָך אַמאָל אַנטשפּויזן דאָרט אַ ווייב פון צווישן די כוזרים... — האָט עמיץ פון די חברים געמאַכט אַ שפּאַס — און וועסט ווערן אַ פירשט אין זייער לאַנד!

יצחק איז באַלד טרויעריק געוואָרן. ווי האָט גאָר געקאָנט עמיצן איינפאַלן אַזאַ שפּאַס מיט אים צו מאַכן. ווייסט יענער דען נישט, אַז פאַר אים איז דאָ נאָר איין פנינה... בלויז צוליב איר איז ער זיך מקריב און לאָזט זיך אַרויס אין דעם אומבאַקאַנטן וועג אַריין!

דער דאָזיקער שפּאַס האָט אויף אים אַזוי דערדריקנדיק געווירקט, אַז ער האָט זיך באַלד פּאַראָפּשיידט מיט אַלע, און תיכף נאָך מעריב פאַרלאָזט דאָס בית־המדרש.

— ער איז אינגאַנצן אַן אַנדערער מענטש געוואָרן, זינט ער האָט באַ־שלאָסן, אַז ער לאָזט זיך אַוועק אין דעם לאַנד פון די כוזרים. זיינע שטימונגען זענען אַזעלכע אויסטערלישע, אַז מען ווייסט קיינמאָל נישט ווי ער וועט זיין אין אַ רגע אַרום... — האָט איינער פון זיינע חברים זיך אָנגערופן.

— איך ווייס נישט, ווי דו וואָלסט אויסגעזען, ווען דו דאַרפסט זיך פאַרנע־מען אין אַזאַ אומבאַקאַנטן וועג אַריין?... — האָט אַ צווייטער זיך אָנגענומען פאַר יצחק בן נתן.

— איך באַוווּנדער אים סיי־ווי, ער איז אַ העלדישער בחור און איך בין אים מקנא מיט זיין דרייסטקייט און מוט... — האָט דער ערשטער געזאָגט.

עס איז געוואָרן שפּעט אין אָוונט און דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פונ־אַנדערגיין פון בית־המדרש, יעדער צו זיך אַהיים.

אינדרויסן איז שוין געווען גוט פינצטער, אַז מען האָט די אייגענע האַנט נישט געקאָנט זען, אָבער יצחק האָט אַלץ איינער אַליין אַרומגעבלאָנדזשעט אי־בער די גאַסן, נישט ווויסנדיק אַפילו ווו ער געפינט זיך. ער האָט גרויס חשק געהאַט איצט צוצוגיין אין פּאַלאַץ פון נשיא און זען, וואָס פנינה מאַכט אין גע־זונט. ער האָט זיך אָבער באַדענקט און דאָס נישט געטאָן.

— וואָס וואָלט ר׳ חסדאי געזאָגט וועגן מיר, ווען איך קום אין אַזאַ שפּע־טער שעה. וואָס וואָלט ער וועגן מיר געטראַכט?... — האָט יצחק זיך אַליין גע־פרעגט.

און ער האָט באַשלאָסן צו גיין אַהיים.

ר׳ נתן האָט אויף אים געוואַרט. ער האָט זיך נאָך נישט געהאַט געלייגט אין בעט אַריין.

ווען יצחק האָט אַריבערגעטרעטן די שוועל און ער האָט באַמערקט דעם פאָטער, האָט ער זיך געוואָלט באַלד צוריקציִען אין זיין חדרל אַריין, אָבער ר׳ נתן האָט אים צוגערופן צו זיך.

— זאָל איך אפשר, מיין זון, איידער דו לאָזט זיך אַוועק אין די מרחקים, פריִער רעדן מיטן נשיא?... — האָט ער באַדייטונגספול צו אים געזאָגט.

— וועגן וואָס רעדן?... — האָט יצחק אים אָנגעקוקט אַביסל צעמישט.

דער פאָטער האָט אים צוגעוואָרפן אַ ליבלעכן בליק און גאָרנישט געזאָגט.

נאָך אַ ווײַלע האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן צו זיין זון:

— נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג און מיר וועלן זיך דאַרפן שיידן, וויל איך פריִער רעדן מיטן נשיא... נו — וועגן דיר און פנינהן!...

יצחק האָט בלאָס אַ שמייכל געטאָן און זיך אָנגערופן:

— איך דאַרף פריִער דורכפירן מיין שליחות, טאַטע...

ר׳ נתן האָט אים פאַרשטאַנען און מער האָט ער וועגן דער דאָזיקער זאַך נישט גערעדט.

די טעג זענען פאַרביי אַזוי שנעל, ווי אַ בליץ... די ביזאַנטישע שליחים זע־נען שוין געווען פאַרטיק אַנצוהייבן זייער רייזע דורך פראַנקרייך, דייטשלאַנד און די סלאַווישע לענדער צוריק אַהיים. די דאָזיקע רייזע דאַרף דויערן אַ סך חדשים, און זי איז געווען אויסגעשטעלט אויף פיל שוועריקייטן און סכנות.

עס זענען פאַר זיי צוגעגרייט געוואָרן עטלעכע פערד צו רייטן און אייזלען, אויף וועלכע מ׳האָט געלאָזט אויפלאָדן די אַלע זאַכן און מתנות, וואָס דער קאַ־ליף האָט געשיקט צום ביזאַנטישן קייסער ראָמאַנוס אַלס צייכן פון שלום און פאַרשטענדיקונג. דער נשיא האָט געשאָנקען אַ ספּעציעל אַראַביש פערד פאַר יצחק בן נתן, און עס זענען פאַר אים איינגעפּאַקט געוואָרן די בעסטע זאַכן, פון שפּייז ביז קליידונג, אויף זיין לאַנגן און וויטן וועג.

דער נשיא ר׳ חסדאי אבן שפּרוט האָט אָנגעשריבן אַ ספּעציעלן בריוו צום ביזאַנטישן קייסער ראָמאַנוס וועגן יצחקן. אין דעם דאָזיקן בריוו האָט דער אויי־סערן־מיניסטער פון אַנדאַלוזיע געבעטן אויפצונעמען זיין שליח אויף אַ פריינט־לעכן אופן און אים באַזאָרגן מיט אַלע נויטווענדיקייטן אויף זיין וויטערדיקער נסיעה צום לאַנד פון די כוזרים.

„די פריינשאַפט וואָס דו וועסט אַרויסווייזן מיין שליח, יצחק בן נתן, וועט זיין פּונקט ווי וואָלסט דאָס געטאָן פאַר מיר״ — האָט ר׳ חסדאי אבן שפּרוט געשריבן אין זיין בריוו צום קייסער.

אַ זון־באַשטראַלטער טאָג איז אויפגעגאַנגען און דער הימל איז געווען בלוי ווי תכלת. דאָס איז געווען איינער פון די לעצטע טעג פון חודש ניסן. אין דער לופט האָט זיך געפילט אַ מין יום־טובדיקייט. אין די גאַסן האָבן זיך שוין אָנ־געהויבן זאַמלען מענטשן, וואָס האָבן זיך געגרייט צו באַגלייטן אַ שטיקל וועג דעם דרייסטן יונגן בחור, יצחק בן נתן.

די קאָמפּאַניע האָט געזאָלט אָפּרייטן פון נשיאס הויף, און דאָרט אַהין האָבן טאָקע געצויגן די גרויסע מחנות מענטשן, מענער, פרויען און קינדער, אַלע אין זייערע שענסטע יום־טובדיקע קליידער אָנגעטאָן. אַלע יצחקס חברים פון דער ישיבה האָבן זיך פאַרזאַמלט ביים אַריינגאַנג פון פּאַלאַץ און האָבן אויסגעקוקט מיט גרויס נייגעריקייט דאָס אָנקומען פון זייער באַליבטן חבר און בעסטן תלמיד פון נייעם ראש־ישיבה. עס איז אויך ביים אַריינגאַנג צום הויף שוין געשטאַנען ר׳ משה בן חנוך אין זיינע רבנישע קליידער.

אָבער יצחקן האָט מען נאָך אַלץ נישט געזען.

— ווו איז יצחק? ווו איז דער חתן־דנן?... — האָט מען פון אַלע זייטן גע־פרעגט, און מען האָט זיך אומגעקוקט אויף רעכטס און אויף לינקס.

עס זענען שוין אָנגעקומען יצחקס עלטערן, ר' נתן — דער סגן צום ראש־ישיבה און זיין ווייב. ביידע זענען געווען אי פריילעך און אי אומעטיק. פון צייט צו צייט האָט די קליינע פרוי צוגעטראָגן איר זיידענע ווייסע שאַל צו די אויגן. אָבער יצחק איז נאָך אַלץ נישט געווען.

אויף פינף ווייסע פערד זענען צוגעריטן, זיצנדיק שטאָלץ אויף זיי, די ביזאַנטישע שליחים אין זייערע היימישע טראַכטן, אין ברוינע זשיפּעצעס מיט רויטע גאַרטלען אַרומגעבונדן און אויף די קעפּ האָבן זיי געטראָגן פוטערנע היטלען, כאָטש אינדרויסן איז גאַנץ וואַרעם געווען. זיי האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס אַזאַ גרויסער עולם האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום דעם אויסערן־מיניסטערס פּאַלאַץ.

זיי האָבן אַרויסגעוויזן צופרידנקייט מיט זייערע שמייכלען אויף די אָפּגע־ברענטע פּנימער. די דאָזיקע איינזאַמלונג פון מענטשן האָבן זיי אָנגענומען ווי אַן אַרויסגעוויזענעם כבוד צו זיך. די אויגן האָבן ביי זיי געפינקלט ווי שאַרפע חלפים. אָבער ביסלעכווייז האָבן זיי אָנגעהויבן אַרויסווייזן אומגעדולד. זיי האָבן זיך געאיילט, ווײַלנדיק אַרויסרייטן נאָך פאַר מיטאָג, האָבנדיק אויסגערעכנט לויט זייערע פּלענער אָנצוקומען צו אַ געוויסן פּלאַץ נאָך איידער די נאַכט וועט צופאַלן.

— אויף וואָס וואַרט מען?... — האָט דער עלטסטער פון די שליחים גע־פרעגט ביי אַ דערלעבן־שטייענדיקן יונגנמאַן.

— דאָס וואַרט מען נאָך אויף אונדזער שליח צו דעם לאַנד פון די כוזרים!...

— האָט אים יענער געענטפערט.

דער ביזאַנטיער האָט לייכט אַ שמייכל געטאָן, און בלויז אַ מורמל געגעבן:

— אַהאַ!...

יצחק האָט איצט אַן אומעטיקער אַרומגעשפּרייזט אין ציפּרעסן־גאָרטן פון נשיא, זוכנדיק צו באַגעגענען פנינהן, מיט וועמען ער האָט זיך געוואָלט נאָך איינמאָל געזעגענען, כאָטש זי האָט אים שוין אָנומלט אָנגעווונטשן און געגעבן איר ברכה אויף זיין נסיעה.

— נאָך איין מאָל אַ קוק טאָן אין אירע אויגן... — האָט ער געשעפּטשעט מיט די ליפּן — נאָך איין מאָל הערן איר שטים!

אָבער פנינה האָט זיך נישט געוויזן, און אַריינגיין פרעגן אויף איר האָט ער זיך געשעמט. ער האָט נישט געהאַט די דרייסטקייט צוצוגיין צו איינעם פון די פיל דינער און פרעגן, וואָס עס איז געשען צו דער איידעלער טאָכטער פון נשיא.

פּלוצלינג האָט ער באַמערקט ווי דער נשיא, ר' חסדאי אבן שפרוט, אָנגעטאָן

אין זיינע אָפּיציעלע קליידער, וואָס ער טראָגט ביים אויפנעמען אויסלענדישע געסט, דערנענטערט זיך צו אים.

— שלום צו דיר, יצחק!... — האָט ר׳ חסדאי מיט אַ פריינטלעכן שמייכל אויסגערופן צום יונגן בחור. — דו גייסט טאַקע צו מיר? יאָ, עס איז באמת שוין שפּעט. איך האָב מיך פאַרזוימט אַביסל ביי מיין טאָכטער פנינה...

יצחק האָט אַ צאַפּל געטאָן ביים דערהערן אָנרופן איר נאָמען. אַ רויטקייט האָט אָפּגעגאָסן זיין פּנים און אין די אויגן האָט אויפגעפינקלט אַ טרער.

— זי איז נישט בקו הבריאות... — האָט ער צוגעגעבן, נישט באַמערקנדיק אָפילו דעם יונגן בחורס צעטראָגנקייט — יאָ, איך האָב גאָר פאַרגעסן דיר צו זאָגן... זי האָט דיר געהייסן איבערגעבן אירע ברכות אויף דיין ווייטן וועג און זי באַדויערט, וואָס זי קאָן דיר דאָס נישט זאָגן מיט איר אייגן מויל. זי האָפט דיך צו באַגריסן, ווען דו וועסט בשלום צוריקקומען פון דיין שליחות... דו וועסט איר פעלן, האָט זי געזאָגט, ביים העלפן שרייבן די לשון־קודשדיקע פערזן...

יצחק האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט גאָרנישט געקאָנט ענטפערן, ווייל אַלע ווערטער זענען אים אויסגערונען ערגעץ־ווו אין זיינע אינגעווייידן... ער האָט בלויז שטאַרק אָנגעקוקט דעם נשיא, אים אָפילו נישט געדאַנקט פאַר דעם גרוס, וואָס ער האָט אים געבראַכט פון מיידל. ער האָט בלויז שטום נאָכגעפאָלגט זיינע טריט צום פּלאַץ, ווו דער גאַנצער עולם איז געשטאַנען און געוואַרט מיט אומגעדולד אויף זייער ביידנס אָנקומען.

דער עולם האָט אויף זייער דערשיינען אַרויסגעלאָזט פריידיקע קולות און זיי באַגריסט מיט גרויס שמחה.

— יצחק איז דאָ! יצחק איז שוין דאָ!... — האָבן זיך געהערט שטימען.

— דער נשיא איז מיט אים... ער איז געווען ביים נשיא... — האָבן אַנדערע אונטערגעכאַפּט.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געזעגענען. די מוטער יצחקס האָט נישט אַרויסגעלאָזט קיין זיפץ, קיין טרער. זי איז געשטאַנען שטום און פאַרשטאַרט, גלייך ווי זי וואָלט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, אַז דאָ פאָרט אַוועק איר איינציקער זון אין אַזאַ ווייטן וועג אַריין, פון וואַנען דאָס צוריקקומען איז זייער שווער, און פאַרשידענע מכשולים זענען פאַראַן.

דער פאָטער האָט בלויז אַרויפגעלייגט זיינע ביידע הענט אויף יצחקס אַקסל און אַ ווייילע אים געקוקט גלייך אין די אויגן, ווי וועלנדיק אים דערמיט איבערגעבן אַלץ, וואָס ער וואָלט אים געהאַט צו זאָגן. צום סוף, נאָך דער קליינער ווייילע פון שטילשווייגן, האָט ער צו אים אויסגערופן:

— מיין זון, איך בין שטאָלץ מיט דיר און איך באַדויער נישט, וואָס דו גייסט אַוועק אין אַזאַ ווייטן מרחק אַריין. אַוודאי טוט מיר דאָס האַרץ וויי און

עס וועט מיר זיין שווער דאָס וואַרטן אויף דיר· עס איז אָבער יצא הפסדו בשכרו... דעם שכר, וואָס איך וועל האָבן נאָך דיין צוריקקומען, איז מער ווערט ווי דער שאָדן פון דיין אַוועקגיין. גיי בשלום און קום בשלום!...

ער האָט אים אַרומגענומען און אַ לענגערע ווײַלע געהאַלטן איינגעשלאָסן אין זיינע אָרעמס, און ווען ער האָט דעם קאָפּ אַוועקגענומען פון זונס אַקסל, האָט מען געקאָנט זען, ווי זיינע בלויע אויגן זענען רויט פון פאַרגאָסענע טרערן.

דערנאָך האָט זיך דערנענטערט צו אים דער נשיא, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט, און מיט זיין נייעם רבין, ר׳ משה בן חנוך, וועלכער האָט מיט אים גערעדט אַ שפּאָרע ווײַלע אינדערשטיל, געבנדיק אים פאַרשידענע אָנווייזונגען אויפן וועג, ווי ער האָט זיך נוהג צו זיין.

— דו וועסט דאָך זיכער דורכפאָרן די שטאָט נאַרבאָן אין פראַנקרייך — האָט אים ר׳ משה בן חנוך געזאָגט — זע דיך מיט מיין חבר ר׳ נתן בן יצחק און גיב אים איבער אַלץ, וואָס דו ווייסט וועגן מיר. ער וועט דיר אַ סך צוהעלפן אין דיין ווײַטערדיקער נסיעה.

דערנאָך האָט זיך דערנענטערט צו אים דער נשיא, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט, און אָננעמענדיק זיין האַנט, וואָס ער האָט געהאַלטן אַ לענגערע ווײַלע אין זיינע ביידע הענט, האָט ער אים אָנגעזאָגט די לעצטע ווערטער פאַר דער אָפּרייזע, געווונטשן אים אַ גליקלעכע נסיעה.

יצחק האָט זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן, און פּלוצלינג, ווי עס וואָלט זיך אַליין פון זיין מויל אַרויסגעגליטשט, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— געזעגנט פאַר מיינעטוועגן פנינהן אייער טאָכטער, און זאָגט איר, אַז איך וועל מיין שליחות דורכפירן, ווי זי ווינטשט עס אַליין...

ר׳ חסדאי האָט נישט פאַרשטאַנען אינגאַנצן, וואָס יצחק מיינט מיט די דאָזיקע עטלעכע ווערטער, אָבער ער האָט אַ שמייכל געטאָן און צוגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער זיין טאָכטער איבערצוגעבן.

האַרציק איז פאַרגעקומען דאָס געזעגענען זיך צווישן יצחקן מיט זיין לערער, ר׳ מנחם בן סרוק. זיי האָבן כמעט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט צווישן זיך, בלויז אָנגעקוקט זיך און אויפן ווונק זיך פאַרשטאַנען.

— זאָרג זיך נישט, מיין טייערער תלמיד... — האָט ער אים פּילבאַדייטנדיק געזאָגט — דיין אוצר וועט אָפּגעהיט ווערן, ווי דו אַליין וואָלסט דערבײַ געווען.

יצחק איז רויט געוואָרן און שטאַרק געדריקט די האַנט פון ר׳ מנחם בן סרוק. מיט דונש בן לברט האָט ער ער זיך קאַלט געזעגנט. ער האָט נישט געפילט צו אים די פריינטשאַפט וואָס צו זיין לערער פון דיקדוק.

און ענדלעך איז געקומען דער מאָמענט, ווען דער קאַראַוואַן האָט גערירט פון אָרט.

אַ ים מיט הענט האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער לופט און האָבן אָפּגעזעגנט זייער העלדישן זון פון קאָרדאָווע, וועלכער פירט דעם ערשטן בריוו צו אַ ייִדישן מלך, זינט דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן.

אויך די ביזאַנטישע שליחים האָבן זיך געזעגנט מיט ר׳ חסדאי אבן שפּרוט און געדאַנקט אים פאַר דער האַרציקער אויפנאַמע, וואָס ער האָט זיי געגעבן אין דער הויפּטשטאָט פון אַנדאַלוזיע, און מיט צופרידנקייט אויף זייערע פּנימער האָבן זיי אָנגעהויבן פאַמעלעך אָפּצורייטן פון שטאָט.

אַ טרויעריקייט האָט זיך אָפּגעלייגט אין די ייִדישע הייזער, אין די הערצער פון יצחקס עלטערן, פון זיינע חברים, און דאָס האַרץ פון פנינהן האָט געוויי־טיקט, פאַרוואָס זי האָט זיך נישט געקאָנט געזעגענען מיט דעם ריטערלעכן בחור, וואָס האָט זיך דאָך איינגענעסטיקט אין איר האַרץ...

קאַפּיטל דריי

אויפֿן וועג צום כּוזרים־לאַנד

שוין דעם דריטן טאָג, ווי די גרופּע רייט לענגאויס דעם ברעג פֿון מיטל־לענדישן ים. זוניקע טעג און בלויע הימלען איבער זייערע קעפּ און אַרום און אַרום ציִען זיך אומענדלעכע גרינע גערטנער, און פֿון צווישן דעם טונקעלן גרינס לייכטן אַרויס די לעצטע גאָלדענע אָראַנזשן, וואָס מ׳האָט נאָך נישט באַוויזן אַראָפּצונעמען פֿון די ביימער. די איידעלע געשמאַקן פֿאַרכאַפּן די אָטעמס און עס פֿילט זיך, גלייך ווי די וועלט וואָלט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גן־עדן התחתון.

דעם ערשטן טאָג, ווי נאָר זיי זענען אַרויסגעקומען פֿון דער שטאָט קאָרדאָוואָ, רייטנדיק אין דער ריכטונג צו דרום, צום מיטללענדישן ים, האָט יצחק געשוויגן. ער האָט מיט זיינע באַגלייטער קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, זיין גאַנץ וועזן איז פֿאַרזונקען געווען אין געדאַנקען. ער האָט זיך געזעגנט אין הויז פֿון זיינע עלטערן, אין דער ישיבה צווישן זיינע חברים, און איבער אַלץ האָט ער געזען פּנינהן. אַ צעשיינטע, אַ ליכטיקע איז זי געשטאַנען פֿאַר אים און מיט אירע גרינע שטערן־אויגן געשמייכלט אים אין פּנים אַריין.

אַ וואַרימקייט איז זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען איבער אַלע זיינע גלידער און עס איז אים אַזוי גוט געווען, אַז אַ שמייכל האָט זיך אָפּגעלייגט אַרום זיינע ליפּן און זיין גאַנץ פּנים האָט געשטראַלט אונטער דער שיין פֿון דער גאָלדיקער זון. מיטן צופֿאַל פֿון דעם אָוונט, האָט אים אין דעם רויטן זון־פֿאַרגאַנג אַ בליק געטאָן אַקעגן דער בלויער מיטללענדישער ים.

— אָ, ווי שיין! — האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט אַ באַוווּנדערונגס־וואָרט. — ווי פּראַכטפֿול איז דיין באַשאַף, גאָט!...

די פֿינף רייטער, וואָס האָבן אים באַגלייט, די שליחים פֿון ביזאַנטישן קייסער, האָבן די גאַנצע צייט געקוקט אויף דעם יידישן בחור מיט אַ געוויסן פֿאַרדאַכט. זיי האָבן גרויס חשק געהאַט צו זען דעם בריוו, וואָס ער האָט מיט זיך געפֿירט צום קעניג פֿון די כּוזרים, אָבער ערשטנס, פֿאַרשטייען זיי נישט די לשון־קודשדיקע שפּראַך, מיט וועלכער די יידן באַנוצן זיך, כאָטש זייער לאַנד איז שוין באַלד טויזנט יאָר פֿון זיי צוגענומען געוואָרן, און צווייטנס — האָבן זיי מיט דעם שליח פֿון אַנדאַלוזישן אויסערן־מיניסטער נישט געוואָלט גיין מיט געוואַלט. דאָס קאָן נאָך אַמאָל אינגאַנצן קאַליע מאַכן דעם פֿריינטשאַפֿט־אָפּמאַך

צווישן שפּאַניע און ביזאַנץ. זיי וועלן שוין מיט דער צייט פון דעם ייִדישן יונגנ־מאַן אַרויסקריגן אַלץ, וואָס זיי איז נייטיק צו וויסן, האָבן זיי געטראַכט.

— דאָס איז צום ערשטן מאָל וואָס דו לאָזסט זיך אַרויס אין אַזאַ ווייטן וועג אַריין, האַר?... — האָט איינער פון די ביזאַנטינער געפרעגט ביי יצחקן.

— יאָ, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן... איך האָב אין דער פאַנטאַזיע מיר דאָס נישט פאָרגעשטעלט — האָט יצחק אויסגעדריקט זיין אַנטציקונג מיט דעם אַלעם, וואָס זיינע אויגן האָבן געזען.

יצחק האָט אַראָפּגענידערט פון זיין פערד און זיך אַוועקגעשטעלט ביים ברעג פון ים אונטער אַ ברייט־צעוואַקסענעם איילבירטן־בוים און שטיל געמורמלט די תפילה פון מנחה. זיי האָבן זיך געפונען נישט ווייט פון דער שטאָט מאַלאַגאַ, וואָס ליגט אויפן ים, אָבער די צעבליטע וויינגערטנער, וואָס רינגלען אַרום די געגנט, האָבן זיך אויסגעשפּרייט אויף ווי ווייט דאָס אויג האָט נאָר געקאָנט דערגרייכן.

די געשמאַקן פון דעם וויין־בליִעכץ האָבן זיך געריסן אין די נאָזלעכער און אַ ריח־שיכרות האָט דעם קאָפּ באַרוישט. די זון איז מיטאַמאָל פאַרזונקען אין ים און באַפאַרבט אים ווי מיט דעם פּורפּורנעם מאַלאַגאַ־וויין. דאָס וואַסער האָט זיך רויִק געריינצלט און געלעגן ווי פאַרחלומט אונטער דעם פאַררויטלט־צעגליטן הימל. אויך די רייטער זענען אַראָפּ פון זייערע פערד און אַנידערגעקניט אויפן גרינעם גראָז, וואָס האָט זיך שוין געשאָטנט אין דעם שמעקעדיקן פאַרנאַכט און האָבן געפּרעפּלט מיט די ליפּן אַ תפילה.

נאָכן תפילה־טאָן האָבן זיי אָנגעצונדן אַ פייער פון די טרוקענע צווייגלעך, קלאַפּנדיק מיט אַ שטיק שטאָל אין אַ קיזלשטיין און אַרויסגעבראַכט רויטע פונקען. זיי האָבן אין טעפּ, וואָס זיי האָבן מיט זיך געהאַט, אויפגעקאָכט פאַר־שידענע שפּייזן פון געטריקנט פלייש, און ווען זיי האָבן פאַרטיק געמאַכט דאָס מאָלצייט, האָבן זיי אויך צוגעבעטן יצחקן צום עסן.

יצחק האָט זיי געדאַנקט און אָפּגעזאָגט זיך מיט זיי מיטצוהאַלטן.

— מיר, ייִדן, טאָרן נישט עסן קיין פלייש, אויב עס איז נישט געשאָכטן אויף כשר, ווי עס לערנט אונדז די תורה... — האָט ער זיי געגעבן צו פאַרשטיין.

— עס איז שווער צו זיין אַ ייִד... — האָט איינער פון די רייטער זיך אָנ־גערופן מיט אַ שמייכל — איך פאַרשטיי נישט די כאַזאַרן, צו וועלכע דו פאָרסט, פאַרוואָס זיי האָבן אַזאַ שווערע אמונה אויף זיך גענומען...

— אייער גאָט, ישו הנוצרי, האָט אויך נישט געגעסן קיין טריפה פלייש...

— האָט יצחק זיי געזאָגט.

— נו, דאָס זאָגסטו שוין אַ ליגן... — האָט אַ צווייטער מיט פאַרוואורף צו אים אויסגערופן.

— וועסט פרעגן ביי דיינע גייסטלעכע, ווען דו וועסט אָנקומען צוריק אַהיים!... — האָט יצחק אים אָפּגעענטפערט — אויב ער וועט נאָר זיין ערלעך צו דיר, וועט ער דיר זאָגן דעם אמת... איר, קריסטן, גלויבט דאָך אויך אין דער תורה, וואָס איז געגעבן געוואָרן דורך גאָט אויפן באַרג סיני, פּונקט ווי עס האָט געגלויבט דער מאַן, אויף וועלכן איר זאָגט, אַז ער איז משיח, אַ גאָט...

— נו, לאָמיר איצט נישט אַריינלאָזן זיך אין וויכוחים — האָט אַ צווייטער פון די רייטער אויסגערופן — עס איז צייט צו עסן דאָס נאַכט־מאָל־צייט. עס ווערט שפּעט און מיר דאַרפן זיך נאָך גוט אויסשלאָפן, כדי מאָרגן צו קאָנען מאַכן וואָס מער שטח אין דער ריכטונג צו די פּירינעען־בערג. די טעג הייבן אָן ווערן הייסע, און עס וועט זיין שווער צו באַוועגן זיך אין די היצן.

יצחק האָט אַרויסגענומען פון זיין זאַק די שפּייז, וואָס מ׳האָט אים פון דער היים מיטגעגעבן. ער האָט די הענט געוואַשן אין דעם וואַסער פון ים און געמאַכט אַ ברכה: „געלויבט ביסטו, גאָט, אונדזער גאָט, קעניג פון דער וועלט, וואָס ברענגט אַרויס ברויט פון דער ערד״... ער האָט אָפּגעביסן אַ שטיקל טרוקן ברויט און פון אַ לאָגל אַרויס פאַרטרונקען מיט וואַסער. און ווען ער האָט מיט אַ ווײַלע שפּעטער זיין מאָלצייט פאַרענדיקט, האָט ער ווידער געוואַשן די הענט און גע־שעפּטשעט: „געלויבט איז גאָט, וועמענס שפּייז מיר האָבן געגעסן און דורך וועמענס גוטסקייט מיר לעבן״...

די גויִים האָבן געקוקט אויף דעם יונגן בחור מיט גרויס אָפּשיי. זיי האָבן טאַקע נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער זאָגט, אָבער באַגריפן, אַז ער לויבט זיין גאָט פאַרן עסן, וואָס ער האָט געגעסן.

די נאַכט איז אַראָפּגעפאַלן אויף זיי — אַ פינצטערע און שמעקעדיקע. זי איז געקומען פון אויבן און פון אַלע זייטן וועלט. דער הימל האָט זיך אָנגעצונדן מיט מילי־מיליאָסן שטערנדלעך, וואָס האָבן געוווּנקען אַזוי היימיש און ליבלעך, פּונקט ווי אין זיין היימשטאָט קאָרדאָוואַ, ווו עס וווינען זיינע עלטערן, זיינע חברים, ווו עס געפינט זיך זיין גוטער לערער מנחם בן סרוק, זיין ־נייער רבי ר׳ משה בן חנוך, און — זיין טייער מיידל פנינה...

ער איז מיט אַ שמייכל אויף זיינע ליפּן און מיט דער תפילה: „בידך אפקיד רוחי״... איינגעשלאָפן מיט אַ רויקן שלאָף. עס איז געווען די ערשטע נאַכט אין זיין לעבן נישט אויף זיין ווייכן געלעגער, נאָר אויפן פייכטן גרינעם גראָז פון גאָטס פרייער וועלט.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט אים אַנטקעגנגעשמייכלט די זון פון בלויען הימל אַראָפּ און דער ים האָט זיך געריינצלט אונטער די זילבער־דינע שטראַלן און אַ רויק געמיט איז איבער אים געקומען. אַ פריידיקער איז ער אויפגעשפּרונגען פון זיין נאַטור־געלעגער, האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מלבו־

שים, איז אַרייַנגעשפּרונגען אין די קילע כוואַליעס און אויסגעבאָדן זיך.

ווי דאָס פייגעלע אויפן בוים, אַזוי האָט ער זיך באַלד צעלאָזט אין אַ שירה צו גאָט, לויבנדיק אים פאַר דעם אַרויסגעוויזענעם חסד: „זאָל געלויבט ווערן דיין נאָמען אויף אייביק, אונדזער קעניג, דער גאָט, דער גרויסער און הייליקער קעניג אין הימל און אויף דער ערד"...

אויך די גויִים האָבן געלויבט גאָט אויף זייער שטייגער, קניִענדיק אויף דעם גרינעם גראָז און שעפּטשענדיק מיט די ליפּן ווערטער פון לויב צום אייביקן באַשעפער.

נאָכן אונטערלענען די הערצער צו דער זעט, האָט די גרופּע פאַרגעזעצט איר וועג לענגאויס די ברעגעס פון מיטללענדישן ים, ריכטנדיק זיך איצט כסדר צו צפון־מזרח. די פערד האָבן זיך נישט געאײַלט, אויך זיי זענען מסתמא אַנטציקט געווען פון דער געטלעכער שיינקייט. זיי האָבן געטרעטן זאַכט־ביי־זאַכט איבער דער ווייכער ערד, האָבנדיק פון איין זייט דעם גלאַנציקן בלוילעך־זילבערדיקן ים און פון דער צווייטער זייט — אַ גרינע פאַרפּלייצעניש פון גערטנער.

— פאַרוואָס טרעטן מיר נישט אָפּ אויפן וועג אין אַ שטאָט? — האָט יצחק געפרעגט ביי זיינע באַגלייטער — איך וואָלט געוואָלט זען, אויב עס זענען פאַ־ראַן יידן אין די אַנדערע שטעט פון שפּאַניע, אַ חוץ אין קאָרדאָוואַ.

— ווייל מיר איילן זיך אַהיים צו אונדזער לאַנד, און די שטעט וועלן ביי אונדז צופיל צייט פאַרנעמען און אויך זענען די שטעט פול מיט זינד און מיר ווילן זיך נישט אויסשטעלן אויף קיין נסיון...

יצחקן איז געפעלן געוואָרן זייער ענטפער. ער האָט געקראָגן מער צוטרוי צו זיי און האָט זיך געוווּנדערט:

„פאַרוואָס זענען מיר אַזוי אָפּגעפרעמדט איינע פון די אַנדערע, ווען מיר האָבן אַזוי פיל געמיינזאַמס צווישן זיך?..." — האָט ער געטראַכט.

און אַ געדאַנק איז אים געקומען אין מוח.

ווען ער וועט דערגרייכן דאָס לאַנד פון די כוזרים, וועט ער פאָרלייגן פאַרן מלך יוסף, אַז עס זאָלן אַרויסגעשיקט ווערן שליחים איבער די שכנותדיקע לענ־דער, וואָס זאָלן פאַרשפּרייטן גאָטס וואָרט צווישן די נישט־גלייביקע און אין יידישע וועלט זאָל זיך אויסשפּרייטן פון איבערישן האַלב־אינדזל ביז דעם וויטן לאַנד פון אונדזערע אָפּגעפונענע ברידער, די כוזרים...

יצחק איז געווען גליקלעך פון זיין איינפאַל און ער האָט שוין אָנגעהויבן וועבן ליכטיקע פאַנטאַזיעס, ווי ער קומט צוריק אַהיים קיין קאָרדאָוואַ און ברענגט מיט די גרויסע בשורה, אַז נאָך פעלקער פון די סלאַווישע לענדער האָבן אָנגע־נומען דאָס יידישע גלויבן, און גאָטס נאָמען ווערט געגרויסט און געלויבט איבער דער גאַנצער וועלט.

וואָס וועט דער נשיא, ר׳ חסדאי אבן שפרוט, דעמאָלט זאָגן ווען זיין ספּע־ציעלן שליח? וואָס וועלן זאָגן זיינע רביים, ר׳ משה בן חנוך און מנחם בן סרוק; וואָס וועט זאָגן זיין פאָטער און וואָס וועט זאָגן פנינה?... ער האָט אַזש אויפ־געשווידערט מיט אַ זיסן ציטער פון גרויס התלהבות און איבערגענומענקייט.

ער האָט פאַר פרייד אַזש אָנגעהויבן צו שפּרינגען איבער דעם גראָזיקן פּליין און ער האָט אַרויסגעלאָזט פון זיך אַזעלכע התפּעלותדיקע געשרייען, אַז די ביזאַנטינער האָבן זיך דערשראָקן פאַר אים. זיי האָבן געמיינט, אַז דער ייִדישער יונגערמאַן איז אַראָפּ פון זינען.

— וואָס איז מיט דיר געשען? — האָט איינער פון די פינף רייטער אים געפרעגט, צוגייענדיק נאָענט צו יצחקן און אים אָנגענומען ביים אָרעם.

יצחק האָט זיך פאַרשעמט, אָבער דער גליקלעכער שמייכל איז פון זיין פּנים נישט אַראָפּ. ער האָט מיט שיינענדיקע אויגן געקוקט אויף די פרעמדע מענטשן, וועלכע זענען גאָרנישט אין שטאַנד אים צו באַנעמען און צו פילן דאָס, וואָס ער פילט...

און ווען זיי האָבן ווייטער זיך געלאָזט אין וועג אַריין, איז יצחק געזעסן אויף זיין פערד אַ פאַרטראַכטער און כמעט נישט געזען און נישט געפילט, וווהין דער וועג איז אים אַהינגעקומען. ווען די זון האָט זיך געזעצט אין מיטללענדישן ים, זענען זיי שוין געווען אַוועק פון מאַלאַגאַ און נייע לאַנדשאַפטן, איצט איינ־געהילט אין ווייסלעכע רויכן, האָבן זיך פאַר זיינע אויגן אויסגעשפּרייט.

— וואָס איז מיט דעם ייִד?... — האָבן די רייטער זיך געפרעגט איינער ביים אַנדערן, ווען זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען נאָך אַ גאַנצן טאָג רייטן און אויף איבערצונעכטיקן די נאַכט.

זיי האָבן נישט געקאָנט באַגרייפן דעם דאָזיקן אויסטערלישן בחור. אַזאַ שטייגער יונגנמאַן האָבן זיי ביי זיך אין לאַנד קיינמאָל נישט באַגעגנט. אַ מאָדנע פאָלק זענען זיי די ייִדן... אַפילו די ייִדן אין ביזאַנץ זענען אַנדערש ווי די איבע־ריקע באַפעלקערונג פון לאַנד. שטענדיק זענען זיי אַריינגעטאָן אין מתפּלל זיין צו זייער גאָט. גאַנצע טעג זיצן זיי אין זייערע געבעט־הייזער און לערנען אין די אַלטע פאַרמעטענע מגילות אויף עפּעס אַ מאָדנער שפּראַך, וואָס איז אַזוי שווער צו פאַרשטיין.

— יאָ, עס איז מיר איינמאָל אויסגעקומען צו זיין ביי זיי אין אַזאַ הייליק הויז — האָט איינער פון די רייטער שטיל געזעדט צו די אַנדערע חברים זיינע — האָב איך געזען זייער פירערץ. אַלע זענען זיי איינגעהילט אין אַזעלכע ווייסע ליילעכער מיט שוואַרצע פּאַסן און טראָגן אויף די קעפּ און אויף דער לינקער האַנט מאָדנע שוואַרצע קעסטעלעך פון לעדער געמאַכט און מיט שוואַרצע לע־דערנע רימענס, און פון זייערע אויגן שפּריצט מיט פייער, ווען זיי הייבן אָן צו

זאָגן זייערע תפילות. טיילמאָל שרייען זיי מיט באַנומענע קולות און טיילמאָל שעפּטשען זיי אַזוי שטיל, אַז קוים וואָס זייערע שטימען דערגרייכן צו די אויערן... אַן אויסטערליש פאָלק!

— און זעסט דאָך, די כאַזאַרן! געווען אַמאָל געצנדינער, און אַנשטאָט דאָס ריכטיקע גלויבן פון יעזוס קריסטוס, האָבן זיי זיך גאָר באַהאָפטן צום ייִדישן גאָט... מוז דאָך דאָ עפּעס זיין! — האָט אַ צווייטער זיך אַריינגעמישט.

— און די ייִדן ווערן דאָך דורך אַלעמען געהאַסט, מען רודפט זיי, מען פּייניקט זיי און דאָך האָט זיך געפונען אַ פאָלק, און פון די מאָנגאָלן גאָר, אַ רויבערישע אומה, וואָס לאָזט קיינעם נישט צורו און רק זיי האַלטן אין איין באַפאַלן, — דאָ די אַראַבער, דאָ די גריכן און דאָ די צאַקלאַבן (סלאַוון) — און גראָד זיי נעמען אָן אַ גלויבן, וואָס בלויז אַ קליין הייפל האַלט זיך דערין...

— האָט דאָך טאַקע דער רוסישער פירשט, דער קלוגער אָלעג, ווען מ׳האָט אים פאָרגעשלאָגן אָנצונעמען די ייִדישע אמונה און אַוועקוואַרפן דאָס געצנ־דינסט, געענטפערט: „ווי קאָן איך אָננעמען דאָס גלויבן פון אַ פאָלק, וואָס די גאַנצע וועלט האָט עס פיינט און מען רודפט עס ...״

— אַ קלוגער מאַן געווען דער רוס!... — האָט עמיץ פון די רייטער פון דער צוגעפאַלענער טונקלקייט אַרויס זיך אָנגערופן.

— אָבער אויך דער קעניג בולאַן, אָדער ווי כאַזאַרן רופן אים — דער כאַקאַן, איז אויך נישט געווען פון די לעצטע נאַראָנים, און עס האָבן אים דאָך פאָרגעלייגט זייערע אמונות די קריסטלעכע ביזאַנטיער און די מוסולמענישע אַראַבער, און פונדעסטוועגן האָט ער אויסגעקליבן די ייִדישע אמונה... — האָט אַן אַנדערער געזאָגט.

— די ייִדישע אמונה מוז זיין זייער אַן אויסטערלישע, אויב זי האָט גע־קאָנט צוציִען אַזאַ ווילדן שבט ווי עס זענען די מאָנגאָלישע כאַזאַרן!...

זיי זענען איינגעשוויגן געוואָרן אויף אַ ווײַלע, ווייל זיי האָבן פּלוצלינג באַמערקט, ווי יצחק, דער ייִדישער שליח צו די כאַזאַרן, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אונטער אַ בוים און געשאָקלט זיך ווי אַ יונגע ווערבע אויפן ווינט. אין דרויסן איז שוין געווען גוט טונקל, אָבער דאָך האָבן זיי באַמערקט זיינע אויסטערלישע באַוועגונגען, און דערביי האָט ער אויפן הויכן קול אַרויסגעלאָזט פון צייט צו צייט אויסרופן אויף דער אומפאַרשטענדלעכער אַלטער שפּראַך, וואָס די ייִדן האָבן גערעדט אויף איר, ווען זיי זענען נאָך געווען אין זייער לאַנד פון יהודה.

אַ מיסטעריעזע ציטערניש איז זיי באַפאַלן און זיי האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף דעם ייִדישן יונגנמאַן מיט מורא און גלייכצייטיק מיט דרך־ארץ. זיי האָבן אין אים געזען אַ מאַן פון אַ העכערן מין. זיי האָבן אים דאָס מאָל צו זייער מאָלצייט נישט פאַרבעטן, ווייל זיי האָבן שוין געוווסט, אַז ער טאָר זיך צו

זייערע עסנס נישט צורירן. זיין אומפאַרשטענדלעכע רעליגיע דערלויבט עס אים נישט.

אַט אַזוי זענען פאַרביי טעג נאָך טעג. זיי האָבן זיך אַלץ מער און מער דער־ווייטערט פון קאָרדאָווע. זיי זענען שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען אַ וואָך צייט. פאַר־שידענע שטעט און דערפער זענען זיי דורכגעגאַנגען. אין איין שטאָט אַפילו, דאָס איז געווען אין וואַלענציאַ, האָט דער יידישער יונגערמאַן זיך באַגעגנט מיט עטלעכע פון זיינע יידישע ברידער. ער האָט זיי דערקענט ווי דורך אַ כישוף... וואָרים זיי, די ביזאַנטיער, איז גאָר נישט איינגעפאַלן זיי אונטערצושיידן פון געוויינלעכע שפּאַניער. די זעלבע קויל־שוואַרצע האָר, די זעלבע פלאַקערדיקע אויגן. יאָ, עפּעס איז טאַקע אין זייערע אויגן געווען אַן אַנדער גלאַנץ, וואָס נאָר דער ייד האָט געקאָנט אונטערשיידן...

זיי האָבן זיך אַזוי דערפרייט, גלייך זיי וואָלטן זיך פון לאַנג שוין געקענט, נאָר אָן אַ שיעור צייט זיך נישט געזען. זיי האָבן זיך פאַרשטענדיקט אויף זייער אַלטער שפּראַך, די עברישע... ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער געפינט זיך דאָ מיט נאָך מענטשן. ער איז אינגאַנצן מיטגעריסן געוואָרן פון דער גרויסער פרייד און צערודערונג, וואָס איז אויף אים געקומען.

די ביזאַנטיער האָבן אויפגעכאַפּט בלויז איינצלנע ווערטער, וואָס אין זייערע אויערן האָבן זיי שוין געקלונגען באַקאַנט. דאָס איז געווען דאָס וואָרט „כוזרים״, וואָס דאָס מיינט אויף דעם עברישן לשון — כאַזאַרן.

— מיר מוזן פאַר יעדן פּרייז געוויר ווערן די געהיימנישפולע שליחות, וואָס ער פירט מיט זיך צום קעניג פון די כאַזאַרן... — האָט איינער פון די ביזאַנטישע שליחים אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג.

— מיר וואָלטן נישט ווערט געווען דעם נאָמען קייסערלעכער שליח, אויב מיר זאָלן דאָס נישט געוויר ווערן — האָט אַ צווייטער באַשטעטיקט.

— און זעט נאָר ווי אַלע יידן זענען וועגן דעם באַקאַנט! דאַכט זיך, זיי וווינען אַזוי ווייט פון קאָרדאָווע, קיין שום באַציִונגען צווישן די צוויי פּראָווינצן זענען נישטאָ, און דאָך ווייסן זיי וועגן די „כוזרים״...

— נישט אַנדערש, ווי די יידן ווילן דורך די דאָזיקע ווילדע, רויבערישע כאַזאַרן באַהערשן די גאַנצע קריסטלעכע וועלט, און דער נישט־גלייביקער קאַליף אַבדול ראַכמאַן העלפט זיי צו דעריך, און דעריבער האָט ער די גאַנצע אונטער־האַנדלונג צווישן אונדזער קייסער און דעם הערשער פון אַנדאַלוזיע איבערגע־געבן אין די הענט פון דעם ייד, חסדאי אבן שפרוט... — האָט דער עלטסטער פון דער גרופּע שליחים געטענהט.

זיי האָבן דאָ איצט נאָכאַמאָל, פּונקט ווי אין קאָרדאָווע, אָפּגעהאַלטן אַ באַ־ראַטונג און אויפסניי אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז מען טאָר נישט דערלאָזן דעם יונגג־

מאַן, דעם ייִדישן שליח, אָנצוקומען אין דעם לאַנד פון די כאַזאַרן. צום מערסטן איז דערויף באַשטאַנען איינער פון די ביזאַנטיער, וועלכער האָט זיך אין קאָר־דאָוואַ געהאַט אַרונטערגעגנבעט אין דער נאַכט, ווען עס איז ביים נשיא פאָר־געקומען דאָס לייענען פון בריוו צום כוזרישן קעניג. היגטערן פענצטער פון פאַ־לאַץ, צו זען וואָס עס טוען דאָרט אַזוי פיל ייִדן, בפרט, אַז דאָרט אַהין איז אויך געווען פאַרבעטן דער דאַזיקער יונגער שליח.

— אַ כיטרער ייִד איז דער אַנדאַלוזישער אויסערן־מיניסטער — האָט דער זעלבער ביזאַנטיער אויסגערופן מיט כעס — ער האָט אויף קיין איין פונקט נישט געוואָלט אָפּטרעטן, ביז וואַנען מיר האָבן אים געמוזט צוזאָגן גוט צו באַהאַנדלען די ייִדישע באַפעלקערונג ביי אונדז אין לאַנד און ביז מיר האָבן נישט מסכים געווען, אַז מיר וועלן באַזאָרגן זיין שליח צום לאַנד פון די כאַזאַרן.

— ער איז דער אויסערן־מיניסטער פון קאַליף און זאָרגט מער פאַר זיינע ייִדן ווי פאַר די אינטערעסן פון אַנדאַלוזיע!... — האָט ער גיפטיק צוגעגעבן.

— קאָנסט אָבער נישט זאָגן אויף אים, אַז ער פאַררעט די אינטערעסן פון זיין הערשער! — האָט אַ צווייטער זיך אָנגענומען.

— ער איז צו קלוג דאָס אָפּן צו טאָן... ער וויקלט אַלץ איין אין אַ ים מיט רייד און ער פאַרפּלאָנטערט דיך אַזוי, אַז דו קאָנסט נישט וויסן ווו דו האַלטסט מיט אים.

— דאָס איז די אויפגאַבע פון יעדן דיפּלאָמאַט! — האָט ווידער דער זעל־בער זיך אַריינגעמישט.

— שווייגט, אָט קומט ער, דער ייִד — האָט עמיץ אַרויפגעלייגט אַ פינ־גער אויפן מויל.

יצחק איז צוריקגעקומען פון דעם פּלאַץ, ווו ער איז איבער אַ שעה צייט געשטאַנען און איינגעטענהט מיט זיינע ייִדישע ברידער פון וואַלענציאַ. ער איז געווען אָנגעלאָדן מיט אַ סך פּעקלעך שפּייז. עס האָבן אַרויסגעשמעקט די גע־זאַלצענע פליישן, די געטריקנטע פיש, די שמעקעדיקע פּוטער און קעז און ווייס ברויט פון זעמל־מעל.

— וואָלסט דאָ געדאַרפט בלייבן, יצחק — האָט עמיץ [illegible]טיער מיט האַלבן שפּאָט צו אים אַ זאָג געטאָן, זעענדיק דעם כל טוב, מיט וואָס ער איז באַלאָדן.

— פאַרוואָס דאָ בלייבן? — האָט דער יונגערמאַן אומשולדיק געפרעגט.

— די היגע ייִדן זענען רייך און וועסט דאָ קאָנען אויסלעבן דיינע יאָרן אין זאַטקייט — האָט אים דער ביזאַנטיער געענטפערט.

— עס האָט מיר גאָרנישט געפעלט אין קאָרדאָוואַ — האָט ער אויסגע־רופן — איז דען אַלץ אין לעבן די הומרדיקע זאַטקייט?

דער ביזאַנטיער האָט זיך פאַרשעמט און מער גאָרנישט גערעדט.

די זעלבע נאַכט האָבן זיי אַלע גענעכטיקט אין הייזער, און יצחק איז געהאַט פאַרבעטן געוואָרן צום עלטסטן פון די ייִדן אין וואַלענציאַ. אויך די ביזאַנטיער האָבן געפונען מענטשן, וואָס האָבן זיי אַריינגענומען אויף איבער נאַכט.

מיט טאָג צוגלייך האָבן זיי ווייטער אָנגעהויבן זייער מאַרש לענגאויס דעם ים.

— ווען וועלן מיר אָנקומען קיין נאַרבאָן? — האָט יצחק געפרעגט.

— אַהאַ, מיר זענען דאָך די פּירינעען נישט אַדורך און ער פרעגט זיך שוין אויף נאַרבאָן. אויך אין נאַרבאָן וואַרטן אויף דיר דיינע ייִדישע ברידער? — האָט איינער פון די שליחים געפרעגט — איבער דער גאַנצער וועלט זענען די ייִדן אויסגעשפרייט און זיי האָבן אַ גרעסערע מאַכט פון קייסער!

— דאָס איז די פאַרגיטיקונג פאַר אונדזער גלות!... — האָט זיי יצחק צוריק אָפּגעענטפערט מיט אַ שטאָך.

עס זענען אָנגעקומען הייסע טעג. די זון האָט אומברחמנותדיק געבריט די לייבער און אויסגעפּאָמפּעט דעם לעצטן טראָפּן שווייס. אַ מין עצלות איז אַלע־מען באַפאַלן. אַפילו די פערד האָבן זיך אונטערגעפוילט און זיי האָבן געטרעטן זאַכט־ביי־זאַכט איבערן גאָלד־זאַמדיקן וועג. טיילמאָל פלעגן פאַרבייגיין גאַנצע טעג, וואָס קיינער האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט צום צווייטן. יעדער איז געווען פאַרטאָן אין זיינע אייגענע רעיונות. אַפילו די פערד האָבן זיך אָפּטמאָל פאַרטראַכט, דערמאָנענדיק זיך מסתמא וועגן ווייכן גרינעם גראָז, וואָס זיי האָבן שוין לאַנג צווישן די ציין נישט געקייט. דאָס גראָז אויפן וועג איז געווען פאַר־ברענט פון דער היץ און געל־אויסגעטריקנט.

פאַרשידענע מענטשן האָבן זיי אויף דעם וועג באַגעגנט. עס זענען געווען גוטע און שלעכטע, גאַסטפריינטלעך־באַרעדעוודיקע, אָדער אָנגעכמורעטע און פאַרביסן־שווייגנדיקע. טייל האָבן צו זיי אַרויסגעוויזן אָפענע פרייד, פאַרבעטן זיי צו זייערע פול־געדעקטע טישן און די ווייכע געלעגערס זיי אָפּגעגעבן. אַנ־דערע האָבן זיי אַרויסגעוויזן פאַראַכטונג און שנאה און נישט אַריבערגעלאָזט איבער דער שוועל פון זייערע הייזער.

— דאָס זענען אַלץ קריסטן? — האָט יצחק זיך געפרעגט ביי זיינע באַ־גלייטער, נאָכדעם ווי זיי האָבן פריִער געהאַט גערעדט צו אים וועגן דעם קריסט־לעכן גלויבן, וואָס איז פול מיט רחמנות און פאַרגעבונג.

— יאָ, דאָס זענען די טיילן פון שפּאַניע, וואָס זענען באַהערשט דורך קריסטלעכע פעלקער — האָט איינער פון די רייטערס פאַרשעמט געענטפערט, פאַרשטייענדיק דעם אָנדייט פון יצחקס פראַגע, נאָכדעם ווי אַזאַ קרי־סטלעכע פאַמיליע האָט זיי מיט שטעקנס פון זייער הויז פאַרטריבן, ווען זיי האָבן דאָרט געוואָלט בלייבן נעכטיקן.

— עס זענען אָבער פֿאַראַן אויך גוטע קריסטן — האָט אַ צווייטער זיך פֿאַרענטפֿערט פֿאַרן ייִדישן בחור.

— גוטע מענטשן, מייגסטו... — האָט יצחק אַריינגעוואָרפֿן.

ווידער האָט נאָך אַזאַ שמועס געדויערט אַ סך שעהן, ביז עס האָט זיך צוריק פֿאַרבונדן אַ געשפּרעך. עס זענען כסדר פֿאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן אויף אַ קליינעם פֿאָרמאַט צווישן ייִד און קריסט. יצחקן האָט דער דאָזיקער אופֿן פֿון וויכוח נישט געשמעקט, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט העלפֿן, ווען זיי זענען צו אים צוגעשטאַנען מיט פֿאַרשידענע פֿראַגן און אָנצוהערענישן, אַז ער גייט אויפֿן בלאָנדזשענדיקן וועג...

די שענסטע טעג האָבן זיי געהאַט, ווען זיי זענען ענדלעך אַריינגעקומען אין די פּירינעען־בערג. טיילמאָל האָבן זיי זיך מיט זייערע פֿערד געמוזט דראַפּען אויף די משופּעדיקע הויכקייטן, וואָס זענען געווען פֿעלדזיק צעגליט פֿון דער זון און קיין ברעקעלע גראָז איז נישט געווען צו זען; טיילמאָל האָבן זיי אַראָפּגענידערט אין גרינע טאָלן, וואָס האָבן זיך געשאָטנט אונטער די הויכע געבירג און געקילט דאָס לייב נאָך די פֿיל שעהן אונטער דער ברענענדיקער זון. דער וועג, וואָס האָט געפֿירט דורך די טאָלן, איז געווען געדיכט באַפֿלאַנצט מיט ווילדעביימער, צווישן וועלכע עס זענען פֿון צייט צו צייט אַוועקגעשפּרונגען קליינע חיות, וואָס האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר די משונהדיקע מענטשלעכע ברואים, וואָס זיי האָבן אפֿשר צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן געזען.

עטלעכע טעג האָט געדויערט זייער דראַפּען זיך איבער די בערג. יעדע פּאָר שעה האָבן זיי זיך געמוזט אָפּשטעלן און רוען, נישט וועלנדיק אויסמאַטערן די פֿערד ביזן לעצטן טראָפּן. זיי האָבן גענעכטיקט אויף די העכסטע שפּיצן, ווו עס איז געווען קאַלט און אַ פֿראָסט האָט דורכגענומען זייערע לייבער.

נישט איינמאָל איז יצחקן געקומען אויפֿן זינען אַ יצר־הרעדיקער געדאַנק: „צו וואָס האָב איך מיך אונטערגענומען אַזאַ שווערע רייזע?... איז עס דען נישט געווען פֿאָרויסצוזען? האָט דען דער נשיא מיך נישט געוואָרנט?״ אָבער דערמאָנענדיק זיך אין זיין דערהויבענעם ציל, האָט ער זיך באַלד אויסגעשטראָפֿט פֿאַר די שלעכטע געדאַנקען און ער האָט אויף זיך גענומען אַ שטראָף צו פֿאַסטן דעם היינטיקן טאָג...

— איך וואָלט דאָס טייערע מיידל אויף אייביק אָנגעווירן!... — האָט ער זיך געזאָגט אין געדאַנק און ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס זי פֿלעגט אים אָפֿט דערמאָנען בעת זייערע צוזאַמענקונפֿטן: „ווען וואָלסט אויפֿגעטאָן עפּעס אַ העלדישע טאַט״...

און ער האָט זיך איצט, ליגנדיק איינגעדעקט אויף אַ שפּיץ באַרג אין זיין

מאַנטל, מיטן פּנים אַרויף צום אויסגעשטערנטן הימל, אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, ווי ווייט און ברייט די גייעס פון זיין אויסגעפינען דעם כוזרישן שבט וועט אָפּקלינגען אין דער יידישער וועלט. דאָס וועט דאָך איבערגיין פון דור צו דור, און ער, יצחק בן נתן, פון דער שטאָט קאָרדאָוואַ, אין מדינת אַנדאַלוזיע, האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ שווערער און לאַנגער נסיעה, פירנדיק אַ בריוו פון נשיא, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט, צום יידישן מלך פון די כוזרים, יוסף בן אהרן.

ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט שטאָלץ און דערהויבן פון זיין אָפּגעטוע־נער טאָט. ער האָט זיך אַליין באַוווּנדערט און מקנא געווען... וואָס אים, דעם יונגען תלמיד פון דער קאָרדאָווער ישיבה, איז געקומען אויפן געדאַנק אַזאַ זאַך צו טאָן.

מיטן ערשטן אויפשפּראָץ פון די זון־שטראַלן איבער דער וועלט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. די איבעריקע רייטער זענען נאָך געשלאָפן מיט צעיאַכמערטע פּנימער. ווער ווייסט וואָס זיי האָט זיך אין דעם מאָמענט געחלומט. ער האָט זיך געוואַשן די הענט און דאָס פּנים מיט דעם וואַסער, וואָס ער האָט געהאַט אין לאָגל און אָפּגעגעבן דעם אייבערשטן אַ שבח און לויב פאַר דעם חסד, וואָס ער טוט מיט אים און ער האָט זיך איינגאַנצן אונטערגעוואָרפן דער השגחה פון אויבן, זייענדיק ביי זיך זיכער, אַז זיין אונטערנעמונג וועט עולה־יפה זיין.

אינמיטן פון זיין תפילה האָבן זיך די גויים אויפגעכאַפּט פון שלאָף. זיי האָבן זיך באַלד גענומען צו זייער אָנבייסן, אָבער יצחק האָט געהאַלטן זיין צוזאָג צו פאַסטן, ער האָט אַפילו קיין טראָפּן וואַסער אין זיין מויל נישט גענומען.

— פאַרוואָס עסטו נישט — פריינט?... — האָט אים איינער פון דער חברותא געפרעגט — מיר רירן באַלד אַרויס אין וועג אַריין. היינט קומען מיר אַריבער די פּירינעען און מיר וועלן זיך געפינען ענדלעך אויף דער פראַנצוי־זישער ערד.

— איך פאַסט היינט, מיינע פריינט. דאָס גיב איך אָפּ אַ דאַנק צו גאָט פאַר דעם גנאָד, וואָס ער ווייזט אונדז אַרויס. די רייזע גייט אונדז אַלעמען דורך בשלום און עס געשעט נישט קיינעם קיין שום שלעכטס... — האָט יצחק געענט־פערט און דאָס פּנים זיינס האָט געשיינט פון נחת, וואָס ער קאָן דינען גאָט אויף דעם דאָזיקן וועג און גרויס מאַכן זיין נאָמען צווישן די נישט־ג׳לייביקע.

— דאַנקסטו אים, הייסט עס, אויך אין אונדזער נאָמען — האָט עמעצער פון זיי אַריינגעוואָרפן.

— אין אַלעמענס נאָמען — האָט ער געענטפערט — גאָט געהערט צו אַלע־מען און אַלע געהערן צו גאָט, וועלכער האָט באַשאַפן די מענטשן און חיות און געוויקסן, ווי עס שטייט אין דער סדרה בראשית.

— ריכטיק, עס שטייט טאַקע אַזוי אין דער ביבל... — האָט דער פריער־דיקער רייטער באַשטעטיקט די רייד פון דעם יונגנמאַן.

יצחק איז געווען גליקלעך, וואָס מען דערנענטערט זיך שוין צו פראַנק־רייך, ווו עס הערשט די דינאַסטיע פון די קאַראָלינגער, וועלכע זענען גוט צו דער ייִדישער באַפעלקערונג. ער האָט געוווּסט, אַז אין די דרומדיקע פראָווינצן פון פראַנקרייך לעבן רייכע ייִדישע קהילות, און דאָס איז אין מאַרסעיל, אַרל, נאַרבאָן, טולוז, בעזיע, נים און אין קאַרקאַסאָן... יצחק האָט גוט געוווּסט וועגן די דאָזיקע ייִדישע קהילות פון די אַלע שליחים, וואָס פלעגן קומען אין נשׂיאס הויף קיין קאָרדאָווע.

באַזונדערס האָט ער זיך געפרייט, וואָס ער וועט קאָנען באַלד זען ר׳ נתן בן יצחק, דעם גרויסן תּלמיד חכם פון בבל, דעם חבר פון זיין נייעם רבין, ר׳ משה בן חנוך. יענער וועט זיך זייער דערפרייען, ווען ער וועט אים ברענגען אַ גרוס פון זיין אח לצרה... ער האָט זיך דערביי דערמאָנט די שרעקלעכע געשיכטע, וואָס ר׳ משה בן חנוך האָט דערציילט אין דער סדר־נאַכט, ווען ער איז פּלוצלינג אויף אַן אויסטערלישן אופן אַריינגעקומען צום נשׂיא אין הויז...

דער וועג איז אים געוואָרן לייכטער. זיי זענען שוין כּסדר געריטן באַרג אַראָפּ צווישן אַ געדיכטעניש פון ביימער, וואָס האָבן אַביסל באַשאָטנט די רייטער פון דער גליִענדיקער זון. פון צייט־צו־צייט האָט אויפגעבליצט דער מיטל־לענדישער ים, וואָס האָט ווי אַ זילבערן אויג זיך דורכגעריסן דורך דער גריניער געדיכטעניש און ווידער איז דער ים ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, ווי ער וואָלט זיך מיט זיי געשפּילט אין באַהעלטעניש.

יצחק האָט זיך פאַר גרויס פרייד צעזונגען מיט אַזאַ האַרציקער מעלאָדיע, אַז דאָס געזאַנג זיינס איז זיך מיט אַ ווידערקול פונאַנדערגעגאַנגען איבער ווייט־ווייטע שטחים און אַריינגעדרונגען אין די הערצער פון די באַגלייטער זיינע און האָט אַרויסגערופן ביי זיי זיפצן.

— דו זינגסט אַזוי שיין, ייִדישער בחור — האָבן זיי זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון נישט צו לויבן אים — אַז עס דאַכט זיך אונדז אויס, ווי מיר וואָלטן געשוועבט אין די העכסטע הייכן, ביז די בלויע הימלען אַרויף.

מיט פאַרנאַכט צוגלייך, מיט דער רויטקייט פון דער שקיעה, זענען זיי אָנגעקומען אויף דער פראַנצויזישער ערד. די הויכע בערג האָבן זיי שוין גע־האָט הינטער זיך און פאַר זיך האָבן זיי געהאַט אַ גלאַטן וועג מיטן ים־ברעג ביז דער שטאָט נאַרבאָן, וואָס איז געלעגן ביי אַ שיינער בלויער אָזיערע, נישט פיל דערווייטערט פון ים־ברעג.

זיי האָבן באַשלאָסן דעם וועג קיין נאַרבאָן שוין דורכצומאַכן נאָכן אויפ־ברוך פון נייעם טאָג.

פול מיט ציטערניש און האַרץ־קלאַפּעניש האָט זיך יצחק דערנענטערט צום הויז פון ר׳ נתן בן יצחק, דעם גרויסן תלמיד־חכם פון סורא אין בבל. די שטאָט נאַרבאָן האָט אויף אים געמאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק. קודם־כל האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין אויג די בלויע אָזיערע, וואָס האָט אין זיך אָפּגעשפּיגלט די גאַנצע שטאָט מיט אירע שפּיציקע קלויסטערס, וואָס האָבן מיט גאווה זיך געריסן אין הימל אַריין און די קליינע קאָלירטע הייזלעך, די דעכער מיט שטרוי באַדעקט.

די מענטשן זענען געווען פריינטלעך צו אים. צו וועמען ער האָט זיך גע־ווענדט נאָך עפּעס, איז יענער גרייט געווען צו דינען אים מיט אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט.

ער האָט מיט די מענטשן גערעדט אויפן ווונק, ווייל ער האָט די פראַנצוי־זישע שפּראַך נישט פאַרשטאַנען. ער האָט בלויז געקאָנט רעדן לשון קודש און אַראַביש. זיינע באַגלייטער, די ביזאַנטישע שליחים, האָבן באַלד אָפּגעזוכט עט־לעכע גריכן, וועלכע האָבן דאָ אין נאַרבאָן זיך געהאַט איינגעאָרדנט מיט זייערע געשעפטן. זיי האָבן אימפּאָרטירט געווירץ פון אינדיע און פון וויטן מזרח. זיי האָבן זיך באַלד אין די פּנימער דערקענט אַלס אייגענע און זיי האָבן אָנגעהויבן שנעל רעדן אויף זייער שפּראַך.

די ביזאַנטישע שליחים האָבן באַשלאָסן אין נאַרבאָן ויך אָפּצורוען עטלעכע טעג נאָך אַזאַ לאַנגער רייזע. יצחקן איז זייער באַשלוס געפעלן געוואָרן. אויך ער איז געווען מיד, און דער עיקר האָט ער געוואָלט זיך באַקענען מיט ר׳ נתן בן יצחק, פון וועלכן ער האָט געהאָפט געוויר צו ווערן מער ידיעות וועגן די כוזרים און אויך עפּעס צו לערנען פון די בבלער ישיבות.

נאָך אַרומבלאָנדזשען עטלעכע שעה איבער די שמאָלע געסלעך פון נאַר־באָן, האָט ער אָנגעטראָפן אויף עטלעכע ייִנגלעך, וואָס האָבן זיך געאיילט ערגעץ־ווו, און אין זייערע שוואַרצע אייגלעך האָט ער אַרויסגעפילט די ברידערלעכע נאָענטקייט. ער האָט זיי אָפּגעשטעלט און אַ ווײַלע געטראַכט אויף וואָס פאַר אַ לשון זאָל ער זיך צו זיי ווענדן. ער האָט געפּרוווט און אַ פרעג געטאָן אויף לשון קודש ביים עלטסטן פון די ייִנגלעך:

— ייִדישע ייִנגלעך?...

— יאָ — האָט דער עלטערער געענטפערט מיט גרויס פרייד, און מיט אַ קלאָרער שפּראַך אים געפרעגט פון וואַנען ער איז, און אַז ער קאָן אים צופירן צום ראש־ישיבה ר׳ נתן בן יצחק.

— נאָר גאָט איז מיר בייגעשטאַנען אין זכות פון מיין שליחות — האָט יצחק אויסגערופן מיט שמחה — פיר מיך אַהין צו אים, ווייל איך האָב צו אים אַ גרוס...

עס איז געווען פאַר מיטאָג. די זון איז געשטאַנען הויך אין הימל. און פון יעדן געסל האָט זיך דורכגעריסן דער אָנבליק פון דער בלויער אָזיערע, וואָס איז געלעגן הינטער דער שטאָט; און צוזאַמען מיט די רויטע, געלע און גרינע פאַרבן פון די הייזלעך און אונטער די גאָלדענע שטראַלן פון דער גליִענדיקער זון האָט זיך געבילדעט אַ פראַכטפולע סימפאָניע פון קאָלירן.

יצחק איז געווען מיטגעריסן פון דער דאָזיקער שיינקייט און ער איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון רבינס הויז ווי אַ פאַרחלומטער.

— אָט דאָס איז עס!... — האָט אויסגערופן איינער פון די ייִדישע ייִנגלעך, וועלכע האָבן מיט נייגעריקייט זיך צוגעקוקט צום פרעמדן יונגען ייִד, פרעמד אין זיין הלבשה און פרעמד מיט דער אויסשפּראַך זיינער אַפילו אין לשון קודש.

און זיי זענען פלינק אַוועקגעלאָפן פון דאָרט, און אין איין אויגנבליק האָבן זיי פאַרשפּרייט די נייעס, אַז אַ פרעמדער ייִד איז געקומען קיין נאַרבאָן פון ערגעץ אַ וויַיטן לאַנד, ווו עס הערשן די אַראַבער.

ווען ר׳ נתן בן יצחק האָט געעפנט די טיר אויף יצחקס אָנקלאַפּן, איז דער קאָרדאָווער יונגערמאַן געבליבן שטיין ווי אַ צוגעשמידטער צום אָרט און האָט זיך נישט געקאָנט אַ ריר טאָן.

דאָס איידעלע פּנים פון דעם תלמיד־חכם האָט אים אַ בלענד געטאָן אין די אויגן. זיין טונקל־לענגלעך פּנים, אַרומגעראַמט מיט אַ קליין שוואַרץ בערדל און זיין קויל־פינקלדיקער בליק האָט אים ווי דורכגענומען. ער האָט געהאַט אַ לענגלעך פיין־געשניצטע נאָז און די רויטע ליפּן זענען געווען לייכט באַוואַקסן. דער קאָפּ איז געווען באַדעקט מיט אַ פילפאַרביקן טורבאַן, ווי די ייִדן האָבן זיך געקליידט אין בבל.

דער רבי איז געשטאַנען אַ וויַיל, דורכגענומען מיט זיין טיפן בליק דעם פרעמדן יונגנמאַן און נאָכדעם אַ פרעג געטאָן מיט אַ ווייך קול אויף לשון קודש:

— מיט וועמען ווילסטו רעדן, מיין פריינט?...

— מיטן גרויסן רבין, ר׳ נתן בן יצחק!... — האָט יצחק געענטפערט מיט אַ וויבּרירנדיק קול פון צופיל איבערגענומענקייט, וויסנדיק פאַר וועמען ער שטייט.

— דו קענסט מיך נאָך נישט און דו ווייסט שוין, אַז איך בין גרויס... — האָט ר׳ נתן מיט אַ לייכטן שמייכל און כמעט מיט פאַרוואורף אים געפרעגט.

— איך קען דיך יאָ, רבי ומורי... — האָט יצחק געענטפערט. — איך קום פון דער שטאָט קאָרדאָוואַ, וואָס געפינט זיך אין מדינת אַנדאַלוזיע, אין דרום־שפּאַניע...

— און ברענגסט מיר אוודאי אַ גרוס פון מיין טייערן חבר ר׳ משה בן חנוך! — האָט דער רבי אַ געשריי געטאָן און איז געפאַלן אויפן האַלדז פון

יונגן בחור — קום אַריין צו מיר אין הויז און געבענטשט זאָל זיין דיין טריט איבער מיין שוועל, ברוך הבא!

ער האָט אים צאַרט אָנגענומען ביי דער האַנט און אַריבערגעפירט איבער דער שוועל צו זיין אָפּגעזונדערטן חדר, ווו עס זענען געזעסן עטלעכע מענטשן פון שטאָט און האָבן מיט נייגעריקייט זיך צוגעקוקט צום ניי־געקומענעם יונגנמאַן.

— דאָס איז יצחק בן נתן, פון דער שטאָט קאָרדאָוואַ אין אַנדאַלוזיע, וואָס געפינט זיך אונטער דער הערשאַפט פון אַראַבישן קאַליף אַבדול ראַכמאַן און אונטער דער נשיאות פון גרויסן למדן און געטריַיען ייד, ר׳ חסדאי אבן שפרוט!... — האָט דער באַלעבאָס פון הויז פאָרגעשטעלט יצחקן.

דאָס אַלץ האָט יצחק אים דערציילט אין די עטלעכע טריט, וואָס ער האָט געמאַכט פון דער שוועל צום רבינס חדר.

די יידן אין דעם חדר האָבן זיך אויפגעשטעלט און אָפּגעגעבן שלום דעם פרעמדן יונגנמאַן און מיט באַוואונדערונג און נאָך גרעסערער נייגעריקייט אָפּגעוואַרט, וואָס ער וועט זיי דערציילן.

באַלד איז אויפן טיש ביים רבין אין חדר געשטאַנען כיבוד: עטלעכע פלעשער בורגונדער וויין, פרוכטן און אַנדערע רייכע משקאות.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויספרעגעניש, פריִער אויף דעם, ווי עס לעבן די יידישע קהילות אין שפּאַניע, וואָס עס מאַכט אין געזונט דער נשיא, ר׳ חסדאי אבן שפרוט, וועמעס שם עס גייט איבער דער גאַנצער יידישער וועלט.

— און וואָס מאַכט מיין טייערער חבר, ר׳ משה בן חנוך? — האָט ער ענדלעך מיט ציטערניש אין קול אַ פרעג געטאָן.

מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט און מיט צעפלאַמטע פנימער האָבן אַלע אויסגעהערט די געשיכטע, וואָס דער פרעמדער יונגערמאַן פון קאָרדאָוואַ האָט זיי דערציילט. ווי אַזוי ר׳ משה בן חנוך האָט זיך פלוצלינג באַוויזן אין הויז פון נשיא אין דער סדר־נאַכט, און וואָס ער האָט דערציילט וועגן זיינע איבערלעבענישן.

די געשיכטעס האָבן געקלונגען אין די אויערן פון די יידן ווי מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט. עס איז ממש געווען אומגלייבלעך, אַז אַ מענטש זאָל דאָס אַלץ דורכמאַכן, אָבער זייער נייער רבי, דער תלמיד־חכם פון בבל, ר׳ נתן בן יצחק, האָט זיי באַשטעטיקט. ער איז דאָך געווען פון די פיר למדנים, וועלכע זענען געפאַנגען געוואָרן דורך דעם רויבערישן אַדמיראַל ראַמאַהיס.

און ווען עס איז געקומען צום אָרט, ווען יצחק האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן ציל פון זיין נסיעה, איז ער מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן ביי די נאַרבאָנער יידן ווי אַ לעגענדאַרישע פערזאָן.

— ביסטו דאָך דער צווייטער אלדד הדני!... — האָט עמיצער פון זיי אויס־

געזאָגט — דאָ ביי אונדז ווייסט מען גאָרנישט וועגן אַזאַ שבט, די כוזרים. מיר הערן דאָס צום ערשטן מאָל...

— אין בבל האָט מען יאָ געהערט וועגן די כוזרים, דאָס איז אַ טערקישער שבט, ווי עס ווערט דערציילט אין נאָמען פון אונדזערס אַן אַלטן בבלער תלמיד־חכם, ר׳ יצחק סאַנגורי — האָט דער ראש־ישיבה ר׳ נתן בן יצחק זיך אָנגערופן — און אים, ר׳ יצחק סאַנגורין, האָבן די כוזרים צו פאַרדאַנקען זייער איבערגיין צום ייִדישן גלויבן. די כוזרים שטאַמען אָפּ פון נחס דריטן זון, יפת, וועלכער האָט פון צווישן זיינע זין געהאַט איינעם מיטן נאָמען תוגרמא. אין די יחוס־ביכער פון די כוזרים איז פאַרשריבן, אַז תוגרמא האָט געהאַט צען זין און איינער פון זיי האָט געהייסן כזר, ער איז געווען דער זיבעטער זון, און אָט פון דעם דאָזיקן כזר זאָלן עס אָפּשטאַמען די כוזרים...

— איך דאַנק אייך זייער, רבי ומורי — האָט יצחק איבערגעריסן — איר האָט מיר געלאָזט הערן אינגאַנצן אַ נייע זאַך... וואָרים ביי אונדז האָט מען פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די כוזרים שטאַמען אָפּ פון די עשרת השבטים...

— אפשר האָבן זיך אין משך פון דורות אַריינגעמישט אין דעם כוזרישן בלוט דאָס בלוט פון די פאַרטריבענע צען שבטים. עס איז שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר, זינט דאָס מלכות ישראל איז חרוב געוואָרן דורך שלמנאסר מלך אַשור, וועלכער האָט די איבערבלייבענישן פון די צען שבטים פאַרטריבן און פונאַנדערגעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. אויף געוויס קאָנען מיר נישט זאָגן. אפשר האָט אלדד הדני יאָ געוווּסט, אָבער מען האָט אים אַ סך נישט געגלייבט, ווייל ער האָט צופיל מגזם געווען אין זיינע דערציילונגען... — האָט ר׳ נתן בן יצחק געזאָגט און זיך פאַרטראַכט איבער זיינע רייד.

עס איז געווען דער טאָג פון פרייטיק, און די ייִדן וועלכע זענען דאָ געזעסן ביים רבין, האָבן זיך געאיילט אַהיים, ווייל מען דאַרף זיך צוגרייטן צו קבלת שבת.

— דו וועסט בלייבן מיין אורח, יצחק בן נתן!... — האָט דער ראש־ישיבה מיט אַ ווייך קול אויסגערופן — און זיי געבענטשט אין מיין הויז... מיר וועלן נאָך אַ סך רעדן פרייטיק־צונאַכטס, ווען פיל פון די נאָרבאָנער באַלעבאַטים קומען זיך געווייגלעך צונויף ביי מיר, און וועסט נאָך אַ סך אינטערעסאַנטע ייִדישע זאַכן געוואָר ווערן; און אַ מענטש, וואָס נעמט זיך אונטער אַזאַ נסיעה, דאַרף וויסן וועגן די ייִדן, וואָס ער וועט אויף זיין וועג אָנטרעפן.

***

אַ גרויסע צאָל ייִדן זענען זיך דעם דאָזיקן פרייטיק־צונאַכטס צונויפגעקומען אין דער שול, וווּ עס דאַוונט ר׳ נתן בן יצחק, כדי צו הערן זיין דרשה און אויך

צו זען דעם יונגן גאַסט פון קאָרדאָווא, וועגן וועלכן עס זענען שוין אַרומגעגאַנ־גען פאַרשידענע געשיכטעס. מען האָט שוין געוווּסט, אַז ער איז געשיקט געוואָרן פון נשיא אין שפּאַניע, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט, ערגעץ־ווּ אין אַ פאַנטאַסטישן לאַנד אַריין הינטער די הרי־חושך, ווּ עס הערשט אַ ייִדישער מלך איבער אַ ייִדיש פאָלק, וואָס שטאַמט פון די פאַרלוירענע עשרת השבטים.

עס זענען צוליב דעם דאָזיקן גרויסן יום־טוב אָנגעצונדן געוואָרן אַלע מנורות, און עס איז געווען ליכטיק ווי בייטאָג. עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסע צאָל פרויען מיט זייערע טעכטער, דערוואַקסענע מיידלעך, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף אַ העכערן גאַניק, אין דער ווייבערישער שול. אַ סך האָט געצויגן צו הערן די פאַרכאַפּנדיקע געשיכטעס וועגן דעם געפונענעם פאָלק, די כוזרים; און אַ סך, מערסטנטיילס די יונגע מיידלעך, האָבן געוואָלט כאַפּן אַ בליק אויף דעם פרעמדן יונגן ייִדישן בחור, וועגן וועמען מען האָט שוין פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ער איז אַזוי שיין ווי אַ מלאך, און ווען ער רעדט, שפּריצן פייערדיקע פונקען פון מויל און זיינע אויגן קאָנען פאַרכישופן, ווען זיי גיבן אויף עמיצן אַ בליק.

דער אָוונט איז צוגעפאַלן אַזוי פּלוצלינג, אַז מען האָט זיך כמעט ווי נישט אַרומגעזען, און עס איז שוין געווען פרייטיק־צונאַכטס. פון די פיל פענצטער האָבן אַרויסגעבלינצלט אָנגעצונדענע ליכט, אַ סימן, אַז דאָס זענען ייִדישע שטי־בער. עס האָבן אַרויסגעשמעקט די שבתדיקע מאכלים און פאַר די טירן האָבן זיך באַוויזן פרויען און מיידלעך, אויסגעשלייערט אין זייערע שענסטע יום־טובדיקע קליידער, זייערע האָר זענען נאָך פייכט געווען און עס זענען אין זיי אַריינגע־פלאָכטן געווען בענדער פון די פאַרשידנסטע קאָלירן. די אויגן האָבן געלויכטן און עס איז אין זיי געלעגן בענקשאַפט און פרייד צוזאַמען אויסגעמישט.

די מאַנסבילן זענען געווען ביי קבלת־שבת. אויף די שמאָלע געסלעך איז גע־ווען ליידיק, ווייל דאָ האָבן קיין קריסטן בכלל נישט געוווינט. און עס האָט זיך געפילט שבתדיקייט אין אַלע ווינקעלעך. פון דער פינצטערניש אַרויס האָט פון צייט צו צייט אַ בלישטש געטאָן צווישן די געסלעך די אָזערע מיט אַ ווייסן שוים און מיט אַ שטילן שבתדיקן געשעפּטש, וואָס האָט דערציילט וועגן ייִדישער פאַרגאַנגענהייט און ייִדישן עתיד...

דאָס איינציקע געשפּרעך איז געווען — דער יונגער גאַסט פון קאָרדאָוואָ, יצחק בן נתן. ער האָט גערייצט די פאַנטאַזיע פון די פרויען און געצונדן זייער איינגעבוירענע נייגעריקייט. זיי האָבן שוין מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז די שבת־דיקע סעודה זאָל זיין פאַרביי און מען וועט גיין הערן די דרשה פון דעם נייעם רביך, ר׳ נתן בן יצחק. גלייכצייטיק וועט מען קאָנען אָנזעטיקן דעם בליק און די נייגעריקייט, קוקנדיק אויפן גאַסט.

ביים רבין זענען געווען דאַסמאָל אַ סך מענטשן צו דער שבתדיקער סעודה.

מען איז געקומען אָפּגעבן כבוד דעם יונגן עילוי, וועגן וועלכן עס האָבן זיך שוין געהאַט פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז ער איז דער בעסטער תלמיד אין דער ישיבה פון קאָרדאָוואַ, און אַז טאַקע צוליב דעם האָט דער נשיא, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט, אים אויסגעקליבן צו זיין דער שליח־מצווה פאַר אַזאַ גרויסן ציל, ווי אויסצוגעפינען דאָס כוזרישע פאָלק.

זיי האָבן זיך נישט געגאַרט אין אים. דער יונגער יצחק, פריער אַ צוריקגעהאַלטענער, צוליב באַשיידנקייט און דערנאָך אַ דערמוטיקטער פון זיין גאַסטגעבער, האָט ער אַנגעהויבן אַרויסווייזן גרויס בקיאות אין וועלט־זאַכן און אין ים־התלמוד. ער האָט נאָכגעזאָגט אַ דרשה פון זיין נייעם רבין, ר׳ משה בן חנוך, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער קאָרדאָווער ישיבה וועגן ר׳ סעדיה גאון און וועגן זיין האַרטנעקיקן קאַמף קעגן דער נייער סעקטע, די קראים.

„מכלומרשט גלייבן זיי נאָר אין תורת משה", האָט ער געזאָגט מיט גרויס היץ, „אָבער אין דער אמתן האָבן זיי נישט קיין שום אַנונג, וואָס אין תורת משה שטייט געשריבן. זיי נעמען אָן דעם טייטש ווי ער איז אויבנאויפיק, דרינגען נישט אַריין אין זיין טיפקייט, דעריבער גרייזן זיי און בלאָנדזשען אויף קרומע וועגן"...

דער עולם אַרום האָט געגאַפּט פון זיינע רייד און האָבן זיך איבערגעשעפּטשעט אין דער שטיל איינער מיטן אַנדערן וועגן דער גאונות פון דעם יונגן תלמיד־חכם.

און יצחק האָט געגעבן באַלד פאַקטן וועגן זיינע רייד, וואָס האָבן באַשטעטיקט דאָס פריער געזאָגטע: „אין דער תורה ווערט געזאָגט „לא תבערו אש בכל מושבותיכם" — איר זאָלט נישט אָנצינדן קיין פייער אין אייערע וווינונגען — לויט די רבנים, וועלכע האָבן די זאַך גענומען אויף אַ נאַטירלעכן אופן, האָט מען געמעגט פריער, איידער דער שבת איז צוגעפאַלן, אָנצינדן ליכט. מען טאָר נאָר נישט אָנצינדן אום שבת. זיי, די קראים, אין זייער פאַלשן אויסטייטש, האָבן עס אָנגענומען גאַנץ איינפאַך: מען טאָר נישט שבת אָנצינדן קיין פייער, זענען זיי די גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה געזעסן אין דער פינצטער און אַזוי אַרום פאַרשטערט די יום־טובדיקייט פון שבתדיקן טאָג... די קראים קאָנען נישט צופּאַסן דאָס געזעץ צום לעבן און צו דער באַדערפעניש פונעם יחיד. ווען, למשל, אַ מענטש האַלט ביים שטאַרבן, האָבן די קראים נישט גערופן קיין רופא, ווייל דערמיט איז מען מחלל שבת. זיי האָבן נישט גענומען דאָס געזעץ לויט די רבנים, וועלכע האָבן די תורה צוגעפּאַסט צום לעבן און געפּסקנט, אַז „פיקוח נפש דוחה שבת" — אַז ווען עס האַלט וועגן דעם לעבן פון אַ מענטש, איז דאָס שטאַרקער פון דעם שבת...

און וואָס ווייטער יצחק האָט גערעדט, אַלץ פלאַמיקער זענען געוואָרן זיינע אויגן און ער האָט זיך אינגאַנצן אָנגעצונדן ווי אַ פייער־אָפּער. ער איז אויפגעי־

שטיגן אין די אויגן פון די פאַרזאַמלטע געסט ווי אַ מלאך, און אַ גרויס דרך־ארץ איז צו אים אַרויסגעוויזן געוואָרן.

אָבער גאָר הויך אויסגעוואַקסן איז דער יונגערמאַן פון קאָרדאָוואַ, ווען ער איז אין דער באַגלייטונג פון רבין, ר׳ נתן בן יצחק, געקומען נאָך דער סעודת־שבת אין שול אַריין.

די שול איז געווען געפּאַקט פון איין עק ביזן צווייטן, אַז מען האָט קיין נאָדל נישט געקאָנט אַריינוואַרפן אינדערמיטן. אין דער ווייבערישער שול איז געווען דאָס זעלבע. מען איז געשטאַנען קעפּ אויף קעפּ.

— אָט דאָס איז ער!... — האָט מען אויף אים געוויזן.

— אָט דער הויכער בחור, מיט די ברוינע האָר און פלאַקערדיקע שוואַרצע אויגן!...

— ווי שיין ער איז!... — האָט איין מיידל אויסגערופן פאַרגעסנדיק, אַז מען דאַרף זיך שעמען אַזאַ זאַך צו זאָגן אַזוי אָפן. אָבער באַלד האָט זי פאַרשטאַנען, אַז זי האָט איבערגעכאַפּט די מאָס און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ פאַרשעמטע.

— אַזאַ איידעם וואָלט איך מיר געוווּנטשן!... — האָט איין ייִדענע אויפגעהויבן די הענט צו אירע אויגן ווי ביים ליכט־בענטשן.

איר טאָכטער, וואָס איז געשטאַנען דערביי, איז אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַ קאַרמאַזין־רויטקייט, ווייל אַלעמענס בליקן האָבן זיך אַ ווענד געטאָן צו איר.

— שטיל זאָל זיין, דער רבי גייט שוין אַרויף אויף דער בימה... — איז געוואָרן אַ שושקעריי.

— אָט גייט דער פרעמדער בחור מיט אים אַרויף...

און אָט האָט דער רבי אָנגעהויבן זיין דרשה, וואָס איז דאָס מאָל געווען ווי אַ קבלת־פּנים פאַר דעם גרויסן גאַסט, וואָס זיי האָבן פּלוצלינג באַקומען אין זייער שטאָט.

קודם־כל האָט ער אָפּגעגעבן אַ שבח דעם בורא עולם פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט מזדמן געווען, אַז דער יונגער תלמיד־חכם זאָל גראָד גיין דורך דעם וועג און נישט דורך קיין אַנדערן. דערנאָך האָט ער פאַר זיינע צוהערער דערציילט וועגן דער שפּאַנישער שטאָט קאָרדאָוואַ, וועגן איר גרויסער ישיבה, וואָס וועט באַלד איבערשטייגן די צוויי ישיבות אין סורא און פּומבדיתא, אין בבל.

ער האָט זיי איבערגעגעבן אויך וועגן דער פּאַסירונג פון זיין פערטן חבר, ר׳ משה בן חנוך, וועגן וועלכן ער האָט ביז דעם טאָג, ווען דער יונגער בחור איז אַהערגעקומען, נישט געוווּסט וואָס מיט אים איז געשען. ער האָט געדאַנקט דעם אייבערשטן פאַר דעם, וואָס ער האָט אַזאַ גרויסן תלמיד־חכם אַרונטערגענומען אונטער זיינע פליגל און געפירט אויפן ריכטיקן וועג.

ערשט צום סוף האָט ער אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם גאַסט גופא.

„מיינע טייערע ברידער און שוועסטער", האָט ר' נתן בן יצחק זיך צעוואָ־רעמט מיט זיינע רייד וועגן שליח פון קאָרדאָוואָ, „יונג אין יאָרן איז ער נאָך אונדזער גרויסער גאַסט, אָבער זאָט אין מעשים טובים איז ער שוין, און אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: „כל שמעשיו מרובין מחכמתו חכמתו מתקיימת" — ווען עמיצנס מעשים שטייגן איבער זיין קלוגשאַפט, האָט זיין חכמה אַ קיום. אָבער ווען עמיצנס קלוגשאַפט שטייגט איבער זיינע מעשים, האָט זיין חכמה נישט קיין קיום... אונדזער גאַסט האָט אויף זיין חשבון אַ סך מעשים און ער איז דערצו זייער קלוג. צו וואָס איז ער געגליכן? ער איז געגליכן צו אַ בוים, וואָס זיינע בלעטער זענען פונאַנדערגעוואַקסן און זיינע וואָרצלען זענען טיף פאַרגראָבן, אַזוי אַז קיין שום ווינט קאָן אים נישט איבערקערן. בלויז דאָס אַליין, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען אַזאַ הייליקע שליחות, ווי גיין אויפזוכן די פאַרלוירענע שבטים, שטייגט איבער אַלץ, וואָס אַ מענטש קאָן אין זיין לעבן אויפטאָן. ער וועט דער־מיט צואיילן דעם קיבוץ־גליות און דאָס מיינט, אַז מיט דעם אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק פון גלות, וועט ער אויך אויסלייזן די שכינה, וואָס געפינט זיך צוזאַמען מיטן פאָלק ישראל אין גלות. ערשט איצט קאָנט איר פאַרשטיין, וואָס אָט דער יונגער בחור פון קאָרדאָוואָ האָט אויפגעטאָן מיט זיין טאַט!...

„ווען איר קוקט אויף דעם גאַסט פון קאָרדאָוואָ, זעט איר פאַר זיך דעם גרויסן נשיא, ר' חסדאי אבן שפרוט, וועמענס שם עס גייט איבער דער גאַנצער יידישער וועלט. וואָרים אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט, אַז — שליחו של אדם כמותו — דער שליח פון דעם מענטש, איז פונקט ווי דער מענטש אַליין, וועל־כער האָט אים געשיקט... ווען מיר גיבן אָפּ כבוד יצחק בן נתן פון קאָרדאָוואָ, גיבן מיר אויך דערמיט אָפּ כבוד דעם שר פון דער מדינת אַנדאַלוזיע, וועלכער איז אַ גרויסער נשיא בישראל..."

דער עולם האָט זיך צוגעהערט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם צו די געהויבענע רייד פון זייער רבין און האָבן יעדעס מאָל איבערגעריסן זיינע ווערטער מיט אויס־געשרייען, מיט וועלכע זיי האָבן אָפּגעגעבן כבוד דעם יונגן גאַסט, וועלכער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך אויף דער בימה און זיין גאַנץ פנים האָט געפלאַקערט מיט אַ געטלעך פייער. ער האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ כבוד מצד דעם גרויסן תלמיד־חכם פון בבל, און ער האָט אַפילו קיין רייד אין זיין מויל נישט געפונען, מיט וואָס אים אָפּצוענטפערן פאַר די אַלע ליב־ווערטער. ערשט נאָך אַ ווילע האָט ער זיך געפאַסט און אַרויסגעזאָגט עטלעכע געדאַנקען, וואָס האָבן ביי אַלע פאַרזאַמלטע אַרויסגערופן גרויס התלהבות און זייער ליבע צום יונגן בחור איז נאָך מער געוואַקסן.

ווען ר' נתן בן יצחק האָט פאַרענדיקט זיין דרשה, האָט דער גאַסט געזאָגט נישט מער ווי עטלעכע ווערטער. ער האָט געדאַנקט דעם גאַסטגעבער זיינעם פאַר

די אַלע קלוגע רייד, וועלכע גייען אָבער נישט אויף אים, ווייל ער האָט אַזוי פיל לויברייד נישט פאַרדינט; די אַלע רייד גייען אַרויף אויף דעם נשיא פון קאָר־דאָוואַ, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט, וועמען די יידישע וועלט וועט האָבן צו פאַר־דאַנקען, אויב עס וועט קומען אַמאָל אַ דערנענטערונג צווישן דעם כוזרישן פאָלק מיט אַלע איבעריקע יידן פון דער וועלט.

„דעם בריוו, וואָס איך פיר צום יידישן מלך, יוסף בן אהרן, דעם הערשער איבער דעם כוזרישן פאָלק, וואָס דינט צום זעלבן גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, וואָס מיר אַלע יידן דינען — וועט אויף אייביק פאַרבלייבן אין דער יידי־שער געשיכטע ווי אַ הייליקע שריפט, און פון דעם דאָזיקן בריוו וועלן די קו־מענדיקע דורות אַזויפיל לערנען, ווי זיי האָבן געלערנט פון אַלע אַמאָליקע נביאי־שע רייד. איך זאָג־צו און איך שווער ביי אַלע הייליקייטן, אַז איך וועל די גרויסע שליחות, וואָס איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן אין מיינע הענט דורכן שר הגדול, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט, דורכפירן, אַפילו ווען עס זאָל מיר אויסקומען אָפּ־צוגעבן מיין לעבן דערפאַר!...״

אַ גרויסער רעש האָט זיך אויפגעהויבן נאָך די דאָזיקע קלוגע רייד פון דעם יונגן יצחק בן נתן און די געשרייען זענען אַזש אַרויס פון דער גרויסער שול אין דער ביינאַכטיקער לופט און האָבן זיך געהויבן ביז די הימלען, ביז די פינקלדיקע שטערן: „זאָל לעבן דער שליח־מצווה!...״ — האָבן זיי געשריגן און אַן עולם האָט זיך אַ ריס געטאָן צו דער בימה און אַ כאַפּ געגעבן יצחקן אויף די אַקסל און אים אָנגעהויבן טראָגן איבער דער גרויסער שול, ווי להבדיל אַ ספר־תורה, און דערביי האָבן זיי געזונגען אויסטערלישע ניגונים, וואָס זענען אונטערגעכאַפּט געוואָרן אין דער ווייבערישער שול, פאַרגעסנדיק אינגאַנצן אין „קול באשה״... אַ גרויסער יום־טוב האָט געהערשט צווישן אַלעמען. די יונגע מיידלעך האָבן זייערע פּנימער צוגעדריקט צו די קופּערנע גראַטן פון דעם גאַניק, וואָס האָט אָפּגעטיילט די ווייבערשע שול פון דער מענערשער, זיי האָבן זייערע בליקן איינגעשטאָכן אין דעם יונגן בחור און באַוואונדערט זיין שיינקייט און קלוגשאַפט, וואָס האָט געשפּראָצט פון זיינע אויגן.

די דאָזיקע נאַכט איז קיינער נישט געגאַנגען שלאָפן. עס איז געווען אַ וואַך־נאַכט. מיט געזאַנג און מיט אָרעמס פאַרלייגט אויף אָרעמס זענען זיי אַלע מחנות־ווייז געגאַנגען פון דער שול איבער די שמאָלע געסלעך פון דער פראַנצויזישער שטאָט נאַרבאָן. קיינער האָט זיי דערין נישט געשטערט, ווייל קיין גוים האָבן אין דער גאַנצער געגנט אַרום נישט געוווינט. דאָס האָט מען באַגלייט דעם רבין מיט דעם יונגן גאַסט אַהיים. אונטערן גרינעם שיין פון די פינקלדיקע שטערן האָבן זיך געשוואַרצט אַטלאָס און סאַמעט און ס׳האָבן געבלענדט ווייסע זאָקן, און

פון צייט צו צייט האָט ווי אַ גרויס ליכט אַ שיין געטאָן דער ווייסער שוים פון דער אָזיערע, וואָס האָט זיך דורך די אָפענע געסלעך דורכגעריסן.

אַ גאַנצע נאַכט זענען אַלע אין הויז פון רבין, ר׳ נתן בן יצחק, וואַך געווען. מ׳האָט געטרונקען משקה און גערעדט דברי־תורה, און יצחק איז געוויר געוואָרן אַ סך נייע זאַכן, וועגן וועלכע ער האָט פריִער קיין אַנונג נישט געהאַט.

די ייִדן פון נאַרבאָן האָבן יצחקן דערציילט וועגן זייער לעבן אין דעם דאָזיקן לאַנד אונטער דער הערשאַפט פון די קאַראָלינגער.

„אין דער צייט פון קאַרל דעם גרויסן", האָט איינער פון די עלטערע באַלע־באַטים דערציילט, „מיט אַן ערך 140 יאָר צוריק, האָבן שוין געוווינט ייִדן אין פראַנקרייך, און אונטער זיין ממשלה האָט זיך געלעבט די ייִדן און ספּעציעל די ייִדן פון דער שטאָט נאַרבאָן — זייער גוט. עס ווערט דערציילט אַ לעגענדע, אַז די ייִדישע באַפעלקערונג האָט איבערגעגעבן די שטאָט נאַרבאָן צו קאַרל דעם גרויסן און דערפאַר האָט ער די ייִדן געגעבן גרויסע פּריווילעגיעס. ער האָט זיי אָפּגעגעבן אַ דריטל פון דער שטאָט און האָט אָנערקענט די מאַכט פון אַ ייִדישן „מלך", וואָס זיי האָבן געהאַט און וועלכער האָט געזאָלט אָפּשטאַמען פון מלכות בית־דוד. שפּעטער איז די מאַכט איבער דעם דריטל שטאָט פון נאַרבאָן אַריבער צו איינעם אַ „רבי־מכיר", וואָס האָט אויך אָפּגעשטאַמט פון בית־דוד, און קאַרל דער גרויסער האָט אים ספּעציעל געלאָזט ברענגען פון באַגדאַד אין בבל.

„שפּעטער, נאָכן טויט פון קאַרל דעם גרויסן, האָבן זיך די קריסטלעכע גייסט־לעכע נוקם געווען אין די ייִדן, ווייל זיי האָבן נאָך ביי זיין לעבן די ייִדן נישט פאַרגונען די אויטאָנאָמיע און זיי האָבן די אַלע פּריווילעגיעס פון זיי צוגענומען. אַ שווער לעבן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר די ייִדן אין נאַרבאָן. די גלחים האָבן איינ־געפירט אַ מנהג, אַז אין זייערע חגאות האָט איין ייִד געמוזט אויסגעפּאַטשט ווערן פון אַ קריסט. ווען די ייִדן האָבן זיך באַקלאָגט פאַר דעם אַרציבישאָף פון טולוז, האָט ער זיך „דערבאַרעמט" און אַרויסגעגעבן די הנחה, אַז פּאַטשן אַ ייִד זאָל מען נאָר אין ניטל, און אין דעם „גרויסן פרייטיק", וואָס איז פאַר דעם קריסטלעכן פּסח, אין טאָג, ווען יעזוס איז „געפלויגן" אין הימל אַריין...

„אָבער היינט האָבן מיר שוין, ברוך השם, רו פון די קריסטן, די אַלע בייזע מנהגים זייערע זענען שוין אַוועק ווי דער ווינט אין דער פאַרגאַנגענהייט", האָט דער ייִד מיט צופרידנקייט פאַרענדיקט די געשיכטע וועגן די ייִדן אין נאַרבאָן.

די דאָזיקע מעשיות האָבן אויף דעם יונגן יצחק אָנגעוואָרפן אַ שרעק. ער איז צו אַזעלכע זאַכן גאָרנישט צוגעוווינט. ביי זיי, אין דער מדינת אַנדאַלוזיע, ווייסט ער, געניסן ייִדן פון דעם העכסטן וווילזיין און זיי ווערן געאַכט און געשעצט סיי פון דער באַפעלקערונג און סיי פון מלכות.

„נאָר ביי די קריסטן קאָנען אַזעלכע זאַכן פאָרקומען", האָט יצחק געזאָגט

מיט פאָרוואורף, גלייך ער וואָלט געוואָרפן די שולד אויף די נאַרבאָנער ייִדן, וואָס זיי האָבן צו אַזעלכעס דערלאָזט. „ביי די מוסולמענער ווערן ייִדן זייער הויך גע־שאַצט, און ייִדן, ווי איר זעט, פאַרנעמען די העכסטע שטעלעס אין דער רעגירונג. גאָט זאָל זיך אויף אייך דערבאַרימען!“

אַ גאַנצע נאַכט זענען אַזוי אָנגעגאַנגען די שמועסן צווישן די חשובע באַ־לעבאַטים אין שטאָט און דעם יונגן שליח פון קאָרדאָווע. יצחק איז געוואָר גע־געוואָרן אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן. ביז איצט האָט ער מער נישט געוווסט ווי נאָר וועגן דעם לעבן פון די ייִדן אין שפּאַניע. אַצינד זעט ער איין וואָס פאַר אַ גרויסע אויפגאַבע ער האָט אויף זיך גענומען. וואָרים מיט אָפּזוכן דאָס נייע ייִדי־שע פאָלק אין לאַנד פון די כוזרים וועט געווייס אויך פאַרבעסערט ווערן די מערכה פון ייִדן איבער דער גאַנצער וועלט. די קריסטן וועלן מער נישט וואַגן צו טראַכטן וועגן אַזעלכע בזיונותדיקע געזעצן, ווי פּאַטשן אַ ייִד אין פּנים אַריין.

ווען ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן און די בלויקייט האָט זיך שוין קלאָר געצייכנט אויף די שויבן, האָט רבי נתן בן יצחק זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופן:

— הגיע זמן של שחרית!!!

און דער עולם האָט אָנגעהויבן שאָקלען זיך מיט גרויס כוונה, אויסרופנדיק: „מה טובו אהליך יעקב משכנתיך ישראל“... און אָנגעפולטע מיט האָפע־נונגספולקייט, האָבן זייערע שטימען זיך געלאָזט הערן איבער דעם גאַנצן הויז און אַרויסגעריסן זיך אין דרויסן, וווּ אַ רויטע זון האָט מיטאַמאָל אַ שפּראָץ־אויף געטאָן און אָפּגעגאָסן די גאַנצע וועלט מיט אַ פּורפּור־שיין, און אַ ליכטיקייט האָט אויפגעהעלט אין אַלעמענס נשמות. עס איז געווען שבתדיקער פרימאָרגן...

אָבער יצחקן, דעם יונגנמאַן פון דער פרייער שפּאַניע, איז נאָך דעם זעלבן טאָג באַשערט געווען איבערצולעבן דאָס, וואָס פאַר די ייִדן אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד איז עס נישט געווען קיין נייעס און זיי האָבן זיך געקאָנט דערויף ריכטן יעדן שיינעם פרימאָרגן.

ווען דער עולם ייִדן איז געווען פאַרטאָן אין דער תפילה פון מוסף און אַ שטילקייט האָט געהערשט אין שול, ווייל אַלע זענען נאָך געשטאַנען צו דער שטילער שמונה עשרה, זענען פּלוצלינג אַריינגעקומען עטלעכע פאַרשטייער פון דער קריסטלעכער קירכע און האָבן זיך דערנענטערט צו דער מזרח־וואַנט, וווּ עס איז געשטאַנען דער בעל־תפילה און האָט זיך שוין באַלד געגרייט אָנצוהייבן די הויכע שמונה עשרה.

דער רב, ר׳ נתן בן יצחק, איז געשטאַנען איינגעהילט אין זיין טלית און פאַרטיפט געווען אין דאַווענען, באַזונדערס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיט כוונה אונטערגעשטראָכן די ווערטער: „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים“...

און פּלוצלינג האָט ער דערהערט די פרעמדע שפּראַך אין שול. ער האָט זיך אומ־געדרייט און דערזען די אומגעבעטענע געסט.

לעבן אים איז געשטאַנען יצחק פון קאָרדאָוואַ, וועלכער האָט געעפנט אַ פּאָר גרויסע אויגן און נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. פרעמדע מענטשן פון אַן אַנדער גלויבן זאָלן וואַגן אַריינצוקומען אין אַ מקום־קדוש!... ער האָט זיך גאָרנישט פאַרגעשטעלט, אַז אַזאַ זאַך קאָן געשען.

עס איז באַלד צוגעקומען דער עלטסטער פון די יידן אין נאַרבאָן און גע־פרעגט ביים עלטערן קירכע־באַאַמטן, וואָס עס האָט אים געבראַכט אין שול אַריין אינמיטן דאַוונען.

יענער האָט אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט, ווי געוואָלט אַרויסלייענען פון זיינע אויגן די געהיימנישפולע זאַך, וואָס ער וויל דאָ דערגיין.

ענדלעך האָט ער אַרויסגעזאָגט:

— צו אייך איז געקומען אַ מאַן פון דער שטאָט קאָרדאָוואַ, וואָס איז אין דער אומגלויביקער אַנדאַלוזיע און ער פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז עס קומט אַ סוף צו דער קריסטלעכער אמונה און אַז אַלע פעלקער וועלן ווערן יידן. ווער איז עס דער דאָזיקער רעבעל, גיט אים אַרויס און מיר וועלן אים באַשטראָפן, ווי ער פאַרדינט!...

— ווי פאַלט אייך איין אַזאַ זאַך אויסצוטראַכטן אויף אונדזער קהילה?...

— האָט דער רב, נתן בן יצחק, אויסגערופן מיט אַ קול, וואָס האָט זיך איינגעע־האַלטן פון נישט אויסברעכן אין אַ געוואַלטיקן צאָרן — און ווער איז עס דער, וואָס האָט געוואַגט אייך אָפּצונאַרן און קומען צו אייך מיט אַזאַ נאַרישן און לע־כערלעכן בלבול? אָט דעם נאַרישן ליגנער דאַרפט איר באַשטראָפן און נישט דעם יונגנמאַן פון קאָרדאָוואַ, וועלכער גייט זיך זיין וועג אין אַ וויכטיקער שליחות, וואָס עס האָט אים געשיקט דער פירשט פון אַנדאַלוזיע, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט, דער אויסערן־מיניסטער פון קאַליף אַבדול ראַכמאַן דער דריטער.

די קירכע־באַאַמטע זענען אין ערשטן אויגנבליק געבליבן שטיין ווי פאַר־ווירט און נישט געוווסט דעם רב וואָס צו ענטפערן. אָבער אין אַ רגע איז דער עלטסטער פון זיי געקומען צו זיך נאָך דער ערשטער איבעררראַשונג און געזאָגט:

— אָבער ווער איז ער, לאָמיך אים מיט מיינע אויגן אָנקוקן און לאָמיך רעדן מיט אים!...

דאָ האָט זיך דער יונגער יצחק, געווויר ווערנדיק אין וואָס עס האַנדלט זיך, אַרויסגעשטעלט און אויף אַראַביש זיך אָנגערופן צו די קירכן־פאַרשטייער:

— דאָס בין איך דער „שרעקלעכער" מענטש, וואָס בין געקומען אומברענגען אייער קריסטלעכע קירך... אָבער אויב אייער גלויבן איז אַזוי שטאַרק, ווי קומט

עס וואָס איר האָט מורא פאַר איין מענטש, אַז ער זאָל אייך אַ תל מאַכן פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין פראַנקן־לאַנד?...

ווען מ׳האָט פאַרן עלטסטן פון די קירך־פאַרשטייער איבערגעזעצט די רייד פון יונגן יצחק, איז ער בלאַס געוואָרן און דערנאָך געוואָרן רויט פאַר בושה, וואָס אַזאַ יונגערמאַן האָט געוואַגט צו אים, צו אַ קריסט, אַזוי צו רעדן.

— דו האָסט צופיל חוצפה, יונגערמאַן!... — האָט דער קירכן־באַאַמטער צו אים אויסגערופן — מיר זענען דאָ צו דעם נישט צוגעוווינט. דו ביסט אַ ייִד און דאַרפסט זיין אונטערטעניק...

— דערפאַר ווייל מיר האָבן אייך אַ גאָט געגעבן!... — האָט אים יצחק איי־בערגעריסן אין די רייד — אדרבה, איר דאַרפט אונדז דאַנקבאַר זיין לעולם ועד, ווייל ווען נישט מיר ייִדן, וואָלט איר נאָך ביז היינט געזונקען אין דער אומווירדיקער געצנדינסט.

— אויב ווייסט ווייטער אַזוי חוצפהדיק רעדן, האָבן מיר אַ רעכט דיך צו־ריקצושיקן פון וואַנען ביסט געקומען, יונגערמאַן! — האָט דער גייסטלעכער גע־זאָגט.

— אויב איר ווילט איינרייסן מיטן קאַליף פון אַנדאַלוזיע, אַבדול ראַכמאַן דעם דריטן, מיין אַלמעכטיקן הערשער, צו וועמען אייער קייסער אָטאָ ווענדט זיך אין אַ נויט... — האָט יצחק אויפן אָרט געענטפערט.

— דו ביסט זייער קלוג, יונגערמאַן, און נאָך דרייסט דערצו... — האָט דער עלטסטער פון די קירכן־באַאַמטע שוין מיט אַ שמייכל געזאָגט — אָבער פאַרוואָס האָט מען אויף דיר אַזאַ בלבול אויסגעטראַכט? מיר זענען נישט סתם געקומען, ווייל אַ פויגל אויפן דאַך האָט דערפון מודיע געווען.

— זאָג מיר, ווער דער בלבול־מאַכער איז און איך וועל דיר זאָגן וויפל האָפט זיינע רייד האָבן!... — האָט יצחק דרייסט אויפגעפאָדערט צו דערציילן אים, ווער עס האָט געוואַגט קעגן אים עפּעס צו רעדן שלעכטס.

— דאָס קאָנען מיר נישט זאָגן, אָבער דערציילט וועגן דעם האָבן מיר מענטשן, וואָס זענען מיט דיר זייער נאָענט.

יצחק האָט פיל־באַדייטנדיק אַ שמייכל געטאָן. עס איז אים אין דער רגע איינגעפאַלן, ווער עס זענען געווען די צוטראָגער וועגן זיין פלאַן „אומצובריינ־גען" דאָס קריסטנטום אויף דער וועלט...

ווען די קירכן־באַאַמטע זענען אַוועק מיט גאָרנישט און האָבן נאָך דערצו דעם יונגנמאַן פון קאָרדאָוואַ שטאַרק איבערגעבעטן, האָט יצחק וועגן דעם בסוד דערציילט פאַר ר׳ נתן בן יצחק:

— דאָס האָבן מיינע באַגלייטער, די ביזאַנטיער, די גאַנצע זאַך אָנגעשטעלט. זיי קאָנען נישט פאַרשטיין און זיי זענען געוואַלטיק מיך דערפאַר חושד, פאַרוואָס

איך האָב מיך אָוועקגעלאָזט אין אַזאַ ווייטן וועג, צו דעם לאַנד פון די כוזרים אָדער ווי זיי רופן זיי אָן: די כאַזאַרן... זיי זעען איין אין מיין פאַרן אַהין, צום לאַנד פון די כוזרים, אַ פאַרראַט מצד דעם אַנדאַלוזישן אויסערן־מיניסטער. פון מיינע געשפרעכן מיט זיי אויפן וועג האָב איך דאָס אַרויסגעפילט...

— טאָ ווי אַזוי וועסטו ווייטער מיט אַזעלכע מענטשן פאָרזעצן דיין וועג?

— האָט ר׳ נתן בן יצחק געפרעגט — עס איז דאָך ממש אַ סכנה מיט די מענטשן צו זיין צוזאַמען!...

— דערפאַר האָב איך נישט קיין מורא... — האָט יצחק געענטפערט — זיי זענען פיל אָפּהענגיק אין דעם גוטן ווילן פון קאַליף. זיי וועלן נישט וועלן איינרייסן מיט ר׳ חסדאי אבן שפרוט, און דעריבער, אפילו זיי זאָלן מיך חושד זיין אין קעגנערשאַפט צו זיי, וועלן זיי זיך היטן מיר שלעכטס צו טאָן...

— ביסטו טאַקע זיכער דעריך, אַז דאָס האָבן זיי, די ביזאַנטישע שליחים, דיך פאַרמסרט פאַר דער קירך?... — האָט ר׳ נתן געוואָלט וויסן אויף קלאָר, ווייל טיילמאָל קאָן אַן אומבאַרעכטיקטער חשד דיך פאַרפירן אויף נישט זיכערע וועגן!...

— אַזוי זיכער, ווי עס איז היינט שבת אויף דער וועלט... — האָט יצחק געענטפערט.

דערווייל האָט זיך די נייעס, אַז קירכע־פאַרשטייער זענען געקומען אין שול אַריין אַרעסטירן דעם שליח פון קאָרדאָוואַ, פאַרשפרייט ווי אַ ווילד־פייער און מ׳האָט גערעדט דערפון אין אַלע ייִדישע הייזער; דער נאָמען פון יונגן תלמיד־חכם איז נאָך מער געוואַקסן אין אַנזען און מ׳האָט געקוקט אויף אים מיט גרויס דרך־ארץ און אָפּשיי. ווען ער איז געגאַנגען אויף דער גאַס, האָבן זיך הונדערטער מענטשן אָפּגעשטעלט און אים באַגריסט און געמאַכט אויסרופן לכבוד אים.

אין דער שטאָט נאַרבאָן האָט זיך געפילט יום־טובדיק מיט דער אַנוועזנהייט פון דעם גרויסן גאַסט. עפּעס האָט די זון ליכטיקער געשיינט און עס איז געוואָרן האָפענונגספולער אויף דער נשמה ביי יעדן ייִד.

דעריבער ווען עס איז אָנגעקומען דער אָוונט און דער הייליקער שבת איז אַוועק, צוזאַמען מיט די לעצטע רויטע שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון, איז אַ טרויער אָנגעפאַלן אויף אַלעמען, וואָס מען וועט זיך באַלד דאַרפן שיידן מיטן גאַסט און צוליב דעם אויך מיט דער יום־טובדיקייט...

אַ גרויסער עולם האָט זיך צוזאַמענגעקליבן ביים רב אין הויז צו דער הבדלה און עס איז געפראַוועט געוואָרן אַ פייערלעכע מלווה־מלכה, בעת וועלכער דער רב, ר׳ נתן, האָט געדרשנט וועגן דעם, אַז פרייד דאַרף הערשן אין די רייען פון ישראל, אַז נישט לאַנג וועט נאָך דויערן דער גלות, עס באַווייזן זיך שוין סימנים, אַז די גאולה דערנענטערט זיך. אַ באַווייז — דער שליח, וועלכער גייט אין דעם ווייטן אומבאַקאַנטן ייִדישן לאַנד אַריין. און וועט זיין שליחות דורכגעפירט ווערן,

דעמאָלט הייבט זיך אָן דער קיבוץ־גליות און עס וועלן זיך דערהערן די אויס־געחלומטע טריט פון מלך המשיח...

עס זענען געווען פיל פרויען און מיידלעך ביי דער מלווה־מלכה, וועלכע האָבן פון דעם יונגן בחור קיין אויג נישט אַראָפּגענומען. ער האָט אָנגעצונדן זייער נייגעריקייט און געהיימע פאַרלאַנגען. זיי האָבן אַליין אפשר נישט געוווּסט פאַרוואָס אַזאַ בענקשאַפט האָט זיך אויפגעוועקט אין זייערע הערצער. ביי אַ סך זענען טרערן געפלאָסן פון די אויגן, אַליין זיך נישט אָפּגעבנדיק קיין דין־וחשבון פאַרוואָס...

איינע אַ שוואַרץ־חנעוודיק מיידל, וועלכע האָט איר בליק פון יצחקן נישט אַראָפּגענומען און ממש געכישופט אים מיט אירע פלאַקערדיקע אויגן, האָט אים דערמאָנט אָן פנינהן. ער האָט איצט אַזוי קלאָר געהערט פנינהס וואָרנענדיקע שטים: „און אַז דו וועסט באַגעגענען אַן אַנדערע?...” ער האָט זיך מיטאַמאָל דערזען אין דעם ציפּרעסן־גאָרטן פון ר׳ חסדאי אבן שפרוט, און אַ גוואַלטיקע בענקשאַפט האָט אים אַרומגענומען.

ער איז אַוועקגעשוווּמען אין אַ ווייטער וועלט אַריין. ער האָט גאָרנישט גע־הערט, וואָס מ׳רעדט וועגן אים, ער האָט איצט קיינעם נישט געזען. ער איז אַרי־בערגעטראָגן געוואָרן ווי דורך אַ כישוף קיין קאָרדאָווע. ער האָט זיך געזען אין גרויסן בית־המדרש אָן אַרומגערינגלטער פון זיינע חברים, ער האָט לעבעדיק גע־זען זיין פאָטער מיט דער רויטער באָרד אַ צעשמייכלטן און שטאָלצן אויף זיין זון. עס האָט צו אים ליבלעך געשמייכלט דער נשיא, און זיין בליק האָט אים צו־געזאָגט גרויסע האָפענונגען...

אָבער באַלד האָט אים דער בויערנדיקער בליק פון דעם שוואַרץ־חנעוודיקן מיידל אין נאַרבאָן צוריק אַראָפּגעבראַכט אַהער, אין הויז פון דעם רב, רבי נתן בן יצחק. ער האָט זיך באַגעגנט מיטן פייער פון אירע אויגן און ער איז רויט געוואָרן.

יצחק האָט זיך מיט אַלעמען געזעגנט און צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שום שוועריקייטן, ער וועט נישט מורא האָבן אַפילו איינצו־שטעלן זיין לעבן און ער וועט זיך דערשלאָגן אין דעם לאַנד אַריין, וווּהין די השגחה פּירט אים אַוועק.

— אַלץ אין דער וועלט דאַרף געטאָן ווערן, אַז מיר זאָלן לעבן פריי, ווי עס האָבן געלעבט די ייִדן אין די צייטן פון שלמה המלך. מען זאָל נישט מורא האָבן, אַז פרעמדע מענטשן וועלן קומען צו דיר און דיר געביטן וואָס יאָ צו טאָן און וואָס נישט צו טאָן. די וועלט, די קריסטלעכע וועלט, וועט איינזען, אַז זי איז אַראָפּ פון דעם וועג, וואָס איז פאַר איר אָנגעצייכנט געוואָרן פון גאָט, ווייל דער אופן ווי זיי דינען צו גאָט, איז ווי אַ נייע געצנדינסט... ווען די גאַנצע קריסט־

לעכע וועלט וועט זיך דערוויסן וועגן דער האַנדלונג פון די כוזרים, אפשר וועט זי חרטה האָבן אויף אירע שריט און וועט נאָכטאָן זייער ביישפּיל... אָבער פריער דאַרפן מיר אונדזער יידישע וועלט באַקאַנט מאַכן מיט דעם דאָזיקן אויסטער־לישן פאַלק, וואָס דינט צום אמתן גאָט, צום גאָט פון אונדזערע אבות, וועלכער האָט אונדז אַרויסגעצויגן פון מצרים און אויסגעלייזט פון קנעכטשאַפט...

זיינע רייד האָבן איבערגעלאָזט אַ גוואַלטיקן רושם אויף אַלע פאַרזאַמלטע. אַ סך האָבן זיך פון צו גרויס התלהבות און איבערגעגעוועלטיקייט פונאַנדערגעוויינט, אַנדערע האָבן די טרערן געווישט פון זייערע אויגן און זיפצן האָבן זיך געריסן פון זייערע ברוסטן. דאָס שוואַרץ־חנעוודיקע מיידל איז פון צו פיל התלהבות אָוועקגעפאַלן אין חלשות, אַז מען האָט זי קוים געקאָנט אָפּמינטערן און מ׳האָט זי געמוזט אָפּפירן אַהיים.

אין יצחקס האַרץ האָט זיך צוליב דעם דאָזיקן געשעעניש אַ ריס אָפּ געטאָן עפּעס, אַז אַ ווייטיק האָט אים אַרומגענומען, אַ פאַרבענקטע נאָגעניש, וואָס האָט אים לאַנג־לאַנג נישט צורו געלאָזט, אַפילו ווען ער איז שוין געווען אויפן וועג קיין דייטשלאַנד און צו די סלאַווישע לענדערייען.

און אין זיין מוח האָט זיך געפּלאָנטערט די וואָרנונג פון פנינהן: „און אויב דו וועסט באַגעגענען אַן אַנדערע?...״

— ניין, קיינער נישט, קיינער נישט וועט בכוח זיין מיך אָוועקצורייסן פון דיר!... — האָט ער אויסגערופן אין געדאַנק.

**
*

צומאָרגנס פאַרטאָג האָבן זיך צו זיין שטוב צוגעשטעלט די פינף ביזאַנטי־שע רייטער. זיי האָבן אָנגעקלאַפּט אין זיין פענצטער און גערופן:

— עס איז צייט, געזאַנדטער פון אַנדאַלוזיע, אויפצושטיין און פאַרנעמען זיך אין וועג אַריין, ווייל באַלד וועט די זון אויפגיין אַ הייסע און גליענדיקע און עס וועט זיין שווער צו רייטן. מיר האָבן זיך שוין אַזוי אויך צו לאַנג פאַרהאַלטן אין דער דאָזיקער שטאָט.

זיי האָבן אים אָפּגעגעבן אַזאַ הויכן טיטל: „געזאַנדטער פון אַנדאַלוזיע״, ווייל זיי האָבן זיך געפילט שולדיק קעגן אים און האָבן דערמיט געוואָלט אויס־קויפן זייערע זינד.

די ביזאַנטישע שליחים האָבן איצט נאָך מער דרך־ארץ געהאַט פאַר אים, זעענדיק, אַז זייער מסירה האָט קעגן אים גאָרנישט געהאָלפן. פאַרקערט, זיי האָבן נאָך געקראָגן אָנגעזידלט פון דער קריסטלעכער מאַכט אין נאַרבאָן, וואָס צוליב זיי האָבן זיי געמוזט אויסהערן די חוצפהדיקע רייד פון אַ ייד, און דאָס

נאָך אין די אויגן פון די היגע ייִדן, וועלכע וועלן צוליב דעם באַקומען מער דרייסטקייט...

ר׳ נתן האָט געהאַט מיט יצחקן אַ געהיימען שמועס פאַרן אָפּרייטן פון שטאָט, און יצחק פון זיין זייט האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל מיט דער ערשטער געלעגנ־הייט איבערשיקן אַ גרוס קיין קאָרדאָווע און איבערגעבן וועגן אַלץ, וואָס האָט דאָ פּאַסירט. ער האָט דערביי געטראַכט, אַז דער דאָזיקער גרוס וועט אויך אָנקו־מען צו פנינהן, און זיין אָנזען וועט וואַקסן ביי איר אין די אויגן.

וואָכן און חדשים האָט זייער רייזע געדויערט איבער דער פּראָנצויזישער ערד. אמת, זיי האָבן זיך שוין מער נישט אָפּגעשטעלט אויף אַזאַ לאַנגע צייט אין די שטעט, ווי זיי האָבן עס געטאָן אין נאַרבאָן, אָבער דאָך האָט מען געמוזט אין יעדער גרעסערער שטאָט פאַרזאַמען אַ טאָג, כדי איינצוקויפן די נייטיקע שפּייז פאַר זיך און פאַר די פערד.

אין מאַרסעיל האָט זיך יצחק ווידער אָנגעטראָפן אויף ייִדן און ער האָט, אויסהערנדיק דעם אופן פון זייער צוזאַמענלעבן מיט די קריסטלעכע שכנים, אויפסניי זיך איבערצייגט, אַז דאָס טאָר אַזוי ווייטער נישט בלייבן.

— ייִדן וועלן חלילה אונטערגיין, לעבנדיק אינדערמיט פון אַזאַ גליִענדי־קער שנאה... — האָט ער צו זיך אַליין געשעפּטשעט.

און וויפל מ׳האָט אים נישט דערציילט און וויפל ער האָט זיך נישט צוגעצ־זען און צוגעהערט, האָט ער באין אופן נישט געקאָנט באַגרייפן און פאַרשטיין, פון וואַנען עס דערנעמט זיך אַזוי פיל פיינטשאַפט צום ייִדישן פאָלק מצד מענטשן, וועלכע האָבן איבערגענומען אַ גלויבן פון אַ זון פון ייִדישן פאָלק...

אַוודאי וואָלטן די מוסולמענער געווען צופרידן, ווען די ייִדן נעמען אָן דעם גלויבן פון מאַכמעדן, זיי האָבן דאָס נישט איינמאָל אויסגעדריקט אויף אַ פאַרזיכ־טיקן אופן אין געשפּרעכן מיט זייערע ייִדישע שכנים און אַפילו צווישן מוסול־מענישע גייסטלעכע און ייִדישע רבנים, אָבער אַזאַ שנאה אַרויסצווייזן צו זייע־רע ייִדישע מיטווינער, ווי עס ווייזן אַרויס די קריסטן אין פראַנקרייך און שפּע־טער, ווי ער האָט עס געזען אין דייטשלאַנד, האָט ער זיך גאָרנישט געקאָנט פאַרשטעלן...

אָבער די ייִדן אין מאַרסעיל זענען געווען צופרידן, האָבן געפירט גרויסע מסחרים מיט דער אויסערלעכער וועלט, האָבן אָנגעשפּאַרט אַזש אין די סלאַווי־שע לענדער, אַזוי ווייט ווי ביז קיִעוו ביים טייך דניעפּער. פון זיי איז יצחק גע־וויר געוואָרן אַ גוואַלטיקע נייעס: די שטאָט קיִעוו איז געבויט געוואָרן דורך די כוזרים און דורך ייִדן, וועלכע האָבן זי אַנטוויקלט און געשיפט סחורות מיטן דניעפּער צום שוואַרצן ים.

— ווו אונדזער פאָלק שפּאַרט אַלץ נישט אָן!... — האָט יצחק אויסגערופן

מיט פאַרכאַפּטן אָטעם — אפשר איז אַזוי באַשערט דעם פאָלק פון ישראל צו־צוהעלפן אויפבויען די וועלט פאַר די פעלקער. אָבער צי דאַרף מען דערפאַר דעם יידישן פאָלק אָפּצאָלן מיט שטיינער?... מען בויט פאַר די גויים שטעט, מען אַנט־וויקלט פאַר זיי דעם האַנדל, מען שרייבט פאַר זיי ביכער און מ׳האָט זיי אַ גאָט געגעבן!...

ער איז אינגאַנצן עקזאַלטירט געוואָרן פון די אַלע מעשיות און ער האָט איצט געפילט בפירוש, אַז זיין גרויסע נסיעה איז אים אונטערגעזאָגט געוואָרן פון הימל. וואָס פאַר אַ רייכע ידיעות ער וועט אַהיימברענגען צו זיין לאַנד, ער וועט ממש צונויפפירן די יידן פון דער גאַנצער וועלט, ער וועט האָבן אַ חלק אין צוזאַמענ־ברענגען ייד מיט ייד...

די יידן אין מאַרסעיל האָבן שטאַרק מפציר געווען ביי יצחקן, אַז ער זאָל מיט זיי בלייבן, זיי וועלן אים דעם גרעסטן כבוד אָפּגעבן, זיי וועלן אים, כאָטש ער איז נאָך יונג אין יאָרן, פאַר דעם ראש־ישיבה מאַכן, זיי וועלן אים איינע פון זייערע שענסטע טעכטער און פון העכסטן יחוס געבן פאַר אַ ווייב, אַבי ער זאָל איינוויליקן צו פאַרבלייבן אין מאַרסעיל.

יצחק האָט בלויז געהיימנישפול געשמייכלט אויף די אַלע פאָרשלאָגן און ער האָט געענטפערט מיט די רייד פון ר׳ יוסי בן קסמא: „אויב איר זאָלט מיר אַפילו געבן טויזנט מאָל טויזנט גאָלדענע רענדלעך און טייערע שטיינער מיט פערל פון דער גאַנצער וועלט, וועל איך ניט וווינען נאָר אין אַן אָרט, וווּ ס׳איז דאָ תורה...״

די יידן אין מאַרסעיל, וועלכע זענען געווען אויסגעבענקט נאָך אַ ייד אַ למדן, האָבן אים מיטגעגעבן פון כל־טוב און האָבן זיך האַרציק מיט אים געזעגנט און אָנגעוווּנטשן, אַז אויף זיין וועג צוריק זאָל ער זיי ברענגען די ענדגילטיקע בשורה פון דער גאולה...

יצחק איז פון די אַלע רייד און האַרציק־ברידערלעכע אויפנאַמעס אַרויס געשטאַרקט אין מוט, באַקומען נייע פליגל און ער האָט געגלייבט באמונה שלימה, אַז ער וועט מצליח זיין אין זיין אונטערנעמונג. ער האָט געזען בפועל ממש, אַז עפּעס אַ העכערע געטלעכע קראַפט פירט אים ביי דער האַנט און לאָזט אים ניט בלאָנדזשען ניט אויף רעכטס און ניט אויף לינקס. ער האָט געדאַנקט דעם בורא־עולם פאַר דעם גרויסן חסד, וואָס ער טוט מיט אים און צוגעזאָגט, אַז אַלץ וואָס ער וועט אויפטאָן, וועט עס בלויז זיין אויף צו פאַרשפּרייטן גאָטס נאָמען איבער דער וועלט.

דער ענטוזיאַסטישער יונגערמאַן האָט גרויס חשק געהאַט פון מאַרסעיל אַרי־בערצוכאַפּן זיך קיין איטאַליע, וועגן וועמענס יידישער באַפעלקערונג מען האָט צו יענער צייט גאַנץ קנאַפּ געוווּסט, גלייך ווי אַ דיקער פאָרהאַנג וואָלט געווען

אַראָפּגעהאַנגען איבער דעם דאָזיקן לאַנד. אָבער די באַגלייטער זיינע, די שליחים פון ביזאַנטיע, האָבן דערפון נישט געוואָלט הערן, וואָרים זיי האָבן געהאַט אַ שטרענגען אָנזאָג פון זייער קייסער, אַז זיי זאָלן זיך ווי מעגלעך שנעלער אומקערן אַהיים, ווי נאָר זיי וועלן האָבן זייער מיסיע דורכגעפירט אין הויף פון קאַליף אַבדול ראַכמאַן.

— וואָס ווערסטו זען אין איטאַליע?... — האָט אים דער עלטסטער פון דער גרופּע ביזאַנטיער אָפּגערעדט — עס איז דאָרט היינט אַ כאַאָס און אַ צעטומלעניש, זיי ווייסן דאָרט אַליין נישט אויף וועלכער וועלט זיי געפינען זיך. אויפן אָרט פון דער אַמאָליקער גרויסער רוימישער מלוכה זענען היינט דאָ ווי מאָן אַזוי פיל מלוכהלעך און מדינהלעך, וואָס רייסן זיך אַרום ביי די קעפּ, און בלוט גיסט זיך ווי טייכן וואַסער!...

— אָבער מיין יידיש פאָלק איז פאַראייניקט דאָרט, זיי ווייסן נישט פון אָט די אַלע רייסערייען, ווי די קריסטן, וועלכע פרעדיקן ליבע פון איינעם צום אַנדערן, אָבער פירן אָן און פאַראורזאַכן די אַלע בלוט־פאַרגיסונגען... — האָט זיי יצחק געענטפערט מיט שטאָלץ און שטילער פרייד, וואָס ער האָט געקאָנט די פאַרשטייער פון דער „ליבהאָבנדיקער” אמונה — דעם קריסטנטום — אַרייַנזאָגן דעם אמת...

די ביזאַנטיער האָבן פאַרביסן די ליפּן און דעם גערעכטן ייד גאָרנישט געענטפערט. זיי האָבן מורא געהאַט לעצטנס מיט אים צו פירן וויכוחים, ווייל וואָס זיי זאָלן אים נישט זאָגן, האָט ער זיי צען מאָל אַזוי פיל געהאַט צו ענטפערן, און לויט זיינע פּינקטלעכע תשובות, וואָס ער גיט זיי, קומט אויס, אַז ער איז גערעכט און זיי וואָלטן זיך שוין געדאַרפט אָפּזאָגן פון קריסטנטום...

זיי האָבן געקראָגן גרויס אָפּשיי פאַר דעם יונגן יידישן בחור און זיי האָבן צווישן זיך שטיל געשמועסט, ווען יצחק איז פאַרטאָן געווען מיט זיינע תפילות אָפּריכטן, אַז ווען דעם אַלעם דאַרפן זיי אָפּגעבן דעם קייסער אַ באַריכט, ווייל ווער ווייסט וואָס פאַר אַ שונא פון קריסטנטום זיי פירן דאָ מיט זיך. זיי האָבן ערשט איצט אויפסנייי איינגעזען, אַז זיי זענען שוין גאָר גערעכט געווען, ווען זיי האָבן אים פאַר די קירכע־לייט אין נאַרבאָן פאַרמסרט אַלס צעשטערער פון קריסטוסעס לערע. בלויז אין זייער נאַרישקייט, האָבן די פראַנצויזישע קירך־באַאַמטע אים געלאָזט פריי און גאָרנישט געטאָן.

— מיר אַליין זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין קאָפּ צום קאַליף פון אַנדאַלוזיע און מיר קאָנען אים קיין שלעכטס נישט טאָן, אָבער ווען די פראַנקן טוען עס, וואָלטן מיר נישט געטראָגן דערפאַר די פאַראַנטוואָרטלעכקייט... — האָט איינער פון זיי געזאָגט...

אָבער פונדעסטוועגן האָבן זיי אים ליב געקראָגן, דעם יידישן יונגנמאַן. עס

האָט געהויכט פון אים מיט הייליקייט, מיט ערלעכקייט און גוטסקייט, אַזוי אַז טיילמאָל האָבן זיי זיך געפילט שולדיק פאַר זייערע שלעכטע מחשבות קעגן אים.

זיי זענען געגאַנגען מיטן וועג צו צפון־צו, אין דער ריכטונג פון דייטשלאַנד. לאַנג איז געווען דער וועג איבער די שטעטלעך און דערפער פון פראַנקרייך. זיי האָבן געמוזט אַריבערשפּרייזן ברייטע טייכן און הויכע בערג. אויף טייל ערטער האָט מען זיי אויפגענומען פריינטלעך און מיט אָפענע אָרעמס, אויף טייל ער־טער האָט מען זיי פאַרטריבן און איבער דער שוועל נישט געוואָלט אַריבערלאָזן. דאָס לאַנד איז געווען אַ געמיש פון פיל שבטים און פעלקער. די שפּראַך, וואָס מען האָט גערעדט אין דרום, האָט מען נישט פאַרשטאַנען אין צפון און די באַ־פעלקערונג צווישן זיך אַליין האָט, אין דער צעמישעניש פון שפּראַך און מנהגים, זיך אַרומגעריסן און פיינט געהאַט. מאָלעריש איז דאָס לאַנד געווען ממש ווי אין אַ חלום. עס האָבן זיך געמישט די פאַרבן גרין און בלוי, פּורפּור־רויט און געל, און די טייכן האָבן געבלישטשעט מיט זילבער און גאָלד; דער הימל איז אויבן געהאָנגען אַ סאַפּירן־בלויער און אין די געדיכטע וועלדער האָבן פייגל געזונגען שירה. פון צייט־צו־צייט איז אַ ווילדע חיה דורכגעלאָפן מיט אַ געיאָמער, מסתמא אונטערן געיעג פון אַ צווייטער גרעסערער און ווילדערער חיה, וואָס האָט זי גע־וואָלט פאַרצערן און איינשלינגען.

— עס איז אַזוי ווייט איצט אַהיים!... — האָט זיך ביי יצחקן איינמאָל נישט־ווילנדיק פון מויל אַרויסגעכאַפּט — אַז אַ שרעק נעמט אַרום צו טראַכטן...

די רייטער האָבן דערויף גאָרנישט געענטפערט. ביי אים איז עס געווען ווייט אַוועק פון זיין היים, אָבער פאַר זיי איז דער וועג אַלץ נעענטער געוואָרן צו זייער היים... און וואָס ווייטער זיי זענען געווען פון שפּאַניע, אַלץ מער געשטיגן איז זייער האָפערדיקייט און זייער פרייד.

— האָסט אַ געליבטע אין דער היים איבערגעלאָזט?... — האָט עמיצער פּלוצלינג אים אַ פרעג געטאָן, ווייל עס איז געווען צו באַמערקן זיין כסדרדיקע פאַרחלומטקייט.

יצחק איז געוואָרן פריִער בלאַס און דערנאָך האָט אַ רויטקייט באַדעקט זיין יונג קוים־באַבערדלט פּנים. ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען אין זיין פאַרלעגנהייט, און צום סוף, ווענדיק זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ, מעג עס זיין אַפילו פאַר פרעמ־דע, האָט ער זיך מודה געווען:

— יאָ, איך האָב זי זייער ליב און איך בענק נאָך איר — אַ שרעק!...

ער איז טרויעריק געוואָרן און זיך פאַרטראַכט.

— מאָרגן קומען מיר אָן קיין פּאַריז!... — האָט אים איינמאָל אָנגעזאָגט די בשורה דער עלטסטער פון די רייטער — דאָרט איז היינט דאָס זיץ־אָרט פון פראַנקישן קעניג און דאָרט איז דער קרייץ־וועג צו אַ סך לענדער. מיר וועלן

דאָר טאָנטרעפן אויף אַ סך פרעמדע מענטשן. אפשר וועסטו באַגעגענען עמיצן פון דיין לאַנד און וועסט קאָנען שיקן אַ בריוו צו דיין געליבטן מיידל.

יצחק איז ווידעראַמאָל רויט געוואָרן, אָבער ער האָט זיך זייער דערפרייט מיט דער דאָזיקער ידיעה, און אַ לייטזעליקייט האָט באַשיינט זיין פּנים. ער איז געוועזן דאַנקבאַר דעם מאַן, וואָס האָט אים געבראַכט דעם דאָזיקן איינפאַל. יאָ, ער וועט טאַקע זוכן אַ מענטש, וואָס קומט פון שפּאַניע און ער וועט אָנשרייבן אַ בריוו צו פנינה, צו זיין פאָטער און מוטער, צו זיין רבין, צום נשיא... ווי זיי וועלן זיך דאָס פרייען דאָרט צו הערן פון אים אַ וואָרט. ער איז דאָך פון זיי ווי פאַרפאַלן געוואָרן!...

עס איז גראָד געווען אין אַ שבתדיקן טאָג. יצחק האָט זייער אָפּגעהיט דעם חשבון פון די טעג אין דער וואָך. ער האָט זיך געהאַט אויפגעשריבן אויף אַ טאָוול אַלע טעג פון די חדשים, און ווען ס'איז אַדורך אַ טאָג מיט אַ נאַכט, האָט ער אויסגעשטראָכן דעם פאַרגאַנגענעם מעת־לעת, און אַזויערנאָך האָט ער געוווּסט, ווו ער האַלט מיטן חשבון פון די טעג, וואָכן און חדשים. עס איז געווען שבת פאַרטאָג, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אינמיטן פון אַ וועלדער־גערדיכטעניש. עס איז געווען הינטער פאַריז. מען האָט שוין אַרויסגעזען די קלויסטער־שפּיצן, און עס האָבן זיך אין דער בלויקייט פון פאַרטאָג געריוטלט און געגרינט די פאַר־שידנקאָלירנדיקע הייזלעך. נישט ווייט פון זיי האָט זיך געשלענגלט, ווי אַ ברייטער זילבערנער גאַרטל, דער טייך סעקוואַנע אָדער ווי די פראַנקן האָבן זי גע־רופן — די סען.

יצחק האָט געבעטן ביי די ביזאַנטיער, זיי זאָלן זיך מער דעם היינטיקן טאָג נישט פאָרויסרוקן ווייטער, ווייל ס'איז שבת היינט און ער מוז רוען.

זיי האָבן אים צוליב געטאָן, און זיי האָבן אַראָפּגענידערט פון זייערע פערד, אויפגעשטעלט די לייוונטענע בויד צווישן די שאָטנדיקע ביימער און געמאַכט זייער רו־פּלאַץ אויף איבער דעם שבתדיקן טאָג.

— ביסלעכווייז וועסטו פון אונדז מאַכן יידן... — האָט איינער מיט אַ געלעכטער זיך אָנגערופן.

— אויך אייער ישו הנוצרי האָט געהאַלטן פון שבת — איז זיי יצחק נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער.

זיי האָבן נישט געוווּסט ווי אַזוי זיך אָפּצוּווערן פון דעם דאָזיקן קלוגן ייִד.

— אָט אַזאַ קלוגער ייִד איז מסתמא געווען יענער, וועלכער האָט די כאַ־זאַרן איבערגערעדט אָנצונעמען דאָס יידישע גלויבן! — האָט דער עלטסטער פון די רייטער זיך אַריינגעמישט.

— וואָס הייסט דען קלוגשאַפט? — האָט יצחק ווידער אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג — קלוגשאַפט הייסט, ווען איינער זאָגט אַרויס אַ ריכטיקן געדאַנק, וואָס

לייגט זיך אויפן שכל, ער איז קלאָר פאַר אַלעמען גלייך און וואָס מען קאָן נישט אָפּפרעגן. שטייט דען נישט געשריבן אין דער תורה, וואָס איז ביי אייך אַזוי הייליק ווי ביי אונדז ייִדן: „זכור את יום השבת לקדשו״ — געדענק דעם טאָג פון שבת, אים צו האַלטן הייליק... זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן אַלע דייַנע מלאכות, אָבער דעם זיבעטן טאָג איז שבת צו גאָט דיין גאָט.

די גויִים האָבן געשוויגן און האָבן נישט געהאַט וואָס דעם יונגן ייִד צו ענטפערן. אָבער נאָך אַ ווייַלע האָט זיך איינער צו אים געווענדט:

— הער אויס, יונגער ייִדישער פּריינט, מיר זענען נישט אַזוי ווילגעלערנט ווי דו. ווען דו וועסט קומען צו אונדז אין לאַנד אַריין, פאַרפיר אַ שמועס מיט אונדזער קייסער און די געלערנטע פון דער קריסטלעכער קירכע, אפשר וועסטו זיי איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון דייַנע רייד.

יצחק האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— דער אייבערשטער האָט אייך שוין געפּרוווט איבערצייגן, ער איז אַרומגעגאַנגען מיט דער תורה צו אַלע פעלקער און קיינער פון זיי האָט זי נישט געוואָלט אָננעמען. כדי צו גלייבן אין אַן אמת, דאַרף מען פילן אין בלוט, אַז עס איז אמת. אויב איר פילט נישט, וועט נישט העלפן קיין איבערצייגן...

דערווייל האָט די זון אַ שפּראָץ אַרויס געטאָן מיט אַ ים פון וויין־רויטע שטראַלן און אָפּגעפאַרבט די גאַנצע וועלט מיט אַ פּראַכטפולן פּורפּורנעם קאָליר, און יצחק האָט אַ ווייז געטאָן מיט דער האַנט:

— זעט גאָטס גרויסאַרטיקן באַשאַף און באַוווּנדערט אים, לערנט זיין תורה און נעמט זיך דורך מיט איר, וועט אייך גוט זיין אויף דער וועלט און וויל זיין אויף יענער וועלט...

***

צו דער גרעסטער איבעררעשונג פון יצחקן, האָט ער אויף צומאָרגנס, זונטיק, רייטנדיק לאַנגזאַם צווישן די שמאָלע געסלעך פון פאַריז, דערהערט עמיצן אויסרופן עפּעס אויף אַראַביש מיט אַן אַנדאַלוזישן אַקצענט. ער איז אויפגעשפּרונגען אויף זיין פערד, שיער נישט אַראָפּגעפאַלנדיק פון גרויס אויפרעגונג. די צונג איז אים ערגעץ־ווו אַנטלאָפן. ער האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן פון צופיל צעמישטקייט.

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד, צוגעלאָפן צו יענעם פרעמדן מאַן און שיער נישט אויף זיין האַלדז געפאַלן, אַז יענער האָט זיך דערשראָקן און איז אָפּגעטרעטן אויף אַ הינטער. ער האָט געמיינט, אַז מען וויל אים באַרויבן דאָ אין דער פרעמדער פראַנצויזישער שטאָט.

— פון וואַנען ביסטו, פריינט? — האָט יצחק אים געפרעגט אויף אַראַביש און מיט דער זעלבער אויסשפּראַך, וואָס דער פרעמדער האָט גערעדט.

— פון אַ דאָרף לעבן קאָרדאָוואַ, אין אַנדאַלוזיע... — האָט דער פרעמדער געענטפערט און זיך אויך דערפרייט, דערהערנדיק דאָס קול פון אַן אייגענעם מענטש אין אַזאַ ווייטער שטאָט פון אַ פּאַרוואָרפענעם לאַנד.

— און איך בין פון קאָרדאָוואַ... — ווען פאָרסטו אַהיים? — האָט אים יצחק געפרעגט.

— איך רעכן דאָ נאָך צו פאַרבלייבן ביז איבערן גרויסן יאַריד, וואָס דאַרף פאָרקומען אין צוויי וואָכן אַרום. מיר זענען דאָ־הי אַ גאַנצע גרופּע סוחרים, וואָס קויפן איין גאָבעלינען און מיר האָבן אַהערגעבראַכט עטלעכע הונדערט פעסער מיט ווייַן און פּרוכטן.

— וועסטו מיטנעמען אַ בריוו קיין קאָרדאָוואַ פון מיר?... — האָט יצחק מיט אַ בעטנדיקן בליק אים געפרעגט.

— זיכער וועל איך דאָס טאָן, לאַנדסמאַן... — האָט דער פרעמדער געענטפערט.

— ווו קאָן איך דיך שפּעטער טרעפן, כדי דעם בריוו מיטצוגעבן?

— אָט דאָ אויף דעם זעלבן פּלאַץ, מיין פריינט... — האָט דער פרעמדער געענטפערט.

יצחק איז שיער נישט אַראָפּ פון זינען פאַר גרויס פרייד. ער איז ממש געשפּרונגען פון דער הויט. ער וועט קאָנען געבן אַ ידיעה וועגן זיך, ער וועט קאָנען שרייבן אַ בריוו צו פנינהן... ניין, ער וועט איר אַליין נישט הייסן אָפּגעבן דעם בריוו. ער וועט אים שיקן צו זיין באַליבטן לערער, ר' מנחם בן סרוק.

און ער איז ווי אַן אונטערגעשאָסענער צוריקגעריטן צו דער לייוונטענער בויד, וואָס די ביזאַנטיער האָבן נעכטן אויפגעשטעלט און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט שרייבן.

ער האָט געהאַט מיטגענומען אַ צאָל פּאַפּירוסן און פעדערן, האָבנדיק צוגעזאָגט ביי דער ערשטער מעגלעכקייט צו שרייבן בריוו. ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד, האָט ער אָנגעהויבן אַזוי שנעל מיט דער פעדער צו פירן איבער דעם פּאַפּירוס, אַז ווערטער ווי פונקען פייער זענען אַפּערגעקומען פון אונטער איר.

„דאָס טייערסטע וועזן אונטער דער זון" — אַזוי האָט ער טיטולירט דאָס געליבטע מיידל. און ער האָט פאַר איר אויסגעגאָסן זיין פאַרבענקט האַרץ אין דער פיינסטער עברישער שפּראַך, וואָס ער האָט געקאָנט און וואָס ער האָט געגאַשט ביי זיין גרויסן לערער, מנחם בן סרוק. ער האָט דעם בריוו געשריבן אין פערזן, ווי ער האָט זיך געלערנט, און די גראַמען האָבן אָפּגעשאַלט ווי די שענס־

טע מוזיק; און אויב דער בריוו וועט דערגרייכן זיין ציל, וועט ער דאָרט אָנרירן די איידלסטע סטרונעס, וואָס וועלן אָפּקלינגען מיט דעם פּילבאַרסטן ווידערקול...

אַט דאָס אַלץ האָט ער אַרויסבאַקומען אויפן פּאַפּירוס. עס האָט זיך אים גע־דאַכט, אַז ער רעדט דאָ צו אַ לעבעדיקן מענטש. ער זעט פּנינהן, ווי אַ לעבע־דיקע, שטיין פאַר אים. און ווען ער האָט דעם גרויסן בריוו פאַרענדיקט, האָט ער אים צוגעטראָגן צו די ליפּן און פאַרזיגלט מיט אַ קוש... דאָס, וואָס ער האָט גישט געוואַגט אין קאָרדאָוואַ אין ציפּרעסן־גאָרטן ביי איר פאָטער, האָט ער גע־וואַגט דאָ... אַפילו דאָ, אויף דער פרעמדער פראַנקישער ערד, און כאָטש אויף אַ פּאַפּירוס, האָט ער עס געהאַלטן פאַר אַ גוואַלטיקע דרייסטקייט.

אַ פייערלעכן בריוו האָט ער דערנאָך אָנגעשריבן צום נשיא, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט, דערציילנדיק אים וועגן זיינע איבערלעבענישן אויפן וועג, וועגן זיין אויפ־האַלטן זיך אין דער שטאָט נאַרבאָן און וואָס עס האָט מיט אים דאָרטן פּאַסירט, וועגן זיינע געשפּרעכן מיט די ביזאַנטישע שליחים, און ווי גליקלעך ער איז, וואָס ער האָט די נסיעה אונטערגענומען.

דער בריוו איז געווען אַן אויסגוס פון שירה לכבוד דעם פאָלק פון ישראל, וואָס פון זיינעטוועגן האָט ער דאָס אַלץ מקבל באהבה געווען, און דערביי האָט ער געדאַנקט דעם נשיא, וואָס ער האָט אים אויסגעקליבן צו זיין דער שליח, און דאָס וועט אים פאַררעכנט ווערן פאַר אַ גרויסע מצווה... עס האָט פון זיין פעדער אַראָפּגעשפּרודלט מיט גליק און פרייד. יעדעס וואָרט איז געווען אַ ליד און יעדער אות — אַ געזאַנג פון טיפן האַרץ.

אַזעלכע בריוו האָט ער אָנגעשריבן צו זיין פאָטער און מוטער, צו ר׳ מנחם בן סרוק, צו זיין רבין ר׳ משה בן חנוך, איבערשיקנדיק אים די אויסדרוקן פון ליבע פון זיין חבר ר׳ נתן בן יצחק, און האָט דערביי געלויבט דעם רבין פון נאַר־באָן מיט די אויסגעזוכטסטע שיינע ווערטער.

און ווען ער האָט מיט עטלעכע שעה שפּעטער די בריוו איבערגעגעבן צום אַנדאַלוזישן לאַנדסמאַן, האָט זיין האַנט געציטערט און ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק, גלייך ווי ער וואָלט אים איבערגעגעבן אַן אוצר פון טייערע איידל־שטיינער און דימענטן.

— נאַ, און היט זיי אָפּ ווי דיין אויג אין קאָפּ, מיין פריינט. ווען דו וועסט די דאָזיקע בריוו אָפּגעבן אין דער ריכטיקער האַנט, וועסטו אַריינזעצן נייע נשמות צו אַ סך מענטשן און דו וועסט דיר דערמיט פאַרדינען יענע וועלט!... — האָט יצחק אים פאַרזיכערט, און דערצו האָט ער נאָך אַזאַ בעטנדיקן בליק אים צוגע־וואָרפן, אַז יענער האָט אים מיט כל השבועות צוגעזאָגט די בריוו צו באַזאָרגן אויפן בעסטן אופן.

דער דאָזיקער זונטיק־טאָג איז ביי יצחקן געווען דער גרעסטער יום־טוב.

ער האָט זיך דאָך אויסגעשמועסט מיט אַלע זיינע נאָענטסטע און מיט דער נאָענטסטער פון די נאָענטע, מיט דער אויסגעחלומטער פנינהן...

און ווען זיי זענען אָפּגעריטן פון דער פראַנקישער הויפּטשטאָט, איז זיין קאָפּ אַזוי פאַרנומען געווען דערמיט, וואָס ער האָט היינט אָפּגעטאָן, אַז ער האָט גאָרנישט געזען אויף די גאַסן. הונדערטער מענטשן האָבן געצויגן איבער די שמאָלע געסלעך פון באַרגיקן מאָנטמאַרטר. דאָס איז מען געקומען פון די ווייטע געגנטן צום גרויסן יאַריד קיין פּאַריז. אויף וועגענער און אויף פערד האָבן מענטשן, מיט ווייבער און קינדער, געצויגן איבער די געדיכטע וועלדער פון וועגסען, וואַשנדיק זיך אין די פרימאָרגנס אין דעם טייך מאַרנע, וואָס איז הינטער פּאַריז.

יצחק האָט דאָס אַלץ נישט געזען, זיין בליק האָט ערגעץ־ווו געקוקט, אָבער ער האָט נישט געוווּסט וווהין ער קוקט, וואָרים די פאַרוויסדיקע ריכטונג איז נישט געווען קאָרדאָווע, ווו זיינע געליבטסטע געפינען זיך, נאָר אַ ווייטע אומ־באַוווּסטקייט, וואָס געפינט זיך גאָר אויף מזרח און נישט אויף מערב, פונוואַנען ער קומט.

די רייטער האָבן אים אין זיינע טראַכטונגען נישט איבערגעשלאָגן, זיי האָבן פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין האַרץ פון דעם יונגן בחור און זיי האָבן אים געלאָזט רייטן פאָרויס, אָפּגעזונדערט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט געשלאָסענע אויגן.

אַ קילקייט האָט זיי אַרומגענומען אין דער גרינער געדיכטעניש פון די וועל־דער, וואָס האָבן זיך געצויגן און געצויגן אָן אַ סוף און אָן אַן ענד, גלייך ווי די גאַנצע וועלט וואָלט איין גרויסער וואַלד געווען.

מען האָט גאָרנישט געוווּסט, אַז ערגעץ־ווו עקזיסטירט אַ זון, וואָס לויכט איבער דער וועלט מיט אַ סך גאָלדענע הייסע שטראַלן. דאָ איז געווען טונקל און קיל, קיין איין שטראַלכל האָט זיך דורך דער געדיכטעניש נישט דורכגעריסן. מ׳האָט איצט געדאַרפט רייטן פאָרזיכטיק, ווייל די פערד האָבן דאָ לייכט געקאָנט פאַרבלאָנדזשעט ווערן און אַראָפּ פון ריכטיקן וועג.

— יצחק, דו פאַרקריכסט אָן אַ זייט!... — האָבן אים די רייטער נאָכגע־שריגן — וועסט נאָך פאַרבלאָנדזשען און נישט אָנקומען צו דיין ציל...

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ טיפן שלאָף, אומגעקוקט זיך אויף אַלע זייטן און אויפן ערשטן אויגנבליק נישט געקאָנט באַמערקן זיינע באַגלייטער. ער האָט זיך פלוצלינג דערזען אין אַ פינצטערן וואַלד, וואָס קוקט אויס דאָ צו שטיין פון ששת ימי בראשית. קיין האַק האָט זיך נאָך צו זיינע וואָרצלען נישט צוגערירט און די בלעטער פון די ביימער האָבן פאַרשטעלט דעם בלויען הימל, די זון און די גאַנצע וועלט.

— ווו זענען מיר, פריינט?... — האָט יצחק ווי אַ פאַרשלאָפענער געפרעגט.

— מיר זענען שוין ווייט אַוועק פון פּאַריז און מיר גייען אין דער ריכטונג קיין דייטשלאַנד. דער ציל איז נאָך אַזוי ווייט און אַזוי נישט אַרויסזעעוודיק, אַז אַ שרעק כאַפּט אַרום — האָט עמיצער געענטפערט פון דער גרינער טונקל־קייט אַרויס.

— איז נאָך ווייט צום כוזרים־לאַנד? — האָט יצחק אַ פרעג געטאָן, וויסנ־דיק אַליין, אַז די פראַגע זיינע איז איצט נישט אויפן אָרט.

די רייטער האָבן זיך צעלאַכט מיט אַ ברייט און אָפּקלינגענדיק כאָכאָטשען, וואָס איז צוריקגעקומען אין וואַלד פון אַלע זייטן, גלייך הונדערטער טייוולאָנים וואָלטן זיך צעלאַכט, אַז אַ ציטערגיש האָט דעם יונגן בחור אַרומגענומען און עס איז אים געוואָרן אומהיימלעך.

— נאָך אַזוי ווייט צו מיין ציל! — האָט ער געטראַכט.

קאַפּיטל פיר

אין געפאַנגענשאַפט ביי די כוזרים

און בעת יצחק האָט וועגן דעם געטראַכט, האָט ער גאָרנישט געוווּסט, אַז דער ציל זיינער אַנצוקומען אין לאַנד פון די כוזרים, איז נאָך אַ סך ווייטער, ווי ער מיינט... די טעג האָבן אָנגעהויבן ווערן לענגער און די נעכט קירצער, און דער וועג צום רייטן שווערער, ווייל עס האָבן דורכגעשניטן אַ סך טייכן און טייכלעך. עס זענען געדיכטער געוואָרן די וועלדער, און זיי האָבן מיטאַמאָל אָנגעטראָפן אויף אַן אַנדער מין באַפעלקערונג, האַרטערע און מער חוצפהדיקע. הויכע יונגען מיט בלאָנדע קעפּ ווי די קאָרן־זאַנגען און בלויע וואַסערדיקע אויגן, וואָס האָבן טיילמאָל געגלאַנצט ווי שאַרפע חלפים, און אַ שפּראַך האָבן זיי גערעדט, וואָס ס׳איז באַין אופן נישט געווען צום פאַרשטיין.

— דאָס זענען גערמאַנער! — האָט איינער פון די ביזאַנטיער באַמערקט צו יצחקן, ווען זיי האָבן געזען זיין גרויסע פאַרווונדערונג.

— וואָס פאַר אַ מין מענטשן זענען דאָס? — האָט יצחק ביי אים געפרעגט.

— מיט גרויסע איינרעדענישן, רויבערישע אינסטינקטן און שרעקלעכע שלעגער. די אַלטע רוימער פלעגן זיי דינגען פאַר זייערע אַרמייען, ווען זיי האָבן געדאַרפט אונטערדריקן אַן עקשנותדיק פאָלק, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אַזוי לייכט באַזיגן.

— זענען מיר שוין, הייסט עס, אין דייטשלאַנד? — האָט יצחק געפרעגט.

— מיר זענען נאָך אין פראַנקן־לאַנד, אָבער דאָ האָבן זיך שוין מיט פיל יאָרן צוריק באַזעצט האַלב־ווילדע נאָרמאַנען, וואָס זענען אַ געמיש פון פאַרשידענע שבטים און זיי האָבן כסדר געלעבט פון רויב, האָבן צוגענומען די ווייבער פון זייערע שכנים, די סטאַדעס שאָף, און האָבן שטענדיק ליב געהאַט צו פירן מלחמות... — האָט דער ביזאַנטיער אים אויפגעקלערט.

ווען זיי פלעגן אָנטרעפן אויף דערפער, באַזעצט מיט אָט־די דאָזיקע בלאָנדע ברואים, האָבן זיי באַגעגנט פיינטלעכקייט און פאַרדאַכט. זיי האָבן געקוקט אויף די פרעמדע רייטער ווי אויף אַריינדרינגער און האָבן זיך צו זיי באַצויגן שלעכט און אַרויסרופעריש.

— מיר זענען דאָך קריסטן!... — האָט דער עלטסטער פון די ביזאַנטיער

דערקלערט צו איינעם אַזאַ גערמאַנישן פויער, וואָס האָט זיי נישט געוואָלט אַפילו פאַרקויפן קיין ברויט און נישט קיין מילך.

— דאַרף מען אייך אַוודאי און אַוודאי פון דאָרף פאַרטרייבן. דאָס זענט איר שולדיק, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן אונדזער גאָט וואָטאַן... דאָס האָט איר אויף אונדז אָנגעשיקט די אומעטיקע קירכעס און די תפילות, וואָס מען דאַרף טאָג־איין און טאָג־אויס פּרעפּלען!... — האָט דער דייטש מיט אַ בלוטיקער רויט־קייט אין פּנים זיך אַזש פאַרקייכט מיט די ווערטער.

— לאָמיר זיך וואָס גיכער פון דאַנען אָפּטראָגן... — האָט דער ביזאַנטיער שטיל אויסגערופן צו זיינע באַגלייטער — זיי זענען נאָך ערגער פון די אַמאָליקע געצנדינער, יענע האָבן ביים דערהרגענען אַ מענטש אים געבראַכט כאָטש פאַר אַ קרבן צו זייער גאָט, אָבער זיי דאָ קאָנען אונדז דערהרגענען סתם אַזוי פון זייער ווילטאָג וועגן...

נאָך אַ טאָג רייזע האָבן זיי פונדערווייטנס דערזען אַ ברייטן, זילבערנעם טייך, וואָס האָט שימערירט מיט גאָלדענע שיפן אַנטקעגן דער זון.

— דאָס איז דער טייך רהיין, וואָס טיילט אָפּ די באַרבאַרישע דייטשע מדינה פון פראַנקן־לאַנד! — איז יצחק געוואויר געוואָרן פון זיינע באַגלייטער.

— דאָ דאַרף דאָך זיין די שטאָט מאַינץ! — האָט יצחק געענטפערט.

— ריכטיק! — האָט דער עלטסטער פון די ביזאַנטישע שליחים אַ פאַר־וווּנדערטער געענטפערט — פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— ווייל דאָ, אין דער דייטשער שטאָט מאַינץ, געפינט זיך אַ גרויסע ייִדי־שע קהילה — האָט יצחק, מיט אויגן אָנגעפּולט פון פרייד, געזאָגט — דאָ קאָן איך אַמאָל טרעפן מענטשן, וואָס זענען געווען אין קאָרדאָוואַ, אין מיין שטאָט קאָרדאָוואַ...

— איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז עס זענען פאַראַן אַזוי פיל ייִדן אויף דער וועלט! — האָט דער ביזאַנטיער זיך געוווּנדערט — ווו מען גיט זיך אַ קער און אַ ווענד, געפינט מען אייערע ברידער.

— מיינע ברידער ייִדן זענען געקומען אַהער צוזאַמען מיט די רוימישע לע־גיאָנען, נאָך איידער די באַרבאַרישע גערמאַנען האָבן זיך דאָ באַזעצט, און שפּע־טער האָט דער קייסער קאַרל דער גרויסער געבראַכט קיין מאַינץ דעם רב קלו־נימוס פון לוקאַ אין איטאַליע און געמאַכט אים פאַר דעם רב פון דער ייִדישער קהילה אין מאַינץ... — האָט זיי יצחק דערקלערט.

— ווי דו ווייסט אַזוי אַלצדינג, יונגער ייִדישער פּרינץ!... — האָט מיט גרויס דרך־ארץ און התפּעלות אויסגערופן איינער פון די ביזאַנטישע רייטער — ביסט דאָך נאָך אַזוי יונג, ווען האָסטו דאָס באַוויזן אויסצולערנען?

— מיר הייבן אָן פון אונדזער קינדהייט צו לערנען תורה און שפּעטער אויך

אַלע אַנדערע וויסנשאַפטן, אַזוי אַז ביז מען קומט אין מיינע יאָרן — איך בין שוין צוואַנציק יאָר אַלט — קאָן איך דאָס אַלץ וויסן. און נישט נאָר וויסן מיר, למשל, אַז דער רב קלונימוס פון לוקאַ איז אין די ערשטע יאָרהונדערטער געקומען קיין מאַינץ, נאָר מיר קענען אויך זיינע תפילות, וואָס ער האָט אָנגעשריבן און מיר זאָגן זיי אין אונדזערע הייליקע ימים־טובים. אַ גרויסער מאַן איז ער געווען, דער רב קלונימוס, און איצט, ווייסן מיר, איז אַ רב דאָרט זיינס אַן אייניקל, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען...

די ביזאַנטיער האָבן אים געקוקט גלייך אין מויל אַריין, זיי האָבן נישט גע־קאָנט בשום אופן פאַרשטיין, ווי אַזאַ יונגער מענטש ווייסט אַזוי פיל זאַכן. איצט איז זיי שוין נישט קיין וווּנדער, פאַרוואָס די ייִדן איז געלונגען איבערצוצייגן די מאָנגאָלישע כאַזאַרן און זיי צו באַקערן צום ייִדישן גלויבן.

— איז עס אמת, ייִדישער פריינט — האָט דער זעלבער ביזאַנטיער, וועל־כער האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיטן ייִדנטום, מיט נייגעריקייט גע־פרעגט — אַז דאָס קריסטנטום שטאַמט־אָפּ פון דער ייִדישער אמונה, און אויב עס איז אמת, צו וואָס האָבן אונדזערע אור־עלטערן גלייך נישט אָנגענומען דאָס ייִדישע גלויבן?...

יצחק איז נשתומם געוואָרן אויף דער דאָזיקער פראַגע און דאָס האַרץ האָט זיך ביי אים געפרייט, וואָס אים איז געלונגען אויף אַזוי ווייט צו דערפירן אַ גוי צום פאַרטראַכטן זיך. ער האָט אַ ווײַלע שטילגעשוויגן, ווי ער וואָלט עפּעס נאָכגעדענקט און צום סוף האָט ער מיט אַ שטיל קול געזאָגט:

— האָסט געשטעלט אַ דרייסטע פראַגע, מיין פריינט, און איך ווייס נישט, צי דער רעליגיעזער פאַסטוך פון דיין קירך וואָלט דיר דערפאַר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. ווען ישו הנוצרים נאָכפאָלגער, די אַפּאָסטאָלן, וואָלטן נישט געווען זיין לערע אַראָפּגעפירט אויף פאַלשע וועגן, אפשר וואָלסטו היינט געווען פונקט אַזאַ ייִד ווי איך און ווי אַלע אַנדערע ייִדן. זיי, די אַפּאָסטאָלן, האָבן גאַנץ מעג־לעך מיט רעכט געהאַלטן, אַז די געצנדינער זענען גאָרנישט אימשטאַנד אויפצו־נעמען אַזאַ איידעלע מאַטעריע, ווי אונדזער תורה איז, און זיי האָבן זי געוואָלט מאַכן לייכטער אָנצונעמען. דעריבער האָבן זיי זי פאַרדרייט און פאַרפעלשט, זייע־רע שפּעטערע נאָכפאָלגער האָבן די נייע לערע נאָך מער פאַרדרייט און פאַר־קרומט, ביז עס איז אַרויסגעקומען דאָס, וואָס איר רופט היינט אָן „קריסטלעכע לערע", און ווער ווייסט וווהין די דאָזיקע לערע וועט נאָך דערפירט ווערן!...

— הייסט עס, אַז דאָס קריסטנטום איז אַ פאַרדרייטע און פאַרקרומטע פאַר־זעעניש פון ייִדנטום? — האָט דער ביזאַנטיער געפרעגט אַ בלאַסער אויפן פּנים.

— כמעט אַזוי... — האָט יצחק געענטפערט — אַ פאַלשן וועג האָבן די אַפּאָסטאָלן אָדער די שליחים פון ישו הנוצרים אָנגענומען, מיינענדיק די געצנדי־

נער צו מאַכן פאַר מענטשן. אָבער איינמאָל געצנדינער, שטענדיק געצנדינער... האָסט הײַנט געזען דעם דײַטשן פּויער, וועלכער האָט זיך אויף אײַך געבייזערט און געהאַט טענות, פאַרוואָס מ׳האָט אים אָנגעהאָנגען אַזאַ מין לערע, וואָס איז אַזוי ווײַט פון דעם עבודה־זרהדיקן וואָטאַן? זיי דינען דאָך איצט קריסטוסן, גייען אפשר יעדן טאָג אין דער קירכע, אָבער זיי זענען געבליבן געצנדינער; כמעט דער גרעסטער טייל פון די הײַנטיקע קריסטן זענען געצנדינער. און איך האָב מורא, אַז וואָס ווײַטער, וועט עס זײַן נאָך ערגער... איך בין נישט קיין נביא, און הלוואַי זאָל איך ליגן זאָגן: אַט דער דאָזיקער גערמאַנער, וואָס האָט אונדז הײַנט קיין ברויט נישט געוואָלט פאַרקויפן, אַפילו קיין טרונק וואַסער נישט געוואָלט געבן, און ער איז דאָך אַ קריסט, אַ גלייביקער אין דער רעליגיע, וואָס פּרעדיקט ליבע און פאַרגעבונג — אַט פון זייער געצנדינערישער זרע וועט אַרויסוואַקסן אַ פאָלק פון מערדער און רוצחים. דאָס קריסטנטום וועט אויף זיי קיין שום שליטה נישט האָבן... און ס׳האָט די אַפּאָסטאָלן דעריבער נישט געלוינט צוליב זיי צו פאַרקרימען תורת משה...

יצחקן איז שווער געוואָרן צו רעדן. ער האָט זיך צופיל אָנגעשטרענגט, און אַ בלאַסקייט איז אַרויסגעטרעטן אויף זײַן פּנים, אַז מ׳האָט אים געמוזט אונ־טערטראָגן פון לאָגל אַביסל וואַסער.

אַ לאַנגע ווײַלע האָט געהערשט שטילשווײַגן. קיינער האָט דאָס שווײַגן נישט געוואָגט איבערצורײַסן. דעם יונגן ייִדס רייד האָבן געמאַכט אויף זיי אַ גרויסן רושם, און זיי, די ביזאַנטיער, זענען געווען געפּלעפט. זיי האָבן נאָך קיינמאָל אין זייער לעבן אַזעלכע רייד נישט געהערט.

זיי האָבן זיך אין שטומען שטילשווײַגן איבערגעקוקט מיט די אויגן, ווי זיי וואָלטן איינער ביים אַנדערן געזוכט אַ געהעריקן ענטפער פאַר דעם ייִד, אָבער נישט געפינענדיק אים, האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און גאָרנישט גערעדט.

ערשט שפּעטער, ווען יצחק האָט ביים ברעג פון טײַך רהיין, ווּהין זיי זע־נען צוגלײַך מיט זון־פאַרגאַנג צוגעקומען, געשטעלט זיך דאַווענען מנחה, האָבן זיי זיך שטילערהייט איבערגעשמועסט און צעקײַט יצחקס רייד.

— איך האָב דיר באַלד געזאָגט, נאָך אין קאָרדאָווע, אַז די ייִדן פּלאָנען קעגן אונדז שלעכטס. אַט צוליב וואָס זיי האָבן אויסגעקליבן דעם דאָזיקן שליח, ער האָט אַ געשליפן צינגל און זײַן רעדן מאַכט אַן אײַנדרוק... — האָט דער עלטסטער פון די ביזאַנטיער אויסגערופן.

— און אפשר איז ער נישט אויסן קיין שלעכטס?... — האָט איינער פון זיי פאַרטראַכט אַרײַנגעוואָרפן אַ וואָרט.

עס איז צוגעפאַלן אַ שטאָק־פינצטערע נאַכט, מילי־מילאַסן שטערן האָבן זיך געטונקען אין טײַך רהיין, געבראָכן זיך און געגלימערט פון דעם פינצטערן

וואַסער־שפּיגל, ווי זיי וואָלטן דערציילט עפּעס געהיימנישפולע מעשהלעך. עס איז געווען וואַרים, פון צייט צו צייט האָט אַ בליץ אַ שפּאַלט־אויף געטאָן דעם טונקל־בלויען הימל און אָנגעדייט אויף גרויסע היצן. עס האָט געגרעגערט אין אויער דאָס אומאויפהערלעכע קוואַקען פון די פרעש, און צוגעהאָלפן צו דער דאָ־זיקער „מוזיק" האָט די גריל אין פינצטערן פעלד מיט תבואות.

פון דער צווייטער זייט ברעג האָט ווו־נישט־ווו אַ בלינצל געטאָן אַ ליכטל — אַ סימן, אַז אַ ישוב איז דאָרט פאַראַן... יאָ, דאָרט ליגט אין דער חשכות פאַר־זונקען און פאַרטיפט אין שלאָף די שטאָט מאַינץ, און העכער אַרויף, אויף רעכטס, ליגט די צווייטע גרויסע דייטשע שטאָט וואָרמס, וואָס איז אויך אַן עיר ואם בישראל...

יצחק איז געזעסן אַ לענגערע צייט ביים ברעג און זיך איינגעהערט אין דעם שטילן געשעפּטש פון די כוואַליעס, און גלייך ער וואָלט פאַרשטאַנען זייער גע־מורמל, האָט ער זיי אויפגעכאַפּט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט און עס איז אים געקומען אויפן זינען די לעגענדע, וואָס ער האָט געהערט דערציילן אין דער ישיבה פון קאָרדאָוואַ, בעת די בין־השמשותן, אַז נאָכן חורבן פון בית־שני האָבן פיל מיטגלידער פון שבט בנימין זיך אַוועקגעלאָזט קיין דייטשלאַנד, באַזעצט זיך אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ און געשאַפן די שטאָט וואָרמס. שפּעטער זענען נאָך צו־געקומען פיל ייִדן צוזאַמען מיט די רוימישע לעגיאָנען, וואָס האָבן איינגענומען די גערמאַנישע לענדער און זיי זענען שוין דאָרטן פאַרבליבן.

— וועגן וואָס טראַכסטו, פריינט?... — האָט אים פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן איינער פון די רייטער, וואָס האָט זיך שטילערהייט דערנענטערט צום ברעג און זיך לעבן אים אַנידערגעזעצט.

יצחק האָט זיין פּנים נישט געקאָנט זען קלאָר, ווייל בלויז די שטערן־שיין האָט אים באַלויכטן און פון צייט צו צייט אַ פינקל געטאָן אין זיינע אויגן. ער האָט דערפילט, אַז זיינע פריערדיקע רייד האָבן אויף אים געהאַט אַ ווירקונג. ער אינטערעסירט זיך מער מיט ייִדישקייט ווי די איבעריקע ביזאַנטיער, און יצחק האָט באַשלאָסן אים צו זיך צו דערנענטערן.

— איך טראַכט וועגן דעם עבר און וועגן דעם עתיד, וואָרים אויב מען קען גוט די פאַרגאַנגענהייט, קאָן מען פון איר אַרויסלערנען וואָס עס וועט געשען אין דער צוקונפט... — האָט אים יצחק געענטפערט.

— ביסט אַ נביא?... האָט דער ביזאַנטיער געקוקט אים מיט אונטערטעני־קייט אין די אויגן.

— ניין, איך בין נישט קיין נביא — האָט יצחק געענטפערט — מען דאַרף בלויז קאָנען אַרויספאַרשטיין איין זאַך פון דער צווייטער.

— דיינע רייד, וואָס האָסט פאַר אונדז גערעדט מיטן צופאַל פון דער נאַכט,

האָבן אַרויסגערופן אומרו אין מיין נשמה און איך האָב נישט געקאָנט איינשלאָפן, דעריבער בין איך צו דיר צוגעקומען, מיין יונגער פריינט.

— ווי איז דיין נאָמען? איך האָב ליב אַ מענטש אָנצורופן ווי מ׳האָט אים אַ נאָמען געגעבן — האָט יצחק פלוצלינג אַ פרעג געטאָן דעם ביזאַנטיער.

— דאַגאָמאַר... — האָט דער ביזאַנטיער געענטפערט שטיל און פאַרקוקט זיך אויף דעם טייך, וואָס איז באַשאָטן געווען מיט אומציייליקע טאַנצנדיקע שטערנדלעך...

— דאַגאָמאַר, צי ווייסן דיינע פריינט, אַז דו ביסט איצט צו מיר צוגעקומען?

— ניין, זיי ווייסן נישט, זיי שלאָפן מיט אַ האַרטן שלאָף אַצינדערט.

— האָסטו נישט קיין מורא פאַר דיינע חברים, טאָמער ווערן זיי געוואָר, אַז ביסט צו מיר צוגעקומען, דאַגאָמאַר?

— עס אַרט מיך נישט... איך וויל הערן דיינע קלוגע רייד, וואָס לייגן זיך אַזוי לייכט און פאַרשטענדלעך אויפן שכל. איך וויל דיך אָבער פרעגן עטלעכע פראַגן, וועסטו מיר ענטפערן, יצחק?

— אויב זיי וועלן נאָר זיין פאַרשטענדלעך און איך וועל קאָנען געבן אויף זיי אַ ריכטיקן ענטפער... פרעג!

— פאַרוואָס האָבן בלויז די ייִדן זוכה געווען צו זיין ביים באַרג סיני, כדי אויפצונעמען גאָטס תורה און אַנדערע פעלקער נישט? — האָט דאַגאָמאַר געפרעגט מיט אַ שטילן שעפּטש, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם געשעפּטש פון די כוואַליעס אין טייך.

— גאָט איז אַרומגעגאַנגען מיט זיין תורה צו אַלע פעלקער און האָט זיי פאַרגעלייגט זי אָנצונעמען; ווען זיי נעמען זי אָן, וואָלטן אַלע דעמאָלט זוכה געווען צו שטיין ביים באַרג סיני. די פעלקער האָבן אָבער גאָטס אָנבאָט אָפּגעוואָרפן, בלויז דאָס ייִדישע פאָלק האָט אויסגערופן: „נעשה ונשמע!". עס איז די פעלקערס אייגענע שולד... — האָט יצחק געענטפערט.

— איך פאַרשטיי, אָבער זאָג מיר, יצחק, פאַרוואָס פאַרמיאוסט איר אין דער קריסטלעכער אמונה, ווען אין איר איז פאַראַן אַזאַ שיינער געבאָט: „אויב מען גיט דיר אַ פּאַטש אין דער רעכטער באַק, זאָלסטו אויפשטעלן די לינקע און ווער עס נעמט ביי דיר צו דאָס קלייד, גיב אים אויך אַוועק דיין העמד..."

יצחק האָט אין דער פינצטער אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— קודם־כל איז דער דאָזיקער געבאָט, ווי אַלץ וואָס דאָס קריסטנטום האָט אין זיך עפּעס גוטס, אויסגעבאָרגט געוואָרן ביי אונדז. אין דער תורה שטייט געשריבן: „ואהבת לרעך כמוך", און זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי דיך אַליין. אין דעם איינעם געבאָט איז שוין פאַראַן אַלצדינג, וואָס אַ מענטש דאַרף זיין. אַחוץ דעם אָבער — וואָס קומט אַרויס, וואָס ישו הנוצרי האָט אייך געגעבן אַזאַ

געבאָט, אַז קיינער פון די געוועזענע געצנדינער האַלטן אים לגמרי נישט, זיי הרגענען און רצחנען פונקט ווי פריער. מען דאַרף מקיים זיין דאָס וואָס מען פּרע־דיקט. דעריבער איז ריכטיק, וואָס איך האָב אייך היינט אַלעמען געזאָגט: די געצנדינער וועלן בלייבן געצנדינער, און מיטן לייכטער מאַכן דורך די אָפּאָס־טאָלן די געבאָטן פון דער תורה, אַז זי זאָל זיין אָננעמבאַר פאַר זיי, האָט צו גאָר־נישט געפירט, די תורה איז בלויז פאַרקרומט און פאַרפּעלשט געוואָרן...

— האַלטסטו נישט, אַז יעזוס קריסטוס איז געווען אַ גרויסער מאַן? — האָט דאַגאָמאַר מיט אַ טרויער אין זיין שטים געפרעגט.

— זיכער איז ער געווען אַ גרויסער מאַן — האָט יצחק אויפן אָרט געענט־פערט — אָבער זיין לערע, וואָס האָט זיך, אגב, מיט קיין סך נישט אונטערשיידט פון דער יידישער, איז דורך זיינע שליחים פאַרקריפּלט געוואָרן און זי ווערט וואָס אַ יאָרהונדערט אַלץ מער און מער פאַרקריפּלט, אַז ווען ישו הנוצרי שטייט באמת אויף פון קבר, וואָלט ער זי באַין־אופן נישט דערקענט... איר זענט טויזנט מאָל ווייטער פון ישו הנוצרי ווי מיר יידן זענען עס!... איר זענט נישט קיין נאָכ־פאָלגער פון ישו הנוצרי, נאָר קאַליע געמאַכטע געצנדינער!...

— טאָ וואָלט איר, יידן, אפשר גענומען אויף זיך אונדז אַרויסצופירן אויפן ריכטיקן וועג פון אמתן קריסטנטום, אַזוי ווי ישו הנוצרי האָט עס געוואָלט האָבן? — האָט דאַגאָמאַר זיך געבעטן ביי אים.

— דער אמתער וועג איז די יידישע אמונה, ווי אונדזער רבי משה בן עמרם האָט זי גענומען ביי גאָט פון באַרג סיני; אַז איר וועט גיין אין די דרכים פון דער תורה, וועט איר קיינמאָל נישט אַראָפּבלאָנדזשען פון וועג, נישט אויף רעכטס און נישט אויף לינקס. אויב הייבט מען נאָר אָן נאָכצולאָזן, צו פאַרלייכטערן, איז שוין מער נישטאָ קיין גרענעץ. אונדזערע חכמי־התלמוד האָבן געזאָגט: „עבירה גוררת עבירה“, איין אָפּווייכונג, איין זינד שלעפּט נאָך אָן אַנדערע זינד... אַ ראיה דערצו זעט איר אין דער לערע פון ישו הנוצרי: איין אָדער עטלעכע קליי־נע אָפּווייכונגען, און זעט וווהין די דאָזיקע לערע איז פאַרקראָכן!... דער בעסטער וועג איז צו גיין מיטן דרך־המלך!

— קלוגע רייד רעדסטו, מיין זון... — האָט דאַגאָמאַר געשעפּטשעט מיט די ליפּן. ער האָט זיך צוגעבויגן אין דער פינצטער צו יצחקן און אים אַ קוש געטאָן אין שטערן.

— און דאָס זעלבע, מיין פריינט, קאָן געזאָגט ווערן אויף דער לערע פון מאַכמעד, וואָס האָט זיך אויך געשטיצט מיט אַלעם אויף תורת משה, נאָר געמאַכט אָפּווייכונגען — האָט יצחק געוואָלט באַרויִקן זיין נייעם פריינט דאַגאָמאַר, נישט וועלנדיק אים מיטאַמאָל אַזוי פיל וויי־טאָן...

אָבער דאַגאָמאַרן האָט עס שוין נישט וויי־געטאָן. עס איז אים אין דער דאָ־

זיקער וואָרימער און פינצטערער נאָכט ליכטיק געוואָרן אין מוח, און ער האָט שוין אויף זיינע איבעריקע פיר פרייגט פון די ביזאַנטישע שליחים צומאָרגנס געקוקט ווי אויף פאַרבלאָנדזשעטע שאָף. ער האָט אויף זיי רחמנות געהאָט...

יצחק האָט זיך געפילט גליקלעך. ער האָט שוין עפּעס אַ גוטע זאַך דורכגע־פירט אויף זיין ווייטער אומבאַקאַנטער נסיעה. אַ דערלייכטערונג איז אויף אים געקומען, און ער האָט געקאָנט שוין אויסהאַלטן דעם ווייט־ווייטן וועג, וואָס ער האָט נאָך דורכצומאַכן, ביז ער וועט אָנקומען צו זיין ציל, צום לאַנד פון די כוזרים.

אַ הערלעכער בלוי־זוניקער טאָג איז אויפגעגאַנגען פון יענער זייט טייך רהיין, וואָס האָט זיך איצטער געשמאָלצן אין גאָלד און אין זילבער. אַלע זעקס האָבן זיי זייערע קליידער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן און זיך אויסגעבאָדן אין דעם פרימאָרגנדיק־קילן וואַסער. דערנאָך האָבן זיי, יעדער אויף זיין שטייגער, גע־לויבט דעם אייבערשטן, וואָס טוט מיט זיי חסד און פירט זיי כסדר אויפן גוטן וועג און באַהיט זיי פאַר יעדער שלעכטס און אומגליק.

די ביזאַנטיער האָבן נאָך גוט געדענקט די רייד פון יצחקן נעכטן פאַרנאַכט, אָבער זיי האָבן גאָרנישט גערעדט. אײנגאַנצן שטיל און אָן אַ זייט האָט זיך איצט געהאַלטן דאָגאָמאַר, וועלכער האָט יעדעס מאָל צוגעוואָרפן אַ בליק פול מיט ליבע און אַכטונג צום יונגן פריינט זיינעם, וואָס האָט אים אין אַן אַנדערן מענטש פאַרוואַנדלט.

— ווען גייען מיר דורך די בריק? — האָט יצחק געפרעגט.

— אַרום פאַרמיטאָג, ווייל מיר וואַרטן אויף דער דערלויבעניש פון די גרעניץ־וועכטער.

איצט האָט זיך די שטאָט מאַינץ געזען ווי אויף דער האַנטפלאַך. אויף אַ גרויסן שטח זענען פונאַנדערגעוואָרפן געווען די הייזקעס, באַדעקט מיט שטרוי און מיט שינדלען. מ׳האָט אַפילו פון דאַנען געזען באַוועגן זיך מענטשן, רייטנ־דיקע אויף פערד און פאָרנדיקע אויף וועגענער, און יצחקן האָט שוין אַהין גע־צויגן ווי מיט צוואַנגען...

ער איז שוין געווען נייגעריק צו זען אַ ייִד פאַר די אויגן, בפרט ווען ער האָט געוווסט, אַז דער רב פון מאַינץ איז אַן אייניקל פון באַרימטן קלונימוס פון דער שטאָט לוקאַ אין איטאַליע, קלונימוס בן משה, וועלכער האָט פאַרפאַסט אַ סך פיוטים. ער געדענקט אַפילו אַ טייל פון זיי פון אויסנווייניק.

יצחק האָט אינגאַנצן געפיבערט און נישט געקאָנט איינשטיין אויף אַן אָרט. דאָס אויג זיינס איינגעשטאָכן אין דער גאָלדענער ווייטקייט אוי ףיענער זייט פון טייך רהיין, איז ער מיט זיין נשמה שוין דאָרט געווען צווישן דער עדה פון די דייטשע ייִדן. די ביזאַנטיער האָבן מיט נייגעריקייט געקוקט אויף זייער ייִדישן באַגלייטער און עס האָט זיי שוין נישט געוווּנדערט זיין אויסטערלישע באַנעמונג.

אָבער אָט האָבן זיך פון יענער זייט בריק דערנענטערט עטלעכע הויכע בלאָנדע יונגען, מיט סאַמעטענע גרינע לאַפּטשעס אויף די פּיס. זיי זענען גע־גאַנגען גלייך און שטאָלץ, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט צו זיי געהערט. ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צו די ביזאַנטישע שליחים, האָבן זיי פריִער די פרעמדע אָפּגעמאָסטן מיט אַ חשדיקן בליק און דערנאָך אַ פרעג געטאָן פון וואַנען זיי גייען און וווהין איז דער צוועק פון זייער רייזע.

ווען די דייטשן האָבן דערהערט, אַז זיי זענען שליחים פון ביזאַנטישן קייסער ראָמאַנוס, האָבן זיי באַקומען אַנדערע פּנימער, און זייערע בלויע אויגן, וואָס האָבן פריִער געפינקלט ווי שאַרפע חלפים, האָבן עטוואָס נאָכגעלאָזט פון זייער שאַרפקייט און מיט חניפה זיי איינגעלאַדן אַריבערצוקומען איבער דער בריק און אַריינגיין אין דער שטאָט מאַינץ.

דער ייִדישער בחור איז נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן. ער האָט ממש גע־שוועבט ווי אויף פליגל, און ביי דעם ערשטן גערמאַנער, וואָס ער האָט אָנגע־טראָפן, האָט ער געפרעגט אויפן הויז פון דעם רב קלונימוס.

— יודע?... — האָט דער גערמאַנער מיט עטוואָס פאַראַכטונג אין זיין שטים איבערגעפרעגט, אָבער דער שטאָלצער בליק פון יצחקן האָט אים געצוווּנ־גען צו ענדערן זיין טאָן און באַלד האָט ער זיך אַ נייג געטאָן ביז דעם גאַרטל און פאַרגעלייגט זיין דינסט.

יצחק האָט זיך געזעגנט מיט זיינע ביזאַנטיער און אָפּגעשמועסט זיך צו טרעפן אויף צומאָרגנס אין דער זעלבער צייט אָט דאָ ביי דער בריק פון טייך רהיין. ער איז אין דער באַגלייטונג פון דעם גערמאַנער, אַ ברייטפּלייציקן יונג, מיט אַן אָנגעגאָסן רויט פּנים און מיט אַ מגושמדיקן אויסזען, מיט קליינע וואַ־סערדיק־בלויע אייגעלעך, געגאַנגען צום הויז פון דעם רב קלונימוס בן משה.

זיי זענען דורכגעגאַנגען אַ סך שמאָלע געסלעך מיט איינגעהויקערטע הייז־קעס. עס האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די פיל ייִדישע קינדערלעך, וואָס האָבן זיך געשפּילט אויף דער שמוציקער גאַס אין שאָטן פון עפּעס אַ הויכן בוים, וואָס האָט ווי פאַרבלאָנדזשעט אַהער פון דער גויִישער געגנט. ער האָט נישט פאַר־שטאַנען זייער שפּראַך, אָבער פון צייט צו צייט האָט זיך דורך איר דורכגעוועבט אַ לשון־קודשדיק וואָרט.

יצחק האָט געפּרוּווט אָפּשטעלן אַ ייִנגעלע און געפרעגט אים, וואָס פאַר אַ סדרה עס גייט די היינטיקע וואָך. פריִער האָט אים דאָס ייִנגעלע אָנגעקוקט אַ דערשראָקענער צוליב דער מאָדנער קליידונג זיינער און זיין פרעמדן אויסזען. אָבער ווען ער האָט דורך דער מיסטעריעזער באַרירונג פון זיין ייִדישן בליק דער־

פילט עפּעס באַענטס און וואַרימס, האָט דאָס ייִנגל אַ שמייכל געטאָן און גע־ענטפערט:

— בחוקתי!...

— און וואָס פאַר פּסוק האָסטו געלערנט? — האָט אים ווידער יצחק גע־פרעגט.

— „ונתתי שלום בארץ, און איך וועל געבן שלום אין לאַנד... — האָט דאָס ייִנגעלע געענטפערט מיט אַ דרייסט קולעכל.

— גוט האָסטו געזאָגט, ייִנגעלע, — האָט יצחק אים אַ גלעט געטאָן איבערן שוואַרצן קעפּל — אויב עס איז נישטאָ קיין שלום, איז גאָרנישט דאָ...

און יצחק האָט אין די פּאָר ווערטער, וואָס דאָס ייִדישע ייִנגעלע האָט אים געזאָגט, געזען אַ גוטן סימן פאַר זיך און ער האָט זיך זייער געפרייט.

ווען זיי זענען צוגעקומען צום רבס טיר, האָט דער גערמאַנער זיך אָפּגע־שטעלט און אויסגעשטרעקט די האַנט.

— עשו איז באַשאַפן געוואָרן נאָר צו נעמען... — האָט יצחק אַ מורמל גע־טאָן און אים מיט כעס אַריינגעשטעקט אין דער האַנט עפּעס אַ קליינע מטבע.

ווי נאָר יצחק איז אַריבערגעטרעטן די שוועל פון הרב קלונימוס, האָט ער זיך דערפילט, גלייך ער וואָלט אַריינגעקומען אין דער ישיבה פון קאָרדאָוואַ. די זעלבע צונויפגעוויקלטע מגילות און דאָס זעלבע אויסזען פון די פיל תלמידים, וואָס זענען גראַד איצט פאַרזאַמלט געווען אין הויז פון הרב קלונימוס. די פרייד איז געווען אין לשער צווישן די דאָרטיקע ייִדן און דעם פרעמדן ייִד פון אַנדאַלוזיע.

מען האָט זיך אויסגעפרעגט איינער ביים אַנדערן ווי נאָענטע קרובים, וואָס זענען אַ לאַנגע צייט געווען צעשיידט און האָבן זיך ענדלעך ווידעראַמאָל צונויפ־געטראָפן.

— מיר האָבן זייער פיל געהערט וועגן ר׳ חסדאי אבן שפרוט און מיר ווייסן אויך די געשיכטע פון ר׳ משה בן חנוך... — האָט אים הרב קלונימוס געזאָגט, און עס האָט זיך באַלד איינגעשטעלט אַ וואַרימע באַציִונג צווישן זיי.

ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין זענען זיי געזעסן און גערעדט, עס זענען תיכף צונויפגערופן געוואָרן די אַלטע לייט פון דער שטאָט און, הערנדיק צוליב וואָס דער יונגער בחור האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין דעם ווייטן וועג אַריין, האָט אים ר׳ קלונימוס געבענטשט, אַרויפלייגנדיק ביידע הענט אויף זיין קאָפּ און געמורמלט מיטן מויל עפּעס אַ תפילה.

— אַ דאַנק אייער גרויסן פירשט, דעם נשיא ר׳ חסדאי אבן שפרוט, האָבן מיר איצט רו אין דייטשלאַנד. דער קייסער אָטאָ דער ערשטער איז דאַנקבאַר דעם ייִדישן נשיא, דעם אויסלאַנדס־מיניסטער פון אייער איידעלן קאַליף, פאַר די גו־טע באַדינגונגען אין דעם פריינטשאַפט־אָפּמאַך, וואָס זיי האָבן אָנומלט געשלאָסן.

ער האָט איין אַביסל די ממשלה פון די קריסטלעכע בישאָפן, וועלכע באַציִען זיך איצט צו אונדז ייִדן אַ סך בעסער ווי ווען דער פּויפּסט האָט איבער זיי געוועלטיקט. די ייִדן ברענגען אַריין אַ סך געלט אין זייערע פּאַראַרימטע קאַסעס און דעריבער זענען מיר מער אָנגעלייגט — האָט הרב קלונימוס דערציילט.

יצחק איז אויך פון דעם רבס דערציילן געוואָר געוואָרן, אַז ייִדן פירן גרויסע מסחרים מיט די סלאַווישע לענדער, און כאָטש דער ייִדישער ישוב אין יענע געגנטן איז נאָך ווייט נישט קיין אָנזעעוודיקער, קומען אָבער פון צייט צו צייט דאָרט אַהין ייִדן פון דייטשלאַנד און אַפילו פון פראַנקרייך און טוישן אויס זייערע סחורות אויף די סחורות פון די רוסן און פּאָליאַנעס, וואָס וווינען אויף דער אַנדערער זייט פון דער גרעניץ פון דייטשלאַנד, ביי די טייכן ווייסל און וואַרטע.

— איך וועל דיר מיטגעבן אַ בריוו צו איינעם אַזאַ ייִד, וואָס וווינט אין קרושעוויץ און ער וועט דיך אויפנעמען ווי אַ קייסער... אין יענע לענדער איז נאָך ייִדן גוט, ווייל זיי זענען נאָך נישט אַרונטערגעקומען אונטער די פליגל פון ישו הנוצריס אָנהענגער...

יצחק האָט געדאַנקט דעם הרב קלונימוס פאַר די גוטע רייד און גוטע האָפענונגען, וואָס ער גיט אים.

— געלויבט דעם השם יתברך, וואָס ייִדן זענען אומעטום אויסגעשפּרייט; זעט אויס, אַז עס איז אַזוי דער ווילן פון גאָט... — האָט ער געזאָגט.

יצחק האָט זיי דערציילט, וואָס ער ווייסט שוין וועגן דעם אויסטערלישן פאָלק, די כוזרים, וועלכע האָבן אָנגענומען דאָס ייִדישע גלויבן מיט אַן ערך צוויי הונדערט יאָר צוריק און וועגן דעם בריוו, וואָס ער פירט פון ר׳ חסדאי אבן שפּרוט צום ייִדישן קעניג, יוסף בן אהרן...

די ייִדן האָבן זיך איינגעהערט פול מיט באַוווּנדערונג, און זייערע אויגן האָבן געשפּריצט מיט פייערן פאַר התלהבות און גליִענדיקער נייגעריקייט. זיי האָבן געשלונגען זיינע ווערטער און זענען אַזוי מיטגעריסן געוואָרן פון זיין דערציילן, אַז זיי האָבן ביי זיך נישט געפּועלט אים מיט אַ וואָרט איבערצורייסן.

— גאָט זאָל דיך בענטשן אין דיין שליחות — האָט ר׳ קלונימוס בן משה אויפגעהויבן די הענט צום הימל און דערביי האָט ער זיך אויסגעדריקט מיט אַזעלכע שיינע לשון־קודשדיקע ווערטער, אַז די דערביי זיצנדיקע תלמידים האָבן זיי באַלד פאַרצייכנט און תיכף נאָכאַמאָל איבערגעחזרט. זיי האָבן אין יצחקס אויערן געקלונגען ווי דער שענסטער פּיוט.

דעם רבס אויגן האָבן דערביי געלויכטן ווי צוויי פלאַמיקע דימענטן און ער האָט מיט זיין געדאַנק געשוועבט אין די הויכע וועלטן. ער איז אין דעם מאָמענט גאָרנישט געווען אויף דעם עולם־השקר...

דער טאָג איז שנעל פאַרשוווּנדן, און מ׳האָט זיך ווידער געדאַרפט גרייטן

אין וועג אַריין. די ביזאַנטיער האָבן שוין מיט אומגעדולד געוואַרט אויף יצחקן ביי דער בריק פון טייך רהיין. זיי האָבן געמיינט, אַז ער האָט באַשלאָסן דאָ צו פאַרבלייבן. די שטאָט איז זייער אַ שיינע, די געגנט איז ווי אין אַ חלום, און ער האָט דאָ געפונען אַ סך פון זיינע ברידער יידן... אָט אַזוי האָבן אויסגערעכנט אַ טייל פון די שליחים, אָבער נישט דאַגאָמאַר. ער איז זיכער געווען, אַז יצחק וועט קומען. ער האָט געוווסט, ווי הייליק עס איז דער ציל, צוליב וועלכן דער יונגער יידישער בחור האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון זיין היימשטאָט אין קאָרדאָוואַ...

— זייט נישט אומגעדולדיק, פריינט — האָט ער געזאָגט צו די איבעריקע פיר ביזאַנטיער שליחים — דער יידישער בחור וועט צוריקקומען, ווייל איך ווייס און פיל זיין גרויסן צוועק...

וואָרים דער עלטסטער פון די שליחים האָט שוין געהאַט אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז מען זאָל יצחקן דאָ איבערלאָזן און אַליין זיך לאָזן אין וועג אַריין. דערביי האָט ער צוגעגעבן: „וועט מען אים שטערן אויסצופירן די מעגלעכע פאַר־שווערונג מיט די כאַזאַרן קעגן ביזאַנץ און אירע פאַרבינדעטע מלוכות...“

— און וואָס וואָלט דערויף געזאָגט דער אַנדאַלוזישער אויסערן־מיניס־טער?... — האָט דאַגאָמאַר געפרעגט.

— מיר וואָלטן די שולד געוואָרפן אויפן ייד! — האָט דער עלטסטער גע־זאָגט מיט אַ כיטרען פלעמל אין זיינע אויגן... — ער איז נישט געקומען און מיר האָבן נישט געוווסט ווו אים צו זוכן...

— צו שטערן אים צו גיין צו די כאַזאַרן האָבן מיר צייט! — האָט זיך אָנ־גערופן אַ צווייטער פון די שליחים — זאָלן מיר נאָך אָנקומען קיין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל, אין הויף פון קייסער ראָמאַנוס. מיר וועלן דעם קייסער אַלץ איבערגעבן, וואָס מיר האָבן געזען און געהערט אין קאָרדאָוואַ. מיר וועלן אים אויך איבער־געבן וועגן אונדזערע חשדים קעגן דעם יידישן שליח. אַליין טאָרן מיר נישט האַנדלען, ווייל מיר קאָנען נאָך אַרויפציען אויף זיך דעם צאָרן פון קייסער, טאָ־מער באַגייען מיר איין פאַלשן שריט.

דער עיקר האָט זיך פאַר יצחקן איינגעשטעלט דאַגאָמאַר, וועלכער איז זינט יענער נאַכט, ווען ער האָט געהאַט דעם געהיימנישפולן געשפרעך מיטן יידישן יונגגמאַן ביים פינצטערן ברעג פון רהיין, געווען גאָר אַן אַנדערער מענטש. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער ,און וויפל זיינע חברים האָבן אים געפרעגט, וואָס עס איז דער מער מיט אים, האָט ער נישט געענטפערט קלאָר, נאָר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט...

אָבער ענדלעך האָט זיך יצחק באַוויזן אין דער באַגלייטונג פון אַ צענדליק יידישע יונגעלייט פון דער שטאָט מאַינץ. דאָס זענען געווען שיינע געוויקסיקע בחורים, אָבער זיי האָבן זיך אונטערשיידט פון די דייטשן מיט זייערע טונקעלע

האָר און שוואַרצע, טרויעריקע אויגן. זיי האָבן זיך האַרציק געזעגנט מיט יצחקן, לאַנג זיך געדריקט די הענט און אים אָנגעוווּנטשן הצלחה אין זיין וועג. די גוים האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט, וואָס זיי האָבן צווישן זיך גערעדט אויף זייער מאָדנער שפּראַך. זיי האָבן בלויז אויפגעכאַפּט עטלעכע באַקאַנטע אויסדרוקן, ווי: משיח, כוזרים און ביזאַנץ...

— נו, איר האָט געהערט... — האָט דער עלטסטער פון די ביזאַנטיער טריאומפאַל אויסגערופן שטיל צו זיינע איבעריקע לייט — „ביזאַנץ און כאַזאַרן..." ער טאָר באַין־אופן נישט דערגיין אין יענעם לאַנד אַריין. מיר וועלן שוין זען ווי עס איז אויף אַ בכבודיקן אופן אים צוריקשיקן אַהיים מיט גאָרנישט. אי מיר וועלן נישט האָבן באַליידיקט דעם אויסערן־מיניסטער פון אַנדאַלוזיע און אי מיר וועלן אויסמיידן אַ פאַרראַט לגבי אונדזער אימפּעריע...

דאַגאָמאַר האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט און עס איז אים אין קאָפּ אויפגעשווומען אַ פּלאַן. ער וועט זיך מיט דעם פּלאַן ביי דער ערשטער געלעגנהייט טיילן מיט יצחקן... ער מוז אים דערציילן, וואָס קעגן אים גרייט זיך... ער מוז אים העלפן.

דאָס רייטן האָט זיך באַלד אָנגעהויבן ווי געוויינלעך. די זון האָט היינט מער געגליט ווי אין אַן אַנדערן טאָג. דער זומער האָט זיך געשטעלט מיט זיין גאַנצער קראַפט. גאָר אַן אַנדערע באַפעלקערונג האָבן זיי איצט אָנגעטראָפן אויף זייער וועג. זיי האָבן זיך מערסטנטיילס פאַרנומען מיט פישכאַפּ. גאַנצע סטאַדעס שעפסן האָבן זיך געפיטערט אויף די גרינע לאָנקעס לעבן די טייכלעך, וואָס האָבן זיך ווי זילבערנע גאַרטלען געשלענגלט צווישן זיי און ביי די ראַנדן פון בלויע, געדיכטע וועלדער. די רייטער פלעגן זיך יעדן פרימאָרגן אויסבאָדן אין די אָנגעטראָפענע טייכלעך און טרינקען די פרישע מילך פון בהמות.

נאָך עטלעכע טעג רייטן זענען זיי אָנגעקומען אין ערטער, ווו מ'האָט שוין די דייטשע שפּראַך מער נישט געהערט, נאָר עפּעס אַן אויסטערליש לשון, וואָס איז יצחקן אַזוי פרעמד געוועזן פאַרן אויער.

— דאָס איז אַ סלאַווישע שפּראַך! — האָט אים דאַגאָמאַר אויפגעקלערט.

— דאָ אין די געגנטן שלעפּן זיך שוין אַרום די פּאָליאַנעס, טשעכן און אַנדערע סלאַווישע שבטים. זיי האָבן בלאָנדע קעפּ ווי די דייטשן, בלויע וואַסערדיקע אויגן, די פּנימער זייערע זענען מער קיילעכדיק. דערפאַר אָבער זענען די מענטשן זייער גאַסטפריינטלעך.

— וועלן מיר דורכגיין דעם טייך „וואַרטע"? — האָט יצחק געפרעגט.

— קעגן וואָס פרעגסטו דאָס?... — האָט דאַגאָמאַר אים אָנגעקוקט מיט פאַרווונדערונג.

— דאָרט, ביים ברעג פון טייך, געפינט זיך אַ שטעטל קרושעוויץ, וווינען דאָרט ייִדן, און איך האָב אַ בריוו צו איינעם פון זיי... האָט יצחק געענטפערט.

— רעד נישט וועגן דעם צו הויך... — האָט אים דאַגאָמאַר געוואָרנט מיט אַ שטיל קול, ווען זיי האָבן זיך געהאַט אַביסל דערווייטערט מיט זייערע פערד פון די איבעריקע רייטער.

— פאַרוואָס, דאַגאָמאַר? — האָט יצחק מיט שטוינען אויסגערופן.

— זיי זענען דיך חושד אין שלעכטע זאַכן... ווען זיי זעען דיך רעדן מיט פרעמדע ייִדן, מיינען זיי נאַר, אַז דו גייסט זיי פאַרראַטן. היט זיך פאַר זיי...
— האָט דער ביזאַנטיער געענטפערט.

קיין ייִדן האָט מען אויפן וועג נישט אָנגעטראָפן. עס איז געווען אַ דורכויס סלאַווישע באַפעלקערונג. מ׳האָט געקאָנט אונטערשיידן פאַרשידנאַרטיקע לשור־נות, וואָס האָבן געכאַפּט אַן ענלעכקייט צווישן זיך. די הייזלעך אין די דערפער און שטעט זענען געווען אַנדערש געבויט ווי אין דייטשלאַנד. מ׳האָט געקאָנט באַמערקן, אַז די מענטשן זענען דאָ אָרימער און באַשיידענער. די שטעט זענען געווען קליינע, עטלעכע צענדליק הילצערנע הייזלעך מיט שטרויענע דעכער. מען האָט דאָ געהאַנדלט הויפּטזעכלעך מיט פלאַקס, גרינצייג און אויסגעשפּינטע פון פלאַקס און וואָס פאַרשידענע געוואַנטן.

אָבער אָט זענען זיי אין אַ גרויען פאַרנעפּלטן פרימאָרגן צוגעקומען צום טייך „וואַרטע“. זיי זענען געגאַנגען לענגאויס דעם ברעג פון טייך אַן ערך אַ שעה צייט און זיי זענען אָנגעקומען אין דעם שטעטל קרושעוויץ.

יצחקן האָט לאַנג נישט גענומען אויסצוגעפינען אַ ייִד. יענער איז געשטאַנען לעבן אַ וואָגן מיט גרינצייג און געהאַנדלט מיט אַ פּויער. ער זאָל אים די דאָ־זיקע סחורה פאַרקויפן. אין די אויגן האָט יצחק גלייך דערקענט, אַז ער איז אַ ברודער, אַ מיטגליד פון פאָלק ישראל. ער האָט עס דערקענט אין זיין בליק, אין דעם ניגון פון זיין רעדן און אין דער נישט־זיכערקייט פון זיין האַלטונג.

ער האָט זיך צו אים דערנענטערט, אַריינגעקוקט אין די אויגן און מיט אַ פריינטלעכן שמייכל אים געפרעגט אויף לשון־קודש, צי ער איז אַ ייִד.

— זיכער בין איך אַ ייִד... — האָט דער שטעטלדיקער איינוווינער געענטפערט, און ער האָט געלאָזט שטיין דעם פּויער מיט דער סחורה, אַ כאַפּ געטאָן יצחקן ביי דער האַנט און אים אָנגעהויבן פירן צו זיך אַהיים.

— איך האָב אַ בריוו פון הרב ר׳ קלונימוס בן משה פון מאַינץ צו איינעם אַ ייִד, מיטן נאָמען ר׳ מרדכי, אַן אייניקל פון אברהם פראָכאָוונִיק... ער האָט מיר געזאָגט, אַז דעם דאָזיקן נאָמען קען מען דאָ אומעטום...

— איר האָט מזל, יונגערמאַן... — האָט דער ייִד אַ דערפרייטער אויסגעע־

רופֿן און יצחקן ממש צוגעדריקט צו זיך — איך בין עס דער, צו וועמען דו האָסט דעם בריוו.

ר׳ מרדכי האָט גערעדט שוואַך די לשון־קודשדיקע שפּראַך, ער האָט אַרייַנגעמישט אין איר ווערטער, וואָס יצחק האָט זיי נישט פֿאַרשטאַנען, אָבער לויט די באַוועגונגען פֿון זייַנע הענט האָט ער אויפֿגעכאַפּט דעם זין פֿון די רייד.

עס האָט נישט געדויערט לאַנג, און ר׳ מרדכי האָט געלאָזט צוזאַמענרופֿן דאָס גאַנצע שטעטל מיט ייִדן, וואָס איז באַשטאַנען פֿון קוים אַ מנין. ווען זיי זענען אַרייַנגעקומען צו ר׳ מרדכין אין הויז און דערזען דעם יונגנמאַן פֿון דער ווייטער קאָרדאָוואַ, האָבן זיך ביי אַלע טרערן געשטעלט אין די אויגן. מ׳האָט אָנגעטאַפּט זייַנע הענט, זייַן לייב, געוואָלט זיך איבערצייַגן, צי איז עס טאַקע מעגלעך, אַז פֿון אַזוי ווייט זאָל קומען אַ ייִד צו זיי אין דעם דאָזיקן פֿאַרוואָרפֿענעם שטעטל, אין אַ פֿאַרוואָרפֿן לאַנד... זיי האָבן פֿון גערירטקייט נישט געקאָנט רעדן, און נישט אַלע האָבן געקענט דאָס עברישע לשון. זיי האָבן גערעדט עפּעס אַ געמיש פֿון לשון־קודש, דייטש און ווערטער פֿון דער סלאַווישער שפּראַך.

יצחק האָט איבער די טעג, וואָס ער איז געווען אין דייטשלאַנד, געהאַט אויפֿגעכאַפּט ווערטער פֿון דייטשן לשון, און ווען ער האָט זיי געהערט איצט רעדן, האָט ער כמעט פֿאַרשטאַנען... בפֿרט, ווען כמעט יעדעס פֿינפֿטע אָדער צענטע וואָרט איז געווען לשון־קודש...

— וואָס פֿאַר אַ שפּראַך רעדט איר? — האָט יצחק מיט נייַגעריקייט געפֿרעגט ביי ר׳ מרדכין.

— דאָס איז עברי־טייטש... אַ לשון, וואָס איז ביי אונדז אָנגענומען געוואָרן צו רעדן צווישן זיך, כדי די גויִים זאָלן אונדז נישט פֿאַרשטיין...

און יצחק איז געוואָר געוואָרן פֿון זיי זייער אינטערעסאַנטע מעשיות.

זייערע זיידעס זענען אַהערגעקומען פֿון דייטשלאַנד צו פֿירן מסחר, און ביסלעכווייַז זיך דאָ באַזעצט און שוין מער נישט צוריקגעפֿאָרן, בפֿרט, ווען נאָך דעם טויט פֿון קייסער קאַרל דעם גרויסן האָבן די קריסטלעכע גלחים אָנגעהויבן צו רודפֿן ייִדן...

— מיט מייַן זיידן, ר׳ אברהם פּראַכאָוויניק, איז פֿאַרבונדן זייער אַ שיינע מעשה, וואָס איך האָב זי געהערט פֿון זייַן אייגן מויל, ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין ייִנגל... — האָט ר׳ מרדכי מיט אַ שמייכל אָנגעהויבן, האַלטנדיק אין האַנט דאָס גלעזל בראָנפֿן, וואָס ער האָט זיך און פֿאַר די געסט אָנגעגאָסן.

„דאָס איז טאַקע געשען דאָ אין קרושעוויץ. עס זענען זיך צוזאַמענגעפֿאָרן פֿון אַלע שטעט און שטעטלעך די עלטסטע פֿון די סלאַווישע שבֿטים, מערסטנטיילס פֿון די פּאָליאַנעס, כדי אויסצוקלייבן אַ נייעם פֿירשט. עס זענען אָנגעגאַנגען אויף דער דאָזיקער פֿאַרזאַמלונג גרויסע קריגערייען וועמען אויסצו־

קליינבן. יעדער שטעטל האָט געוואָלט אירס אַ גרויסן מיוחס אַרויפזעצן אויפן טראָן. דאָס איז געשען נאָכן טויט פון פירשט פּאָפּיעל.

„ווען מען האָט בשום אופן נישט געקאָנט קומען צו אַ הסכם ווען אויס־צוקלייבן, האָבן די דעלעגאַטן באַשלאָסן אַן אויסטערלישע זאַך: דהינו, ווער עס וועט אין שטאָט אַריינקומען צומאָרגנס פאַרטאָג דער ערשטער, דער יעניקער וועט אויסגעקליבן ווערן פאַר דעם נייעם פירשט.

„האָט זיך גראָד אַזוי געמאַכט, אַז מיין זיידע, ר' אברהם פּראָכאָווניק, וועל־כער האָט שוין דעמאָלט געוווינט אין דעם שטעטל וואַרשע ביי דער ווייסל — ער איז דאָרט געווען כמעט דער איינציקער ייִד — איז געקומען קיין קרושעוויץ איינקויפן סחורה און ער איז עס געווען דער ערשטער, וואָס איז אַריבערגעשריטן די גרענעץ פון שטאָט צוגלייך מיט זון־אויפגאַנג.

„שטעלט אייך פאָר, ווי איבערגעשראָקן מיין זיידע איז געוואָרן, ווען אַ חברה הויכגעשטעלטע פּאַנעס, אין די ברוינע זשיפּעצעס און פוטערנע היטלען, זענען אים פלוצלינג אַ באַפאַל געגעבן און אָנגעהויבן שרייען מיט באַנומענע קולות: „זאָל לעבן אונדזער נייער פירשט!"...

„אַ בלאַסער און ציטערנדיקער אויפן גאַנצן לייב, איז מיין זיידע געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל און געקוקט אַ צעמישטער אויף די פּאַנעס, וועלכע האָבן זיך פאַרגונען אויפצוהייבן אַזוי פרי און חוזק מאַכן פון אַן אָרימען ייִד...

„— דו ביסט אונדזער נייער פירשט!" — האָבן זיי געשריגן מיט גרויס פרייד — זאָל לעבן אונדזער נייער פירשט!... ווי איז דיין נאָמען? לאָמיר וויסן ווען צו פּראָקלאַמירן פאַר אונדזער הערשער?

—„מיין נאָמען איז אברהם פּראָכאָווניק, איך קום נאָר־וואָס פון וואַרשע איינצוקויפן פאַר מיין קראָם סחורות, אויף וועלכע עס וואַרטן מיט גרויס אומ־געדולד מיינע קונדן. וואָס ווילט איר פון אַן אָרימען ייִד?

— „עס וועט דיר גאָרנישט העלפן, אברהם פּראָכאָווניק — האָבן די פּאַנעס זיך פאַרעקשנט — אַזוי איז דורך אַלעמען פון אונדז באַשלאָסן געוואָרן און אַזוי דאַרף עס בלייבן: דו, דער ייִד אברהם פּראָכאָווניק, וועסט זיין דער פירשט פון פוילן, און זאָל דיין הערשאַפט זיין מיט גליק, וויוואַט!

— „איך וועל אייך עפּעס זאָגן, מיינע ליבע פּאַנעס — האָט מיין זיידע ר' אברהם פּראָכאָווניק געטענהט — איך בין בלויז אַן אָרימער ייִד, און מיינע גוטע קונדן וואַרטן אויף די שפּייז און אַנדערע סחורות, וואָס איך דאַרף זיי ברענגען, איך קאָן קיין פירשט און קיין הערשער איבער אייך נישט זיין. אָט געפינט זיך אַ קלוגער פּאַן מיטן נאָמען פּיאַסט, אים, זעט איר, קאָנט איר אויסקלויבן פאַרן

נייעם פירשט אויפן אָרט פון פאַרשטאָרבענעם פאַפּיעל. ער פּאַסט זיך גיכער פון מיר פאַר דעם דאָזיקן בכבודיקן אַמט!...״

„און אַזוי איז געבליבן. זיי האָבן אַרויפגעזעצט אויפן פירשטלעכן טראָן דעם פּריץ פּיאַסט, און זינט דעמאָלט אָן הערשט איבער דעם לאַנד די דינאַסטיע פון די פּיאַסטס״...

ר׳ מרדכי האָט פאַרענדיקט די שיינע מעשה און אויסגעטרונקען אויף „לחיים״ דאָס גלעזל בראָנפן, און אַלע האָבן אים נאָכגעטאָן, ווינטשנדיק אים, אַז זאָל אים, פּונקט ווי זיין זיידן, ר׳ אברהם פּראָכאָווניק, אָפּגליקן דאָס מזל.

יצחק בן נתן איז געווען דערשטוינט צו הערן אַזאַ שיינע געשיכטע, און ער האָט זי באַלד ביי זיך פאַרשריבן, כדי זי איבערצושיקן צו זיין לערער, ר׳ מנחם בן סרוק, ווי ער האָט אים געבעטן דאָס צו טאָן, ווען ער וועט האָבן זייער אינ־טערעסאַנטע מעשיות צו דערציילן. ער איז זיכער געווען, אַז אַזאַ פּאַסירונג איז ווערט, אַז זי זאָל פאַרבלייבן איר דער שטאָ טקרושעוויץ אַ גאַנץ וואָך, ביז אי־

יצחק איז שוין פאַרבליבן אין דער שטאָט קרושעוויץ אַ גאַנצע וואָך, ביז אי־בער שבת. מיט דער הילף פון זיין נייעם פריינט פון צווישן די ביזאַנטישע שלי־חים, דאָגאָמאַר, האָט ער זיך אָפּגעבעטן ביי די גויִים, אַז זיי זאָלן פאַרבלייבן אין דער דאָזיקער פּוילישער שטאָט עטלעכע טעג, ווייל — די פערד דאַרפן האָבן אַביסל רו...

דעם דאָזיקן שבת האָבן מסתמא די צען יִדן פון דער פּוילישער שטאָט קרו־שעוויץ אויף זייער גאַנץ לעבן נישט פאַרגעסן. עס איז געווען אַ גאַנצער מעת־לעת פון בלויז פרייד און גליק... זיי האָבן געקוקט אויף דעם שליח פון דער שפּאַ־נישער שטאָט קאָרדאָוואַ ווי אויף משיחן. ער האָט זיי געגעבן נייעם מוט ווייטער פאָרצוזעצן זייער לעבן אויף דער דאָזיקער ווייטער ערד, און געווונטשן זיי, אַז אין דעם זכות זאָל דאָ אויסוואַקסן אַ גרויסע יִדישע עדה, וואָס זאָל זיך אויס־שפּרייטן איבערן גאַנצן לאַנד און לאָזן הערן גאָטס וואָרט אומעטום, אין אַלע ווינקלעך פון דעם פאַרוואָרפענעם סלאַווישן לאַנד...

— נאָך גוט, וואָס די לערע פון קריסטוסן איז דאָ צו אייך נישט דערגאַנ־גען, און די באַפעלקערונג איז דעריבער ווייט פון שנאה צו יִדן, ווי ס׳האָט פאַר־אורזאַכט — זיכער נישט ווילנדיק — אונדזערס אַ זון, פון שבט יהודה, דער יִד ישו פון דער שטאָט נצרת... — האָט יצחק צו זיי געזאָגט בעת זיין דרשה אין דער שול דעם דאָזיקן איינציקן שבת, וואָס ער האָט דאָרט פאַרבראַכט.

דער גאַנצער מנין יִדן האָט זיך צונויפגעקליבן זונטיק פרי כדי צו געזע־גענען זיך מיט דעם יִדישן שליח צום לאַנד פון די כוזרים. די יִדן האָבן אין דעם פאַקט, וואָס ערגעץ־ווו האָט אַ פרעמדע אומה אָנגענומען דאָס יִדישע גלויבן, געזען משיחס צייטן, און דאָס איז פאַר זיי געווען אַ גרויסע טרייסט אין זייער

איינזאַמען לעבן אויף דער פּוילישער ערד. יעדער איינער פון דעם מנין ייִדן האָט געהאַלטן פאַר אַ זכות אַנצורירן דעם מאַנטל פון דעם יונגן ייִדישן בחור פון אַנדאַלוזיע, ווו דער ייִדישער נשיא איז דאָרט שר אין לאַנד. זיי האָבן אים געקושט און געהאַלדזט און געווונטשן הצלחה אויף זיין וועג און אין זיין גרויסער און הייליקער אונטערנעמונג.

די ביזאַנטישע שליחים זענען אַפילו געריִרט געוואָרן פון דער דאָזיקער האַרציקייט, וואָס די ייִדן האָבן צו זייערס אַ ברודער אַרויסגעוויזן, און טרערן זענען זיי פון די אויגן געַרונען.

איין מיידל פון די צען ייִדישע משפּחות איז צוגעפאַלן צו יצחקס אַקסל און האָט אַזוי הויך זיך צעכליפּעט, אַז מען האָט געפילט די גרויסע בענקשאַפט, וואָס האָט זיך אין איר פאַרליבטן האַרץ אויסגענעסטיקט במשך פון די איינצלנע טעג, וואָס ער האָט דאָרט געוויילט. זי האָט אים געקושט און געהאַלדזט פאַר אַלעמען אין די אויגן.

— ווי איז דיין נאָמען? לאָמיך דיך כאָטש געדענקען אויף מיין וועג אין דעם וויטן לאַנד אַריין, שיינע ייִדישע טאָכטער! — האָט יצחק מיט גרויס צערטלעכקייט און רחמנות זי געפרעגט.

— פנינה... — האָט זי אַרויסגעשטאַמלט.

יצחק איז אויפגעציטערט געוואָרן. אַ בלאַסקייט האָט באַדעקט זיין פּנים און זיינע אויגן האָבן זיך צעגליט ווי צוויי פלאַמיקע פייערן, און ער האָט זי צוריקגעקושט מיט אַזאַ שטאַרקייט, אַז דאָס מיידל האָט שיעור נישט געחלשט אונטער זיינע קושן.

זי האָט אים זיכער ביז דער ענדע פון איר לעבן געדענקט, אָבער די אָרימע האָט נעבעך נישט געוווּסט, אַז דער אויסטערלישער בחור האָט גאָר אַן אַנדערע פנינה געקושט...

— אָבער דאָך, זיי געבענטשט, ייִדיש מיידל — האָט יצחק פון דערווייטנס נאָך צוגעוואָרפן.

און איצט איז זייער רייזע שוין אַוועק אָן אַן אָפּשטעל כמעט ביז איבער דעם טייך ווייסל, און וויטער אַוועק אויף מזרח — ביז איבער דעם טייך בוג, ביז אין לאַנד אַריין, ווו עס הערשט שוין דער רוס, אַן אַנדער סלאַווישער שבט... זיי האָבן זיך בלויז אָפּגעשטעלט שפּייז איינצוקויפן און די נאַכט איבערצו־נעכטיקן.

יאָ, נאָך אין דער שטאָט קיִעוו האָט יצחק אָנגעטראָפן אויף אַ גרעסערער צאָל ייִדן, און צווישן זיי אַפילו עטלעכע פון כוזרישן אָפּשטאַם. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער געזען אַ ייִד פון שבט כוזרי. ער האָט געהאַט קליינע און

שמאָלע אייגעלעך, אַרויסגעשטאַרצטע קינבאַקן, אָבער אויסערגעוויינלעך גאָטס־פּאַרכטיק און געטריי צו דער ייִדישער אמונה.

ווען יצחק איז ווי אַ דורשטיקער צו אים צוגעפאַלן און אָנגעהויבן אויס־פרעגן וועגן די ברידער זיינע אין כוזרים־לאַנד, איז ער פון אים ווינציקער גע־וואויר געוואָרן ווי פון ר׳ משה בן חנוך אין קאָרדאָוואַ...

— מיינע עלטער־זיידעס האָבן נאָך דאָ געוווינט — האָט דער כוזרי אים געענטפערט — זיי האָבן געבויט די שטאָט קיִעוו אויפן דניעפּער און צוזאַמען מיט די כוזרים זענען אויך אָנגעקומען ייִדישע פאַמיליעס, וועלכע האָבן צו יענער צייט געהאַט געוווינט אויפן האַלב־אינדזל קרים, וואָס האָט געהערט צו דער כוזרישער אימפּעריע; און מיט אָט די ייִדישע פאַמיליעס האָבן זיי זיך אויסגע־מישט און שפּעטער אָנגענומען זייער גלויבן. זיי זענען זיך איצטער מיט זיי משדך, און די קינדער זענען שוין אַ געמיש פון כוזרישן און ייִדישן בלוט...

יצחק איז געבליבן אַ ביסל אַנטוישט, אָבער דאָך האָט ער זיך געפרייט, וואָס ער האָט שוין דערלעבט צו זען אַן אָפּשטאַמיקן פון יענעם שבט, צוליב וועלכן ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין דעם ווייטן און געפערלעכן וועג.

ער האָט טאַקע געפונען דאָרט כמעט בלויז ייִדן און מישלינגען פון ייִדן מיט כוזרים. זיי האָבן באַהערשט די שטאָט און געפירט דעם גרויסן האַנדל, שיפּנ־דיק סחורות אַפילו ביז דייטשלאַנד און פראַנקרייך איבערן דניעפּער און איבער די אַנדערע טייך־צופלוסן, ביזן באַלטישן ים...

***

דער ציל איז שוין באַלד געווען דערגרייכט. זיי זענען איצט געריטן אין דער ריכטונג צו מזרח, אָבער גאָר אין גיכן האָבן זיי זיך פאַרנומען צו דרום־צו, אויפן וועג קיין ביזאַנץ, דורך רומעניע און בולגאַריע...

— פאַרוואָס רייטן מיר ניט ווייטער אויף מזרח, אין דער ריכטונג צום טייך איטיל? — האָט יצחק אַ פאַרווונדערטער געפרעגט.

— מיר האָבן אַזוי אָפּגעמאַכט מיטן אויסערן־מיניסטער פון אַנדאַלוזיע. מיר מוזן דיך פריִער צושטעלן אין הויף פון קייסער ראָמאַנוס אין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל. פון אים דאַרפסטו קריגן אַ בריוו ווייטער פאָרצוזעצן דיין רייזע — האָט אים דער עלטסטער פון די ביזאַנטישע שליחים געענטפערט, און אַ סאַרקאַסטיש שמייכעלע האָט זיך געשלענגלט אַרום זיינע דינע ליפּן...

יצחק איז געווען דערשלאָגן פון דער דאָזיקער בשורה. אָבער ער האָט גאָר־ניט געקאָנט אויפטאָן, ווייל ערשטנס — איז ער דאָ אַ פרעמדער און ער ווייסט נישט ווו זיך אַ קער און אַ ווענד צו טאָן. אומעטום וועט ער זיך דאָ אָנטרעפן אויף ווילדע שבטים. פון ביזאַנץ דאַקעגן וועט ער איבער זייער לאַנד דורך מזרח

גייִן איבער די קאַווקאַזער בערג, ווו דער וועג איז אַ מער זיכערער און די דאָר־טיקע שבטים זענען נישט אַזוי ווילד און באַרבאַריש. עס וווינען אויך פיל ייִדן אין די קאַווקאַזער בערג, האָט אים דאַגאָמאַר אַנומלט געזאָגט, און ער האָט זיך באַרויִקט.

יצחק האָט שוין מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז ער זאָל אָנקומען קיין קאָנס־טאַנטינאָפּאָל, אין הויף פון קייסער ראָמאַנוס, פאַרטיק ווערן מיט דעם אָפיציעלן באַזוך און ווייטער זיך פאַרנעמען אין וועג אַריין, וואָס איז סוף כל סוף שוין נישט אַזוי ווייט.

לויט דעם לוח, וואָס יצחק האָט פאַר זיך אויסגעשטעלט, כדי צו וויסן ווען ס'איז שבת אָדער יום־טוב און רוען אין די טעג, האָט ער זיך איינמאָל דערוווסט, אַז צומאָרגנס איז שבעה עשר בתמוז, דער טאָג, ווען טיטוס האָט איינגענומען ירושלים. אין דעם טאָג וועלן זיי שוין האָבן אָנגעקומען אין דער ביזאַנטישער הויפּטשטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ער האָט באַשלאָסן, אַז אין דעם טאָג פון תענית וועט ער בשום אופן נישט גייִן אין קייסערס פּאַלאַץ. דעם דאָזיקן טרויער־טאָג וויל ער פאַרברענגען ביחידות.

ער האָט עס געזאָגט זיין נייעם פריינט דאַגאָמאַר און יענער האָט עס אי־בערגעגעבן צו די אַנדערע ביזאַנטישע שליחים.

— ס'איז דעם ייִדס טרויערטאָג מאָרגן און ער וועט פאַסטן, וועט ער דע־ריבער נישט קאָנען קומען אין קייסערס פּאַלאַץ... — האָט דאַגאָמאַר פאָרגע־שטעלט פאַר זיי יצחקס בקשה.

זיי זענען איצט געריטן לענגאויס דעם ברעג פון שוואַרצן ים און מען האָט שוין פון דערווייטנס אַרויסגעזען די קייַלעכדיקע קופּאָלן פון די ביזאַנטישע קירכעס. זיי האָבן באַשלאָסן צו נעכטיקן הינטער דער שטאָט, כדי מיטן טאָג צוגלייך אַריינצורייטן פייערלעך אין דער הויפּטשטאָט.

פאַר די ביזאַנטיער איז שוין דאָס געווען די לעצטע נעכט צו וואַנדערן, אָבער פאַר יצחקן איז עס נאָך געווען ווייט פון זיין ציל, און אַן אומעט איז אים באַפאַלן.

אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט מען אים געזאָגט, זענען פאַראַן אַ סך ייִדן, און ער וועט זיך דאָרט נישט פילן אַזוי איינזאַם. ער האָט שוין ממש געלעכצט נאָך אַ היימיש־אויסזעענדיק פּנים. שוין וואָכן לאַנג זינט ער איז אַרויס פון קיִעוו, האָט ער קיין ייִדיש פּנים מער ניט געזען און ער האָט דערנאָך געבענקט.

אָבער אין דער ביזאַנטישער הויפּטשטאָט האָט אים דערוואַרט אַ גרויסע אַנטוישונג. דעם ערשטן טאָג, נאָכדעם ווי זיי זענען אַריינגעקומען קיין קאָנס־טאַנטינאָפּאָל, האָט יצחק גערוט. ער איז געווען אָפּגעשוואַכט צוליב דעם תענית פון שבעה עשר בתמוז. ער האָט זיך געהאַט איינגעאָרדנט אין אַ ייִדישער אכסניה,

וואָס ער האָט געפֿונען באַלד נאָך זיין איבערטרעטן די גרענעץ פֿון דער שטאָט. ער האָט גערעכנט צוצוואַרטן נאָך אַ טאָג, כדי זיך אויסצורוען פֿון דעם גאָר לאַנגן וועג און ערשט דעמאָלט זיך שטעלן פֿאַרן קייסער ראָמאַנוס. דעם זעלבן טאָג איז אָבער צו אים אין אכסניה געקומען אַ ספּעציעלער שליח פֿון קייסער און אים אויפֿגעפֿאָדערט שוין מיט אים מיטצוגיין.

יצחק האָט זיך נישט דערשראָקן. אדרבה, ער איז געווען צופֿרידן, וואָס אַלץ גייט אויף אַ גיכן שטייגער און ער וועט באַלד קאָנען פֿאַרזעצן זיין וועג ביזן ענדגילטיקן ציל.

אין קייסערס פּאַלאַץ האָט ער אָנגעטראָפֿן אויף דעם עלטסטן פֿון די פֿינף ביזאַנטישע שליחים קיין קאָרדאָווע, וועלכער האָט מיט אַ באַהאַלטענער איראָניע אים געמאָלדן, אַז באַלד וועט אים דער קייסער אויפֿנעמען און אָפּפֿאַרטיקן.

ער איז געזעסן אין פֿאָדערצימער פֿון קייסערלעכן פּאַלאַץ און געוואַרט. דער־ווייל זענען אים איבערן מוח פֿאַרבייגעשווומען פֿאַרשידענע געדאַנקען. די שטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט אויף אים געמאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק. שיין און מאָלעריש, ווי אין אַ חלום, איז אים פֿאַרגעקומען דער באָספֿאָרוס. אויפֿן ברעג זענען געשטאַנען קליינע ווייסע פּאַלאַצלעך פֿון מירמלשטיין און ווו דאָס אויג האָט זיך אַ ווענד געטאָן, זענען געשטאַנען קירכעס, און אַלץ איז געווען איינגע־טונקען אין אַ גרינער געדיכטעניש פֿון ציפּרעסן און אָליוון־ביימער. ווי אין אַ מיראַזש האָט ער פֿאַר זיך געזען די אַלע בילדער, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין זיין אויג בעת דער לאַנגער וואַנדערונג פֿון קאָרדאָווע ביז דער גרויסער ביזאַנטישער הויפּטשטאָט. ער האָט אַליין ניט געגלייבט, אַז ער, אָט דער צוואַנ־ציק־יעריקער יונגערמאַן, האָט דאָס אַלץ דורכגעמאַכט. צי וואָלט ער דאָס נאָך אַמאָל געקאָנט באַווייזן, ווען מען הייסט אים?... ער האָט נישט געקאָנט געבן דערויף קיין אַנטשיידנדיקן ענטפֿער.

אין דער רגע האָט מען אויסגערופֿן זיין נאָמען.

ער איז אַריינגעפֿירט געוואָרן אין דעם מאַרמאָרנעם זאַל, ווו אויף אַ טראָן, באַדעקט מיט רויטן סאַמעט, אויסגעהאַפּטן מיט גאָלד און זילבער, איז געזעסן אַ פּעט־אָנגעגאָסענער מאַן מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ און קליינע בלוי־וואָסערדיקע אייגעלעך. ער האָט יצחקן דורכגענומען מיט זיין בליק, גלייך ער וואָלט אים געוואָלט דורכזען ביז זיין טיפֿסטער אינגעווייד.

דאָס האָט געדויערט בלויז עטלעכע רגעס, אָבער פֿאַר יצחקן — אַ ים מיט צייט.

ענדלעך האָט ער אַרויסגעבורטשעט:

— דו ביסט עס דער שליח פֿון דעם אַנדאַלוזישן אויסערן־מיניסטער, חסדאי אבן שפּרוט?...

און איידער יצחק האָט נאָך באַוויזן צו עפענען דאָס מויל און ענטפערן, האָט ער אים גלייך געשטעלט אַ צווייטע פראַגע:

— וואָס פאַר אַן אָפּמאַכן האָט אונטערגעשריבן אַנדאַלוזיע מיטן קעניג פון די כאַזאַרן?...

— קיין שום אָפּמאַכן נישט — האָט יצחק, פאַרשטייענדיק אין וואָס עס גייט דעם ביזאַנטישן קייסער, געענטפערט — איך בין בלויז געשיקט ווי אַ שליח פון איין ייִד צו די אַנדערע ברידער אין אַ ווייטן לאַנד.

— פירסטו מיט זיך אַ בריוו צום קייסער יוסף פון כאַזאַרן־לאַנד? — האָט דער קייסער ראָמאַנוס ווייטער געפרעגט.

— יאָ, איך פיר אַ בריוו, אָבער ער איז פאַרזיגלט מיט דער חתימה פון אויסערן־מיניסטער פון אַנדאַלוזיע און אַ חוץ דעם האָב איך אַ בריוו צו אייך, גרויסער קייסער, אונטערגעשריבן פון אונדזער נשיא און עס איז אויך דאָ אויף אים די חתימה פון קאַליף אַבדול ראַכמאַן... — האָט מיט שטאַרקן נאָכדרוק אויפן לעצטן וואָרט געענטפערט יצחק בן נתן.

זאָגנדיק די דאָזיקע רייד, האָט יצחק אַרויסגענומען אַ צווייטן פאַרזיגלטן בריוו, אַ קלענערן, און איבערגעענטפערט אין די הענט פון קייסער.

ראָמאַנוס האָט אויפגעריסן די חתימה און אָנגעהויבן דעם בריוו שנעל דורכ־צולויפן מיט די אויגן, און לייענענדיק האָט זיך זיין פּעט פּנים אָנגעכמורעט. עס איז אים מסתמא נישט געפעלן געוואָרן דאָרט דער אויסדרוק, לויט וועלכן חסדאי אבן שפּרוט האָט אָנגעהאָנגען די דורכפירונג פון זיין פריינטשאַפט־אָפּמאַך מיטן קייסער פון ביזאַנץ אין דער גוטער אויפנאַמע פון זיין שליח... ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ באַליידיקונג און געזען דערין עפּעס אַ באַהאַלטענעם מיין... יצחק האָט געוווּסט דעם אינהאַלט פון בריוו, און דעריבער האָט ער פאַרשטאַנען זיין אָנגעברוגזטקייט.

עס האָט אַזוי געדויערט אַ היפּשע ווײַלע, ביז ראָמאַנוס האָט זיין קאָפּ אויפ־געהויבן פון בריוו, און ווען זיין בליק האָט זיך ווידעראַמאָל צונויפגעטראָפן מיטן בליק פון ייִדישן יונגנמאַן, האָט ער אים דורכגעשטאָכן ווי מיט דער שאַרף פון אַ שווערד.

ענדלעך האָט ער ווי דורך די ציין דורכגעזייעט עטלעכע ווערטער:

— דו וועסט דאָ פאַרבלייבן אַ שטיקל צייט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ביז די זאַך וועט קלאָר ווערן...

ווי אַ דונער וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון הימל אין אַ שיינעם העלן טאָג, אַזוי האָבן אָט די עטלעכע ווערטער פון קייסער ראָמאַנוס געטראָפן יצחקן. ער האָט נישט געקאָנט ענטפערן קיין איינציק וואָרט. אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, איז ערגעץ־ווו פאַרשוווּנדן געוואָרן אין זיין אינגעווייד.

עס האָט אַזוי אָפּגעדויערט אַ שפּאָרע ווײַלע, און אַ שטילשווייגן האָט גע־הערשט אין דעם גרויסן באַגילדטן זאַל מיטן בלוי־אויסגעוועלבטן סופיט. די בליקן פון די צוויי מענטשן, פון דעם יונגן ייִדישן בחור פון קאָרדאָוואַ און דעם מעכ־טיקן קייסער פון ביזאַנץ, האָבן זיך געמאָסטן, פונקט ווי עס האָבן זיך מסתמא אַמאָל געמאָסטן די בליקן פון דוד און גלית...

ענדלעך האָט יצחק צוריקגעוווּנען זײַן גלײַכגעוויכט און מיט אמתן ייִדישן שטאָלץ אויסגערופן:

— הייסט עס, אַז דו פאַרהאַלטסט בײַ דיר אַלס משכון דעם שליח פון אַנ־דאַלוזישן אויסערן־מיניסטער, אונדזער נשיא ר׳ חסדאי אבן שפּרוט?...

אַ רויטקייט האָט באַדעקט דאָס פּנים פון קייסער ראָמאַנוס. אויף אַזאַ שטייגער דרייסטקייט פון אַ יונגן ייִדישן בחור האָט ער זיך נישט גערעכנט. עס איז געקומען פאַר אים פּלוצלינג און אומדערוואַרט.

— חלילה, מײַן יונגער פרײַנט... — האָט דער מעכטיקער קייסער פון בי־זאַנץ ווייך אַרויסגעזאָגט די ערשטע עטלעכע ווערטער — דער שליח פון אַנדאַ־לוזישן אויסערן־מיניסטער איז בײַ מיר פונקט אַזוי חשוב ווי דער מיניסטער אַליין, און אויב איך האָב דיר געזאָגט וועגן פאַרבלײַבן דאָ אַ שטיקל צײַט, הייסט דאָס נישט, אַז איך פאַרהאַלט דיך ווי אַ פאַרברעכער... עס וועט דיר דאָ נישט פעלן פון פויגלמילך און איך וועל דיר אָפּגעבן אַ וווינונג אין מײַן פּאַלאַץ, אויב דו ווילסט; און אויב דיר געפעלט נישט דאָ, קאָנסטו וווינען דאָרט, ווו דו וועסט דיר אויסקלײַבן... איך וועל באַפעלן דיר אָפּצוגעבן כבוד, ווי עס קומט צו אַ שליח פון אַ פרײַנטלעכער מלוכה... טראַכט נישט שלעכט וועגן דעם, וואָס איך האָב דיר געזאָגט... איך וועל דאָך דיך נישט לאָזן אײנעם אַליין רײַטן אין אַזאַ געפערלעכער געגנט ווי צווישן די הויכע געבירג, ווו עס נעסטן פיל פאַרברעכער, גזלנים און אַנדערע אויסוואורפן... ווען דו וועסט אַוועקגיין אין דעם לאַנד פון די כאַזאַרן, וועל איך מיטשיקן מיט דיר עטלעכע באַגלייטער, וואָס וועלן דיר ווייזן דעם וועג...

אַ שמאַלציקער שמייכל האָט באַדעקט דאָס פּנים פון קייסער ראָמאַנוס און פון וועלכן יצחק האָט אַרויסגעזען, אַז עס גייט אים ממש אין לעבן צו האָבן די גוט־פרײַנטשאַפט פון קאַליף אַבדול ראַכמאַן.

— ווי לאַנג וועט מיר אויסקומען דאָ צו וואַרטן?... — האָט יצחק געוואַגט אַ פרעג צו טאָן.

— עס איז אָפּהענגיק ווי לאַנג עס וועט נעמען אָנצופרעגן אין קאָרדאָוואַ וועגן דיר... — האָט דער קייסער מיט אַ פאַלש שמייכעלע שטיל אַ זאָג געטאָן.

— איז דען דער בריוו פון אונדזער אויסערן־מיניסטער נישט גענוג?... — האָט יצחק געפרעגט מיט אַ ביסל צאָרן אין זײַן טאָן.

— ער איז געגוג אויף אַזוי פיל, אַז איך זאָל דיך באַטראַכטן פאַר דעם שליח פון אַ פריינטלעכער מלוכה, אָבער איך וויל וויסן מער וועגן די אָפּזיכטן פון אויסערן־מיניסטער פון אַנדאַלוזיע בנוגע מיינע שכנים, די כאַזאַרן... דו פאַרשטייסט, די כאַזאַרישע מלוכה געפינט זיך אין מלחמה־צושטאַנד מיט מיינע פריינט, די סלאַוון. זיי פירן נישט קיין דערקלערטע מלחמה, אָבער עס קומען־פאַר אָפטע צוזאַמענשטויסן צווישן זיי, און מיר — ווי פריינט פון די סלאַווישע מדינות, דאַרפן אָפּהיטן זייער זיכערקייט...

מיט די לעצטע ווערטער האָט דער קייסער ראָמאַנוס געגעבן אַ צייכן, אַז די אוידיענץ איז פאַרענדיקט, און אַ באַדינער איז צוגעקומען צו יצחקן און אים געזאָגט, אַז ער קאָן שוין גיין אַהיים צו זיך אין דער אכסניה...

יצחק האָט זיך טיף פאַרנויגט פאַרן קייסער און הינטערווייַלעכטס צוריק־געטרעטן, ווי עס פאָדערט די עטיקעט אין קייסערלעכן הויף פון ביזאַנץ...

ער איז געווען אינגאַנצן צעטומלט. ער האָט זיך געפילט ווי אַראָפּגעפאַלן פון אַלע הויכן, איבער וועלכע ער האָט די לעצטע טעג געשוועבט. ער האָט זיך מיטאַמאָל דערזען אַזוי ווייט פון זיין אויסגעחלומטן ציל, ווי נאָך קיינמאָל נישט ביז איצט. ווער ווייסט, ווען ער וועט קאָנען ווייטער פאָרזעצן זיין וועג איבער די קאַווקאַזישע בערג צום לאַנד פון די כוזרים.

ווען ער איז אַריבערגעטרעטן די שוועל פון זיין אכסניה, זענען אים טרערן אַזש גערונען פון די אויגן. ער האָט געצאָרנט אינגאַנצן און געטרייסלט זיך פון אויפרעגונג.

ער האָט פון גרויס צער זיך אַנידערגעוואָרפן אויפן געלעגער און זיך איבער־געגעבן זיינע פאַרצווייפלטע טראַכטונגען. ער האָט אויפגעבויט פאַרשידענע פלע־נער און זיי באַלד צוריקגעוואָרפן. דאָ איז ער אַראָפּגעשפרונגען פון זיין בעט און אַנגעהויבן שפּרייזן ווי אַ וואַנזיניקער איבערן צימער און דאָ האָט ער זיך צוריק אויפן געלעגער אַנידערגעוואָרפן, אַזוי לאַנג ביז ער איז איינגעשלאָפן אַ מידער און קאָשמאַרע חלומות האָבן אים אינגאַנצן באַהערשט.

עמיצער האָט אים פלוצלינג אויפגעוועקט. ער איז אויפגעשפרונגען אַ צע־טומלטער פון זיין בעט, אומגעקוקט זיך פאַרווירט און מיט פאַרשלאָפענע אויגן. לעבן אים איז געשטאַנען דאַגאָמאַר...

— וואָס איז געשען? רופט מען מיך שוין ווידער אין קייסערלעכן פּאַלאַץ?...

— האָט יצחק אַ צעמישטער אויסגעשריגן אויפן הויכן קול.

— באַרויִק דיך, מיין יונגער פריינט! — האָ דאַגאָמאַר אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף יצחקס אַקסל — איך בין דיך נישט געקומען רופן צום קייסער, נאָר איך בין געקומען דיר העלפן.

— וואָס קאָנסטו מיר העלפן, מיין גוטער פריינט?... — האָט יצחק אַ פאַר־

צווייפלטער צו אים אויסגערופן — מסתמא ווייסטו שוין, וואָס דער קייסער ראָ־מאַנוס האָט מיר געזאָגט. ווי קאָן איך איצט פאַרלאָזן די הויפּטשטאָט, ווען מען וועט זיכער אויף מיר לויערן אומעטום ביי די אַרויסגאַנגען. אויב דער קייסער וויל מיך דאָ פאַרהאַלטן, האָט ער אַ כּוח דאָס דורכצופירן!...

— זאָרג נישט, מיין פריינט — האָט דאַגאָמאַר אים געגלעט דעם אַקסל — איך ווייס וועגן דעם אַלעם און דעריבער קאָן איך דיר העלפן. איך בין גע־וואָר געוואָרן וועגן דעם, אַז דער קייסער וויל דיך דאָ פאַרהאַלטן, ביז ער וועט קריגן אַ בריוו פון קאָרדאָוואַ וועגן דיר. דאָס איז בלויז אַן אויסרייד. ער האָט מורא דיך צו לאָזן גיין קיין כאַזאַריע, ווייל ער איז זיכער, אַז אין דיין שליחות איז פאַרמישט פאַרראַט. ער גלייבט, אַז דיר וועט פאַרמיאוסט ווערן אַזוי לאַנג צו וואַרטן און דו וועסט זיך אומקערן אַהיים קיין אַנדאַלוזיע... דערציילט האָט דאָס מיר מיט שאַדן־פרייד דער עלטסטער פון אונדזער גרופּע שליחים. ער איז שולדיק אין דעם אַלעם, ווייל ער האָט וועגן דיר אָפּגעגעבן אַ נישט גינסטיקן באַריכט צום קייסער. דאָס איז ער חושד דעם אויסערן־מיניסטער פון אַנדאַלוזיע, אַז ער וויל זיך פאַרבינדן מיטן קעניג פון די כוזרים קעגן די אינטערעסן פון די סלאַוון און דעריבער אויך קעגן דער ביזאַנטישער אימפּעריע.

— טאָ אין וואָס וועט באַשטיין דיין הילף, מיין גוטער פריינט? — האָט יצחק מיט אומגלויבן געפרעגט.

— איך וועל דיר העלפן אַנטרינען צו ווערן פון דאַנען. איך וועל דיך אי־בערטאָן אין אַנדערע קליידער ווי עס טראָגן די היגע מענטשן און אויך וועל איך דיך באַגלייטן אויף דיין וועג ביז דעם לאַנד פון די כוזרים...

— און דערנאָך?... — האָט יצחק, אַ דערשטוינטער פון דאַגאָמאַרס פאָר־שלאָג, געפרעגט.

דערנאָך וועל איך דאָרט פאַרבלייבן אין לאַנד פון די כוזרים און איך וועל, פּונקט ווי זיי, אָננעמען דיין ייִדיש גלויבן... זינט דו האָסט צו מיר גערעדט דאָרט אין יענעם טונקעלן אָוונט ביי דער בריק פון דעם טייך רהיין, האָב איך נישט קיין רו. איך פיל מיט אַלע מיינע אברים, אַז איך געהער צו דיר און צו דיין גאָט...

יצחק האָט אים אַרומגענומען און אַ קוש געגעבן אין שטערן און גאָרנישט מער געזאָגט. בלויז אויפן וווּנק האָבן זיי זיך פאַרשטענדיקט, און דאַגאָמאַר איז פאַרשוווּנדן פון זיין צימער.

מאָרגן האָבן זיי זיך געזאָלט טרעפן טאַקע דאָ ביי אים אין דער אכסניה, און פון דאַנען וועלן זיי אַרויסרייטן, ביידע איבערגעטאָן אין אַנדערע מלבושים, כּדי מען זאָל זיי נישט דערקענען; און ווען זיי וועלן שוין זיין ווייט אין די בערג, וועט זיי שוין מער קיינער נישט קאָנען געפינען. ער קען אַלע פאַרפלאָנטערטע

וועגן, וואָס שלענגלען זיך צווישן די באַרג־קייטן, נישט ווייט פון שוואַרצן ים, און אין משך פון צוויי וואָכן צייט וועלן זיי אַריבערגיין די קאַווקאַזער בערג און אָנקומען אין דעם אויסגעחלומטן לאַנד אַריין.

יצחק האָט לאַנג נאָכגעטראַכט וועגן דאַגאָמאַרס רייד און אַ ליכט איז אויפגעגאַנגען אין זיין מוח. ער האָט דאָך שוין אויפגעטאָן אַ גרויסע זאַך, וואָרים מגייר צו זיין אַ נפש איז גלייך וואָלסט אים אַליין באַשאַפן, האָבן געזאָגט אונדזערע חכמים. ער האָט זיך איצט געפילט אינגאַנצן באַרויקט. ער איז זיכער געוועזן, אַז זיין איבערבלייבן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז שוין מער נישט קיין ענין אויף וואָכן און אַפילו נישט אויף טעג... ער איז געוועזן גליקלעך און ער האָט אָפּגעגעבן אַ שבח צו גאָט, וואָס ער איז אים בייגעשטאַנען אין זיין פּאַר־צווייפלטסטן מאָמענט.

אין אָוונט, ווען עס זענען געקומען אין דער אכסניה עטלעכע ייִדן פון דער ביזאַנטישער הויפּטשטאָט צו זען דעם שליח פון קאָרדאָווע, האָבן זיי געטראָפן גאָר אַן אַנדערן מענטש, ווי זיי וואָלטן אים געקאָנט זען מיט עטלעכע שעה פריִער. ער איז געוועזן מלא שמחה און פון די אויגן זיינע האָט אַרויסגעשיינט אַ זון.

זיי האָבן אים דערציילט וועגן זייער לעבן אונטער דער הערשאַפט פון דעם קייסער ראָמאַנוס, וואָס איז נישט אַזוי גוט ווי אונטער דער הערשאַפט פון די אַראַבישע מושלים. זיי האָבן יצחקן דערציילט אַ מעשה, ווי אַזוי אַ ייִדישער שר אין קאַירא של מצרים, וואָס האָט געדינט אין הויף פון קאַליף אל־מואיז — זיין נאָמען איז געוועזן פּלטיאל בן חסדאי — האָט זיך נוקם געוועזן אין דעם קייסער פון ביזאַנץ. עס איז פאָרגעקומען אַט אַזוי: דער ביזאַנטישער קייסער ראָמאַנוס האָט געהאַט געשיקט אַ שליח קיין קאַירא צום קאַליף אל־מואיז. פּלטיאל איז געוועזן דער ממונה אויפצונעמען אויסלענדישע שליחים, און נאָך אויספאָרשן זיי פריִער האָט ער זיי פאָרגעשטעלט פאַרן קאַליף. ווען דער ביזאַנטישער שליח איז אָנגעקומען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל קיין קאַירא און ער האָט זיך דערוווּסט, אַז ער מוז פריִער אויפגענומען ווערן דורך דעם ייִדישן שר, האָט עס אים שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ער וועט זיך דאַרפן בייגן פאַר אַ ייִד. ער האָט דעריבער דער־קלערט, אַז איידער זיך צו בייגן פאַר אַ ייִד, וועט ער זיך גלייכער אומקערן צוריק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. פּלטיאל, דערוויסנדיק זיך וועגן דער דאָזיקער חוצפה פון ביזאַנטיער, האָט באַפוילן, אַז מען זאָל בשום אופן דעם שליח נישט צולאָזן צום קאַליף.

דער ביזאַנטישער שליח איז אָפּגעזעסן צען טעג אין קאַירא, און ווען ער האָט געזען, אַז מען גיט אים גאָרנישט אָפּ קיין כבוד, ווי עס קומט אַ פאָרשטייער פון אַ פרעמדער מלוכה, האָט ער זיך באַטראַכט און איז געקומען צו פּלטיאלן

בעטן מחילה. ערשט דעמאָלט איז דער ביזאַנטיער אַריינגעלאָזט געוואָרן צום עגיפּטישן קאַליף.

די ייִדן האָבן די דאָזיקע מעשה דערציילט מיט גרויס הנאה און זיי האָבן נאָך איצט אָנגעקוואָלן, ווי אַזוי אַ ייִד האָט מיט דעם קייסערס אַ שליח גע־לערנט דרך־ארץ...

„פון זינט דעמאָלט אָן איז דער קייסער ראָמאַנוס געוואָרן אַ ביסל בעסער געגנייגט צו ייִדן" — האָבן זיי דערציילט יצחקן.

— ער וועט איצט נאָך מער בעסער זיין צו ייִדן — האָט זיי יצחק איבער־געגעבן — וואָרים אונדזער נשיא ר' חסדאי אבן שפּרוט האָט אין דעם אָפּמאַך צווישן קאַליף אַבדול ראַכמאַן און דעם קייסער ראָמאַנוס אַריינגעשריבן אַ באַ־דינג, אַז די ייִדן אין ביזאַנץ דאַרפן גוט באַהאַנדלט ווערן...

— פאַר דער דאָזיקער גוטער בשורה זאָלסטו דערלעבן דעם מלך המשיח...

— האָבן אים די ייִדן אָנגעווונטשן.

און דורך זייער מויל איז באַלד די גאַנצע קהילה אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געוואויר געוואָרן, וואָס פאַר אַ גוטע נייעס דער שליח פון אַנדאַלוזיע האָט גע־בראַכט.

זיי האָבן איינגעאָרדנט צוליב דעם אַ גרויסע פייערונג, אויף וועלכער עס איז אויך פאַרבעטן געוואָרן יצחק, דער שליח פון קאָרדאָווע, און ער האָט זיי דערציילט זייער פיל אינטערעסאַנטע זאַכן.

צומאָרגנס, ווי ער האָט צוגעזאָגט, איז דער ביזאַנטיער דאַגאָמאַר געקו־מען. ער האָט זיך אָפּגעשלאָסן מיט יצחקן אויף אַ לענגערער צייט אין זיין צי־מער. אַלץ איז אָפּגעשמועסט געוואָרן צו דער קלענסטער איינצלהייט. וואָרים טאָמער פאַלן זיי אַדורך, איז קודם־כל דאַגאָמאַרס לעבן קיין פּרוטה נישט ווערט און יצחק וואָלט שוין געמעגט אַרויסשלאָגן זיך פון קאָפּ ווייטער צו גיין צום לאַנד פון די כוזרים.

דאַגאָמאַר האָט מיט זיך געהאַט מיטגעבראַכט אַנדערע קליידער, וואָס יצחק וועט זיי דאַרפן אָנטאָן, איידער ער פאַרלאָזט די אכסניה. אויך ער אַליין, דאַ־גאָמאַר, וועט זיך מוזן פאַרקליידן פאַר אַן עלטערן מאַן, און כדי עס זאָל נישט פאַלן אויף עמיצן קיין פאַרדאַכט, וועט זייער אָפּרייטן מוזן פאַרקומען נאָך זונ־פאַרגאַנג, מיטן צופאַלן פון דער נאַכט.

אין דער אכסניה האָט מען, פאַרשטייט זיך, דערפון געוווּסט, עס האָט דאָך נישט געקאָנט בלייבן קיין סוד פאַר זיי. האָט מען זיך דעריבער אָנגעהויבן באַ־צייטנס צוגרייטן. מען האָט פאַר יצחקן מיט זיין באַגלייטער אָנגעגרייט אַלע נייטיקע זאַכן, אַ חוץ שפּייז אויף אַ סך טעג אָדער וואָכן. דער וועג, כאָטש לענג־אויס דעם ברעג פון שוואַרצן ים, פירט דורך ווילדע געגנטן, וווּ קיין מענטש איז

נאָך דאָרט נישט געקומען און מען קאָן אויך נישט שטענדיק גיין מיטן פלאַכן ברעג, נאָר מען מוז זיך פאַרטיפן אין די בערג.

פון קייסערלעכן הויף האָט מען אַפילו נישט אָנגעזאָגט די אייגנטימער פון דער אכסניה צו היטן דעם יונגנמאַן פון קאָרדאָווע, ווו ער ווענדט זיינע טריט. ערשטנס, האָבן זיי נישט געוואָלט, אַז מען זאָל געוווירער ווערן, אַז דער אַנדאַלוזי־שער שליח ווערט באַוואַכט. צווייטנס, זענען זיי געווען זיכער, אַז ער וועט נישט אַנטרינען פון זייערע אויגן, ווייל יצחק איז כסדר געהיטן געוואָרן אינדרויסן דורך געהיימע מענער, וואָס די ביזאַנטישע מאַכט האָט אַוועקגעשטעלט.

ענדלעך איז צוגעפאַלן דער אָוונט. אין דער טונקלקייט האָט זיך, אומבאַ־מערקט פאַר יעדן אויג, אַריינגעשלייכט אין דער אכסניה דער ביזאַנטיער דאַ־גאָמאַר. עס איז אים נישט געווען צו דערקענען. ער איז געווען פאַרקליידט פאַר אַן עלטערן מאַן. ער האָט אָבער יאָ באַמערקט די עטלעכע געהיימע מענער, וואָס זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אָפּצוהיטן די טריט פון דעם יידישן יונגנמאַן. ער האָט, דערזעענדיק די היטער, אַ שמייכל געטאָן צו זיך אַליין.

אין דער אכסניה זענען געווען פאַרזאַמלט עטלעכע יידן פון דער קאָנסטאַנ־טינאָפּאָלער קהילה, זיי זענען געקומען זיך געזעגענען מיטן שליח פון קאָרדאָווע, וועלכער האָט אין זיי אַריינגעזעצט אַ נייע נשמה מיט זיין דערפרייענדיקער בשורה.

אַלץ איז צוגעגאַנגען שנעל, נישט צו פאַרלירן קיין צייט. נאָכן אָפּגעזעגענען זיך מיט יידישע ברידער, האָט יצחק זיך אָפּגעזונדערט אין זיין צימער, צוזאַ־מען מיט זיין פריינט דאַגאָמאַר, און אין אַן ערך אַ שעה אַרום איז אַרויסגעקומען גאָר אינגאַנצן אַן אַנדערער מאַן. עס איז נישט געווען צו דערקענען, אַז דאָס איז אַ יידישער מענטש און נאָך דערצו איינער פון אויסלאַנד.

ווען עס איז שוין געווען גוט פינצטער אינדרויסן, דער טונקל־בלויער הימל באַזייט מיט אַ ים פינקלדיקע שטערנדלעך, האָבן צוויי עלטערע מענטשן זיך פאַר־זיכטיק אַרויסגעשלייכט דורך אַ הינטערטיר פון דער אכסניה און געלאָזט זיך גיין מיט אַ סך געדרייטע און שמאָלע געסלעך, וואָס נאָר דאַגאָמאַרן זענען זיי געווען באַקאַנט, ביז זיי זענען נאָך אַ לענגערער צייט טאַפּן ממש מיט די הענט אין דעם געדיכטן חושך אָנגעקומען הינטער דער שטאָט, ווו עס זענען שוין ביי דאַגאָמאַרס אַ באַקאַנטן געשטאַנען אָנגעגרייט צוויי אויסגערוטע שוואַרצע פערד. זיי האָבן אויפגעלאָדן וויפל עס האָט זיך געלאָזט פון די אַלע זאַכן, וואָס מען האָט יצחקן מיטגעגעבן און זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

אַביסל שוועריקייט האָבן זיי געהאַט ביי דער בריק איבערן באָספּאָרוס, וואָס איז געווען באַוואַכט, אָבער דאָס האָט שוין דאַגאָמאַר באַזאָרגט, און אַרום האַלבע

נאַכט זענען זיי שוין געווען אויף דער צווייטער זייט ברעג, אין דעם טייל, וואָס רופט זיך שוין נישט „אייראָפּע”, נאָר — קליין־אַזיע...

די ערשטע צייט זענען זיי געריטן לענגאויס דעם ברעג פון שוואַרצן ים. זיי האָבן נאָך נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן, אַז מען וועט זיי נאָכיאָגן. זייער פאַרשווינדן ווערן וועט מען ערשט באַמערקן צומאָרגנס אין דער פרי, ווען זיי וועלן שוין זיין זייער ווייט פון דער ביזאַנטישער הויפּטשטאָט, און מיטן מאָרגן צוגלייך וועלן זיי זיך אַריינקירעווען אין די בערג. דאַגאָמאַר ווייסט אַלע באַ־העלטענישן, טאָלן און היילן, וואָס געפינען זיך אין די בערג. נישט איין מאָל האָט ער דאָ געפירט קאַמפן מיט די אַראַבער, וועלכע האָבן באַלאַגערט אין איין צייט די שטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל און טאַקע דאָ אין די דאָזיקע בערג דעם שונא פאַרשאַפט גרויסע מפּלות. דאָ, אין די בערג, וואָס לאָזן זיך טיילמאָל אַראָפּ מיט אַ פעלדזיקער וואַנט צום ים, איז דאַגאָמאַר געווען דער באַלעבאָס פון דער לאַגע...

זיי האָבן כמעט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט איבער דער נאַכט. אַ שטיל־שווייגן האָט געהערשט צווישן זיי. יעדער איז געווען פאַרזונקען אין זיינע איי־גענע מחשבות. דאַגאָמאַר האָט אַפילו דער אייגענער משפחה נישט געזאָגט וועגן זיינע פּלענער. ער האָט איבערגעריסן מיט זיין גאַנצן עבר און מיט אַלץ, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט... ער האָט אָנגעהויבן אַ ניי לעבן, און אָט וועגן דעם איז זיין מוח איצט געווען פאַרנומען.

ביידע פריינט האָבן זיך אַפילו אין די פּנימער נישט געקאָנט זען, אַזוי פינצטער איז געווען אויף דער וועלט, אָבער זיי האָבן געפילט, וואָס עס טוט זיך אין זייערעביידנס הערצער, האָבן געהערט איינער דעם אַנדערנס אָטעמען. זיי זענען געריטן זייט ביי זייט, טיילמאָל לאַנגזאַם און טיילמאָל אַ ביסל פאַר־שנעלערט, לויט דעם ווי דער וועג איז געווען אויסגעפּלאָסטערט דורך פריִערדיקע הונדערטער רייטער פאַר זיי. בלויז דער ים האָט זיך אַרויסגעזען פון דעם חושך אַרויס מיט זיינע ווייסע, שוימיקע כוואַליעס, וואָס האָבן מיט שטילן געבייזער פון צייט צו צייט זיך אַ וואָרף געגעבן אויף דעם מיט שטיינדלעך באַשאָטענעם ברעג.

אויפן וועג האָבן זיי קיין איין לעבעדיק נפש נישט אָנגעטראָפן. עס איז געווען ווילד און פוסט אַרום, אַפילו דעם ברום פון אַ חיה האָבן זיי נישט גע־הערט. דאָס איינציקע, וואָס האָט די שטילקייט פון צייט־צו־צייט איבערגעריסן, איז געווען בלויז דער געברום פון די ווייס־שוימיקע ים־כוואַליעס.

נאָר אייניקע מאָל האָבן זיי זיך איבערגעוואָרפן מיט עטלעכע געציילטע ווערטער.

— ווערסט נישט בענקען נאָך דיין משפחה?... — האָט יצחק פון זיין פאַר־טראַכטקייט אַרויס פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן זיין פריינט דאַגאָמאַר.

— איך האָב נישט מער קיין משפּחה, איך האָב מיט אַלץ, וואָס פאַרבינדט מיך מיט מיין פאַרגאַנגענהייט, איבערגעריסן לעולם ועד... — האָט ער קורץ געענטפערט און ווייטער געשוויגן.

— וואָס וועסטו טאָן אין דעם כוזרים־לאַנד? — האָט שפּעטער אַ ביסל יצחק ווידער געפרעגט.

— איך וועל מיך אָנשליסן אין זייער אַרמיי, איך בין אַ געניטער זעלנער און איך קאָן אויסגעצייכנט די תּכסיסי־מלחמה. איך וועל מיינע בייע ברידער העלפן באַקעמפן די ווילדע און באַרבאַרישע סלאַוון, וועלכע שאַרפן די ציין קעגן די כוזרים...

— פון וואַנען ווייסטו דאָס, דאַגאָמאַר?

— איך האָב עס געהערט דערציילן צווישן מיינע קאַמעראַדן... זיי שיקן זייער אָפט שליחים צו אונדזער קייסער וועגן אָנהייבן אַ מלחמה מיט די כוזרים, וועמענס מאַכט האַלט זיך אין איין אויסשפּרייטן ווייטער אַרויף צו צפון און צו מערב...

— און וואָס ענטפערט זיי דער קייסער?... — איז יצחק נייגעריק געוואָרן.

— ער האָט מורא איצט איינצורייסן זיך מיט די כוזרים... ער זוכט דער־ווייל אָנצוקניפּן פריינטשאַפט מיט די פאַרשידנסטע מלוכות, נאָענטע און ווייטע, כדי זיך צו פאַרזיכערן קעגן די אַראַבער, וועלכע האָבן אָן אויג אויף קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל. נאָך מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק האָבן שוין די אַראַבער געשטורעמט די שטאָט, נאָר דעמאָלט האָט מען זיי צוריקגעשטויסן. די געפאַר איז אָבער ניט אַדורך. זיי זענען פאַרעקשנט, די אַראַבער, און זיי וועלן זיך פּרוּוון נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל...

— וועסטו דאָס אַלץ איבערגעבן דעם קעניג פון די כוזרים? — האָט יצחק געפרעגט.

— געוויס וועל איך דאָס טאָן... דאָס איז דער ציל פון מיין אַנטלויפן פון דאַנען, כדי אָנצוקומען צו די כוזרים, פאַר וועמענס נייעם גלויבן איך בין איצט באַגייסטערט.

אינדרויסן האָט אָנגעהויבן מיניען זיך אויף מזרח־זייט פון הינטער די בערג אַפּער. מיט אַ רגע שפּעטער האָט זיך אַ שפּיץ פון באַרג אָנגעצונדן ווי אַ רויט ליכט, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אַן עמוד האש. ער האָט געברענט אַ פלאַקער־פייער און אָנגעצונדן זייערע הערצער מיט פרייד און האָפענונג.

אַ נייער טאָג איז אויפגעשטאַנען. אַ קיל ווינטל האָט אַ ווייע געטאָן פון ים, וואָס האָט זיך איצט געמיניעט אין כלערליי פאַרבן: ברוין און בלוי, וויאָלעט און גרין, און די קאָלירן האָבן זיך געביטן מיט יעדער רגע, וואָס די זון האָט זיך העכער געהויבן פון הינטער די בערג אַפּער.

— איצט איז די צייט צו באַהאַלטן זיך אין די בערג, ווייל עס קאָנען נאָך אָנקומען די יעגער פון קייסער ראַמאַנוס!... — האָט דאַגאָמאַר געוואָרנט.

זיי זענען אַריינגעריטן אין אַ שמאָל וועגל, וואָס האָט זיך געשלענגלט צווישן צוויי הויכע בערג און זיי האָבן באַוועגט זיך פאָרויס לאַנגזאַם, ווייל ס'איז שווער געווען שנעלער צו רייטן אין דעם דאָזיקן באַרג־שפּאַלט.

מען האָט אַפילו די זון נישט אַרויסגעזען, ווייל בלויז אַ שמאָלער פּאַס הימל האָט זיך געמערקט פון אויבן, וואָס האָט מיט זיין בלויקייט שאַרף זיך אָפּגעשלאָגן אין דער טונקלקייט.

— דאַגאָמאַר!... האָט יצחק אים איטלעכס מאָל געמינטערט, וועלנדיק ביי אים אַרויסצי:ען נאָך אַ וואָרט און נאָך אַ וואָרט וועגן דעם פּאָלק, צו וועלכן ער גייט איצט, ווייל ער האָט איינגעזען, אַז דאַגאָמאַר איז גוט באַהאַוונט וועגן די איינוווינער פון דער דאָזיקער געגנט.

— וואָס, מיין פריינט?... — פלעגט דאַגאָמאַר דעמאָלט פרעגן און קוקן מיט ליבע אויף דעם יידישן יונגנמאַן.

— ווי לאַנג וועלן מיר אַזוי רייטן אין דעם דאָזיקן שמאָלן שפּאַלט. איך קאָן באַלד דעם אָטעם נישט כאַפּן!... — האָט יצחק זיך געבעטן.

— מיר וועלן באַלד אַריינקומען אין דער געגנט, ווו עס הערשן די אַרמע־ניער און פאַר זיי האָבן די גריכן פון ביזאַנץ מורא ווי פאַר פייער... נאָך אַ טאָג רייזע און מיר וועלן אַרויס פון דער געפאַר... די גריכן וועלן נישט וואַגן אַזוי ווייט אונדז נאָכצויאָגן... — האָט דאַגאָמאַר געענטפערט.

— דאַגאָמאַר!... — האָט באַלד ווידער יצחק אין זיין אומעטיקייט געפרעגט.

—רוף מיך נישט מער „דאַגאָמאַר"... — האָט דער ביזאַנטיער מיט טרויער אין זיין שטים זיך געבעטן — דער דאָזיקער נאָמען דערמאָנט מיך אין מיין פאַרגאַנגענהייט און איך וויל די פאַרגאַנגענהייט אינגאַנצן פאַרגעסן...

— גוט, דאַגאָמאַר... המ... — האָט יצחק געשטאַמלט, נישט וויסנדיק מיט וואָס פאַר אַ נאָמען אים צו רופן — איך וועל דיך רופן „אברהם"... ווען אַ פרעמדער איז זיך מגייר, גיט מען אים אַ נאָמען „אברהם", נאָכן ערשטן „גר" אין דער יידישער געשיכטע. די פייערלעכע צערעמאָניע פון אַריינפירן דיך בבריתו של אברהם אבינו וועלן מיר שוין, ווען מיר וועלן דערגרייכן דאָס לאַנד פון די כוזרים, אָבער דעם פאַרדינטן נאָמען קאָן מען דיר שוין געבן...

— איך דאַנק דיר, יצחק, מיין בעסטער פריינט און רבי... — האָט דער נייער „אברהם" מיט רינענדיקע טרערן איבער זיינע באַקן אויסגערופן — דו האָסט מיר די אויגן געעפנט און מיין מוח ליכטיק געמאַכט.

— זאָג מיר, אברהם, האָסטו זיך שוין אַמאָל באַגעגנט מיט אַ מענטש פון כוזרישן לאַנד? — האָט אים פּלוצלינג יצחק אַ פרעג געטאָן.

אברהם איז רויט געוואָרן און גאָרנישט געענטפערט.

אויך יצחק האָט געשוויגן. ער האָט אים מער נישט איבערגעפרעגט פּילנ־דיק, אַז מיט דער דאָזיקער פראַגע האָט ער אויפגעוועקט עפּעס אַן אומאָנגענעמע דערינערונג ביים געוועזענעם ביזאַנטיער.

זיי זענען געריטן אַ לענגערע צייט אין שטילשווייגן. עס איז געווען דושנע. כאָטש מ׳האָט די זון נישט געזען אויבן אין דעם שמאָלן פּאַס בלויען הימל, האָט זי זיך אָבער געלאָזט גאָר שטאַרק פילן. אַ שווייס איז גערונען פון זייערע לייבער און די פנימער האָבן אַזש געפלאַמט פון דער אומדערטרעגלעכער היץ. קיין ווינטל איז נישט געווען צו שפירן אויפן פנים, און דאָרט, אויף יענער זייט באַרג אויף לינקס, איז דאָך דער ים, ווו אַ קיל ווינטל שפּילט זיך איצט מסתמא מיט די גלאַטע כוואַליעס. ביים דאָזיקן געדאַנק איז יצחקן נאָך הייסער געוואָרן...

נאָך ערגער האָט די היץ געבאַקן, ווען אינמיטן טאָג האָט די גליִענדיקע זון, ווי אַ גרויס גאָלד־פייערדיק ראָד, מיטאַמאָל זיך אַ שטעל געטאָן איבערן שמאָלן באַרג־שפּאַלט און עס האָט אָנגעהויבן צו בריִען ווי פון אַ קאַלכאויוון.

— מיר מוזן זיך אָפּקירעווען אויף אַ רגע צום ים, — האָט יצחק זיך גע־בעטן ביי זיין פריינט, — אַנישט וועל איך דאָ אָפּגעבראָטן ווערן...

—הם... — האָט אברהם אַ ברום געטאָן — עס איז נאָך אַ היפּש שטיק וועג צו אַן אַדורכגאַנג אין דעם באַרג, מיר קאָנען דאָך נישט אַריבערשפּרינגען דעם דאָזיקן באַרג־שפּיץ...

ער האָט אים דערביי אָנגעוויזן אויף דער געוואַלטיקער הייך, אַז מען האָט אַזש געדאַרפט דעם קאָפּ פאַרדרייסן, כדי צו זען דעם שפּיץ.

יצחק האָט פון דושנעקייט דעם קאָפּ אַראָפּגעהאַנגען און איז געווען נאָענט פון חלשות... אברהם האָט פון זיין פערד אַראָפּ, דערלאַנגט אים עפּעס אַ שטאַרקע משקה וואָס האָט דעם יונגן בחור אויפגעוועקט פון דער פאַרחלשטקייט...

ערשט ווען די זון איז אַוועק פון איבער די קעפּ און זיך אַ נייג געטאָן צום ים־צו, האָבן זיי דערגרייכט צו אַ שמאָלן באַרג־דורכגאַנג, וואָס זיי זענען קוים מיט זייערע פערד דורכגעריטן.

אַ בלענד פון בלויען ים אין זייערע אויגן האָט אויך גלייכצייטיק אַ ברענג געטאָן ווי אויף אומגעזעענע פליגל אַ לייכט ווינטל. יצחק האָט אָנגענעם אָפּגע־אָטעמט און ס׳איז אים לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ. עס איז זיי פריילעכער געוואָרן אויפן געמיט מיטן אָנבליק פון ווייט־אויסגעשפּרייטן ים.

עפּעס האָבן זיך זייערע צונגען פונאַנדערגעבונדן. און פּונקט ווי זיי האָבן פריִער ביידע געשוויגן, אַזוי האָבן זיי איצט געפּלאַפּלט פון אַלץ אין דער וועלט...

דאָס וואַסער איז אַצינד געווען אַזוי טונקל־בלוי, אַז עס איז אַזש איבער־געגאַנגען אין שוואַרץ, באַקרוינט בלויז ווי מיט אַ קאַם פון שניי־ווייסן שוים. די

סטעזשקע, וואָס האָט געפירט לעבן ים, האָט נישט געוויזן קיין סימנים, אַז דאָ זאָלן האָבן ערשט נישט לאַנג רייטער דורכגעגאַנגען. דאָס זאַמד איז געווען גלאַ־טיק און אָפּגעוואַשן און האָט זיך איצט אָנגעהויבן רויטלען אין דער אונטער־גייענדיקער זון. אויך דאָס וואַסער האָט אָנגענומען אַ רויטלעכן גלאַנץ און אָנ־געהויבן בייטן יעדע רגע זיינע קאָלירן, דאָ אין ברוין, פּורפּור, וויאָלעט און מיטאַמאָל אין פייערדיקן רויט, ווען די זון האָט מיט איינמאָל זיך אַ טוק אונטער געטאָן אויף מערב־זייט גלייך אין ים אַריין...

די נאַכט איז שנעל צוגעפאַלן. אַ חושך האָט איינגעהילט די וועלט. דער הימל האָט זיך אָנגעצונדן מיט מילי־מיליאָסן גרינע און בלויע פייערלעך. וואָס האָבן געהאַלטן אין איין ווינקען, גלייך זיי וואָלטן געהאַט אַ ים מיט סודות צו דערציילן...

— האָסט מיך פריִער געפרעגט, צי איך האָב שוין ווען עס איז באַגעגנט אַ מענטש פון כוזרים־לאַנד... — האָט אברהם אָנגעהויבן דאָס איבערגעריסענע געשפּרעך.

— נו?... — האָט יצחק אָנגעשטעלט זיינע אויערן — האָסט באַגעגנט?...

— נישט נאָר באַגעגנט, נאָר אַפילו קעגן זיי געקעמפט... — האָט אברהם מיט טרויער אין זיין שטים אַ מורמל געטאָן.

— פאַרוואָס האָסטו קעגן זיי געקעמפט? — האָט יצחק זיך געוווּנדערט.

— איך האָב מיך געהאַט פאַרדונגען אין דער אַרמיי פון די אַראַבער, ווען זיי האָבן זיך מיט אַ יאָר צען צוריק געשלאָגן קעגן די כוזרים און די אַראַבער האָבן דעמאָלט אַריינגעכאַפּט אַ געוואַלטיקע מפּלה. זינט דעמאָלט אָן האָב איך באַוווּנדערט דאָס כוזרישע פאָלק פאַר זייער געוואַגטקייט און העלדישקייט...

— האָסטו נישט קיין מורא איצט צו קומען צו זיי אין לאַנד אַריין?... — האָט יצחק געפרעגט.

— איך וויל אַזוי אַרום אויסקויפן מיינע אַמאָליקע זינד — האָט אברהם, דער נייער גר, גאַנץ פּשוט דערקלערט — ווען זיי מיך טויטן דערפאַר, וואָס איך האָב אַמאָל געקעמפט קעגן זיי, וועל איך נישט דאַרפן דורכגיין מער דאָס גיהנום...

— ריכסטו דיך דערויף, אַז זיי קאָנען דיך טויטן?... — האָט יצחק זיך פאַראינטערעסירט.

— אויב מען זאָל מיך דאָרט דערקענען, אַז איך בין אַ געוועזענער שונא, איז עס גאַנץ מעגלעך... זיי זענען נישט קיין ווייכהאַרציקע, די כוזרים... דאָס איז אַ טאָטערישע ראַסע. זיי זענען טיילמאָל אַזוי גרויזאַם, אַז מען קאָן זיך דאָס נישט פאָרשטעלן!...

— זיי, די כוזרים?... — איז יצחק געבליבן אַנטוישט פון זיין נייעם פריינטס דערציילן.

דאַגאָמאַר־אברהם האָט אין דער פינצטערניש, וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט, דערפילט, אַז ער האָט ביי זיין פריינט אָנגערירט אַן איידעלע סטרונע... און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן אַ ווײַלע. די פערד האָבן געטרעטן זאַכט־ביי־זאַכט אי־בער דעם ווייכן זאַמד ביים ברעג פון ים און זיך איינגעהאָרכט צום שטילן גע־מורמל פון די ברעג־וואַשנדיקע כוואַליעס, אין וועלכע עס האָבן זיך געבאָדן חמרים מיט גרינע שטערנדלעך.

— האָט אויף זיי מיין גלויבן קיין שום ווירקונג נישט געהאַט? זענען זיי געבליבן די זעלבע ווילדע טאָטערן?... — האָט יצחק כמעט ווי צו זיך אַליין גערעדט.

— נישט אַלע, פאַרשטייט זיך — האָט אברהם געפּרוווט פאַרגלעטן זיינע פריערדיקע רייד — איך גלויב, אַז די שטאָטישע כוזרים זענען אַביסל אַנדערש. די כוזרים, מיט וועלכע איך האָב מיך צוזאַמענגעטראָפן, זענען געווען פון דאָרף, ווייט פון כאַזאַרישן ים... אין די שטעט האָבן זיי פיל יידישע לערערס...

יצחק האָט זיך געלאָזט טרייסטן. דאָס האַרץ האָט זיך ביי אים געהאַט פאַר־קלעמט... זיינע כוזרים, צוליב וועלכע ער האָט אונטערגענומען אַזאַ ריזיקאַלישע רייזע, זענען גאָר ווילדע טאָטערן... דאָס איז אַ ניי יידיש פאָלק, וואָס האָט אין דער פאַנטאַזיע פון די אַנדאַלוזישע יידן געזאָלט אָפּשטאַמען פון די פאַר־לוירענע עשרת השבטים...

ער האָט זיך דאָס נישט געקאָנט שענקען, און שפּעטער אין דער נאַכט אַריין, ווען אויף מזרח־זייט האָט פון הינטער די בערג זיך באַוויזן אַ בלאַס־ראָז פאַ־סיקל, האָט יצחק נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט, גלייך ער וואָלט געזוכט אַ רעטונג פאַר זיינע טרויעריקע מחשבות:

— די שטאָטישע, זאָגסטו, זענען אַנדערש?... זעען זיי אויך אויס ווי די טאָטערן?...

— זיי זענען אַ געמיש פון טאָטערישן אויסזען און פון די דאָרטיקע יידן. די אויגן זענען נישט אַזוי קליין ווי ביי די טאָטערן און אויך קריכן ביי זיי נישט אַזוי בולט אַרויס די קינבאַקן... — האָט אברהם געענטפערט.

יצחק איז געווען צופרידן פון דער דאָזיקער שילדערונג.

און ער איז דעם ווייטערדיקן וועג געווען פריילעכער, ער האָט אונטערגע־זונגען שטיל אונטער דער נאָז אַ לידל, אין וועלכן דער געוועזענער ביזאַנטיער האָט זיך מיט גרויס אינטערעס איינגעהאָרכט.

די זון איז אויפגעגאַנגען אַ בלוטיק־רויטע און אָפּגעפאַרבט דעם ים אויף פורפור. יצחק האָט אַראָפּגענידערט פון פערד, און אויסדרייענדיק זיך מיטן פנים

צו מזרח, האָט ער אָנגעהויבן מתפלל צו זיין מיט גרויס כוונה. דאָס גאַנצע געזיכט זיינס איז געווען העל צעשיינט, און די אויגן, כאָטש ער האָט זיי געהאַלטן פאַרמאַכט, האָט מען געפילט, אַז זיי זענען פול מיט צעשמייכלטקייט און גליק.

אַזוי זענען אַוועק טעג נאָך טעג. זיי רייטן שוין אַזוי אַן ערך אַ וואָך צייט. ביינאַכט נעכטיקן זיי אין אַ הייל, וואָס איז שוין זינט טויזנטער יאָרן אויסגעהוילט אין דער שיפּוע פון די בערג, און מיטן אויפגאַנג פון דער זון הייבן זיי ווידער אָן זייער וואַנדערונג, אַלץ לענגאויס דעם ברעג פון ים.

— געהערט נאָך דאָס דאַזיקע לאַנד, אויף וועלכן מיר טרעטן איצט, צו דער ביזאַנטישער אימפּעריע? — האָט איין מאָל יצחק אַ פרעג געטאָן.

— אָ, ניין, דאָ וווינען שוין אַרמעניער, טאָטערן און קאַלמיקן... — האָט אברהם געענטפערט ווי אַ באַהאַוונטער מענטש אין דער דאָזיקער געגנט — זיי זענען אַ מער פרידלעכע באַפעלקערונג. זיי טשעפּען קיינעם נישט, אויב מען רירט נאָר זיי נישט אָן... זיי האָבן זייערע וווינונגען, פון ליים אויסגעקלעפּט, ווייט אין די בערג, און אַ סך וווינען אין די היילן, צוזאַמען מיט זייערע משפחות... — האָט אים אברהם געגעבן אַלע ידיעות וועגן די מענטשן פון דעם נייעם לאַנד, אין וועלכן זיי זענען אַריינגעקומען.

— איז נאָך ווייט צום לאַנד פון די כוזרים?... — האָט יצחק געפרעגט מיט אַ שטילן ציטער אין זיין קול.

— אַן ערך אַ וואָך גאַנג, מיר וועלן דאַרפן נאָך אַריבערקומען דעם העכסטן באַרג אַררט, כדי מיר זאָלן זיך געפינען אין קאַווקאַז, און ערשט דעמאָלט וועלן מיר זיך אָנהייבן באַגעגענען מיט די כוזרישע מיליטערישע רייטער. זיי היטן זייער שטאַרק זייער גרענעץ פאַר די אַראַבער, וועלכע זיצן אין די בערג און שאַרפן זיך די ציין אויף זייער פעט און רייך לאַנד...

— און קיין ייִדן זעט מען נישט אין דער דאָזיקער געגנט? — האָט יצחק זיך ווייטער אויסגעפרעגט מיט גרויס נייגעריקייט.

— מען וועט אויך דאָ באַגעגענען ייִדישע וואַנדערער אין די בערג פון קאַווקאַז, דאָס זענען הויכע און געזונטע מענער, ווי די ריזן... און די פרויען זענען אַזעלכע שיינע, וואָס מען געפינט זעלטן־ווו ביי אַן אַנדער פאָלק... זיי זענען זייער קריגעריש און זיי העלפן פיל אַרויס די כוזרים אין זייערע מלחמות קעגן די פאַרשידענע שונאים. די כוזרים האָבן זיך זייער פיל משדך געווען מיט די דאָזיקע ייִדן, און דערפון נעמט זיך, וואָס די הייניטיקע כוזרים זענען אַ סך אַנדערש אין זייער אויסזען פון זייערע עלטער־עלטער־זיידעס...

יצחק איז געווען אינגאַנצן דורכגענומען מיט אברהמס שילדערונגען וועגן די פאַרשידענע פעלקער אין דער בערגיקער געגנט. אַ יראת הכבוד האָט אים

באַהערשט, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אָט גאָר אינגיכן וועלן זיי אַריבערגיין דעם באַרג אַרדַט, ווו נחס תיבה איז געבליבן שטיין נאָכן מבול...

— מיר וועלן נאָך לאַנג דאַרפֿן רייטן, ביז מיר וועלן אָנקומען צום באַרג אַרדט? — האָט יצחק אַ פֿרעג געטאָן.

— מיר האָבן נאָך צוויי טעג רייזע אַהין... — האָט אברהם געענטפֿערט

— אָבער באַלד הייבן זיך אָן צו באַווייזן די איינוווינער, וואָס וווינען אַרום דעם דאָזיקן באַרג, דאָס זענען די בערג־יידן. פֿיל פֿון זיי זענען מיליטערלייט אין דער כוזרישער אַרמיי. זיי זענען אַלע אויסגעצייכנטע רייטער און פֿלינק מיט דער שווערד.

***

איינמאָל אין אַ פֿאַרטאָג, ווען עס האָט קוים אָנגעהויבן צו בלויען אויף גאָטס וועלט, האָט זיך איבערן ים פֿלוצלינג באַוויזן אַ זעגל־שיפֿל פֿון ווייטן. יצחק מיט זיין באַגלייטער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און, צולייגנדיק די פֿויסטן צו זייערע אויגן, זיך איינגעקוקט אין דער ווייטקייט אַריין, צו זען ווער עס זענען די דאָזיקע שיפֿלייט.

עס האָט געדויערט אַזוי אפשר אַ שעה צייט. דערווייל איז אינדרויסן ליכ־טיקער געוואָרן, די זון האָט זיך אויפֿגעהויבן העכער און העכער און האָט שוין אָנגעהויבן בלענדן מיט איר גרעלער ליכט. דער ים האָט זיך אָנגעהויבן זילבערן און עס האָט זיך געמישט טונקעלער בלוי מיט שוימיקן שניי־ווייס. מען האָט שוין שאַרף געקאָנט באַמערקן עטלעכע מענער אויפֿן שיפֿל, אָנ־געגורט מיט שפּיזן און שווערדן. זיי האָבן געהאַלטן שווערע פֿייל־און־בויגנס אין די הענט. עס איז שוין געווען זיכער, אַז דאָס זענען מיליטערלייט. מען האָט נאָך אָבער נישט געקאָנט וויסן, צו וועמען זיי געהערן.

ענדלעך זענען זיי אַראָפּ פֿונעם שיפֿל. דאָס זענען געווען פֿיר הויכע יונגען, מיט אָפּגעברוינטע פּנימער, פּעך־שוואַרצע האָר, וואָס זענען זיי געפֿאַלן ביז איבערן שטערן מיט געדיכטע טשופּרינעס, פֿון אונטער וועלכע עס האָבן אַפֿער־געקוקט פֿינקלענדיקע און פֿול מיט חשד אָנגעפּילטע אויגן.

זיי זענען אַ ווײַלע געשטאַנען ביים ברעג און אָנגעקוקט די צוויי פֿרעמדע רייטער, ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט צו אַן אָנפֿאַל מיט זייערע וואָפֿן. זיי האָבן זיך אָבער, ווייזט אויס, באַזינען און האָבן געמאַכט אַ טריט פֿאָרויס.

— ווער זענט איר? — האָבן זיי געפֿרעגט אויף אַ שפּראַך, וואָס יצחק האָט זי נישט פֿאַרשטאַנען, אָבער ער האָט געהערט, ווי אברהם האָט זיי גע־ענטפֿערט אויפֿן זעלבן לשון, וואָס האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלט געקומען פֿון טיפֿן האַלדז אַרויס און מיט אַ געבייזער.

זיי האָבן אַרויסגעוויזן אומגלויבן צו דעם, וואָס דער ביזאַנטיער מאַן האָט

זיי געזאָגט. זיי האָבן געדרייט מיט די קעפּ הין און צוריק, געפּאַטשט עפּעס מיט די ליפּן, געהאַלטן אין איין קוקן אויף יצחקן און מיטן קאָפּ אויף אים אָנגע־וויזן, ווי זיי וואָלטן געפרעגט: „און ווער איז יענער?"...

דער ביזאַנטיער האָט גערעדט, געמאַכט מיט די הענט און מיט אַלע זיינע אברים באַוועגט, געוויזן אויף לינקס און געוויזן אויף רעכטס, דאָ געשריגן און דאָ גערעדט מיט אַ שטילער און ווייכער שטים, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט מיט עפּעס איבערבעטן, אָדער איבערצייגן.

ענדלעך, ווען עס האָט אויסגעזען, אַז דעם ביזאַנטיער איז נישט געלונגען זיי אויפצוקלערן, האָט זיך איינער פון די פיר ריזן דערנענטערט צו יצחקן און אים געפרעגט אויף דעם אומפאַרשטענדלעכן לשון מיט עפּעס אַ געבייזער.

יצחק האָט געהויבן מיט די אַקסל און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט זיך געדרייט אויף אַלע זייטן, געפּרוּווט מיט די הענט און מיט דער מינע אויפן פּנים זיי געבן צו פאַרשטיין, ווער ער איז, אָבער ס׳איז נישט געגאַנגען...

— עברי... האָט יצחק געשטאַמלט אין זיין לעצטער באַמיִונג — איך האָב אַ בריוו צום מלך פון די כוזרים, יוסף בן אַהרן...

דער ריז, וועלכער האָט יצחקן אויסגעפרעגט, האָט איראָניש אַ שמייכל געטאָן און אָנגעהויבן שנעל עפּעס צו רעדן אויף דער אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך, געקלאַפּט אים דערביי אויף דער פּלייצע און אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויפן שיפל. יצחק האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט דערמיט. ער האָט זיינע בליקן געווענדט צו זיין נייעם פריינט אברהם־דאַגאָמאַר, ווי בעטנדיק אים, ער זאָל אים פאַרטייטשן דעם פרעמדן מאַנס רייד...

דאַגאָמאַר־אברהם האָט פריִער געוואָרפן אַ בליק אויף איינעם פון די פיר פרעמדע מיליטערלייט, ווי ער וואָלט ביי זיי געפרעגט אַ דערלויבעניש, צי ער מעג יצחקן פאַרטייטשן זייערע רייד צו אים.

ווען ער האָט מיט אַ שאָקל פון יענעמס קאָפּ געקריגן די דערלויבעניש, האָט ער זיך געווענדט צו זיין יונגן יידישן פריינט:

— דאָס זענען כוזרים...

דערהערנדיק דאָס דאָזיקע וואָרט, איז יצחק בלאַס געוואָרן און פאַר איבער־ראַשונג איז ער געווען נאָענט פון חלשות...

— כוזרים?... — האָט ער אָנגעהויבן שטאַמלען, און דערביי האָבן ביי אים די אויגן געלויכטן ווי די שטערן — כוזרים...

ער האָט זיך אויסגעגלייכט און אָנגעהויבן מיט די ליפּן צו שעפּטשען די ברכה פון „שהחינו"... ער איז דערנאָך צוגעגאַנגען צו דעם איינעם, וועלכער האָט אים אויסגעפרעגט און אַרומגענומען אים, צוגעדריקט און אַ קוש געטאָן אויפן אַקסל.

דער כוזרי איז געבליבן שטיין דערשטוינט פון דער דאָזיקער טאַט, מיי־נענדיק, אַז דער פרעמדער יונגערמאַן איז אַראָפּ פון זינען.

ער האָט זיך דעריבער געווענדט צום ביזאַנטיער, וועלכער האָט יאָ אַביסל גערעדט די כוזרישע שפּראַך, אַז ער זאָל זיי אויפקלערן די אומפאַרשטענדלעכע האַנדלונג פון דעם אויסטערלישן יונגנמאַן.

אברהם־דאַגאָמאַר האָט מיט אַלע זיינע קענטענישן פון דעם כוזרישן לשון אים געגעבן צו פאַרשטיין, ווער יצחק איז, פון וואַנען ער קומט און וואָס עס איז דער צוועק פון זיין לאַנגער נסיעה.

ווען די פיר כוזרים האָבן דאָס אַלץ אויסגעהערט, האָט זיך אויף זייערע אַלעמענס ליפּן אָפּגעשפּיגלט אַ שמייכעלע, וואָס האָט געקאָנט מיינען סיי אומ־גלויבן אין דער גאַנצער זאַך, סיי אַז זיי נעמען אָן מיט פאַרזיכט די דאָזיקע אויפקלערונג.

יעדנפאַלס האָבן זיי שוין נישט מער געקוקט מיט שנאה אויף די צווי גע־פאַנגענע פרעמדע לייט. זיי האָבן אָבער בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס עס טוט דער דאָזיקער ביזאַנטיער צוזאַמען מיט דעם ייִדישן בחור, וועל־כער קומט פון אַזאַ וויטן לאַנד, וועמענס נאָמען זיי קאָנען אַפילו נישט נאָכ־זאָגן.

— דערווייל זענט איר אונדזערע געפאַנגענע!... — האָט ענדלעך איינער פון זיי, ווייזט אויס, דער עלטסטער, אויסגערופן — און מיר וועלן אייך אַוועק־פירן אין אונדזער הויפּטשטאָט איטיל אָדער באַלאַנגאַר, און דאָרט וועלן מיר שוין זען וואָס פאַר אַ „פייגל" איר זענט... איר וועט אַריינגיין מיט אונדז אין דעם שיפל און מיר וועלן אייך אַוועקפירן קיין קערטש... דאָרט וועלן אייך אי־בערנעמען אַנדערע זעלנער און זיי וועלן אייך אַוועקפירן צום קעניגס הויפּט־שטאָט...

— און די פערד אונדזערע?... — האָט זיך דער ביזאַנטיער געבעטן. — די פערד וועלן דאָך נישט קאָנען אַריינגענומען ווערן אין שיפל!...

דער כוזרי האָט זיך פאַרטראַכט, געביסן די אייבערשטע, עטוואָס באַוואַק־סענע ליפּ, דערנאָך האָט ער זיך איבערגעסודלט מיט זיינע חברים, און עס איז געבליבן באַשטימט, אַז יצחק און איינער פון די כוזרים וועלן זיך אויפזעצן אויף איין פערד און דאַגאָמאַר מיטן אַנדערן כוזרי — אויפן צווייטן פערד און אַזוי אַרום וועלן זיי דורך די קאַווקאַזישע בערג רייטן צו דער הויפּטשטאָט פון דער כוזרישער מלוכה. די איבעריקע צווי כוזרים וועלן צוריק אָפּפאָרן מיטן שיפל אויף זייער ווייטערדיקער אויסשפּירונג־טעטיקייט...

און אַזוי איז עס געבליבן.

יצחק האָט זיך געפונען אין דער געפאַנגענשאַפט ביי די כוזרים, און צו זיין גליק איז נישט געווען קיין גרעניץ...

קאַפּיטל פינף

אַן אויסטערלישער גאַסט

נאָך גאַנצע פינף טעג זענען זיי געריטן לענגאויס דעם צפונדיקן ברעג פון שוואַרצן ים. די צוויי כוזרישע מיליטערלייט האָבן זיך אויפן וועג נענטער באַקענט מיט יצחקן און ער האָט געוווינען ביי זיי דעם צוטרוי. קיין סך רעדן האָבן זיי נישט געקאָנט, ווייל זיי האָבן זיך איינע די אַנדערע נישט פאַרשטאַנען. זיי האָבן געמוזט ביי גרעסערע געשפּרעכן שטענדיק האָבן דאַגאָמאַרן ביי דער זייט, אָבער ווען דער ביזאַנטיער האָט זיך טיילמאָל אַ ביסל דערווייטערט מיט איינעם פון די כוזרים און דער צווייטער איז געבליבן אַליין מיט יצחקן, האָט זיך צווישן זיי אָנגעהויבן אַ שטום „געשפּרעך"...

פון דעם דאָזיקן שטומען געשפּרעך איז דער כוזרי מער זאַכן געוווירגעוואָרן פון יצחקן ווי זיי האָבן זיך דערוווסט מיט דער הילף פון דעם איבערזעצער... קודם־כל האָט דאָס אויסדריקלעכע פּנים פון קאַרדאָוער יונגנמאַן געמאַכט אויף דעם כוזרי אַ געוואַלטיקן איינדרוק. ער איז ביי זיך זיכער געווען, אַז קיין אַראַבישער שפּיאָן אָדער אַן אויסשפּירער פון די ביזאַנטיער איז ער נישט... דערויף האָט ער געקאָנט זיין קאָפּ געבן. עס איז אים אָבער שווער געווען צו פאַרשטיין, פאַרוואָס ער האָט זיך עפּעס פאַראייניקט מיט אַ ביזאַנטישן רייטער, כדי אַריבצוקומען דורך הינטער־וועגן צו זיי אין לאַנד; אַ חוץ דעם איז דער ביזאַנטיער פאַרגעקומען דעם כוזרי פאַרדעכטיק דערמיט, וואָס ער האָט געקאָנט אַ ביסל זייער שפּראַך און בכלל איז ער געווען שטאַרק אויסגעבונדן מיט דער דאָזיקער געגנט. די געגנט קען נאָר גוט אַן איינוווינער פון דעם בערגיקן לאַנד, אָדער אַזאַ איינער, וואָס האָט דאָ אַרומגעוואַנדערט... טאָ וואָס פאַר אַ געשעפטן האָט דאָ דער ביזאַנטיער געהאַט צו זוכן, כדי דאָ אַרומצוּוואַנדערן?

וויפל דער כוזרי האָט נישט געפאַרשט און אויסגעפרעגט יצחקן אויף שטום־לשון און טייטלוויז מיט די הענט, ווער דער ביזאַנטיער איז און פון וואַנען ער קען אים, האָט ער זיך גאָרנישט געקאָנט פון אים דערוויסן.

— דו — אַן עברי... — האָט דער כוזרי געשטופּט אים מיטן פינגער אין דער ברוסט אַריין — דו קומסט פון וואַנען?... פון ספרד?... המ... אַ מאָדנער נאָמען פון אַ לאַנד!... אַנדאַלוזיע... ווי הייסט דיין נשיא?... חסדאי אבן שפּרוט?... אַ שווערער נאָמען נאָכצוזאָגן... אָבער ווער איז דער ביזאַנטיער, דער שלאַנג?...

דערביי האָט ער געוויזן יצחקן אויפן זאָמד, מיט דער שווערד אויפצייכע־

בענדיק אַ שלאַנג... „דאָס איז דער ביזאַנטיער!...“ זיי שניידן איבער דעם גאָרגל פון אונדזערע ברידער, די כוזרים...

יצחק האָט געהויבן מיט די פּלייצעס און דעם כוזרי נישט פאַרשטאַנען.

— קאָנסטו רעדן דאָס עברי־לשון?... — האָט יצחק זיך געשטיקט מיט אַ וואָרט, וועלנדיק פּאָרט געפינען אַן אויסוועג ווי אַזוי זיך מיט דעם ווייטן ברו־דער צו פאַרשטענדיקן... — שמע ישראל... עברי־לשון!...

— יאָ, „שמע ישראל“!... — האָט זיך דער כוזרי דערפרייט און ער האָט געקלאַפּט יצחקן איבערן אַקסל.

אָבער מער האָט ער נישט געקאָנט קיין לשון קודש. זיין שפּראַך איז געווען די כוזרישע. אברהם־דאַגאָמאַר האָט אים געזאָגט, אַז זי איז ענלעך צו דעם לשון פון די טאָטערן, וועלכע וווינען אין דער דאָזיקער געגנט, אָבער מערסטנ־טייל געפינען זיי זיך אויפן קרימער האַלבאינדזל.

זינט דער כוזרי האָט דערהערט פון יצחקס מויל דאָס וואָרט „שמע ישראל“, האָט ער געקראָגן צו אים אַ מער וואַרים געפיל. ער האָט עס שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך אויסגעגליכן מיט דעם פערד פון צווייטן כוזרי און דאַגאָמאַרן, יענעם באַלד איבערגעגעבן, און יענער האָט דערויף אַ שמייכל געטאָן צופרידן און גע־וואָרפן אַ פריינטלעכן בליק צום יידישן יונגן בחור.

דערפרייט האָבן זיי זיך נאָך באַלד דעם ערשטן טאָג, ווען יצחק האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט פון וועג און געדאַוונט צוגלייך מיטן זון־פאַרגאַנג די תפילה פון מנחה. זיי האָבן אויפגעכאַפּט דאָס וואָרט „הללויה“.

— יאָ, אַן עברי... — האָט איינער צום צווייטן מיט פרייד אויסגערופן.

און זיי זענען פריינטלעכער געוואָרן מיט די געפאַנגענע צוויי פרעמדע מע־נער. זיי זענען ווייטער געריטן אין שטילשווייגן, ביז די נאַכט איז פּלוצלינג צוגעפאַלן, די הויכע בערג זענען ערגעץ־ווו פאַרשוווּנדן געוואָרן אין אַ שוואַרצן תהום אַריין, און פון ים האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ קיל ווינטל.

ביז איינמאָל, אין אַ רויטלעכן פרימאָרגן, האָבן זיי זיך פּלוצלינג אַ קירעווע אָפּגעטאָן אויף רעכטס, און מיט אַ ברייטן שטויביקן וועג זענען זיי אַוועק ווייטער פון ים. עס איז יצחקן געוואָרן אומעטיק. ער איז שוין צוגעוווינט געווען צום בלויען בליץ פון אומענדלעכן וואַסער און צו דער ים־קילקייט, און דאָ פּלוצלינג אַזאַ שאַרפע ענדערונג פון בלויז בערג און בערג, טיילמאָל אַזעלכע ברוינע, ווי זיי וואָלטן צעגליט געווען פון דער בייטאָגיקער זון.

— דאָס איז דער אָרט! — האָט יצחקן אָנגעוויזן אויף די הויכע שפּיצן איינער פון די כוזרים — דאָס איז דער העכסטער באַרג אויף דער גרעניץ מיט קאַווקאַז!...

— אויף אים האָט זיך אָפּגעשטעלט נחס תיבה נאָכן מבול. — האָט יצחק

געזאָגט צו זיין ביזאַנטישן פריינט אברהם־דאַגאָמאַר, כדי ער זאָל עס איבער־געבן צו די כוזרים.

— ניין, די צוויי כוזרישע מיליטערלייט האָבן דאָס נישט געוווסט, און זיי האָבן טאַקע געקוקט מיט גרויס באַוווּנדערונג אויף דעם פרעמדן יידישן בחור, וואָס כאָטש ער איז דאָ קיינמאָל נישט געווען, ווייסט ער פונדעסטוועגן בעסער פון זיי, וואָס אין דעם דאָזיקן לאַנד האָט אַמאָל פּאַסירט...

— ביז וואַנען וועט איר אונדז אַזוי פירן?... — האָט איינמאָל אויף שטום־לשון יצחק פלוצים אַ פרעג געטאָן ביי דעם כוזרי, וואָס איז געזעסן צוזאַמען מיט אים אויף איין פערד.

— דיך וואָלט מען שוין באַפרייט פון אונטער אונדזער אויפזיכט — האָט דער כוזרי געענטפערט מיט אַן אויפריכטיקן טאָן, — אָבער דער באַגלייטער דיינער קומט אונדז פאַר אין חשד... ער איז שוין נישט צום ערשטן מאָל אין דער דאָזיקער געגנט און מיר ווילן וויסן פון אים, ווען ער איז דאָ געווען און וואָס האָט ער דאָ געטאָן...

— פאַרוואָס מוזט איר דאָס וויסן?... — האָט יצחק אַרויסגעוויזן נייגערי־קייט צו דער פליכט פון די כוזרישע רייטער.

— די ביזאַנטיער האָבן לעצטנס אָנגעהויבן אויף אַ פאַרדעכטיקן אופן אַרויסצווייזן גוט־פריינטשאַפט צו די סלאַוון, איבערהויפּט צו דעם רוס־שבט און זיי שפּיאָנירן פאַר זייערטוועגן. זיי האָבן אויך אָנטיילגענומען אין עטלעכע מלחמות קעגן אונדז, צוזאַמען מיט די אַראַבער, וואָס באַוווינען די דאָזיקע געגנטן. זיי זענען אונדז מקנא פאַר אונדזער רייכטום אין די שטעט און אין די דערפער. מיר האָבן אַ שטאַרקע אַרמיי, אָבער מיר האָבן נישט בדעה אויף עמיצן אָנצופאַלן. זיי דאַקעגן זענען אונדז חושד, אַז מיר ווילן פאַרנעמען דאָס גאַנצע סלאַווישע לאַנד און דערנאָך וועלן מיר זיך וואַרפן אויף די ביזאַנטישע לענדער...

— האָט דער כוזרי אויף אַלע אופנים, סיי מיט די איינצלנע עברישע ווערטער, וואָס ער האָט געכאַפּט פון יצחקן און סיי מיט אַלע זיינע אברים געגעבן דעם יידישן בחור דאָס צו פאַרשטיין...

און יצחק האָט פאַרשטאַנען.

און וויפל ער האָט זיך נישט באַמיט דעם כוזרי קלאָר צו מאַכן, אַז דער ביזאַנטיער האָט אונטער זיין איינפלוס זיך דערנעטערט צום יידישן גלויבן און אַז ווען ער וועט אָנקומען אין לאַנד פון די כוזרים, וועט ער זיך מגייר זיין, האָט ער גאָרנישט אויפגעטאָן. דעם כוזרי האָט זיך נישט געלייגט אויפן שכל, אַז אַ נוצרי — דאָס האָט ער אָנגערופן אויף לשון־קודש — זאָל זיך וועלן מגייר זיין. עס האָט נאָך דאָס קיינמאָל נישט געטראָפן.

— טאָ וווהין ווּעסטו אונדז פירן? — האָט יצחק געוואָלט וויסן און מיט דער האַנט געוויזן אַ צייכן, וואָס האָט געזאָלט מיינען די גרויס פון דעם שטח...

— באַלאַנגאַר!... — האָט דער כוזרי געענטפערט מיט איין וואָרט.

— פאַרוואָס קאָנסטו נישט רעדן קיין לשון־קודש? — האָט דער יונגער בחור געוואָלט וויסן.

— מיר זענען פון אַ דאָרף... שטענדיק געווען מיטן אַקעראייזן און מיט די בהמות אין פעלד, האָבן מיר נישט געקאָנט לערנען, נישט געהאַט קיין צייט. די שטאָטישע קאָנען גוט לשון־קודש... — האָט דער כוזרי געענטפערט מיט אַ טרויער אין זיין שטים, און ער האָט זיך געפילט ווי שולדיק פאַרוואָס ער קאָן נישט רעדן מיט אים אויף דער שפּראַך, וואָס כמעט אַלע ייִדן באַהערשן.

פּראַכטפול האָט אויסגעזען דער אַרומיקער שטח, ווען זיי האָבן זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער אין די בערג פון אַררט. עס זענען קיין וועגן נישט געווען און די פערד האָבן קוים געקאָנט קלעטערן און אָנהאַלטן זיך מיט די קאָפּיטעס אין די פעלדזיקע אַרויסשטאַרצונגען. ווו דאָס אויג האָט זיך געווענדט, זענען געווען בערג און בערג, ווי איין גרויסע בערג־סימפאָניע... קלענערע און הויכע און נאָך העכערע. טייל זענען געווען באַוועלדערט אַזוי געדיכט, אַז מען האָט זיך מיט די פערד נישט געקאָנט דורכקריגן צווישן די קורצע באַבלעטערטעביימער, טייל ווידער זענען געווען אַזעלכע נאַקעטע, אַז די פערדישע קאָפּיטעס האָבן נישט געקאָנט געפינען קיין אָנהאַלטן אין זיי. עס איז געווען איין נאַקעטער הייסער פעלדז. פון באַרג אַראָפּ, פון דער העכסטער הויך האָט אויף אַ רגע ווידער אַ בלענד געטאָן עפּעס בלוי, ווי אַ ים...

— דער שוואַרצער ים?... — האָט יצחק מיט פרייד אויסגערופן, וואָס זיי זענען ווידער אַזוי נאָענט פון דעם קילן וואַסער.

— ניין, עס איז דער ים פון די כוזרים!... עס איז אונדזער ים! — האָט דער כוזרי, וואָס איז געזעסן מיט אים אויפן פערד, אויסגערופן מיט שטאָלץ.

— דער שוואַרצער ים איז אויף לינקס פון אונדז און מען זעט אים נישט פון דאַנען, אָבער דער כוזרישער ים גיט אונדז שוין „שלום עליכם"!...

— און אַט בלויט זיך דאָך אויך אויף לינקס! — האָט יצחק אָנגעוויזן מיט דער האַנט.

— דאָס איז די סעוואַן־אַזיערע... — האָט דער כוזרי אים אויפגעקלערט...

— זי געפינט זיך אויף דער גרעניץ פון אונדזער טייער לאַנד.

און טרערן פון פרייד האָבן זיך באַוויזן אין זיינע אויגן.

יצחק האָט זיך מיטגעפרייט מיט אים. ער האָט שוין נישט געהאַט קיין געדולד מער צו וואַרטן, ביז ער וועט אָנקומען אין דעם אויסגעפאַנטאַזירטן לאַנד אַריין. ער האָט זיך ערשט איצט, אויף דער שוועל פון דעם לאַנד פון די כוזרים,

אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, וואָס ער האָט דאָ אויפגעטאָן. עס האָט אויסגעזען ווי אַ חלום, און איצט נעמט דער חלום אָן אַווירקלעכן לבוש. אָט רייט ער דאָ צוזאַ־מען מיט איינעם פון דעם דאָזיקן לאַנד, אַ כוזרי. עס איז אַ ווירקלעכקייט, נישט קיין פאַנטאַזיע, ווי דער פּאָעט דונש בן לברט, דער אומגלייביקער, האָט געספּקט.

— אַפילו אָן אייגענעם ים האָבן זיי: דער כוזרישער ים!... — האָט ער כמעט אויפן קול מיט באַגייסטערונג אויסגערופן... — ווען איך וועל זיי פון דאַנען מיט אַ געלעגנהייט אַ בריוו וועגן דעם שרייבן, וועט מיר קיינער נישט וועלן גלייבן!... יאָ, פנינה וועט אים גלייבן...

ווען ער האָט מיט די ליפּן אַרויסגעשעפּטשעט איר נאָמען, האָט עס ווי אַ כישוף אים אַ טראָג אַריבער געטאָן קיין קאָרדאָווא, צום נשיאס גאָרטן פון ציפּ־רעסן... ער האָט דאָס מיידל געזען אַזוי לעבעדיק, אַז ער האָט אַזש געפילט איר אָטעם אויף זיך. ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַ דערקוויקנדיק ווינטל, וואָס האָט פון ערגעץ־ווו אַ צי־געטאָן און פאַרשפּרייט אַזאַ אָנגענעמען געשמאַק.

— דאָס זענען פון די גערטנער צופוסנס דעם אררט־באַרג!... — האָט מיט שטאָלצן שמייכל באַמערקט דעם כוזרי, זעענדיק, ווי זיין יונגער באַגלייטער ציט אַזוי שטאַרק אין זיך אַריין די איידעלע געשמאַקן.

יצחק האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ צוויבער־טרוים. און ער האָט געמיינט, אַז דער זיסער געשמאַק קומט בלויז פון זיין פאַנטאַזיע און אַז דאָס פאַרשפּרייט אַזוי דעם אָנגענעמען ריח דעם נשיאס ציפּרעסן־גאָרטן... אָבער ער האָט נאָך אַלץ געזען דאָס איידעלע געזיכט פון זיין פנינהן.

— וואָס האָסטו דיך אַזוי פאַרטראַכט, מיין יונגער פריינט?... — האָט מיט אַ גליקלעכן שמייכל געפרעגט דער כוזרישער אַרמיי־מאַן.

יצחק האָט זיך פאַרשעמט, וואָס אַ פרעמדער מענטש האָט אים געכאַפּט ביי דער האַנט,ווי ער טראַכט וועגן זיין אויסדערוויילטער. זיין פּנים האָט זיך גע־רויטלט און זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געלויכטן ווי צוויי אָנגעגליטע קוילן. דער כוזרי האָט זיך אין אים איינגעקוקט און מיט גוטמוטיקייט אים אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע, זאָגנדיק אים, ווי צו באַרויִקן:

— די כוזרישע מיידלעך וואַרטן אויף דיר!... זיי זענען די שענסטע פרויען אין דער וועלט!... וועסט דיר אויסקלייבן איינע פון זיי און וועסט שוין ביי אונדז פאַרבלייבן. וועסט ווערן דער גרעסטער רבי ביי אונדז...

יצחקן איז טרויעריק געוואָרן אויף דער נשמה פון די דאָזיקע רייד. אַלץ האָט ער געקאָנט לייכט פאַרטראָגן. אָבער נישט ווען מ'האָט אָנגערירט, אַפילו נישט־ווילנדיק, דעם כבוד פון זיין מיידל, פון זיין פנינהן...

דער כוזרי האָט עס באַמערקט, אָבער ער האָט אים נישט איבערגעפרעגט.

עס׳ האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אים מיט עפּעס שלעכטס געטאָן, און ער האָט נישט געוואָלט אומגערן אפשר נאָך ערגער מאַכן...

זיי האָבן זיך שוין איצט אַראָפּגעלאָזט פון די בערג, זיי זענען געריטן אַלץ נידעריקער און נידעריקער אַראָפּ צו דעם פלאַכלאַנד. פאָרויס איז געריטן דער ערשטער כוזרי מיט דאַגאָמאַרן און הינטער זיי איז נאָכגעריטן דער צווייטער מיט יצחקן אין אַ לאַנגזאַמערן שריט.

אַ ים פון גרינע גערטנער, פּאַלמען־ביימער און ציטרוסן האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר יצחקס אויגן. פון טייל גערטנער האָבן אַרויסגעשיינט די רויטע שמעקעדיקע אָראַנזשן, און אין דעם ים פון די דאָזיקע גערטנער האָט זיך אויסגעשטרעקט ווי אַ לענגלעכע ריזיקע שיסל די בלויע סעוואַן־אָזיערע, וואָס מ׳האָט נאָך פון די הויכע אַררט־בערג געזען.

— דער גן־עדן התחתון! — האָט יצחק אויסגערופן אין גרויס באַוווּנדערונג. — דאָס איז דאָס לאַנד פון די כוזרים?...

— ניין, נאָך נישט... דאָס איז די גרעניץ, וואָס טיילט־אָפּ אונדזער לאַנד פון די אַראַבער. דאָס לאַנד, וואָס דו זעסט פאַר דיינע אויגן, געהערט צו די אַראַבער, צווישן וועלכע עס וווינען אויך אַ סך אַרמענער און יידן... — האָט דער כוזרי יצחקן אויפגעקלערט — אָבער אויב דאָ איז אַ גן־עדן, איז ביי אונדז אין כוזרים־לאַנד גאָר קיין פאַרגלייך נישטאָ. וועסט זען!...

און זיי זענען ווייטער געריטן איבער אַ פּראַכטפול־שיינעם טאָל, וואָס איז געווען גלייך צו אַ גרינעם פּליוש און איז אויסגעשפּרייט אויף אַ ריזיקן שטח ווי ווייט דאָס אויג האָט נאָר געקאָנט גרייכן. און דערנאָך זענען זיי ווייטער צוגעקומען צו אַ הויכן באַרג.

— דאָס איז דער „קאַזבעק״, ער איז כמעט אַזוי הויך ווי דער באַרג אַררט, און ערשט אויף יענער זייט פון „קאַזבעק״ שפּרייט זיך אויס דאָס גרינע כוזרים־לאַנד, וואָס באָדט זיך אין בלומען פון די פאַרשידנסטע פאַרבן און קאָלירן... — האָט דער כוזרי געריימט זיין לאַנד.

אויף יענער זייט קאַזבעק האָט יצחקן דערוואַרט אַן איבעראַשונג: עס איז אַנטקעגן זיי אָנגעריטן אַ קאַראַוואַן פון פערד, אויף וועלכע די רייטער האָבן געמאַכט כלערליי פאַנטאַסטישע קונצן, און צווישן די דאָזיקע רייטער זענען אויך געווען די צוויי מיליטערלייט, וואָס זענען ביים ברעג פון שוואַרצן ים אָנגעקומען צוזאַמען מיט זייערע צוויי כוזרישע באַגלייטער. זיי האָבן באַוויזן מיט זייער שיפל צוצוקומען צו דער האַפן־שטאָט קערטש, און פון דאָרט מיט פערד אַקעגנגעריטן זייערע צוויי קאַמעראַדן, אויסרעכענענדיק, אַז זיי וועלן דאָ די קאַמפּאַניע באַגעגענען.

— לאַז פריי די צוויי פרעמדע!... — האָט איינער פון די אָנגעקומענע כוז־

רים באַפוילן צו די צוויי, וועלכע זענען געקומען צו רייטן מיט די געפאַנגענע...
— מיר דאַרפן אייך האָבן פאַר אַנדערע פּליכטן, און זיי זענען נישט קיין גע־פערלעכע לייט. מן־הסתם האָט איר אייך אויך וועגן דעם איבערצייגט אויפן וועג... מיר וועלן זיי אָנוויזן דעם וועג קיין באַלאַנגאַר און זאָלן זיי אַליין ווײ־טער רייטן.

די צוויי כוזרים, די באַגלייטער פון יצחקן און דעם ביזאַנטיער, האָבן מסכים געווען, כאָטש זיי האָבן נישט געהאַט קיין גרויס חשק צו באַפרייען דאַגאַמאַרן.

יצחק האָט עס באַגריפן, און ער האָט פון זיין זייט זיי פאַרזיכערט, אַז זייער חשד בנוגע דעם ביזאַנטיער איז נישט באַרעכטיקט.

די צוויי כוזרים, וועלכע האָבן זיך איבערן וועג שטאַרק צוגעווױנט צו זייע־רע „געפאַנגענע", האָבן זיך האַרציק געזעגנט מיט זיי, אָנווייזנדיק איבערהויפּט אויף יצחקן, אַז זיי זאָלן מצליח זיין אין זייער וועג.

יצחק און אברהם־דאַגאַמאַר האָבן איצט פאַרגעזעצט זייער וועג אַליין, און אויף דעם צווייטן טאָג האָבן זיי זיך געפונען אויף דער ערד פון דעם לאַנג־אויס־געחלומטן לאַנד. צו יצחקס גליק איז נישט געווען קיין גרעניץ. ער האָט אַנידער־געוואָרפן זיך אויף דער ערד און געקושט דעם שטויב פון דעם לאַנד, ווו עס גע־פינט זיך די ערשטע יידישע מלוכה נאָכן חורבן פון בית־שני.

ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, זענען טרערן גערונען אויף זײ־נע באַקן און די אויגן האָבן געגליט פון גרויס באַגייסטערונג, וואָס ענדלעך איז אים געלונגען דורכצופירן די גרעסטע העלפט פון זיין שליחות. איצט דאַרף ער בלויז אָנקומען אין הויף פון קעניג אהרן בן יוסף און איבערגעבן אים דעם בריוו פון נשיא ר' חסדאי אבן שפרוט.

זיי זענען אין איין טאָג מיט פאַרנאַכט צוגלייך אָנגעקומען צום מערבדיקן ברעג פון כוזרישן (קאַספּישן) ים, אין דער האַפּען־שטאָט דערבענד. די גאַסן זע־נען פאַרפלייצט געווען מיט פיל מענטשן. עס האָט אויסגעזען ווי יום־טוב אין שטאָט, און יצחק האָט זיך געוווּנדערט, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז איצט איז נישט פאַראַן קיין שום יום־טוב. צו ראש השנה זענען נאָך געווען עטלעכע וואָכן...

ווען ער האָט אָפּגעשטעלט עטלעכע מענטשן, אויף וועמענס פּנימער ער האָט דערקענט, אַז זיי זענען יידן, האָט ער זיך גלייך געווענדט אויף לשון־קודש און געפרעגט אויף דער אורזאַך פון דער דאָזיקער יום־טובדיקייט.

די אָפּגעשטעלטע מענטשן האָבן זיך זייער געוווּנדערט אויף דער אויסטער־לישקייט פון דעם יונגנמאַנס הלבשה. ער איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ ביזאַנטיער, אין אַ ברוינעם זשופּאַן און מיט אַ גרינעם גאַרטל אַרומגעבונדן די לענדן, אָבער דאָס לשון זיינס אין לשון־קודש, די שפּראַך פון זייערע אור־עלטערן אין לאַנד פון יהודה.

— היינטיקן חודש פראָווען מיר אַ יום־טוב, ווייל עס איז געוואָרן צוויי הונדערט יאָר זינט די כוזרים האָבן אָנגענומען דאָס יידישע גלויבן... — האָט מען אים געענטפערט.

זיי זענען באַלד אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ גרופּע נייגעריקע מענער און פרויען און מ׳האָט זיי אָנגעהויבן אויספרעגן ווער זיי זענען און נאָך וואָס זיי זענען געקומען אין לאַנד אַריין. עס האָט ביי אַלעמען ארויסגערופן אַ חשד, וואָס פּלוצלינג באַווייזן זיך צוויי פרעמדע מענער אין לאַנד, און אין די גאַסן שמועסט מען וועגן מלחמות מיט די אַראַבער און די סלאַווען.

אויסהערנדיק אָבער די דערציילונג פון יצחקן, דעם שליח פון אַנדאַלוזישן נשיא ביי ייִדן, האָבן זיי באַקומען צוטרוי צו זיינע רייד. ווייל זיין רעדן איז געווען אויפריכטיק און אמת. וועגן דעם צווייטן האָבן זיי שוין גאָרנישט געפרעגט. יצחקס אָנוועזנקייט האָט שוין אַלץ פאַרענטפערט.

— דו דאַרפסט זיך צואיילן און גיין קיין באַלאַנגאַר אָדער איטיל, די הויפּט־שטאָט פון אונדזער מלך. דאָרט וועלן פאָרקומען די גרעסטע און פאַרבנרייכסטע פייערונגען פון לאַנד, און אויב דו האָסט אַ בריוו צום קעניג יוסף, וועסטו דאָרט אויפגענומען ווערן מיט גרויס כבוד — האָבן מענטשן אים געראָטן.

און יצחק האָט זיי געפאָלגט. באַלד צומאָרגנס, נאָכן אויסרוען זיך אין אַן אכסניה, האָט ער זיך אויפגעהויבן, צוזאַמען מיט זיין ביזאַנטישן פריינט, און פאַרטאָג, מיטן אויפבלויען פון נייעם פרימאָרגן, האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט מיטן ברעג פון כוזרישן ים און מיט די גלאַטיקע זאַמדן, וואָס האָבן געבלישטשעט אין פרימאָרגן ווי גינגאָלד אין דעם רויטן אויפגאַנג פון דער זון, און זיי האָבן גע־ווענדט זייערע טריט אין דער הויפּטשטאָט פון כוזרים־לאַנד.

דאָס איז געווען דער שענסטער טאָג פון זיין לעבן. אַזוי האָט יצחק זיך שפּע־טער פאַרטרויט פאַר זיין פריינט אברהם־דאַגאַמאַר.

— פון קינדוווייז־אויף האָב איך געחלומט אויפצוזוכן די פאַרלוירענע עשרת־השבטים, וועגן וועלכע מ׳האָט ביי אונדז זיך דערציילט, אַז זיי וווינען היב־טער די הרי־חושך... און איך גלייב באמונה שלימה, אַז די כוזרים זענען אָפּ־שטאַמיקע פון די דאָזיקע פאַרלוירענע שבטים, וואָרים סתם קומט מען נישט צו־ריק צום ייִדישן גלויבן — האָט יצחק זיך פונאַנדערגעלאָזט מיט זיינע פאַנטאַ־זיעס פאַר זיין פריינט.

ער האָט אָבער מער גערעדט פאַר זיך אַליין ווי פאַר דאַגאַמאַרן. ער האָט געוואָלט וואָס מער הנאה האָבן פון זיין שענסטן טאָג, ווען עס ווערט ממש ווי אויף דער האַנט מקוים אַ וווּנדערלעכער חלום...

דערצו האָט אים אַלץ אַזוי פיין צוגעשפּילט. דער קאַספּישער ים אָדער ווי ער קאָן אים אַלס דעם ים פון די כוזרים, האָט עפּעס אַזוי אויסטערליש בלוי זיך

אָפּגעשפּיגלט קעגנאיבער דעם נאָך בלויערן הימל, און די זון האָט אַזוי גאָלדיק זיך געבאָדן אין איין בליציקער גלאַטיקייט. און אויף זיין רעכטער זייט האָבן זיך אַוועקגעצויגן, אויף ווי ווייט דאָס אויג האָט נאָר געקאָנט גרייכן, ריזיקע שטחים מיט גרינע גערטנער, מאַנדל־סעדער, ווייַנשטאָקן און אָראַנזשן־פּלאַנטאַציעס. עס האָט אַזוי געשמעקט, אַז מ׳האָט קוים געקאָנט דעם אָטעם אָפּכאַפּן.

זיי האָבן אויף זייער וועג אָנגעטראָפן קאַראַוואַנען מיט די פאַרשידנסטע סחורות, וואָס סוחרים האָבן געפירט אויפן וועג קיין ביזאַנץ דורך די קאַווקאַזער בערג. זיי האָבן זיך אַלע אַזוי פריינטלעך מיט זיי באַגריסט אויפן וועג, געווונטשן פרידן און שלווה... און ביי יצחקן אין האַרץ האָט טאַקע געהערשט פרידן און רו. ער איז געווען גליקלעך, וואָס ער האָט זיינס דערגרייכט און נאָך גליקלעכער ביים געדאַנק, אַז ער וועט זיך אַמאָל מיט דעם אַלעם טיילן אין זיין שטאָט קאָרדאָוואַ, ווען ער וועט אם ירצה השם זיך אומקערן אַ געזונטער און אומבאַשעדיקטער פון זיין אויסטערליש־לאַנגער רייזע.

ער האָט אַזש אָנגעהויבן אויפן הויכן קול צו זינגען, און זיין פריינט, כאָטש ער האָט זיינע ניגונים נישט געקענט, האָט זיך באַמיט אים אונטערצוהאַלטן. זיי זענען ביידע געווען איצט צוויי גליקלעכע קינדער פון גאָטס פרייער וועלט.

— ווי ווייט האָבן מיר נאָך קיין באַלאַנגאַר?... — האָט יצחק אַלעמאָל אָפּגעשטעלט עמיצן פון אַ דורכגייענדיקן קאַראַוואַן און ביי אים געפרעגט.

— נאָך צוויי טעג גאַנג, נאָך אַנדערהאַלבן טאָג גאַנג... — האָט מען אים געענטפערט, און דער וועג איז מיט יעדער שעה אַלץ קירצער געוואָרן און דער ציל האָט זיך דערנענטערט.

— אין וואָס האָבן די צוויי כוזרים דיך אַזוי שטאַרק חושד געווען און עס האָט זיך זיי גאָרנישט געגלוסט דיך צו באַפרייען? — האָט איינמאָל, פון נישט האָבנדיק וואָס צו רעדן, יצחק אַ פרעג געטאָן ביי זיין עלטערן פריינט.

אברהם־דאַגאָמאַר איז רויט געוואָרן, דערנאָך האָט אַ בלאַסקייט באַדעקט זיין געזיכט און אַ ווייַלע שטיל־געשוויגן. ער האָט אָבער אויף דער דאָזיקער פראַגע נישט געקאָנט דורכגיין מיט סתם נישט ענטפערן. ער האָט זיך געוואַקלט אַביסל, אָנגעהויבן עפּעס צו שטאַמלען, צו קאָרקלען מיט דער צונג, ביז ער איז ענדלעך אַרויס מיטן ריינעם אמת:

— איך האָב איינמאָל, צווישן אַ גרויסער אָפּטיילונג פון אַראַבער און סלאַוון, געפירט אַ קאַמף אין די קאַווקאַזער בערג מיט כוזרישע מיליטער־אָפּטיילונגען, און דער איינער כוזרי, וואָס איז מיט דיר געריטן אויף איין פערד, איז געווען צווישן מיינע קעגנער. איך האָב אים גלייך דערקענט, ווי נאָר איך האָב אים דערזען דעמאָלט אַראָפּשטייגן פון שיפל אויפן ברעג פון שוואַרצן ים... איך האָב געמיינט, אַז מיין לעבן איז שוין נישט ווערט קיין צעבראָכענע פרוטה. ווען ער־

וואָלט מיך געווען דערקענט, וואָלט ער געווען נקמה גענומען אין מיר. אָבער ווייזט אויס, אַז עפּעס האָט זיך אים אין געדאַנק געפּלאָנטערט, אָבער זיכער איז ער נישט געווען, אַז איך בין דאָס דער זעלבער ביזאַנטיער, וואָס האָב אים גע־האָט דערלאַנגט אַ קלאַפּ מיט דער שווערד, אַז איך האָב אים שיער נישט געטויט אויפן אָרט. דאָס האָסטו מיט דיין אָנוועזנקייט מיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. וואָלט ער מיט מיר גראָד געווען גערידטן צוזאַמען און זיך מער צוגעקוקט, וואָלט ער מיך געווען אויף געוויס דערקענט, און דעמאָלט...

— האָסטו חרטה אויף דיין טאַט? — האָט יצחק אים געפרעגט.

— זיכער האָב איך חרטה און איך וואָלט געוואָלט אים נאָכאַמאָל באַגע־געגענען און בעטן ביי אים מחילה — האָט דאַגאָמאַר מיט אַ טרויער אין זיין שטים געענטפערט.

נאָך דעם געשפּרעך האָט ווידער געהערשט שטילשווייגן צווישן זיי ביידע. זיי זענען געריטן לאַנגזאַם, טריט־ביי־טריט האַרט ביים ברעג פון ים. אין דער הייסער לופט האָט געזשומעט די שטילקייט אין די אויערן, יעדער פון זיי איז געווען פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען.

דאַגאָמאַר האָט באמת חרטה געהאַט אויף זיין באַגאַנגענער טאַט קעגן דעם כוזרי, און ער וואָלט אַלץ אין דער וועלט געטאָן, אַז דאָס זאָל אים פאַרגעבן ווערן. ער האָט ביי זיך אין האַרץ אָפּגעמאַכט, אַז ווי נאָר ער וועט קומען אין דער הויפּטשטאָט פון דעם כוזרים־לאַנד, אַזוי וועט ער גלייך אים אויפזוכן און נעמען אויף זיך יעדע שטראָף, וואָס מ׳וועט אים צופּסקענען...

יצחקס געדאַנקען זענען איצט געווען גאָר־גאָר ווייט פון דאַנען. ער האָט כמעט גאָרנישט געזען מיט זיינע אויגן, כאָטש ער האָט זיי געהאַלטן אָפן און דער בליק איז געווען אָנגעשטעלט גלייך אויפן ים... עס האָט זיך אים געפּלאָנטערט אין מוח אַ געמיש פון רעיונות, אַזוי אַז אַלץ איז געווען אַזוי פאַרנעפּלט און ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין דין וחשבון וועגן וואָס ער טראַכט... די ביל־דער זענען פאַר זיינע אויגן אַזוי שנעל געפלויגן, אַז ער האָט זיי נישט געקאָנט דערכאַפּן מיט זיין מחשבה. אָט דאָ האָט ער דערזען דאָס ליכטיקע פּנימל פון פנינהן, און אָט איז שוין פאַר די אויגן געשטאַנען דער פאָטער. די רויטע באָרד האָט אַזוי געפלאַקערט פאַר זיין בליק, אַז ער האָט זיך אַזש מיט דער האַנט די אויגן פאַרדעקט.

פּלוצלינג האָט ער אַ גליקלעכן שמייכל געטאָן, ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט איינמאָל מיט פנינהן איינגעחזרט די פערזן פון אַ לשון־קודשדיקן שיר, וואָס דונש בן לברט האָט אָנגעשריבן און עס איז גראָד אַריינגעקומען זיין לערער, מנחם בן סרוק... פנינה האָט געפּרוווט באַהאַלטן דאָס ליד, וויסנדיק, ווי ווייט

דיביידע משוררים האָבן זיך נישט ליב. סרוק האָט עס באַמערקט, און ער האָט איר פאַרגעהאַלטן און זי אויסגעמוסרט.

— אַ שיר, אויב ער איז נאָר גוט אָנגעשריבן און ער האַלט אויס דעם משקל, איז שוין גוט, אַפילו ווען דער מחבר דערפון איז דונש בן לברט...

פנינה האָט זיך פון דעם דאָזיקן זאָג זייער שטאַרק צעלאַכט. עס איז איר געפעלן געוואָרן מנחם בן סרוקס מיינונג וועגן שירים, און זי האָט הויך אויפן קול דעקלאַמירט דאָס ליד. דער לערער האָט איר דערפאַר אַ קוש געטאָן אין שטערן.

אָ, ווי ער האָט דעמאָלט דעם לערער זיינעם מקנא געווען!...

ער האָט זיך דאָס אַלץ איצט דערמאָנט, און אַ גליקזעליקייט האָט אָפּגע־שיינט אויף זיין פנים.

זיין פריינט איז געריטן לעבן אים און זייטיק אים אָבסערווירט. ער האָט גע־פילט, אַז עפּעס איז דער מער מיט דעם יונגן בחור, אָבער ער האָט אים נישט געוואָלט איבערפרעגן.

— זאָל ער חלומען, אויב דער חלום מאַכט אים גליקלעך!... — האָט ער געטראַכט.

ווען דער רייטער אויף אַ דורכצי׳ענדיקן קאַראַוואַן האָט זיי געזאָגט, אַז עס איז נאָך איין טאָג רייזע קיין באַלאַנגאַר, און אויב זיי וועלן אַ גאַנצע נאַכט זיך נישט אָפּשטעלן אין ערגעץ, וועלן זיי מיט זון־אויפגאַנג אַריינקומען אין די טויערן פון דער שטאָט, איז צו יצחקס גליק קיין גרעניץ נישט געווען.

— מיר וועלן זיך אין ערגעץ מער נישט אָפּשטעלן! — האָט יצחק כמעט ווי באַפוילן זיין פריינט. — אַ גאַנצע נאַכט וועלן מיר רייטן, בפרט ווען די נעכט זענען איצט אַזעלכע ליכטיקע, די לבנה איז אין איר פולער שיין. עס איז פערצן טאָג אין חודש אלול...

יצחק איז געווען גליקלעך פון דעם היינטיקן טאָג. אַלע שיינקייטן פון זיין לעבן האָבן זיך איצט פאַר אים אויפגעוויקלט און געפינקלט פאַר זיינע אויגן אין די שענסטע פאַרבן. יאָ, זיי וועלן רייטן אַ גאַנצע נאַכט אָן אַן אָפּשטעל. עס וועט זיין אַזוי אָנגענעם ביים ברעג פון טונקל־בלויען ים מיט אַ פולער לבנה, וואָס וועט זיך אין אים באָדן און באַזילבערן דאָס וואַסער. אַלע אברים האָבן איצט אין אים געזונגען און ער האָט מיטגעזונגען די שירה, וואָס האָט זיך געריסן פון זיין נשמה...

— איך בין דיך מקנא, יצחק!... — האָט פּלוצלינג דאַגאָמאַר אויסגערופן מיט טרויער אין זיין שטים — דו ביסט נאָך יונג און האָסט נאָך די גאַנצע וועלט פאַר דיר, אָבער איך האָב שוין אָפּגעזונגען...

— זאָרג דיך נישט, מיין פריינט. איך וועל נאָך טאַנצן אויף דיין חתונה מיט אַ שיין כוזריש מיידל... — האָט אים יצחק אַ קלאַפּ געטאָן אויפן אַקסל —

מען טאָר נישט טרויערן, פריילעך דאַרף אַ מענטש זיין, בפרט אַ מענטש, וואָס האָט גאָט אין האַרצן. און אויב האָסט אים אפשר נישט געהאַט, האָסטו אים איצט געפונען. ווייל איז דיר, וואָס האָסט געפונען דיין ריכטיקן גלויבן און דיין ריכטיקן גאָט!...

טרערן האָבן זיך געשטעלט דעם ביזאַנטיער אין די אויגן. ער איז דעם יונגן בחור דאַנקבאַר געווען פאַר די גוטע און טרייסטנדיקע רייד. ער האָט גאָר נישט געענטפערט, אָבער מ'האָט געזען באַשיינפּערלעך, ווי זיין פּנים האָט זיך אויסגעלייטערט און אין די אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ ליכטיק פייערל.

מיטאַמאָל, ווי דורך אַ געהיימען שפּרוך, איז צוגעפאַלן די נאַכט, אַ ליכטיקע און שמעקעדיקע. זיי האָבן זיך בלויז אָפּגערוט אַ האַלבע שעה צייט, כדי אונטערצולעגן די הערצער און אָפּזאָגן די ביינאַכטיקע תפילה. באַלד נאָכדעם זענען זיי ווייטער געריטן צום טאַקט פון דעם פּליעסק פון די ים־כוואַליעס, וואָס האָבן געוואַשן דעם ברעג...

— לאָמיר זיך צוויילן!... — האָט יצחק אַ זאָג געטאָן צו דאַגאָמאַרן און דערביי אַ שטויס געטאָן מיט די שפּיצן פון ביידע פיס אין בויך פון פערד, אַז עס האָט אָנגעהויבן געשווינדער צו לויפן, און נאָך אים האָט אויך נאָכגעאיילט דאַגאָמאַר אויף זיין פערד. זיי האָבן זיך פונאַנדערגעיאָגט אין אַ גאַלאָפּ, אַז די קלעפּ פון קאָפּיטעס האָבן אַזש אָפּגעהילכט אין דער שטילער ביינאַכטיקער לופט.

אַ קיל ווינטל האָט זיי געבלאָזן פון אַנטקעגן אין פּנים אַריין, און אויבן האָט די לבנה ווי אַן עמוד האש זיי באַלויכטן דעם וועג. עס איז היינט געווען ביי זיי אַ וואַך־נאַכט, ווי ערב אַ גרויסער און היילקער געשעעניש...

צוויי לאַנגע שאָטנס האָבן זיך אויסגעשפּרייט פאָראויס פון זיי, און די פערד זענען געלאָפן ווי אין געיעג מיט די שאָטנס, ווער וועמען עס וועט איבעריאָגן. פון צייט־צו־צייט האָט זיך געהערט דער געוואָי פון אַ שאַקאַל, וואָס האָט אָפּגעשאָלט פון צווישן די שמעקעדיקע ווינשטאָקן. דאָס האָט זיך אַזאַ איינער פון גרויס תענוג און זאַטקייט צעשריגן אויפן קול.

זיי האָבן ביידע כמעט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט אַ גאַנצע נאַכט. עס איז נישט געווען וואָס צו רעדן, ווייל אַלץ האָט אין זיי געזונגען איין גרויסע שירה צום באַשעפער פון דער וועלט, אָפּגעבנדיק אים אַ שבח און לויב פאַר דער שיינקייט, וואָס ער האָט באַשאַפן פאַרן מענטש, און די כוואַליעס פון ים האָבן מיטגעהאַלטן אין ריטם און עס איז אַרויסגעקומען אַ רייכע סימפאָניע, מיט וועלכער די לופט איז געווען אָנגעפילט.

נישט צו וויסן פון ווען און פון וואַנען, האָט זיך דער הימל אויף יענער זייט פון כוזרישן ים אָנגעהויבן פאַרבלאַסן און אַ רויטקייט איז פון דאָרטן אויפגעגאַנגען ווי אַ הערלעך געמעל פון אַלערליי קאָלירן, ווי אַן אומזעבאַרע האַנט וואָלט

מיט אַ כישופדיקן פענדזל געפּירט, און האָט דאָס שענסטע, געטלעכסטע בילד פאַר זייערע אויגן פאַרגעבראַכט.

די זון איז ווי אַ גליִענדיקע רויטע קויל מיטאַמאָל אַ שפּרונג אַרויס געטאָן פון אונטערן האָריזאָנט אין ווייטן ים און אָפּגעגאָסן די גאַנצע וועלט מיט אַ פּור־פּורנער פאַרב. זייערע אייגענע פּנימער האָבן אויפגעלויכטן אין דער צויבערלע־כער רויטקייט און זיי האָבן אויסגעזען ווי ברענענדיקע מלאכים, וואָס זענען פון ערגעץ אַן אומבאַקאַנטער וועלט געקומען צו שוועבן.

עס איז פאַר זייערע אויגן אויפגעגאַנגען אַ נייער טאָג, וואָס זינט די וועלט שטייט, איז ער נאָך פאַר דעם מענטשלעכן באַשעפעניש נישט געהאַט געוויזן געוואָרן. עס האָט אויסגעזען, ווי גאָט וואָלט דעם הערלעכן טאָג פון אַ באַהעל־טעניש אַרויסגענומען און אַ שיין געגעבן מיט אים פאַר דער וועלט און אויסגע־רופן: „נאָט און זעט!"...

— שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד! — האָט יצחק אויסגערופן אין גרויס התפעלות, און דער ביזאַנטיער האָט אים נאָכגעזאָגט וואָרט אין וואָרט מיט גרויס כוונה און ערפורכט.

ווי פון אונטער דער ערד האָט אַ טויך־אויף געטאָן אַ ים מיט ווייסע גע־צעלטן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויפגעהויבן פון שטיינער געמויערטע פּאַ־לאַצן. דאָס איז געווען די כוזרישע הויפּטשטאָט באַלאַנגאַר.

אַ תכלתדיקער בלויער הימל מיט אַ גליִענדיק־בלענדנדיקער זון איז געווען אויסגעשפּרייט איבער דער וועלט און מיט אַ בלויער קלאָרקייט, דורכגעוועבט מיט בלישטשענדיקע גאָלדענע פעדים, האָט ער זיך אָפּגעשפּיגלט אין כוזרישן ים. דער ים־ברעג, וווהין עס פליסט אַריין מיט שטורמישן גערויש דער טייך אי־טיל (וואָלגע), האָט זיך געבאָדן אין זוניקן גרינס, וואָס האָט כמעט אינגאַנצן אין זיך פאַרטרונקען די שטאָט. אַ פאַרשיכורנדיקער ריח האָט זיך געטראָגן פון דעם ווייסן און ראָזן בליִעכץ און פאַרשמעקט די גאַנצע געגנט אַרום.

ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין די טויערן פון דער שטאָט, האָבן זיי זיך מיטאַמאָל געפונען צווישן ריזיקע מחנות מענטשן, וואָס האָבן אָנגעפילט די גאַסן פון דער גאָלדענער שטאָט, ווי די איינוווינער האָבן ליב געהאַט אָנצורופן די רע־זידענץ פון זייער באַליבטן קעניג. אַלע זענען זיי געווען אָנגעטאָן אין יום־טוב־דיקע קליידער, אין בונטן גרין, געל און רויט. די פאַרבנרייכקייט האָט זיך גע־מישט אין דעם גאָלדענעם שפּינוועבס פון די הייסע זון־שטראַלן און געזעטיקט דאָס אויג פון צושויער.

עס האָט זיך געהערט דאָס שפּילן אויף פייפלעך און דאָס קלאַפּן אין פּויקן, וואָס איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ דורכנעמענדיק געזאַנג און מיט דעם אַקאָמפּאַ־

גיאַמענט פון געריוש פון שטראָמענדיקן טייך איטיל, וואָס האָט שנעל און מיט איילעניש געטראָגן זיינע וואַסערן אין ים פון די כוזרים...

די מיט פרייד אָנגעפילטע איינוווינער האָבן געהאַלטן אין איין אַרויספּלייצן פון זייערע בלענדנדיקע ווייסע לייוונטענע געצעלטן און פון זייערע הייזער, וואָס האָבן אַרויסגעטויכט פון צווישן די גרינע מיט בלי־עכץ אָנגעפילטע שמעקעדיקע גערטנער הינטער דער שטאָט, לעבן סודותפול־שעפּטשענדיקן בלוי־גאָלדענעם ים, און האָבן פאַרפילט די נאָך ליידיקע שטחים אויף די גאַסן און אויסגעמישט זיך מיט די זינגענדיקע מחנות.

איבער דער גאַנצער ברייט פון די גאָלד־זאַמדיקע גאַסן האָבן זיי איצט אַלע מאַרשירט צום טאַקט פון די פּויקן און טראָמפּייטן און יעדעס מאָל האָט זיך דערהערט אַ פרייידיקער אויסרוף, וואָס האָט די בלויע לופט פאַרהילכט: „יחי המלך יוסף!״ — זאָל לעבן דער כאַקאַן יוסף! און זיי האָבן אָנגעהויבן מאַכן משונהדיקע באַוועגונגען מיט זייערע שלאַנקע קערפּערס. שיינע מיידלעך, מיט שוואַרץ־געקרייזלטע קעפּ האָר און פלאַקערדיקע אויגן, האָבן זיך געבויגן אויף אַלע זייטן, דערנאָך האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ גרויס ראָד, ביי די הענט זיך אָנגענומען און האָבן אָנגעהויבן אויספירן פאַרשידענע אויסטערלישע טענץ, אונטער די גלוסטנדיקע בליקן פון די יונגע בחורים, וועלכע האָבן אין הייַנטיקן טאָג, אויפן באַפעל פון קעניג, געדאַרפט זיך אויסדערוויילן זייערע באַשערטע...

— ווי שיין זיי אָרדענען איין זייערע ימים טובים! — האָט יצחק אויסגע־רופן צו זיין ביזאַנטישן באַגלייטער — מיינע אויגן האָבן דאָס נאָך קיינמאָל נישט געזען. אָבער לאָמיך זיי פרעגן וואָס פאַר אַ יום־טוב עס איז היינט. איך וויל עס נאָכאַמאָל הערן פון זייערע אייגענע מיילער...

און ער האָט אָנגעהויבן גיין פון איין מענטש צום אַנדערן און פרעגן די אייגע־נע און די זעלבע פראַגע, כאָטש ער האָט עס שוין געוווּסט:

— וואָס פאַר אַ יום־טוב איז עס היינט?... צוליב וואָס האָט זיך די גאַנצע שטאָט מיט איינוווינער אַזוי פרי אַרויסגעלאָזט איבער די גאַסן מיט טאַנץ, מיט געזאַנג און פּויקן?...

די מענטשן, וועלכע ער האָט אָפּגעשטעלט, סיי מענער און סיי פרויען, האָבן אים אָנגעקוקט ווי אַ מאָדנע באַשעפעניש, וואָס איז פּלוצלינג אַראָפּגעפאַלן פון הימל. וואָס הייסט, אַ מענטש זאָל נישט וויסן וועגן דעם היינטיקן גרויסן יום־טוב, וואָס עס ווערט געפייערט לכבוד דער היסטאָרישער געשעעניש!...

פאַר כעס, וואָס אַ יידישער מענטש ווייסט נישט וואָס פאַר אַ יום־טוב עס איז, האָבן זיך אַלע פון אים אָפּגעקערט, אָפּמעסטנדיק אים מיט חשד און גרויס פאַרחידושטקייט.

בלויז איין מיידל, צו וועלכער ער האָט זיך געווענדט מיט דער זעלבער פראַ־

גע, וואָס פאַר אַ יום־טוב עס איז היינט אין דער הויפּטשטאָט באַלאַנגאַר (אַסט־ראַכאַן), האָט זיך מיט אים אָפּגעשטעלט און געוואָרפן אַ חנעוודיקן בליק, פול מיט צויבער און רייץ, אַז עס איז אים וואַרים געוואָרן אין אַלע אברים. איר יונג פּנימל איז געווען אָפּגעברוינט פון דער הייסער זון און פון אירע בלוילעך־גרינע אויגן האָט אַרויסגעשיינט אַ ים מיט גוטסקייט. מיט אַ סאַמעט־ווייכער אויס־שפּראַך אין דעם קלינגענדיקסטן לשון־קודש האָט זי צו אים אויסגערופן מיט אַ ווּיברירנדיקער און מעלאָדישער שטים:

— ווי איך זע, ביסטו אַ פרעמדער ביי אונדז אין לאַנד. וואָרים ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אַ ייִדישער מענטש — און דאָס זעסטו אויס צו זיין, נישט אמת? — זאָל נישט וויסן, פאַרוואָס עס איז יום־טוב היינט ביי אונדז! אָבער דאָס, וואָס דיינע אויגן זעען איצט, איז נאָך גאָרנישט אין פאַרגלייך, וואָס דו וועסט זען אין אַ פאָר רגעס אַרום... באַלד וועט דער מלך אונדזערער, דער כאַקאַן יוסף בן אהרן, אַרויסרייטן אין זיין פולער פּראַכט אויף אַ מילך־ווייסן פערד, וואָס שטאַמט פון דעם פערד, וואָס דער אַראַבישער קאַליף האַרון אל ראַשיד האָט זיין עלטער־על־טער זיידן געגעבן אַלס מתנה. טראָמפּייטן וועלן שאַלן, פייפלעך וועלן פייפן און שופרות וועלן בלאָזן, אַנזאָגנדיק דעם פאָלק פון די כוזרים, אַז פונקט היינט, אין יאָר ד׳ אלפים תש״י (950), איז געוואָרן 200 יאָר זינט דער עלטער־עלטער זיי־דע פון אַלמעכטיקן קעניג יוסף, דער כאַקאַן פון דעם כוזרישן פאָלק, בולאַן דער גרויסער, האָט אָנגענומען דאָס ייִדישע גלויבן...

דערביי האָבן די אויגן פון דעם שוואַרץ־חנעוודיקן מיידל אַזוי געפלאַקערט און געברענט, אַז מען האָט געקאָנט לעבן איר אָנגעצונדן ווערן. זי איז געווען אינגאַנצן דורכגענומען פון פרייד און התפּעלות, און זי איז געווען גליקלעך צו האָבן פאַר וועמען צו דערציילן וועגן דעם דאָזיקן גרויסן טאָג.

און כאָטש יצחק האָט שוין געוווּסט וועגן דעם דאָזיקן יום־טוב פון די רייד פון די ייִדן אין דער שטאָט דערבענד, האָט ער אירע רייד אויפגענומען, ווי זיי וואָלטן פאַר אים געווען ניי, ווייל דער אופן ווי דאָס דאָזיקע פּראַכטפולע מיידל האָט אים דערציילט, האָט אַלץ געקראָגן גאָר אַן אַנדער פּנים...

ער איז איר דערפאַר דאַנקבאַר געווען אָן אַ שיעור. זי האָט מיט אירע רייד דעם דאָזיקן יום־טוב צוגעגעבן אַ סך רייץ און אינטערעסאַנטקייט. אַחוץ דעם האָט דאָס מיידל אויף אים געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק, זי איז געווען ווי אַ טראָפּן וואַסער ענלעך צו פנינהן: אַן אמתע ייִדישע טאָכטער, אָן שום צומיש פון וועלכן עס איז אַנדערן בלוט...

טרערן זענען געקומען אין יצחקס אויגן פאַר גרויס געריִרטקייט, וואָס אויף אים איז אויסגעפאַלן דער גורל בייצוווינען אַזאַ גרויסן ייִדישן יום־טוב, געפּראַ־וועט אין אַ ייִדישער מלוכה. ער האָט זיך איצט מיט זיינע אייגענע אויגן איבער־

ציִיגט אין דער אמתדיקייט פון די רייד, וואָס די שליחים פון ביזאַנטישן קייסער האָבן איבערגעגעבן אין דער אַנדאַלוזישער הויפּטשטאָט קאָרדאָוואַ, אין הויף פון אויסערן־מיניסטער, ר׳ חסדאי אבן שפרוט.

ער האָט זיך מיט זיין פרייד געטיילט מיט דעם איינעם פון די דאָזיקע ביזאַנטישע שליחים, וועלכער איז באַקערט איז געוואָרן צום יידישן גלויבן, כאָטש אויף אַן אָפיציעלן אופן האָט ער זיך נאָך נישט געהאַט מגייר געווען. אויך ער, אברהם־דאַגאַמאַר, האָט זיך געפרייט מיט דער גרויסער יידישער שמחה און אַ ליכטיקע שיין האָט זיין פנים באַלויכטן.

דאָס מיידל האָט מיט נייגעריקייט געקוקט אויף די ביידע מענער און זי האָט פון זייער פאַרהאַלטן זיך פאַרשטאַנען, אַז איר דערציילן האָט געמאַכט אויף זיי אַן אומגעהויערן איינדרוק, און זי האָט גאָר גרויס חשק געהאַט געוויר צו ווערן געננוי ווער זיי זענען און צוליב וואָס זענען זיי אַהערגעקומען און פון וואַנען ברענגט עס זיי דאָ אַהער אין איר לאַנד אריין...

עס איז איר געלעגן אויף דער שפּיץ צונג די פראַגע זיי צו שטעלן. אירע בליקן האָבן דורכגעדרונגען די צוויי פרעמדע געסט און דערביי האָט אַ פריינט־לעכער שמייכל געשוועבט איבער אירע ליפּן, וואָס האָבן זיך ווי אַ ראָזער קאָראַל געעפנט און אַ שורה פערל־ווייסע ציינדלעך האָבן אַרויסגעפינקלט פון צווישן זיי...

ענדלעך האָט זיך איר בליק אָפּגעשטעלט אויף יצחקן, ווייל ער האָט איר אויסגעוויזן צו זיין נענטער און היימישער סיי מיט זיין אויסזען און סיי מיט דער שפּראַך, וואָרים בלויז ער האָט גערעדט די אַלטע שפּראַך פון די נביאים, בעת זיין חבר האָט נאָר אייניקע ווערטער אַרויסגערעדט, וואָס ס׳איז שווער גע־ווען צו פאַרשטיין.

— פון וואַנען קומסטו, מיין פריינט?... און וואָס איז דיין ציל דאָ אין לאַנד? — האָט זי געפרעגט דעם יידישן שליח פון קאָרדאָוואַ און אים דערביי דורכגעדרונגען מיט איר וואַרימען בליק.

יצחק האָט איר אין קורצע ווערטער דערציילט דעם צוועק פון זיין קומען אַהער און פון וואַנען ער שטאַמט, און ווי אַזוי זיינע ברידער דאָרט אין דער ווייטער שפּאַניע לעכצן צו וויסן אַ וואָרט וועגן דער יידישער מלוכה ביים טייך אי־טיל, וואָס איז אויף דער אַנדערער זייט פון באַרג אַררט אין קאַווקאַז. וואָס מער ער האָט גערעדט, אַלץ מער האָבן אירע אויגן געגליט פון נייגעריקייט. זי האָט אויך פון צייט־צו־צייט געוואָרפן אַ בליק אויף זיין פריינט, וועלכער האָט לויט איר אָפּשאַצונג נישט געהערט צו דעם זעלבן שטאַם וואָס יצחק, און אין איר בליק איז געווען, ווי זי וואָלט זיך געפרעגט: „און ווער איז דער דאָזיקער אומ־באַקאַנטער מאַן, וועלכער זעט גיכער אויס אויף אונדזערס אַ שונא ווי אַ פריינט?“

יצחק האָט דעם פרעגנדיקן בליק פאַרשטאַנען און ער האָט אויך בנוגע דעם געשטילט איר נייגעריקייט און דערציילט, ווי ער האָט זיך מיט דאַגאָמאַרן באַגעגנט און וואָס ער האָט צו אים גערעדט אויפן וועג פון זייער לאַנגער רייזע.

— האָסטו דאָך אויפגעטאָן דאָס זעלבע וואָס מיין עלטער־עלטער זיידע, ר׳ יצחק סאַנגורי!... — האָט זי מיט פרייד אויסגערופן, נאָכדעם ווי זי האָט אויסגעהערט די גאַנצע געשיכטע, און פאַר התפעלות אָנגעכאַפּט זיין האַנט און זי פעסט געדריקט.

— ביסטו דאָס אייניקל פון ר׳ יצחק סאַנגורי? — האָט יצחק מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט — איך האָב געהערט דערציילן וועגן אים פון אַ גרויסן תלמיד־חכם, וועלכער האָט צו אונדז פאַרבלאָנדזשעט פון בבל... זיין נאָמען איז משה בן חנוך און ער איז איצט דער ראש־ישיבה אין קאָרדאָוואַ...

— פון בבל?... — האָט זיך דאָס מיידל דערפרייט — אויך מיר זענען אָפּשטאַמיקע פון בבל און מיין זיידע, ר׳ יצחק סאַנגורי, איז געקומען אין לאַנד פון די כוזרים מיט אַן ערך 250 יאָר צוריק, און אַדאַנק אים האָט דאָס כוזרישע פאָלק שפּעטער אָנגענומען די יידישע אמונה.

דער ביזאַנטיער איז געשטאַנען דערלעבן און זיך צוגעהערט צום געשפּרעך פון די צוויי יונגע מענטשן, און כאָטש ער האָט נישט אַלץ פאַרשטאַנען, האָט ער זיי מקנא געווען, וואָס זיי האָבן געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך. זיי זענען שוין אַזוי היימיש, ווי זיי וואָלטן זיך געקענט פון כמה וכמה יאָרן...

מען האָט באַשיינפּערלעך געזען, ווי דאָס מיידל איז ווי צוגעקלעפּט געוואָרן צום יונגן בחור פון דער ווייטער קאָרדאָוואַ און זי קאָן פון אים נישט אָפּטרעטן. דער ביזאַנטיער האָט זי באַדויערט, וואָרים ער האָט דאָך געוווסט פון יצחקס דערציילן, אַז ער האָט אין דער היים איבערגעלאָזט אַ געליבט מיידל. סיידן ער וועט זי נעמען אַהיים פאַר אַ קעבסווייב...

— דאָס איז די גרעסטע פרייד אין מיין לעבן — האָט זי אויסגערופן מיט אַ ציטערדיק קול — וואָס איך האָב אָנגעטראָפן אויף אַ ברודער פון אַזאַ ווייט לאַנד, וועגן וועלכן מיר האָבן דאָ קיינמאָל נישט געהערט, אַז עס עקזיסטירט אויף גאָטס וועלט. דו וועסט זיכער אויפגענומען ווערן מיט גרויס כבוד דורך אונדזער מלך יוסף בן אהרן, און אַ גרויסע פרייד וועט זיין אין קעניגלעכן הויף, ווען מען וועט לייענען דעם בריוו פון אייער פירשט ר׳ חסדאי אבן שפרוט... דער נאָמען קלינגט עפּעס אַזוי אַראַביש...

— ווייל מיר וווינען אין אַן אַראַביש לאַנד... — האָט יצחק געענטפערט — האָט זיך צו אונדז עפּעס פון זיי צוגעטשעפּעט...

ער האָט איר נאָך עטוואָס געוואָלט זאָגן, אָבער אין דער זעלבער רגע האָבן די פויקן און טאַצן נאָך העכער אָנגעהויבן צו קלאַפּן, די טראָמפּייטן און שופרות

האָבן לאַנגע תקיעות אויסגעבלאָזן, אַזש אַ ציטער איז אַדורך איבערן לייב פֿון די צוויי פרעמדע געסט. דאָס מיידל האָט אַ כאַפּ געטאָן יצחקן ביי דער האַנט און אים אַ צי געטאָן נאָך זיך און דער ביזאַנטיער איז זיי נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן. זיי זענען אַלע דריי באַלד פאַרטרונקען געוואָרן אין דעם ים פֿון מענטשן. פֿון זייערע העלדזער האָבן זיך געריסן די זעלבע קולות און אויסגעשרייען, וואָס פֿון די אַנדערע טויזנטער און טויזנטער: „יחי המלך יוסף!“

— יחי המלך!...

די מענטשן האָבן ווי אויף אַ כישוף־שפּרוך אָנגעהויבן מיטאַמאָל אָפּצוטרעטן אויף רעכטס און אויף לינקס און איבערגעלאָזט אינמיטן דער גאַס אַ ליידיק אָרט; און באַלד האָט מען פֿון ווייטן, אויפֿן זילבערנדיקן פּאָן פֿון כוזרישן ים, געזען אָנקומען צו רייטן אויף אַ מילך־ווייסן אַראַבישן פערד דעם מלך אַליין. ער איז געווען אָנגעטאָן אין גרין־רויטע קליידער, אויסגעהאַפטן מיט גאָלד און זיל־בער ביי די זוימען. אויפֿן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ קרוין פֿון ריינסטן גינגאָלד, וואָס האָט געבליאַסקעט אויף דער זון און האָט געשפּריצט מיט מיליאַרדן פייער־דיקע פונקען אין דער בלויער לופט.

דאָס פערד האָט געשטעלט פּאַמעלעכע טריט, אַז מען האָט זיי געקאָנט ציילן איינס אין איינס. דער מלך איז געזעסן גלייך און שטאָלץ, דאָס אַליוו־ברוינע פּנים אין אַ שוואַרץ, לענגלעך בערדל איינגעראָמט, און ער האָט זיין באַקרוינטן קאָפּ גענייגט דאָ אויף רעכטס און דאָ אויף לינקס, צולייגנדיק יעדעס מאָל, מיט אַ ברייטן שמייכל אויפֿן פּנים, די האַנט צום האַרץ און צום שטערן... לעבן אים איז אויף אַ סאַמעט־שוואַרצן פערד געריטן די קעניגין, מיט איר געטאָקטן שוואַ־נען־האַלדז, ווי פֿון מירמלשטיין אויסגעפורעמט, אינגאַנצן אין ווייסן געקליידט, ווי אַלע איבעריקע פרויען אין דער ריזיקער מחנה, און האָט שמייכלענדיק גע־בליצט מיט אירע ים־בלויע אויגן צום פאַרזאַמלטן המון.

— זי איז די שענסטע פרוי אין דער וועלט!... — האָט דאָס יונגע מיידל איינגערוימט יצחקן אין אויער, כמעט אָנרירנדיק מיט אירע פייכטע וואַרימע ליפּן זיינע אויערן־לעפּלעך, אַזש אַ הייסער ציטער איז אים דורך איבער אַלע אברים.

— נישט שענער מסתמא פֿון דיר... — האָט יצחקן זיך נישט־ווילנדיק אַרויס־געכאַפּט פֿון מויל און אַ בליץ פֿון זיינע קויל־שוואַרצע אויגן האָט זי דורכגענומען.

דאָס מיידל איז רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן און זי האָט פאַרשעמט אָפּגעבויגן דעם קאָפּ מיט די פּרעכטיק געקרייזלטע שוואַרצע האָר.

יצחקס פריינט האָט דאָס באַמערקט און עס האָט אים אַ גלי געטאָן אין די געבליטן. ער האָט זיך עטוואָס צוריקגעצויגן, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, ווי ער פאַר־לירט זיך אין דער ריזיקער מחנה און איבערגעלאָזט דאָס פּאָרל אַליין.

ווען יצחק האָט זיך פלוצלינג אַרומגעזען, אַז זיין ביזאַנטיער פריינט האָט זיך פאַרלוירן פון זיין בליק, איז ער געוואָרן אַביסל אומרויִק, אָבער אין זיין אונטערבאַוווסטזיין האָט עס אים הנאה געטאָן.

— ווי איז דיין נאָמען, שענסטע טאָכטער פון ישראל? — האָט ביי איר יצחק פלוצלינג אַ פרעג געטאָן.

— שולמית סאַנגורי...

— שולמית... אַ שיינער נאָמען, די געליבטע פון שלמה המלך!...

— אָבער אין מיר ליבן זיך נישט קיין מלכים — האָט זי חנעוודיק אויס־גערופן.

יצחק האָט איר עפעס געוואָלט זאָגן, אָבער ער האָט זיך תיכף צוריקגע־כאַפּט. עס האָט אים אַ שוועב געטאָן פאַר די אויגן, ווי מיט פייערדיקע אותיות אויפגעשריבן: „און אַז דו וועסט באַגעגענען אַן אַנדערע?...״

אַ טרויער האָט שוועב געטאָן איבער זיין פּנים, ווי אַ טונקעלער וואָלקן, אַז דאָס מיידל האָט עס אַזש באַמערקט. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַן אומפאַר־שטענדלעכן בליק; זי האָט אים געוואָלט עפעס פרעגן, ווייל אַט האָבן זיך אירע ליפּן אַ באַוועג געטאָן, אָבער אין דער רגע האָט יצחק זיך אומגעקוקט, גלייך ער וואָלט דאָס ערשט איצט באַמערקט, און אַ פרעג געטאָן:

— אָ, ווו איז מיין פריינט? ער וועט אין דער דאָזיקער ריזיקער מחנה נאָך פאַרבלאָנדזשעט ווערן!

— ער וועט זיך אָפּזוכן — האָט אים שולמית באַרויִקט — אַזאַ אויסטערליש קיילעכדיק פּנים, מיט אַזעלכע וואַסערדיק־בלויע אויגן וועט זיך יעדן וואַרפן אין בליק און דאַרפסט נישט מורא האָבן, מען וועט אים דיר צוריקברענגען...

אין דעם מאָמענט האָט אַ גרויסע כוואַליע מענטשן זיי אַ טראָג אַוועק גע־געבן און זיי האָבן זיך נישט ווילנדיק ביי די הענט אַ כאַפּ אָן געטאָן, אין דעם דאָזיקן מענטשן־געדראַנג זיך נישט צו פאַרלירן.

אַן אויסגעצויגענער שאַל פון אַ טראָמפּייט האָט אָנגעזאָגט, אַז עפעס וויכ־טיקס גייט געשען. די ריזיקע מחנה האָט זיך אָפּגעשטעלט און עס איז שטיל גע־וואָרן ווי אין אַן אויער. פון ווייטן האָט זיך געהערט דאָס גערויש פון טייך אי־טיל, ווי ער גיסט אַריין זיינע וואַסערן אין כוזרישן ים.

— דער כאַקאַן גייט רעדן!... — האָט שולמית אַ שעפּטשע געטאָן מיט באַ־גייסטערונג יצחקן אין אויער אַריין — דער מלך יוסף...

דאָס האָט זי פאַרבעסערט, ווייל טאָמער ווייסט נישט דער פרעמדער וואָס אַזוינס עס מיינט דער טיטול „כאַקאַן״.

זי האָט אים אַ צי געטאָן נאָך זיך, דורכשלאָגנדיק אַ וועג אין דער ענגשאַפט,

כדי זיך אָוועקצושטעלן נעבנטער פון דעם פּלאַץ, ווו עס זעט זיך דאָס מילך־ווייַסע פערד, און רייטנדיק אויף אים — דער מלך.

עס האָט געהערשט אַ לענגערע ווײַלע שטילשווייגן. אַלעמענס בליקן זענען געווען געווענדט צו דער זייט פון דעם קעניגלעכן פּאָר. יצחק האָט זיך איצט פון דער נאָענט צוגעקוקט צום געזיכט פון קעניג, מיט וועמען ער וועט דאַרפן נאָך היינט אָדער מאָרגן קומען פנים אל פנים. עס איז אויף אים געווען אויסגעגאָסן אַ מאַיעסטעטישע איידלקייט. ער האָט געהאַט ייִדישע שטריכן אין זיין פנים, אָבער געמישט מיט עפּעס פרעמדס, וואָס האָט אַרויסגעבליצט פון זיינע שוואַרצע אויגן.

„צי האָבן אַזוי אויסגעזען די קינדער פון ישראל, איידער זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן דורך דעם מלך פון אשור?" האָט יצחק זיך געפרעגט.

וואָרים ער האָט נאָך אַלץ געגלייבט, אַז דער שבט פון די כוזרים איז אַן אָפּשטאָם פון די צען פאַרטריבענע שבטים דורך שלמנאסר מלך אשור. ער האָט געזוכט אין יעדן שטריך זיינעם עפּעס ענלעכקייט צו די ייִדן אין שפּאַניע, אָדער צו די ייִדן אין בבל, וועמעס געשטאַלט ער האָט געקענט פון ר' משה בן חנוך, צי פון דעם פּאָעט דונש בן לברט, וועלכער איז אויך פון בבלער אָפּשטאַם.

דער מלך יוסף בן אהרן האָט אָן שום ספק געהאַט אין זיך פון קעניגלעכן אויסזען. פון זיינע אויגן האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ באַפעלערישע קראַפט, אָבער גלייכצייטיק — אויך אַ ווייכקייט פון אַ גוטן מענטש. אַזוי איז אויך געווען די קעניגין, וועמענס שטריכן אָבער זענען געווען מער ענלעך צו די שפּאַנישע ייִדן, וואָס יצחק האָט געקענט.

— איז די קעניגין אויך אַן אָפּשטאַמיקע פון די כוזרים? — האָט יצחק שטיל געפרעגט ביי שולמיתן.

— ניין, זי איז אַן אָפּשטאַמיקע פון הויז פון סאַנגורי, זי איז מיינע אַ קרובה... — האָט שולמית נישט אָן שטאָלץ געענטפערט און געקוקט דורכדרינגלעך אויף דעם קאַרדאָווער יונגנמאַן, וואָס פאַר אַן איינדרוק אירע רייד האָבן אויף אים געמאַכט.

— מען דערקענט עס גלייך... — האָט יצחק שטיל אַ פליסטער געטאָן, און אַ צופרידנקייט האָט זיך אויסגעדריקט אויף זיין פנים, וואָס דיביידע בלוטן מישן זיך אויס שוין אַזוי עטלעכע דורות נאָכאַנאַנד.

עמיץ האָט זיי איינגעשטילט מיט אַ דראָענדיקן בליק, ווייל דער קעניג האָט שוין געזאָלט אָנהייבן צו רעדן.

אין דער זעלבער רגע האָט זיך דערהערט די אָנגענעמע שטים פון כוזרישן הערשער:

— מיינע טייערע ברידער, ייִדן! — האָט ער אָנגעהויבן — מיינע טייערע

אונטערטאַנען פון אַלע גלויבנס און פעלקער... יאָ, איך בין שטאָלץ דערויף, וואָס איך קאָן אייך אַזוי אָנרופן און וואָס אונטער מיין הערשאַפט, פונקט ווי אונטער דער הערשאַפט פון אַלע מיינע זיידעס, פון דעם קעניגן פון דעם כוזרים־פאָלק, ביז צו מיין עלטער־עלטער זיידן, דעם כאַקאַן בולאַן, אָדער סבריאל, ווי ער האָט זיך גע־רופן נאָכן מגייר זיין זיך — לעבן אַלע פריי און זיי קאָנען דינען צו זייערע גע־טער און דערפאַר נישט געוואָרן פאַרפאָלגט... איך גלייב מיט מיין גאַנצן האַרץ, אַז די אַלע, וואָס האָבן נאָך נישט אָנערקענט די אמונה פון איינאייינציקן גאָט, טוען עס נישט דערפאַר, ווייל זיי פאַרמיאוסן אין דעם דאָזיקן גלויבן, נאָר דער־פאַר, ווייל זיי זענען נאָך געשלאָגן מיט בלינדקייט און זיי קאָנען נישט אָפשאַצן די גרויסקייט און דערהויבנקייט, וואָס מיין זיידע, בולאַן דער גרויסער, האָט דערזען אין חלום און פון דעם חלום געמאַכט אַווירקלעכקייט... היינט, אין פופצנטן טאָג פון חודש אלול פון יאָר ד׳ אלפים תש״י (950), איז געוואָרן 200 יאָר, ווען די אמתע שיין האָט אויפגעשטראַלט אין מוח פון מיין עלטער־עלטער זיידן, דעם קעניג בולאַן־סבריאל, און ער איז אַרונטערגעבראַכט געוואָרן אונטער די פליגל פון איינאייינציקן גאָט דורך דעם גרויסן רבין, רבי יצחק סאַנגורי, קיינ־מאָל זאָל זיין נאָמען דורך אונדז נישט פאַרגעסן ווערן, און וואָס זיינס אַן אור־אור־אייניקל איז היינט די קעניגין פון לאַנד פון די כוזרים...

ביי די דאָזיקע רייד זענען אויסגעבראָכן אַזעלכע גוואַלטיקע געשרייען פון התפעלות און אַ געפאַטשערייי פון הענט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז עטלעכע טייכן מיטאַמאָל האָבן זיך פון ערגעץ אָפגעריסן און האָבן אָנגעהויבן אַלע צו פלייצן אין כוזרישן ים אַריין...

און ווען עס האָט זיך איינגעשטילט דער רעש, האָט דער מלך יוסף אויף אַ רויִקן אופן ווייטער אָנגעהויבן צו רעדן, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען:

„אין משך פון די צוויי הונדערט יאָר פון אונדזער הערשאַפט איבערן דאָזיקן לאַנד איז אונדזער מלוכה שטאַרקער און גרעסער געוואָרן. גרויסע שטחים ערד — פון צופוסנס ביי די בערג פון קאַווקאַז ביז ווייט אַרויף, פון וואַנען עס פליסט אַרויס דער טייך איטיל און וווּ עס געפינען זיך די סלאַווישע שבטים פון רוס און די פעטשענעגן און ביז צום טייך סמבטיון (דאָן), וווּ עס טרייבן נאָך אַרום וואַנ־דערנדיקע סלאַווישע שבטים — זענען געוואָרן אונטערטעניק צו אונדז און זיי צאָלן טשינש צו אונדזער מלוכה־אוצר. אָבער אויב עס וועט קיינעם נישט איינ־פאַלן איבערצופאַלן אונדזער לאַנד, קאָנען אונדזערע אַלע שכנים, די געצנדינער, זיצן רויִק אויף זייער באָדן און קיינער וועט זיי קיין האָר פון קאָפּ נישט לאָזן פאַלן...

„צווישן דער גרויסער צאָל מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָ היינט פאַרזאַמלט אויף די גאַסן פון אונדזער גאָלדענער שטאָט, כדי אָפצוגעבן כבוד מיינע זיידעס

און מיין לאַנד, געפינען זיך אויך שליחים פון די דאָזיקע סלאַווישע לענדער — גיט זיי אָפּ כבוד און ערע!״

ווידער איז אויסגעבראָכן אַן אויסגעשריי פון כבוד־אויסרופן. דאָס האָט מען איצט אַזוי באַערט די שליחים פון די סלאַווישע פעלקער און מ׳האָט אין זייער שפּראַך אויסגערופן: „הורא, הורא, הורא!...״

די בכבודיקע שליחים, מיט ווייסע בערד און פוטערנע היטלען אויף די קעפּ, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן דורך דעם רוסישן פירשט סוויאַטאָסלאַוו, זענען געהויבן געוואָרן אויף די הענט אין דער לופטן, און איינער פון זיי, מיט אַ בכבודיקן אויסזען, האָט אין דער סלאַווישער שפּראַך, וואָס האָט געקלונגען אַלע־מען פרעמד אין די אויערן, אָבער וואָס איז באַלד איבערגעזעצט געוואָרן אויפן כוזרישן לשון און אויף לשון־קודש, האָט געענטפערט מיט אַ באַסאָווער שטים:

— גרוס און ערע שיקט צו דיר, גרויסער קעניג פון דעם כוזרישן פאָלק, אונדזער פירשט סוויאַטאָסלאַוו, דער פירשט פון רוס און פון אַנדערע סלאַווישע שבטים. ער ווינטשט דיר דאָס אייביקע לעבן, אַז דו און דיינע קינדער און קינדס־קינדער זאָלן זיצן אומגעשטערט אויפן טראָן פון דיינע אבות און ערלעך, ווי ביז איצט, רעגירן איבער די פעלקער פון דיין לאַנד. דער פירשט סוויאַטאָסלאַוו דריקט־אויס איבערגעבנקייט און טרייהייט צו דיין קרוין, צו דער קרוין פון מלך יוסף, דעם כאַקאַן פון די כוזרים, און ער בעט בלויז פון דיר שוץ און זיכערקייט קעגן די ווילדע אַראַבישע פעלקער און קעגן די ווילדע און באַרבאַרישע טאַטאַרן...

ווידער האָט אַ הילך־געטאָן אין דער בלוי־זוניקער לופט אַ „הורא״! און אַ ווייסער קאָפּ מיט האָר האָט אַ פלאַטער געטאָן אין דער לופטן, דאָס האָט מען דעם שליח פון רוסישן פירשט סוויאַטאָסלאַוו אַזוי אַ הייב געטאָן אין דער הויך.

עס האָבן אויך דעם כאַקאַן יוסף פון כוזרים־לאַנד באַגריסט פאָרשטייער פון ביזאַנטישן קייסער ראָמאַנוס דעם צווייטן, פאָרשטייער פון די אַראַבישע שבטים אויף יענער זייט פון דעם האַלב־אינדזל קרים, וואָס ליגט אויפן שוואַרצן ים. אַלעמענס רייד זענען באַלד איבערגעזעצט געוואָרן דורך די געלערנטע, וואָס האָבן זיך שטענדיק געפונען ביי דער זייט פון מלך יוסף בן אהרן און זענען געווען זיינע שטענדיקע ראַטגעבער — אויף דער שפּראַך פון דער מדינה. און זיי זענען באַגלייט געוואָרן מיט אויסגעשרייען פון גוטהייסונג און צופרידנקייט.

אַלעמענס אויגן האָבן געשיינט פון באַגייסטערונג. זיי האָבן זיך אַלע געפילט זיכער און גוט באַשיצט דורך דער שטאַרקער כוזרישער אַרמיי, וואָס האָט פאַרמאָגט איבער 40 טויזנט רייטער מיט שווערדן און שפּיזן און שווערע פייל און בויגנס און וועלכע האָבן געקאָנט ביישטיין דעם אָנגריף פון צענדליקער און הונדערטער טויזנטער שונאים.

אַ פאָרשטייער פון קעניגלעכן הויף האָט אויפן אָרט געמאָלדן, אַז אַ רייך

מאָלצייט ווערט צוגעגרייט אויף היינטיקן אָוונט פאַר די געסט פון די פרעמ־דע מלוכות און פאַר די נאָענטע היימישע געסט פון קעניגלעכן פּאַלאַץ. אויף דעם דאָזיקן מאָלצייט וועט ווערן אָפּגענומען די טרייהייטס־שבועה פון די אונ־טערטעניקע פעלקער. עס וועלן אויך געערט ווערן היינט אָוונט די אָפּשטאַמיקע פון דער משפחה סאַנגורי, וועמענס אָנדענקען וועט פון אונדזערע מוחות קיינ־מאָל נישט אויסגעמעקט ווערן און וועט בלייבן אין זכרון אויף דורי־דורות, אמן.

— זאָל לעבן דאָס הויז פון סאַנגורי! — האָבן זיך געהערט אויסרופן פון דער ריזיקער מחנה — זאָל לעבן דאָס פּאַראַייניקטע הויז פון סאַנגורי און דעם מלכות פון כוזרים־לאַנד!. .

און די, וועלכע זענען געשטאַנען נאָענט פון דעם יונגן שיינעם מיידל, שול־מית סאַנגורי, האָבן געהאַלטן פאַר נייטיק איר צו זאָגן אַ פּאָר גוטע ווערטער און געווונטשן איר, אַז זי זאָל אין דעם היינטיקן גרויסן יום־טוב געפינען איר ריכטיקן זיווג.

אַ רויטקייט האָט באַדעקט איר יונג, שיין פּנים און זי האָט זיך נענטער צוגעדריקט צום יידישן שליח, יצחק בן נתן, וועגן וועמענס אָנוועזנקייט מען האָט נאָך אין קעניגלעכן הויף נישט געוווּסט.

— דו וועסט צוזאַמען מיט מיר היינט אָוונט גיין אין הויף פון מלך יוסף! האָט אין דער רגע דאָס מיידל אויסגערופן צו אים — און איך וועל דיך פאַר־שטעלן פאַר די האַרן פון דער אַרמיי און פון דער מלוכה.

אַ שאַלן פון טראָמפּייטן און אַ בלאָזן פון שופרות האָבן פאַרטרונקען אירע רייד. אַ מעכטיק געזאַנג פון אַ פריי פאָלק האָט זיך אַרויסגעריסן פון די ברוסטן פון דער ריזיקער מחנה, וואָס האָט ווי אַ צעגאָסענע און צעשטורעמטע כוואַליע גענומען שפּאַרן איבער די ברייטע גאַלד־זאַמדיקע גאַסן פון דער הויפּט־שטאָט באַלאַנגאַר. די זון האָט געשאָטן מיט ברענענדיקע שטראַלן איבער אַלע־מענס קעפּ און איבער די ווייסע לייוונטענע געצעלטן און שטיינערנע הייזער, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַט־אַט צינדן זיי זיך אָן און וועלן אויפפלאַקערן ווי די הבדלות אינמיטן העלן טאָג.

די מענטשן־כוואַליע האָט געשטראָמט און געשטראָמט ווי אַ ריזיקע פאַרפליי־צונג ווייט אַרויס פון דער שטאָט, צו די ברעגן פון כוזרישן ים און לענגאויס די ענדלאָזע ברויע וואַסערן האָבן זיי מאַרשירט שעהנווייז זינגענדיק לידער, וואָס האָבן זיך אין אָנהויב יצחקן אויסגעוויזן פרעמד און ווילד, אָבער ביסלעכ־ווייז האָבן זיי געפונען אַן אָפּקלאַנג אין זיינע אויערן און זיינע ליפּן האָבן זיך געעפנט און מיטגעזונגען, צוזאַמען מיט דער יונגער און פּראַכטפולער שולמית, וואָס האָט זיינע הענט פון אירע נישט אַרויסגעלאָזט, דריקנדיק זיי ביז ווייטיק.

אָבער פֿאַר יצחקן איז דאָס קיין וויטיק נישט געווען, נאָר אַ זיס און הייס געפּיל, וואָס ער האָט געוואָלט, אַז עס זאָל אַזוי אייביק געדויערן.

— און ווו וועל איך מיין פּריינט איצט געפֿינען?... האָט יצחק זיך דערמאָנט, ווען דער עולם האָט זיך שוין אָנגעהויבן פֿונאַנדערגיין.

ער האָט אים געזוכט אומעטום, ער האָט זיינע אויגן אויסגעקוקט, אָבער דאָס ברייטע קיילעכדיקע פּנים פֿון ביזאַנטיער איז נישט געווען צו זען. ער איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן ווי אין אַ נישט דערגרונטבאַרן תּהום אין דעם צעשטורעמטן ים פֿון מענטשן.

ער האָט ווייטער, געשטופּט ווערנדיק פֿון דער ריזיקער מאַסע, געפֿירט זיך האַנט אין האַנט מיט דעם שיינעם מיידל, דער אָפּשטאַמיקער פֿון דער באַרימטער סאַנגורי־משפּחה. די זון האָט שוין אָנגעהויבן אַוועקצונויגן זיך אין דער ריכטונג פֿון מערב, און עס איז אַביסל קילער געוואָרן אין דער לופֿט. דער ים פֿון די כאַזאַרן האָט זיך צעפֿלאַקערט אין די שטראַלן פֿון דער אונטערגייענדיקער זון און זילבערנדיק זיך אָנגעהויבן מיניען אין כלערליי פֿאַרבן. אַ ריח פֿון בלומען אין די אַרומיקע גערטנער האָבן אָנגעפֿילט די לופֿט. דאָס האָט אַ לייכט ווינטל אַ שוועב געטאָן פֿון מזרח־זייט און אויף זיינע אומגעזעענע פֿליגל געבראַכט צו טראָגן דעם דופֿט פֿון דעם מאַנדל־בלי[?]עכץ. דער הימל האָט פֿייערדיק געפֿלאַמט און אָפּגעגאָסן מיט פּורפּורישן און גליאיקן רויט די גאָלדענע דעכער פֿון פֿיל טעמפּלען און די בנינים פֿון דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ.

אַ בלויע נאַכט, ווי אין אַ פֿאַנטאַסטישן חלום, האָט אַראָפּגעגנידערט פֿון די הימלען. זי איז אָנגעקומען פֿון אַלע זייטן און איינגעהילט די גאָלדענע שטאָט מיט זילבערנעם, פֿאַרכישופֿדיקן בלוי. די הויכקייטן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט גלימערנדיקן גאָלדגרין פֿון די מילי־מיליאַסן שטערנדלעך און געזייט שטילקייט און סודותפֿולקייט אין אַלע ווינקעלעך, אָפּגעשפּיגלט זיך אין דעם ריזיקן ים און אין די שוימיקע כוואַליעס פֿון טייך איטיל, וואָס האָט געשטראָמט פֿון ווייטע פֿאַרהוילענע מרחקים, ווו פֿרעמדע פֿעלקער זענען איינגענעסטיקט און פֿירן זייער אייגן און באַזונדער לעבן. . .

די שטאָט איז געוואָרן אָפּגעליידיקט פֿון מענטשן, וואָס האָבן זי בייטאָג געהאַט פֿאַרפֿלייצט ביז איבער די ברעגן. אַלע זענען איצטער געווען אין די הייַמען און האָבן געפּראַוועט דעם גרויסן יום טובֿ פֿון גייסטיקער באַפֿרייאונג און דערוואַכונג. מען האָט זיך דערציילט פֿאַרשידענע מעשׂיות וועגן די וויכּוחים, וואָס דער קעניג בולאַן האָט געפֿירט מיט די פֿאָרשטייער פֿון דריי אמונות, און ווי ער האָט ענדלעך באַשלאָסן, נאָך אַ לאַנגער איבערטראַכטונג מיט זיך אַליין, אָנצונעמען דאָס ייִדישע גלויבן. עס איז געווען ווי אַ מין נייער „יציאת מצרים“, וואָס דאָס פֿאָלק פֿון די כוזרים האָט דערציילט זייערע קינדער ביי געדעקטע

טישן, אויף וועלכע עס איז געשטאַנען פון כל טוב, און אויך זיי האָבן געפרעגט פאַרשידענע קשיות: פאַרוואָס, פאַר וועמען און ווי אַזוי איז דאָס געשען. און דער עלטסטער פון הויז האָט די קשיות פאַרענטפערט און דערציילט, ווי זיי זענען אַמאָל געווען געצנדינער, פונקט ווי עס זענען נאָך איצט די סלאַווישע שבטיםביים אויבערשטן טייך איטיל און סמבטיון (דאָן), ביז אַרויף צו, הינ־טער די הרי חושך (אוראַל־בערג) און ווייטער אַרויף צו צפון; ווי אַזוי דעם קעניג בולאַן האָט זיך געחלומט אַ געטלעכער חלום, וואָס האָט אים געהייסן זוכן דעם אמתן גלויבן, און ער האָט אים ענדלעך, נאָך פיל נאָכטראַכטענישן געפו־נען. און דאָס איז געשען אַדאַנק דעם גרויסן ייִדישן רבין יצחק סאַנגורי, וועל־כער האָט אַהערגעוואַנדערט פון מדינת בבל.

און אַזוי איז געווען אין אַלע כוזרישע היימען. עס האָבן געברענט אַ סך מנורות און ס'איז געווען ליכטיק ווי ביי טאָג. די טישן זענען געווען באַדעקט מיט ווייסע טישטוכער, מיט די טייערסטע מאכלים און געטראַנקען אויף זיי, און אין יעדן ווינקל האָט געשמעקט פון ריינקייט. אַ גרויסן פרייהייט־יום־טוב האָבן די כוזרים געפּראַוועט.

דאָס יונגוואַרג האָט זיך אָבער נישט איינגעהאַלטן אין די הייזער, נאָר זיי האָבן געצויגן אין דעם אָפּגעקילטן דרויסן אַרויס, צום ברעג פון טונקל־בלויען ים, וווּ זיי האָבן שטילערהייט זיך איינגעהאָרכט צום סודותדיקן שעפּטשען פון די כוואַליעס. פיל פון זיי האָבן געצויגן צום קעניגלעכן פּאַלאַץ, וואָס איז גע־שטאַנען ביים ים־ברעג. זיי האָבן אָנגעפילט דעם שמעקעדיקן גאָרטן אַרום, וואָס האָט זיך געטונקלט אין דער בלויער נאַכט מיט די שלאַנגע ציפּרעסן און הויכע פּאַלמעס, געשטופּט זיך הינטער די ריזיקע פענצטער, וואָס זענען געווען באַ־לויכטן מיט הונדערטער מנורות, אין וועלכע עס האָבן געפלאַקערט טויזנטער קנייטלעך, געטונקען אין ריינסטן איילבירטן־בוימאייל.

בלויז איינצלנע פון גרויסן עולם האָבן זיך באַוויזן אַריינצוקריגן אינעווי־ניק אין זאַל. אַזוי איז געווען די בפירושע פאַראָרדענונג פון קעניג יוסף: וויפל מענטשן עס וועלן קאָנען אַריינקומען, אַ חוץ די פאַרבעטענע געסט, זאָל מען אַריינלאָזן.

דער ריזיקער זאַל איז אין זיין גאַנצער גרויס געווען אָנגעפילט מיט מענטשן פון איין עק ביזן צווייטן. אויבנאָן איז געזעסן דער קעניג מיט דער קעניגין, אין די פּראַכטפולסטע קליידער, מיט גאָלד און זילבער אויסגעהאַפטן. זייערע פּנימער זענען געווען ערנסט אין דעם דאָזיקן יום־טובדיקן מאָמענט, פילנדיק די גרויסע אחריות פאַר זייער פאָלק און לאַנד. ווייל שווערע מינוטן לעבט איצט דאָס לאַנד אַדורך, זייענדיק באַדראָט דורך די אומצייליקע שונאים, וועלכע זענען די כוזרים מקנא פאַר זייער רייכטום און זיכערקייט, וואָס זיי האָבן זיך דערוואָרבן אין

זייער צוויי־הונדערט־יאָריקער הערשאַפט אַלס איבערגעגעבענע אָנהענגער פון דער יידישער אמונה... דער קעניג דאַרף איצט אין זינען האָבן יעדעס לאַנד, יעדן פאָרשטייער פון די דאָזיקע לענדער. פון איין זייט מוז ער זיי אַרויסווייזן שטאַרקייט און נישט־נאָכגיביקייט, ווייל די באַרבאַרן האָבן בלויז פאַר אַזעלכע קעגנער מורא; פון דער צווייטער זייט טאָר ער נישט צופיל מיט זיי איינרייסן און לעבן בשלום, נישט צופיל טשינש ביי זיי נעמען, נאָר לויט זייערע מעגלעכקייטן... עס איז שווער צו זיין אַ קעניג איבער אַזאַ גרויס לאַנד, ווי עס איז דאָס לאַנד פון די כוזרים.

ביים קעניגס רעכטער און לינקער האַנט זענען, אַ חוץ דער קעניגין, געזעסן די מקורבים פון מלך יוסף, זיינע מיניסטאָרן, גענעראַלן און ראטגעבער. אַלע זענען זיי געווען געקליידט אין די פאַרבנרייכסטע מלבושים מיט גאָלדענע און זילבערנע פעדים דורכגעוועבט. די קעפ זייערע זענען געווען באַדעקט מיט פאַרשידן־קאָלירטע טיכער און פוטערנע היטלען. אין אַזעלכע ענלעכע קליידער זענען געווען אָנגעטאָן די צענדליקער שליחים פון די שכנותדיקע לענדער. די רוסן זענען געווען אָנגעטאָן אין פוטערנע שפּיציקע היטלען, ברוינע זשופּאַנעס, מיט גרינע גאַרטלען אַרומגענומען. זייערע שווערדן און קינזשאַלן זענען געווען באַזעצט מיט די טייערסטע איידלשטיינער, דימענטן און בריליאַנטן. מיט לאַנגע ווייסע בערד, ווי די פאַטריאַרכן, זענען זיי געזעסן ערנסט, שטילשווייגנדיק און צו אַלץ אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט און צוגעקוקט, טיילווייז מיט גרויס קנאה און טיילווייז מיט מורא און כיטרער אונטערטעניקייט.

אַ ביסל ווייטער זענען געזעסן די אַראַבישע שליחים, מיט פילפאַרביקע טורבאַנען אויף די קעפּ, טייל אין רויטע הויכע היטלען און מיט שוואַרצע זיידענע אַבאַיעס אויף זייערע אַקסלען פאַרוואָרפן. די פנימער ברוין אָפּגעברענט פון דער זון, די אויגן גרין־פינקלדיקע און מיט שפּיציקע שוואַרצע בערדלעך, די ברוסטן מיט קינזשאַלן און קורצע שווערדלעך באַצירט. זיי זענען געזעסן כלומרשט רויִק, אָבער מיט בליציקע אויגן נאָכגעשפּירט יעדן קער און ווענד פון די כוזרישע מיליטערלייט. אויף יעדן וואָרט, וואָס אַ כוזרישער גענעראַל אָדער ראַטגעבער האָט אַרויסגעזאָגט, האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ שושקעריי צווישן די אַראַבער, מ׳האָט עס אויסגעטייטשט און איבערגערעדט איינמאָל און נאָכאַמאָל... אויף אַלצדינג האָבן זיי געקוקט מיט גרויס פאַרדאַכט און מיט פינצטערע חשדים.

פון דער צווייטער זייט האָבן זיי באַוואונדערט די אומגעהייערע רייכקייט פון כוזרישן קעניגלעכן הויף. די זאַמד־בלאָנדע קעפּ פון די יינגערע רוסן און פעטשענעגן, די אַרויסהעלפערס פון די מער עלטערע און מיושבדיקערע שליחים, האָבן מיט זייערע וואַסער־בלויע אויגן פון די קיילעכדיקע פנימער אַרויסגעקוקט מיט גרויס באַוואונדערונג און חידוש אויף דעם אַלעם, וואָס דאָ האָט זיך געזען.

אַלץ איז ביי זיי געווען אַ געוואַלטיק ווונדער, וואָרים אין דעם אָרימען הויף פון זייער פירשט סוויאַטאָסלאַוו האָבן זיי אַזאַ רייכקייט נישט געזען...

מיטאַמאָל האָבן זיך אַלע בליקן אַ ווענד געטאָן צו דער אַריינגאַנג־טיר, וואָס איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַ שווערער פורפורנער קאַטאַרע, מיט גאָלדענע פראַנדזן באַנייטביים זוים. עס איז אַריינגעקומען אַ שיין פּאָרל, וואָס האָט פאַרלויכטן דעם גאַנצן זאַל. דאָס מיידל איז אַלעמען גוט באַקאַנט געווען, דאָס איז דאָך שולמית סאַנגורי, איינע פון די עלדינס אויפן היינטיקן מאַלצייט. דער בחור איז אָבער אַלעמען געווען אומבאַקאַנט. אַ הויכער, שלאַנקער יונגערמאַן, מיט ברוינע האָר און שוואַרצע גלאַיקע אויגן. זיין פּנים איז געווען אַנדערש ווי די פּנימער פון די איבעריקע געסט. און ביי יעדן האָט זיך אויף די ליפּן געשטעלט די ערשטע פראַגע: „ווער איז ער, דער אויסטערלישער גאַסט?...”

אַ סך האָבן אים דערקענט. זיי האָבן דאָך אים היינט געזען שטופּן זיך צווישן דער גרויסער מחנה מענטשן אויף די גאַסן און ער האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט מיט זיין פרעמדן אויסזען און פרעמדער הלבשה.

— דאָס איז דאָך דער זעלבער, וואָס האָט זיך כסדר נאָכגעפרעגט ביי אונדז, וואָס פאַר אַ יום־טוב מיר פראַווען היינט... — האָט עמיץ אַ טאַרע געטאָן זיין שכן ביי דער האַנט — ער איז געווען מיט נאָך איינעם, לויטן אויסזען אַ ביזאַנטיער. ווו איז יענער אַהינגעקומען? עס איז עפּעס אַ פאַרדעכטיקע געשיכטע...

— ווען ער וואָלט געווען אַ פאַרדעכטיקער מאַן, וואָלט די שיינע שולמית סאַנגורי מיט אים אַזוי פריינטלעך נישט געוואָרן, און זי וואָלט אים צום קעניגלעכן מאָלצייט נישט אַהערגעבראַכט און אַוועקגעזעצט צווישן איר משפּחה! — האָט דער שכן געענטפערט.

— וואָס האָט די משפּחה סאַנגורי מיט אים צו טאָן?... זעט, ווי ער זיצט אינמיטן פון דער גאַנצער פאַמיליע און דאָס פּנים ביי דער שיינער שולמית לויכט דאָך אינגאַנצן. ווי ליכטיקע גרינע שטערן אַזוי לייכטן אירע לעבעדיקע אויגן... — האָט מען זיך איבערגעשעפּטשעט ביי די געדעקטע טישן.

— זאָל דאָס זיין זייערס אַ גאַסט פון ווייטן בבל? ער איז דאָך אָבער נישט ענלעך מיט זיין אויסזען צו קיין איינעם פון אונדז! זאָל ער גאָר אפשר זיין איינער פון די אַראַבישע פירשטן, וואָס באַוווינען די צווייטע זייט פון די קאַווקאַזער בערג?... וואָרים איידל זעט אויס זיין פּנים, ווי עס וואָלט אין זיינע אָדערן געפלאָסן פירשטלעך בלוט! — האָט עמיץ באַמערקט.

אָבער אין דער רגע האָט זיך אויפגעשטעלט איינער פון די האַרן ביים קעניגלעכן הויף און אויפגעהויבן די רעכטע האַנט. אַלעמענס בליקן זענען געפאַלן אויף אים און האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט, וואָס ער גייט דאָ מעלדן. וואָרים

נישט אומזיסט האָט ער זיך דאָך אויפגעשטעלט, איידער מ׳האָט נאָך גאָר אָנ־געהויבן די רייכע סעודה...

עפּעס האָבן זיך אין זאַל אָפּגעטאָן געהיימנישפולע זאַכן. פריִער האָט מען געזען, ווי עמיץ גייט־צו צום קעניג און רוימט אים עפּעס איין אין אויער. מען האָט באַשיינפּערלעך באַמערקט, ווי דער מלך יוסף האָט זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט און מיט בלאַנדזשענדיקע אויגן אַ פיר געטאָן איבערן זאַל. דער איינער, וואָס האָט דעם קעניג איינגערוימט דעם סוד, איז געווען דער גאָר נאָענטער מקורב פון קעניג, שמואל סאַנגורי, דער פאָטער פון דער פּראַכטפולער שולמית...

איז דעריבער טאַקע נישט געווען קיין ווונדער, וואָס דער עולם איז געבליבן זיצן אַזוי שטיל, אַז מ׳האָט אַזש געהערט דורך די אָפענע גרויסע פענצטער דאָס אַריינוויינקען פון די גרינע שטערנדלעך אין טונקל־בלויען הימל. מ׳האָט זיך גע־ריכט, אַז די קומענדיקע מעלדונג האָט אַ שייכות מיט דעם אַלעם, וואָס עס קומט דאָ פאָר. עס האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ גערויש, ווי אַ שטילער וואַ־סער־שטראָם וואָלט געפאַלן אין ים אַריין.

דאָס אַלץ האָט מער נישט געדויערט ווי איין־איינציקע רגע, ווייל באַלד האָט זיך דערהערט די פעסטע שטים פון דעם קעניגלעכן האַר, וואָס איז איינער פון די עלטסטע דאַטגעבער:

— מיינע טייערע ברידער און געערטע שליחים פון די פירשטלעכע הויפן — האָט דער קעניגלעכער האַר אָנגעהויבן, און זיין בליק איז געפאַלן אויפן פרעמדן יונגגמאַן, וועלכער איז געזעסן לעבן שולמית סאַנגורי און האָט זיך ביי די עט־לעכע ווערטער נערוועז אַ דריי געטאָן אויף זיין אָרט... — מיינע טייערע ברידער און אויסדערוויילטע געסט! אַ גרויסן און גאָר חשובן מאַן האָט אונדז גאָט היינט צוגעשיקט. ער האָט געוואַנדערט אַ לאַנגע צייט און דורכגעמאַכט די גרעסטע שטרויכלונגען און שווערסטע נסיונות, ביז ער איז אַהערגעקומען. ער האָט אַהער־געברענגט גוטע בשורות וועגן אונדזערע ייִדישע ברידער אין די אַנדערע טיילן פון דער וועלט, וועגן וועלכע מיר האָבן קוים ווען עס איז געהערט. ביז איצט זענען די דאָזיקע ייִדן געווען פאַר אונדז פאַרהוילן, און די נייעס, וואָס האָט זיך פון צייט־צו־צייט דורכגעריסן, איז געווען אַזוי פאַרנעפּלט, אַז מיר האָבן אַפילו נישט געקאָנט גלייבן דעריין. אַ גרויס ייִדיש פאָלק לעבט דאָרט אין די ווייטע לענדער, וואָס זענען אָפּגעטיילט פון אונדז דורך בערג, טייכן און מדבריות און צו וועלכע עס איז שווער צוצוקומען...

דער קעניגלעכער האַר האָט זיך אַ ביסל אָפּגערוט, כדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. ער האָט זיך אומגעקוקט אַ פאַררויטלטער איבערן ריזיקן זאַל, צו זען וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע רייד מאַכן אויפן פאַרזאַמלטן עולם און אויף די פרעמדע געסט און שליחים.

אַלע זענען געזעסן צוגעשמידטע צו די ערטער, פאַרכאַפּט אינגאַנצן פון דער אומגעריכטער נייעס. הונדערטער פּאָר אויגן האָבן איצט דורכגעשפּיזלט דעם יונגן יצחק, קוקנדיק אויף אים ווי אויף עפּעס אַ וווּנדערלעך באַשעפעניש. זיי האָבן מקנא געווען די סאַנגוריס, וואָס זיי האָבן דעם גרויסן כבוד צו זיצן לעבן אים, און פיל יונגע מיידלעך, וואָס זענען מיט זייערע הויכגעשטעלטע עלטערן געווען אויף דעם קעניגלעכן מאַלצייט, האָבן ממש געגעסן אים מיט די בליקן און נישט פאַרגונען שולמיתן דאָס גרויסע גליק...

אַ שטיקל געמורמל האָט אַ שוועב־געטאָן איבערן זאַל, ווי אַ ווינט וואָלט זיך דורך די אָפענע פענצטער אַריינגעריסן פון דרויסן און אַ זשום געטאָן פאַר די אויערן.

דער קעניגלעכער האַר האָט זיך שוין געהאַט אָפּגערוט, צוריקגעוווּנען דאָס לשון, און ער האָט פאָרגעזעצט:

— אָט דעם דאָזיקן העלדישן מאַן פון צווישן די ווייטע ברידער אונדזערע איז געלונגען צו דערשלאָגן זיך צו אונדז מיט אַ בריוו פון דעם שר און נשיא בישראל, אבו יוסף חסדאי בן יצחק בן עזרא אבן שפּרוט, וועלכער איז דער אויסערן־מיניסטער ביים איידעלן קאַליף אַבדול ראַכמאַן דעם דריטן, אַן אור־אייניקל פון דעם קאַליף האַרון אַל ראַשיד. דעם דאָזיקן בריוו וועט דאָ הייַנטיקן אָוונט דער שליח יצחק בן נתן פייערלעך איבערענטפערן אין די הענט פון אונדזער גאָטספאָרכטיקן קעניג יוסף בן אהרן, וועלכער וועט אים פאַר אייך אַלעמען פאָרלייענען, ווען ער וועט אים האָבן פריִער גוט דורכגעטראַכט און פאַרשטאַנען. איצט וועט איר אָבער הערן פונעם מויל פון שליח אַליין די רייד און די גוטע ווּנטשן, וואָס דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פון מדינת ספרד האָט אונדז צוגעשיקט. מיר גליִען אַלע פון גרויס בייגעריקייט, און אונדזערע הערצער לעכצן צו הערן דאָס גליקלעכע און פריידיקע וואָרט, וואָס איז ביי אונדז אַזוי הייליק ווי דער שופר של משיח...

ווען דער קעניגלעכער האַר האָט פאַרענדיקט זיינע רייד, האָט אַ שטילקייט געהויערט אין זאַל אַ פּאָר רגעס צייט, און דערנאָך איז אויסגעבראָכן אַזאַ רעש און אַזעלכע הילכיקע קולות, אַז מ׳האָט זיי קוים געקאָנט איינשטילן און באַרויִקן. עס האָבן זיך געהויבן הענט, מ׳האָט געמאַכט אויסרופן לכבוד דעם גאַסט, מענטשן האָבן זיך געריסן צו אים און געוואָלט אויף די הענט אויפהייבן. די פרעמדע שליחים פון די סלאַווישע, אַראַבישע און אַנדערע לענדער האָבן זיך באַדייטונגספול איבערגעקוקט, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט באַראַטן וואָס צו טאָן וועגן דעם; וואָרים זיי האָבן געזען אין דעם בריוו, וואָס דער כוזרישער קעניג האָט באַקומען פון אַנדאַלוזיע, ווו עס הערשט דער שטאַרקער קאַליף אַבדול ראַכמאַן, וועמענס פריינטשאַפט עס זוכן אַלע פעלקער אין שכנות פון דער ביזאַנטי־

שער אימפעריע, אַ גרויסע געפאַר קעגן זיך. ווייל צו וואָס דען וואָלט זיך באַ־
מיט אַ שליח פון אַזוי ווייט צו קומען דאָ אַהער; און כאָטש זיי האָבן נאָך דעם
בריוו נישט געהערט, ווייסן זיי שוין פון פאָרויס, אַז ער איז אַ געפאַר און אַ
גרויסע סכנה פאַר זייערע לענדער...

אָבער די אַלע מחשבות זייערע זענען איבערגעריסן געוואָרן מיט עטלעכע
קלעפּ אין טיש. דער מלך האָט זיך אויפגעשטעלט און געוויזן אַ צייכן, אַז ער
אַליין וויל אויך רעדן. דאָס האָט אויף די פרעמדע שליחים געווירקט ווי אַ כישוף.
זיי זענען טאַקע בייגעריק געווען צו הערן, וואָס עס האָט צו זאָגן דער קעניג
אַליין, דער מעכטיקער יוסף בן אהרן פון דעם כוזרים־לאַנד.

— מיין טייערער גאַסט און ברודער! — האָט דער קעניג אָנגעהויבן מיט
אַ שטיל קול, וואָס מ׳האָט אין אָנהייב קוים געקאָנט הערן, אָבער וואָס אַמאָל איז
זיין שטימע געוואָרן העכער און מעכטיקער, אַז זי האָט אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן
זאַל און איז צוריקגעקומען פון אַלע זייטן מיט אַ ווידערקול — מיין טייערער
גאַסט און ברודער! — האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט — אַ גרויסע און אומ־
געריכטע מתנה האָסטו אונדז היינט געבראַכט, וואָס איז ביי מיר מער ווערט ווי
גאָלד, זילבער און טייערע איידלשטיינער. האָסט אונדז געבראַכט די ליבע און
געטריישאַפט פון ברודער צו ברודער. דורך דיין מויל וועלן מיר היינט הערן
רעדן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, וואָס איז אַזוי ווייט פאַרוואָרפן פון אונדז און
צו וועמענס רייד אונדזערע הערצער לעכצן אַזוי שטאַרק. מיר וועלן הערן די רייד
פון דעם יידישן פאָלק, צו וועלכן עס איז אַזוי שווער צו דערגרייכן, ווייל חדשים־
לאַנג דאַרף מען אַהין גיין. איך גיב דיר, גרויסער גאַסט אונדזערער און ווייטער
ברודער, דעם רשות צו רעדן, און דיינע רייד וועלן מיר טרינקען ווי דעם בעסטן
און איידלסטן וויין...

אַ מעכטיק געשריי פון התלהבות האָט זיך דערהערט איבערן גאַנצן זאַל.
אַלע האָבן זיך אַ הייב געטאָן פון זייערע ערטער. יעדער האָט געוואָלט אָנקוקן
דעם אויסטערלישן גאַסט. אַ געזשום, ווי פון הונדערטער בינשטאָקן האָט זיך
צעטראָגן איבער אַלע ווינקעלעך, אַזש די פלעמלעך פון די הונדערטער מנורות
האָבן אַ צאַפּל געטאָן און העכער אויפגעפלעמלט.

— אָט דאָס איז ער!... — האָט מען זיך איינער דעם אַנדערן געוויזן מיט
די הענט — אָט איז ער, דער פרעמדער יונגערמאַן, אָט דאָרטן צווישן דער
משפחה פון די סאַנגוריס.

— וואָס פאַר אַ שיין געשטאַלט און ווי איידל זיין פּנים איז! — האָט אַ
צווייטער אים באַוווּנדערט.

— דאָס איז דאָך דער זעלבער, וועלכער האָט זיך היינט אויף דער גאַס
צו מיר דערנענטערט און געפרעגט וועגן דעם היינטיקן יום־טוב און איך האָב

נישט געוואָלט ענטפערן... — האָט איינער איצט שטאַרק דערויף חרטה געהאַט.

— אויף וואָס פּראָ אָ לשון וועט ער רעדן? צי וועלן מיר אים כאָטש קאָנען פאַרשטיין?... — האָט אַ דריטער געפרעגט און ער האָט שוין באַצייטנס באַ־דויערט, טאָמער וועט ער אים נישט פאַרשטיין און ער האָט מורא געהאַט צו פאַרלירן כאָטש איין וואָרט, וואָס וועט אַרויסקומען פון זיין מויל...

— איך האָב אים געהערט רעדן מיט שולמית סאַנגורי אויף לשון־קודש! ער האָט זיך ביי איר אויסגעפרעגט וועגן דעם פייערלעכן יום־טוב אונדזערן... — האָט דער ערשטער עדות געזאָגט.

— איצט איז מיר שוין פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס ער האָט וועגן דעם נישט געוווּסט. ער איז דאָך ערשט היינט אינדערפרי אָנגעקומען אין אונדזער שטאָט אַריין — האָט איינער פון עולם זיך אָנגערופן.

אין זאַל האָט נאָך געזשומעט פון די פיל שמועסן און אויסטייטשונגען, וואָס יעדער איינער האָט געוואָלט געבן. שולמית אַליין האָט זיך איצטער נאָך מער איינגעקוקט אין איר יונגן, שיינעם שכן און זי האָט אַזש אויפגעציטערט פון דעם געדאַנק, וואָס ס'איז איר אין דער אותו־רגע איינגעפאַלן... מען האָט דאָך איר פריער געווונטשן, אַז „זי זאָל אין דעם היינטיקן גרויסן יום־טוב באַגעגענען איר באַשערטן"...

זי איז אַזש רויט געוואָרןביים בלויזן רעיון, וואָס עס האָט איר געקאָנט קומען אין קאָפּ אַריין. זי האָט זיך פאַרשעמט ביים טראַכטן וועגן דעם...

אין דער זעלבער רגע, וואָס איר קאָפּ איז געווען פאַרנומען מיט אָט דעם פלוצים־איינגעפאַלענעם געדאַנק, האָט זיך דער יונגערמאַן, יצחק בן נתן, פון דער שטאָט קאָרדאָוואַ אין אַנדאַלוזיע, אויפגעשטעלט און מיט אַ ציטערנדיקער שטים פון געררירטקייט אָנגעהויבן רעדן אין אַ פערלדיקן לשון־קודש, דערביי האָט אין זיינע אויגן אויסגעבלישטשעט אַ טרער:

— פיל געאַכפּערטער קעניג, יוסף בן אהרן! טייערע ברידער און שוועסטער מיינע, נאָך וועלכע מיר בענקען שוין אַזוי לאַנג ווי איבער צוויי טויזנט יאָר...

און ער האָט אָפּגעהאַקט. עס האָבן אים אָנגעהייבן שטיקן פאַר געררירטקייט די טרערן אין האַלדז. ער האָט אַ לענגערע ווײַלע געשוויגן, וועלנדיק יעדעס מאָל ווידער אָנהייבן צו רעדן, אָבער ער האָט נישט געקאָנט. ער האָט אַריבערגעפירט זיין בליק פון קעניג, וועלכער איז געזעסן אין זיין פולער פּראַכט לעבן דער מלכה און זיינע מיניסטאָרן און האָרן, האָט אַריינגעקוקט אין די פּנימער פון די שליחים פון די פרעמדע לענדער און אויף אַלע איבעריקע געסט, און צולעצט אויף דער יונגער פּראַכטפולער שולמית, וועלכע האָט איצט געפלאַמט אינגאַנצן און האָט געבליט, ווי אַ רויטע רויז. ער איז צו זיך אַביסל געקומען און פאָרגעזעצט:

— איך קום פון אַ וויטן לאַנד, ווו אונדזערע ברידער יידן לעבט זיך גוט.

דער ייִדישער געלערנטער רבי חסדאי אבן שפּרוט, וועלכער איז אונדזער נשיא איז אויך דער הויפּט־ראַטגעבער און אויסערן־מיניסטער פון איידעלן קאַליף אַבדול ראַכמאַן אין אַנדאַלוזיע, דרום־שפּאַניע. אין זיינע הענט ליגט די מאַכט צו באַ־פעלן די פאַרשידענע פעלקער פון דער וועלט. דער ביזאַנטישער קייסער ראָמאַ־נוס אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, די אַראַבישע פירשטן אין די ווייטסטע מזרחדיקע לענדער, דער דייטשער קייסער אָטאָ — אַלע מוזן זיי אָנקומען צו דער הילף פון אונדזער באַרימטן רבין. אונדזערע ברידער ייִדן באָדן זיך אין רייכטום און אין ווויִלזיין, זיי זיצן אונטער זייערע ווייַנשטאָקן און פייגנביימער, אָבער דאָך זענען מיר דאָרט קיינמאָל נישט געווען רויִק, ווייל אונדזער רו איז צוגערויבט געוואָרן, זינט אונדזער בית־המקדש איז געוואָרן חרוב און אונדזער לאַנד איז געוואָרן צעשטערט און דאָס פאָלק זיינס פאַרטריבן. טאָ ווי אַזוי האָבן מיר געקאָנט זיין רויִק?...

ער האָט זיך אָפּגערוט אַביסל און אַ שטילער געזשום האָט אַ שוועב געטאָן איבערן ריזיקן זאַל, די פלעמלעך פון די הונדערטער מנורות האָבן רויִק געלויכטן און פון צייט־צו־צייט האָט אַ שפּריץ פון בוימל אַ קנאַק געטאָן אין פייער. אַלע־מענס אויגן זענען געווען איינגעגראָבן אין דעם פלאַקערדיקן פנים פון דעם אויס־טערלישן גאַסט און האָבן געקוקט אים אין מויל אַריין, טרינקענדיק זיינע רייד ווי זיסן, שטאַרקן וויין. יצחק האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן קעניג און זעענדיק, ווי פאַרטראַכט זיינע אויגן זענען אין אים איינגעשטאָכן, און דערפילנדיק אין זיי דעם וואַרעמען ענטפער אויף זיין בענקענדיקן אויסגוס, האָט ער ווייטער פאַר־געזעצט און געזאָגט:

— שטענדיק האָבן מיר וועגן אייך געטראַכט; מיר האָבן געטראַכט וועגן אייך, ווי וועגן די פאַרטריבענע ברידער פון די עשרת השבטים, וואָס זענען פאַר אונדז און אפשר אויך פאַר אייך אַליין, פאַרלוירן געגאַנגען אין דער פאַרגעסנ־קייט פון דורות, און דאָס האָט אונדז קיינמאָל קיין רו נישט געגעבן... מיר האָבן אייך געזוכט איבער דער גאַנצער וועלט און נאָכגעפאָרשט וועגן אייער פאַרשוויג־דונג און אייער אויסמישן זיך צווישן די פעלקער פון דער וועלט. אויסטערלישע לעגענדעס זענען אַרומגעגאַנגען ביי אונדז וועגן די פאַרלוירענע צען שבטים, וואָס שלמנאסר, דער מלך פון אשור, האָט פאַרטריבן נאָך פאַרן חורבן פון ערשטן בית־המקדש. פאַרשידענע וואַנדערער האָבן איבערגעגעבן מאָדנע געשיכטעס וועגן אָפּגעפונענע שבטים, וועגן די בני משה, וועלכע לעבן ביים טייך סמבטיון. קיינ־מאָל זענען די דאָזיקע פאַרלוירענע שבטים נישט אויסגעמעקט געוואָרן און וועלן נישט אויסגעמעקט ווערן פון אונדזער זכרון. מיר לעכצן נאָך זיי און אונדזערע הערצער גייען־אויס פון בענקשאַפט. ווען עס זענען צו אונדז אין דער לעצטער צייט דערגאַנגען ידיעות וועגן אַ ייִדישן שבט, וואָס לעבט אונטער דער הערשאַפט

פון אַ ייִדישן קעניג, האָבן מיר ביי זיך אָפּגעמאַכט אין געדאַנק, אַז מיר מוזן אייך גיין אויפזוכן און איבערגעבן די געפילן, וואָס נעסטיקן אין אונדזערע הערצער פאַר אייך... איך האָב געוווּסט, ווי שווער דער וועג איז און וויפל שטרויכלונגען און געפאַרן עס זענען אַנגעברייט פאַר מיר. איך האָב מיך אָבער נישט אָפּגעשראָקן פאַר דער ווייטקייט פון וועג און נישט פאַר די געפאַרן, וואָס קאָנען לויערן אויף מיין לעבן און איך בין געקומען צו אייך, מיינע טייערע ברידער און שוועסטער. איך ברענג אייך דעם ווייטן גרוס פון אייערע ברידער פון איין גלויבן אין דעם איינציקן גאָט, איך ברענג אייך דאָס קלאַפּן פון די ייִדישע הערצער, און מיין איינציקער באַגער איז, אַז איר זאָלט דאָס קלאַפּן פון די הערצער פון דער איבעריקער גרויסער ייִדישער וועלט דורך מיינע רייד היינט דערהערן... דערהערן און דערפילן...

אַ פאַרטויבנדיק געשריי האָט זיך אויפגעהויבן, ווען דער יונגער שליח פון מדינת ספרד האָט זיך מיטאַמאָל צוריק אַנידערגעזעצט אויף זיין פּלאַץ. פון צווישן ריזיקן עולם האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ שטיל געוויין, וואָס האָט דורכגעבויערט די לופט, און אַ האַרצרייסנדיק שלוכצן. דאָס האָבן צענדליקער פון די פאַרזאַמלטע געסט, מענער און פרויען, אַלטע לייט און קינדער, געוויינט פון איבערגעפולטע הערצער, און צווישן די אַלע וויינענדיקע ייִדישע מענטשן איז אויך געווען די שיינע און פראַכטפולע ייִדישע טאָכטער, שולמית סאַנגורי...

אַ לענגערע ווילע האָט אַזוי געדויערט דאָס שטילע שלוכצן און זיפצן. די רייד פון דעם יונגן אויסטערלישן שליח האָבן געמאַכט אויף אַלעמען אַ געוואַלטיקן רושם, נאָכדעם ווי יצחקס רייד זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויפן כוזרישן לשון. דער קעניג מיט דער קעניגין זענען געזעסן ווי פאַרחלומטע און האָבן קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. די פרעמדע שליחים האָבן זיך איבערגעקוקט באַדייטונגספול. זיי האָבן נישט געוואַגט ביים קעניגלעכן טיש אויסצודריקן זייערע מיינונגען וועגן דעם, וואָס זיי האָבן דאָ געהערט. זיי האָבן זיך געפילט ווי דערשלאָגן פון די רייד פון דעם ווייטן ייִדישן שליח. אויב, הייסט עס, די ייִדן פון דער גאַנצער וועלט זענען צווישן זיך אַזוי ענג פאַרבונדן, דראָט דאָך אַלע פעלקער, וואָס דינען נישט צום ייִדישן גאָט, פולשטענדיקע אויסראָטונג. אויב זיי וועלן נאָך האָבן אויף זייער זייט דעם קאַליף אַבדול ראַכמאַן, איז דעמאָלט אַ סוף צו די סלאַווישע פירשטן און צו דער ביזאַנטישער אימפּעריע און צו די אַראַבישע מלוכהלעך אין די מזרח־לענדער...

און אַזוי, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, איבערגעבנדיק זיך פונדעסטוועגן איינע די אַנדערע די געפילן וואָס עס האָט זיי באַהערשט, האָט אַ טרויער זיי באַשלאָגן און זיי האָבן געשוויגן.

נאָך מער איז זייער שרעק געוואַקסן, ווען מיט עטלעכע מינוט שפּעטער, נאָך

דער רעדע פון דעם יידישן שליח פון אַנדאַלוזיע, האָט דער יונגער יצחק בן נתן אַרויסגענומען דעם פאַרזיגלטן בריוו, וואָס ער האָט געבראַכט פון ר' חסדאי אבן שפּרוט און אים אויף אַ פייערלעכן אופן איבערגעגעבן דעם קעניג אין דער האַנט אַריין.

פאַר יצחקן איז דאָס געווען דער גליקלעכסטער מאָמענט אין לעבן. צוליב אָט דעם דאָזיקן בריוו האָט ער זיך דאָך אַרויסגעלאָזט אין די ווייטע אומבאַקאַנטע מרחקים, איבערגעלאָזט זיין ליבע היים און זיין טייערסט מיידל אין דער וועלט. צוליב אָט דעם בריוו האָט ער זיין לעבן איינגעשטעלט, דורכגעמאַכט אַזוי פיל סכנות און געפּאַרן, און בלויז נאָר דערפאַר, כדי מיט זיינע אייגענע אויגן צו זען דאָס, וואָס ער זעט דעם היינטיקן אָוונט: אַ יידישן מלך מיט אַ יידישער מלכּה, וועלכע דינען צום איינציקן גאָט פון אונדזערע אבות; אַ גרויס און מעכטיק פאָלק, צו וועלכן עס זענען אונטערטעניק אַזוי פיל אומות און שבטים, וואָס צאָלן טשינש, אַבי דורך דעם כוזרישן קעניג צו ווערן באַשיצט. ניין, מען וועט אים אינדערהיים, ווען ער וועט צוריקקומען פון זיין געוואַגטער רייזע, דאָס אַלץ נישט גלייבן. עס איז נאָך מער ווי ער האָט זיך אין געדאַנק פאָרגעשטעלט. ער זעט ממש מיט זיינע אויגן, ווי עס האָט אויסגעזען אין די צייטן פון שלמה המלך. דאָס אַלץ, וואָס דער רייזנדער אלדד הדני האָט דערציילט וועגן אַ יידישער מלוכה פון די פאַרלוירענע צען שבטים, איז בלאָס קעגן דעם, וואָס ער וועט איצט האָבן צו דערציילן...

ער האָט זיך צוגעקוקט, ווי דער מלך יוסף בן אהרן האָט מיט ציטערדיקע הענט אויפגעזיגלט דעם בריוו און ווי ער גיט אים איבער אין די הענט פון זיין עלטסטן ראַטגעבער צום איבערלייענען. אין זאַל הערשט אַזאַ שטילקייט, ווי עס האָט געמוזט אוודאי שטיל זיין, איידער גאָט האָט די וועלט באַשאַפן...

„פון מיר, חסדאי בן יצחק בן עזרא, פון די פאַרטריבענע פון ירושלים, וואָס לעבן אין דער מדינה ספרד, דער קנעכט פון מיין האַר דעם מלך — האָט דער ראַטגעבער אָנגעהויבן לייענען דעם בריוו עפּנטלעך מיט אַ שטיל קול — „וועלכער בוקט זיך מיטן פּנים צו דער ערד און וועלכער קניט אַנטקעגן דעם אָרט, ווו עס געפינט זיך דיין טראָן אין דעם ווייטן אומבאַקאַנטן לאַנד... ווער בין איך און וואָס בין איך, וואָס נעם מיר די דערלויבעניש צו שרייבן צו מיין האַר דעם מלך...״

אָט אַזוי אומגעפער האָט זיך דער בריוו אָנגעהויבן און איז געלייענט געוואָרן מיט אַ קול דממה דקה און מיט צעוואָרעמטן געמיט־צושטאַנד פונעם לייענער... אין זאַל האָט געהערשט רו און שטילשווייגן. אַלע האָבן זיך מיט פאַרכאַפּטן אָטעם איינגעהאָרכט צו די פּראַכטפול שיין־געשריבענע ווערטער, וואָס

עס האָט געשיקט איינער פון די גרעסטע יידישע האַרן אין שפּאַניע, דער גרעס־טער געלערנטער און איידעלער מאַן, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט.

דעם מלך יוסף זענען געשטאַנען טרערן אין די אויגן פון גערירטקייט און ער האָט דאָס לייענען מיט קיין וואָרט נישט איבערגעריסן.

שולמית האָט זיך נענטער צוגעדריקט צום יונגן בחור פון קאָרדאָוואַ. זי האָט זיך טיילמאָל אַפילו דערלויבט אים אַ גלעט צו טאָן איבער דער האַנט. יצחק האָט עס צומאָל נישט געפילט, ער איז ראשו ורובו געווען אַריינגעטאָן אין דעם, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אַרום אים אין זאַל. ער האָט גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געזען. עס זענען צו אים בלויז דערגאַנגען די ווערטער פון בריוו און ער האָט בלויז געזען דעם לייענער, וועמענס פּנים עס האָט גע־פלאַמט פון אויפגעהייטערטקייט.

יאָ, פון צייט־צו־צייט האָט ער פלוצלינג אויפגעצאַפּלט: עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיין פריינט, אברהם־דאַגאָמאַר, איז אַריינגעקומען אינעם זאַל. ער האָט זיך אַ הייב געטאָן, אָבער זעענדיק אַז ער האָט געהאַט אַ טעות, האָט ער זיך צוריק אַנידערגעזעצט און ווידער אויסגעהערט דאָס לייענען פון בריוו, כאָטש דער אינהאַלט איז אים שוין געווען באַקאַנט.

„ווו האָט ער געקאָנט אַהינקומען?"... האָט ער זיך מיט ציטער געפרעגט אין געדאַנק. „שוין־זשע פאַרשטייט ער נישט, אַז ער, יצחק, דאַרף זיך איצט געפינען אין קעניגלעכן פּאַלאַץ, ביי דער פייערלעכער אויפנאַמע?... פאַרוואָס־זשע קומט ער אים דאָ נישט זוכן?"...

אָבער פלוצלינג האָט ער אָנגעשפּיצט די אויערן. ער האָט געהערט לייענען דעם סוף פון בריוו:

„מיר ווינטשן דעם האַר, דעם קעניג, ווי אויך זיינע קינדער און קינדס־קינ־דער, אַז זיין הויז און זיין כסא־מלכותו זאָל געדויערן לעולם ועד, און הלוואַי זאָל ער פאַרלענגערן זיינע טעג אין יידישן קעניגרייך, ער און זיינע זין צווישן ישראל, אָמן"...

און דער לייענער פונעם בריוו האָט אויך ציטירט דעם אונטערשריפט: „אבו יוסף חסדאי בן יצחק בן עזרא אבן שפרוט, דער נשיא פון יידישן פאָלק אין אַנ־דאַלוזיע און דער אויסערן־מיניסטער פון קאַליף אַבדול ראַכמאַן דער דריטער, דער הערשער פון מדינת ספרד".

ווען דער ראַטגעבער פון קעניג יוסף האָט פאַרענדיקט לייענען דעם בריוו און האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין אָרט, איז אויסגעבראָכן אַן אומבאַשרייבלע־כער רעש און אַזאַ הויך גערעדעריי, אַז עס איז אוממעגלעך געווען עמיצן איינ־צושטילן. די פּנימער ביי די מענטשן האָבן געשיינט פון גרויס גליק. זיי האָבן געטיילט צווישן זיך דעם איינדרוק פון דעם אויסערגעוויינלעכן גרוס פון ווייטע

ברידער, וועגן וועלכע מען האָט קיינמאָל נישט געהערט. עס איז געלעגן אַ שטאָלץ אויסגעגאָסן אויף אַלעמענס פּנימער, וואָס דאָס פאָלק זייערס איז מיט איינמאָל אַזוי פיל פאַרגרעסערט געוואָרן. עס ציט זיך איצט די ייִדישע מלוכה פון כוזרישן ים ביזן מיטללענדישן ים, האָבן מענטשן צווישן זיך גערעדט. ס'איז געווען איינע פון די גרעסטע געשעענישן, וואָס טרעפן זיך אין מענטשלעכן לעבן.

יצחק, דער שליח פון יענעם לעגענדאַרן לאַנד, איז ביי זיי אויסגעוואַקסן צו עפּעס אַ נישט־דאָיִק באַשעפעניש, גלייך ער וואָלט פון הימל צו זיי אַראָפּגעפאַלן און מיטגעבראַכט אַזאַ אויסטערלישע בשורה, וואָס איז ממש אומגלויבלעך, ווען זיי זעען אים נישט אַליין מיט זייערע אייגענע אויגן...

אָבער באַלד האָט זיך דערהערט אַ פּאַטשן מיט די הענט. דער עולם האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטילט און געוואָלט הערן וואָס מען גייט ווידער איבער־געבן עפּעס אַ נייע ידיעה. דאָ האָט דער מלך אַליין זיך אויפגעשטעלט. די אויגן האָבן ביי אים געגליט ווי צוויי אָנגעצונדענע קוילן, דאָס גאָלד און זילבער, מיט וועלכע זיינע מלבושים זענען געווען אויסגענייט, האָט געפינקלט אין דעם שיין פון הונדערטער ליכט, וואָס האָבן געפלעמלט פון די קופּערנע בעקנס מיט בוימ־אייל און פון די גאָלדענע מנורות. ער האָט אָנגעהויבן פריִער מיט אַ שטיל קול, דערנאָך איז די שטימע געוואָרן אַלץ העכער און העכער, ביז מ'האָט אים שוין געהערט אין אַלע ווינקעלעך פון ריזיקן זאַל. ער האָט זיך געווענדט צום שליח פון קאָרדאָוואַ, יצחק בן נתן:

— טייערער גאַסט אונדזערער! נישט מיט קיין גאָלד און זילבער און נישט מיט די קאָסטבאַרסטע איידלשטיינער איז אָפּצושאַצן דיין גרויסע טאַט, וואָס דו האָסט געטאָן, ברענגענדיק דעם בריוו פון איידעלן נשיא בישראל פון מדינת ספרד, האָסט אַריינגעזעצט אין אונדזער פאָלק אַ נייע נשמה, וואָס פלאַטערט און צאַפּלט מיט גרויסער ליבע צו זיינע אָפּגעפונענע ברידער.

ער האָט זיך פאַרהאַקט אַביסל אין זיינע רייד, ווייל אַ שטראָם מיט טרערן האָט אַ שפּאַר געטאָן אין זיין האַלדז. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע, אָנ־געקוקט דעם גרויסן עולם, וועמענס אויגן האָבן פון ריזיקן זאַל אים אַנטקעגנ־געבלישטשעט ווי טויזנטער פאַר דימענטן, און ער האָט צוריקגעוווּנען זיין גלייכ־געוויכט. ער האָט מיט גרויס ליבע אַ קוק געגעבן אויף יצחקן און אַ שמייכל פון גנאָד האָט אַ שוועב געטאָן איבער זיינע ליפּן און ער האָט פאַרגעזעצט:

— מיר פאַרבעטן דיך, ייִדישער שליח פון מדינת ספרד, דאָ צו פאַרבלייבן אונדזער גאַסט אַזוי לאַנג וויפל נאָר דו אַליין ווילסט. איך וויל צוגרייטן אַ בריוו צום נשיא ר' חסדאי אבן שפרוט, אין וועלכן איך וועל אים דערציילן וועגן דער פירונג פון מיין מדינה, וועגן דעם פאָלק פון די כוזרים און וועגן אונדזער ווילן און שטרעבונג זיך צו פאַראייניקן מיטן גאַנצן פאָלק ישראל און ווערן איין גרויס

פאָלק. איך וויל אויך, אַז זאָלסט זיך באַקענען מיט דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, וועגן די גרויסע מלחמות וואָס אונדזערע קעניגן איז אויסגעקומען צו פירן, כדי צו באַפעסטיקן און גרויס צו מאַכן אונדזער לאַנד, און — דער עיקר, ווי אַזוי עס איז מיין גרויסן עלטער־זיידן בולאַן דעם גרויסן געקומען אויפן געדאַנק אַנצונעמען דאָס גלויבן אין איינאיינציקן גאָט און פאַרוואָרפן דאָס אומווירדיקע געצנדינסט. וועגן דעם אַלעם איז פאַרשריבן אין אַ ספר הזכרון, וואָס געפינט זיך אין הויז פון די סאַנגורים, אַ ירושה פון זייער עלטער־עלטער זיידן, ר׳ יצחק סאַנגורי, אַדאַנק וועמען מיין עלטער־עלטער זיידע בולאַן האָט זיך דערוווסט וועגן די שיינקייטן פון דער יידישער אמונה. איך גיב דיך איבער אין די הענט פון דער איידעלער משפחה סאַנגורי, וועמענס נאָמען מיר טראָגן הויך און ערן אויף דורי־דורות, און וועמענס ליכטיקער אָנדענק איז ווי אַן עמוד האש פאַר אונדזער פאָלק״.

דאָ האָט ער געוואָרפן אַ באַדייטונגספולן בליק אויף שולמית סאַנגורי, אַ ווײַלע זי דורכגענומען מיט זיינע בליציקע אויגן, אַז זי איז אַזש רויט געוואָרן ביזן וואָרצל פון אירע האָר. אַ שמייכל האָט זיך אַ וויקל געטאָן איבער זיינע ליפּן און ער האָט צוגעגעבן:

— אָט דאָס דאָזיקע צוויבערפולע מיידל, וואָס טראָגט דעם גרויסן נאָמען פון דער משפחה סאַנגורי, איז די אַפּהיטערין פון דעם ספר הזכרון, זי האַלט דעם שליסל פון אונדזער לאַנגער געשיכטע. פון איר, מייַע טייערער גאַסט, וועסטו אַלץ געוויר ווערן און איבער דער צייט, וואָס דו וועסט זיין ביי אונדז אין לאַנד, און הלוואי זאָל זיך די דאָזיקע צייט פאַרציִען וואָס לענגער, וועסטו דיך באַקע־נען מיט אַלע איינצלהייטן, כדי שפּעטער, ווען דו וועסט צוריקפאָרן אַהיים צו אונדזערע ברידער אין מדינת ספרד, זאָלסטו זיי קאָנען באריכות איבערגעבן די שטוינענדיקע און אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטע געשיכטע פון אַ פאָלק. אַ פאָלק, וואָס האָט געדרימלט אין זיין ווילדקייט און געזונקען אין זיין געצנדינסט לאַנגע יאָרהונדערטער און האָט אויף אַ גליקלעכן אופן, ווי דורך אַ נס, ענדלעך דערגרייכט דעם גרויסן ציל און געפונען דאָס אייביקע ליכט. מיר פילן זיך איצט, גלייך מיר אַליין וואָלטן געשטאַנען ביים באַרג סיני און געזאָגט „נעשה ונשמע״...

אַ ווילד געפּאַטשעריי מיט די הענט און געטופעריי מיט די פיס איז אויס־געבראָכן נאָך די רייד פון קעניג. אַלע זענען אַריינגעפאַלן אין אַן אויסערגעוויינ־לעכער התלהבות, און אַ מעכטיק געזאַנג האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן איבערן גאַנצן זאַל און אַרויסגעריסן זיך אינדרויסן אין דעם פינצטערן חלל, געשוועבט הויך אונטער די בלישטשענדיקע גרינע שטערן, וואָס האָבן ווי לעבעדיקע ווענס געוווּנקען און געגלימערט אין דער טונקל־בלויער הויכקייט. עס האָט זיך אויס־

געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט זינגט מיט אין דער דאָזיקער גרויסער פרייד.

עס זענען אַפילו מיטגעריסן געוואָרן די פרעמדע שליחים פון די סלאַווישע לענדער, און כריפּענדיקע קולות מיט טיפע באַסן האָבן זיך אַריינגעפּלאָכטן אין דעם סימפאָנישן מעלאָדיע־געוועב און אָנגעפילט די לופט מיט הימלישן געזאַנג. שולמית האָט זיך צוגעבויגן צו יצחקס אויער און אים מיט אירע וואַרעמע, פייכטע ליפּן עפּעס איינגערוימט אַזעלכע ווערטער, וואָס זענען געווען אַ טייל פון דער מוזיק און האָבן זיך פונאַנדערגעשטראָמט אין זיינע גלידער ווי הייסע לאַווע און ער איז פון זיי שיכור געוואָרן ווי נאָך שטאַרקן זיסן וויין. ער איז אַוועקגעטראָגן געוואָרן אין אַזעלכע בלויע פאַרחלומטע וועלטן, פון וועלכע ער האָט קיינמאָל קיין אָנונג נישט געהאַט. גלייך אַ כישוף וואָלט פון אירע ליפּן געפלאָסן, וואָס האָט אים איינגעשלעפערט דעם געדאַנק און ער האָט מער נישט געקאָנט טראַכטן אויף דער וואָך.

— ווערסטו קומען צו מיר... איך וועל דיר געבן דעם ספר הזכרון, ווו דו וועסט לייענען וועגן די גלאָררייכע צייטן, ווען דאָס כוזרישע פאָלק האָט זיך אָפּגעפונען אין זיינע לאַנגע זוכענישן... מיר וועלן ביידע אַוועקשוועבן אין יענער צייט אַריין און איך וועל דיך פירן איבער די פאַרבאָרגענע שטעגן, וואָס אָטעמען מיט ליבע און דופטיקע ריחות. מיר וועלן ביידע זיך פאַרגעסן און אַוועק פון דערווירקלעכקייט אין אַ פאַרכישופטער וועלט אַריין, ווו מיר וועלן אייביק פאַרבלייבן צוזאַמען...

און עפּעס נאָך אַזעלכע מאָדנע ווערטער האָט זי גערעדט און ער האָט גאָר נישט געענטפערט, ווייל וואָס איז דען דאָ צו ענטפערן אויף אַזעלכע באַצויבערנדיקע רייד, וואָס וויקלען דיך אַרום מיט בלוי־זילבערנעם שפינוועבס, שלעפערן דיך איין אין אַ פאַרשיכורנדיקן חלום, און עס דאַכט זיך דיר, אַז האָסט אויסגעטרונקען אַזאַ מין וויין, וואָס קאָן נאָר קומען פון די ווייַנקעלערן אין גן־עדן...

אין זאַל האָט געהערשט פרייד און דערהויבונג, און אַלע זענען ווי איינגעפלאָכטן געוואָרן אין אַ ווירבלדיקן קאַראַהאָד, נאָך איידער עס איז אַפילו אויסגעטרונקען געוואָרן איין טראָפּן וויין.

באַלד האָבן צענדליקער ספּעציעלע דינער אָנגעהויבן אַריינטראָגן די שמעקעדיקסטע מאכלים און אַלערליי משקאות, וואָס האָבן געפינקלט אין די גאָלדענע בעכער ווי אַ געשפּריץ פון די איידלסטע דימענטן און די פאַרשידענע רעגנבויגנדיקע קאָלירן.

דער עולם האָט זיך צוגעכאַפּט צו די שפּייזן און צו די געטראַנקען און עס האָט זיך מער נישט געהערט ווי נאָר דאָס מליאסקן מיט די מיילער און דאָס בול־בולן פון די קרוגן וויין אין די גאָלדענע און זילבערנע בעכער אַריין... די געשמאַקפולע ריחות פון די געבראָטענע פליישן מיט כלערליי געווירצן האָבן

זיך פאַרשפּרייט איבערן זאַל, און די מענטשן האָבן דאָס אַלץ אַזוי גיך פאַרצערט אַזוי שנעל ווי עס איז אויפן טיש געקומען.

און ווען די הערצער זענען אָנגעפּולט געוואָרן מיט פרייד און די קעפּ האָבן געררוישט פון דעם וויין, האָבן זיך אַלע אַוועקגעלאָזט אין אַן אומאויפהערלעכן ווירבלטאַנץ, וואָס האָט זיך געדרייט אין אַ גרויס ראָד פון הונדערטער און הונדערטער מענטשן — מענער און פרויען. דאָס ליכט פון די הונדערטער קנייטלעך אין די קופּערנע פאַנען און גאָלדענע מנורות האָבן זיך אָנגעהויבן איינציקווייז צו פאַרלעשן. עס האָט שוין אין דעם ריזיקן זאַל דורך די אָפענע גרויסע פענצטער אָנגעהויבן אַריינשיינען די גרינע ליכט פון די מילי־מיליאָסן שטערן אויפן בלוי־גראַנאַטענעם הימל, וואָס האָבן געבלינצלט ווי גאָלדענע ליכטלעך. קערפּער צו קערפּער האָבן זיך צוגעדריקט און געוואָרן ממש צוזאַמענגעקלעפּט אין איין גרויס לעבעדיק וועזן, וואָס האָט זיך געהוידעט און געוויגט אין דער פאַנטאַסטישער ליכט פון אָט־דער דאָזיקער באַלייכטונג. אויך שולמית און יצחק זענען צוזאַמענגעקנאָטן געוואָרן אין איין גוף, און די וואַרעמקייט פון זייערע קערפּערס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין איין גיהנומדיק פייער, וואָס איז געווען ממש אויף דער גרעניץ פון זינד... אין דער רגע האָט זיך דערהערט דאָס געקלאַנג פון קופּערנע טאַצן, גלייך עס וואָלט געקומען פון ערגעץ־ווייטע געהיימנישפולע וועלטן און אַלעמען אויפגעוועקט פון דעם פאַרצויבערטן שלאָף...

אין די פענצטער האָט אַריינגעשיינט אַ ניי־געבוירענער טאָג, וואָס האָט אָנגעהויבן פריער בלויען, מיניען זיך אין פורפור־וויניקע קאָלירן, און אויף מזרח־זייט האָט זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ צינד־אָן אַ גרויסער פלאַקער ווי אַ פייער־אָפּער און אין אַ ריזיק צעפלאַקערטן ראָד איז מלכותדיק אויפגעשטיגן די זון ווי אויף אַ גאָלדענעם טראָן, און אַ קול ווי פון מלאכים האָט זיך געטראָגן פון איין עק וועלט ביזן צווייטן. דאָס האָבן זיי אַלע געזונגען שירה צום אַלמעכטיקן באַשעפער, און איין גרויסע שבועה איז אָפּגעגעבן געוואָרן צום קעניג פון מעכטיקן לאַנד פון די כוזרים. עס האָבן געשוווירן טרייהייט די אונטערטאַנען פון אייגענעם לאַנד, די שליחים פון די פאַרשידענע סלאַווישע שבטים, פון די אַראַבישע פירשטן און פרינצן: „אייביק טריי וועלן מיר דיר דינען, גרויסער קעניג פון מעכטיקן כוזרים־לאַנד"... און ס'איז געוואָרן טאָג אינדרויסן.

***

יצחק איז איצט פאַרזונקען געווען אין אַ טיפן שלאָף. דער בעל החלומות האָט אים אַ הייב־געטאָן אויף זיינע זילבער־כישופדיקע פליגל און אים פאַרטראָגן ווייט־ווייט אַוועק פון דעם דאָזיקן לאַנד. ער איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ווייסער שטיינערנער באַנק אין גרינעם ציפּרעסן־גאָרטן פון נשיא, ר' חסדאי אבן

שפּרוט. לעבן אים צופוסנס איז געזעסן פּנינה, וועלכע האָט אים אָנגעקוקט מיט אירע גרינע שטערן־אויגן און שטיל געשוויגן, איינהערנדיק זיך אין די שטראָמענדיקע רייד פון איר געליבטן יצחק בן נתן...

פון צייט־צו־צייט האָט זי אים איבערגעריסן מיט אַ פלאַמיקן קוש אויף זיינע ליפּן, און דערנאָך איז זי ווייטער שעהנווייז געזעסן ביי זיינע פיס אויפן גרינעם גראָז און מיטגעשוועבט מיטן שטראָם פון זיין דערציילן וועגן דעם ווייט־וייטן לאַנד ביים שטורמישן טייך איטיל, וואָס פאַלט אַריין מיט קראַכנדיקן רעש אין דעם ים פון די כוזרים. פּנינה איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער שיינקייט און דעם צויבער פון זיינע רייד, אַז זי האָט זיך טיילמאָל באַמיט איינ־צוהאַלטן דעם אָטעם, אַבי אים נישט צו שטערן אין דעם פלוס פון זיינע ווערטער.

בלויז אויף אַ רגע פלעגט זיך יצחק אויפכאַפּן פון זיין טיפן שלאָף, עפענען אויף אַ ווײַלע די אויגן, און דעמאָלט האָט ער ווי דורך אַ געדיכטן שניי־ווייסן וואָאַל גאָר געזען דאָס פנים פון דער יונגער שיינער שולמית, דעם צויבער־שטערן פון כוזרים־לאַנד, וועלכע האָט זיין האַנט פון אירע נישט אַרויסגעלאָזט. דאָס פנים אירס איז געווען טרויעריק און פאַרטראַכט. די אויגן זענען פאַרצויגן גע־ווען ווי מיט אַ בלויען נעפּל. זי האָט נעמלעך עטלעכע מאָל אין יצחקס שלאָף געהערט אים דערמאָנען דעם נאָמען „פּנינה“, און דעמאָלט האָט ווי אַ זון־שטראַל באַלויכטן זיין פנים און ער האָט גליקלעך געשמייכלט...

יצחק האָט אין דער איינער ווײַלע, וואָס ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף, זיך אומגעקוקט אַ פאַרוואונדערטער. ער האָט זיך דערזען אין אַ ווייסן, גרויסן זאַל, די ווענט — פון מירמלשטיין, באַצירט מיט גאָלד און בלישטשענ־דיקן קופּער. דאָס געוועלב פונעם הויכן זאַל איז געווען אויסגעמאָלן מיט אַ הימל־בלויען קאָליר און מיט פיל גאָלדענע שטערנדלעך באַשאָטן. ער אַליין ליגט אויף אַ פעכלדיק־ווייס געלעגער, און דורך די ריזיק געעפנטע פענצטער פון קאָ־לירטע שויבן בלאָזט אַריין אַ קיל ווינטל, און צוזאַמען מיטן קילן ווינטל שטראָ־מען אַריין כוואַליעס מיט ליכטיק־גאָלדענע שטראַלן, וואָס גיבן אים אויף אַ ווײַלע אַ בלענד אין די אויגן און ער שלאָפט צוריק איין.

ער פילט אַ גלעט איבער זיינע באַקן פון אַזאַ צאַרטער האַנט, אַז זי קאָן גאָרנישט געהערן צו קיין אַנדערער ווי צו זיין אויסדערוויילטער פנינהן... ער זעצט ווייטער פאָר זיין אויסטערלישע דערציילונג, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין זיין זכרון פון יענע טעג, ווען ער איז נאָך געווען אין דעם וואונדערלעך־לעגענ־דאַרישן לאַנד פון די כוזרים, און גאָר אַ וואונדערלעך שיין מיידל — שולמית איז געווען איר נאָמען — איז געזעסן ביי זיין זייט און אים פאַרגעלייענט פון אַ פּאַק פאַרגעלטע פּאַפּירוסן די אויסטערלישע געשיכטע פון איר לאַנד.

וואָס ווייטער זי לייענט, אַלץ מער פאַרגעסט ער זיך ווו ער איז. עס דאַכט

זיך אים, אַז ער אַליין לעבט דאָס אַדורך די אויסטערלישע געשעענישן, וואָס זענען פאָרגעקומען מיט איבער צוויי הונדערט יאָר צוריק, ער לעבט־מיט מיט אַלע העלדן, פון דעם קעניג בולאַן דעם גרויסן ביז דעם קעניג יוסף בן אהרן. ער זעט די אַלע מלכים פון דעם ייִדישן כוזרים־לאַנד: עובדיה און זיין זון חזקיהו, און נאָך אים זיין זון מנשה, דערנאָך חנוכה, דער ברודער פון עובדיה, און זיין זון יצחק און זיין זון זבולון, דערנאָך זיין זון מנשה און זיין זון ניסי און זיין זון מנחם, דערנאָך זיין זון בנימין און שפעטער זיין זון אהרן, וועמענס זון, יוסף, איז איצט דער מלך איבער די כוזרים...

יאָ, ער לייענט איצט בפירוש: אַז זיי, די כוזרים, שטאַמען אָפּ פון נחס דריטן זון יפת, וועלכער האָט געהאַט אַ זון תוגרמה, און תוגרמה האָט געהאַט צען זין, זיין זיבעטער זון האָט געהייסן כזר (כאַזאַר), און פון אָט־דעם דאָזיקן כזר שטאַמט אָפּ דער שבט פון די כוזרים...

אַפילו אין שלאָף פילט יצחק אַ ווייטיק אין האַרץ: אַלזאָ, זענען די כוזרים נישט די אָפּשטאַמיקע פון די פאַרלוירענע עשרת השבטים... אָבער ער טרייסט זיך באַלד וואָס מיר געהערן זיך דאָך סוף־כל־סוף אָן עפּעס מיט יפתן אויך. ער איז דאָך דער דריטער ברודער פון שם...

פון די אָפענע ריזיקע פענצטער אין דעם ווייסן מירמלנעם זאַל גיט אַ בלאָז אַ שטאַרקער ווינטל אין יצחקס פּנים אַריין און ער כאַפּט זיך אויף. ער קוקט זיך אום מיט אַן אומשולדיקן שמייכל און ער דערזעט שולמיתן זיצן לעבן זיין בעט. זי האַלט נאָך אַלץ דעם פּאַק מיט פאַרגעלטע פּאַפּירוסן. זי לייענט נישט מער, וואָרים אינמיטן איר לייענען איז יצחק איינגעשלאָפן מיט אַ מידן, זיסן שלאָף נאָך אַ גאַנצער נאַכט זיין וואַך אין קעניגלעכן פּאַלאַץ. עס האָבן אים איינגעשלעפערט די שטאַרקע וויינען און עס האָט אים געמאַכט איינדרעמלען דער שיינער אָבער ווירקלעכער „חלום” פון אַ ייִדישער מלוכה, און עס האָט אים איינגעשלעפערט דער צאַרטער גלעט פון שולמיתס אויגן, וואָס האָבן אויף אים געקוקט מיט אַזוי פיל ליבע און חן...

ער איז דעם מיידל דאַנקבאַר געוועזן פאַר דעם לייענען די הערלעכע געשיכטע פון איר פאָלק. זי האָט נאָך ווייט נישט געענדיקט לייענען וועגן די אויסערגעוויינלעכע מלחמות, וואָס די כוזרים האָבן געפירט מיט זייערע שונאים און האָבן זיי אַלעמען באַזיגט; וועגן דעם, ווי אַזוי איר עלטער־עלטער זיידע, ר׳ יצחק סאַנגורי, איז אָנגעקומען פון בבל אין דעם גאַסטפריינטלעכן לאַנד פון דעם כוזרי־שבט און געפונען דאָרט אַ מקום־מנוחה. ער האָט דאָרט אויפגעבויט אַ ישיבה, געבויט שולן און דערצויגן נייע ייִדישע דורות, וועלכע האָבן געקעמפט צוזאַמען מיט די כוזרים פאַר זייער פרייהייט, וואָס איז אויך געוואָרן די פרייהייט פון ייִדישן פאָלק...

שולמית האָט איצט געקוקט אויף אים מיט געמישטע געפילן: זי האָט דעם יידישן בחור פון קאָרדאָוואַ ליב געקראָגן מיטן גאַנצן ברען פון איר נשמה, אָבער זי האָט דאָך פון זיין שלאָף בפירוש געהערט אים דערמאָנען אַ מיידל מיטן נאָמען פנינה... ער האָט מיט אַזאַ צערטלעכקייט אָנגערופן דעם דאָזיקן נאָמען, אַז זי איז אַזש אַליין געריירט געוואָרן און זי האָט זיך געווונטשן, אַז זי זאָל דאָס געוועזן זיין די דאָזיקע „פנינה"... זי איז דעריבער טרויעריק געוועזן, אַ לייכטער נעפּל האָט פאַרהויכט אירע בלוילעך־גרינע אויגן, און איר טונקל־ברוין אָפּגעברענט פּנים איז ווי מיט אַ וואָלקן פאַרצויגן געוואָרן און זי האָט געשוויגן.

פון דער גאַס האָבן זיך נאָך אַלץ געהערט די שאַלן פון טראָמפּייטן און דאָס בלאָזן פון שופרות און די געמאָסטענע טריט פון די פלינקע אַראַבישע פערד־לעך. דאָס האָט מען נאָך אַלץ פאַרגעזעצט צו פייערן דעם גרויסן יום־טוב, וואָס וועט אַזוי נאָך אָפּדויערן אַ גאַנצן חודש.

יצחק האָט זיך איינגעהאָרכט אין די ווייטע אָפּהילכן פון דער גאַס. די רויטע זון־שטראַלן פון דעם פאַרגייענדיקן פייערדיקן ראָד האָבן זיך אַריינגע־ריסן אין דעם ווייסן זאַל און אָפּגעפאַרבט אַלץ אין פורפורנע קאָלירן.

— פאַרוואָס שווייגסטו עפּעס, שולמית?... — האָט יצחק מיטאַמאָל באַ־מערקט איר אומעטיקייט — דו לייענסט אַזוי שיין, און דיין לשון־קודש שפּראַך איז אַזוי קלינגענדיק, אַז אין די אויערן מיינע שאַלן נאָך אָפּ דיינע רייד...

— ווייל בלויז אין די אויערן און נישט אין האַרץ... — האָט שולמית מיט פּערלדיקע טרערן אין די אויגן אים קורץ געענטפערט.

— ווערסטו מיר מער נישט לייענען?... איך בין אַזוי מיטגעריסן געוואָרן מיט דער צויבערלעכער געשיכטע, אַז ווען איך בין איינגעשלאָפן, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך לעב דאָס אַלץ איבער און איך שוועב אין דער פאַרגאַנגענער צייט אַריין... — האָט יצחק איר אַ גלעט געטאָן איבער דער האַנט.

— און האָסט אין דיין חלום אַזש אַריבערגעשוועבט קיין קאָרדאָוואַ... — האָט די קלוגע שולמית אים אַ שטאָך געטאָן.

יצחק איז רויט געוואָרן. ער האָט דאָך טאַקע געחלומט, אַז ער געפינט זיך אין גרינעם ציפּרעסן־גאָרטן פון נשיא ר׳ חסדאי און ער זיצט דאָרט מיט זיין געליבטער פנינה...

— די געשיכטע פון כוזרישן פאָלק האָט מיך אינגאַנצן פאַרכאַפּט — האָט יצחק איבערגעחזרט — און איך וויל זי איבערלייענען אינגאַנצן. איז זי אָנגעשריבן ביז דער היינטיקער צייט?...

— אָנגעהויבן שרייבן די געשיכטע פון די כוזרים האָט מיין עלטער־עלטער זיידע, ר׳ יצחק סאַנגורי און דאַן האָבן די ווייטערדיקע געשיכטע געשריבן די שפּעטערדיקע דורות, ר׳ יצחק סאַנגוריס זון, זיין אייניקל, זיין אור־אייניקל און

אַזוי ביז דער הײנטיקער צײט. די לעצטע פּאַפּירוס־בלעטלעך האָט פֿאַרשריבן מײן פֿאָטער... — האָט שולמית אים דערקלערט.

יצחק האָט געכאַפּט אַ בליק אויף די לעצטע בלעטלעך, וואָס זענען נאָך נישט פֿאַרגעלט געוואָרן און זענען געשריבן געווען מיט אַ קלאָרער האַנטשריפֿט אויף לשון־קודש, מיט קלײנע באַמערקונגען אויף דעם כוזרישן לשון, וואָס ער האָט, פֿאַרשטײט זיך, נישט געקאָנט איבערלײענען.

דער קעניג יוסף האָט געהאַט פֿריִער באַפֿוילן שולמיתן, אַז זי זאָל דעם יונגן שליח פֿון קאָרדאָוואַ איבערגעבן דעם גאַנצן פֿאַרשריבענעם כתב־יד, וואָס ער וועט באַווײזן איבערצולײענען איבער דער צײט, וואָס ער וועט דאָ װײלן אין לאַנד, ביז דער קעניג וועט צוגרײטן דעם ענטפֿער צום נשיא פֿון אַנדאַלוזיע, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט.

יצחק איז געווען שטאַרק דאַנקבאַר דער קעניג און נאָך מער דער שײנער שולמית — וועלכע האָט דעם אָנהײב פֿון כתב־יד אַלײן געלײענט — פֿאַר איבערגעבן אים אין דער האַנט אַרײן די פּאַפּירוס־בלעטלעך וועגן דער געשיכטע פֿון די כוזרים, זינט זײ האָבן אָנגענומען דאָס ייִדישע גלויבן.

דער יונגער שליח איז מתחילת געווען באַרוישט פֿון דער נאָענטקײט פֿון דער שײנער שולמית, ער האָט אויפֿגעציטערט בײ יעדער צאַרטער באַרירונג פֿון אירע פֿינגער. אָבער זינט ער האָט פּנינהן געזען איצט אין חלום, האָט פֿאַר אים געלויכטן ווי מיט פֿײערדיקע אותיות איר לעצטער שפּרוך: „און אַז דו וועסט באַגעגענען אַן אַנדערע?״

— נײן, פּנינה, איך וועל דיך פֿאַר קײנעם אין דער וועלט נישט אויסטוישן, אַפֿילו נישט פֿאַר דער פּראַכטפֿולער שולמית... — האָט ער געמורמלט מיט די ליפּן.

***

דעם זעלביקן אָוונט האָט יצחקן דערוואַרט אַ געוואַלטיקע איבעראַשונג. בעת ער איז געזעסן בײם פֿאַרבעטענעם מאָלצײט בײ די סאַנגורים אין הויז, האָט זיך די טיר געעפֿנט און אויף דער שוועל איז געבליבן שטײן זײן פֿרײנט, דער ביזאַנטיער, דאַגאָמאַר־אַברהם...

יצחק איז אים אַרויפֿגעפֿאַלן אויפֿן האַלדז און די פֿרײד מיטן אָפּגעפֿונענעם פֿרײנט איז געווען אַזוי גרויס, אַז לאַנג־לאַנג האָט ער נישט געקאָנט קומען צו זיך.

— ווו ביסטו פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, מײן טײערער פֿרײנט?... — האָט יצחק מיט שמחה אויסגערופֿן — איך האָב שוין אַזוי שטאַרק געזאָרגט פֿאַר דיר!...

און דאַגאָמאַר־אַברהם האָט דערצײלט אַן אויסטערלישע געשיכטע. ער האָט אין דעם געדראַנג פֿון יענעם טאָג, בעת דער גרויסער יום־טוב פֿײערונג, צופֿעליק

זיך אָנגעשטויסן אויף איינעם פון די רייטער, מיט וועלכע זיי זענען געקומען אין לאַנד פון די כוזרים און אין דער רגע האָט יענער אים דערקענט...

„דו ביסט דאָך מיין גרעסטער שונא, וועמען איך זוך אַרום שוין אַזוי לאַנג", האָט ער צו מיר אויסגערופן און די פיס האָבן ביי מיר אָנגעהויבן ציטערן פאַר גרויס שרעק, — האָט דער ביזאַנטיער דערציילט יצחקן.

דער כוזרי איז געווען אויסער זיך פון כעס, פאַרוואָס ער האָט אים די גאַנצע צייט פון זייער רייטן נישט דערקענט און גראָד אין דער רגע האָט ער אויפן ערשטן בליק גלייך דערזען אין אים זיין לאַנג־געזוכטן שונא...

און דאַגאָמאַר האָט יצחקן דערציילט דעם פאַרלויף פון זייער געשפּרעך און נאָכדעם, ווי דער כוזרי האָט אים אָפּגעהאַלטן צוויי טעג און איינגעטענהט מיט אים, האָט ער אים ענדלעך מוחל געווען פאַר זיינע באַגאַנגענע זינד.

„בלויז צוליב דעם גרויסן יום־טוב אונדזערן שענק איך דיר דאָס לעבן", האָט דער כוזרי צו אים געזאָגט — „און אויך צוליב דעם, וואָס דער יונגערמאַן פון אַנדאַלוזיע איז דיין פריינט"...

— דו האָסט מיר איצט צום צווייטן מאָל געראַטעוועט דאָס לעבן — האָט דאַגאָמאַר מיט פרייד אויסגערופן און שטאַרק געדריקט יצחקס האַנט. — האָסט געראַטעוועט מיין רוחניותדיק לעבן און איצט מיין גוף...

— איצט וועט מען דיך דאַרפן אויף אַן עפנטלעכן אופן אַריינברענגען אין דער יידישער עדה... — האָט יצחק געזאָגט — און אַ גרויסע סעודה וועלן מיר איינאָרדענען לכבוד אָט דער דאָזיקער געשעעניש און מיר וועלן פאַרבעטן אַלע בכבודיקע מענטשן פון באַלאַנגאַר!...

די פרייד איז געווען אין לשער. אַפילו שולמית האָט פאַרגעסן אין איר טרויער און זי האָט זיך מיטגעפרייט מיט יצחקס און דאַגאָמאַרס שמחה.

ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין זענען זיי געזעסן מיט דער פאַמיליע סאַנגורי און אינטערעסאַנטע געשיכטעס איז יצחק פון זיי געוואויר געוואָרן, אַ חוץ דעם וואָס ער וועט נאָך דערוויסן זיך, ווען ער וועט האָבן איבערגעלייענט דאָס בוך וועגן דער געשיכטע פון דעם כוזרים־פאָלק...

דער עלטערער סאַנגורי האָט יצחקן איבערגעגעבן, אַז די סלאַווישע שבטים גרייטן זיך צו אַ מלחמה מיט די כוזרים. זיי זענען איצט זייער שטאַרק, און דאָס וואָס זיי האָבן איצט געשיקט שליחים און אָפּגעגעבן אַ טרייהייט־שבועה, דאָס איז נאָר כדי צו פאַרבלענדן די אויגן...

— גרויסע געשעענישן שטייען אונדז פאָר... — האָט דער עלטערער סאַנגורי מיט אַ טיפן זיפץ אויסגערופן — ווער ווייסט, ווי די אַלע מלחמות וועלן אויספאַלן אין דעם איצטיקן מאָמענט. די סלאַוון האָבן שטילערהייט געמאַכט אַ

בונד מיט די אַראַבער און פּערסיער, מיר ווייסן עס דורך אונדזערע שפּיאָנען, און זיי ווילן אונדז צעברעכן...

די דאָזיקע טרויעריקע נייעס האָט יצחקן אַריינגעבראַכט אין אַ שלעכטער שטימונג און ער האָט זיך פאַרטראַכט, צי ער איז נישט אַמאָל געקומען אין דעם לאַנג־אויסגעחלומטן לאַנד אַביסל צו שפּעט, ווען די „זון האָלט שוין ביים אונ־טערגיין״...

גאָר שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך יצחק צוריקגעצויגן אין זיין חדר, וואָס די סאַנגוריס האָבן אים אָפּגעגעבן, אָבער ער האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן. ער האָט דעמאָלט אַרויסגענומען דעם פאַרגעלטן פּאַק מיט פּאַפּירוסן און זיך פאַרטיפט אין לייענען, און וואָס לענגער ער האָט געלייענט אַלץ וואַכעדיקער איז ער געוואָרן. עס האָט פאַר אים אויפגעלעבט אַן אומבאַקאַנטע עפּאָכע, ווי אַזוי עפּעס אַן אויסטערלישער שבט פון טאָטערן, מיטן נאָמען „כוזרים״, האָבן אָנגענומען דאָס יידישע גלויבן נאָך פיל נאַכטראַכטענישן פון זייער כאַקאַן (קע־ניג) בולאַן, און ווי אַזוי צו דעם האָט זיך צוגעטאָן אַ בבלישער ייד מיטן נאָמען יצחק סאַנגורי, דער עלטער־עלטער זיידע פון אָט דער משפחה. ביי וועלכער ער האָט איצט געפונען אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ גאַסטפריינטלעכע אויפנאַמע. ער איז אַזוי מיטגעריסן געוואָרן מיט דער דערציילונג, אַז ער האָט גאָרנישט גע־דענקט אויף וועלכער וועלט ער געפינט זיך איצט, און ווען ער איז ענדלעך מיט טאָג צוגלייך איינגעשלאָפן, האָט ער דערפון געחלומט און זיך אַוועקגעטראָגן אין אַ וועלט אַריין מיט איבער צוויי הונדערט יאָר צוריק...

קאַפּיטל זעקס

אינעם לאַנד פון די כוזרים

ווייט און ברייט, צווישן די טייכן איטיל (וואָלגאָ) און סמבטיון (דאָן) און העט אַרויף ביזן טייך אוראַל און אירע בערג אויף צפון־מזרח און ביזן ים פון די כוזרים (קאַספּישער ים) און ווייטער אַראָפּ צו די קאַווקאַזער בערג אויף דרום, האָט זיך געצויגן דאָס לאַנד פון די כוזרים אָדער ווי די סלאַווישע שכנים האָבן זיי גערופן: די כאַזאַרן. דאָס איז געווען אַ ווילד, באַרבאַריש און געצענדינעריש פאָלק, וואָס האָט מיט זיין שטאַרקייט און אויסדויער אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף זיינע שכנים — די רוסן, אויף צפון־מערב פון דער כוזרישער גרעניץ און אויף די אַראַבער און פּערסיער אין דרום־מזרח, וועלכע האָבן מורא געהאַט מיט זיי זיך צו פאַרטשעפּען.

ווייל וויפל מאָל עס האָט זיך די סלאַווישע שבטים אָדער — די צאַקלאַבן — מיטן שבט רוס בראש, צי די פאַרשידענע אַראַבישע פעלקער פאַרגלוסט אָנ־צופאַלן אויף די כוזרישע מענטשן, נאָך וועמענס שיינע פרויען זייערע הערצער האָבן געלעכצט אָדער וועמענס פעטע שאָף און רינדער זיי האָבן חשק געהאַט צוצורויבן, האָבן זיי באַצאָלט מיט טייכן בלוט, צענדליקער טויזנטער טויטע זענען געבליבן ליגן אויף די שלאַכטפעלדער, פאַרוואַנדלענדיק זיך אין שפּייז פאַר די ראָבן, און אין נאָכאַמאָל אַזוי פיל שקלאַפן, וואָס זענען דורך זיי פאַרקויפט גע־וואָרן אויף די מערק פון אייראָפּע און אַזיע. זייערע שטעט און דערפער זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאַרקוילטע האַלעוועשקעס מיט אַרויסשטאַרטשענדיקע חורבות; זייערע פולע סטויגן מיט תבואה זענען מיטן רויך אַוועק, און יאָרנלאַנג האָבן נאָך די טויטע און פאַרפאַלענע געטרויערט וויסטע אלמנות און יתומים...

אָבער ווי ווילד און גרויזאַם די כוזרים — אַ טאַטערישער שבט — זענען נישט געווען צו זייערע אויסערלעכע שונאים, אַזוי גוט און ווייכהאַרציק זענען זיי געווען צו די פאַרשידנאַרטיקע איינוווינער פון זייער לאַנד און זיי האָבן גע־לאָזט די באַפעלקערונג דינען צו זייערע געטער און האַלטן זייערע אמונות. אָן שום אונטערשיד צו וועלכער גרופּע איינער האָט געהערט, איז ער גלייך באַשיצט געוואָרן דורך זייער זיגרייכער שווערד.

מורא האָבנדיק פאַר די אויסערגעוויינלעכע שטאַרקע כוזרים, האָבן די שכני־שע פעלקער געהאַלטן אין איין בויען פעסטונגען ביי זייערע גרעניצן און די

ביזאַנטישע קייסאָרים האָבן געזוכט זייער פּריינטשאַפֿט און טיילמאָל אַפֿילו גע־פּרוווט אָנצובאָטן זיי זייער קריסטלעכע אמונה און אַזוי אַרום זיי אַריינבאַרן אין זייער קלעם.

צו־קלוג זענען אָבער געווען די האַלב־ווילדע כוזרים, אַז זיי זאָלן זיך לאָזן דורך עמיצן מיט כיטרע וועגן אַריינבאַרן. זיי האָבן געפירט אַ גרויסן האַנדל מיט די שכנישע לענדער, שיקנדיק צו זיי גרויסע טראַנספּאָרטן פיש, וואָס איז געווען לרוב אין דעם שוואַרצן ים און אין דעם ים פון די כוזרים, ברענגענדיק פון די ביזאַנטישע לענדער פאַרשידענע אויסגעאַרבעטע חפצים. פון די סלאַווישע לענדער — פאַרשידענע פעל פון חיות, און דאָס כוזרישע פאָלק איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג אַלץ שטאַרקער און מעכטיקער.

אין יענער צייט, דאָס איז געווען אַן ערך אין ד׳ אלפים ת״פ (720), האָבן די ביזאַנטישע קייסאָרים, און מער פון זיי אַלע דער קייסער לעאָ, אָנגעהויבן אַרויסגעבן פאַרשידענע גזירות קעגן דער ייִדישער באַפעלקערונג פון זייערע לענ־דער, און ייִדן האָבן אָנגעהויבן זוכן אַ מקום מנוחה ערגעץ אַנדערש.

די ייִדן האָבן זיך דעמאָלט אַוועקגעלאָזט פון זייערע איינגעזעסענע ערטער אין די ביזאַנטישע מדינות ווייט אַוועק איבער די קאַווקאַזער בערג, זוכנדיק שוץ און זיכערקייט פאַר זייערע נאַקעטע לעבנס און אויך צו געפינען פרנסה פאַר זייערע ווייבער און קינדער. זיי האָבן אין זייערע לענדער, ווי אין פּערסיע, אין בבל און אַנדערע מקומות שוין געהאַט געהערט וועגן עפּעס אַ מאָדנעם שבט מיטן נאָמען „כוזרים״, וואָס מ׳האָט געזאָגט אויף זיי, אַז זיי זענען ווילדע און באַר־באַרישע מענטשן און בכלל אַן אומברחמנותדיק פאָלק, און זיי זענען געצנדינער. אָבער טאַקע דערפאַר, וואָס זיי זענען נאָך נישט געהאַט אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דער קריסטלעכער אמונה, וואָס איז געווען פיינטלעך צו ייִדן, האָבן די ייִדישע וואַנדערער געהאַט אַ האָפענונג דאָרט צו געפינען אויף דערווייל אַ מקום מנוחה.

די ייִדן זענען, צו זייער גרויסער איבערראַשונג, זייער פיין אויפגענומען געוואָרן דורך די האַלב־ווילדע כוזרים. מען האָט זיי דערלויבט אויפצובויען שולן און בתי־מדרשים, וואָס דאָס האָט אין די אויגן פון די הערשער פון לאַנד אויס־געזען אַזוי מאָדנע און אויסטערליש. זיי האָבן אָבער די ייִדן גאָרנישט געזאָגט, נישט געמישט זיך אין זייערע רעליגיעזע ענינים. זיי זענען מיט די ייִדן גאָר צו־פרידן געווען, ווען די איינגעוואַנדערטע באַפעלקערונג האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פעיִקייטן אין מסחר. עס איז דעמאָלט גראָד אין לאַנד פון די כוזרים נישט געווען קיין געראָטן יאָר. די גערעטעניש איז פאַרברענט געוואָרן דורך דער הייסער זון, האָבן די ייִדן געברענגט תבואה פון גריכנלאַנד, געמאָלן אויף מעל און געבאַקן ברויט. פאַר אָרימעלייט האָבן זיי אַפֿילו אויסגעטיילט פּאַרציעס ברויט אינגאַנצן

אומזיסט. דאָס איז די כוזרים זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן און זיי האָבן אָנ־געהויבן קוקן אויף די ייִדן ווי אויף אַ נוצלעכן טייל פון זייער באַפעלקערונג.

ייִדישע יוגנטלייט האָבן אַפילו אָנטיילגענומען, צוזאַמען מיט די כוזרישע מיליטער־אָפּטיילונגען, אין קאַמפן קעגן פאַרשידענע אָנפאַלער, סיי מצד די אַראַ־בער און סיי מצד פאַרשידענע סלאַווישע שבטים, און זיי האָבן אַרויסגעוויזן גרויס העלדישקייט. די ייִדן האָבן מיט פאַרשידענע קונציקע איינפאַלן פאַרנאַרט טיילמאָל דעם שונא אין אַזעלכע באַהאַלטענע ערטער אין די בערג און דאָרט זיי ביז איינעם פאַרטיליקט.

די כוזרים האָבן זיך אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן מיט אָט דער מאָדנער גרופּע מענטשן, וואָס צו קריסטוסן דינען זיי נישט, ווייל זיי זענען זיי קיינמאָל נישט גיין אין די הויכע שפּיציקע קירכעס אַריין, נאָר זיי דינען צו עפּעס אַ גאָט, וואָס פאַרלאַנגט נישט קיין רייכע קירכע־פּאַלאַצן, נאָר זיי טוען תפילה צו אים אין אָרימע ביידלעך, וואָס זיי פלעגן דאָס מאַכן פאַרן מקום־קדוש...

דאָס הערשנדיקע פאָלק אין כוזרים־לאַנד איז דעמאָלט צום ערשטן מאָל געוווּיר געוואָרן וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזאַ אויסטערלישער אומה, ווי — ייִדן... אָבער גאָר שטאַרק געהויבן זענען ייִדן געוואָרן אין די אויגן פון דער כוזרישער באַפעלקערונג, ווען צו יענער צייט האָט איינגעוואַנדערט אין לאַנד אַריין און באַזעצט זיך אין דער הויפּטשטאָט באַלאַנגאַר די משפחה פון יצחק סאַנ־גורי, וועלכער איז אָנגעקומען פון באַגדאַד אין בבל. אין באַלאַנגאַר, וואָס ליגט אויפן סאַמע מויל פון טייך איטיל, ביים אַריינפאַל אין כוזרישן ים, איז געווען די רעזידענץ פון כוזרישן כאַקאַן אָדער קעניג, וועלכער איז געווען דער אַליינהערשער איבערן גאַנצן פאָלק. דעמאָלט האָט געהערשט איבער דעם כוזרים־לאַנד דער כאַקאַן בולאַן. ער איז געווען זייער באַליבט ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג פון לאַנד׳, אַן אונטערשיד פון וואָס פאַר אַן אמונה עמיץ ס׳איז געווען. ער האָט געלאָזט יעדן איינעם פריי דינען צו זיין גאָט, אויב יענער האַלט נאָר, אַז ער דינט צו דער ריכטיקער אמונה.

— אויב ער מיינט נאָר דעם אמת, וועל איך אים אין גאָרנישט שטערן, ווייל דער אמת איז די העכסטע זאַך אין מענטשלעכן לעבן! — האָט דער „האַלב־ווילדער״ כוזרישער כאַקאַן געזאָגט.

ר׳ יצחק סאַנגורי איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן, ווען ער איז אָנגעקומען קיין באַלאַנגאַר. ער איז מער נישט אַלט געווען ווי אַ יאָר 35 און ער האָט שוין געהאַט אַ טאָכטער פון אַרום פופצן יאָר, מיטן נאָמען אסתר. די טאָכטער איז געווען זיין אויג אין קאָפּ. ווייל ר׳ יצחק סאַנגורי איז זייער פרי, סך־הכל צוויי יאָר נאָך זיין חתונה, געוואָרן אַן אלמן און ער איז צו זיין טעכטערל אסתר געווען אי אַ טאַטע און אי אַ מאַמע... ער האָט זיין ווייב צו שטאַרק ליב געהאַט

און ער האָט באַשלאָסן מער נישט חתונה צו האָבן און ער האָט געהאַלטן טייער דעם אָנדענק פון זיין פאַרשטאָרבענער רחלען.

זיין גאַנצע ענערגיע האָט ר׳ יצחק סאַנגורי אַריינגעלייגט אין האַלטן צו־זאַמען די יידישע קהילה אין באַלאַנגאַר. ער פלעגט יעדן שבת האַלטן פאַר זיי אַ דרשה, אויפגעקלערט די גרויסקייט פון דער יידישער אמונה און ווי שטאַלץ עס דאַרף זיין אַ מענטש, וועלכער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אויף דער אידייע פון איינאיינציקן גאָט.

— זעט!... — פלעגט ער איצט אָפן און אָן מורא טענהן צו זיין יידישער עדה — וואָס עס איז געוואָרן פון די מינים, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער יידישער אמונה און האָבן אָנגעהויבן דינען צו אַ „געטלעכן״ זון, וואָס מיט דעם אַליין פאַרשוועכן זיי שוין דעם נאָמען פון גאָט. וואָרים איר ווייסט דאָך, אַז אונדזער גאָט „האָט נישט קיין גוף און האָט אַפילו נישט דאָס געשטאַלט פון אַ גוף״, טאָ ווי האָט ער געקאָנט האָבן אַ זון!... זיי האָבן געוואָלט די געצנ־דינער געבן אַ גאָט, און זיי זענען אַליין געוואָרן געצנדינער... זיי מאָרדן און זע־נען מנאף נאָך ערגער ווי ווען עס איז פריער, און זייער גאַנצן כעס לאָזן זיי אויס צו זייער עלטערן ברודער, דעם ישראלי... דאָס איז כעס צוליב קנאה.

ר׳ יצחק סאַנגורי האָט אויסגעפּועלט ביי דער כוזרישער מלוכה און מען האָט אים דערלויבט אויפצובויען אַ שול, איינצואָרדענען חדרים, ווו ער אַליין האָט געלערנט מיט די קליינע קינדער תורה. די יונגע טאָכטער זיינע איז שטענ־דיק געווען לעבן אים. ער האָט זי אויף קיין איין מינוט נישט איבערגעלאָזט אַליין.

אויף דער גאַס האָט מען אויפן ערשטן בליק נישט געקאָנט אונטערשיידן אַ ייד פון אַ כוזרי, סיידן דורך דעם כוזריס אַרויסשטאַרטשענדיקע קינבאַקן און שמאָלע, שוואַרצע אויגן. געקליידט זענען זיי געגאַנגען אַלצאיינס, אַזעלכע לאַנגע שוואַרצע קאַפּטאַנעס, מיט פוטערנע היטלען, אַפילו אין דער גרעסטער היץ. אין דער היים אָבער האָבן די יידן זיך געפירט אַזוי ווי זייערע עלטערן האָבן זיי גע־לערנט אין זייערע פריערדיקע לענדער, צי אין בבל, צי אין פערסיע אָדער אין גריכנלאַנד. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט פישפאַנג, מיט פאַרשידענע מלאכות און האָבן אימפּאָרטירט געהילץ פון די „צאַקלאַבישע״ צפון־לענדער.

זיי האָבן אָפּגעהיטן דריי מאָל אַ טאָג צו גיין אין דער קליינער שול, וואָס זייער רבי, ר׳ יצחק סאַנגורי, האָט אויפגעבויט, און מתפלל געווען צו גאָט און געלויבט אים פאַר די נסים, וואָס ער האָט מיט זיי געטאָן, אַרויסברענגענדיק זיי פון די לענדער, ווו זיי זענען באַצוווּנגען און גערודפט געוואָרן און האָט זיי אַוועק־געפירט אין דעם דאָזיקן פרייען לאַנד פון די כוזרים. זיי האָבן מער נישט געוווּסט פון קיין פאַרפאָלגונג און האָבן געלעבט זייער לעבן אונטער דער הערשאַפט פון

מלך חסד בולאַן דעם גרויסן, ווי די ייִדן האָבן, אויס דאַנקבאַרקייט פאַר זיינע גוטע מעשים, אים געקרוינט.

מ'האָט זיך אין די פאַרנאַכטן, צווישן מנחה און מעריב, דערציילט פאַר־שידענע זאַכן וועגן דעם כאַקאַן, בולאַן דעם גרויסן, מ'האָט געזאָגט, אַז ער האָט ליב גאַנצע טעג אַרומצוּוואַנדערן איינער אַליין אין די געדיכטע וועלדער, אַז מ'האָט אים אָפט געדאַרפט גיין זוכן. און ווען מ'האָט אים געפונען, איז ער געשטאַנען אונטער אַ בוים און געפּרעפּלט עפּעס מיט די ליפּן אַ געבעט.

— צו וועמען בעט ער עס גאַנצע טעג?... — האָבן די מקורבים פון כאַקאַן זיך איינע די אַנדערע געפרעגט אין גרויס פאַרוווּנדערונג — צי זענען דען פאַר אים ווייניק אונדזערע געטער אין די טעמפּלען, צו וועמען דאָס גאַנצע פאָלק בעט, ווען עס פאַרפעלט רעגן אויף די פעלדער און אַ טריקעניש פאַרברענט די גאַנצע תבואה אין לאַנד?...

אַ סך פון די אונטערטאַנען, אונטער די שטילע העצערייען פון דעם שני למלך אָדער דעם פּעגאַן, ווי די כוזרים האָבן אים גערופן, האָבן אָנגעהויבן מורמלען, אַז דער כאַקאַן איז אויף דער עלטער אַראָפּ פון זינען, עפּעס שטענ־דיק גייט ער אַרום פאַרטראַכט און שעפּטשעט אומפאַרשטענדלעכע רייד מיט די ליפּן.

דער פּעגאַן האָט גרויס חשק געהאַט צו פאַרכאַפּן די מאַכט פון לאַנד און דעם כאַקאַן באַזייטיקן. אָבער די גרויסע מערהייט פון פאָלק איז געווען אויף דער זייט פון בולאַנען, זיי האָבן אים פאַרערט און געאַכט...

די ייִדן, וועלכע האָבן גענאָסן די פולשטענדיקסטע פרייהייט אונטער דער הערשאַפט פון בולאַן, זענען אים געווען די בעסטע גוטע פריינט און וויפל זיי האָבן געקאָנט, האָבן זיי געהאַלטן אַ וואַך אויג אויף די שונאים, וואָס האָבן אינטריגירט קעגן דעם כאַקאַן.

איינער פון די טיכטיקסטע ייִדישע יונגעלייט, וואָס האָבן געדינט אויפן הויף פון כאַקאַן בולאַן, איז געווען אַ יונגערמאַן פון בבל, וועלכער איז ערשט נישט לאַנג געהאַט געקומען אין לאַנד אַריין. זיין נאָמען איז געווען עמרם. ער איז געווען אַ תלמיד פון דער ישיבה אין פומבדיתא, אין בבל. ווען ער איז אָנגעקו־מען קיין באַלאַנגאַר, איז ער צום ערשטן אַריינגעקומען אין הויז פון ר' יצחק סאַנגורי, וועלכער האָט אים אויפגענומען בסבר פנים יפות.

ער האָט געבראַכט פרישע נייעס פון יענעם לאַנד, פון וואַנען ר' יצחק סאַנ־גורי איז ערשט נישט לאַנג צוריק געהאַט אַנטלאָפן צוליב די רדיפות אויף ייִדן מצד די אַראַבישע מושלים, וועלכע זענען ווידער אָנגערייצט געוואָרן דורך דעם ביזאַנטישן קעניג לעאָ. ער האָט דערציילט ר' יצחק סאַנגורין, און דער רבי האָט עס באַלד איבערגעגעבן דעם כאַקאַן דורך איינעם אַ ספּעציעלן פאַרטרויאונגס־

מאַן, אַז די אַראַבער גרייטן זיך אין געהיים צו מאַכן אַן אומגעריכטן אָנפֿאַל פון פּערסיע אויף דעם כוזרים־לאַנד. צוליב דעם צוועק בויען די פּערסיער שטאַרקע פעסטונגען אויף זייער גרעניץ מיט די כוזרים און זיי בילדן אויס אַן אַרמיי, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון די ווילדסטע נאָמאַדן, וועלכע וואַנדערן אַרום אין די בערג פון קאַווקאַז און באַוואָפענען זיי מיט שווערדן און שפּיזן און שווערע פייל־און־בויגנס.

דער כאַקאַן האָט פאַר די דאָזיקע נייעס שטאַרק געלויבט ר' יצחק סאַנגורין און דעם נייעם תּלמיד־חכם, עמרם, און ער האָט זיי דערהויבן צו גרויסן אַמטן אין קעניגלעכן פּאַלאַץ.

די כוזרים האָבן זיך, צוליב אָט די דאָזיקע ידיעות וועגן די פּערסישע צו־גרייטונגען פאַר אַ מלחמה מיט זיי, אויך אָנגעהויבן פיבערהאַפט צוצוגרייטן צו פאַרטיידיקן זייער לאַנד, און עמרם האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַ ספּעציעלע יידי־שע גרופּע, וואָס וועט קעמפן באַזונדער, אָבער איינהייטלעך מיט די כוזרישע מיליטערישע פירער. עמרם האָט זיך געהאַט זיינע אייגענע אויסרעכענונגען. ער האָט געלעכצט נאָך נקמה אַן די פּערסיער, וועלכע האָבן דער יידישער באַפעל־קערונג אָנגעטאָן די גרעסטע עינויִים און פּיין. דעריבער האָט ער געוואָלט, אַז די מפּלות, וואָס ער וועט מיט זיין חיל פאַרשאַפן דעם שונא, זאָלן די פּערסיער וויסן, אַז דאָס האָט ער, דער אַמאָל געדרודפטער ייִד, זיך נוקם געווען פאַרן אומ־זיסט־פאַרגאָסענעם בלוט פון זיינע יידישע ברידער.

צווישן דעם כאַקאַן און ר' יצחק סאַנגורי האָט זיך צוליב די אַלע געשעענישן פאַרבונדן אַ נאָענטע פריינטשאַפט. אויך עמרם איז געוואָרן אַן אָפטער איינגייער אין פּאַלאַץ פון כאַקאַן בולאַן. לעצטנס איז אָבער עמרם אַרומגעגאַנגען זייער אַן אומעטיקער און קיינער האָט נישט געוווּסט די סיבה פון זיין טרויער.

ער האָט אַפילו נישט געוואָגט צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס עס האָט פאַר־אורזאַכט דעם דאָזיקן אומעט אין זיין האַרץ, ווייל טאָמער האָט ער אָנגעהויבן אָפּגעבן זיך אַ דין וחשבון וועגן דעם, וואָס אין זיין האַרץ טוט זיך אָפּ, איז ער־שיער נישט פון זינען אַראָפּ.

געוווּסט בלויז וועגן עמרמס טרויער האָט די יונגיטשקע טאָכטער פון כאַ־קאַן, די שוואַרץ־אויגיקע סולימאַ...

זי פלעגט שטענדיק אַרויסקוקן דורכן קליינעם פענצטערל פון איר צימער, ווען דער דאָזיקער יונגער ייִד איז געקומען אויף אַן אוידיִענץ אין פּאַלאַץ פון איר פאָטער, דעם כאַקאַן בולאַן. זי האָט געשלונגען יעדע באַוועגונג זיינע און זי האָט אים מיט איר בליק ממש פאַרכישופט. אַ לאַנגע צייט האָט עמרם נישט געוווּסט, אַז ער ווערט אַזוי שטאַרק באַאָבאַכטעט דורך דער יונגער שיינער פּרינצעסין סו־

לימאָ. אָבער שטענדיק פלעגט אים אַרומנעמען עפּעס אַן אינעווייניקסטער ציטער, ווען ער האָט זיך געפונען אין הויף פון דעם כאַקאַן.

ערשט ווען זיינער אַ יִדישער פריינט אין כאַקאַנס הויף האָט אים דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט, האָט ער קיין רו מער נישט געהאַט. עס איז פאַר אים געוועזן אַ מאָדנע איבערראַשונג: אַ פּרינצעסין, די טאָכטער פון כאַקאַן, אַ געצנדינערין, האָט אים ליב...

עמרם האָט זיך ערשט דעמאָלט זייטיק אָנגעהויבן צוקוקן צו איר, און דערזען אַ רייפע אויפבליִענדיקע בלום, שלאַנק און הויך, אַ פּאָר גרינע פאַרכישופנדיקע אויגן, וואָס האָבן געקאָנט דורכבויערן דאָס האַרץ, אַ ברוין אָפּגעסמאַליעט פּנימל פון דער הייסער זון. ער איז ווי דורך אַ מאַגישער קראַפט מיטאַמאָל צוגעצויגן געוואָרן צו איר און ער האָט שוין מער נישט געקאָנט רויק פאַר איר פאַרבייגיין. איר געשטאַלט האָט שוין פאַרנומען זיין מוח טאָג און נאַכט, אַפילו ווען ער איז געזעסן אין דעם קליינעם בית־המדרש און געלערנט תורה...

— אָבער עס איז דאָך אַ גוואַלטיקע זינד!... — האָט ער מיט זיך אַליין איינגעטענהט, ווי וועלנדיק אָפּווענדן זיין גדאַנק פון דעם דאָזיקן רייצנדיקן און צויבערהאַפטן מיידל — אַ געצנדינערין!...

ער האָט שוין אַ סך מאָל געוואָלט זיך מודה זיין פאַר זיין רבין, ר' יצחק סאַנגורי און בעטן ביי אים אַן עצה וואָס צו טאָן, ווייל ער וועט פאַרברענט ווערן דורכן יצר הרע, וועלכער שלעפּט אים מיט אייזערנע שטריק אין די אָפענע טויערן פון פייערדיקן גיהנום...

יעדעס מאָל אָבער, ווען ער איז אַריבערגעטרעטן די שוועל פון זיין רבינס הויז, האָט ער פון זיין שריט חרטה געקראָגן און גאָרנישט געזאָגט. ער האָט געטראָגן אין זיך דעם פאַרבאָרגענעם סוד פון זיין אויסערגעוויינלעכער פאַרבאָטענער ליבע...

עמרם האָט שוין איינמאָל געוואָלט זיך מתוודה זיין פאַר דער יונגער שייגער אסתר, ווען ער האָט זי גראָד געהאַט אָנגעטראָפן אייגנע אַליין אין הויז פון זיין רבין. ער האָט זיך ערשט איצט צוגעקוקט צו דער יונגיטשקער פּופּצן־יעריקער אסתר און ער האָט זיינע אויגן פון איר נישט געקאָנט אַראָפּנעמען, גלייך זי וואָלט אין אַ וועט־קאַמף פון שיינקייט געגאַנגען מיט דער פּרינצעסין סולימאַ... זי איז געווען כמעט פון דער זעלבער הויך, אָבער אירע אויגן זענען געווען שוואַרץ ווי ווייכער שוואַרצער סאַמעט און אַ גליאיק פּייערל האָט פון זיי אַרויסגעפּלאַקערט, אירע האָר האָבן זיך געקרייזלט ווי פּראַכטפולע רינגען איבער אַ גלאַטן, ווייסן שטערן. די ליפּן האָבן ווי עפּעס שטענדיק געמאָנט און געפּאָדערט...

ביים אָנבליק פון רבינס טאָכטער האָט עמרם אָנגעווירן זיין דרייסטקייט, און מער גאָרנישט גערעדט. ער האָט נאָר אין האַרץ זיך פאַרגעוואָרפן, פאַרוואָס

איז זיין בליק פריִער נישט געפאַנגען געוואָרן פון אָט דער דאָזיקער שיינער ייִדי־שער טאָכטער!...

איצט איז שוין צו שפּעט געוועזן... און אפשר איז אויך איר האַרץ פון עמיצן שוין געפאַנגען...

עמרם איז אָבער גאָר אינגיכן אויף אַ ווייל באַפרייט געוואָרן פון זיינע ליידן. אין איין שיינעם טאָג איז אָנגעקומען די שרעקלעכע ידיעה, אַז אַראַבישע רייטער און וואַנדערנדיקע פּערסיער זענען אָנגעפאַלן אויף דער כוזרישער דרום־גרענעץ און זעצן־פאַר זייער מערדערלעכן מאַרש צום ים פון די כוזרים.

אין דער הויפּטשטאָט באַלאַנגאַר איז אויסגעבראָכן אַ מהומה. דער כאַקאַן האָט צוזאַמענגערופן זיינע ראַטגעבער און מיליטער־לייט און אָפּגעהאַלטן אַ דרינ־גענדיקע באַראַטונג, וואָס צו טאָן, כדי אָפּצושטעלן דעם אויפמאַרש פון די ווילדע אַראַבער, צו וועלכע עס שטייען אויך צו אָפּגעריסענע און אויסגעהונגערטע אָפּ־טיילן פון די סלאַווישע שבטים.

די לאַגע איז געווען נאָך ערגער דערמיט, וואָס דער שני למלך, דער פּעגאַן, האָט זיך אין דער זעלבער צייט געגרייט צו באַזייטיקן דעם כאַקאַן בולאַן פון זיין ממשלה און אַליין פאַרנעמען דעם טראָן. ער האָט עס נישט אַרויסגעוויזן אָפן, אָבער מען האָט זיך דערוווסט וועגן דעם פּעגאַנס פּלענער פון זיינס אַן אָנהענגער, וועלכער האָט אין דער לעצטער מינוט חרטה געקראָגן און דעם סוד איבערגעגעבן צום מיליטער־אָנפירער, אולבאַשי...

דער פּעגאַן, מיטן נאָמען באַרבאַל, האָט געהאַט פיל אָנהענגער הינטער זיך און דעריבער איז די געפאַר געווען גאָר גרויס, אַז זיינע פּלענער זאָלן קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן.

דער כאַקאַן האָט אויך גערופן צו דער באַראַטונג דעם ייִדישן רבין, ר׳ יצחק סאַנגורי, און געוואָלט הערן זיין מיינונג.

די ייִדישע קהילה האָט געהאַט פאַרוואָס צו זיין אומרויִק אויפן פאַל, ווען באַרבאַל זאָל חלילה זיגן. באַרבאַל האָט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן געהאַט אַרויסגעוויזן זיין שנאה צו דער ייִדישער באַפעלקערונג. ער האָט חושד געווען, און אפשר מיט רעכט, אַז דער כאַקאַן בולאַן געפינט זיך צופיל אונטער דער השפעה פון דער קליינער ייִדישער קהילה און אַז ער פאַרנאַכלעסיקט זיין איי־גענע אמונה, ער קומט נישט צו־אָפט אין טעמפּל פון דער זון...

— ער וועט נאָך, וועט איר זען, אָננעמען די אמונה פון אָט די פרעמדע און באַרבאַרישע ייִדן... — האָט מען איבערגעגעבן זיינע רייד, וואָס ער האָט אַרויס־געזאָגט בעת אַ גאָטעסדינסט אין טעמפּל פון דער זון.

אויפן באַפעל פון פּעגאַן האָט מען אַפילו איינמאָל אינמיטן דער נאַכט אַרויס־גענומען דעם רבין, ר׳ יצחק סאַנגורי, מ׳האָט אים איינגעזעצט אין אַ נאַסן קע־

לער און אָפּגעהאַלטן עטלעכע טעג. גאָרנישט זאָגנדיק אים פּאַרוואָס דאָס האָט פּאַסירט. די טאָכטער זיינע, די שיינע אסתר, איז דעמאָלט געלאָפן מיט אַ געוויין בעט צום כאַקאַן און מיט טרערן אין די אויגן דערציילט אים וועגן דעם גרויסן אומרעכט, וואָס עס איז געשען צו איר פאָטער.

זי האָט זיך דעמאָלט צופעליק באַגעגנט אויג אויף אויג מיטן פּרינץ קאַזאַר, וועלכער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און אַריינגעפירט צום פאָטער אין טראָן־זאַל. אויפן באַפעל פון כאַקאַן האָט מען באַלד דעם רבין באַפרייט פון תפיסה, אָבער אויף אסתרס האַנט איז געבליבן ווי אַ ברי׳ענדיקער אָנדענק דער דריק פון פּרינצס באַרירונג... דעם כאַקאַנס זון האָט געמאַכט אויף אסתרן אַן אומגעהויערן איינדרוק. פאַרשטענדלעך, אַז ווייטער איז דער געדאַנק וועגן פּרינץ ביי איר נישט געגאַנגען, ווי בלויז דער אָנדענק, ווי ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט. אָבער שטענדיק, ווען זי האָט זיך דערין דערמאָנט, האָט איר אַ ברי געטאָן אויף דעם דאָזיקן פלאָץ, און איינמאָל, ווען קיינער איז אין איר חדרל נישט געווען, האָט זי אַפילו אויף דעם דאָזיקן פלאָץ אָפּגעפּרעסט אַ קוש...

אסתר האָט נאָך דער דאָזיקער טאַט, וואָס איז פאַר איר אַליין געווען אומפאַרשטענדלעך, געפאַסט צוויי טעג אין דער וואָך אין משך פון עטלעכע וואָכן צייט... זי האָט קיינעם נישט דערקלערט די סיבה דערפון. דער סוד איז געבליבן באַגראָבן ביי איר טיף אין האַרץ.

זי האָט מיט אַלע כוחות געוואָלט פאַרגעסן אין דער דאָזיקער פּאַסירונג, אָבער ווי אויף להכעיס איז דאָס דאָזיקע בילד ווי אַ נאָדל־שטאָך אַרויסגעקומען און געפּיקט אין מוח, ווי דאָס ווערעמל ביי טיטוסן אין די געהירן. ווי אויסגעהאַקט פון מירמלשטיין פלעגט זיך דער פּרינץ קאַזאַר אַוועקשטעלן פאַר איר אין געדאַנק, און זי האָט אים אַזוי לעבעדיק געזען, אַז זי האָט טיילמאָל, נישט וויסנדיק אַליין, אויסגעשטרעקט די האַנט, כדי אים אָנצורירן און אפשר — אָפּצושטופּן...

דאָס פּנים זיינס איז געווען ווי פון בראָנדז און די אויגן טונקל־גרינער גראַניט, די האָר ברוין, גלייך זיי וואָלטן פון דער כוזרישער זון אָפּגעזענגט געוואָרן. און דער גאַנצער קערפּער זיינער אויסגעמוסקולירט ווי פון שטאָל, און די ציין האָבן געבלישטשעט ווייס ווי ביי אַן אויסגעהונגערטן וואָלף. ווען ער האָט אַ שמייכל געטאָן, האָבן אַלע אברים ביי אים געלאַכט. עס האָט געשלאָגן פון אים מיט מאַנסבילשקייט, מיט גבורה און שטאָלץ.

אויך אסתר האָט אַמאָל געפילט, אַז זי דאַרף זיך פאַר עמיצן מתוודה זיין מיט אירע, כאָטש נישט באַגאַנגענע, זינד און זי האָט נישט געוואָגט דאָס מויל וועגן דעם צו עפענען. זי האָט געהאַט בלויז איין מאַן, פאַר וועמען זי וואָלט זיך געקאָנט פאַרטרויען, און דאָס איז געווען איר פאָטערס תלמיד, עמרם... אָבער

וויפל מאָל, ווען זי איז געבליבן דורך אַ צופאַל מיט אים אַליין אין הויז און זי האָט געעפנט דאָס מויל, צו ברענגען איר סוד אויף די ליפּן, איז דער סוד צוריק פאַרשוווּנדן און אַוועק ערגעץ אין די טיפענישן פון איר אינגעווייד.

און אָט האָט זיך געמאַכט, אַז סיי זי מיט אירע ליידן און סיי עמרם מיט זיינע ליבעס־יסורים זענען אויף אַ ווײַלע געלינדערט געוואָרן.

אויף דער באַראַטונג אין פּאַלאַץ פונעם כאַקאַן בולאַן איז באַשטימט געוואָרן מיט געווער אין דער האַנט אַרויסצוטרעטן קעגן די אַראַבישע אָנפאַלער פון דרום. דער פּרינץ קאַזאַר האָט אַליין אָנגעפירט מיט אַ גרויסער און שטאַרק באַוואָפנ־טער אַרמיי, וואָס איז באַשטאַנען פון צען טויזנט רייטער און פוסגייער, אַלע מיט שפּיזן און שווערדן, שטיינער־שליידערער און שווערע פייל־און־בויגנס, און עמרם, וועלכער איז מיט דער צייט געוואָרן קאַזאַרס אינטימסטער פריינט, האָט גע־שאַפן אַ ספּעציעלע יידישע אָפּטיילונג, וואָס האָט געזאָלט מאַכן פּלוצלינגע אָנ־פאַלן אויפן שונא, אַריינרייסן זיך אין זיין לאַנד און אָנטאָן דאָרט וואָס מער שאָדנס.

עמרם האָט מיט דעם צוזאַמענשטעלן פון דער דאָזיקער יידישער אָפּטיילונג געוואָלט אַרויסווייזן זיין איבערגעגעבנקייט און טרייהייט צו דער כוזרישער מלוכה, וואָס האָט די יידן באַהאַנדלט מענטשלעך און מיט חסד.

זיי זענען ביידע אַוועק אין דער שווערער און בלוטיקער מלחמה און צייט־ווייליק האָבן זיי פאַרגעסן אין זייערע ליבע־פּאַרהעלטעניש. קאַזאַר האָט אויך שרעקלעך געליטן פון זיין ליבע צו אסתרן. אין אָנהייב האָט ער געמיינט, אַז צו באַקומען אסתרן פאַר אַ ווייב איז איינע פון די לייכטסטע זאַכן. ער איז דאָך אַ פּרינץ, דער צוקינפטיקער הערשער פון שטאַרקן און מעכטיקן כוזרים־לאַנד. וועט דען דאָס מיידל, די יונגע טאָכטער פון יידישן רבין, אָפּוואַרפן זיין פאַר־שלאָג, וואָס ער האָט זיך איר געגרייט צו מאַכן, איידער די מלחמה איז אויס־געבראָכן?...

אָבער איינמאָל, ווען די צוויי יונגלייט האָבן זיך אין אַ בין־השמשות צו־פעליק באַגעגנט און אַוועקגעשפּאַצירט ווייט אַוועק לענגאויס דעם ברעג פון כוזרישן ים און ביים בלוטיקן אונטערגאַנג פון דער זון, ווען עפּעס אַ מיסטיש גע־פיל האָט זייערע ביידנס יונגע נשמות באַהערשט, זיך פונאַנדערגערעדט, איז קאַזאַר געוואָר געוואָרן, ווי ווייט עס איז דער וועג זיינער צו פאַראייניקן זיך מיט דעם שענסטן מיידל פון דער וועלט, ווי ער האָט זי פאַר זיין יידישן חבר אָנגע־רופן.

— פאַרוואָס איז עס פאַרבאָטן צוויי מענטשלעכע הערצער צו פאַראייניקן זיך, ווען זיי האָבן זיך אַזוי שטאַרק ליב?... — האָט קאַזאַר אַ טרויעריקער גע־פרעגט ביי זיין פריינט.

— ביסטו דען זיכער, מיין פריינט, אַז אסתר האָט דיך אַזוי ליב ווי דו האָסט זי ליב?... — האָט עמרם מיט אַ טרויעריקער שטים געפרעגט.

— איך בין מער ווי זיכער, כאָטש איך האָב מיט איר קיינמאָל וועגן דעם נישט גערעדט — האָט דער פרינץ קאַזאַר געענטפערט — אירע אויגן האָבן מיר דאָס געזאָגט, יאָ, זי האָט מיך ליב, און דאָס מיידל ליידט צוליב דעם זייער שטאַרק...

— דו וועסט עס פאַרגעסן אין דער צייט, ווען וועסט אַרויסגיין אין מלחמה קעגן פיינט! — האָט אים עמרם געטרייסט — פונקט ווי איך וויל פאַרגעסן מיי־נע פיין...

— האָסטו עמיצן ליב, עמרם?... — האָט אים דער פרינץ אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און אַ בלאַסקייט האָט באַדעקט זיין פּנים, זייענדיק זיכער, אַז אויך ער, זיין גוטער פריינט עמרם, האָט ליב דאָס זעלביקע מיידל...

— יאָ... — האָט עמרם געענטפערט און אַ טרער האָט אויפגעבלישטשעט אין זיין אויג.

— וועמען?... — האָט קאַזאַר געציטערט מיט זיין קול, גלייך אַ פראָסט וואָלט זיין לייב אַדורכגענומען.

— הלוואי וואָלט עס געווען אסתר!... — האָט עמרם געענטפערט.

קאַזאַרן איז ווי אַ שטיין אַראָפּ פון האַרץ. הייסט עס, אַז ער האָט נישט ליב דאָס טייערסטע מיידל אין דער וועלט.

— טאָ פאַרוואָס האָסטו מיט איר נישט חתונה? — האָט קאַזאַר אים גע־פרעגט — ביסט איינער פון אונדזערע שענסטע בחורים אין שטאָט. ביי דיין יידישער קהילה פאַרנעמסטו זייער אַ חשוב אָרט. איך האָב עס געהערט איינמאָל פון מויל פון דיין רבין, ר׳ יצחק סאַנגורי, ווען ער האָט געפירט אַ געשפרעך מיט מיין פאָטער.

— צוליב די זעלבע סיבות וואָס דו, מיין טייערער פריינט!... — האָט עמרם שטיל געענטפערט, אַזוי שטיל, אַז די רייד זענען אַזש פאַרשלונגען געוואָרן אין דעם געמורמל פון די ים־כוואַליעס.

— איז זי נישט פון דיין פאָלק, ווילסטו מיר זאָגן?... — האָט קאַזאַר גע־פאָרשט ביי אים.

— ניין... — האָט שטיל עמרם געענטפערט.

— ווער איז זי? אויב זי איז אַן אונדזעריקע, פון כוזרישן אָפּשטאַם, וועל איך זי באַאיינפלוסן און איך וועל איר דערציילן, וואָס פאַר אַ גוט מזל זי האָט ווען אַזאַ וווּנדערלעכער בחור האָט זי ליב... — האָט קאַזאַר אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף עמרמס אַקסל.

— מען דאַרף זי נישט באַאיינפלוסן... — האָט עמרם אַ פליסטער געטאָן

מיט זיינע ליפּן — זי האָט מיך אַזוי שטאַרק ליב, ווי איך האָב זי ליב... אָבער איך בין פון איר אַזוי ווייט, ווי דו ביסט ווייט פון אסתרן, די טאָכטער פון מיין רבין...

— קאָנסטו מיר נישט זאָגן איר נאָמען? — האָט קאַזאַר אים געבעטן און אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן אין דער צופאַלנדיקער נאַכט.

עמרם האָט אַ ווײַלע געשוויגן, ווי וואַקלענדיק זיך אַרויסצוגעבן דעם סוד, וואָס ער טראָגט שוין ביי זיך אַזוי לאַנג. ער האָט זיך איינגעקוקט אין די ווייס־שוימיקע כוואַליעס, וואָס האָבן ריטמיש געוואַשן דעם ברעג, אָפּפליסנדיק יעדעס מאָל ווייט אין ים אַריין און דערנאָך צוריקקומענדיק ווידעראַמאָל אַ לעק געטאָן מיט דער שוימיקער צונג דעם טונקל־געוואָרענעם זאַמד פון ברעג.

— דאָס איז דיין שוועסטער סולימאַ... — האָט ענדלעך עמרם זיך פאַר־טרויט פאַר זיין בעסטן פריינט.

אַ שטילשווייגן איז געווען דער ענטפער אויף דעם אַנטפּלעקטן סוד, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געהערט.

זיי זענען שווייגנדיקע צוריקגעגאַנגען אַהיים מיטן ים־ברעג. די נאַכט האָט מיט אַ שוואַרצער היל איינגעוויקלט די וועלט און פאַרדעקט זייער ביידנס ליבעס־סוד, און — צומאָרגנס, מיטן אויפשפּראָץ פון דער נייער זון, זענען זיי ביידע געריטן אַן דער שפּיץ פון באַוואָפנטע אָפּטיילונגען קעגן געמיינזאַמען שונא.

זיי זענען ביידע אַוועק אין פאַרשידענע ריכטונגען, יעדער מיט זיין באַזונ־דערער אַרמיי. דער פּרינץ קאַזאַר אַן דער שפּיץ פון זיינע צען טויזנט רייטער, באַוואָפנטע מיט שפּיזן, שווערדן און פייל־און־בויגנס — אין דער ריכטונג פון דער אַזיערע סעוואַן, וווהין עס האָבן, לויט דערהאַלטענע ידיעות פון אַרויסגע־שיקטע שפּיאָנען, גערוקט זיך די פּערסישע אַנפאַלער. עמרם, זיין פריינט, מיט זיין ייִדישער אָפּטיילונג פון אַרום פינף טויזנט מאַן געקליבענע יונגעלייט, באַ־וואָפנט מיט דעם זעלבן געווער, וואָס קאַזאַרס אַרמיי, אָבער די דאָזיקע אָפּטיי־לונג האָט געהאַט נאָך איין וואָפן: פאַרביסענעם האַס קעגן די רוצחים פון די ייִדישע משפחות אין זייערע לענדער — זיי האָבן זיך גערוקט אין דער ריכטונג פון דרום־מזרח, לענגאויס דעם ים פון די כוזרים.

דער פּלאַן פון עמרמען איז געווען — דורכצוברעכן זיך אַ וועג אין דעם פּערסישן לאַנד אַריין און אַרונטערקומען די פיינט, וואָס גרייפן־אָן אין דער ריכ־טונג פון דער אַזיערע סעוואַן, פון הינטן אַרום און צעשמעטערן זיי. עמרם וועט אויף דעם אופן האָבן אַרומגערינגלט די פּערסיער פון דרום; דער פּרינץ קאַזאַר פון מערב און צפון, און קיין שום וועג נישט איבערלאָזן פאַרן שונא וווהין צו אַנטלויפן, סיידן אין דעם כוזרישן ים אַריין...

אין דער זעלבער צייט, וואָס אויף דרום פון דעם כוזרישן לאַנד זענען פאַר־

געקומען די בלוטיקסטע שלאַכטן און מענטשן פון ביידע צדדים זענען געפאַלן, ווי די פליגן און אין די בערג־שפּאַלטן פון די קאַווקאַזער הויכקייטן האָט אומע־טום געלויערט דער טויט און אומקום — האָט אין דער הויפּטשטאָט באַלאַנגאַר שטילערהייט זיך געגרייט אַן אויפשטאַנד קעגן דעם כאַקאַן בולאַן מצד דעם פּע־גאַן באַרבאַל. דער פּעגאַן איז אין כאַראַקטער געווען אַ שלעכטער מענטש און ער האָט געהאַט אין זיין בלוט אַ געמיש פון טאַטערישן און גערמאַנישן בלוט, ווייל זיין מוטער איז בעת דער מלחמה צווישן די הונען און די ביזאַנטיער פאַר־גוואַלדיקט געוואָרן פון אַ באַרבאַרישן גערמאַנער און ס׳איז געבוירן געוואָרן אַ ממזר, וועלכן מ׳האָט אַ נאָמען געגעבן באַרבאַל...

ער איז אַזוי שטאַרק פאַרקאַכט געוואָרן אין דער געצנדינסט פון די אַלטע כוזרים און סלאַווישע שבטים, אַז ער האָט נישט פאַרטראָגן קיין אַנדערע אמונה. ווו ער האָט געקאָנט, האָט ער גערודפט די אַנדערש־גלייביקע, סיי די קריסטן און סיי די מאַכמעדאַנער. אָבער מער פון זיי אַלע האָט ער פיינט געהאַט יידן.

— די יידן זענען אונדזערע גרעסטע שונאים, זיי פאַרמיאוסן אין אונדזערע געטער, זיי לאַכן אויס אונדזער גאָט סידהאַרטע, דעם זון פון דער שיינענדיקער זון, אַדאַנק וועמען מיר באַזיגן שטענדיק אונדזערע פיינט, די אַראַבער. אויך היינט, ווען די פּערסיער גרייטן זיך אונדז צו פאַרטיליקן און שיקן זייערע ווילדע האָרדעס אויף אונדזער הויפּטשטאָט, פאַרזאַמלען זיך די יידן אין זייער שול און בעטן צו זייער אומגעזעענעם גאָט, אַז ער זאָל געבן דעם זיג צו די אַראַבער, וועל־כע זענען זייערע קרובים... — האָט באַרבאַל געדרשנט.

ער האָט געהאַט אַלס אַרויסהעלפער דעם מיליטער־אַנפירער, אולבאַשי, וועמען ער האָט לעצטנס אַריבערגעוואונען אויף זיין זייט און וועלכער האָט אים צו־געזאָגט די נייטיקע הילף ביים אַראָפּזעצן דעם כאַקאַן בולאַן פון זיין טראָן. זיי האָבן ביידע אָפּגעהאַלטן אַ געהיימע באַראַטונג, צו וועלכער זיי האָבן צוגעצויגן בלויז אַרום אַ צענדליק אַנהענגער. די זאַך האָט נישט געטאָרט פאַרשפּרייט ווערן פריצייטיק.

— מיר וועלן דערקלערן פאַר דעם גרויסן עולם, אַז דער כאַקאַן איז אַראָפּ פון זינען, ער פריינטלט זיך צופיל מיט אונדזערע שונאים, די יידן. אין אַלץ באַ־ראָט ער זיך מיט דעם יידישן רבין, יצחק סאַנגורי... — האָט באַרבאַל גערעדט צו די פאַרזאַמלטע פאַרשווערער — און דער דאָזיקער יצחק סאַנגורי גיט אים אַזעלכע עצות, אַז דאָס וועט אונדזער גאַנץ פאָלק ברענגען צום אונטערגאַנג.

צווישן די פאַרזאַמלטע געסט, וואָס באַרבאַל האָט גערופן אויף איבערצו־צייגן זיי אין דער נויטווענדיקייט אַראָפּצוזעצן דעם כאַקאַן פון טראָן, איז אויך געווען דער צינז־אויפמאָנער, אַנושוריאַן. ווען באַרבאַל האָט געענדיקט זיין רעדן,

האָט ער געבעטן די דערלויבעניש אַרויסצוזאָגן אויך זיין מיינונג, און ווען די דערלויבעניש איז אים געגעבן געוואָרן, האָט ער אַזוי געזאָגט:

— הערט אויס, מיינע ברידער פון כוזרישן שטאַם! דאָס לאַנד אונדזערס געפינט זיך איצטער אין אַ גרויסער געפאַר, מיר מוזן האָבן די אונטערשטיצונג פון אַלע אונדזערע פעלקער, וואָס באַוווינען דאָס לאַנד און דעריבער טאָרן מיר איצט נישט רעדן וועגן שונאים, אָדער נישט־שונאים, וואָס געפינען זיך צווישן אונדז. מיר דאַרפן האָבן אַ סך גאָלד און זילבער, כדי איינצוקויפן וואָפן פאַר די קריגער, און דאָס גאָלד און זילבער קאָנען מיר אין אַ גרויסער מאָס קריגן פון די יידישע אונטערטאַנען. זיי פירן גרויסע געשעפטן מיט די ביזאַנטיער, אַראַבער און סלאַוון. זיי באַרייכערן אונדזער אוצר, וואָס איז כמעט שוין ווי אויסגעשעפּט. מיר נייטיקן זיך אין דער גוטפריינטשאַפט פון זייער פירער, דעם רבין יצחק סאַנגורי. זיין וואָרט איז הייליק פאַר דער יידישער באַפעלקערונג סיי אין דער הויפּטשטאָט באַלאַנגאַר און סיי אין אַלע שטעט פון אונדזער גרויסער אימפּע־ריע. זאָלן מיר פריער געווינען די מלחמה, און דעמאָלט וועלן מיר זען, וואָס מיר האָבן צו טאָן מיט זיי, און צוזאַמען מיט זיי אויך מיטן כאַקאַן, זייער באַגנטסטן פריינט...

די איבעריקע אָנטיילנעמער אין דער פאַרשווערונג האָבן געפּאַטשט מיט די הענט, אויסדריקנדיק זייער מיינונג און אַזוי אַרום זייער איינשטימיקייט מיטן צינז־אויפמאָנער אַנושוריאַן.

— מיר מוזן פריִער געווינען די מלחמה מיט די פּערסיער! — האָבן זיי אַלע געשריגן.

באַרבאַל האָט געוואָרפן אַ בייזן בליק אויף דעם צינז־אויפמאָנער און גע־וואָלט אים ממש דורכשטעכן מיט זיינע אויגן. ער האָט אים חושד געווען אין האָבן סימפּאַטיע מיטן כאַקאַן. ער האָט זיך דעריבער שטילערהייט איבערגע־סודעט מיטן מיליטער־פירער אולבאַשי און ער האָט אויסגערופן:

— הערט אויס, אונטערטאַנען פון דער כוזרישער מלוכה! אַ שרעקלעכער חלום האָט זיך מיר געחלומט אַנומלט, און אונדזער גאָט טרימורטי, דער באַשאַ־פער פון אַלע ברואים, און זיין אַרויסהעלפער סאַראַסוואַטי האָט מיר געטאָן אַזוי זאָגן: באַרבאַל, דו געטרייער דינער פון גאָט סידהאַרטע, דער זון פון דער געט־לעכער זון. אַ גרויסן מבול וועל איך ברענגען אויף אייך, אַזוי ווי איך האָב געבראַכט אין די צייטן פון אונדזער זיידן נח, דעם פאָטער פון יפתן, און איך וועל דערטרינקען יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש, וואָס וועט זיך נאָר געפינען אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד, ווייל אַ גרויסע זינד טוט זיך פאַרשפּרייטן אי־בער אונדזער לאַנד. איר דערלאָזט, אַז די יידן, די זין פון שם, זאָלן פאַרכאַפּן די מאַכט און באַזיגן די מוחות פון אונדזערע אונטערטאַנען, און וואָס נאָך ערגער

— דעם מוח פון כאַקאַן בולאַן, וואָס האָט אַראָפּגעבלאָנדזשעט פון די וועגן פון אונדזערע אבות... שטייט־אויף און דערשטיקט דאָס שלעכטס באַלד ביים וואָרצל, איידער עס צעבליט זיך דאָס בייזע געוויקס אין אונדזער גאָרטן!

אַ געשריי, אַז באַרבאַל רעדט צו דער זאַך און מען מוז אויספאָלגן זיין ווילן, וואָס איז דער ווילן פון סידהאַרטען, דעם זון פון דער געטלעכער זון, האָט זיך אויפגעהויבן אין דעם געצעלט, ווו די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען. אַלע האָבן געפאָדערט דעם קאָפּ פון כאַקאַן בולאַן, וועלכער איז אויף דער עלטער געוואָרן אַן אַפּיקורס און לייקנט אין דער הייליקייט פון די געטער.

עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז די פאַרזאַמלטע זאָלן אַרויס אין גאַס מיט אַ געשריי, צונויפרופן אַלע זייערע אָנהענגער און מיט שטורעם גיין אויפן פּאַלאַץ פון כאַקאַן, פאַנגען אים, אָפּשניידן זיין קאָפּ און אויפהענגען אויף דעם העכסטן בוים אין דער הויפּטשטאָט באַלאַנגאַר. דער כעס איז געווען גרויס. וואָרים אויב גאָט אַליין איז געקומען צו חלום דעם פּעגאַן, איז עס נישט קיין קליי־ניקייט, און מען מוז אויספירן זיין געבאָט.

אָבער אין דער לעצטער רגע האָט זיך ווידעראַמאָל אויפגעשטעלט דער צינז־אויפמאָנער, אַנושוריאַן, און אַ ציטערנדיקער אינגאַנצן אויף זיין קערפּער. די ווייסע באָרד זיינע האָט זיך אַזש געשאָקלט פון גרויס אויפרעגונג, די אויגן האָבן געבליצט ווי צוויי שאַרפע חלפים, און די נאָז איז ביי אים פאַרשפּיצט געוואָרן, אַז מען האָט געקאָנט זען, ווי ער קעמפט מיט זיך נישט אַרויפצופאַלן אויפן פּע־גאַן און אים דערשטיקן מיט די בלויזע הענט, און ער האָט אויסגערופן:

— אַזאַ זאַך טאָר מען נישט באַשליסן אויף דער הייסער מינוט. לאָמיר אָפּ־וואַרטן כאָטש איין וואָך און גוט אויספאָרשן די זאַך, צי עס איז טאַקע אמת, אַז דער כאַקאַן פירט זיך צופיל אַרום מיט דעם יידישן רבין און צי פאָלגט ער אויס זיינע שלעכטע עצות. אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די אַלע באַשולדיקונגען זענען וואָר, וועל איך זיין דער ערשטער אים מיט מיינע אייגענע הענט צו דער־ווערגן...

די פאַרזאַמלטע האָבן מיט געשרייען און געוואַלדן צוגעשטימט צו די רייד פון צינזן־אויפמאָנער.

— ער איז גערעכט, אַנושוריאַן! ער רעדט צו דער זאַך, ער איז קלוג, אונ־דזער צינזן־אויפמאָנער! — האָבן אַלע מיט איין קול צוגעשטימט.

דער פּעגאַן באַרבאַל איז געווען אויסער זיך פון ערגערניש. ער איז רויט געוואָרן פון גרויס כעס, דערנאָך איז ער געוואָרן בלאַס ווי דער טויט. עס האָט אין אים געקאָכט דאָס בלוט, פאַרוואָס עס איז אים נישט געלונגען דעם עולם אויפצורייצן ביז דער לעצטער מדרגה, ער האָט מורא געהאַט, אַז אין משך פון דער איינער וואָך, וואָס דער צינזן־אויפמאָנער, פאַרפוילט זאָלן זיינע ביינער

ווערן, האָט געפּועלט אויף אָפּצולייגן דעם משפּט איבערן כאַקאַן, ווען זיי אַלע זיך אָפּקילן און זיין פּלאַן אַראָפּצוואַרפן דעם כאַקאַן פון טראָן וועט אינגאַנצן צונישט ווערן.

דאַקעגן, דער ציגנזן־אויפמאַנער, אַנושוריאַן, איז אַוועקגעגאַנגען אַ צו־פרידענער, וואָס אים איז געלונגען אָפּצוהאַלטן די אומזיסטע בלוט־פאַרגיסונג. ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, צו וואָס עס צילט דער פּעגאַן, וועמען ער האָט גע־האַסט ווי דעם טויט. ער האָט אין זיך אַריינגעלאַכט, ווען ער האָט זיך דערוווּי־טערט פון דעם אָרט פון דער פאַרזאַמלונג. ער האָט טאַקע באַלד, ניט וואַרטנדיק צו לאַנג, געגעבן צו וויסן דעם כאַקאַן בולאַן וועגן דער פאַרשווערונג, וואָס דער פּעגאַן גרייט קעגן אים און האָט איבערגעגעבן גענוי, וואָס ער האָט גערעדט און צו וואָס ער האָט געהעצט.

זיין ציל האָט באַרבאַל נישט דערגרייכט ,ווייל אין דער זעלבער וואָך זענען אָנגעקומען פריידיקע ידיעות פון שלאַכטפעלד. דער כאַקאַן האָט דערמיט גע־וווּנען אַ סך אָנזען, מען האָט געזונגען אין די גאַסן לויב־לידער וועגן אים און מען האָט געוואַרט אויפן צוריקקום פון פּרינץ קאַזאַר און דעם יידישן מיליטער־פירער עמרם.

אין די גאַסן פון דער הויפּטשטאָט באַלאַנגאַר זענען מאַסן מענטשן געווען אויסגעשטעלט אין צוויי רייען און אָפּגעוואַרט די גרויסע העלדן, וועלכע האָבן זיך געדאַרפט אומקערן אין דער שפּיץ פון זייערע הערלישע אַרמייען פון די שלאַכטפעלדער, ווו זיי האָבן די פּערסיער פאַרשאַפט אַן אויסערגעוויינלעכע מפּלה.

שוין פון פריער אויס האָבן ספּעציעלע שליחים, וועלכע זענען אָנגעקומען אין הויף פון כאַקאַן, איבערגעגעבן וועגן דעם פאַרלויף פון די בלוטיקע קאַמפן. זיי האָבן שטאַרק געלויבט די העלדישקייט פון עמרמען.

— דער ייד האָט ממש איינגעשטעלט זיין לעבן, כדי צו ראַטעווען דעם פּרינץ קאַזאַר פון אַ זיכערן טויט... — האָבן זיי דערציילט דעם כאַקאַן. — די פּערסיער האָבן שוין געהאַט אַרומגערינגלט קאַזאַרס אַרמיי און זי וואָלט צו־זאַמען מיט איר פירער זיכער צעשמעטערט געוואָרן, אַז עס וואָלט קיין שריד ופליט פון זיי נישט געווען געבליבן. איז אָבער עמרם מיט זיין יידישער אָפּטיי־לונג אונטערגעקומען פון הינטן, דורכברעכנדיק זיך אַ וועג לענגאויס דעם צופּוסנס פון דעם באַרג אַררט, ממש אַריינגעטריבן דעם איבערגעשראָקענעם שונא אין די וואַסערן פון דער אַזיערע סעוואַן...

אַ יובל איז אויסגעבראָכן אויף די גאַסן פון באַלאַנגאַר, טויזנטער מענטשן זענען אַרויס מיט געזאַנג און טענץ, און זיי האָבן געמאַכט לויבאויסרופן לכבוד דעם יידישן העלד עמרם און דעם פּרינץ קאַזאַר. עס האָבן געבלאָזן שופרות און

עס האָבן געשאַלט טראָמפּייטן, אָנזאָגנדיק די גרויסע בשורה דעם פאָלק פון די כוזרים.

אַלע האָבן זיך געלאָזט אין די טעמפּלען, כדי אָפּצוגעבן אַ שבח דעם זון־גאָט סידהאַרטע און דעם באַשאַפער פון אַלע ברואים, דעם גאָט טרימורטי און זיין אַרויסהעלפער סאַראַסוואַטי. מען האָט געבראַכט קרבנות פון אַ טוץ שאָף און רינדער צו די געטער, אַ שוואַרצער רויך האָט זיך אויפגעהויבן צו די הימלען און דער ריח פון דעם פאַרברענטן פלייש האָט זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער שטאָט.

אויך די ייִדן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דער קליינער שול, און זייער רבי, ר׳ יצחק סאַנגורי, האָט אָפּגעריכט אַ ספּעציעלע תּפילה. ער האָט געדאַנקט און געלויבט דעם אייבערשטן פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט געטאָן מיט די ייִדן אין לאַנד פון די כוזרים, און דערמיט געהויבן זייער אָנזען אין די אויגן פון די כוזרי־שע געצנדינער.

עס האָבן זיך אויך פאַרזאַמלט אין זייערע מעטשעטן די אַראַבער און די קריסטן אין זייערע קירכעס און אָפּגעהאַלטן גאָטעסדינסטן לכבוד דעם זיג פון כוזרישן וואָפן. אָבער די גרעסטע פייערלעכקייטן זענען דורכגעפירט געוואָרן אין דעם טעמפּל פון גאָט סידהאַרטע, ווו עס האָבן זיך געהאַט פאַרזאַמלט אַלע העכס־טע אָנפירער פון דער כוזרישער מלוכה מיטן כאַקאַן בולאַן אין דער שפּיץ.

דער טעמפּל איז געווען אָנגעפילט פון איין עק ביזן צווייטן מיט מענער, פרויען און קינדער. דער דיל איז געווען אויסגעלייגט מיט פיל קאָלירטע טעפּי־כער און די זיילן באַצירט מיט גאָלד און אויסגעזעצט מיט פינקלענדיקע דיי־מענטן און אַנדערע טייערע איידלשטיינער פון די פאַרשידנסטע רעגנבויגן־קאָ־לירן. איין וואַנט איז געווען אינגאַנצן אָפן און עס האָט זיך אַנטפּלעקט דער זיל־בערדיקער אויסבליק צום ים פון די כוזרים. אונטער אַ חופּה פון רויטן זייד, אויסגעהאָפטן ביי די זוימען מיט ריינעם גינגאָלד, איז אויפן טראָן געזעסן דער כאַקאַן בולאַן, האַלטנדיק אין דער האַנט די גאָלדענע רוט. זיין קיילעכדיק פּנים איז געווען ערנסט, די קינבאַקן האָבן עטוואָס אַרויסגעסטאַרטשעט, און די אויגן — גלאַנציקע און ברוינע ווי די מאַנדלען, האָבן זיך שמאָל אָפּגעלייגט און גע־בלישטשעט מיט אַן אומהיימלעך פייערל. אויף אַ קופּערנעם בעקן האָט געברענט אַ בלוילעך פלעמל, און אַ שמאָלער רויך האָט זיך געצויגן צום בלוי־אויסגע־מאָלטן סופיט, פאַרשפּרייטנדיק דעם שטיקנדיק־שמעקנדיקן ריח פון ווייררויך.

אַ שטילקייט האָט געהערשט אין דעם גרויסן חלל פון טעמפּל, דער פאַר־זאַמלטער עולם האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און געוואַרט, וואָס דער גרויסער כאַקאַן גייט דאָ זאָגן.

לעבן כאַקאַן איז געזעסן אויף דער רעכטער זייט דער פּעגאַן באַרבאַל, מיט

אַן אויסגעצויגן בייז פּנים, די גרינע שלאַנגען־אויגן האָבן געבלישטשעט מיט אַ צאַרניק פייערל און די פעך־שוואַרצע האָר זענען אים געפאַלן אין די אויגן אַריין, וואָס ער האָט געמוזט יעדעס מאָל מיט אַ באַוועג פון דער האַנט פאַרריכטן.

לעבן זיי, אויף רעכטס און לינקס פון כאַקאַן מיטן פעגאַן, זענען געזעסן די אַנדערע הויכגעשטעלטע לייט, די מיניסטאָרן און ראַטגעבער פון דער מלוכה, און ערשט ווייטער איז געזעסן דאָס פאָלק אין אָפּוואַרטנדיקן שטילשווייגן.

קיינער פון די אַנדערש־גלויביקע איז נישט אַנוועזנדיק געווען אין טעמפּל. עס איז געווען אַ זינד צוצולאָזן אַזעלכן, וואָס האָט נישט געגלויבט אין דעם גאָט סידהאַרטע.

אויפן כאַקאַנס פּנים האָט מען בפירוש געקאָנט זען אַ ווידערווילן צו דעם אַלעם, וואָס דאָ איז אין דער מיסטישער אומגעבונג פאָרגעקומען. דער פעגאַן איז געווען פיל־וויכטיק געדערעכט אין זיין באַהויכטונג, אַז מיט דעם כאַקאַן בולאַן איז עפּעס נישט אין אָרדענונג... דערזעענדיק דעם דאָזיקן נישט אַנגענעמען אויסדרוק, אויפן כאַקאַנס פּנים, האָבן באַרבאַלס ליפּן זיך אויסגעקרימט אין אַ סאַרקאַס־טישן שמייכל, ווי ווייזנדיק דערמיט זיינע אַנהענגער, אַז ער איז גערעכט מיט זיינע טענות, אַז דער כאַקאַן איז נישט מיט אַלעמען, ער איז געווען צופרידן דער־פון און געוואַרט מיט אומגעדולד, וואָס דער כאַקאַן וועט זאָגן צו דעם פאַר־זאַמלטן עולם.

ענדלעך האָט ער זיך דערוואַרט.

דער כאַקאַן האָט אָפּגעהוסט, גלייכגעמאַכט אויף זיך דאָס שפּיציקע פוטער־נע היטל, וואָס האָט זיך, צוליב דער גרויסער היץ, אַראָפּגעגליטשט אַביסל אי־בער זיין שטערן, און ער האָט אָנגעהויבן:

— מיר זענען זיך צוזאַמענגעקומען דאָ אַהער אויסדריקן אַ דאַנק און לויב צו סידהאַרטען, וואָס ער האָט דערמעגלעכט, אַז אונדזערע וואָפן זאָלן אָפּהאַלטן אַ זיג איבער דעם פערסישן שונא. איך האָב פאַראָרדנט, אַז וואָס מער קרבנות זאָלן געבראַכט ווערן צום גאָט פון דער זון, ווייל ער האָט ליב דעם געשמאַק פון די פאַרברענטע שאָף און רינדער. איך האָב אויך געהייסן ברענען ווייררויך, און זיינע בלויע וואָלקנס רויך זאָלן איינהילן אים און אָנטאָן אַ נחת־רוח זיין געט־לעכקייט. איך בין אָבער נאָך אַלץ נישט צופרידן...

— פאַרוואָס ביסטו נישט צופרידן, כאַקאַן? — האָט דער פעגאַן באַרבאַל געפרעגט מיט שפּאָט אין זיין טאָן.

דער כאַקאַן האָט אַ קוק געטאָן אויפן פעגאַן מיט פאַרוווּנדערונג, וואָרים ער איז נישט געוווינט געווען, אַז עס זאָל אים עמיצער איבעררייסן אינמיטן זיין רעדן. ער האָט אים דורכגעדרונגען מיט זיין בליק, גלייך ער וואָלט געוואָלט גע־וויר ווערן די סיבה פון זיין פּלוצלינגער פראַגע, אָבער דער פעגאַן האָט אַראָפּגע־

לאָזט זײַנע אויגן, נישט װעלנדיק דעם כאַקאַן געבן די מעגלעכקייט צו זען דעם פֿאַלשן גלאַנץ אין זײַן בליק.

ער האָט געשוויגן אַ לענגערע װײַלע.

— פֿאַרוואָס איך בין נישט צופֿרידן? — האָט דער כאַקאַן איבערגעפֿרעגט באַרבאַלן — ווײַל מיר מוזן אויך דאַנקען די אַנדערע געטער, װעמענס גלויבי־קע עס װוינען אין אונדזער גרויסן לאַנד. אָט, למשל, האָט דער ייִדישער יונגער־מאַן מיטן נאָמען עמרם אָן אַ שיעור צוגעהאָלפֿן צום זיג איבער די פּערסישע זעלנער. עמרם גלייבט אין דעם ייִדישן גאָט, װעמענס פּנים מיר קאָנען נישט זען און װעמענס גוף מיר קאָנען נישט אָנטאַפּן מיט אונדזערע הענט, אָבער װעמענס שטאַרקייט מיר פֿילן...

— גלויבסטו, גרויסער כאַקאַן, אין דעם ייִדישן גאָט?... — האָט באַרבאַל אַרויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגן, װאָס זענען געװען פֿול מיט שׂנאה און גיפֿט — טאָ פֿאַרוואָס רויכערסטו נישט קיין װײַרויך לכבוד אים, און פֿאַרוואָס ביסטו נישט מקריב צו אים קיין קרבנות? יאָ, װאָס מײַנע אויערן האָבן איצט געהערט און צו װאָס איך האָב דערלעבט!...

דער כאַקאַן איז בלאַס געוואָרן פֿון דעם אָפֿענעם רעוואָלט, װאָס דער פּע־גאַן האָט דאָ אין דער אָנוועזנהייט פֿון אַזוי פֿיל מענטשן אַרויסגעוויזן. ער האָט אַזש געציטערט אויפֿן גאַנצן קערפּער פֿאַר גרויס כעס און אין זײַנע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ פֿלאַמל פֿון געוואַלטיקן צאָרן. ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן מיט אַלע כּוחות נישט אויסצוברעכן מיטאַמאָל אין זײַן האַס צום פּעגאַן, װעגן װע־מענס פֿאַרשווערונג מען האָט אים שוין געהאַט דערטראָגן. ער האָט זיך אָבער באַהערשט און געזאָגט מיט אַ רויִקער שטים:

— איך גלייב נאָך דערווײַל נישט אין דעם ייִדישן גאָט, װײַל איך בין נאָך נישט איבערצייגט אין זײַן גרויסן כּוח, אָבער אויב עס גלויבן אין אים פֿיל מענטשן און אויב איך זע, אַז אַ דאַנק זײַן כּוח האָט אַ גלויביקער אין אים געקאָנט פֿאַר־טרײַבן דעם שׂונא פֿון אונדזער לאַנד און מאַכן אים צו אַש און שטויב, דאַרף מען זיך דעריבער פֿאַרטראַכטן און נישט אָפּשטויסן סתּם, װײַל מיר װילן אַזוי...

עס זענען נאָך פֿאַראַן ביי אונדז אין לאַנד אַנדערע אמונות, װאָס האָבן פֿיל אָנ־העגגער הינטער זיך. דאָס זענען די קריסטן און די מאַכמעדאַנער.

— געפֿעלט דיר מער נישט אונדזער אַלטע אמונה אין זוניקן גאָט סידהאַרטע, צו װעמען עס האָבן געדינט אונדזערע אבֿות און געבראַכט צו אים קרבנות די אַלע הונדערטער יאָרן װאָס מיר עקזיסטירן אַלס אַ פֿאָלק, אַ דאַנק װעמען מיר זענען געוואָרן אַ גרויסע אימפּעריע און מיר האָבן זיך אויסגעשפּרייט פֿון שוואַרצן ים ביזן ים פֿון די כוזרים, פֿון דער גרעניץ מיט פּערסיע ביז העט אַרויף, װוּ עס הייבט אָן צו פֿליסן דער טײַך איטיל און סמבטיון, דאָרט װוּ עס װוינען די

באַרבאַרישע צאַקלאַבן (סלאַוון)?... — האָט דער פּעגאַן באַרבאַל זיך פונאַנ־דערגערעדט מיט אַ שטראָם פון ווערטער, וואָס האָבן זיך געשוימט אַרום זיינע בייזע דינע ליפּן, — ווילסטו, הייסט עס, אָננעמען דאָס גלויבן פון די ייִדן, קריסטן אָדער מוסולמענער?... שוין האָבן מיר זיך דערלעבט! ווייניג, איר מענער און פרויען פון כוזרישן פאָלק, יאָמערט אויף אייער פינצטערן גורל!...

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשושקעריי און מורמלעריי צווישן די ראַט־געבער און אַלטע לייט פון דער הויפּטשטאָט באַלאַנגאַר. עס האָבן זיך געהערט אין דעם געפּרעפּל סיי אויפברויזנדיקע רייד קעגן פּעגאַן פאַר זיין העזה קעגן כאַקאַן און סיי רייד פון איינשטימיקייט מיט אים.

דער געזשום האָט אַזוי אָנגעהאַלטן עטלעכע רגעס, ביז דער כאַקאַן האָט אים מיטאַמאָל איינגעשטילט.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער הויך. די פּיל דימענטן און איידלשטיינער אויף זיין קעניגלעכן רויט־זיידענעם מלבוש און אויפן שפּיציקן פוטערנעם היטל האָבן אַ בלישטש געטאָן אין דער ליכטיקייט, וואָס האָט אַריינ־געשטראָמט דורך דער אָפענער וואַנט אויפן פאָן פון זילבערנדיקן כוזרישן ים. ער האָט אויפגעהויבן זיין האַנט.

דער גאַנצער עולם איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין שטילשווייגן. הונדער־ער פּאָר אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין דעם כאַקאַן און געוואַרט מיט אומגע־דולד, וואָס ער וועט דאָ ענטפערן דעם פּעגאַן באַרבאַל, וועמען די גרעסטע מער־הייט דאָ אין טעמפּל האָט שוין אַרויסגעוויזן אָפענעם האַס.

— הער אויס, מיין שני למלך, פּעגאַן באַרבאַל!... — האָט דער כאַקאַן בו־לאַן אָנגעהויבן פריִער שטיל און רויִק, און וואָס אַמאָל האָט זיך זיין קול גע־שטאַרקט און איז העכער געוואָרן, ביז עס איז דערגאַנגען צו אַ דונערן איבערן גאַנצן זאַל — הער אויס און זאָל אויפציטערן דיין פינצטער געוויסן!...

ביי דעם דאָזיקן אויסדרוק איז דאָס פּנים פון באַרבאַלן ווייס געוואָרן ווי קרייד און ער האָט זיך אומגעקוקט איבערן גרויסן טעמפּל, ווי ער וואָלט געוואָלט איבערציילן און אויסמעסטן די צאָל פון זיינע אָנהענגער.

ער האָט אַ באַוועג געטאָן מיט זיינע ליפּן, אָבער קיין שום קלאַנג איז נישט אַרויסגעקומען פון זיי. עס האָט זיך בלויז אַרויסגעריסן פון זיין האַלדז עפּעס ווי אַ מין קרעכץ פון אָפּהענטיקייט. ער האָט איינגעצויגן זיין קאָפּ אין די אַקס־לען, גלייך ווי ער וואָלט זיך געוואָלט באַשיצן פאַר עמיצנס אַ קלאַפּ. בלויז די אויגן האָבן ביי אים ווילד געפינקלט און געשפּריצט מיט האַס און גיפט.

דער כאַקאַן האָט פאַרגעזעצט:

— מיין שני למלך, דער פּעגאַן באַרבאַל, האָט אייך דאָ איבערגעשראָקן, אַז איך גיי אָננעמען דאָס ייִדישע גלויבן, אָדער דאָס גלויבן פון אַן אַנדער פאָלק,

וואָס באַוווינט אונדזער ערד אין דער כוזרישער מלוכה; ער האָט אייך אי־בערגעשראָקן, אַז איך גיי פאַרראַטן די אמונה פון אונדזערע אבות... אָבער אונ־דזער גלויבן אין דער געטלעכקייט פון דער זון ציט זיך נישט פון זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן דורך אונדזער גאָט סידהאַרטע. אין די אַלטע שריפטן, וואָס זענען אונדז איבערגעגעבן געוואָרן פון דור צו דור, איז נישט פאַרשריבן, אַז אונדזער זיידע יפת זאָל האָבן געדינט צו דעם זעלבן גאָט, וואָס אונדזערע שפּע־טערדיקע זיידעס האָבן אָנגענומען, און מסתמא צוליב פאַרשידענע סיבות, וואָס זענען פאַר אונדז געבליבן אומבאַקאַנט. איך האָב ביז איצט ניט געפונען קיין שום אורזאַך אונדזער אמונה צו פאַרבייטן אויף אַן אַנדערער. אויב אָבער ס׳וועט זיך מיט דער צייט אַרויסווייזן, אַז אונדזער אמונה איז נישט צוגעפּאַסט פאַרן כוזרישן פאָלק און מיר נייטיקן זיך אין אַנדער גלויבן, וועל איך מיך נישט אָפּ־שרעקן פאַר קיינעמס דראָונגען און וועל אָנהייבן דינען דעם גאָט, וואָס וועט מיר און די קלוגע לייט פון צווישן אונדז אויסווייזן פאַר גוט און פאַרשטענדיק!...

באַרבאַל האָט געוואָרפן אַ גיפטיקן בליק אויפן כאַקאַן בולאַן, אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט דערפילט אין דער שטימונג אין טעמפּל, אַז די מערהייט איז אויף דער זייט פון זיין קעגנער. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און האָט אָנגעהויבן גיין צום אַרויסגאַנג.

דער כאַקאַן האָט אים צוריקגערופן.

עס איז נישט געווען צו הערן קיין שאָרך אין זאַל. אַלעמענס בליקן זענען געווען אָנגעשטעלט אויפן פּעגאַן, מען האָט געוואַרט צו הערן, וואָס ער האָט צו זאָגן אויף די שטרענגע און פעסטע רייד פון כאַקאַן.

אָבער באַרבאַל האָט נישט געוואָגט דאָס מויל צו עפענען. אַנשטאָט אים האָט געגעבן דעם רשות צו רעדן דער ציינד־אויפמאָנער, אַנושוריאַן.

ער האָט זיך פריער אומגעקוקט איבערן זאַל, געוואָלט אָנטאַפּן די שטי־מונג פון פאַרזאַמלטן עולם, און ווען ער האָט ענדלעך דערפילט, מיט וועמען די מענטשן זענען, האָט ער זיך אָנגערופן:

— דער כאַקאַן איז גערעכט! עס איז אין אונדזער מנהג פון די עלטסטע צייטן אָן, אַז מיר זאָלן באַהאַנדלען די פרעמדע באַפעלקערונג, וואָס גלייבט אין אַנדערע געטער, אַ חוץ אין גאָט פון סידהאַרטע, אויפן בעסטן אופן. אונדזער לאַנד איז אַדאַנק דעם געוואָרן גרויס און מעכטיק. נישט מען דאַרף מו־סולמענער באַהאַנדלען ערגער דערפאַר, וואָס זייערע גלויבנס־ברידער, די פּער־סיער, האָבן קעגן אונדז אָנגעהויבן אַ מלחמה און נישט מען דאַרף די קריסטן באַהאַנדלען שלעכט, ווייל די ביזאַנטיער, זייערע גלויבנס־ברידער, זענען קעגן אונדז. ווינציקער אָבער פון זיי דאַרף מען באַהאַנדלען שלעכט די יידן. זיי לעבן מיט אונדז שטענדיק בשלום, זייערע פירער האָבן ליב אונדזער לאַנד און זיי

העלפן עס אַנטוויקלען דורך פירן מסחר מיט די ווייטסטע לענדער אויף צפון און אויף מערב, אַזש ביז קיעוו. צווישן די יידן געפינען זיך די בעסטע רופאים און וויכטיקע באַאַמטע פון דער רעגירונג. זיי זענען אַ קלוג פאָלק און אַ פאַרשטענדיק פאָלק. ווער עס טוט זיי שלעכטס, דער טוט שלעכטס אונדזער אייגענער מלוכה.

באַרבאַל איז געוואָרן נאָך מער דערשלאָגן, אויסהערנדיק די רייד פון דעם צינז־אויפמאָנער, וועלכער האָט אַ גרויסע מאַכט אין לאַנד. ער איז דער יעניקער, וועלכער שאָפט דאָס גאָלד און זילבער, וואָס איז נייטיק ביים פירן אַ מלחמה מיטן שונא. אָן די רייכטימער, וואָס ער קריגט אַריין אין דעם כאַקאַנס אוצרות, וואָלט דאָס לאַנד פאַרזונקען געוואָרן אין עלנט.

און ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, ער האָט נישט געוואָלט צוזען, ווי זיין שטערן גייט אונטער. ער האָט בפירוש געפילט זיין סוף אָנקומען, און ער האָט געטראַכט, ווי אַזוי אַרויסצוקריגן זיך בכבודיק פון דעם דאָזיקן גאַנצן עסק און ער האָט פלוצלינג אַ פרעג געטאָן דעם כאַקאַן:

— דער חשובער צינז־אויפמאָנער אַנושוריאַן האָט דאָ צו אונדז גערעדט וועגן אונדזערע אַלטע מנהגים, וואָס עס האָבן באַנוצט אונדזערע אָבות, אַז מען דאַרף באַהאַנדלען די שונאים גלייך מיט די הערשער פון לאַנד. איך פאַרשטיי אים. אויף אים ליגט די זאָרג צו האַלטן שטענדיק אָנגעפילט די שאַצקאַמער מיט גאָלד, זילבער און איידלשטיינער. צי האָט אָבער אויך דער כאַקאַן בדעה אָפּצוהיטן אונדזערע אַלטע מנהגים און שעצן די הייליקע אמונה, וואָס איז אַזוי טייער געווען אונדזערע אָבות?... זאָל ער עס דאָ אָפן פאַר אַלעמען דערקלערן!...

דער מיליטער־פירער אולבאַשי האָט טריומפירט. ער האָט געהאַלטן, אַז איצט האָט זיין פריינט באַרבאַל צוגעדריקט דעם כאַקאַן צו דער וואַנט און ער וועט אים נישט האָבן וואָס צו ענטפערן.

אַלעמענס אויגן זענען ווידער געווענדט געווען צום כאַקאַן, וואַרטנדיק אויף אַ קלוגן ענטפער פון אים. די בליקן צו אים זענען געווען פיל מיט ליבשאַפט. אָבער אַנשטאָט דעם כאַקאַן, האָט גאָר דער מיליטער־פירער אולבאַשי געבעטן אַ וואָרט צו זאָגן. דער כאַקאַן האָט מיט אַ שאָקל פון קאָפּ געגעבן זיין הסכמה דערצו.

דער מיליטער־פירער האָט דעמאָלט זיך אָנגערופן:

— אמת, אַז מיר האָבן אַ מנהג פון קדמונים אָן צו זיין גוט געניגט און צו טאָן חסד מיט די אַנדערש גלייביקע. מיר מוזן אָבער דערביי צוגעבן, אַז די יידן זענען שונאים פון די אַלע, וועלכע גלייבן ניט אין זייער אומגעזעענעם גאָט. אויב אַ יידישן מיליטער־מאַן איז געלונגען אָפּצוהאַלטן אַ נצחון איבער אונדזערע פערסישע פיינט, האָט ער עס נישט געטאָן פאַר אונדזער טובה וועגן, נאָר פאַר

דער טובה פון זיין אייגן פאָלק. די יידן זענען כיטרע מענטשן און מען האָט זיי דערפאַר אומעטום פיינט, מען שלאָגט זיי און מען רודפט זיי. דאָס אַליין איז אַ גענוגנדיקער באַווייז, אַז זיי זענען שלעכטע אונטערטאַנען און מען דאַרף האַלטן אַן אויג אויף זיי, אַנישט וועלן זיי פאַרכאַפּן די מלוכה פאַר זיך...

— איך חזר איבער מיין פראַגע צום כאַקאַן — האָט באַרבאַל איבערגעריסן די רייד פון זיין פריינט, דעם מיליטער־פירער אולבאַשי, — איך וויל, ער זאָל מיר ענטפערן, צי האָט דער כאַקאַן בדעה אָפּצוהיטן די הייליקע אמונה פון אונדזערע אָבות, די אמונה, וואָס איז אַזוי גרויסמוטיק צו אַלע פרעמדע!...

ווען דער כאַקאַן האָט זיך געגרייט צו געבן אים אַ תשובה אויף זיין גע־שטעלטער פראַגע, איז געשען עפּעס אויסערגעוויינלעכס.

אַ יונג שיין מיידל האָט זיך אַריינגעריסן מיט אַ געוואַלד אין טעמפּל און זי האָט אַזוי יאָמערלעך געשריגן און געיאָמערט, אַז דאָס בלוט איז ביי אַלעמען פאַרקילט געוואָרן אין די אָדערן.

— וואָס איז דיר געשען, מיין שיינע טאָכטער?... — האָט מיט אַ טאָן פון רחמנות געפרעגט דער כאַקאַן.

דאָס מיידל האָט ניט געקאָנט ענטפערן. זי האָט געהאַלטן אין איין וויינען און גיסן מיט טייכן טרערן. דאָס פּנים אירס איז געווען בלאַס, די זיידענע פעך־שוואַרצע האָר צעפּלאָשעט, די ליפּן — גלייך זיי וואָלטן קיין טראָפּן בלוט אין זיך נישט פאַרמאָגט. די קליידער זענען געווען אויף איר צעריסן אויף שטיקלעך, אַז מען האָט אַרויסגעזען שטיקער נאַקעט לייב, וואָס האָט געבלענדט אין דער טונקלקייט פון דעם טעמפּל.

דער פאַרזאַמלטער המון האָט זיך אויפגעשטעלט און געוואָלט אָנקוקן דאָס יאָמערנדיקע מיידל, אָבער דער כאַקאַן האָט געגעבן אַ באַפעל און אַלע האָבן זיך צוריקגעזעצט אויף זייערע ערטער.

ער האָט צוגערופן נאָענט צו זיך דאָס מיידל, וואָס איז געווען קרוב צום חלשן און האָט אַנידערגעזעצט לעבן זיך. ער האָט געהייסן דערלאַנגען עפּעס די ליפּן אירע צו באַנעצן און זי איז עטוואָס געקומען צו זיך פון דער שרעקלעכער איבערלעבונג, וואָס זי האָט געהאַט דורכגעמאַכט.

— האָסט דיך, מיין טאָכטער, אַוודאי געראַטעוועט פון באַגראָבן צו ווערן צוזאַמען מיט דיין מאַן?... — האָט דער כאַקאַן מיט אַ שטיל קול געפרעגט, אָבער זיין פראַגע איז געהערט געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך, ווייל אַלע זענען געבליבן זיצן מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס.

פון כאַקאַנס פראַגע האָבן אַלע שוין פאַרשטאַנען, וואָס עס האָט פּאַסירט...

סיי ביי די געצנדינערישע סלאַוון און סיי ביי די כוזרים איז געווען אַ וויל־דער מנהג, וואָס איז שוין ממש געהאַט איבערגעגאַנגען אין אַ רעליגיעזן ריטואַל.

אויב עס איז געשטאָרבן אַ רייכער בחור און ער האָט נישט איבערגעלאָזט קיינעם נאָך זיך, האָט מען געכאַפּט דאָס ערשטע בעסטע מיידל, וואָס מ׳האָט אָנ־געטראָפן אויפן וועג און מ׳האָט זי געשלעפּט פאַר די האָר אין דער וווינונג פון פאַרשטאָרבענעם. אַ צענדליק פון דעם פאַרשטאָרבענעם בחורס פריינט פלעגן דאָס מיידל פאַרגוואַלדיקן. דאָס האָט געהייסן, אַז זיי פאַרטרעטן זייער פריינטס פליכט זי צו באַזיצן. נאָכן דורכפירן די פאַרגוואַלדיקונג, האָט מען דאָס מיידל דער־שטאָכן, אָנווענדנדיק דערביי אַ ספּעציעלע צערעמאָניע און דערנאָך האָט מען זי באַגראָבן צוזאַמען מיט איר „מאַן“...

דאָס איז געווען אַזוי נאַטירלעך ביי די געצנדינער, אַז זיי האָבן גאָר גע־האַלטן פאַר אַן עוולה פון אַ מיידל, וואָס האָט זיך קעגנגעשטעלט אַזאַ גרויסער „מצווה“.

דאָס זעלבע איז שיער נישט געשען מיטן דאָזיקן אומגליקלעכן מיידל, וואָס איז גראָד נישט געווען קיין געצנדינערין, נאָר אַ מוסולמענישע טאָכטער, און זי האָט נישט געוואָלט שליסן קיין שלום מיט איר גורל...

ווען דער כאַקאַן האָט אויסגעהערט די געשיכטע פון דעם מוסולמענישן מיידל, וועלכע האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַרויִקן פון דעם, וואָס עס איז איר געשען, האָט ער אויסגערופן מיט אַ קול, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט צאָרן און האַס:

— אָט די געשיכטע פון דעם אומגליקלעכן מיידל איז דער בעסטער ענט־פער אויף דער פראַגע, וואָס דער פּעגאַן באַרבאַל דערוואַרט פון מיר: ניין, אַזאַ מנהג וועל איך נישט לאָזן אָפּהיטן אַזוי לאַנג ווי איך וועל הערשן איבער דער כוזרישער מלוכה!... דאָס מוז אויסגעוואָרצלט ווערן פון צווישן אונדזערע רעלי־גיעזע צערעמאָניעס, און אויב באַרבאַל האַלט, אַז אַזאַ מנהג מוז אָפּגעהיט ווערן, וועל איך זיין דער ערשטער זיך אָפּצוזאָגן פון דער דאָזיקער אמונה!...

עס איז אַריינגעטרעטן אַזאַ שטילקייט אין זאַל, אַז מען האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון די הונדערטער הערצער פון די פאַרזאַמלטע מענער, פרויען און קינ־דער. אמת, פיל פון זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען און נישט געפילט קיין שום עוולה אין דעם, וואָס עס איז געשען דעם מיידל..., עס איז בלויז אַן עוולה, וואָס די יונגען האָבן געכאַפּט נישט קיין אונדזעריקע, נאָר אַ פרעמד־גלויביקע... — האָבן זיי געטראַכט אין זייערע מוחות.

דאָס מיידל האָט נאָך אַלץ געהעשעט און זיך נישט געקאָנט באַרויִקן. אמת, זי האָט זיך טאַקע געראַטעוועט פון נישט דערהרגעט צו ווערן און דערנאָך זאָל מען זי באַגראָבן צוזאַמען מיטן „מאַן“, וועלכן זי האָט אַפּילו נישט געקענט. זי האָט זיך אָבער נישט געקאָנט ראַטעווען פון די צעיושעטע יונגען, וועלכע האָבן זי געהאַט איינער נאָכן אַנדערן פאַרגוואַלדיקט...

דער פּעגאַן באַרבאַל איז געווען דערשלאָגן מיט איין קלאַפּ. ער האָט שוין מער גאָרנישט געפרעגט. אַפילו זיינע אַנהענגער האָבן איצט געקוקט אויף אים מיט חוזק און אין האַרץ אָפּגעשפּאָט פון אים. זיינע פלענער ווען עס איז אַראָפּ־צוואַרפן דעם כאַקאַן פון טראָן זענען צונישט געמאַכט געוואָרן. ער האָט קיין אַנדערן אויסוועג נישט געהאַט, ווי נאָר דאָס לעבן זיך צו נעמען פאַר שאַנדע. אויך דער כאַקאַן אַליין האָט אין האַרץ זיך געפרייט, אָבער ער האָט דאָס נישט אַרויסגעוויזן אָפן. ער האָט געגעבן אַ באַפעל אַלע פאַרזאַמלטע אַרויסצוקומען אין די גאַסן און מיט כבוד אויפנעמען די צוריקגעקומענע העלדן, וועלכע ווערן דערוואַרט יעדע שעה, אַז זיי זאָלן אַריינמאַרשירן אין שטאָט אין דער שפּיץ פון זייערע זיגרייכע אַרמייען.

מיט געשרייען פון פרייד און גליק האָט זיך דער המון אַרויסגעלאָזט פון טעמפּל, אָנפילנדיק די גאַסן מיט געטומל און געשרייען. צו זיי זענען צוגעשטאַנען מענטשן פון די הייזער אַרויס, און באַלד איז פול געוואָרן די שטאָט פון דעם ריזיקן המון, וואָס האָט פאַרבלענדט אַלעמענס אויגן מיט דער פילפאַרביקייט פון זייערע קליידער.

שעהן־לאַנג זענען זיי געשטאַנען אונטער דער גלי׳ענדיקער זון, אָפּוואַרטנדיק דאָס אָנקומען פון די העלדישע פירער מיט זייערע אַרמייען. דערווייל האָט מען זיך דערציילט פאַרשידענע גוזמאות וועגן דער גרויס פון שונאס מפּלות. מ׳האָט זיי געשאַצט אין די צענדליקער־טויזנטער און נאָכאַמאָל אַזוי פיל געפאַנגענע, וואָס מען וועט פאַרקויפן אויף די שקלאַפן־מערק אין אַזיע און אייראָפּע.

— דער ייִד עמרם איז קעגן דעם, אַז מען זאָל מענטשן פאַרקויפן פאַר שקלאַפן!... — האָט איינער, אַ באַהאַלטענער אַנהענגער פון פּעגאַן באַרבאַל, אַ וואָרטשע געטאָן אונטער דער נאָז — עפּעס אַזעלכע מאָדנע איינפאַלן האָבן זיי, די ייִדן!...

— וואָלסטו געוואָלט זיין אַ שקלאַף?... — האָט אים אַ שכן ביי דער זייט אַ פרעג געטאָן מיט אַ געלעכטער אין פּנים — עס איז גוט, ווען מען פּייניקט יענעם, אָבער צי וואָלסטו געוואָלט, אַז מען זאָל דיך פּייניקן?...

דער באַרבאַל־אַנהענגער האָט אויף אים קרום אַ קוק געטאָן און בייז אויס־געדרופן:

— דערויף איז ער דאָך מיין שונא! פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט, חמור־קאָפּ? אַוודאי איז גוט, ווען יענער ליידט יסורים און נישט איך... וואָס איז דאָ אַזוי שווער צו באַנעמען? בלויז די ייִדישע כיטרע קעפּ פאַרדרייען אַזוי די גע־דאַנקען, אַז קלאָרע זאַכן הייבן אָן צו ווערן שווער און אומפאַרשטענדלעך...

— דו ווייסט האָבן דעם סוף, וואָס דער פּעגאַן באַרבאַל האָט געהאַט!... — האָט דער שכן ביי דער זייט אים אָפּגעענטפערט מיט כעס.

— וואָס מיינסטו דערמיט? — האָט יענער מיט אַ גיפטיק געלעכטערל געפרעגט — אויב אַזוי וועל איך דיר עפּעס פּאַרטרויען: גאָר בקרוב וועט דער כאַקאַן בולאַן, וועלכער האָט זיך שוין צופיל אָנגעשטעקט מיט ייִדישקייט און ווייכהאַרציקייט, אַראָפּגעזעצט ווערן און באַרבאַל וועט פאַרנעמען דעם טראָן...

— ער וועט פאַרנעמען דעם טראָן אין גיהנום! — האָט אים יענער קורץ און שאַרף אָפּגעשניטן, און זיך מיט עקל אַוועקגעדרייט פון דעם פּעגאַנס אָנהענגער.

דערווייל האָבן זיך דערהערט יובלדיקע אויסגעשרייען. אַלע האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן אין דער זייט אַריין, פון וואַנען די געשרייען זענען געקומען. די זון האָט אָבער אַזוי געבלענדט אין די אויגן, אַז עס איז געווען אוממעגלעך צו קוקן אין דער ווייטקייט אַריין.

מיטאַמאָל האָט זיך דערזען אויפהויבן אַ ווייסער שטויב צופוסנס די בערג הינטער דער שטאָט. מ׳האָט שוין באַשיינפּערלעך געזען אַראָפּלאָזן זיך פון די בערג־שיפּועים הונדערטער רייטערס און זיי לאָזן זיך נאָך זיך אַ וואָלקן מיט ווייסן שטויב. אַט הערן זיך שוין די שאַלן פון האָרנס און טראָמפּייטן, אָבער גאָר פון אַן אַנדער זייט. דער עולם האָט זיך אומגעקוקט פאַרגאַפט און פּלוצלינג דערזען אויף אַ באַגילדטער שטול אונטער אַ רויט־זיידענער חופּה טראָגט מען דעם כאַקאַן בולאַן, וועלכער האָט באַשלאָסן אַליין אַנטקעגנצוגיין זיין זון, דעם פּרינץ קאַזאַר און זיין פריינט דעם ייִדישן העלד עמרם.

דעם כאַקאַנס טראָן־שטול איז אַרומגערינגלט מיט אַן ערן־וואַך, אָנגעטאָן אין בלישטשענדיקע מלבושים, באַפּוצט מיט גאָלד און זילבער. זיי טראָגן לאַנגע פינקלדיקע שפּיזן, מיט פאַרשידנקאָלירטע פענדלעך אויף די שפּיצן. מען האָט געטראָגן דעם כאַקאַן צו אַ ספּעציעל־אויסגעבויטער עסטראַדע, וווּ די טרעפּ צו איר זענען אויסגעלייגט געווען מיט רויטן סאַמעט. די שטול האָט מען אַרויפגעטראָגן איבער די אויסגעבעטע שטאַפּלען און אַנידערגעשטעלט אין סאַמע מיטן, אַזוי, אַז אַלע האָבן דעם כאַקאַן געקאָנט זען. אַרום אים האָבן זיך אויסגעשטעלט די ראַטגעבער, מיניסטאָרן און פאַרשידענע אַנדערע שררות פון דער מדינה. אינמיטן פון די אַלע שררות איז אויך געזעסן דער ייִדישער רבי, ר׳ יצחק סאַנגורי, וועמענס אויגן זענען געווען איינגעשטאָכן אין דער ווייטקייט און מיט אומגעדולד שוין אויסגעקוקט זיין תלמיד עמרם.

— דער פּעגאַן איז נישטאָ ביי זיין זייט!... — איז געוואָרן אַ געמורמל.

— מען זאָגט, אַז מען האָט אים אַראָפּגעזעצט פון זיין אַמט אַלס שני למלך

— האָט אַן אַנדערער אַ שעפּטשע געטאָן און אומגעקוקט זיך פאַרדעכטיק אויף אַלע זייטן.

— דער ייִדישער רבי וועט ווערן דער שני למלך... — האָט עמיץ אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט.

— עס האַלט נאָך נישט דערביי — האָט אַ דריטער זיך אָנגערופן — דע־מאָלט וואָלט דאָך באַרבאַל געווען גערעכט, אַז די ייִדן גרייטן זיך צו פאַרכאַפּן די גאַנצע מלוכה פון כוזרים־לאַנד.

— באַרבאַל האָט שוין גאָרנישט צו באַפעלן!... — האָט דער ערשטער זיך אָנגערופן.

— זיי נישט אַזוי זיכער ביי דיר... — האָט דער לעצטער מיט כעס אַ זאָג געטאָן.

און ווען דער ערשטער האָט געוואָלט ענטפערן דעם אָנהענגער פון פּגאַן, האָבן די טראָמפּייטן און די האָרנס נאָכאַמאָל אַ זעץ געטאָן מיט הויכע טענער און די פּויקן האָבן געקלאַפּט צום פאַרטויבט ווערן.

— קאַזאַר! דער פּרינץ פון כוזרים־לאַנד! — האָבן זיך דערהערט באַגייס־טערטע אויסרופן — זאָל לעבן דער פּרינץ קאַזאַר!

— זאָל לעבן עמרם!... — האָט זיך געהערט אַ פאַראייינצלטע שטימע, וואָס איז באַלד אונטערגעכאַפּט געוואָרן דורך עטלעכע צענדליק פּערזאָן.

— זאָל לעבן דער ייִדישער העלד, וואָס האָט צעבראָכן דעם שונא און פאַר־שאַפט אים אַ גרויסע מפּלה!... — האָט עמיץ אויסגעשריגן.

און ווידער האָבן טראָמפּייטן געבלאָזן און פּויקן און טאַצן האָבן געזעצט. באַלד האָט זיך דערזען אויף אַ פערד רייטנדיך דער פּרינץ קאַזאַר און לעבן אים ר׳ יצחק סאַנגוריס תלמיד, עמרם.

צוויי יונגע מיידלעך, וועלכע זענען געשטאַנען אויסגעמישט מיטן עולם, האָבן אָנגעהויבן צו פּאַטשן מיט זייערע הענטלעך און שרייען אויף זייערע קוויי־טשיקע שטימען. זיי האָבן אויסגעוויזן ווי וואַנזיניק צו ווערן אויפן אָנבליק פון די צוויי רייטער.

— וואָס שרייען זיי אַזוי? — האָט איינער געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג

— זיי לעכערן מיר די אויערן.

— שאַ!... האָט אים עמיץ אַ צופּ געטאָן ביים זשופּאַן — דאָס איז דאָך די פּרינצעסין סולימאַ!...

דער מאַן, וואָס האָט פריער באַמערקט, אַז די מיידלעך שרייען, איז רויט גע־וואָרן איבער די אויערן. דערנאָך איז ער געוואָרן בלאַס. ער האָט מורא געהאַט, אַז אפשר האָט זי געהערט זיין באַמערקונג.

— וואָס פאַר אַ פּראַכט פון אַ מיידל... — האָט ער געשעפּטשעט — זעט נאָר אירע גרינע פאַרכישופנדיקע אויגן... און ווער איז דאָס צווייטע מיידל, וואָס זעט אויס ווי אירס אַ צווילינג־שוועסטער?

— דאָס איז דעם ייִדישן רבינס טאָכטער! — האָט מען אים געענטפערט.

— אַ וואָרע פּרינצעסין!... — האָט דער מאַן זיך פאַסמאַקעוועט — אירע

שוואַרצע פּייערדיקע אויגן קאָנען ווירקלעך אָפּברי׳ען דעם, וואָס רירט זיך צו איר צו...

די רייטערס האָבן זיך לאַנגזאַם דערנענטערט פון דער זייט פון די בערג, אַרום זיי און הינטער זיי זענען אין זעלבן טריט נאָכגעריטן טויזנטער רייטער מיט פינקלדיקע שפּיזן, וואָס האָבן געפלאַקערט אויף דער זון ווי גאָלדענע הבדלות.

עס האָבן זיך דערהערט צוויי זעץ אין די פּויקן און אַ שטילקייט איז אַריינ־געטרעטן. קיינער האָט מער נישט געוואַגט דאָס מויל צו עפענען און אַלע האָבן געוואַרט, וואָס דאָ וועט זיך ווייטער אַנטוויקלען.

ווען די צוויי העלדישע רייטער, דער פּרינץ קאָזאַר און עמרם, האָבן זיך אויסגעגלייכט מיט דער עסטראַדע, זענען זיי געבליבן שטיין ווי צוויי אומבאַ־וועגלעכע סטאַטועס. דער כאַקאַן אַליין האָט באַוויליקט זיך אויפצושטעלן לכבוד די צוויי אָנגעקומענע קריגער, אַ זאַך, וואָס איז נאָך קיינמאָל נישט געשען אין דער געשיכטע פון כוזרים־לאַנד, און ער האָט געבענטשט די אָנגעקומענע, זאָגנ־דיק:

— איך גיב אייך מיין ברכה צו אייער אָנקומען אַהיים בשלום פון שלאַכט־פעלד. איך דאַנק אייך אין נאָמען פון אונדזער גאַנצן פאָלק, אָן שום אונטערשיד פון וועמעס עס איז אמונה, פאַר באַזיגן דעם שונא אין אַזאַ קורצער צייט. איך בענטש דיך, מיין טייערער זון קאָזאַר. דו האָסט דיר פאַרדינט צו זיין מיין יורש־עצר, ווען איך וועל אַוועקגיין פון דער וועלט אין דער אייביקייט אַריין. איך וועל זיין זיכער, אַז איך לאָז איבער די מלוכה אין גוטע הענט. און דיר, ייִדי־שער העלד עמרם, גיב איך מיין ברכה, פּונקט אַזוי ווי דו וואָלסט געווען מיין אייגענער זון. איך האָב דיך ליב און איך באַוווּנדער דיין גבורה און שטאָלץ!... לאַנג לעבן זאָלט איר ביידע!

אַ הילכיק געשריי איז געקומען אַלס ענטפער אויפן כאַקאַנס רייד פון דעם ריזיקן עולם. פון צווישן די פאַרזאַמלטע האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקט גע־וויין. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט און צו זייער שטוינען איז נישט געווען קיין גרעניץ: די קליינע פּרינצעסין סולימאַ האָט עס געוויינט. די פּערלדיקע טרערן זענען געראָנען איבער איר ברוין־אָפּגעברענט פּנימל, די גרינע כישוף־אויגן האָבן דורך די טרערן אַרויסגעוויזן גרעניצלאָז גליק. זי האָט געוויינט פון פרייד...

איר גאַנצער קערפּער האָט זיך געריסן אין דער זייט פון עמרמען, אָבער זי האָט זיך באַהערשט און אָנגעכאַפּט זיך אין איר פריינדין אסתר, די טאָכטער פון ייִדישן רבין, ר׳ יצחק סאַנגורי, מיט וועמען זי איז די לעצטע טעג גאָר נאָענט געוואָרן.

אַלעמענס בליקן האָבן זיך מיטאַמאָל אַ ווענד געטאָן אין דער זייט פון די צוויי פּרעכטיקע יונגע מיידלעך, מען האָט באַוווּנדערט זייער חן און גראַציע.

אָבער פאַרוואָס די יונגע אָפּגעברוינטע און גרין־אויגיקע שיינהייט וויינט, האָט קיינער נישט געוווּסט.

— דאָס איז דאָך די פרינצעסין סולימאַ!... — האָט עמיץ מיט שטוינונג אויסגערופן — פאַרוואָס האָט אַ פרינצעסין צו וויינען?...

— טיילמאָל וויינט מען פון האָבן צופיל גוטס... — האָט אַן אַנדערער ביר־גער אַריינגעוואָרפן — וואָס פעלט איר אַלס פרינצעסין, דער טאָכטער פון מעכ־טיקן כוזרישן כאַקאַן? זי וועט מסתמא ווערן דאָס ווייב פון עפּעס אַ קעניג אין מזרח אָדער אפשר גאָר פון ביזאַנטישן קייסער, ווי דאָס איז שוין נישט איינ־מאָל געשען אין דער געשיכטע פון כוזרישן קעניגלעכן הויף...

אויך דער כאַקאַן אַליין האָט שוין באַמערקט, אַז עפּעס געשעט דאָרט צווישן עולם, עס האָט אים ענדלעך עמיץ אונטערגעטראָגן, אַז זיין טאָכטער, די פרינ־צעסין סולימאַ, וויינט...

עס איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע. מען האָט זיך אָנגעהויבן שטופּן און דרענ־גען אַרום איר. די צוויי רייטער, די העלדישע קריגס־פירער, דער פרינץ קאַזאַר און עמרם, האָבן זיך באַדייטונגספול איבערגעקוקט. און אין דער אותו־רגע האָט דער פרינץ קאַזאַר צוגעיאָגט זיך אויף זיין פלינקן פערדל, מאַכנדיק אַ וואַרע צווישן דעם זיך שטופּנדיקן עולם און איז צוגעקומען צו זיין שוועסטער סולימאַ, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן צו זיך אויפן פערד אַרויף און איז אין איין אויגנבליק מיט איר פאַרשוואונדן.

עמרם איז געבליבן שטיין ווייטער אַזוי שטייף צוזאַמען מיט זיין פערד און געוואַרט, ביז די פייערלעכע צערעמאָניע זאָל זיך פאַרענדיקן און מען וועט זיך פונאַנדערגיין אַהיים. ער איז געווען ממש דערשעפּט פון דער ריזיקער און פייער־לעכער אויפנאַמע, וואָס דאָס פאָלק פון די כוזרים, צוזאַמען מיטן כאַקאַן, האָט זיי געגעבן. ער האָט שוין אויך געגאַרט צו זען זיין איינציקן און טייערן פריינט, דעם פרינץ קאַזאַר, און געוואָר ווערן פון אים וועגן דעם ליכטיקן וועזן, וואָס הייסט סולימאַ...

באַלד האָט זיך קאַזאַר באַוויזן צוריק אויף זיין פערד, אָבער ער איז נישט צוגעריטן צו זיין אומגעדולדיקן פריינט, נאָר גאָר צו אסתרן, צו דער טאָכטער פון ר׳ יצחק סאַנגורי און האָט זי אויך אויף אַזאַ ענלעכן אופן אַ הייב געטאָן צו זיך אויפן פערד, ווי ער האָט עס פריִער געטאָן מיט זיין שוועסטער סולימאַ.

— דיין פריינדין קאָן נישט זיין אַליין, האָט זי מיך געשיקט נאָך דיר... — האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַר זיין טאַט און ער האָט זי נענטער צוגעדריקט צו זיך און דאָס מיידל האָט קיין שום ווידערשטאַנד נישט אַרויסגעוויזן.

אויפן וועג צום הויף פון כאַקאַן האָט דער פרינץ קאַזאַר גאַרנישט גערעדט מיט דעם ייִדישן מיידל, אָבער גערעדט האָבן זייערע ביידנס געבלוטן... זיין האַרץ

האָט געקלאַפּט ווי אַ פּויק. אין די גרעסטע געפאַרן אויף דער מלחמה מיטן שרעק־לעכן שונא האָט עס קיינמאָל אַזוי נישט געקלאַפּט, ווי אַט איצטער, אין דער אַנ־ווענקייט און נאָענטקייט פון דעם יונגן ייִדישן מיידל...

אַזוי ענלעך האָט געקלאַפּט דאָס יונגע האַרץ פון דער שיינער אסתר. זי האָט זיך אַי געדריקט צו אים, זיצנדיק אויפן פערד און אַי זיך צוריקגעצויגן. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי באַגייט די גרעסטע זינד אין דער וועלט, וואָס זי האָט אַזעלכע געפילן צו אַ געצנדינער... זי האָט געשטיקט אין זיך די גרויסע ליבע צו דעם פּרינץ קאַזאַר און קיינעם דערפון קיין וואָרט נישט דערציילט. וויפל מאָל זי איז שוין געשטאַנען הינטער איר פאָטערס טיר, געוואָלט אַריינגיין און עפענען פאַר אים דאָס האַרץ פון אַ פאַרצווייפלט ייִדיש מיידל און אויסגיסן אירע פּיין און יסורים, וואָס זיליידט שוין אַ לענגערע צייט. יעדעס מאָל אָבער, ווען זי האָט זיך שוין געגרייט אַריינצוגיין צו ר׳ יצחק סאַנגורי, האָט זי עפּעס אַ געהיימניש־פולער כוח צוריקגעהאַלטן און זי איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע הינטער דער טיר. זי האָט אין זיך ווייטער געדריקט דעם גרויסן סוד, וואָס האָט ביי איר שוין גע־האַט כמעט דאָס לעבן צוגענומען.

ווען קאַזאַר איז צוגעקומען צום קעניגלעכן פּאַלאַץ און אסתרן אַראָפּגענו־מען פון פערד, האָט ער נישט ווילנדיק מיט זיין האַנט אָנגערירט איר יונגע צאַפּלדיקע ברוסט. זיי זענען ביידע שיער נישט אומגעפאַלן אויף דער ערד. דאָס בלוט האָט געגעבן אַ זאָט־אויף און אַ ריזל געטאָן איבער אַלע אברים, אַז די קעפּ האָבן זיך ביי זיי פאַרמישט. זיי האָבן זיך ביידע איינע אָן די אַנדערע אָנ־געהאַלטן. זיינע ליפּן זענען שוין געווען אַזוי נאָענט פון אירע, אַז ער האָט גע־פילט איר הייסן אָטעם אויף זיין פּנים. ער האָט אָבער נישט געוואָגט צו מאַכן דעם לעצטן שריט. ער האָט זיך אַ ביס געטאָן אין דער אונטערשטער ליפּ, אַז בלוט האָט אָנגעהויבן רינען. אסתר האָט דאָס באַמערקט און אַ גרויס רחמנות האָט זי אַרומגענומען צו אים און זי איז גרייט געווען אים מוחל צו זיין, אויב ער וואָלט איר יאָ אַ קוש געטאָן אין די ליפּן...

סולימאַ איז זיי אַקעגנגעלאָפן. זי איז געפאַלן אויפן האַלדז פון איר פּריינ־דין און אויפסניי אַ גאָס געטאָן מיט אַ שטראָם טרערן.

— איך האָב אים אַזוי ליב, אַזוי ליב... — האָט זי געשעפּטשעט מיט אירע ליפּן דער חברטע אין אויער אַריין.

קאַזאַר איז צוריקגעריטן צום פּלאַץ, וווּ די פייערלעכע אויפנאַמע האָט זיך שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקן. די זון האָט זיך אַ בייג געטאָן צו מערב און האָט אָנגעהויבן גרעסער און רויטער צו ווערן. דער גאַנצער עולם איז באַגאָסן געוואָרן פון דער רויטקייט, און אַלץ אַרום איז איינגעטונקען געוואָרן אין פּורפּור.

עטלעכע פון דער ערך־וואַך האָבן אַ הייב געטאָן די באַגילדטע שטול, אויף

וועלכער עס איז געזעסן דער כאַקאַן און זי אָנגעהויבן לאַנגזאַם, טריט־ביי־טריט, אַראָפּטראָגן פון דער עסטראַדע אונטער דעם קלאַנג פון טראָמפּייטן־שאַל און בלאָזן פון האָרנס. דער עולם האָט זיך אויסגעשטעלט אויף ביידע זייטן פון דער ברייטער גאַס און בייגנדיק די קעפּ אין ערפורכט פאַר זייער באַליבטן כאַקאַן, האָבן זיי דורכגעלאָזט די פּראָצעסיע, מאַכנדיק דערביי אויסרופן לכבוד זייער קעניג.

ווי נאָר דער כאַקאַן האָט אין זיין שטול אַראָפּגעגנידערט פון דער עסטראַדע, האָט זיך אויסגעשטעלט די ערנוואַך פון עמרמס חיילות און זיי האָבן אונטער דעם קלאַנג פון שופרות און פּויקן מיט טאַצן אָנגעהויבן צו מאַרשירן זאַכט־ביי־זאַכט הינטער דעם טראָן־שטול פון כאַקאַן. רבי יצחק סאַנגורי איז געגאַנגען פאָרויס לעבן דעם רייטנדיקן עמרם, וועלכער האָט געהאַט אַן ערנסט פאַרטראַכט פּנים. זיין בליק איז געווען איינגעשטאָכן אין דער ווייטקייט, ווי ער וואָלט עמיצן אויסגעקוקט מיט גרויס אומגעדולד. פון אַלע הייזער, וווּ זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען, האָט מען די דאָזיקע ייִדישע גרופּע קריגער אויפגענומען מיט אַ האַנט־פּאַטשעריי און אויסרופן. פון אייניקע פענצטער האָט מען אַפילו בלומען געוואָרפן סיי אויף עמרמען אוי סיי אויף ר׳ יצחק סאַנגורין.

ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין דעם קוואַרטאַל, וווּ עס וווינען אויסשליסלעך ייִדן, האָט מען אויף די גאַסן געהאַט אויסגעהאָנגען אויפשריפטן און ברוך הבאס אויף לאַנגע ווייסע ליילעכער, אויפגעשריבן מיט לשון־קודשדיקע אותיות. אין די פענצטער האָבן געפלאַקערט ברענענדיקע קנייטלעך אין די מנורות און עס זענען געווען אויסגעהאָנגען גרינע גירלאַנדעס פון פרישע באַבלעטערטע צווייגן, ערשט נאָר־וואָס אָנגעשניטן אויף די פעלדער. דער כאָר האָט געזונגען: ה׳ רועי לא אחסר״...

ר׳ יצחק סאַנגורי איז אַריינגעגאַנגען אין דעם קליינעם שולכל און נאָך אים — עמרם, און הינטער זיי די העלדן פון דער געווונענער שלאַכט איבער די פערסיעו. דער רבי איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער בימה און אָפּגעגעבן אַ דאַנק דעם אייבערשטן פאַר דעם גרויסן חסד, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן צו זיינע קינדער, וועלכע גייען אין זיינע טריט און היטן־אָפּ דאָס געזעץ, ווי די תורה הייסט.

— איר האָט מיט אייער טאַט אויפגעהויבן דעם אָנזען פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין לאַנד פון די כוזרים... אונדזער פיל־געאַכפּערטער כאַקאַן איז אַ מלך חסד, אָבער ער האָט געהאַט צווישן זיינע מלוכה־שרים פיל ייִדן־שונאים, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין העצן און רייצן אים קעגן אונדז. דאָס וואָס איר האָט באַוויזן אונטער דער אָנפירערשאַפט פון מיין געטרייען תלמיד עמרם, האָט צונישט געמאַכט די שונאימס שלעכטע מחשבות קעגן אונדז — האָט ר׳ יצחק סאַנגורי גערעדט ביים אָפענעם אָרון־קודש — איצט, מיינע טייערע ייִדן

און אויך דו, עמרם! איר האָט אָפּגעטאָן אייער חוב לגבי מלכות, דאַרפט איר איצט אויך טאָן אייער חוב לגבי דעם מלך המלכים. טוט־אויס אייער בגדי־מלכות, לייגט אַוועק די וואָפן פון די הענט, ווייל איר האָט שוין אייערס אָפּגעטאָן. איצט זעצט אייך אַוועק דאָ אין שול און גיט אָפּ אַ שבח פריִער צום רבונו של עולם און דערנאָך גייט אַהיים איטלעכער צו אייער ווייב און קינדער. אייער טאָט וועט נישט האָבן געווען אומזיסט...

ווען אַלע זענען זיך שוין געהאַט פונאַנדערגעגאַנגען און עמרם איז געבליבן איינער אַליין מיט זיין רבין, ר׳ יצחק סאַנגורי, האָט ער זיך נענטער צוגערוקט צו אים און געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט אים עפּעס גאָר וויכטיקס גע־וואָלט איבערגעבן.

ווען ר׳ יצחק סאַנגורי האָט אים מיט אַ פרעגנדיקן בליק אָנגעקוקט און גע־וואַרט, אַז דער יונגערמאַן זאָל אָנהייבן רעדן, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין דער טיר פון דער שול.

ר׳ יצחק סאַנגורי האָט זיך מיט לאַנגזאַמע טריט דערנענטערט און די טיר פאַמעלעך געעפנט. אויף דער שוועל איז געשטאַנען דער פרינץ קאַזאַר.

דער רבי איז געבליבן שטיין אַביסל פאַרוווּנדערט, אים אָנגעקוקט אַ ווײַלע און דערנאָך מיט אַ שמייכל אויף זיין פּנים צו אים אויסגערופן:

— זעץ זיך, פרינץ קאַזאַר!... וואָס האָט דיך אַהערגעבראַכט אין דער ייִדי־שער שול?...

דער פרינץ קאַזאַר האָט געוואָרפן אַ באַדייטונגספולן בליק אויף זיין פריינט עמרם, ווי ער וואָלט זיך מיט אים געוואָלט שואל־עצה זיין, צי עס איז שוין צייט מודה צו זיין זיך אין זיינע מחשבות, וואָס זענען ביז איצט פאַר אַלעמען געווען פאַרהוילן, אַחוץ פאַר אים.

ווען עמרם האָט מיט זיין בליק געגעבן אים אַ צייכן, אַז ער מעג רעדן, האָט קאַזאַר אָנגעהויבן:

— רבי...

ער האָט זיך פאַרהאַקט אַביסל און אָפּגעהוסט. עס איז אים, זעט אויס, גע־ווען שווער צו באַשליסן זיך אויף די ווערטער, וואָס ער גייט זאָגן, ענדלעך האָט ער פאָרגעזעצט:

— רבי טייערער... שוין פיל מאָל בין איך געווען הינטער אייער טיר און געוואָלט מיט אייך רעדן. יעדעס מאָל אָבער ווען איך בין צוגעקומען נאָענט פון אייך, האָט מיר דאָס האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן און איך האָב פאַרלוירן דעם קנויל געדאַנקען, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין מיין מוח און איך האָב נישט געוווּסט ביי וואָס מען הייבט אָן. איך האָב זייער און זייער נישט געוואָלט, אַז איר זאָלט מיך שלעכט פאַרשטיין, און לויט דעם, וואָס איך האָב מיך געגרייט אייך צו

זאָגן, גרויסער רבי, וואָלט איר מיך געקאָנט אַמאָל חושד זיין אין היינטערליס־טיקע מחשבות...

ער האָט זיך ווידער פאַרהאַקט. ער איז רויט געוואָרן און אָנגעהויבן שטאַמ־לען. עס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון צווישן זיינע ליפּן איינצלנע ווערטער אָן אַ צוזאַמענהאַנג און ער האָט באַשלאָסן דעריבער אַ ווײַלע שטילצושווייגן.

— שעם דיך נישט, פּרינץ!... — האָט ר' יצחק סאַנגורי מיט אַ פריינטלעכן שמייכל צו אים אויסגערופן און דערביי געוואָרפן אַ בליק אויף זיין תלמיד עמרם, וועלכער האָט זיך געהאַלטן אָן אַ זייט און זיך נישט אַריינגעמישט אין דעם גע־שפּרעך... — דאַרפסט זיך פאַר מיר נישט שעמען. וואָס עס ליגט אויף דיין האַרץ, זאָג אַרויס פאַר מיר און עס וועט דיר גרינגער ווערן אויפן געמיט...

— שוין פון אַ צייט לאַנג, זינט איך האָב מיך נעענטער באַקענט מיט מיין איצטיקן גוטן פריינט עמרם, און דורך אים מיט די מיטגלידער פון דער יידישער קהילה ביי אונדז אין לאַנד, האָב איך דערפילט אַ נאָענטקייט און אַ וואַרעמקייט צו אייך... צום יידישן פאָלק, הייסט עס... — האָט דער פּרינץ ענדלעך אָנגע־הויבן — עמרם האָט מיט מיר פיל גערעדט וועגן די עיקרים פון דער יידישער אמונה, וועגן דער ליבע פון מענטש צו מענטש, וואָס די יידישע אמונה לערנט און איך האָב דערפילט, אַז דאָס אַלץ האָט געוווירן אין מיר שוין פון מיין פריס־טער יוגנט אָן, ווען איך האָב נאָך געקניט אין טעמפּל צום גאָט פון דער זון, סיד־האַרטע. איך בין נישט באַלד געקומען צו אייך, ווייל איך בין נאָך נישט געווען אינגאַנצן פאַרטיק מיט מיין געוויסן. איך האָב אָנטיילגענומען אין פיל מלחמות, צוזאַמענגעטראָפן זיך מיט כלערליי מענטשן, וואָס גלייבן אין די פאַרשידנסטע אמונות און איך האָב מיך צוגעקוקט צו זייערע מנהגים. איך האָב אויך געהערט אַרויסזאָגן זייערע מיינונגען וועגן יידן. אַ סך פון זיי מיט האַס און טייל אויך מיט אַכטונג צו אייך, יידן... האָב איך מיר געטראַכט טיילמאָל: קאָן דאָס מעג־לעך זיין, אַז אַזאַ קליין פאָלק ווי יידן זענען און ווערן כמעט אַלע האָבן פיינט און רודפן, זאָל גראָד זיין דאָס גערעכטע?... אָבער ענדלעך האָב איך מיך איבער־צייגט, אַז אייער איינרעדעניש וועגן אויסדערוויילטקייט צווישן אַלע איבעריקע פעלקער איז נישט קיין אומזיסטע איינרעדעניש...

— ווי אַזוי האָסטו זיך דערין איבערצייגט?... — האָט ר' יצחק סאַנגורי געוואָלט וויסן און ער האָט די פראַגע אים געשטעלט מיט אַ ווייכן און פאָטער־לעכן טאָן.

— איך האָב עס געזען פון מיין פריינט עמרם אין זיין באַהאַנדלען די גע־פאַנגענע שקלאַפן פון אונדזערע שונאים... — האָט קאַזאַר געענטפערט דרייסט און אָפן.

— אפשר איז גראָד עמרם אַ גוטער מענטש מיט אַ מענטשלעך האַרץ, דערי־

בער האָט ער אַזוי געהאַנדלט און נישט צוליב דעם, ווייל ער איז אַ ייִד... — האָט ר׳ יצחק סאַנגורי געשטעלט אים די פראַגן און דורכדרינגלעך אים געקוקט אין די אויגן אַריין.

— איך האָב מיין פריינט עמרם געפרעגט וועגן זיין האַנדלונג לגבי דעם שונאס געפאַנגענע, וואָרים איך האָב אויך אַזוי געטראַכט: עמרם איז אַוודאי אַ גוטער מענטש, אַן אויסנאַם צווישן זיין פאָלק, פונקט ווי עס זענען פאַראַן אויס־נאַמען אויף ביי אַנדערע פעלקער. עס איז, למשל, אַן אונטערשיד צווישן מיין פאָטער דעם כוזרי און דעם פעגאַן באַרבאַל דעם כוזרי... מיין פאָטער איז אַ מענטש מיט אַ האַרץ און באַרבאַל איז אַן אוממענטש...

— נו, וואָס האָט דיר עמרם געענטפערט דערויף? — האָט רבי יצחק סאַנ־גורי געפרעגט.

— ער האָט מיר געענטפערט, אַז אין דער ייִדישער תורה, וואָס איז דורך אייער גאָט געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני, זענען אָנגעשריבן ספּעציעלע גע־זעצן וועגן שקלאַפן און וועגן דעם שונאס געפאַנגענע און ווי אַזוי מען דאַרף מיט זיי האַנדלען...

ר׳ יצחק סאַנגורי האָט אַ לענגערע צייט נאָכגעטראַכט, געוואָרפן אַ בליק דאָ אויף דעם פרינץ קאַזאַר, דאָ אויף זיין תלמיד עמרם, דורכגעדרונגען זיי ביי־דע מיט זיינע קלוגע אויגן און אַ שמייכל האָט זיך אויסגעלייגט אַרום זיינע ליפּן. ער האָט ענדלעך אַ פרעג געטאָן ביים פרינץ:

— האָסט מיר נאָך נישט געזאָגט, אייגנטלעך, צוליב וואָס דו ביסט צו מיר געקומען. האָסט מיר דערקלערט, אַז דו פילסט אַ נאָענטקייט און וואַרעמקייט צום ייִדישן פאָלק... איך פיל מיך זייער געשמייכלט פון דיין מיינונג וועגן אונדז ייִדן. איך בין אויסערגעוויינלעך צופרידן, וואָס דער יורש־עצר פון כוזרים־לאַנד האָט אַזאַ גוטע באַציִונג צו אונדז...

— איך וויל ווערן אַ ייִד!... — האָט דער פרינץ שנעל, ווי ער וואָלט זיך צוגעאיילט, כדי מען זאָל אים נישט קאָנען אָפּהאַקן איבערמיט, איבערגעשלאָגן די רייד פון רבין.

ר׳ יצחק סאַנגורי, כאָטש ער האָט זיך געקאָנט אָנשטויסן, וואָס עס האָט געבראַכט דעם כוזרישן פרינץ צו אים אין שול אַריין, איז געבליבן אויף אַ ווייל דערשטוינט. צו שנעל איז געקומען קאַזאַרס דערקלערונג וועגן זיין צוועק פון קו־מען אַהער.

— ווילסטו ווערן אַ ייִד?... — האָט ער נאָך אַ ווײַלע איבערגעפרעגט — טוסטו עס נישט אַמאָל צוליב דעם, ווייל האָסט ליב געקריגן אַ ייִדיש מיידל?...

— קאַזאַרס פנים איז אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַ פורפור־רויטקייט און אין די אויגן האָבן זיך אים געשטעלט טרערן. ער האָט זיך געשעמט, וואָס דער ייִדי־

שער רבי האָט אים געכאַפּט ביי דער האַנט ווי ביי אַ גנבה... ער האָט אַראָפּגע־לאָזט דעם קאָפּ צו דער ערד און אַ שפּאָרע ווײַלע געשוויגן. ער האָט מורא גע־האַט, אַז אסתר האָט שוין איר פּאָטער עפּעס דערציילט. אָבער וואָס האָט זי געקאָנט דערציילן, אַז ער האָט צומאָל נאָך איר גאָרנישט געזאָגט...

דער פּרינץ האָט נישט געוווּסט וואָס ער זאָל ענטפערן דעם ייִדישן רבין. צי זאָל ער אים אויסזאָגן דעם אמת, אַז ער האָט טאַקע ליב אַ ייִדיש מיידל, אָבער נישט בלויז צוליב דעם האָט ער באַשלאָסן אָנצונעמען די ייִדישע אמונה... און צי וועט אים דען דער רבי גלייבן, אויב ער וועט אים זאָגן דעם אמת?... אָדער אפשר זאָל ער פאַרהוילן אויף דערווייל דעם אמת?...

עס האָט אַזוי אָפּגעדויערט אַ שפּאָרע ווײַלע, ביז ער האָט אָנגענומען אַ באַשלוס.

— יאָ, רבי... איך האָב ליב אַ ייִדיש מיידל, אָבער נישט זי איז די סיבה, פאַרוואָס איך וויל ווערן אַ ייִד... און אַ צייכן, אַז איך זאָג דעם אמת, איז דאָס, וואָס דאָס דאָזיקע מיידל ווייסט נאָך צומאָל נישט וועגן מיין ליבע צו איר און איך האָב קיין אַנונג נישט, צי זי וועט גאָר אָננעמען מיין ליבע...

— ווער איז דאָס מיידל, פּרינץ?... — האָט ר׳ יצחק סאַנגורי, נישט ווילנ־דיק, אַ פרעג געטאָן.

— הם... איך וואָלט אייך געזאָגט, רבי... אָבער אויב איך ווייס נאָך נישט, צי דאָס מיידל וועט גאָר מסכים זיין דערויף אָדער נישט, ווי קאָן איך איר נאָ־מען אַרויסברענגען פאַר מיינע ליפּן!...

— ביסט גערעכט, פּרינץ!... האָט ר׳ יצחק סאַנגורי צוגעגעבן — דו האַנדלסט מענטשלעך, און דעריבער שוין ווי אַ ייִד...

קאַזאַר האָט פרייַ אָפּגעאָטעמט, וואָס ער איז נישט געצוווּנגען געווען אין איצטיקן מאָמענט אָנצורופן דעם נאָמען פון זיין הייס־געליבטער אסתר, די טאָכטער פון ייִדישן רבין...

— וועט דיין פאָטער, דער אַלמעכטיקער כאַקאַן, דיר דערלויבן אַוועקצוגיין פון אייער כוזרישן גלויבן און זאָלסט דערפאַר נישט באַרויבט ווערן פון דיין רעכט צו ירשענען אַמאָל דעם טראָן פון לאַנד פון די כוזרים?... — האָט ר׳ יצחק סאַנגורי געפרעגט.

פּרינץ קאַזאַר האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין פריינט עמרם, ווי ער וואָלט ביי אים געזוכט אַ תשובה אויף דעם רבינס פראַגע. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט גלייך צו סאַנגורין און געזאָגט:

— מיין פאָטער, וואָס אַן אמת, ווייסט נאָך גאָרנישט וועגן מיין פּלאַן צו ווערן אַ מיטגליד פון דער ייִדישער קהילה. איך גלייב אָבער, אַז ער וועט נישט זיין קעגן דעם, ווייל מיין פאָטער אַליין איז נישט קיין געטרייער אָנהענגער פון

געצנדינסט, וואָס איז אונדז פאַרבליבן פון אונדזערע אור־עלטערן און דאָס פאָלק גייט נאָך אין שפּאַן, ווייל עס געפינט זיך דערווייל נישט קיינער, וואָס זאָל אונדזערע מענטשן לערנען דעם אמתן וועג, אין וועלכן צו גיין...

— מן הסתם ווייסטו אויך, אַז דער פּעגאַן באַרבאַל, וועלכער זוכט צו באַזייטיקן דיין פאָטער פון טראָן און ער האָט הינטער זיך אַ צאָל אָנהענגער, וועט זיך אָנכאַפּן אין דעם שריט, וואָס דו וועסט באַגיין און עס אויסנוצן קעגן דיין פאָטער!... — האָט ר׳ יצחק סאַנגורי געפּרוווט לייגן שטיינער אויפן וועג פון פּרינצס באַשלוס.

— דער פּעגאַן באַרבאַל, האָב איך געהערט, האָט היינט געכאַפּט אַזאַ מפּלה פון מיין פאָטער דעם אַלמעכטיקן כאַקאַן, אַז ער וועט מער נישט וואָגן ווידער־צושפּעניקן די רייד זיינע... איך בין איבערצייגט, אַז ער האָט שוין פאַרלוירן זיין איינפלוס אויף אונדזער באַפעלקערונג און זיין סוף אַלס מיטהעלשער פון מיין פאָטער, דעם אַלמעכטיקן כאַקאַן, איז זעהר נאָענט...

ר׳ יצחק סאַנגורי האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע, איבערגעשפּרייזט זיך עטלעכע מאָל איבער דער קליינער שול, אָפּגעשטעלט זיך ביים ארון קודש, ווי ער וואָלט דאָרט ביי די הייליקע ספרים געוואָלט פרעגן אַן עצה וואָס צו טאָן מיטן כוזרישן פּרינץ. ענדלעך האָט ער זיך האַסטיק אומגעדרייט אין זיין זייט אַריין און געזאָגט כמעט מיט אַ באַפעלערישן טאָן:

— גיי אַהיים, פּרינץ קאַזאַר!... לערן אונדזער תורה, באַקען זיך מיט די שווערע געזעצן. מיר האָבן זעקס הונדערט און דרייצן געבאָטן און אַלע מוזן אָפּגעהיט ווערן אויפן שטרענגסטן אופן. דיין פריינט, עמרם, דער בעסטער תלמיד פון בית־המדרש אין פּומבדיתא און דיין בעסטער חבר אין קריג — ער וועט זיין דיין וועגווייזער און דערציִער. גיי בשלום און ווער נישט געשטרויכלט. איך ווינטש דיר פיל גליק...

ווען קאַזאַר האָט פאַרלאָזט די שול, איז אים עמרם תיכף נאָכגעגאַנגען, וואָרים ער האָט נישט געוואָלט, אַז זיין רבי, ר׳ יצחק סאַנגורי, זאָל אים אָנהייבן שטעלן קשיות און ער וועט זיי מוזן פאַרענטפערן...

דער פּרינץ איז אים געפאַלן אויפן אַקסל און אויסגערופן:

— איך בין דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט... איך האָב געמאַכט אַ שריט נענטער צו אסתרן, צו דעם דאָזיקן ווונדערלעכן מיידל, וועמענס גלייכן איך האָב נאָך נישט געזען.

— און ווי וויט בין איך נאָך פון סולימאַ? — האָט עמרם מיט אַ שווערן זיפץ געפרעגט.

— אפשר אַ סך נענטער ווי דו דענקסט אַליין... — האָט באַדייטונגספול קאַזאַר צו אים געזאָגט.

— וואָס מיינסטו דערמיט, מיין טייערער חבר?... — האָט עמרם אַרויפגעלייגט די האַנט אויף קאַזאַרס אַקסל — רעד צו מיר קלאָרער, ווייל דו ציסט אַרויס ביי מיר די נשמה.

— איך קאָן נאָך נישט רעדן, מיין פריינט... אָבער גלייב אין מיינע רייד. גרויסע זאַכן וועלן אין קורצן געשען אין אונדזער לאַנד, אָבער זיי מוזן נאָך בלייבן אין געהיימעניש. פרעג מיך נישט, ווייל איך בין געבונדן מיט אַ שבועה... און אין די דאָזיקע געשעענישן ליגט אויך דיין גורל פאַרוועבט. וואַרט און וועסט זען, ווי אמת עס זענען מיינע ווערטער...

עס איז שוין געווען פאַרנאַכט, ווען די צוויי חברים האָבן זיך צעשיידט. די זון איז שוין געהאַט פאַרגאַנגען און אָפּגעטונקען זיך אין כוזרישן ים, איבערלאָזנדיק אַ ריזיקן פורפורענעם פלעק אויפן וואַסער, וואָס איז געווען אַזוי גלאַטיק, אַז קיין רינצל איז נישט געווען צו זען. דער הימל האָט זיך אָנגעהויבן טונקלען און באַזייט ווערן מיט שטערן. אַ שטילקייט האָט אַראָפּגענידערט אויף דער וועלט. מענטשן זענען שוין געהאַט אַריינגעגאַנגען אין זייערע הייזער און געגרייט זיך צו גיין שלאָפן.

עמרם איז געגאַנגען פאַרטראַכט, נישט וויסנדיק אַליין וווהין די פיס טראָגן אים. דאָס האַרץ האָט אין אים געזעצט ווי מיט האַמערס. ער האָט איצט זיך דערמאָנט אין די רייד פון זיין חבר, דעם פרינץ קאַזאַר...

דאָס איז געווען בעת דעם פולן ברען פון דער שלאַכט קעגן די פערסיער, אין די שפּאַלטן פון די קאַווקאַזער בערג. ער געדענקט עס אַזוי לעבעדיק, גלייך עס וואָלט ערשט איצטער געשען...

עס איז געווען אַ פאַנטאַסטישע בלוי־גרינלעכע נאַכט. די לבנה איז ווי אַ פולע זילבערנע שיסל געשווומען אין דעם אומענדלעכן בלוי־טונקעלן הימל און געזייט ליכטיקייט אין יעדן ווינקל. עס איז געווען אַ מורא דעם קאָפּ אַרויסצורשטעקן פון אַ באַרג־שפּאַלט, ווייל אַ שונאס פאַרגיפטיקטע פייל האָט אים לייכט געקאָנט אַראָפּנעמען...

ער האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט צוזאַמענגעטראָפן מיטן פלינץ נאָך דורכשלאָגן זיך אַ וועג דורך דעם פיינטס ליניעס. זיי זענען ביידע געלעגן איינם שפּאַלט פון דעם הויכן באַרג, וואָס האָט געגרייכט אין די ווייטע בלויע הויכן, כמעט ביז די שטערן... עס איז געווען אַ רגע, ווען דער טויט האָט געלויערט אויפן מענטש און עס האָט זיך געדאַכט, אַז קיין שום האָפענונג איז מער נישטאָ געראַטעוועט צו ווערן. אין אַזאַ רגע איז דער מענטש מער אויפריכטיק און ערלעך.

אין אַט דער דאָזיקער רגע האָט דער פרינץ קאַזאַר מיט אַ שעפּטש פון זיינע ליפּן זיך אָנגערופן צו אים:

„אין אָנבליק פון דער דאָזיקער כישופדיקער שיינקייט און געהיימניש־פולקייט, מיט וועלכער די וועלט איז איינגעהילט, איז מיר אויפגעגאַנגען אַ ליכט אין מיין מוח... איך האָב מיטאַמאָל, ווי אייער פאָטער אברהם אין הויז פון זיין פאָטער תרח, דערזען די נישטיקייט פון געצנדינסט און די נאַרישקייט פון קניִען צו בילדער, געמאַכט דורך מענטשלעכע הענט. דער דאָזיקער געדאַנק איז מיר געקומען אין קאָפּ אַריין, נאָכדעם ווי איך האָב איינמאָל געזען אין הויז פון דיין רבין, ר׳ יצחק סאַנגורי, ווי די שיינע אסתר... האָט, אַ לויכטנדיקע און צעשמייכלטע, געפּרעפּלט מיט אירע ליפּן עפּעס אַ תפילה, איידער זי האָט געגומען דעם ביסן אין מויל אַריין, דערנאָך האָט זי ווידעראַמאָל געדאַנקט גאָט פאַר מאַכן זי זאַט. דערביי האָט עפּעס אַ געטלעכע ליכט באַשיינט איר פּנים און אירע אויגן האָבן געבלישטשעט מיט אַ כישופדיק פייערל, וואָס האָט זיך אויך מיר איבערגעגעבן. איך האָב דעמאָלט דערפילט, אַז דאָס דאָזיקע מיידל לעבט צו־ליב עפּעס און עס האָט אַ זין איר עקזיסטענץ אויף דער וועלט...

„איך האָב דאָס זעלבע געפיל באַמערקט ביי איר פאָטער, דעם רבין ר׳ יצחק סאַנגורי, אויך ביי אַנדערע ייִדן, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן און אויך ביי דיר, מיין טייערער פריינט... איך האָב אייך אָנגעהויבן ליב קריגן און באַ־וווּנדערן. איך האָב ביז דעמאָלט געהאַט געהערט פיל דערציילן וועגן דעם ייִדישן פאָלק. איך האָב עס געהערט פון די צאַקלאַבן, די געצנדינער; איך האָב געהערט וועגן אייך פון די ביזאַנטיער, די קריסטן און פון די פּערסיער און אַראַבער, די מאַכמעדאַנער... יעדער אויף זיין אייגענעם אופן האָט אַרויסגעוויזן זיין שנאה צו אייך... מען האָט די ייִדן געשילדערט ווי דאָס ערגסטע באַשעפע־ניש, וואָס איז אַמאָל געווען אויף דער וועלט. די גרעסטע שנאה האָבן אַרויסגע־וויזן די קריסטן, וואָס פלעגן פון צייט צו צייט שיקן זייערע שליחים איבער־צורעדן און איבערצוצייגן אונדז, אַז מיר דאַרפן אָננעמען זייער אמונה.

„איך האָב די אַלע גערעדערייען וועגן ייִדן אויפגענומען אין מיין מוח און באַטראַכט, צוגעקוקט זיך צו אייער אַרט לעבן און איך האָב נישט איינגעזען, פאַרוואָס מען דאַרף אייך פיינט האָבן... איך האָב דעריבער פאַרשטאַנען, אַז די שנאה קומט פון קנאה צו אייך... איר האָט אין זיך עפּעס מער דערהויבנס ווי יעדער איינער בשר ודם... איך האָב געפונען אייער גאָט אין אייך זעלבסט.

„שוין לאַנג טראָג איך מיך דעריבער אַרום מיטן געדאַנק איבערצורייסן מיטן געצנדינסט, וואָס איז נאַריש, אומפאַרשטענדלעך און נישטיק... איך האָב בלויז נישט געקאָנט ביי מיר אָפּמאַכן אין געדאַנק, וועלכע אמונה פון די דריי, די קריסטלעכע, די מאַכמעדאַנישע אָדער די ייִדישע האָט מער פאָרצוג פון איינער לגבי דער אַנדערער.

„די שענסטע טאָכטער פון אייער פאָלק האָט מיך דערין איבערצייגט... נישט

דערפאַר, ווייל מיין לעבן איז אַנגעהאַנגען אין אירן... און איך אָטעם מיט איר אָטעם. איך האָב בלויז אַרויסגעזען פון אירע אויגן די גרויסקייט פון אייער פאָלק און די מעכטיקייט פון אייער גאָט".

אַט די דאָזיקע אַלע רייד האָט קאַזאַר געהערט, ווי אַ לויטערער קוואַל וואָלט פון אַ הויכן באַרג אין אַ שוימיקער קאַסקאַדע אַראָפּגעשטראָמט ערגעץ ווו אין אַ גרינעם טאָל אַריין. אינדרויסן האָט געלויערט דער שונא, אויבן אין הימל האָבן געגלימערט די גרינע שטערנדלעך און געוווּנקען, און עמרם איז פון זיין רעדן אַזוי דורכגענומען געוואָרן, אַז ער האָט אים אין יענער רגע צוגעזאָגט, אַז ווען די מלחמה וועט זיין זיגרייך פאַרענדיקט און זיי וועלן אַהיימקומען בשלום, וועט ער אים צונויפפירן מיטן רבין, ר׳ יצחק סאַנגורי...

און אַט איז עס געשען...

„אָבער וואָס וועט זיין מיט מיר און סולימאַ?..." — האָט ער זיך פּלוצ־לינג אַ פרעג געטאָן.

עמרם האָט דערפילט, אַז גאָר גרויסע פּאַסירונגען יערן אין לאַנד פון די כוזרים, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין קלאָרן דין וחשבון, וואָס פון די דאָזיקע יערונגען וועט אַרויסקומען. ער האָט געטראַכט בלויז וועגן איינס: ווי אַזוי צוצוקומען צו סולימאַן און רעדן מיט איר פון מויל צו מויל, פון ליפּן צו ליפּן און פון האַרץ צו האַרץ...

ער האָט פון קאַזאַרס דערציילן געוווּסט וועגן די געשיכטעס פון זיין פאָלק, וואָס זענען אין ערגעץ נישט פאַרשריבן געווען, נאָר איבערגעגאַנגען פון טאַטע צו זון, זון צו אייניקל — דורות־איין און דורות־אויס... אויסערלעך זענען זיי געווען ווילד און באַרבאַריש, אָבער אינערלעך האָט געטליִעט אַ מענטשלע־כער פונק, וואָס מען האָט געדאַרפט, אַז עמיצער זאָל אים פונאַנדערבלאָזן. שלעכטע השפּעות האָבן אויף די כוזרים געהאַט די סלאַווישע שבטים, וואָס פלעגן קומען מיט זיי אין אָפטער באַרירונג צוליב זייער האַנדל מיט זיי.

ער פלעגט אָפט באַטראַכטן דאָס פּנים פון קאַזאַרן. זיינע לייכט אַרויס־סטאַרטשענדיקע קינבאַקן, זיינע קליינע מאַנדל־אויגן האָבן דערמאָנט עפּעס טאַטעריש, אָבער די ענערגיע, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט פון זיין גאַנץ געזיכט און פון זיין האַלטונג, האָט אים געמאַכט סימפּאַטיש און ער האָט געמוזט גע־פעלן ווערן. ער האָט געהאַט אין זיין ווען עפּעס באַפעלעריש, וואָס מען האָט זיך נישט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן. זיין בליק האָט באַצוווּנגען און איז געווען ווי אַ געבאָט. עס איז געווען קעניגלעכס אין זיין גאַנצער האַלטונג און באַנע־מונג. אין זיינע קליינע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ וועלט מיט חן, פאַר וועל־כן קיין שום פרוי האָט זיך נישט געקאָנט ווידערשטעלן. פרויען זענען אים ביי די פיס געלעגן און געלעכצט נאָך זיינס אַ גלעט, נאָך אַ גוט צערטלעך וואָרט.

קאַזאַר איז אָבער נישט געווען צו ברייטהאַרציק מיט געבן צוזאָגנדיקע ווערטער.
ווען עמרם האָט אים אַמאָל — דאָס איז געווען נאָכן ערשטן זיג איבער די פּערסיער ביי דער סעוואַן־אָזיערע געפּרעגט: „וואָס איז געווען די ערשטע סיבה, וואָס האָט דיך אָפּגעשטויסן פון געצנדינסט?...״
האָט אים פּרינץ קאַזאַר דערציילט:
— עס איז געווען איינמאָל אין אַ פינצטערער נאַכט, ווען מיינע חברים האָבן מיך גערופן אָנטיילצונעמען אין דער שאַנדהאַפטיקער צערעמאָניע פון באַזיצן אַ מיידל, וואָס איז פאַרקנסט געוואָרן נאָכן טויט פון אַ רייכן כוזרישן בחור צו ווערן זיין „וויב״. איך בין נאָך דעמאָלט יונג געווען, אפשר פופצן יאָר. איך זע נאָך דאָס מיידל איצט פאַר מיינע אויגן ווי לעבעדיק. זי איז געווען רייצנדיק שיין. אירע אויגן זענען געווען בלויע און די האָר גאָלדענע ווי רייפע קאָרן־זאַנגען. זי איז געווען פון סלאַווישן שבט רוס. אין אַ לייוונטןביידל איז דאָס געווען. דאָס ביידל איז געווען באַלויכטן מיט עטלעכע האָלץ־שפענער, וואָס האָבן געפלאַקערט אויפן שטיינערנעם קאַמין.
„דאָס מיידל איז געווען אויסגעטאָן נאַקעט. דאָס לייב אירס האָט גע־בלענדט ווי אַלבאַסטער, איר קערפּער איז געווען ווי אויסגעשניצט פון עלפאַנט־ביין. זי האָט געציטערט אינגאַנצן פון שרעק. די האָר זענען איר אַראָפּגעהאַנ־גען איבער די אַקסל און זי האָט אויסגעזען ווי אַ מלאך.
„זי האָט זיך געבעטן, אַז מען זאָל זי לאָזן כאָטש לעבן נאָכדעם ווי אַלע צען בחורים ווועלן זי האָבן באַזעסן... זי האָט געוויינט מיט אַזאַ שטיל קול, אַז זי האָט מיר דאָס האַרץ צעבראָכן. זי איז אַוועקגעכאַפּט געוואָרן פון אַ וואַנדערנ־דיקן סלאַווישן שבט. אירע עלטערן האָבן זיכער נישט געוווּסט וווהין זי איז פאַר־פאַלן געוואָרן. זי האָט געיאָמערט און געקלאָגט, זי האָט דערמאָנט די נעמען פון אירע טאַטע־מאַמע, פון אירע ברידער און שוועסטער, אירע פריינדינס, וועלכע זי וועט שוין מער קיינמאָל נישט זען...
„אָבער די יונגעלייט, מיינע חברים, און די פריינט פון פאַרשטאָרבענעם בחור, האָבן געלאַכט פון אירע יאָמערלעכע זיפצן און געבעטן. ביי זיי איז עס געווען אַ רעליגיעזע צערעמאָניע, וואָס אַמאָליקע קראַנקהאַפטע מוחות און אויס־געלאַסענע מענטשן האָבן אויסגעטראַכט און געמאַכט עס פאַר אַ מצווה...
„איינער נאָכן אַנדערן האָבן די יונגען דאָס מיידל פאַרגוואַלטיקט אין דעם קוים־באַלויכטענעם צימער. מען האָט געהערט דאָס גלוסטיקע קרעכצן פון די פאַרגוואַלדיקער און דאָס יאָמערלעכע שטילע וויינען פון דעם מיידל, וועלכע האָט געוווּסט, אַז נאָכדעם ווי דער צענטער בחור וועט זי האָבן באַזעסן, וועט מען זי דערשטעכן מיט אַ לאַנגן גלאַנציקן מעסער ווי אַ חזיר... און מען וועט זי באַגראָבן מיט איר אויסדערווײלטן „מאַן״...

„איך בין געווען, אַלס דער יינגסטער, באַשטימט פאַר דעם צענטן, וועלכער האָט געדאַרפט דאָס מיידל באַזיצן. איך האָב געציטערט פון שרעק. איך האָב מורא געהאַט צו באַגיין דאָס דאָזיקע פאַרברעכן, וואָס ביי מיינע חברים איז דאָס געווען פאַררעכנט פאַר אַ מצווה...

„ווען דאָס מיידל איז געלעגן אָן אויסגעמאַטערטע אין דערוואַרטונג, אַז איך זאָל צו איר קומען און זי נעמען פאַר מיין „ווייב”, ווי עס איז געווען דער מנהג, און דערנאָך וועט מען זי הרגענען, בין איך אויפגעשפרונגען ווי אַ וואַנזיניקער און אַרויסגעלאָפן פון דעם לייוונטענעם געצעלט און אַזוי לאַנג בין איך געלאָפן אין דער געדיכטער פינצטערניש, ביז איך בין אַנידערגעפאַלן אַ פארחלשטער אויף דער ערד.

„איך וועל קיינמאָל אָט די מיאוסע סצענע נישט פאַרגעסן און עס איז מיר דעמאָלט געקומען אין דער מחשבה: אויב דאָס שענדלעכע, וואָס איך האָב צוגעזען, איז אַ טייל פון אַ רעליגיעזער צערעמאָניע, וואָס מוז אָפּגעהיט ווערן, איז דאָס נישט קיין אמונה פאַר מענטשן, נאָר פאַר חיות... און עס איז ביי מיר געבוירן געוואָרן דעמאָלט דער געדאַנק, אַז געצנדינסט איז אַ מיאוסע זאַך. איך האָב בלויז נישט געהאַט מיט וואָס די דאָזיקע מיאוסע זאַך צו פאַרבייטן... איצט ווייס איך שוין, מיט וואָס איך זאָל די געצנדינסט פון מיינע אור־אור־עלטערן פאַרבייטן”.

דאָס אַלץ איז געקומען עמרמען אין געדאַנק אין יענער נאַכט, ווען ער האָט פאַרלאָזט די שול פון ר' יצחק סאַנגורי... און ער האָט קאַזאַרן נאָך מער ליב געקראָגן. ער האָט געזען אין זיין האַנדלונג דעם סוף פון פיל יאָרהונדערטער יאָרן געצענדינסט ביי אַ פאָלק, און ער האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס ער האָט אַ שטיקל חלק אין דעם, וואָס קאַזאַר האָט זיך אָפּגעקערט פון דער כוזרישער עבודה זרה... ער האָט אויך געפילט, אַז מיטן פאַרווירקלעכן דאָס גליק פון קאַזאַרן, וועט אויך פאַרווירקלעכט ווערן זיין גליק. און ער האָט געבענטשט דעם נאָמען פון סולימאַן, די פרינצעסין פון כוזרים־לאַנד, די טאָכטער פון אפשר דעם לעצטן געצנדינערישן כאַקאַן...

קאַפּיטל זיבן

דער כאַקאַן בולאַן

הין און צוריק האָט דער כאַקאַן בולאַן אַרומגעשפּאַצירט אַ פּאַרטראַכטער אין זיין גרויסן צימער, וואָס איז געווען אויסגעמאָלן אויף בלוי און באַצירט מיט גאָלד און פּורפּור־פאַרבן ביי די ווינקלען. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים ריזיקן אָפענעם פענצטער און אַרויסגעקוקט אויפן ווייט־אויסגעשפּרייטן ים, וואָס האָט זיך געזילבערט און געגאָלדיקט אונטער די ברענענדיקע זון־שטראַלן פון בלוי־צעגליטן הימל.

דאָס איז געווען צומאָרגנס נאָך דער פייערלעכער אויפנאַמע פאַר זיין זון, דעם פּרינץ קאַזאַר און זיין פריינט, דעם ייִדישן יונגנמאַן עמרם, וועלכע האָבן אויף אַזאַ דערפאָלגרייכן אופן צעקלאַפּט די פּערסישע אַרמייען און זיי באַזיגט. איצט וועלן די סלאַווישע שונאים און זייערע פריינט, די ביזאַנטיער, זיך פריִער גוט באַדענקען, איידער זיי וועלן פּרוּוון מאַכן אַן אָנפאַל אויפן לאַנד פון די כוזרים. וואָרים עפּעס פאַרדעכטיקטע צוזאַמענקונפטן זענען לעצטנס פאָרגעקומען צווישן די פאָרשטייער פון די סלאַווישע שבטים און די ביזאַנטיער, וועלכע ווילן זיי דווקא אַריבערציִען אויף זייער זייט און רעדן זיי איין אָנצונעמען דאָס קריסטלעכע גלויבן.

דער כאַקאַן האָט אַ שמייכל געטאָן און זיין קיילעכדיק פּנים מיט אַביסל אַרויסגעסטאַרטשעטע קינבאַקן האָט זיך אויסגעצויגן אין דער ברייט. די קליינע אויגן האָבן אַ בלישטש געטאָן מיט אַ פלעמל פון שפּאָט. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם לעצטן באַזוך פון דעם קריסטלעכן בישאָף ביי אים אין פּאַלאַץ. עס איז געווען שוין טונקעלער בין־השמשות און אַ לעצטער רויטער שטראַל האָט נאָך באַזוימט ערגעץ אַ שפּיץ פון דער געשטריקטער פאַרבנרייכער וואָלענער קאָטאָרע איבערן פענצטער.

— דורכגעטריבענע לייט זענען זיי, די ביזאַנטיער... — האָט דער כאַקאַן צו זיך אַליין גערעדט — זיי ווייסן ווי אַזוי אויסצוזוכן די געהעריקע שטימונג פאַר זייערע געשפּרעכן... ווען דער מענטש איז מיסטיש געשטימט, איז ער גרייט אויסצוהערן און איינזאַפּן אין זיך די גלאַטיקע, ווי מיט בוימל־באַזאַלבטע רייד פון דעם פּרעפּלענדיקן ביזאַנטישן גלח...

בולאַן האָט אים דעמאָלט אָבער קנאַפּ־וואָס אויסגעהערט. דעם גלחס רייד

זענען געפאַלן אויף טויבע אויערן. זיינע געדאַנקען האָבן גאָר אַרומגעשוועבט ערגעץ־ווו אויף די שלאַכטפעלדער ביי דער סעוואַן־אָזיערע, ווו זיין איינציקער זון, דער פּרינץ קאַזאַר, קעמפט פאַר דער אויפהאַלטונג פון דער כוזרישער אימפּע־ריע, וואָס זיינע עלטער־זיידעס האָבן אין פאַרלויף פון פיל יאָרהונדערטער גע־שאַפן און גרונטגעפעסטיקט. פון צייט צו צייט בלויז האָט אין זיין פילבאַר אויער זיך אָפּגעשלאָגן דער כלומרשט הייליקער געפּרעפּל פון דעם פּאָטער יאָ־האַנעס, פון דער ביזאַנטישער קירכע אין באַלאַנגאַר: „מיר גלייבן אין גאָט דעם פּאָטער, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט, אָבער אויסגעלייזט די וועלט האָט זיין זון, ישו הנוצרי, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון דער הייליקער בתולה מרים...“

דער כאַקאַן האָט איצט נישט ווילנדיק אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער זיין קײלעכדיקן פּנים, ווי וועלנדיק אָפּווישן די בוימל־באַזאַלבטע קריסטלעכע רייד, וואָס האָבן גאָר ווייניק גערעדט צו זיין געמיט. עפּעס האָט זיך נישט גע־קלעפּט ביי אים אין מוח דעם גלחס געדאַנק: גאָט איז אומזעבאַר, מען קאָן אים מיט דער האַנט נישט אָנטאַפּן, ער זיצט ערגעץ אין די הויכע הימלען און — דאָך האָט ער געהאַט אַ זון... און דער זון איז אַרויסגעקומען פון דער טראַכט פון אַ בתולה, וואָס איז זיך קיינמאָל נישט צענויפגעקומען מיט קיין מאַן...

— פּוסטע, נאַרישע רייד! — האָט דער כאַקאַן פלוצלינג הויך אויפן קול אויסגערופן — בלויז, ווייל ער האַלט מיך פאַר אַ ווילדן באַרבאַר, אַ כוזרי, דע־ריבער מיינט ער, אַז ער וועט מיר קאָנען איינרעדן אַזעלכע מעשיות...

דער כאַקאַן איז ווידעראַמאָל צוגעגאַנגען צום ברייט־אויפגעפּראַלטן פענצ־טער און אַרויסגעבליקט אויף דעם ווייט־אויסגעשפּרייטן ים פון די כוזרים, וואָס האָט זיך זילבערדיק און גאָלדיק געמיניעט אונטער דער גליאיקער זון. ער האָט זיך פאַרטראַכט איבער עפּעס, פון וואָס ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין קלאָרן דין־וחשבון. ער האָט אַנומלט שפּאַצירט אייגער אַליין הינטער דער שטאָט לענגאויס דעם ים־ברעג. עס איז געווען אַ שטילער פאַרנאַכט, דאָס וואַסער פון ים האָט אין די דינע זילבער־בלויע פאַלדן, באַהויכט מיט אַ לייכטן פּורפּור־קאָ־ליר, געוואַשן דעם ברעג אין אַ בלחשדיקן געמורמל, ווי עס וואָלט עפּעס אַ תּפי־לה געשעפּטשעט צום באַשעפער פון דער וועלט... „ווער האָט די וועלט באַ־שאַפן?... צי האָט עס געטאָן מיין שטיינערנער גאָט, סידהאַרטע, דער גאָט פון דער זון?... אָדער אפשר האָט טאַקע די וועלט און אַלץ וואָס געפינט זיך אויף דער וועלט באַשאַפן גאָר טרימורטי, דער קוואַל פון אַלע באַשעפענישן אָדער צוזאַמען מיט זיין געהילף, סאַראַסוואַטי, ווי עס האָבן מיך געלערנט מיינע זיידעס און עלטער־זיידעס און ווי איך לערן עס ווייטער מיין זון, קאַזאַר?...“

ער האָט, געדענקט ער, דעמאָלט אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן חלל,

ווי ער וואָלט די גאַנצע וועלט, פון מזרח ביז מערב און פון דרום ביז צפון, גע־וואָלט אַרומנעמען מיט דער דאַזיקער באַוועגונג. „זע נאָר די הויכע בערג, וואָס גרייכן מיט זייערע שפּיצן אַזש ביז די בלויע וואָלקנס; זע דעם ים, וואָס האָט קיין ברעג נישט פֿאַר מיינע אויגן און זע די געדיכטע וועלדער, וואָס ציִען זיך אַוועק אויף אַ מהלך פון שעהן גאַנצע — ווער האָט דאָס אַלץ באַשאַפן און גע־גרונטפעסטיקט?...”

אין יענעם מאָמענט האָט ער באַגעגנט דעם ייִדישן רבין, ר׳ יצחק סאַנגורי, וועלכער האָט אויך, פונקט ווי ער, איינזאַם שפּאַצירט הינטער דער שטאָט און באַטראַכט גאָטס וועלט. ער האָט געזען, ווי דער רבי האָט זיך פלוצים אַוועקגע־שטעלט לעבן אַ ווערבע ביים וואַסער און אָנגעהויבן זיך ווי אַ לולב אויפן לייכטן ווינטל צו שאָקלען, און מיט די ליפּן האָט ער עפּעס געמורמלט. אין דער זעלבער רגע האָט אויף דער ווערבע אַ פייגעלע זיך צעטרילערט און געפּישטשעט אַזוי רירנדיק און דורכנעמענדיק, אַז אַ טרער האָט אַזש ביי אים אין אויג אויפגע־בלישטשעט...

ווען דער רבי האָט פאַרענדיקט זיין תפילה און אויפגעעפנט די אויגן, האָט ער דערזען דעם כאַקאַן. ער איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע אומבאַוועגלעך, ווידער עפּעס מיט די ליפּן באַוועגט און די הענט צום הימל אויפגעהויבן און געבענטשט אים.

— דו בענטשסט מיך, רבי?... — האָט דער כאַקאַן מיט אַ שמייכל געפרעגט.

— אַזוי לערנען אונדזערע חכמים: אַז ווען מען זעט אַ קעניג, דאַרף מען מאַכן איבער אים אַ ברכה... — האָט ר׳ יצחק סאַנגורי געענטפערט.

— ווי גייט די ברכה?... — האָט דער כאַקאַן ווייטער געפרעגט, און דאָס פּנים זיינס האָט אויסגעדריקט גנאָד און לייטזעליקייט.

„געלויבט ביסטו, גאָט, וואָס האָסט אָפּגעטיילט פון דיין כבוד צו אַ בשר ודם” — האָט ר׳ יצחק סאַנגורי געענטפערט.

דער כאַקאַן האָט זיך פאַרטראַכט. עס איז אים געפעלן געוואָרן די ברכה... דאָס פּנים איז ביי אים איצט געוועזן אַזוי לויטער, ווי דאָס וואַסער אין ים נאָך דער פאַרגייענדיקער זון.

— אויף יעדער זאַך טוט איר לויבן אייער גאָט... — האָט דער כאַקאַן אַ פאַרקלערטער געזאָגט — אָבער ווו איז ער, גאָט?...

— דאָ איז ער!... — האָט ר׳ יצחק סאַנגורי אַ באַוועג געטאָן מיט זיין האַנט איבערן בלוי־פאַרחלומטן חלל, ווי ער וואָלט מיט דעם דאָזיקן באַוועג אַרומגע־נומען די גאַנצע וועלט. — אונדזער נביא ישעיהו האָט געזאָגט: „מלא כל הארץ כבודו” — עס איז פול די ערד מיט זיין פּראַכט... אונדזער גאָט איז אומעטום... דו זעסט אָט די שיינקייט פון דער וועלט? האָסט געזען דעם פרעכטיקן זון־פאַר־

גאַנג, די אויסשפּרייטונג פון ים, די הויכקייט פון די בערג און דעם פאַרנעם פון אַט דעם גאַנצן אַרום?... דאָס איז גאָט!...

— אַזוי מעכטיק איז אייער גאָט? — איז דער כאַקאַן געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטער, און גרויס פאַרוווּנדערונג האָט זיך געצייכנט אויף זיין קיילעכדיקן טונקעלן פּנים.

— עס איז נישט בלויז מיין גאָט, עס איז אויך דיין גאָט און דער גאָט פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט, וועמענס באַשעפער ער איז... — האָט ר׳ יצחק סאַנגורי אים געענטפערט.

— מיר שטעלן דאָך אָבער פאַר אונדזערע געטער אין אַ שטיינערנער פאָרם...

— האָט דער כאַקאַן, ווי ער וואָלט באַדויערט אַט די דאָזיקע טאַט, אַ פאַרשולדיקטער געזאָגט.

— דאָס טוט איר אין אייער פאַרבלענדקייט, אָבער דערמיט פאַרלייקנט איר נאָך אַלץ נישט אין איינציקן גאָט, וועלכער איז דער גאָט פון אַלע מענטשן־קינדער אין דער וועלט... — האָט דער ייִדישער רבי זיך געהאַלטן ביי זיינס — ווען איר וועט וועלן, וועט איר אים אויך דערקענען און דעמאָלט וועט איר זיין גליקלעך אים צו דינען.

זיי זענען דעמאָלט נאָך לאַנג געגאַנגען לענגאויס דעם ברעג, ביז עס איז גוט פינצטער געוואָרן. זיי האָבן גאָר אינגאַנצן נישט געזען, ווי אַ חושך האָט זיי אַרומגעהילט. זיי זענען פאַרטיפט געווען אין אַ געשפּרעך. דער רבי האָט גערעדט און דער כאַקאַן האָט געהערט, בלויז פון צייט צו צייט שטעלנדיק אַ פראַגע, ווי אַ קליין אומוויסנדיק קינד... ביז עטלעכע לייב־וועכטער פון כאַקאַן האָבן זיי אויפגעזוכט.

אַט דאָס אַלץ האָט זיך דער כאַקאַן איצטער דערמאָנט, אַרויסקוקנדיק דורכן פענצטער אויפן ליכטיקן צעזילבערטן ים...

— ריכטיקע רייד האָט דאָך דעמאָלט גערעדט צו מיר דער ייִדישער רבי...

— האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט.

„גאָט איז אַ ריזיקע קראַפט, וואָס מיר מענטשן קאָנען דאָס נישט באַגרייפן... ווי האָבן מיר, כוזרים, געקאָנט גאָר אַזוי לאַנג גלייבן, אַז אַ גאָט, געמאַכט פון אַ שטיין, האָט אַ כוח עפּעס צו טאָן?...“

— אָבער דאָס זעלבע זאָגן דאָך אויך די קריסטן, די מוסולמענער... — האָט דער כאַקאַן אַ מאָמענט זיך פאַרעקשנט...

אָבער באַלד האָט ער ווידער געמוזט צוגעבן: קיינער מאַכט פונדעסטוועגן נישט אויף מיר אַזאַ איינדרוק פון אויפריכטיקייט, פון אמתדיקייט, ווי אַט דער דאָזיקער ייִד, ר׳ יצחק סאַנגורי!...

און ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין פריסטער יוגנט, ווען ער האָט ליב געהאַט

אַלץ צו באַאָבאַכטן און נישט גלייבן אויפן וואָרט. פון שטענדיק אָן האָט ער ליב געהאַט פאַרפאַלן צו ווערן אין די טיפע וועלדער, און מען האָט אים גדאַרפט גיין זוכן. נישט איינמאָל האָט ער איבערגעשראָקן זיינע עלטערן, ווען מ׳האָט אים געפונען ליגן אַ פאַרטראַכטן אויף די צווייגן פון אַ בוים און קוקן אַרום זיך, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט צו דערגיין אַ געהיימניש...

— ווּעמען זוכסטו דאָרט?... — האָבן דערשראָקענע די אַרויסגעשיקטע וועכטער אויסגערופן, ווען זיי האָבן דעם קרוינפּרינץ בולאַן געפונען ליגן אויף די צווייגן פון אַ בוים, גלייך ער וואָלט געווען אַ פויגל און דאָרט זיין נעסט געבויט.

— איך וויל זיין נענטער צו גאָט — האָט דער יונגער בולאַן געענטפערט.

— דער יונג איז משוגע געוואָרן! — האָט איינער פון די וועכטער אויסגעשריגן — גאָט זוכט ער גאָר אויבן אויפן בוים, ווען ער געפינט זיך גאָר אין טעמפּל פון סידהאַרטען... צו וואָס דאַרפסטו גאָט?...

— ווייל אַ סך שלעכטס איז פאַרשפּרייט אויף דער וועלט — האָט דער יונגער בולאַן געענטפערט — און איך וויל זיין עצה ווי אַזוי פון דעם דאָזיקן שלעכטס פּטור צו ווערן.

די וועכטער האָבן אים שוין גאָרנישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, ווייל זיי זענען שוין זיכער געווען, אַז דער יונגער קרוינפּרינץ איז פון זינען אַראָפּ און עס ווען פון אים קיין לייט נישט זיין...

זיי האָבן אים מיט כוח גענומען אויף די הענט און אַריינגעטראָגן אין פּאַלאַץ פון כאַקאַן, זיין פאָטער, און דאָרט דערציילט מיט אַלע איינצלהייטן, וואָס דער צעדרייטער קרוינפּרינץ האָט גערעדט.

ער האָט דעמאָלט געקראָגן גוט אָנגעשמיסן און מ׳האָט פאַרזאָגט אַלע וועכטער צו האַלטן אויף אים אַן אויג און נישט לאָזן אים מער אַוועקגנבענען זיך אין די וועלדער.

דער יונגער בולאַן האָט אַ לאַנגע צייט געפונען זיך ווי אין אַ תפיסה פאַרשפּאַרט. ער האָט באַקומען פון אַלעם בעסטן, אָבער קיין פרייער מענטש איז ער שוין נישט געווען. דער פאָטער האָט אים, אויף דער עצה פון זיינע ראַטגעבער, אָפּט מיטגענומען אין טעמפּל פון סידהאַרטע, אַ סך ווייררויך געריכערט און קרבנות געבראַכט צו די געטער פון סידהאַרטע, טרימורטי און סאַראַסוואַטי. דער גייסטלעכער האָט זיינע הענט אויפן קאָפּ פון יונגן קרוינפּרינץ אַרויפגעלייגט און געמורמלט עפּעס אַזעלכע אומפאַרשטענדלעכע רייד, וואָס נאָר דער עלטער־עלטער זיידע יפת האָט זיי אפשר פאַרשטאַנען...

און ווען בולאַן איז נישט אויסגעהיילט געוואָרן פון זיין מחלה, ער איז ווייטער, הגם נישט אין די וועלדער, אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער אין זיינע אויסטערלישע מחשבות, און פון די אויגן האָט אים שטענדיק אַרויסגעקוקט עפּעס אַ

גליאַק פּייערל, האָט דער אַלטער כאַקאַן געשיקט רופן דעם רופא פון דער שטאָט באַלאַנגאַר, דעם אַלטן דאַהאַבאַל.

דער רופא האָט זיך מיט אים אָפּגעשלאָסן אין אַ באַזונדער חדרל און איינ־געטענהט מיט אים אפשר צוויי שעה צייט. פון אַלע זיינע שמועסן איז דער רופא אַרויסגעקומען אַ פאַראומערטער, געדרייט מיטן קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס און געשוויגן אַ לענגערע ווײַלע.

ווען דער כאַקאַן איז צוגעשטאַנען צום רופא און געוואָלט וויסן וועגן דעם זונס שווערער קראַנקהייט, האָט דער אַלטער דאַהאַבאַל אַ שמייכל געטאָן מיט זיין אָנצייניק מויל און געזאָגט:

— ער דאַרף געפּירט ווערן צו אַ נקבה, וועט אים בעסער ווערן... וועט זיין מוח מער נישט זיין פאַרנומען מיט אַזעלכע אויסטערלישע נאַרישקייטן. ער האַלט אין איין רעדן וועגן הימל, וועגן אַן אומגעזעענעם גאָט. איך ווייס נישט, ווו ער האָט דאָס געהערט און ווער עס האָט אים געזאָגט וועגן אַזעלכע אומווירדיקע זאַכן!...

— דאָס האָט ער זיך אָפּגעלערנט ביי די ייִדישע שכנים — האָט זיך אָנ־גערופן דער גייסטלעכער, דער כהן פון גאָט סידהאַרטע, באַלשאַן — מען דאַרף אים מער נישט לאָזן זיך שפּילן מיט די אומגלייביקע, וועלכע דינען עפּעס צו אַ קערפּערלאָזן גאָט, וואָס אַפילו זיין אָפּבילד פאַרמאָגן זיי נישט אין זייער אַרי־מען טעמפּל...

— ביסט זייער גערעכט, כהן באַלשאַן!... — האָט זיך דער רופא אָנגע־כאַפּט אין דעם אויסערגעוויינלעכן מיטל — נישט לאָזן אים שפּילן זיך מיט די ייִדישע קינדער!

און וועגן דעם אַלטן, אויסגעפּרוווטן מיטל, וועגן אַ נקבה, האָט אויך דער רופא נישט פאַרגעסן און ער האָט געהייסן אויף אַ קונציקן אופן דאָס צוגרייטן, ווייל אויפן „גלייכן" וועג וועט מיט דעם יונגן, פּופּצן־יעריקן בולאַן נישט גיין...

— ער איז אַ גרויסער עקשן, און אַז ער שפּאַרט זיך איין, וועסטו מיט אים גאָרנישט מאַכן... עס דאַרף קומען אומגעריכט, און דאָס אָנגעשטעלטע מיידל דאַרף זיין אַ שטאַרקע, אַז זי זאָל אים קאָנען נעמען מיט גוואַלד... — האָט ער מיטן אָנצייניקן מויל זיך פונאַנדערגעלאַכט.

זיי האָבן שוין נעמלעך געוווּסט אין הויף פון כאַקאַן, וואָס פאַר אַ גבורה עס באַזיצט דער יונגער בולאַן. דאָס איז געשען ערשט מיט אַ קנאַפּ יאָר צוריק, ער איז געווען עפּעס איבער פערצן יאָר אַלט, ווען ער איז געהאַט פאַרפאַלן גע־וואָרן אין טיפן וואַלד און מ'האָט אים געזוכט צוויי טעג און צוויי נעכט, ביז מ'האָט אים געפונען ליגן אַ פאַרחלשטן אין דער וואַלד־געדיכטעניש מיט אַ טויטן וואָלף אין די אָרעמס...

ווען מען האָט אים אָפּגעמינטערט און געבראַכט צוריק אין כאַקאַנס פּאַ־לאַץ, איז מען פון זיינע רייד געוואָויר געוואָרן אַן אויסטערלישע געשיכטע, פון וועלכער עס האָבן זיך ביי אַלע די האָר קאַפּויער געשטעלט.

„איך בין פאַרקראָכן טיף אין וואַלד", האָט דער יונגער קרוינפּרינץ דער־ציילט אויף אַ רויקן אופן, „און איך האָב אָנגעווירן די טאָג־ליכט, ווייל די ביי־מער זענען דאָרט אַזוי געדיכט געווען, אַז מען האָט שוין נישט געקאָנט זען די זון־שטראַלן פון הימל... איך בין געוואָרן מיד און איך האָב זיך אַנידערגעזעצט אָפּרוען. מיטאַמאָל האָב איך אין דער טונקלקייט פון וואַלד דערזען אַ פּאָר גרינע אויגן, ווי צוויי פייערדיקע דימענטן. זיי האָבן מיך לאַנג און דורכדרינגלעך אָנ־געקוקט, אַז אַ קאַלטער שווידער האָט מיך אַזש דורכגענומען. איך האָב אָנגעהויבן ציטערן אויף מיין גאַנצן לייב.

„איך האָב אין מיין האַנט גאָרנישט געהאַט מיט וואָס זיך צו באַשיצן קעגן דער דאָזיקער ווילדער חיה, וואָס האָט זיך יעדע רגע געגרייט אַ שפּרונג צו טאָן אויף מיר און מיך צערייסן אויף שטיקלעך. איך האָב געפּרוווט נאָכטאָן דער חיה וואָס זי האָט געטאָן: דורכשפּיזלען זי מיט מיינע אויגן. זי האָט זיך אַביסל דער־שראָקן. איך האָב אויסגענוצט דעם צענט־חלק פון אַ רגע און איך האָב מיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם וואָלף, געקעמפּט מיט אים אַ שטיקל צייט ווי איין וויל־דער מיט אַ צווייטן, ביז ענדלעך, איך האָב אים געמוזט, זעט אויס, באַזיגן, ווייל איך בין אַוועקגעפאַלן אַן אויסגעמאַטערטער און אַפילו נישט געוווּסט, אַז די חיה ליגט אין מיינע אָרעמס אַ טויטע..."

בולאַן איז דעמאָלט אויסגעוואַקסן אין די אויגן פון זיינע נאָענטסטע.

— ער איז שוין אַ מאַן! — האָט מען אים דעמאָלט געריִמט אין די אויגן.

— ער איז ווירדיק צו זיין דער נאָכפאָלגער פון כאַקאַן! — האָבן אַנדערע אים געחנפעט.

אָבער דאָ האָט זיך געטראָפן דאָס אומגליק... ער האָט אָנגעהויבן צופיל אַריינטראַכטן זיך אין עפּעס נישט־געשטויגענע און נישט־געפלויגענע געשיכ־טעס. דאָס גליק צו האָבן אַ העלדישן כאַקאַן איז ביסלעכווייז פאַרשוווּנדן, און מ'האָט באַשיינפּערלעך געזען, ווי פון טאָג־צו־טאָג ווערט דער יונגער קרוינפּרינץ אַלץ מער פאַרקלערט. ווען מען האָט אים געפרעגט, וועגן וואָס ער טראַכט אַזוי פיל, האָט ער געגעבן אַזעלכע משונהדיקע ענטפערס: „איך זוך גאָט אין הימל... די מענטשן זענען זינדיק און אַז גאָט וועט ברענגען אַ מבול אויף דער וועלט, ווי בעת די צייטן פון אונדזער עלטער־עלטער זיידן נח..."

און איינמאָל האָט ער זיך דערלויבט גאָר אויף אַזאַ אויסערגעוויינלעכער אַפּיקורסות: „מען דאַרף די שטיינערנע געצן צו צעשטויסן און דעם שטויב אַריינ־וואַרפן אין כוזרישן ים..."

— ער איז משוגע — איז געפאַלן פון עמיצן אַ וואָרט.

— ער איז אַראָפּ פון זינען! דאָס קומט פון צופיל אַריינטראַכטן זיך אין נישטיקע זאַכן... — האָבן אַנדערע גוטע און פרומע לייט געשאָקלט אומעטיק מיט די קעפּ.

און עס איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז מען האָט, ווי געזאָגט, געמוזט רופן דעם אַלטן רופא פון באַלאַנגאַר, דאַהאַבאַלן...

מען האָט זיך דעריבער געגרייט אַנצווענדן דאַהאַבאַלס עצה און אים צו־זאַמענברענגען מיט אַ פּרויענצימער אָן זיין וויסן... פאַר דעם צוועק האָט מען באַפוילן דעם פּרינץ פּלוצלינג צו באַפרייען פון זיין איינגעשלאָסנקייט און אים צוריקלאָזן גיין וווּהין ער וויל.

בולאַן האָט זיך דערפרייט פון דער דאָזיקער נייער פאַראָרדענונג. ער האָט נישט געזען דערין קיין שום שלעכטע מחשבה... ער האָט זיך, ווי אַמאָל, איידער ער איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין כאַקאַנס פּאַלאַץ, אַ לאָז געטאָן אויף זיינע לאַנ־גע שפּאַצירן. ער האָט ממש אויפגעלעבט. ער האָט באַקומען צוריק זיינע פריִער־דיקע רויטע פאַרבן אין פּנים. די אויגן האָבן אָנגעהויבן פינקלען. וואָרים ער איז שוין באמת געווען נאָענט פון קראַנק ווערן.

איינמאָל, ווען ער האָט זיך, ווי זיין געוווינהייט איז געווען, אַביסל פאַר־בלאָנדזשעט אין וואַלד, און איידער ער האָט זיך אַרומגעזען, איז ער שוין געווען אין דער טונקעלער געדיכטעניש און נישט געוווּסט ווו איין און ווו אויס.

ער האָט זיך דערפילט אומהיימלעך. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין פאַראַ־יאָריקער פּאַסירונג מיטן וואָלף, און ער וואָלט באַין אופן נישט געוואָלט נאָכאַמאָל איבערלעבן דאָס דאָזיקע שרעקלעכע געפיל.

וויפל ער האָט זיך באַמיט פון וואַלד אַרויסצוקומען, אַלץ מער האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט און טיפער געבלאָנדזשעט. עס איז געוואָרן אַזוי פינצטער ווי ביינאַכט. ער האָט נישט געקאָנט וויסן, ווייל נישט קיין זון־שטראַלן און נישט קיין שטערן האָט ער אויפן פאַרהוילענעם הימל געקאָנט באַמערקן.

פּלוצלינג איז אַ שוידער איבער זיין לייב דורכגעגאַנגען. אַ פּאָר גרינע, פלאַקערדיקע אויגן האָבן אויף אים פון אַ געדיכטעניש אַרויס אַ בליאַסק געטאָן. ער איז געבליבן שטיין אין אַ פּאָזיציע צו קעמפן אויף לעבן און טויט.

ער איז געבליבן ווי צוגעשמידט אַ ווײַלע אויף זיין פּלאַץ, ווו ער האָט זיך געפונען, און אָפּגעוואַרט וואָס ווייטער וועט זיין. די פּאָר גרינע אויגן האָבן זיך נישט באַוועגט פאָרויס, נאָר אויך געבליבן שטיין אויף איין פּלאַץ. די דאָזיקע גרינע אויגן האָבן אים אָבער אַ סך שטאַרקער דורכגענומען ווי אַמאָל די אויגן פון דעם וואָלף. זיי האָבן אים ממש געגעסן...

בולאַן האָט געציטערט אויפן גאַנצן לייב. ער האָט געזען אין דער דאָזיקער

אויסטערלישער חיה נאָך מער געפּערלעכס ווי אין יענעם וואָלף, וואָס ער האָט באַזיגט. זי איז רויִקער ווי יענער וואָלף, אָבער איר רויִקייט איז אים נישט געפעלן געוואָרן...

עס האָט אַזוי אָפּגעדויערט דער פאַרמעסט צווישן מענטש און חיה אַ שפּאָרע עטלעכע רגעס, ביז בולאַן האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ שריט פאָרויס. ער האָט איינגעזען, אַז וואַרטנדיק, ביז די חיה זאָל אויף אים אָנפאַלן, וועט זיין מוטיקייט שוואַכער ווערן. זאָל ער דעריבער זיין דער ערשטער אָנגרייפער...

ער האָט געמאַכט אַ שפּרייז פאָרויס און זיך אָפּגעשטעלט. געמאָסטן דעם מרחק פון זיך ביז דער דאָזיקער אויסטערלישער ווילדער קאַץ... די גרינע אויגן האָבן געלויכטן ווי צוויי לאַמטערנעס. ער האָט ממש דערפילט אַ ווייטיק אין לייב, גלייך צוויי גרינע שפּיזן וואָלטן אים דורכגעשטאָכן. עס האָט אים אַזש געבלענדט אין די אויגן. ער האָט געמאַכט נאָך אַ שפּרייז. די חיה האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, נישט אויף פאָרויס און נישט אויף צוריק...

ער האָט שוין געהערט מיט זיין פּילבאַרן אויער דעם חיהשן שנאָרך, עפּעס ווי אַליידנשאַפטלעכן קרעכץ... אַ פּחד איז אים מיטאַמאָל באַפאַלן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס איז נאָך מער פינצטער געוואָרן, ווייל די גרינקייט פון דער חיהס אויגן זענען נאָך געוואָרן מער פינקלדיק. עס האָט אַ קנאַק געטאָן אַ ריטל אויף דער ערד. די חיה האָט זיך געטאָן אַ באַוועג אויף אַ טריט פאָרויס. עס האָבן אַ שאָרשע געטאָן די בלעטער פון אַ בוים, גלייך אַ ווינטל וואָלט אַדורך צווישן זיי. ער האָט שוין געפילט דעם אָטעם פון דער חיה, וואָס גרייט זיך אים צו פאַרציקן. ער האָט געוואָלט תּפילה־טאָן צו עמיצן, אָבער צו וועמען, צו גאָט סידהאַרטע, צו וועמעס שטיין ער פלעגט זיך בוקן אונטער דער אויפזיכט פון זיינע לייבוועכטער?... וואָס קאָן אים דען אַ שטיין העלפן?...

און ווען די אויסטערלישע חיה, וואָס האָט שוין געמאַכט מער ענלעכע באַוועגונגען פון אַ מענטש ווי פון אַ ווילד באַשעפעניש, האָט געמאַכט נאָך אַ לייכטן קאַציש שפּרייז, האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין האַלדז אַ יעמערלעך געשריי:

„גרויסער אַלמעכטיקער גאָט, וואָס האָסט באַשאַפן די וועלט און אַלץ וואָס איז אויף דער וועלט, ראַטעווע מיך!...״

און ער האָט אַ שפּרייז געטאָן פאָרויס מיט פאַרמאַכטע אויגן, גרייט דורס צו זיין די שטאַרקסטע חיה אין וואַלד און צערייסן זי אויף פּיץ־פּיצלעך. דאָס בלוט האָט אַ ריזל געטאָן אין זיינע אָדערן און זיינע מוסקולן זענען אָנגעשטייפט געוואָרן ווי שטאָל. ער האָט זיך דערפילט ווי אַ ריז פון די צייטן פון פאַרן מבול, און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער זייט, ווו מיט אַ צענטל רגע צוריק האָט אַ בליץ געגעבן אויף אים די פינקלדיקע גרינקייט פון די חיהשע אויגן און —

ער האָט דערפילט אין זיינע שטאַרק־אויסגעמוסקולירטע אָרעמס עפּעס אַ ווייך און צאַרט לייב, וואָס האָט אָנגעפילט זיין גאַנצן קערפּער מיט וואַרימקייט, וואָס איז איבערגעגאַנגען אין אַן אוממענטשלעכן פייער...

ער האָט געעפנט די אויגן און אין זיינע אָרעמס איז געלעגן אַ יונג צעפלאַמט מיידל, אַ נאַקעטע אינגאַנצן, די יונגע ברוינע בריסטלעך האָבן געצאַפּלט ווי לעבעדיקע פישלעך אויף זיין האַרץ, און אירע פינקלדיקע גרינע דימענטן־אויגן האָבן אים אָנגעצונדן ווי מיט גיהנומדיקן פלאַקער, און איר אָטעם האָט געבריט אים דאָס פּנים ווי מיט קאַלכאויוון־פייער. זי האָט זיך איינגעביסן אין זיינע ליפּן ביז ווייטיק, אָבער עס האָט אים נישט וויי־געטאָן... ער האָט געפילט עפּעס אַזאַ אויסטערליש גוטן טעם, וואָס נאָר אין זיינע ביינאַכטיקע יוגנטלעכע חלומות האָט ער געקאָנט אַזעלכעס פילן... דאָס לייב אירס איז געווען גלאַטיק ווי ווייכער סאַמעט און הייס ווי די הייסעסטע זון־שטראַלן אין אַ ברעןדיקן טאָג. זי האָט זיך געלאַשטשעט צו אים אָן וועדטער... זי האָט אַריינגעהויכט אין אים איר אָנגענעמען וואַרימען אָטעם, וואָס האָט אַזוי געשמעקט ווי ערשט אָפּגעשניטן גראָז אין פעלד. זי האָט זיך געטוליעט צו אים...

דער יונגער בולאַן איז געבליבן שטיין ווי באַרוישט, גלייך ער וואָלט מיטאַמאָל אויסגעטרונקען אַ גאַנצן קרוג מיט שטאַרקן הייסן ווייַן. דאָס בלוט האָט אָנגעהויבן פולסירנדיק צו ריזלען אין זיינע אָדערן און אַ גוואַלטיקע שפּאַנונג האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער זיין גאַנצן קערפּער. ער האָט דעם קאָפּ גלייך אויף זיין קאַרק נישט געקאָנט האַלטן, עפּעס ווי אַ שווער געוויכט וואָלט אים געצויגן צו דער ערד און ער האָט מיט גרויס חשק געוואָלט זיך אַראָפּלאָזן אויף דעם ווייכן גראָז אין וואַלד און קיינמאָל נישט אַרויסלאָזן אָט דאָס ווייכע צאַרטע קערפּערל פון דעם אויסטערליש שיינעם מיידל...

זי האָט שטילגעשוויגן, גלייך זי וואָלט דאָס לשון אָנגעווירן, און אפשר איז זי גאָר געווען אַ שטומע... ווייל די ליפּן האָבן זיך ביי איר עטלעכע מאָל באַוועגט, ווי זי וואָלט איר באַשערטן געוואָלט עפּעס אויסדריקן אַ גוט וואָרט, און נישט געקאָנט... זי האָט זיך בלויז מער צו אים צוגעדריקט, ווי זי וואָלט אַריינגעוואָקסן אין זיין קערפּער אַריין, געהויכט מיט איר וואַרימען שמעקעדיקן אָטעם און מיט די גרינע פינקלדיקע אויגן האָט זי אויסגעדריקט אַלץ, וואָס זי האָט מיט אירע ליפּן נישט געקאָנט אַרויסברענגען.

זיי זענען שוין ביידע געלעגן אויף דער ערד און האָבן זיך אַרומגענומען. זי האָט אירע שלאַנגען־הענטלעך אַרומגעוויקלט אַרום זיין האַלדז, געקושט זיין מויל מיט איר וואַרימען מויל. אין בולאַנס קערפּער האָט אַרויסגעשריגן די מאַנסבילשע ליידנשאַפט פון צענדליקער דורות... אָבער ער האָט מיט די ציין פאַרביסן, אַזש בלוט האָט אָנגעהויבן פליסן פון זיינע ליפּן און איר פּנים באַפלעקט מיט

זיין בלוט... ער איז נאָך מער אויפגערייצט געוואָרן, ווען ער האָט דערזען זיין בלוט פליסן איבערן ברוינעם צאַרטן פנימל...

ענדלעך האָט ער איבערגעריסן דאָס ביז־איצטיקע שטילשווייגן:

— פון וואַנען דערנעמסטו דיך דאָ אַהער, אויסגעטרוימט וועזן פון דער וועלט? ווער האָט דיך דאָ אַהערגעשיקט, כדי אויפצושטורמען מיין לעבן, מיינע געבלוטן? ווער איז געווען פאַראינטערעסירט, אַז דו זאָלסט דאָ אין דעם פינצ־טערן וואַלד, ווי אַ וועלפיכע מיך דאָ אָפּוואַרטן און פאַרציקן?... זאָג, שווייג נישט, ווייל איך וועל דיך צעבייסן אין מיין ליידנשאַפט צום טויט...

אַ שטיל געוויין, ווי אַ קול דממה דקה, האָט זיך אַרויסגעריסן פון האַלדז פון דעם יונגן מיידל. זי האָט געהעשעט און געגאָסן מיט זידיקע טרערן אויפן פנים פון דעם יונגן אויפגערייצטן פרינץ. עס האָט זיך ענדלעך דערהערט איר דין שטימעלע, וואָס האָט אין בולאַנס אויערן אָפּגעשאַלט ווי די שענסטע מוזיק. זי האָט, אַ צאַפּלענדיקע אין זיינע שטאַרקע אָרעמס, דערציילט אַלץ, וואָס זי האָט געוווּסט:

— מען האָט מיך איינמאָל אין אַ ליכטיקער לבנה־נאַכט געכאַפּט און גע־בראַכט אין פּאַלאַץ פון כאַקאַן, ווו עס האָט זיך אויך געפונען דער כהן באַלשאַן און דער אַלטער רופא דאַהאַבאַל. מען האָט מיך אָנגעהויבן וואַשן אין שמעקע־דיקע וואַסערן און קליידן אין זיידנס, געבראַכט פון די וויטע מזרח־לענדער. דאָס האָט אָפּגעדויערט אַזוי עטלעכע טעג. מיינע עלטערן ווייסן עד־היום נישט ווּהין איך בין פאַרשוווּנדן און זיי מוזן זיך די האָר פון קאָפּ אויסרייסן פאַר עגמת־נפש. מען האָט מיר געגעבן צו עסן פון די בעסטע שפייזן און געגעבן צו טרינקען פון די געשמאַקסטע געטראַנקען, מען האָט מיר אין לעצטן טאָג אויך גע־געבן שטאַרקן רייז־וויין צו טרינקען און אין קאָפּ האָט מיר אָנגעהויבן רוישן ווי אַ וואַסער־פאַל. מען האָט מיך אויסגעטאָן נאַקעט, ווי די מאַמע האָט מיך געהאָט.

„איך האָב געוויינט און געיאָמערט. איך בין געווען זיכער, אַז מען גייט מיך „חתונה״־מאַכן מיט אַ פאַרשטאָרבענעם אַלטן בחור און צען יונגעלייט וועלן מיך פאַרגוואַלדיקן און דערנאָך וועט מען מיך ווי אַ קרעציקע חיה דערשטעכן און באַ־גראָבן צוזאַמען מיטן מאַן... אַזוי האָב איך געמיינט. און די אַלטע לייט האָבן פאַרשטאַנען, וואָס איך טראַכט וועגן דעם אַלעם, און זיי האָבן מיך אָנגעהויבן באַ־רויקן: ׳מען וועט דיך נישט חתונה־מאַכן מיט קיין שום פאַרשטאָרבענעם בחור... עס איז גאָר קיינער אַזעלכער אין די לעצטע צייטן נישט געשטאָרבן... מיר ווילן בלויז, אַז דו זאָלסט באַשלאָפן דעם קרוינפּרינץ... און אויף אייביק וועסטו בלייבן זיין קעבסווייב צווישן די הונדערטער אַנדערע זיינע ווייבער, וואָס וועלן אָנפילן זיינע קאַמערן...׳ — אַזוי האָבן זיי מיר געזאָגט, און דערנאָך האָבן זיי מיך אַהער־געבראַכט אַ נאַקעטע, און געלאָזט שטיין אינמיטן וואַלד איינע אַליין... איך בין

דאָ געשטאַנען און מיין לייב האָט געציטערט, ביז איך האָב דיך דערזען און מיין האַרץ האָט זיך דערפרייט. איך בין שיער נישט משוגע געוואָרן פון גליק, וואָס איך וועל דיך קאָנען באַשלאָפן... ווייל דאָס איז מיין טרוים פון זינט איך בין געוואָרן אַ פרוי..."

ווען בולאַן האָט אויסגעהערט די אויסטערלישע רייד פון דעם אומשולדיקן מיידל, האָט ער זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע און דערנאָך זיך אָנגערופן:

— פריִער וויל איך וויסן דיין נאָמען, מיין ליבסטע?...

— סידהאַרטע, נאָכן נאָמען פון אונדזער גאָט פון דער זון... — האָט דאָס מיידל געענטפערט — ווייל איך בין געבוירן געוואָרן אין טאָג, ווען מען ברענגט קרבנות צום זון־גאָט סידהאַרטע...

— הער אויס, טייערע סידהאַרטע... — האָט דער יונגער בולאַן געזאָגט מיט אַ ציטערדיק קול, וואָס איז נאָך געווען געמישט מיט ליידנשאַפט — דו האָסט אָנגעצונדן דאָס בלוט פון מיינע אָדערן און איר בין שיכור פון ליבע צו דיר... אָבער ווייל דו האָסט מיר אַלץ דערציילט, וועל איך דיך נישט נעמען דאָ אין וואַלד ווי אַ ווילדע וועלפיכע... דו וועסט אויך נישט זיין איינע פון מיינע הונ־דערטער קעבסווייבער, נאָר דו וועסט זיין מיין איינציק ווייב, דאָס ווייב פון כאַקאַן, וואָס וועט צוזאַמען מיט מיר הערשן איבער דער ריזיקער כוזרישער אימפעריע, נאָכדעם ווי מיין פאָטער וועט איינגעזאַמלט ווערן מיט זיינע על־טערן... דערצייל קיינעם נישט, וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישן מיר און דיר. זאָג זיי, אַז דו האָסט דורכגעפירט זייער געבאָט און אַז דו האָסט מיך באַ־צוווּנגען...

און זיי זענען, נאָך עטלעכע שעה בלאָנדזשען, אַרויס פון וואַלד, ווו זיי האָבן באַלד געפונען די לייבוועכטער פון כאַקאַן, וועלכע האָבן זיי כלומרשט געזוכט און — געפונען...

בולאַן איז, לויט די רייד פון אַלטן רופא דאַהאַבאַל, אויסגעהיילט געוואָרן פון זיין קרענק און ער איז שוין אַ מענטש גלייך מיט אַלע מענטשן, און מען האָט אים מער נישט געהיט, ער איז געווען פריי צו גיין וווּהין נאָר ער וויל...

אַ פרייד איז אויפגעגאַנגען אין דער קעניגלעכער משפחה, ווען בולאַן האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן מער פרומקייט, געגאַנגען יעדן טאָג און אַמאָל דריי מאָל אין טאָג אין טעמפל פון סידהאַרטע און געדויכערט ווייריך, געבראַכט קרבנות, אָבער מיט די אויגן האָט ער געזוכט די שיינע „געטין" סידהאַרטע, נאָך וועלכער ער האָט געבענקט מיטן גאַנצן פיבער פון זיין נשמה...

בולאַן האָט נאָך מער איינגעזען די נאַרישקייט פון געצנדינסט און ער האָט אָנגעהויבן חלומען וועגן דעם, ווי אַזוי צו באַפרייען זיך פון די דאָזיקע נישטי־קייטן און צעשמעטערן די שטיינערנע געטער פון זיין פאָטערס הויז.

ווען ער איז אונטערגעוואַקסן און ער האָט געדאַרפט חתונה האָבן און מען האָט אָנגעהויבן זוכן אַ ווייב פאַרן קרוינפּרינץ, האָט בולאַן זיך איינגעשפּאַרט, ווי נאָר ער האָט געקאָנט, אַז זיין ווייב וועט זיין די קליינע סידהאַרטע, וועלכע איך „האָב שוין באַמאַנט" אין וואַלד... דעמאָלט, ווען זי איז דורך אַ „באַפעל" פון גאָט צו מיר געקומען...

וויפל די הויף־האַרן און דער פאָטער האָבן אים נישט אָפּגערעדט דערפון און געוואָלט איבערצייגן, אַז נישט גאָט האָט אים די קליינע סידהאַרטע אונטער־געשיקט, נאָר דאָס איז געווען דער איינפאַל פון פאַרשטאָרבענעם רופא דאַהאַ־באַל, פאַרפוילט זאָלן זיינע ביינער ווערן אין קבר... — האָט עס נישט געהאָלפן, און עס איז געפּראַוועט געוואָרן אַ קעניגלעכע חתונה, און די קליינע סידהאַרטע האָט געשיינט ווי זיבן זונען, און זי איז געווען די גליקלעכסטע פרוי אין דער וועלט, ווען מען האָט זי אַריינגעבראַכט צו בולאַנען אין צימער און צו אים גע־זאָגט: „דאָ האָסטו דיין ווייב, טו מיט איר, ווי עס וועט דיר ווילגעפעלן...

**
*

אָט דאָס אַלץ האָט זיך איצט דער כאַקאַן בולאַן דערמאָנט, שפּרייזנדיק אַראָפּ און אַרויף אין פּאַלאַץ, וואָס זיינע גרויסע פענצטער זענען אַרויסגעגאַנגען אויפן אָפענעם זילבערנעם ים פון די כוזרים... עס איז אויפגעגאַנגען אין זיין געמיט גליק און צופרידנקייט. ער האָט ביי זיך שוין געהאַט באַשלאָסן צו וואָס פאַר אַן אמונה ער זאָל זיך ווענדן, אָבער פונדעסטוועגן האָט ער דאָס געוואָלט דורכפירן אָפן פאַר אַלעמען און אויסהערן די מיינונגען פון אַלע גלויבנס, צו וועלכע מען דינט ביי אים אין לאַנד...

ער האָט זיך אַנומלט אויך וועגן דעם באַראָטן מיט זיין ווייב, דער קעניגין סידהאַרטע...

— דו זעסט דאָך אַליין איין די נאַרישקייט פון געצנדינסט, מיין טייערע!... האָט ער צו איר ווייך און צאַרט גערעדט, ווען זיי האָבן זיך געפונען איינע אַליין אין זייער טראָן־זאַל — מיר בעטן צו אַ שטיינערנעם גאָט, וואָס מיר באַשטעלן ביי אַ בעל־מלאכה. איז עמיצער רייך, האָט ער אַ גאָט פון מירמלשטיין, איז איי־נער אָרים, איז זיין גאָט אויסגעאַרבעט פון פּשוטן קאַלך־שטיין... קאָן אַ שטיין דיר העלפן?

און די קעניגין, דאָס אַמאָל שיינע פּנימל, איצט אַביסל צעקנייטשט, טו־ליעט זיך מיט ליבע צום כאַקאַן בולאַן און ער דערמאָנט זיך אָן יענעם טאָג, ווען ער האָט זי דערזען אין וואַלד אַ נאַקעטע מיט שפּיזלדיקע פייער־גרינע אויגן... זי דערפילט מיט איר פרויען־אינסטינקט, אַז ער קוקט אויף איר איצט ווי ער האָט

אויף איר געקוקט יענעם געדענקבאַרן טאָג אין פינצטערן וואַלד... און זי זאָגט צו אים:

— אַלמעכטיקער כאַקאַן, קעניג און הערשער איבער אַזוי פיל פעלקער, באַ־צווינגער פון לענדער, ימים און טייכן!... האָסט אַזוי לאַנג געדינט צום גאָט פון דיינע עלטערן און עס איז דיר גוט געגאַנגען, האָסט מצליח געווען אין אַלע דיינע אונטערנעמונגען און דיין מלוכה געמאַכט פאַר איינע פון די גרעסטע צווישן פעלקער. דאָס אַלץ אַדאַנק דעם זון־גאָט סידהאַרטע, וועמענס נאָמען איך טראָג... פאַרוואָרף דיינע אויסטערלישע רעיונות און גיי אין די וועגן פון אונדזערע אבות, און אין די זעלבע וועגן וועט אויך גיין אונדזער העלדישער זון, דער קרוינפרינץ קאַזאַר... האַרך מיך, אין נאָמען פון דעם טאָג, וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט און פאַרבונדן לעולם ועד...

בולאַן האָט אַ פאָטערלעכן שמייכל געטאָן, איר אַ גלעט געגעבן איבער די אַקסל און איבער די האַרטלעכע האָר, וואָס זענען אַמאָל אַזוי ווייך געווען ווי זייד, און געזאָגט:

— אַדאַנק דעם, וואָס איך האָב שוין דעמאָלט נישט געגלייבט אין די שטיי־נערנע געצן פון מיינע אבות, ביסטו איצט די קעניגין פון דער גרויסער כוזרי־שער אימפעריע. איך האָב געהערט אין מיין האַרץ אַ שטים פון דעם אומגעזעע־נעם גאָט, וואָס האָט מיך געהייסן אַזוי האַנדלען, ווי איך האָב געהאַנדלט... און אויך אונדזער זון קאַזאַר איז ווייט אַוועק פון צו גלייבן אין דעם ביז־איצטיקן געצנדינסט פון כוזרישן פאָלק. מיר זענען אַנדערש פון די באַרבאַרישע רוסן, וואָס האַלטן זיך נאָך אין זייערע ווילדע מנהגים. בלויז שלעכטע מענשן, ווי למשל, דער פעגאַן באַרבאַל, האַלטן זיך נאָך אין אַזעלכע נאַרישע און נישטיקע צערעמאָניעס פון ברענגען קרבנות צום שטיינערנעם גאָט און צו רויכערן ווייַרויך צו אים. זיי ווייסן, אַז אונדזער זון קאַזאַר האָט ליב די שיינע אסתר, די טאָכטער פון ייִדישן רבין, ר' יצחק סאַנגורי... און זיין טאָכטער וועט קיינמאָל נישט חתונה האָבן מיט אַ געצנדינער... די קעניגין סידהאַרטע האָט איר קאָפּ אַרויפגעלייגט אויף בולאַנס ברוסט און געשוויגן.

אָבער נאָך אַ ווײַלע האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אירע גרינע דימענטן־אויגן האָבן דורכגעדרונגען דעם כאַקאַן און מיט אַ ווייכער מוטערלעכער שטים האָט זי צו אים אויסגערופן:

— ביסטו גרייט שוין אָנצונעמען דאָס ייִדישע גלויבן, אָן שום פריערדיקער באַטראַכטונג מיט די עלטסטע פון אונדזער לאַנד, מיט די כהנים פון דעם סיד־האַרטע־טעמפל, מיט די האַרן פון דער מלוכה און מיטן פאָלק?...

דער כאַקאַן האָט אַ שמייכל געטאָן.

— איך בין נאָך נישט אינגאַנצן גרייט אָנצונעמען דאָס ייִדישע גלויבן,

איידער איך באַקען מיך מיט די עיקרים פון זייער אמונה. ווען איך וועל באַ־שליסן אָנצונעמען דאָס ייִדישע גלויבן, וועל איך שוין דעמאָלט זיין אַ ייִד מיט מיין גאַנצן האַרץ און איך וועל מוזן וויסן וועגן ייִדישקייט אַזוי פיל ווי עס ווייסט דער ייִדישער רבי, ר׳ יצחק סאַנגורי... — האָט ער געזאָגט — און איך וועל אויך מיך באַראָטן מיט מיינע עלטסטע פון דער מדינה, מיט די האַרן און ראַטגעבער, מיטן פאָלק. איך וועל אַלץ טאָן עפנטלעך און גאָרנישט באַהאַלטן. איך וועל אַפילו פאַרבעטן פאָרשטייער פון די אַנדערע צו מיר אונטערטעניקע לענדער, די סלאַוון, די פערסיער און די פיל אַראַבישע קליינע לענדער. זאָלן זיי זיך צוהערן און צוזען, ווי ביי אונדז אין דער כוזרישער מלוכה איז אַלץ פריי און יעדער קאָן טאָן, ווי ער אַליין פאַרשטייט...

— פאַרוואָס זאָלסטו בעסער נישט אָננעמען די קריסטלעכע אמונה פון די ביזאַנטיער?... — האָט די קעניגין סידהאַרטע געפרעגט — איך בין אַנומלט געווען בעת זייערס אַ גאָטעסדינסט אין דער קירכע, בין איך פאַרבליפט געוואָרן פון דער פאַרבנרייכקייט און דעם גלאַנץ פון זייערע רעליגיע־צערעמאָניעס. פראַכטפולע בילדער זענען אויף די ווענט אויסגעמאָלן און די שויבן פון זייערע הויכע פענצטער זענען מיט אַזוי פיל קאָלירן און פאַרבן באַצירט, און זייער תפילה־טאָן איז אַזוי האַרציק, עס דרינגט אַריין אין דער נשמה און בויערט דורך דאָס האַרץ... זיי האָבן מיך אַזוי פיין אויפגענומען, די קריסטלעכע גייסטלעכע, און זיי האָבן מיך אָוועקגעזעצט אויבן־אָן...

— ווי קומסטו אַהין צו זיי אין דער קירכע? — האָט דער כאַקאַן מיט שטוינען אין זיין קול געפרעגט.

— שוין עטלעכע מאָל האָט מיך דער פאָטער יאָהאַנעס געבעטן צו קומען זען, ווי עס ווערט ביי זיי תפילה געטאָן צו גאָט... ער האָט אַזוי שיין גערעדט אויף אונדזער כוזרישן לשון און געמאָלן פאַר מיר אַ וועלט פול מיט פּראַכט און שיינקייט, ווו נאָר גוטס און שלום וועט הערשן צווישן מענטשן. אַ סך פון די אָנוועזנדיקע האָבן געוויינט, ווייל זיי זענען דורכגענומען געוואָרן מיט זיינע רייד, וואָס האָבן אויסגעזען צו קומען פון די טיפענישן פון זיין האַרץ...

— אָבער אויב מען האָט אַ פאַלש האַרץ, קומען די רייד פון דאָרט אויך אַרויס פאַלש... — האָט דער כאַקאַן מיט אַ שמייכל באַמערקט.

— מיינסטו צו זאָגן — האָט די קעניגין סידהאַרטע אַ דערשטוינטע איבער־געפרעגט — אַז די אַלע רייד, וואָס דער קריסטלעכער פאָטער יאָהאַנעס האָט געזאָגט, זענען פאַלש?

— חלילה!... האָט דער כאַקאַן געענטפערט, אַ גלעט טוענדיק איר איבערן אַקסל — איך זאָג נאָר, אַז אויב מען האָט אַ פאַלש האַרץ, זענען די גוטע און רירנדיקע רייד אויך פאַלש... איך מיין עס קעגן יעדן אַנדערן מענטש אויך...

— און דער יִדישער רבי?... — האָט די קעניגין געוואָלט וויסן.

— אויך דער יִדישער רבי... אויב ער וואָלט געהאַט אַ פּאַלש האַרץ, וואָלטן אַלע זיינע רייד אַרויסגעקומען פּאַלש און באַטריגעריש... צום גליק אָבער איז דער יִדישער רבי, ר׳ יצחק סאַנגורי, איינער פון די אָרנטלעכסטע מענער, וואָס איך האָב ווען עס איז באַגעגנט ביי אונדז אין לאַנד... — האָט דער כאַקאַן מיט אַן ערנסטן טאָן אויסגערופן.

— זיין טעמפּל איז אָבער אַזוי אָרים... — האָט די קעניגין פאַרגעזעצט — אַ קליין הייזעלע, קיין שום בילדער נישט אויף די ווענט, בלויז אַ שענקל, ווו עס ליגט אַ מגילה פון פּאַרמעט, פון וועלכער זיי לייענען שטענדיק אַרויס זייערע תפילות.

— אין דער דאָזיקער מגילה פון פּאַרמעט ליגט די גאַנצע חכמה פון דער וועלט, מיין טייערע... און סיי־ווי האָט זייער גאָט פיינט רייכטום, ער האָט ליב צו קומען אין אָרימע וווינונגען. „מיין איז דאָס זילבער און מיין איז דאָס גאָלד, זאָגט גאָט פון צבאות״... — האָט געדרשנט זייער נביא חגי...

— קענסטו שוין אויך די רייד פון זייערע נביאים? — האָט מיט פאַרוווּנ־דערונג די קעניגין געפרעגט.

— יאָ, דער רבי, ר׳ יצחק סאַנגורי, האָט באַוויליקט מיט מיר צו לערנען אין זיין פּרייער צייט פון זייערע נביאים, און די רייד פון זייער תורה רעדט צו מיין האַרץ מער ווי די לערעס פון די אַנדערע אמונות... — האָט בולאַן אַ פאַר־טראַכטער געזאָגט... — איך האָב אויך געהערט די אויסטערלישע געשיכטע פון אברהם, ווי ער האָט צעשמעטערט די שטיינערנע געצן, וואָס זיין פאָטער תרח האָט אויסגעאַרבעט מיט זיין האַנט און ער איז געוווּן דער ערשטער, וואָס האָט אָנ־געהויבן צו דינען דעם אומגעזעענעם גאָט, וועלכער ווערט עד־היום אָנגערופן: דער גאָט פון אברהם...

— איז דאָך שוין טאַקע באַרבאַל געווען מיט זיינע רייד, אַז דו האָסט דיך אָנגעשטעקט מיט דעם גלויבן פון די יִדן און דו פאַראומווירדיקסט די אמונה פון אונדזערע עלטערן — האָט סידהאַרטע מיט טרויער אין איר שטים געזאָגט.

— גלייבסטו נאָך אַלץ, אַז אַ שטיינערנער גאָט קאָן העלפן אַ מענטש און געבן אים עצות ווי אַזוי אָנצופירן דאָס לאַנד?... — האָט זי דער כאַקאַן גע־פרעגט — ווייסט זען וואָס פאַר אַ סוף באַרבאַל וועט אין קורצן האָבן, ווייל ער גלייבט אין דעם שטיינערנעם אָפּבילד פון גאָט סידהאַרטע!...

— זעסטו דאָך, אַז אונדזער לאַנד איז געוואָרן גרויס און רייך, שטאַרק און מעכטיק אַדאַנק דעם, וואָס מיר האָבן געדינט צום ריכטיקן גאָט!... — האָט די קעניגין אַלץ נישט אָפּגעלאָזט.

דער כאַקאַן האָט זיך פאַרקלערט איבער די דאָזיקע רייד פון זיין קלוגער קע־

ניגין. ער האָט געזוכט די ריכטיקע ווערטער, וואָס זאָלן זי ענדלעך איבערצייגן אין דער נישטיקייט פון געצנדינסט.

אין דער רגע איז אין טראָן־זאַל פון כאַקאַן אַריינגעקומען זייער זון, דער קרוינפּרינץ קאָזאַר. ער האָט אָוועקגערופן דעם פּאָטער אָן אַ זייט און אים עפּעס איינגערוימט אין אויער. דאָס פּנים פון כאַקאַן איז אָנגעצונדן געוואָרן מיט אַ פריידיק ליכט. ער האָט דעם זון אַרומגענומען און הויך אויפן קול האָט ער געזאָגט:

— פאַר דער דאָזיקער גוטער בשורה, מיין זון, ווינטש איך דיר, אַז אַלץ צו וואָס דו שטרעבסט, זאָל אינגיכן מקוים ווערן...

— וואָס האָט פּאַסירט?... — האָט די קעניגין אַ בלאַסע אויסגערופן.

— דער פּעגאַן באַרבאַל האָט אויסגעטרונקען אַ בעכער מיט גיפט, און ער איז טויט!... ער האָט איבערגעלאָזט אויף אַ פּאַרמעט אַ געשריפטס, וואָס זאָגט, אַז דער יידישער גאָט האָט אים באַשטראָפט, ווייל ער האָט שלעכטס געטאָן צום רבין, ר׳ יצחק סאַנגורי... פאַרן אויסטרינקען דעם סם האָט ער כסדר געזען דעם רבין פאַר זיינע אויגן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ ברענענדיקער מלאך, וועלכער האָט אים געשלאָגן מיט פייערדיקע ריטער. ער האָט געליטן גרויסע יסורים און ער האָט באַשלאָסן אויסצוטרינקען דעם בעכער מיט גיפט.

— דאָס איז דערפאַר, ווייל ער האָט זיך געהאַלטן אין זיין נאַרישן געצנ־דינסט!... האָט דער כאַקאַן צוגעגעבן מיט נצחון אין זיין טאָן.

די דאָזיקע נייעס האָט געווירקט אויף דער קעניגין ווי אַ דונער. די ידיעה, אַז דער פּעגאַן באַרבאַל האָט אויסגעטרונקען אַ בעכער מיט גיפט, האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין דער הויפּטשטאָט באַלאַנגאַר און איבערן גאַנצן לאַנד.

מ׳האָט גערעדט פאַרשידנס וועגן דער דאָזיקער געשעעניש, מען האָט דער־מאָנט דעם שטרייט, וואָס דער פּעגאַן האָט אַנומלט געהאַט אין טעמפּל פון גאָט סידהאַרטע מיטן כאַקאַן בולאַן, און אַז דער אויסגאַנג פון שטרייט האָט שוין דע־מאָלט אָנגעוויזן אויפן דאָזיקן מיאוסן סוף.

מ׳האָט אויך אָנגעהויבן שמועסן, אַז דער מיליטער־פירער אולבאַשי איז דערווייטערט געוואָרן פון כאַקאַנס הויף און מען זעט אים נישט מער אין זיין אומגעבונג. דערפאַר האָט טריומפירט דער צינזן־אויפמאַנער אַנושוריאַן, וועלכער האָט זיך איצט געפילט אויפן פערדל, און ער האָט דרייסט און שטאָלץ געטראָגן דעם קאָפּ אין דער הויך.

בכלל האָט זיך געשפירט אין דער לופט, אַז עפּעס אויסערגעוויינלעכע זאַכן קאָן מען דערוואַרטן אין לאַנד. עס איז אויך אַרויס אין דער עפנטלעכקייט וועגן די צוויי אומגליקלעכע ליבעס: פון פּרינץ קאָזאַר מיטן יידישן מיידל, די טאָכטער פון יידישן רבין, ר׳ יצחק סאַנגורי, און פון דעם יידישן מיליטערישן העלד, דעם

באַזיגער פון די פּערסיער, עמרם, מיט זיין פלאַמיקער ליבע צום כאַקאַנס טאָכטער, די פּרינצעסין סולימאַ.

פריִער האָט מען וועגן דעם געשמועסט בחדרי־חדרים, מ׳האָט מורא גע־האַט, אַז עס זאָל זיך עמיצער דערוויסן דערפון. שפּעטער האָט מען שוין גערעדט אָפן אין דער גאַס וועגן די דאָזיקע ליבעס, און מ׳האָט אַפילו פאַרבונדן דערמיט דעם טויט פון פּעגאַן באַרבאַל. אויף וועלכן מ׳האָט געמורמלט, אַז ער וויל חתונה האָבן מיט דער פּרינצעסין סולימאַ, כדי זיך מער צו פאַרזיכערן דעם טראָן נאָכן טויט פון כאַקאַן בולאַן. ער איז צוליב דעם געוועזן אַ דם־שונא דעם פּרינץ קאַזאַר, אין וועמען ער האָט געזען דעם שטאַרקסטן קעגנער און די ערגסטע שטערונג צו זיין ציל.

אָבער די אַלע מעשיות זענען נישט געווען אמת. דאָס האָט דער עולם גע־וואָלט געבן אַ באַרעכטיקונג פאַר זיין טויט און האָט דעריבער געלאָזט לויפן די פאַנטאַזיע...

אין באַלאַנגאַר האָט מען לעצטנס אויך געזען פיל אַנגעפּאַרענע פרעמדע מענטשן, מערסטנטיילס פון די צאַקלאַבישע שבטים. מען האָט געזען אַרומדרייען זיך מענער מיט גרויסע בלאָנדע בערד און אויף די קעפּ פוטערנע קוטשמעס און די בלויע וואַסערדיקע אויגן האָבן אומעטום אַריינגעבליקט, אַלץ האָבן זיי גע־וואָלט וויסן און אַלץ האָבן זיי געזען.

מען האָט געשמועסט, אַז דאָס האָט דער פירשט אַלעג פון די רוסן אַריינ־געשיקט כלומרשטע סוחרים, וואָס ווילן איינקויפן פאַרשידענע סחורות, וואָס די כוזרים אַרבעטן־אויס, אָבער אין דער אמתן זענען דאָס געווען שפּיאָנען, וואָס קוקן־אויס דאָס לאַנד, כדי צו זען ווי שטאַרק עס איז אין סאָלדאַטן, אין שפּיזן מיט שווערדן, און בכלל וואָס מען רעדט דאָ אין לאַנד.

דער כאַקאַן בולאַן האָט געוווּסט וועגן דעם אַלעם, ווייל זיינע שפּיאָנען האָבן אים די אַלע ידיעות געגעבן צוגעשטעלט, און ער האָט באַפוילן, אַז מען זאָל בויען נייע פעסטונגען לענגאויס דעם טייך סמבטיון (דאָן). איינע אַזאַ פעסטונג איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין דער שטאָט סאַרקעל, וואָס איז געווען אַזוי שטאַרק אין איר געבוי, אַז עס וואָלט אַנגעקומען אַ שונא זייער שווער זי איינצונעמען.

די סלאַווען האָט פאַרדראָסן דער דאָזיקער פאַקט, וואָס די כוזרים בויען פעס־טונגען ביי זייער גרענעץ, אָבער זיי האָבן גאָרנישט געקאָנט טאָן, ווייל זיי האָבן גאַנץ גוט געהערט וואָס פאַר אַ מפּלה די פּערסיער האָבן געהאַט אין זייער לעצ־טער מלחמה מיט די כוזרישע אַרמייען.

אויך די ביזאַנטיער האָבן שטאַרק מורא געקראָגן פאַר דעם וואַקסנדיקן כוח פון די „באַרבאַרישע" כוזרים. זיי שפּרייטן זיך אויס פון טאָג צו טאָג אַלץ ווייטער און ווייטער, אַזוי אַז זיי זענען שוין גאָר נאָענט פון זייערע לענדער. אין

ביזאַנטינישן קייסערלעכן הויף אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל זענען פאָרגעקומען אַן אַ שיעור באַראַטונגען וועגן דער לאַגע אין כוזרים־לאַנד און דאָרט איז געפאַלן דער באַשלוס, אַז אויב מען קאָן די כוזרים נישט באַזיגן אויפן שלאַכטפעלד, דאַרף מען זיי באַזיגן גייסטיק. דאָס הייסט, מען דאַרף אויף זיי אַרויפצווינגען די קריסטלעכע אמונה און אַזוי אַרום אַרייננעמען זיי אין שפאַן פון דער ביזאַנטישער קירך.

זענען טאַקע לעצטנס געקומען אַן אַ שיעור שליחים צום פאָטער יאָהאַנעס, אַז ער זאָל אָנווענדן אַלע זיינע כוחות און זען איבערצוצייגן דעם כוזרישן כאַקאַן, אַז ער זאָל אָננעמען דאָס גלויבן פון ישו הנוצרי. דער פאָטער יאָהאַנעס, דער גייסטלעכער פון דער ביזאַנטישער קירך אין דער כוזרישער הויפּטשטאָט באַלאַנגאַר, האָט זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט געהאַט עטלעכע געהיימע שמועסן מיטן כאַקאַן אַליין, דערנאָך, זעענדיק אַז עס העלפט נישט, ווייל דער כאַקאַן איז צו קלוג צו לאָזן זיך פאַנגען אויף דער ווענדקע פון זיינע שיינע רייד, האָט ער אַריינגענאַרט די קעניגין סידהאַרטע אין קירכע צו אַ גאָטעסדינסט.

ער און זיינע ראַטגעבער האָבן זיך געטראַכט אַזוי: דער כאַקאַן האָט זייער שטאַרק ליב זיין ווייב, און אויב זי וועט אַריינגעצויגן ווערן אין דער קריסטלעכער עדה, וועט ער שוין נאָכגיין אַליין, ווי אַ שעפעלע, געצויגן פאַרן שטריקל...

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אויך די אַראַבער זענען נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. אויך זיי האָבן געוואָלט די גרויסע און מעכטיקע כוזרישע מלוכה האָבן אויף זייער זייט, און זיי האָבן גענומען צו הילף דעם נביא מאַכמעד.

די אַראַבער, די איינוווינער פון כוזרישן לאַנד, וועלכע האָבן געבויט וואָס מער מעטשעטן אין באַלאַנגאַר און אין איטיל, ווי אויך אין אַנדערע שטעט פון דער גרויסער כוזרישער אימפּעריע, האָבן די לעצטע צייטן אָנגעהויבן איינצואָרדענען גרויסע פייערלעכקייטן מיט פאַראַדן. מען האָט געשפּילט אויף האָרנס, טראָמפּייטן, געזעצט אין פּויקן, איינגעאָרדנט טענץ און אַזוי געמאַכט, אַז יונגע בחורים פון כוזרישן פאָלק זאָלן זיך צוזאַמענקומען מיט אַראַבישע מיידלעך. מען פלעגט זיי אָנשיכורן מיט רייז־וויין און עס איז געקומען אין די אָוונטן צו אויסגעלאַסענע אָרגיעס. אַזוי אַרום זענען די יונגעלייט אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין מאַכמעדאַנישע מעטשעטן און עס איז געקומען צו געמישטע שידוכים צווישן די ביידע פעלקער...

דער כאַקאַן האָט דאָס אַלץ צוגעזען און געשוויגן... ער האָט זיך פאַרשטאַנען אויף די כיטרע שטיק פון די קריסטן און די מאַכמעדאַנער. ער האָט געוואַרט אויף אַ גינסטיקן מאָמענט, ווען די פרוכט וועט זיין רייף, און אַליין אַראָפּפאַלן פון ביימעלע...

נעכטן איז ווידער געווען ביי אים צו גאַסט דער פאָטער יאָהאַנעס, פון דער־

ביזאַנטישער קירך. ער איז געקומען אויסגעשלייערט אין די שענסטע גייסט־לעכע מלבושים, אויסגענייט מיט גאָלד און פּורפּור, מיט אַ הויכן, רויטן הוט אויף זיין קאָפּ, כדי מיט דער פאַרבנרייכקייט צו מאַכן אַן איינדרוק אויפן כוז־רישן כאַקאַן.

אַ לענגערע צייט האָבן זיי ביידע געשוויגן נאָך דער ערשטער באַגריסונג. עס איז געווען די צייט, ווען די מענטשלעכע הערצער זענען מער אָפן און פּיל־באַר. עס איז געווען דער צופאַלנדיקער בין־השמשות. אין דעם גרויסן זאַל, וווּ דער כאַקאַן האָט אויפגענומען דעם קריסטלעכן גייסטלעכן, זענען נאָך אַרומגע־קראָכן איבער די טייערע טעפּיכער די לעצטע רויטע שטראַלן פון דער פאַרגייענ־דיקער זון. זייערע ביידנס פּנימער זענען געווען אָפּגעגאָסן מיט רויטקייט.

דער כאַקאַן האָט מכבד געווען דעם גייסטלעכן מיט רייז־ווײַן, פון וואָס יע־נער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געניסן. ער האָט געוואָלט האָבן אין דעם דאָזיקן אָוונט אַ קלאָרן קאָפּ און וויסן וואָס ער רעדט מיט דעם געצנדינער...

ערשט ווען די טונקלקייט איז צוגעפאַלן, האָט דער פאָטער יאָהאַנעס פאַר־פירט דעם פריִער אויסגעפּלאַנטן געשפּרעך מיטן כאַקאַן בולאַן.

— איז דאָס טאָקע אמת, אַז דער פּעגאַן באַרבאַל איז באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד, ווייל דו האָסט זיך אַנטקעגנגעשטעלט זיין עקשנות צו פאַרבלייבן ביים געצנדינסט? איך האָב געהאָט אַ שמועס מיטן פּעגאַן באַרבאַל עטלעכע טעג פאַר זיין אויסטרינקען דעם בעכער גיפט און ער האָט גערעדט מיט גרויס כעס און פאַרדראָס וועגן דיר, גרויסער כאַקאַן... — האָט דער פאָטער יאָהאַנעס אַ חנפע געטאָן דעם כוזרישן הערשער מיטן טיטול „גרויסער כאַקאַן"...

— עטוואָס אמת איז דערין פאַראַן — האָט דער כאַקאַן פאַרזיכטיק געענט־פערט דעם קריסטלעכן גייסטלעכן — ער איז געווען זייער אַ צוריקגעשטאַנענער מענטש... ער האָט פיינט געהאַט צו טראַכטן אַנדערש, ווי עס האָבן געטראַכט אונדזערע אור־עלטערן מיט טויזנטער יאָרן צוריק...

— עס איז טאָקע צו לויבן דיינע רייד, גרויסער כאַקאַן...—האָט פאָטער יאָ־האַנעס מיט אַ ווייך קול, וואָס האָט זיך ממש ווי געבוימלט, געזאָגט צו בו־לאַנען — פון דיינע ווערטער, אויב איך האָב נישט קיין טעות, פיל איך אַרויס, אַז דו ווילסט יאָ אַנדערש טראַכטן ווי עס האָבן געטראַכט דיינע עלטערן...

— יאָ, איך טראַכט אַביסל אַנדערש... — האָט דער כאַקאַן קורץ אָפּגע־שניטן.

אַ דינער איז אַריינגעקומען און אין דער פינצטער אַ פרעג געטאָן דעם כאַ־קאַן, צי ער זאָל אַריינברענגען ליכט...

— מען דאַרף נישט קיין ליכט... — האָט זיך ביים פאָטער יאָהאַנעס אַרויס־געכאַפּט, נאָך איידער דער כאַקאַן האָט געזאָגט זיין מיינונג, און דערפילנדיק

זיין נישט־טאַקטישקייט, האָט ער זיך באַלד פאַרראַכטן — אויב דער גרויסער כאַקאַן וויל, איז אדרבה!

— ניין, עס קאָן בלייבן אַזוי אין דער טונקלקייט... — האָט דער כאַקאַן באַפוילן דעם דינער און ער האָט אין דער פינצטער אַן איראָנישן שמייכל געטאָן.

— אויך מיר שטאַמען־אָפּ פון געצנדינער... — האָט דער גייסטלעכער ווײַ־טער געצויגן — אָבער גאָטס ליכט האָט זיך צו אונדז באַוויזן אַ סך פריִער ווי צו אייך... און מיר האָבן אָנגענומען דאָס קריסטנטום נאָך מיט אַן ערך דריי הונ־דערט יאָר צוריק.

— וועלכער גאָט?... — האָט דער כאַקאַן אַ פרעג געטאָן, טאַקע נאָר ווי אַ געצנדינער קאָן פרעגן.

דער פּאָטער יאָהאַנעס איז נישט געווען איבערראַשט. ער האָט אַ ווײַלע זיך באַטראַכט וואָס ווייטער צו זאָגן דעם „באַרבאַר"...

— גאָט איז דאָ בלויז איינער. דער, וואָס האָט באַשאַפן אַלץ אויף דער וועלט, די מענטשן, די חיות, די געוויקסן, הימל און ערד, די זון און לבנה און די שטערן...

— איז עס דער זעלבער גאָט, אין וועלכן עס גלייבן די ייִדן און די מאַכ־מעדאַנער?... — האָט דער כאַקאַן געפרעגט.

דער גייסטלעכער האָט זיך פאַרהוסט, נישט געענטפערט באַלד אויפן אָרט. עס האָט געדויערט אַ שפּאַרע ווײַלע, איידער מען האָט פון דער פינצטערניש אַרויס דערהערט זיין צעכריפּעטע שטים...

— זיכער איז עס דער זעלבער גאָט... איך האָב דאָך דיר באַלד געזאָגט: איין גאָט איז בלויז דאָ... זיין פּראַכט איז פול אין דעם רוים פון דער וועלט... סיי די יידן, סיי די מאַכמעדאַנער און סיי מיר, די קריסטן, גלייבן אין דעם זעלבן גאָט. אָבער אַלץ ענדערט זיך אין דער וועלט. פּונקט ווי פון אַ קליין ביימעלע וואַקסט אויס אַ גרויסער, ריזיקער בוים אַזוי איז אויך מיט דער אמונה... דאָס ייִדישע גלויבן איז צו אַלט... נישט מער צוגעפּאַסט פאַרן היינטיקן מענטש. אונ־דזער משיח, גאָטס זון, ישו הנוצרי, האָט זיך געשטעלט פאַר זיין ציל אויסצו־טייטשן גאָטס לערע און זי מאַכן אָננעמבאַר פאַר די געצנדינער, וועלכע זענען צוגעוווינט פון טויזנטער יאָרן צו לעבן הפקר... וואָרים אַזוי ווי די ייִדן האָבן אויפגענומען גאָטס תורה, איז זי צו שווער פאַר דעם באַרבאַרישן מענטש...

— זענען דאָך די מאַכמעדאַנער געקומען נאָך שפּעטער... — האָט דער כאַ־קאַן אַריינגעוואָרפן אַ געדאַנק, וואָס האָט דעם קריסט אָנגעפולט מיט שרעק און פּחד...

— אָבער זיי האָבן פאַלש אויסגעטייטשט... — האָט פּאָטער יאָהאַנעס גע־זוכט זיך אָנצוכאַפּן פאַר אַ שטרוי...

— פון וואַנען ווייס איך, אַז פאַלש?... — האָט דער כאַקאַן נישט אָפּ־געלאָזט.

— ווייל דער גאַנצער תנ״ך איז פול מיט פסוקים, וואָס ווייזן־אָן אויף אונ־דזער משיח ישו הנוצרי... אונדזער משיח שטאַמט־אָפּ פון הויז פון דוד, פון וועמען משיח דאַרף געבוירן ווערן... — האָט פּאָטער יאָהאַנעס געפּרעפּלט און עס האָט זיך אין זיין טאָן געפילט אַביסל כעס.

— איך האָב אַ פאָרשלאָג — האָט דער כאַקאַן פלוצלינג אויסגערופן.

דערביי האָט דער כאַקאַן אַ פּאַטש געטאָן אין ביידע הענט און אַ דינער איז אַריינגעקומען.

— ברענג אַריין צוויי בעקנס מיט בוימאייל און צינד אָן די קניי־טלעך!...

— האָט ער געגעבן אַ באַפעל...

ווען דער דינער האָט די פאַראָרדענונג פון כאַקאַן אויסגעפירט און עס איז אין זאַל אַביסל פאַרטריבן געוואָרן די הויערנדיקע פינצטערניש, האָט דער כאַקאַן זיך ממש דערשראָקן: פאַר אים איז געזעסן דער פּאָטער יאָהאַנעס אַ בלאַסער און די ליפּן האָבן ביי אים געציטערט פון צאָרן, וואָס ער האָט אין דער ליכטיקייט געזוכט אויסצובאַהאַלטן.

— וואָס פאַר אַ פאָרשלאָג?... — האָט דער גייסטלעכער געפרעגט, און אַ ציטער האָט אַרומגענומען זיין אויסגעדאַרט־אַסקעטיש פּנים.

— האָסט אַליין געזאָגט, אַז גאָט איז דער זעלבער וואָס ביי די ייִדן, מאַכ־מעדאַנער און קריסטן... איך ווייס דעריבער נישט, וועלכע אמונה איז ליבער ביי גאָט, אפשר דיינע, אפשר דעם מאַכמעדאַנערס אָדער אפשר גאָר דעם ייִדס!...

— טאָ וואָס־זשע ווילסטו טאָן... גרויסער כאַקאַן?... — האָט פּאָטער יאָ־האַנעס געשטאַמלט מיט די דינע ליפּן.

— איך וויל צונויפרופן די פאָרשטייער פון די דאָזיקע דריי אמונות און יעדער פון די פאָרשטייער דאַרף פּרווון מיך איבערצייגן אין דער בעסערקייט פון זיין גלויבן; און די אמונה, וואָס וועט בעסער רעדן צו מיין האַרץ און נשמה, די וועל איך און מיין פאָלק אָננעמען...

— זאָל זיין ווי דיינע רייד!... — האָט דער קריסטלעכער גלח מסכים גע־ווען, אָבער ער איז ווייט נישט געווען אַזוי האַפּערדיק, ווי ווען ר׳איז אַריינגעקו־מען צום כאַקאַן...

קאַפּיטל אַכט

דער גרויסער וויכוח

ווען דער פּאָטער יאָהאַנעס האָט אין דער שפּעטער נאַכט פאַרלאָזט דעם כאַקאַנס פּאַלאַץ, האָט בולאַן מיט אַן איראָנישן שמייכל זיך אויפגעשטעלט און פאַרמאַכט הינטער אים די טיר. ער האָט אָנגעהויבן אַרומשפּרייזן איבערן גרויסן זאַל הין־און־צוריק און איבערגעטראַכט די אַלע רייד, וואָס זענען דאָ דורכן קריסט־לעכן פּאָרשטייער גערעדט געוואָרן. ער האָט בפירוש אַרויסגעפילט, אַז פון דעם גייסטלעכנס מויל האָט גערעדט דער קייסער לעאָ פון ביזאַנץ, וועלכער האָט מיט אַלע כוחות געוואָלט אַריבערקריגן דעם מעכטיקסטן הערשער ביים שוואַרצן ים און ביים ים פון די כוזרים אויף זיין זייט. ווען דאָס וואָלט געשען, האָט דער קייסער פון ביזאַנץ געהאַט גאָר ווייט־גייענדיקע פּלענער.

ערשטנס, וואָלט ער אין משך פון אַ גאָר קורצער צייט באַקומען, מיטן כוח פון דער קירכע, די גאַנצע ממשלה אין זיין האַנט. ער וואָלט דעם כאַקאַן אַראָפּ־געזעצט אָדער אים גאָר געלאָזט דערמאָרדן און ער וואָלט געוואָרן דער הערשער איבער אַ ריזיק שטיק לאַנד, וואָס וואָלט ביזאַנץ געבראַכט אין שכנות מיט די סלאַווישע שבטים... אָט די דאָזיקע סלאַווישע שבטים זענען פאַר ביזאַנץ געווען אַ געשמאַקער ביסן און עטלעכע פּרוּוון זענען שוין געהאַט געמאַכט געוואָרן אַרי־בערצוציִען זיי אויף זייער זייט און מאַכן זיי פאַר קריסטן פון דעם ביזאַנטישן חדר... די ווילדע סלאַוון האָבן זיך אָבער נישט געלאָזט אַזוי לייכט צוימען, און זיי זענען געבליבן ביי זייער געצנדינסט.

דער כאַקאַן בולאַן האָט געוווּסט וועגן די ביזאַנטישע פּלענער פון זיינע שפּיאָנען, וואָס ער האָט געהאַט זיצן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל גופא. דעריבער האָט ער אַזוי איראָניש געשמייכלט נאָכן אַוועקגיין פון פּאָטער יאָהאַנעס.

— הייסט עס, אַז עס גייט אים נישט אַזוי שטאַרק אין אַריבערגעווינען מיך פאַר דער קריסטלעכער קירך און צוקריגן נאָך גלייביקע אין זייער משיח, ישו הנוצרי, ווי ער האָט געוואָלט מאַכן דעם אָנשטעל, נאָר גאָר פּשוט: אַריינציִען מיך אין דעם שטח פון זיין אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק... — האָט בולאַן צו זיך אַליין גערעדט און קלאָר געמאַכט די צילן פון דעם גייסטלעכנס באַזוך ביי אים אין פּאַלאַץ.

די אַראַבער האָבן מער אויפריכטיקער געמיינט מיט זייער ווען באַאייַנ־

פלוסן דעם כאַקאַן. זיי האָבן טאַקע גאַנץ איינפאַך געוואָלט דאָס כוזרישע פאָלק
אַרונטערנעמען אונטער די הייליקע פליגל פון נביא מאַכמעד. ער האָט דעריבער
צו זיי נישט געפילט אַזאַ ווידערווילן ווי צו די אָפּנאַרערישע קריסטן.

„זיי האָבן אַפילו מיין ווייב אַריינגענאַרט אין קירכע...״ — האָט ער גע־
כעסט זיך איצט אין דער שפּעטער נאַכט אויף זיין געלעגער — „זיי האָבן גע־
מיינט, אַז דורך איר פאַרמיטלונג וועט עס זיי לייכטער אָנקומען״...

ער איז איינגעשלאָפן מיט אַ רויִקן שלאָף. ער האָט געהאַט ביי זיך באַשלאָסן
גאָר בקרוב צונויפצורופן אין פּאַלאַץ זיינעם די פאָרשטייער פון די דריי אמונות,
וועלכע זאָלן עפנטלעך, אין דער אָנוועזנהייט פון פאָלק, אַרויסזאָגן זיך וועגן די
עיקרים פון זייערע גלויבנס. זאָלן אַלע געצנדינער מיט זייערע אייגענע מוחות
באַנעמען דעם אמת, און זאָלן זיי שפּעטער נישט זאָגן דאָס, וואָס דער אומגעקו־
מענער פעגאַן באַרבאַל האָט אַריינגעוואָרפן ווי אַ פונק אין אַ פאַס פון שנאה:
אַז דער כאַקאַן וויל פאַרראַטן די אמונה פון זייערע אבות...

אינמיטן דער נאַכט האָט זיך אָבער דער כאַקאַן אויפגעכאַפּט אַ דערשראָ־
קענער, ער איז געווען אינגאַנצן אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס... ער האָט אַרי־
בערגערופן צום בעט, אין וועלכן עס איז געשלאָפן די קעניגין סידהאַרטע, אָבער
פון דאָרט איז קיין ענטפער נישט געקומען. ער האָט זיך אויפגעזעצט און אַרויס־
געקוקט דורך דעם ריזיק־גרויסן פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צום ים. עס
איז געווען אַ פראַכטפולע לבנה־נאַכט. עס איז געווען אַזוי ליכטיק ווי ביי טאָג.
דער ים האָט זיך געזילבערט און געלויכטן ווי מיט דימענטיקע שיפן. ער איז צו־
געגאַנגען צום פענצטער און זיך אַרויסגעבויגן. אַ קיל ווינטל האָט אים אַרומ־
גענומען און געלאַשטשעט דאָס צעהיצטע פּנים. ער האָט זיך נאָכאַמאָל געפּרוווט
דערמאָנען דעם אויסטערלישן חלום, וואָס ער האָט געהאַט היינט ביינאַכט.

און ווען ער האָט זיך דערמאָנט, האָט די הויט אויף אים אָנגעהויבן צו
שוידערן און צו רינצלען זיך. ער האָט לעבעדיק פאַר זיינע אויגן ווידעראַמאָל
געזען דאָס זעלביקע בילד: אַ פייערדיקער מלאך איז געקומען אַראָפּצופליִען פון
הימל. ער איז געריטן אויף אַ פלאַמיקן פערד מיט פליגל און ער האָט געהאַלטן אַ
גאָלד־גליאיקע רוט אין דער האַנט. דער מלאך האָט זיך דערנענטערט צו אים אויף
זיין פערד און געזאָגט צו אים: „בולאַן, גוט איז דיין כוונה, אָבער דיינע מעשים
זענען שלעכט!...״ און ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן...

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, כדי צו זען ווו דער מלאך איז אַהינגעקו־
מען, אָבער ער האָט קיין שפּור נישט געפונען נאָך אים. אַלץ אַרום איז געווען
פינצטער, תוהו ובוהו, ווי איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן.

ווען ער איז איצט אַזוי געשטאַנען ביים פענצטער און באַוווּנדערט די ליכ־
טיקייט פון דער לבנה־נאַכט, האָט זיך אים אויסגעדאַכט צו פאַרנעמען די זעל־

ביקע ווערטער: „בולאַן, גוט איז דיין כוונה, אָבער דיינע מעשים זענען שלעכט!...״

— פאַרוואָס טו איך שלעכטע מעשים?... — האָט זיך דער כאַקאַן אַליין געפרעגט.

און ער האָט קיין ענטפער נישט באַקומען. ער האָט זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן. עס איז געווען שטיל אַרום ווי פאַר ששת ימי בראשית. קיין לעבעדיק נפש איז נישט געווען אַרום, אַפילו קיין פישטש פון אַ פויגל איז נישט געווען צו הערן.

— אפשר חלום איך נאָך?... — האָט זיך בולאַן געפרעגט.

ער האָט אָנגערירט זיין לייב, אַ קוק געטאָן צום בעט, ווו עס האָט רעגלמע־סיק געאָטעמט זיין קעניגין. אינדרויסן האָט דער ים געבלישטשעט קעגן דער לבנה און די שטילע כוואַליעס האָבן רויִק געוואַשן דעם ברעג. דאָס זאַמד איז געלעגן גלאַטיק און געהאַט איבער זיך אַ בלוי־גרינלעכע פאַרב, געמישט מיט זילבער.

— ניין, עס איז נישט קיין חלום. עס איז דער וואָרער אמת...

און ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן זיינע „שלעכטע מעשים״...

„אפשר טו איך שלעכט, וואָס איך הער מיך נאָך צו צו די רייד פון קריסטן און מאַכמעדאַנער?... און אפשר טו איך שלעכט, וואָס איך גיי נאָך יעדן טאָג אין טעמפל פון גאָט סידהאַרטע און רויכער צו אים ווייררויך און ברענג צו אים קרבנות?... אָבער ווי קאָן איך דען אַנדערש טאָן?... דאָס אומוויסנדיקע פאָלק וואָלט דאָך מיך פאַרשטיינט, ווען איך טרעט מיטאַמאָל אַרויס קעגן געצנדינסט, צו וועמען די כוזרים דינען שוין זינט פיל הונדערטער, אויב נישט טויזנטער יאָרן...״

און ער האָט אָנגענומען אַ באַשלוס:

— מאָרגן וועל איך שיקן רופן דעם קלוגן רבין, ר׳ יצחק סאַנגורי, און ער וועט מיר געבן אַ ריכטיקן ענטפער. עס האָט שוין זייערס אַן עלטער־זיידע פותר־חלום געווען צו אַ קעניג... דאָס איז געווען יוסף דער זון פון זייער פאָטער יעקב, וועלכער האָט פותר־חלום געווען צו פרעה מלך מצרים און ער האָט דערמיט גע־ראַטעוועט זיין לאַנד פון הונגער...

ביי דעם געדאַנק האָט זיך זיין פנים אויסגעלייטערט און אַ רויִקייט איז אי־בער אים געקומען. ער האָט זיך צוריק אַריינגעלייגט אין בעט און נאָך אַ ווילע געשפּונען זיינע געדאַנקען, ביז ענדלעך איז אים דער שלאָף בייגעקומען און ער איז פאַרזונקען אין אַ טיפן פינצטערן תהום...

**
*

אָן אויפרודער איז געקומען אין דער שטאָט באַלאַנגאַר און אין די שכנות־דיקע שטעט ביים ברעג פון כוזרישן ים. אַלע האָבן זיך מיט נייגער צוגעהערט צום רוף פון דעם אָפיציעלן ממונה פון כאַקאַנס הויף אויף צונויפצורופן דאָס פאָלק, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין...

דער הויף־באַאַמטער, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ קליין שיטער בערדל, און אַ קוויטשיק קולכל, איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון דער הויפטשטאָט באַלאַנגאַר און געזעצט אין אַ ריזיקער פויק, וואָס ער האָט פאַר זיך געטראָגן. דער עולם האָט זיך געזאַמלט אַרום אים, ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן ערגעץ און אָפּגעשטעלט זיך, כדי איבערצוגעבן דעם לעצטן רוף פון כאַקאַן בולאַן.

— איינוווינער פון כוזרים־לאַנד!... — האָט ער געשריגן אויף זיין קוויטשיקן קול — הערט־אויס און פאַרנעמט די רייד פון אונדזער הערשער, דעם גרויסן כאַקאַן בולאַן!... אַ ווונדערלעכן חלום האָט אונדזער הערשער געהאַט לעצטע נאַכט, און אַ שטים פון גאָט האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ער זאָל צונויפרופן אַלע זיינע אונטערטאַנען אין דעם ריזיקסטן זאַל פון זיין פּאַלאַץ, כדי זיי זאָלן אויסהערן אַ גאָר גרויסע און וויכטיקע בשורה...

דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן דרענגען אַרום דעם פויקער און אים געפּרוווט שטעלן פאַרשידענע קשיות און פראַגן, אָבער דער באַאַמטער פון קעניגלעכן הויף האָט געהאַט דערויף איין ענטפער: „אָט דאָס, וואָס איר האָט געהערט, דאָס איז אַלץ וואָס איך ווייס. דאָס איבעריקע וועט איר שוין געוווירווערן מאָרגן אין דעם גרעסטן זאַל פון כאַקאַנס פּאַלאַץ, ווּהין עס זענען אויך פאַרבעטן געוואָרן די פאַרשטייער פון אַלע דריי אמונות: דער פּאַטער יאָהאַנעס, פון דער ביזאַנטישער קירך; דער מופטי סולימאַן, פון דעם מוסולמענישן מעטשעט און ר׳ יצחק סאַנגורי, דער רבי פון דער יידישער קהילה...”

דער המון איז געבליבן שטיין פאַרגאַפט און נישט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס צו דענקען וועגן דעם.

טייל האָבן די זאַך פאַרבונדן מיטן טויט פון פּעגאַן באַרבאַל, וועלכער האָט אויסגעטרונקען דעם בעכער גיפט, און דאָס איז געקומען קורץ נאָכדעם, ווי ער האָט געליטן אַ דורכפאַל אין טעמפּל בעת אַ וויכוח מיטן כאַקאַן בולאַן...

טייל האָבן געזאָגט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ נייער מלחמה מיט די אַראַבער, וועלכע קאָנען זיך נישט שענקען די מפּלה, וואָס זיי האָבן אַריינגעכאַפּט מצד דעם קרוינפּרינץ קאַזאַר און דעם יידישן קריגספירער עמרם...

— מען וועט אונדז איינטיילן יעדן איינעם צו קרוג רייז־ווין און שמעקעדיקע געמורמלט אין דער שטיל...

— דאָס האָט גאָר צו טאָן מיט דער חתונה פון פּרינץ קאַזאַר מיטן יידישן מיידל, די טאָכטער פון רבי יצחק סאַנגורי!... — האָבן אַנדערע געפּרוווט טרעפן

— מען וועט אונדז איינטיילן יעדן איינעם צו קרוגן רייז־ווײַן און שמעקעדיקע געבעקס...

יעדנפאַלס האָט זיך געקאָכט אין דער שטאָט און מען האָט גערעדט אין די גאַסן, מען האָט זיך געאַמפּערט אין די שטובן און מתווכח געווען אין טעמפּל פון דעם גאָט סידהאַרטע...

די פאַרשידענע שליחים פון די פרעמדע לענדער זענען אַרומגעגאַנגען און זיך געסודעט: אַוודאי אַ פרישער אָנפאַל אויף עמיצנס לאַנד, מען מוז שוין וועגן דעם צו וויסן טאָן דעם קייסער לעאָ אין ביזאַנץ!...

— מען דאַרף אַוועקשיקן אַ ספּעציעלן שליח קיין פּערסיע... — האָט געזאָגט דער פּערסישער שליח, וועלכער איז געווען נידערגעשלאָגן צוליב דער אַנומלטיקער מפּלה, וואָס זיין לאַנד האָט געליטן.

אומרויִק איז געווען דער פאָטער יאָהאַנעס; האָפערדיק איז געווען דער מופטי סולימאַן... ער איז געווען מער ווי זיכער, אַז דאָס האָט צו טאָן מיט דעם געשפּרעך, וואָס ער האָט אַנומלט געהאַט מיטן כאַקאַן בולאַן, און יענער איז געווען זייער צוגעלאָזן צו אים...

ווען דער כאַקאַן האָט זיך דערינערט וועגן באַזוך פון מופטי סולימאַן ביי אים אין פּאַלאַץ, האָט ער נישט געקאָנט באַהאַלטן דעם שמייכל, וואָס האָט זיך אַ גליטש געטאָן איבער זיין קיילעכדיקן פּנים...

דאָס איז געווען אין אַ פריִען מאָרגן, ווען דער כאַקאַן איז נאָך געלעגן אין בעט און קוים זיך געהאַט אָפּגעשאָקלט פון זיינע קאָשמאַרנע חלומות, האָט מען אים אָנגעמאָלדן, אַז דער מופטי סולימאַן פון דער מוסולמענישער עדה אין באַלאַנגאַר וויל אים זען.

„וואָס עפּעס אַזוי פרי?...״ — האָט דער כאַקאַן בולאַן געטראַכט, אָבער ער האָט אים פונדעסטוועגן געהייסן אַריינשיקן.

— סאַלום אַלעיקום!... — האָט דער מוסולמענישער גייסטלעכער אויסגעשריגן, צולייגנדיק זיין האַנט צום האַרץ, דערנאָך צום שטערן און ווידעראַממאָל צום האַרץ — איך בין געקומען דיך באַגריסן צו דיין נצחון איבער דעם פּעגאַן באַרבאַל. מיט זיין טויט איז אַוועק אַ שטיק פינצטערניש אין דיין לאַנד, און דיין ליכטיקער חסד וועט נאָך מער באַשיינען דאָס מעכטיקע פאָלק פון די כוזרים...

אַזוי זענען אַוועק אַ שיינע פּאָר מינוט אויף די חניפהדיקע ווונטשן און באַגריסונגען, בייגן זיך און בוקן זיך ביז דער ערד מצד דעם מוסולמענער. ווען ער האָט שוין ענדלעך געהאַט פאַרענדיקט דעם צערעמאָניאַל, איז ער געבליבן שטיין ווי עפּעס אַן אַרויסגעשטעלטער נאַר און געקוקט אַרום זיך מיט זיינע כיטרע אויגן און געוואַרט, אַז דער כאַקאַן זאָל אים נענטער פאַרבעטן צו זיך און פאַרלייגן אַ שטול צום זעצן. אָבער ווען דאָס האָט געדויערט עטלעכע רגעס מער ווי ער האָט

דערוואָרט, האָט דער מופטי זיך דערפילט אומבאַקוועם און האָט אַ פאַרשעמ־טער אַ הוסט געטאָן.

— אַ, יאָ... — האָט דער כאַקאַן אויסגערופן — וואָס האָט דיך, הייליקער מאַן, געבראַכט אַזוי פרי צו מיר?...

דעם מופטי איז געפעלן געוואָרן, וואָס דער כאַקאַן רופט אים אָן „היילי־קער מאַן", כאָטש אַליין איז ער אַ געצנדינער, און ער איז געוואָרן אַביסל האָ־פערדיקער ביי זיך און ווי אַ שטראַל וואָלט איבער זיין פנים אַדורכגעשוועבט, האָט ער זיך באַרויִקט און צוגעטרעטן צום ענין.

— המ... איך האָב געהערט וועגן דעם שטרייט, וואָס איז אין אייער טעמפל פאָרגעקומען צווישן דיר און דעם פעגאַן באַרבאַל — האָט דער מופטי סולימאַן ענדלעך אַרויסגעשטאַמלט — מיר האָבן דערפון געדרונגען, אַז דער חסד פון גאָט האָט געטאָן אַראָפּנידערן אויף דיר, גרויסער כאַקאַן, און געעפנט דיינע אויגן אויף דער נישטיקייט פון געצנדינסט. דאָס האָט אונדזער עדה פון פרומע מו־סולמענער גרויס הנאה פאַרשאַפט און מיר האָבן איינגעזען, אַז דיין דעה איז כמעט פונקט ווי אונדזער דעה... דו גלייבסט אין אַ העכערער געטלעכער קראַפט, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט, דעם מענטש און די חיות און געוויקסן; עס איז דיר בלויז אפשר אומבאַקאַנט די געטלעכע שליחות פון אונדזער נביא מאַכמעד, וואָס איז געקומען אויף אונדזער זינדיקער וועלט, כדי זי אויסצולייזן פון שלעכטס, זינד און אומגליק. ער איז דער איינציקער, וועלכער האָט געוווסט ווי אויסצו־טייטשן די תורה, וואָס איז געגעבן געוואָרן צו משהן אויפן באַרג סיני. אָט די אַלע אויסטייטשונגען געפינען זיך אין דעם הייליקסטן פון אַלע ביכער, אין קאָ־ראַן, וואָס איז געשריבן אויף אַראַביש, די הייליקע שפּראַך פון די גלייביקע מו־סולמענער. מן־הסתם איז דיר באַקאַנט, און אויב עס איז דיר נישט באַקאַנט, האָב איך דעם גרויסן כבוד דיר דאָ אויפן אָרט קלאָר צו מאַכן, אַז די אַלע, וועלכע גייען אין די וועגן פון אייביקן גאָט און זיין נביא מאַכמעד, וועלן זוכה זיין צו קומען אויף יענער וועלט גלייך אין גן־עדן, וווּ עס וועלן נישט פעלן קיין גוטע שפּייז און טייערע וויינען און דער עיקר — אַ סך שיינע פרויען...

ביי די לעצטע ווערטער האָט דער מופטי סולימאַן אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט זיין לענגלעך פנים מיט דער שפּיציקער ווייסלעכער באָרד און באַלעקט זיך מיט דער צונג, ווי ער וואָלט שוין איצט הנאה געהאַט דערפון, וואָס ער וועט אויף יענער וועלט האָבן אַ סך שיינע פרויען...

דער כאַקאַן בולאַן האָט אים מיט קיין וואָרט נישט איבערגעריסן, נאָר גע־לאָזט אַנגיין מיט זיין לאַנגער רעדע וועגן מאַכמעדן און זיין הייליקן קאָראַן. ער האָט אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין און עס האָט זיך דעם מופטי אויס־געוויזן, ווי דער כאַקאַן שלינגט זיינע ווערטער, ווי אַ דורשטיקער אין דער הייסער

מדבר שלינגט אַ קילן טרונק וואַסער. ער איז דערפאַר געווען זייער שטאַרק צו־פרידן, עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט שוין דעם כוזרי געווונען אויף זיין זייט און ער האָט צו פאַרצייכענען אַ גרויסן נצחון פאַר אַללאַ און זיין נביא מאַכמעד. ער האָט דעריבער מיט נאָך מער אייפער פאָרגעזעצט:

— גרויסער און איידעלער כאַקאַן!... איך בין גליקלעך, וואָס איך לעב אונ־טער דער שוץ פון דיין גרויסן חסד אין דעם מעכטיקן לאַנד פון דעם כוזרים־פאָלק. איך וועל נאָך היינט אַוועקגיין אין אונדזער מעטשעט און מתפלל זיין פאַר דיין געזונט און פאַרן געזונט פון דיין זון, דעם יורש עצר, דעם פרינץ קאַזאַר און פאַרן געזונט פון דיין ליבנסווירדיקער פרוי, דער קעניגין סידהאַרטע, וואָס וועט זיכער אין די נאָענטסטע טעג פאַרבייטן איר נאָמען אויף איינעם פון אונ־דזערע הייליקע, ווייל סידהאַרטע דערמאָנט דעם געץ פון דער זון סידהאַרטע, אין וועלכן דו גלייבסט נישט מער...

דער כאַקאַן האָט אים אויף דעם פלאַץ איבערגעריסן:

— דו טאָרסט נאָך דערווייל נישט לעסטערן מיין גאָט, ווייל איך האָב אים נאָך נישט פאַרלאָזן... אמת, איך בין זינט אַ לאַנגער צייט שוין פאַרזונקען אין מחשבות און איך טראַכט וועגן דעם מהות פון דער וועלט־באַשאַפונג. מיינע רעיונות זענען פול און איינציק אָפגעגעבן בלויז צו דער גרויסער קראַפט, וואָס פירט אָן מיט דער וועלט. איך ווייס נאָך נישט לעת־עתה, וועלכע פון די דריי רעליגיעס, וועמעס גלייביקע עס באַוווינען מיין לאַנד, איך זאָל אָננעמען. דער־ווייל דין איך נאָך צום גאָט פון מיינע אָבות און נאָך היינט וועל איך ברענגען אַ קרבן צו אים און פרעגן ביים הימל, וווהין איך זאָל זיך ווענדן, ווייל אַן אויס־טערלישן חלום האָב איך געזען און ס'האָט מיר געזאָגט אַ געטלעכע שטים, אַז מיין כוונה איז גוט, אָבער מיינע מעשים זענען שלעכט...

די אויגן ביים מוסולמענישן גייסטלעכן האָבן אויפגעלויכטן און ער האָט זיך אָנגערופן:

— חלילה פון מיר צו לעסטערן דעם גאָט, אין וועמענס גלויבן דו ביסט אויפגעצויגן און צוגעוווינט געוואָרן, אָבער וועסט מיר דערלויבן צו זאָגן נאָך איין וואָרט און איך וועל אַוועקגיין. איך וועל דיך איבערלאָזן, כדי זאָלסט ביחידות אַריינטראַכטן אין מיינע רייד און זען, אַז די גערעכטיקייט איז בלויז ביי מיר. דאָס הייסט, אין מיין גלויבן אין איסלאַם. אָט וואָס איך וויל דיר זאָגן: דיין חלום איז דיר געוויזן געוואָרן דורך אונדזער הייליקן נביא מאַכמעד. ער האָט געזען דיין פיין, דיינע רוחניותדיקע יסורים און ליידן, וואָס דו גייסט אַדורך, און ער האָט זיך צו דיר באַוויזן און געוואָרנט: דיין כוונה איז אַ גוטע, ווייל דו ווילסט פאַרלאָזן דעם געצנדינסט... דיינע מעשים זענען שלעכט, ווייל דו זינקסט נאָך אַלץ אין דער זעלבער עבודה זרה און קאָנסט נישט צוקומען צום ריכטיקן

הייליקן קוואַל... וואָרט נישט לענגער, קום און שטעל דיך אונטער די פליגל פון איסלאַם און וועסט נאָכן טויט גלייך אָנקומען אין גן־עדן, וועסט האָבן פיל גוטע שפייז, די טייערסטע וויינען און אַ סך, אַ סך שיינע פרויען...

בולאַן האָט זיך מער נישט געקאָנט צוריקהאַלטן און אַ שמייכל געטאָן. אין דעם דאָזיקן שמייכל איז געלעגן אַזוי פיל ווידערווילן, אָפּלאַכערישקייט און איראָניע, אַז דער מוסולמענער האָט עס דערפילט, און ער איז בלאַס געוואָרן.

אַ ווײַלע איז ער געבליבן זיצן ווי געליימט אויף דער שטול, וואָס איז געשטאַנען לעבן כאַקאַן בולאַן. פון זיין האַלדז האָט קיין שום טאָן זיך נישט געקאָנט אַרויסרייסן. אַלץ איז ווי פאַרשטומט געוואָרן אין אים. ער האָט דעם כאַקאַן אָנגעקוקט מיט ברייט־געעפנטע אויגן, אין וועלכע עס האָט אַ פינקל געטאָן אַ פערלדיקע טרער. די ליפּן האָבן ביי אים געציטערט און אַ נערוועזער צוק האָט זיך ווי אַ בליץ אַ שלענגל געטאָן איבער זיין פּנים. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגעקוקט דעם כאַקאַן, ווי ער וואָלט נאָך געוואַרט אויף אַ טרייסטנדיק וואָרט, וואָס זאָל אים געבן האָפענונג, אַז אַלע זיינע רייד זענען נישט געוועזן אַרויסגעוואָרפן סתם אין דער לופט אַריין...

דער כאַקאַן האָט באַוויליקט און אים געזאָגט דאָס דאָזיקע וואָרט:

— איך האָב אויסגעהערט דיינע רייד, פונקט ווי איך האָב אויסגעהערט די רייד פון ביזאַנטישן גלח און פונקט ווי איך האָב פאַרנומען די רייד פון יידישן רבין, וועלכער „גלייבט אויך" אין תורת־משה... — דאָס וואָרט „גלייבט אויך" אונטערשטרייכנדיק מיט איראָניע — און איך האָב באַשלאָסן צו רופן אין קורצן אַ פאַרזאַמלונג פון פאָלק. אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג וועל איך פאַרבעטן די פאַרשטייער פון די אַלע דריי אמונות און איך וועל אייך אַלעמען לאָזן רעדן, און וואָס ס׳וועט ווילגעפעלן ווערן מיין פאָלק, מיינע ראַטגעבער און מיר אַליין — די דאָזיקע אמונה וועל איך און מיינע מיט־מענטשן אָננעמען...

— זאָל זיין ווי דו זאָגסט!... — האָט דער מופטי סולימאַן אויסגערופן און ווידעראַמאָל זיך אָנגעהויבן פאַרבייגן און בוקן, צולייגנדיק די האַנט צום האַרץ, צום שטערן און ווידעראַמאָל צום האַרץ און איז הינטערוויילעכטס אַרויסגעגאַנגען.

— אַ סך, אַ סך שיינע פרויען וועל איך האָבן אין גן־עדן... — האָט דער כאַקאַן איבערגעחזרט די רייד פון דעם מוסולמענער... — אויב דאָס איז אמונה, מיט וואָס שיידט זי זיך אונטער פון מיין געצנדינסט?...

און טאַקע אין אָט דעם זעלבן טאָג האָט דער כאַקאַן געגעבן די פאַראָרדענונג צום באַאַמטן פון זיין הויף, ער זאָל אַרויסגיין איבער דער שטאָט מיט פויק און טאַץ און געבן צו וויסן, אַז עס ווערט גערופן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון גאַנצן פאָלק. וויפל מענטשן עס וועלן נאָר קאָנען אַריין אין פּאַלאַץ, אַזוי פיל זאָל מען אַריינלאָזן. די פאַרזאַמלונג דאַרף זיין אָפן פאַרן גאַנצן פאָלק, מיר זענען פרייע

און ערלעכע מענטשן, מיר האָבן פאַר קיינעם נישט קיין מורא און מיר דאַרפן זיך נישט באַהאַלטן מיט אונדזערע מחשבות, ווייל גאָט ווייסט אַלע מענטשלעכע געדאַנקען...

אַט דעם לעצטן רעיון האָט ער נאָכגעזאָגט, וואָס ר׳ יצחק סאַנגורי האָט אים אַנומלט אין אַ געהיימען געשפרעך ציטירט אַ פסוק פון תהילים: „ה׳ יודע מחשבות אדם״... גאָט ווייסט דעם מענטשנס געדאַנקען...

נאָך דעם דאָזיקן באַשלוס איז דעם כאַקאַן בולאַן לייכטער געוואָרן אויפן געמיט. ער האָט געפילט, ווי אַ גרויסער עול איז אים אַראָפּ פון זיינע פּלייצעס. אַן עול, וואָס האָט געהויערט אויף אים זינט די יינגסטע יאָרן זיינע און ער האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן דערמיט...

ער איז אַרויס אינדרויסן, דערנענטערט זיך צום ברעג פון ים, וואָס איז איצט געלעגן אַזוי שטיל און פּאַרקלערט, גלייך ווי דאָס וואַסער וואָלט אויך אָנטייל גענומען אין זיינע טראַכטונגען... קיין מינדסט ווינטל האָט נישט געבלאָזן, ווי די וועלט וואָלט דעם אָטעם איינגעהאַלטן פאַר דער גרויסער געשעעניש, וואָס עס גייט פּאַסירן אין זיין לאַנד.

— וועלן מיר מיינע אבות מוחל זיין?... האָט ער געפרעגט ביי זיך אַליין, דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צום ים פון די כוזרים, ווי דער ים וואָלט געוווּסט דעם באַשייד פאַר זיינע מאַטערנישן...

„זיי וועלן מוחל זיין, זיי וועלן מוחל זיין... ווייל אין מיר ריזלט דאָס בלוט פון אַלע אָבות, זינט דער כוזרישער שבט איז אויף דער וועלט געקומען, און אויף מיר איז געפאַלן דער הייליקער חוב זיך צו באַפרייען פון דעם געצנדינסט, וואָס איז נישטיק און נאַריש...״

און ער איז געוואָרן אַזוי רויִק, ווי עס איז איצט רויִק דער ים, קיין ווינטל האָט נישט אַ בלאָז געטאָן, קיין בלעטל אויף אַ בוים האָט זיך נישט אַ באַוועג געגעבן, ווייל גאָר גרויסע זאַכן גייען געשען. ער האָט געפילט דאָס זעלבע, וואָס די יידן האָבן געפילט אין די שלשת ימי הגבלה, איידער זיי זענען געגאַנגען נע־מען די תורה אויפן באַרג סיני...

***

ענדלעך איז אָנגעקומען דער גרויסער טאָג. דאָס איז געווען אין ראש חודש אלול. די זון האָט נאָך גאַנץ שטאַרק געבאַקן, דער בלויער הימל איז אַזש ווייס געווען פון צעהיצטקייט און איבערן ים האָט זיך אויפגעהויבן אַ מילכיקער, מיט זילבער־שטראַלן דורכגעוועבטער נעפּל, וואָס איז מיט יעדער צוגעקומענער שעה פונאַנדערגעבלאָזן געוואָרן און ס׳איז געבליבן בלויז אַ הייסע בלוי־דורכזיכטיקע לופט.

פון אַלע זייטן האָבן זיך געצויגן מענטשן אין די הונדערטער אין דער ריכ־טונג פון כאַקאַנס פּאַלאַץ. אין די פאַרשידנפאַרביקסטע קליידער אָנגעטאָן זענען געגאַנגען מענער, פרויען און קינדער. אַלע האָבן גערעדט און אויסגעטייטשט די אויסערגעוויינלעכע געשעעניש: דער כאַקאַן רופט צוזאַמען די פאָרשטייער פון אַלע דריי אמונות, וועמענס גלייביקע עס וווינען אין דעם לאַנד פון די כוזרים. זיי וועלן פאַר אַלעמען אין די פּנימער, נישט פאַרהוילן פון עמיצנס אויגן, רעדן וועגן זייער גלויבן, וועגן גאָט, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט. די מענטשן אַליין, אויב זיי וועלן פאַרלאַנגען, וועלן זיי קאָנען שטעלן פאַרשידענע שאלות און זיי וועלן קריגן אַן ענטפער. אפילו דער כאַקאַן אַליין וועט אָנטיילנעמען אין דעם גרויסן וויכוח, אויך זיינע ראַטגעבער וועלן זייער וואָרט קאָנען זאָגן, און דעמאָלט קאָן מען דערוואַרטן גאָר גרויסע געשעענישן.

אַ מיסטעריעזער סוד איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף אַלעמענס פּנימער. די אויגן האָבן בלינד געבלאַנדזשעט אין דער לופט און געזוכט אַ פאַרענטפערונג פאַר דער פּלוצלינגער פאַרזאַמלונג, וואָס דער כאַקאַן האָט איינגערופן. פאַרגאַפּ־טע און נישט קאָנענדיק זיך איינע די אַנדערע געבן קיין גענוגנדיקן ענטפער, זע־נען אויך אַרומגעגאַנגען די פרעמדע שליחים פון די פאַרשידענע פעלקער, וואָס פלעגן זיך שטענדיק געפינען אין דער כוזרישער הויפּטשטאָט באַלאַנגאַר. עס האָט געציטערט אויף זיי די הויט. וואָרים ווער ווייסט, וואָס עס ליגט הינטער דעם כאַקאַן בולאַנס מחשבות...

זענען זיי געקומען צוזאַמען מיטן איבעריקן עולם און באַזעצט זיך אין דעם ריזיקן ווייס־מאַרמאָרנעם זאַל פון דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ. הויך דאַרף מען פאַר־רייסן דעם קאָפּ, כדי צו דערזען דאָס בלויע געוועלב מיט פיל גאָלדענע שטערן באַזייט. גאַפן זיי טאַקע און באַוווּנדערן די רייכקייט פון כוזרישן הערשער און קריגן גרויס דרך־ארץ, וואָס איז געמישט מיט מורא.

דער זאַל איז אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן. עס זשומעט ווי אין אַ בינשטאָק, און דאָס זשומען צעטראָגט זיך איבערן ריזיקן חלל ביז אַרויף צום בלויען גע־וועלב און שאַלט־אָפּ מיט אַ קלינגענדיקן עכאָ אין די אויערן. אַלע שעפּטשען שטיל, אַלע מורמלען עפּעס מיט די ליפּן, מען וויל זיך איינשטילן, אָבער דאָס געררויש וואַקסט פון זיך אַליין און מען קאָן עס נישט איינשטילן...

אויבנאָן, לעבן דעם ריזיקן אָפענעם פענצטער, שטייט דעם כאַקאַנס טראָן־שטול, באַדעקט פון אויבן ווי מיט אַ חופּה פון רויטן זייד און מיט גאָלדענע פראַנדזן. זי איז נאָך ליידיק, בלויז ביי ביידע זייטן שטייען צוויי לייב־וועכטער, אָנגעטאָן אין רויטע קליידער, דורכגעוועבט מיט גאָלדענע פעדים, זיי האַלטן לאַנ־גע בלאַנקע שווערדן אין די הענט און זייערע פּנימער זענען ערנסט, ווי די סטאַ־טועס, גיבן זיי זיך נישט קיין באַוועג, נישט אויף רעכטס און נישט אויף לינקס.

די וואָס זיצן נאָענט, באַמערקן בלויז, ווי זייערע אויגן גיבן פון צייט־צו־צייט אַ פינטל.

מיטאַמאָל ווערט שטיל ווי אין אַן אויער. קיינער גיט נישט קיין באַפעל, קיינער פאַראָרדנט נישט, אָבער דאָס שווייגן טרעט אַריין פון זיך אַליין. מען קוקט זיך אום, צו זען וואָס עס איז געשען.

איינער נאָכן אַנדערן שפּרייזן אַריין די פאָרשטייער פון די דריי אמונות, וועמענס גלייביקע עס באַוווינען דאָס לאַנד פון די כוזרים. פּאַרויס, מיט גיכע און חוצפּהדיקע טריט, גייט דער פאָרשטייער פון דער ביזאַנטישער אמונה, דער קריסטלעכער גלח, פּאַטער יאָהאַנעס. ער איז אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן גלחים־מאַנטל, מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ, די אויגן בלויע, פאַרטראַכטע, קוקן פאָרויס. ער גייט גלייך צו זיין פּלאַץ, וואָס געפינט זיך רעכטס פון דער כאַקאַנס טראָן־שטול.

הינטער אים גייט מיט פּאַמעלעכע טריט, ווי ער וואָלט זיי געציילט, דער מופטי סולימאַן פון דער מוסולמענישער עדה אין באַלאַנגאַר. אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ לענגלעך פּנים און מיט אַ שפּיציקער ווייסער באָרד, וואָס הענגט אים אַראָפּ ווי אַ שיטערער לולב. די אויגן קוקן מיט אַ כיטרען בליק, ווי ער וואָלט געוואָלט אַלעמען אָפּנאַרן, אויב זיי וועלן זיך נאָר לאָזן...

דער לעצטער איז דער רבי, ר׳ יצחק סאַנגורי. ער איז אָנגעטאָן אין אַ ווייס־זיידענער אַבאַיע, מיט אַ בלוי־גרינעם טורבאַן אויפן קאָפּ. דאָס פּנים איז ביי אים רויט, גלייך ער וואָלט נאָר־וואָס פון אַ הייסער מקווה אַרויסגעקומען. דאָס קליינע בערדל שוין גרוי, די אויגן שוואַרץ און טיף. ער גייט מיט פּאַמעלעכע טריט, ווי ער וואָלט עפּעס נאָכגעטראַכט. ער גייט־צו צו זיין שטול, וואָס אַ וועכ־טער ווייזט אים אָן, זי געפינט זיך לינקס פון כאַקאַן.

ווען אַלע דריי פאָרשטייער פון די דריי אמונות האָבן שוין געהאַט פאַרנו־מען זייערע פּלעצער, האָט זיך באַוויזן אין דער אָפענער טיר דער כאַקאַן אַליין, אין דער באַגלייטונג פון זיין זון, דעם פּרינץ קאַזאַר, און לעבן קאַזאַרן, זיין פריינט עמרם, דער יידישער מיליטער־פירער, וואָס איז אַלעמען באַקאַנט געוועזן צוליב דעם גרויסן נצחון איבער די פּערסיער. דער עולם דערקענט אים און הייבט זיך טאַקע אויף פאַר זיין כבוד וועגן און פאַרן כבוד פון כאַקאַן מיטן פּרינץ קאַזאַר און מאַכן פאַרשידענע אויסרופן פון באַגריסונג...

דער כאַקאַן האָט געשפּרייזט מיט פעסטע טריט, דאָס קיילעכדיקע פּנים זיינס מיט די קליינע שוואַרצע אויגן איז געווען ערנסט און פאַרטראַכט. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט נישט אויף רעכטס און נישט אויף לינקס. מען האָט געזען, אַז ער טראָגט אויף זיך אַ שווערן עול, וואָס ער וואָלט שוין גערן געוואָלט האָבן איבערגעקומען און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך...

עס איז געווען אַזוי שטיל, אַז יעדער איינער האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון זיין שכנס האַרץ און דאָס אָטעמען פון זיינע נאָזלעכער. אין זאַל איז געווען האַלב־טונקל. ליכט איז בלויז אַריינגעקומען דורך דעם ריזיקן אָפענעם פענצטער, וואָס איז אַרויס צום ים־צו. ביי די זייטן פון די ווענט האָבן געפלאַקערט ריזיקע מנור־רות, אין וועלכע עס האָבן זיך געוויקעט אָנגעצונדענע וואָלענע קנייטלעך אין איילבירטן־בוימאייל. בלויע פלעמעלעך האָבן זיך געבויגן אויף אַלע זייטן און אַרויסגעגעבן פון זיך אַ שטיקעדיקן ריח. צוליב דעם איז די ליכט אין דעם גרויסן זאַל געווען אַ מיסטיש־בלוילעכע, און דאָס האָט געווירקט אויף דעם גרויסן פאַר־זאַמלטן עולם ווי איינשלעפּערנדיק...

פון צייט־צו־צייט האָט זיך דאָ און דאָרט געהערט אַ קרעכץ, אַ זיפץ אָדער אַ הוסט, וואָס האָט די שטילקייט איבערגעריסן אויף אַ רגע און באַלד איז ווידער אַ שווייגעניש אַריינגעטרעטן, נאָך שטילער ווי פריער...

פלוצלינג האָט עמיצער אַ פּאַטש געטאָן מיטביידע הענט, כדי צו ציִען די אויפמערקזאַמקייט פון עולם. אַלעמענס אויגן האָבן זיך אַ ווענד געטאָן אין דער זייט, פון וואַנען דאָס פּאַטשן איז געקומען. דער כאַקאַן האָט אויפגעהויבן די האַנט אַלס צייכן, אַז ער גייט רעדן. דער עולם האָט זיך גרייט געמאַכט, די הערצער האָבן געקלאַפּט ווי מיט ריזיקע האַמערס און אין די אויערן האָט געזשו־מעט, ביז ענדלעך עס האָט זיך דערהערט די שטילע דייטלעכע שטים פון כאַקאַן, וואָס האָט אָבער אָפּגעהילכט פון איין עק ביזן צווייטן צוליב דער אומגעהייע־רער שטילקייט אין זאַל. די שטים האָט געקלונגען ווי זי וואָלט פון מעטאַל גע־ווען, קלאָר און אַריינדרינגלעך:

— מיינע טייערע ברידער, כוזרים און מיינע טייערע אונטערטאַנען פון אַנ־דערע גלויבנס אין מיין לאַנד... איך וויל מיך טיילן מיט אייך מיט אַ פּאַסירונג, וואָס האַלט שוין אַן אַ לענגערע צייט און איך קאָן נישט געפינען קיין באַשייד צו איר... איך האָב אייך דעריבער גערופן, איך האָב איינגערופן די פאָרשטייער פון די אַנדערע דריי אמונות אין כוזרים־לאַנד און עס זיצן אויך די, וועלכע דינען צום גאָט סידהאַרטע, צו וועמען עס האָבן געדינט מיינע אָבות אבותינו זינט הונ־דערטער און הונדערטער יאָרן און עס דינען נאָך צו אים עד־היום די מערסטע פון די איינוווינער אין לאַנד פון די כוזרים.

ער האָט זיך אָפּגערוט אַביסל, אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט דאָס פּנים. ווי וועלנדיק פאַריאָגן עפּעס אַ שטערונג, וואָס לאָזט אים נישט ווייטער ציִען זיינע רייד... און נאָך אַ ווײַלע ווייטער פאָרגעזעצט:

„שוין עטלעכע מאָל אין פאַרלויף פון די לעצטע חדשים חלומט זיך מיר אַ חלום, וואָס קומט צוריק צו מיר כמעט יעדע נאַכט און מאַטערט מיך מיט די רייד, וואָס איך הער אומאויפהערלעך, און אָט איז דער חלום: אַ ברענענדיקער

מלאך קומט אַראָפּצופליִען פון אַ טונקל־בלויען הימל אויף אַ פייערדיק פערד מיט פליגל, אין דער האַנט האַלט ער אַ גליאיק־גאָלדענע רוט, מיט וועלכער ער פּאַ־כעט אין דער לופט, אַזש אַ הייסער ווינט צעשטורעמט זיך פון איר און בריט מיר אין פנים. אַ פחד באַפאַלט מיך דעמאָלט און דאָס גאַנצע לייב ציטערט אויף מיר און יעדער גליד אין מיין קערפּער צאַפּלט אויף פון שרעק. מיטאַמאָל דער־הער איך אַ שטים, וואָס איך פאַרנעם נאָך איצטער, בעת איך זיץ דאָ מיט אייך, ווי אַ קלינגען אין מיינע אויערן: „בולאַן, גוט איז דיין כוונה, אָבער דיינע מעשים זענען שלעכטע!...״

אַ ציטערניש גייט אַדורך איבערן גאַנצן עולם אין זאַל. אַלע ווי איינער זעען באַשיינפּערלעך אָט דעם דאָזיקן פייערדיקן מלאך מיט דער גליאיק־גאָלדענער רוט אין דער האַנט און יעדער פאַרשטעלט זיך אינסטינקטיוו דאָס געזיכט, נישט צו קריגן אַ שמיץ פון דער דאָזיקער פייערדיקער רוט... די מענטשן האַלטן איין דעם אָטעם, עס הערט זיך ערגעץ אין אַ ווינקל אַ געוויין פון אַ קינד, וואָס האָט זיך דערשראָקן פון דעם כאַקאַנס רייד און די מוטער פרוווט עס איינשטילן.

— ש... ש... ש...

דאָס געשושקעריי האַלט אָן אַזוי עטלעכע רגעס, דער כאַקאַן וואַרט, עס זאָל אינגאַנצן שטיל ווערן און ער זעצט־פאָר:

„וויפל מאָל איך האָב געפּרוווט עפענען מיין מויל און פרעגן ביים מלאך מער קלאָרקייט אין זיינע רייד, ווערט אָבער מיין צונג ווי צוגעקלעפּט צום גומען און איך קאָן קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען. אַזוי איז געשען מיט עטלעכע חדשים צוריק, אַזוי איז געשען יענע וואָך און אַזוי איז געשען ערשט לעצטע נאַכט... שטענדיק די זעלבע דערשיינונג: אַ ברענענדיקער מלאך אויף אַ פייערדיק פערד מיט לויטער־פייערדיקע פליגל, ער פאָכעט מיט דער גליאיק־גאָלדענער רוט און בריט מיר אָפּ דאָס פנים מיט דעם אויסטערלישן פייער. ווען איך כאַפּ מיך אויף פון דעם שלאָף, און דער חלום געהערט שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט, פיל איך נאָך דעם הייסן הויך פון דער פייערדיקער רוט, און עס קלינגען מיר נאָך אָפּ אין די אויערן די אויסטערלישע ווערטער: „בולאַן, גוט איז דיין כוונה, אָבער דיינע מעשים זענען שלעכטע״... דעריבער האָב איך צונויפגערופן דאָ אַהער אייך אַלע, איבערהויפּט איז מיין געדאַנק געווענדט צו די הייליקע מענטשן פון די דריי אמו־נות, אַז זיי זאָלן מיר געבן אַ באַשייד צו דעם דאָזיקן חלום, און זאָלן זיי מיר דערקלערן די סיבה פון דער דאָזיקער וווּנדערלעכער דערשיינונג. ווער דען, אויב נישט איר, הייליקע לייט פון גאָט, קאָן מיר געבן אַ געצוגנדיקע תשובה, וואָרים איך אַליין, וויפל איך האָב נישט דורכגעטראַכט און דורכגענישטערט מיינע מעשים און מיינע כוונות, קאָן איך קיין ענטפער נישט געפינען. איך האָב ביז איצט גע־טריי און געניי אָפּגעהיטן די געבאָטן פון אונדזער גלויבן. איך האָב צו סידהאַר־

טען, דעם גאָט פון דער זון, געבראַכט קרבנות, געריכערט ווייררויך צו אים יעדן טאָג. איך האָב פריִער קיין זאַך נישט געטאָן, אָן זיך פריִער צו בּאַראַטן מיט מיין גאָט סידהאַרטע, וואָס שטייט ביי אונדז אין טעמפל, אַן אויסגעהאַקטער פון טייערסטן מירמלשטיין. ווי ס׳האָט זיך מיר שטענדיק אויסגעדאַכט, האָט ער מיר געגעבן אין האַרץ אַריין דעם ריכטיקן געדאַנק און איך האָב געוויסנהאַפט אַלץ אויסגעפירט. אַלזאָ, מיין כוונה איז שטענדיק געווען אַ גוטע... אָבער פאַרוואָס זענען מיינע מעשים שלעכטע?... איך וואַרט אויף אייער ענטפער, און אויב דער ענטפער וועט זיך מיר לייגן אויפן שכל און אויפן שכל פון מיינע אַלע אונטער־טאַנען, וועל איך אים אָננעמען, ווייל איך וויל ווילגעפעלן ווערן דעם אַלמעכ־טיקן גאָט, וועמענס ברענענדיקער מלאך עס קומט צו מיר יעדן אויפדערנאַכט און מאַטערט מיך מיט דעם דאָזיקן ווונדערלעך־פאַנטאַסטישן חלום...״

ווען דער כאַקאַן האָט געענדיקט רעדן, האָט אַ מיסטעריעזער פחד אַלעמען אַרומגענומען. אין יעדן איינעם האָט זיך געטרייסלט דאָס אינגעווייד, און די נשמה איז שיער נישט אַרויסגעשפּרונגען פאַר גרויס שרעק. עס האָט זיך ממש געפילט אין זאַל, אַז דער דאָזיקער ווונדערלעך־שרעקנדיקער מלאך פליט דאָ אַרום אין דער טונקל־בלוילעכער לופט און מען הערט אַפילו דאָס פאָכען פון זיינע פליגל אַזוי דייטלעך, אַז נישט איינער האָט, אויס מורא נישט צו קריגן אַ קלאַפּ פון אַ פייערדיקן פליגל, אַפּגעבויגן דעם קאָפּ אָן אַ זייט...

אַ לאַנגע צייט האָט געהערשט שטילשווייגן, קיינער האָט נישט געוואַגט איבערצורייסן די דאָזיקע מיסטישע שטימונג, וואָס האָט אַרומגענומען דעם פאַר־זאַמלטן עולם, מענער, פרויען און קינדער... דער כאַקאַן האָט געוואָרפן אַ בליק דאָ אויף דעם קריסטלעכן פאַרשטייער, דעם פאָטער יאָהאַנעס, דאָ אויף דעם מופ־טי סולימאַן פון דער מוסולמענישער עדה און דאָ אויף דעם רבין, ר׳ יצחק סאַנ־גורי, וועלכער האָט געהאַלטן זיין פּנים אין ביידע הענט אַריינגעטאָן און געוויגט זיך הין־און־צוריק, ווי ער וואָלט געזוכט דעם געהעריקן ענטפער, וואָס זאָל אי־בערצייגן אַלעמען אַזוי קלאָר, וואָס קלאָרער זאָל שוין נישט קאָנען זיין...

דער כאַקאַן האָט זיין בליק אָנגעשטעלט אויפן ביזאַנטישן גלח, פאָטער יאָ־האַנעס, און דערמיט אים געגעבן דאָס ערשטע וואָרט. באַלד האָט זיך דערהערט אַ הוסט, וואָס האָט אָפּגעקלונגען איבערן גאַנצן זאַל ווי אַ מעטאַלענער גלאָק. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט, ווער דאָס קאָן זיין... דאָ האָט זיך אויפגעשטעלט די גע־פאַקטע פיגור פון דעם קריסטלעכן פאַרשטייער פון דער ביזאַנטישער קירך, דער אָפּגעגאָלטער קאָפּ זיינער האָט ווי אַ לייכט געטאָן אין דער האַלב־בלוילעכער טונקלקייט פון זאַל. ער האָט זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן, ווי ער וואָלט עמיצן געזוכט. ער האָט צום לעצט אָנגעשטעלט זיין דורכדרינגלעכן בליק אויף דעם כאַקאַן בולאַן און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן, פריִער שטיל, דערנאָך העכער

און העכער, ווי ער וואָלט געוואָלט מיט זיין שרייענדיקן קול איבערצייגן יעדן איי־נעם אין דער גערעכטיקייט פון זיינע רייד:

— גרויסער כאַקאַן און מיינע טייערע מיטמענטשן פון כוזרים־לאַנד! אַ גרויס געשעעניש האָט דאָ פּאַסירט צו אונדזער מעכטיקן הערשער, ווען גאָט, דער באַשאַפער פון דער וועלט און פון אַלץ וואָס געפינט זיך אין איר, האָט גראָד אים אויסגעקליבן צו רעדן צו אים, ווי ער האָט אויסגעקליבן דעם גרויסן נביא משה און גערעדט צו אים דורכן ברענענדיקן דאָרן...

ער האָט זיך ביי די ווערטער אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט גע־וואָלט געבן דעם עולם צייט צו פאַרדייען די רייד, וואָס ער האָט נאָר וואָס אַרויס־געזאָגט. ער האָט ווידעראַמאָל אַרומגענומען מיט זיין בליק דעם ריזיקן זאַל מיט מענטשן און דערפילנדיק, אַז ער האָט מיט די ערשטע רייד געמאַכט אַ גרויסן רושם, האָט ער מיט אַ לייכטן שמייכל אויף זיינע דינע ליפּן ווייטער פאָרגעזעצט:

„גאָט, דער באַשאַפער פון דער וועלט, האָט זיך אין חלום באַוויזן צו אונ־דזער גרויסן הערשער, וועלכער איז אין דער טבע אַ רעכטפאַרטיקער מענטש און ער האָט גוטע כוונות, אָבער צוליב דעם, וואָס ער איז אויפגעצויגן געוואָרן אין אַן אומגעבונג, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט געצנדינסט, ער האָט זיין גאַנץ לעבן איינגעזאַפּט אין זיך די לופט, אָנגעפולט מיטן רויך פון די קרבנות צו זיין גאָט סידהאַרטע, וואָס איז די פאַרקערפּערונג פון דער זון, אַליין דער באַשאַף פון דעם אַלמעכטיקן גאָט, זענען דעריבער זיינע מעשים נישט אָנגענעם פאַר דעם אַלמעכ־טיקן באַשעפער און ער וואָלט געוואָלט דעם רעכט־דענקענדיקן הערשער זען אין זיין דינסט...

„איך, וועלכער בין אַ געטרייער און רעכטפאַרטיקער קריסט, גלייב אין אַן אָנהייב פון יעדער עקזיסטענץ, אָבער גאָט איז געווען פון אייביק אָן; ער האָט באַשאַפן די וועלט אין זעקס טעג, און אַלע מענטשן שטאַמען־אָפּ פון אדם הראַ־שון. איך גלייב, אַז די געטלעכע השגחה פירט מיטן מענטש און גאָט אַליין שטייט מיט אים אין פאַרבינדונג, סיי אין פרייד און סיי אין לייד. גאָט רעדט צו זיינע נביאים און הייליקע, דערשיינט און גיט זיי איבער זיין ווילן און ער געפינט זיך צווישן אונדז אַלעמען, וועלכע גלייבן און דינען אים. קורץ גערעדט, איך גלייב אין אַלצדינג, וואָס די תורה און אַנדערע יידישע ספרים זאָגן. זייער אינהאַלט קאָן נישט אַרונטערפאַלן אונטער קיין שום ספקות, ווייל זיי זענען שוין אַזוי אַלט און אַזוי באַקאַנט צו אַלעמען, אַז ס׳איז אָנגענומען, דאָס אַלץ איז אמת...

„מיט הונדערטער אָדער טויזנטער יאָרן שפּעטער האָט אַ בתולה, וואָס שטאַמט אָפּ פון מלכות בית דוד, אויף אַן איבערנאַטירלעכן אופן געבוירן אַ זון, וואָס אויסערלעך איז ער געווען אַ מאַן, אָבער אינערלעך — אַ גאָט; אויסערלעך אַ נביא, אָבער אינערלעך — אַ מלאך־ה׳... ער איז דער משיח, וועלכער ווערט

אָנגערופן דער זון פון גאָט. מיר רעדן וועגן „פאָטער, דעם זון און הייליקן גייסט". מיר גלייבן אין גאָטס איינזיקייט, כאָטש ביי אונדז אויף דער צונג פיגורירט ער אַלס דרייאייניקייט. זיין דערשיינונג צווישן די יידן איז געווען אַ כבוד פאַר זיי, און דאָס איז געווען אַ סימן, אַז די שכינה רוט אויף דעם יידישן פאָלק, אָבער דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן זיך נישט צעבונטעוועט קעגן דעם משיח און האָבן אים געקרייציקט. זינט דעמאָלט אָן האָט זיך אויסגעגאָסן גאָטס צאָרן אויף זיי, און זיין חסד האָט בלויז גערוט אויף די יעניקע, וועלכע האָבן משיחן נאָכגעפאָלגט... מיר באַלאַנגען צו די, וועלכע האָבן אים נאָכגעפאָלגט. און כאָטש מיר געהערן נישט צו די בני ישראל, פאַרדינען מיר מער ווי די יידן אָנגערופן צו ווערן מיט דעם דאָזיקן נאָמען, ווייל מיר פאָלגן אויס די לערע פון משיח און זיינע צוועלף יידישע אַפּאָסטאָלן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר די צוועלף שבטים. אונדזערע געזעצן און מצוות זענען אונדז געגעבן געוואָרן דורך דעם אַפּאָסטאָל שמעון און געווויסע געזעצן און מצוות זענען פון דער תורה, וואָס מיר היטן געטרוי אָפּ און מיר לערנען, און וועמענס געטלעכער אָפּשטאַם ליגט אויסער יעדן צווייפל. וואָרים דער נייער טעסטאַמענט אַליין זאָגט אין נאָמען פון משיחן: „איך בין נישט געקומען צו צעשטערן קיין שום געזעצן פון משהן און ישראל, בלויז נאָר צו באַשטעטיקן זיי און צו פאַרשטאַרקן זיי"...

דער פאָטער יאָהאַנעס איז שוין געווען הייזעריק פון אַזוי פיל רעדן. ער האָט די אַלע רייד אַרויסגעזאָגט מיט אַזוי פיל היץ און פייער, אַז דאָס קול איז ביי אים אָפּגעטעמפּט געוואָרן און אַ שווייס האָט זיך אים געגאָסן פון שטערן. ער האָט אָנגעהויבן שווער צו אָטעמען און ענדלעך זיך אַנידערגעזעצט.

אַזוי ווי ער האָט נאָר באַוויזן צו פאַרענדיקן, האָט זיך אָנגעהויבן איבערן גאַנצן זאַל אַ געזשומעריי, גלייך ווי הונדערטער וואַסערמילן וואָלטן זייערע רעדער געלאָזט אין גאַנג. מען האָט געקאָנט טויב ווערן פון דעם שטילן געמורמל און געפּרעפּל, וואָס האָט זיך געטראָגן פון הונדערטער ליפּן. יעדער איינער האָט אַרויסגעזאָגט פאַרן שכנס אויער די מיינונג זיינע וועגן דעם קריסטלעכן גייסטלעכנס רייד.

— איז עס נישט צום לאַכן: אַ בתולה האָט געבוירן אַ זון... און ער איז נאָך דערצו געוואָרן אַ גאָט ,און אין דעם גאָט, וויל ער ,אַז מיר זאָלן גלייבן!...

— ש... ש... ש... — האָט אים עמיצער איבערגעריסן — דער כאַקאַן גייט עפּעס זאָגן!...

— ווי מיינסטו, אונדזער כאַקאַן וועט צונייגן זיין אויער צו אַזעלכע שטותים? — האָט ווידער דער זעלבער געפרעגט.

— אונדזער כאַקאַן איז דער קליגסטער מאַן אויף דער וועלט — האָט אים יענער געענטפערט — פאַרלאָז זיך שוין אויף זיין שכל הישר!...

אַ פּאַטש מיט די הענט האָט איבערגעריסן אָט די אַלע שטילע געשפּרעכן.

אַלעמענס בליקן האָבן זיך ווידער אַ ווענד געטאָן אין דער זייט, וווּ דער כאַקאַן און זיינע אַלע האַרן זענען געזעסן.

דער כאַקאַן האָט אָנגעהויבן:

— עס איז נישטאָ קיין שום לאָגיק אין דיינע רייד. די לאָגיק מוז אָפּוואַרפן די מערסטע געדאַנקען, וואָס דו האָסט דאָ אַרויסגעזאָגט. אויב די דערשיינונג און דערפאַרונג פון אַ געוויסער געשעעניש זענען אַזוי איבערצייגנדיק, אַז דאָס האַרץ האָט נישט קיין אַנדערן אויסוואַל ווי נאָר צו גלייבן אין זיי, ווי אומגלייבלעך זיי זאָלן נישט זיין, דעמאָלט מוז מען זוכן אַ געוויסע דערקלערונג, כדי צו פאַרטיידיקן דעם אמת וועגן דעם דאָזיקן ענין. דאָס טוען טאַקע די וויסנשאַפטלער, ווען זיי טרעפן זיך אָן אויף אַן אויסערגעוויינלעכער נאַטור־דערשיינונג. אויב מען דערציילט זיי בלויז וועגן אַזאַ זאַך און אַליין געזען האָבן זיי די זאַך נישט, גלייבן זיי נישט דערין. איך, למשל, זע נישט איין די מינדסטע סיבה פאַרוואָס איך זאָל יאָ גלייבן אין דעם אַלעם, וואָס דו האָסט דאָ געזאָגט. איך מוז דעריבער וועגן דעם הערן די מיינונג פון אַן אַנדערן פאַרשטייער פון צווישן די אמונות, אין וועלכע מען גלייבט אין מיין לאַנד...

ווען דער כאַקאַן האָט געענדיקט רעדן, איז אויסגעבראָכן אַן אומבאַשרייבלעכער אַפּלאָז. דער עולם האָט געפּאַטשט מיט די הענט, געטופּעט מיט די פיס, געשריגן אויף די העכסטע קולות און געמאַכט פאַרשידענע אויסרופן, וואָס מען האָט אין דעם גאַנצן טומל גאָרנישט געקאָנט הערן. זיי האָבן דערפילט אין דעם כאַקאַנס ווערטער זייער אייגענע מיינונג, און דעריבער האָט עס אויף זיי אַזוי שטאַרק געווירקט.

דעם פּאַטער יאָהאַנעס האָט דער דאָזיקער טומל נישט געשמעקט, און ער איז אַ בלאַסער געבליבן זיצן אויף זיין אָרט און נישט רעאַגירט אַפילו מיט קיין צוק אויפן פּנים. ער האָט אַראָפּגענידערט דעם קאָפּ צו די קני, אַזוי אַז זיין אויסגעצאָלטער שאַרבן האָט ווי אַ בלייכע לבנה אָפּגעלויכטן אין דעם האַלבטונקעלן זאַל.

דער האַר, וועלכער איז געשטאַנען לעבן כאַקאַן און שטענדיק געגעבן צו וויסן דעם עולם, אַז מען גייט רעדן, האָט דאָס מאָל ווידער זיך אויפגעשטעלט פון זיין אָרט און אַ פּאַטש געטאָן מיטביידע הענט, אַז עס זאָל ווערן שטיל.

ווי מיט אַ מעסער אָפּגעשניטן, אַזוי איז די שטילקייט מיטאַמאָל אַריינגעטרעטן אינמיטן פון דעם רעשיקן טומל.

דער כאַקאַן האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון מופטי סולימאַן און געגעבן אים רשות צו רעדן און אַרויסזאָגן זיין מיינונג און שטאַנדפּונקט וועגן דער גאָטהייט און וועגן די רייד פון זיין קריסטלעכן פאַררעדנער.

דער מופטי סולימאַן האָט זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער הויכער געשטאַלט. די לאַנגע ווייסע שיטערע באָרד האָט זיך אַ טרייסל געגעבן פון גרויס אויפגערעגטקייט. די שטעכיקע אויגן זיינע האָבן אַ שפּיזל געטאָן אין זאַל אַריין, ווי וועלנדיק דערמיט פאַרכישופן דעם עולם, און ער האָט אָנגעהויבן:

— אַלמעכטיקער כאַקאַן, הערשער איבער דער גרויסער כוזרישער אימפּעריע און באַפעלער אויפן לעבן און טויט פון זיינע אונטערטאַנען!... אויך צו אייך, מענטשן, באַשאַפענע אין גאָטס געשטאַלט, טו איך איצט רעדן, און דעריבער פאַרגעמט מיינע רייד, וואָס זענען די רייד פון אַללאַ אונדזער גאָט און מאַכמעד זיין נביא...

ער האָט זיגעריש אָנגעקוקט דעם פּאָטער יאָהאַנעס. ער האָט אים געוויזן אַ ביישפּיל, ווי אַזוי מען קאָן חנפענען אַ הערשער, און כאָטש דער כאַקאַן איז אַ מענטש פון הויכן געדאַנק, וועט ער פונדעסטוועגן נישט קאָנען ביישטיין אַזעלכע לויב־ווערטער, ווי „אַלמעכטיקער" און „באַפעלער אויפן לעבן און טויט פון זיינע אונטערטאַנען"...

ער האָט כיטרע געשמייכלט...

דער עולם האָט מיט גאָרנישט רעאַגירט אויף זיינע רייד, מען האָט געוואַרט אויף זיינע ווייטערדיקע געדאַנקען... אויב ער וועט אויך אַזוי אָנפלאַפּלען ווי דער פריִערדיקער, איז נישטאָ וואָס צו הערן, איז אַ שאָד די צייט... און אין זאַל איז אַזוי הייס, אַז ווען נישט דאָס קילע ווינטל פון ים, וואָס גיט פון צייט צו צייט אַ בלאָז דורך דעם ריזיקן פענצטער, וואָלט מען דאָ אומגעקומען.

דער מופטי סולימאַן האָט אָפּגעהוסט און ווייטער פאַרגעזעצט:

„מיר גלייבן פעסט אין דער אייביקייט און אין דער אייביקייט פון גאָט, אין דעם באַשאַף פון דער וועלט, און אַז אַלע מענטשן שטאַמען־אָפּ פון אָדם הראשון, מיר וואַרפן אָפּ די אידייע פון דער קערפּערלעכקייט פון גאָט, און אויב אין אונדזערע שריפטן איז פאַראַן אַן אָנדייט וועגן געטלעכער קערפּערלעכקייט, איז עס בלויז אַן אַלעגאָריע, כדי דער לייענער זאָל עס בעסער פאַרשטיין... מיר האַלטן, אַז דער קאָראַן איז דאָס וואָרט פון גאָט, אין וועלכן מיר גלייבן אָן שום וואַקלעניש. קיין שום בן־אָדם איז גאָרנישט אימשטאַנד צו שאַפן אַזאַ ווערק, אַפילו אַן אייגאייגציק קאַפּיטל ווי די קאַפּיטלעך, וואָס מיר געפינען אין קאָראַן. אונדזער נביא מאַכמעד איז געווען דער לעצטער פון צווישן די נביאים, ער האָט בטל געמאַכט אַלע פריִערדיקע געזעצן און רופט אַלע פעלקער פון דער וועלט אָנצונעמען די לערע פון איסלאַם. דער לוין, וואָס עס וועט קריגן אַזאַ איינער, וועלכער פאָלגט־נאָך זיין רוף, וועט זיין דאָס, וואָס זיין נשמה וועט צוריקקומען אין דעם קערפּער אין גן־עדן, און אויף אייביק און אייביק וועט ער הנאה האָבן

פון די טייערסטע שפּייזן און ווייַנען און פון פרויען־ליבע און פון אַלץ, וואָס זיין האַרץ וועט נאָר גלוסטן...

„דאַקעגן אָבער, ווען איינער וועט נישט אויספאָלגן די רייד פון נביא מאַכ־מעד, וועט זיין שטראָף זיין: פאַרפאַלן צו ווערן אין דעם ברענענדיקן גיהנום, וואָס וועט קיינמאָל זיך נישט אויסלעשן, און די יסורים פון דעם דאָזיקן ווידער־שפּעניקער וועלן קיינמאָל נישט אויפהערן...״

דער כאַקאַן האָט אים איבערגעריסן אינמיטן רעדן און זיך אָנגערופן:

— אויב דו ווילסט, הייליקער מאַן ,רעדן צו עמיצן וועגן געטלעכע ענינים און מאַכן אים גלייבן, אַז גאָט האָט געהאַט אַ געשפּרעך מיט אַ מענטשלעך וועזן — וואָס אַנדערע גלייבן נישט דערין — מוזטו אים איבערצייגן דורך אַלגעמיינע באַקאַנטע פאַקטן, וואָס ער זאָל זיי בשום אופן נישט קאָנען אָפּלייקענען. און ערשט דעמאָלט וועסטו קאָנען גליקלעך זיין, אויב ער וועט דיר גלייבן. אייער קאָראַן קאָן זיך דיר אויסווייזן צו זיין אַ מופת מן השמים, אָבער אויב ער איז געשריבן אויף אַראַביש, וועט אַ נישט־אַראַבער, ווי איך אַליין בין, קיינמאָל נישט אָנערקענען זיין מופתדיקן כאַראַקטער...

האָט דער מוסולמענער געענטפערט:

— אַפילו אונדזער נביא האָט באַוויזן מופתים, כאָטש ער האָט זיי קיינמאָל נישט באַנוצט אויף אויסצואיבן אַ דרוק, מען זאָל אָננעמען זיין גלויבן.

דער כאַקאַן האָט אים נישט פאַרשוויגן. עפּעס איז אים דער מופטי נישט געפעלן געוואָרן מיט זיין כיטרען בליק, מיט וועלכן ער האָט געשפּיזלט אויפן עולם און געוואָלט אים פאַרכישופן. ער האָט אים ווידעראַמאָל איבערגעריסן און געזאָגט:

— דער מענטשלעכער שכל איז בכלל נישט גענייגט צו גלייבן, אַז דער רבונו של עולם אַליין האָט צו טאָן מיט שטערבלעכע וועזנס, אַחוץ דורך עפּעס אַ מופת, ווען ער ענדערט, למשל, די געזעצן פון דער נאַטור, כדי זיך דערמיט צו באַווייזן אַלס דער באַשאַפער פון דער וועלט. אָבער אַזאַ זאַך האָט געמוזט געשען אין דער אָנוועזנקייט פון אַ סך מענטשן, וועלכע האָבן דאָס צוגעזען מיט זייערע אייגענע אויגן... אַפילו אויך דעמאָלט איז נאָך אַלץ שווער פאַר דעם שכל צו באַ־גרייפן דעם אויסערגעוויינלעכן פאַקט, אַז דער באַשאַפער פון דער וועלט און פון יענער וועלט, פון די מלאכים, די הימלען און די הימלישע קערפּער, זאָל זיך אַריינ־לאָזן אין געשפּרעכן מיט אַ מאַן, רעדן צו אים ווי צו זיינס גלייכן, דערפילן זיי־נע ווונטשן און בקשות...

דער מופטי האָט אַ קרומען קוק געטאָן אויפן כאַקאַן, אָבער מיטן איבערגע־טריבנסטן דרך־ארץ האָט ער זיך צו אים געווענדט, אויסצייענדיק צו אים ביידע הענט, ווי ער וואָלט זיך ביי אים געבעטן ,ער זאָל אים נישט אַזוי פיל מאַטערן

מיט פראַגן, נאָר אָננעמען זיינע רייד ווי אַ באַוויזענעם אמת. ער האָט זיך פּלוצ־לינג אַ ריס געטאָן פון אָרט, ווי ער וואָלט געפונען דעם בעסטן אַרגומענט:

— איז דען נישט אונדזער הייליקער קאָראַן פול מיט געשיכטעס וועגן משהן און וועגן די קינדער פון ישראל? קיינער האָט נאָך קיינמאָל נישט געצווייפלט, וואָס גאָט האָט געטאָן צו פּרעהן פון מצרים; ווי אַזוי ער האָט געשפּאָלטן דעם ים, כדי צו ראַטעווען זיין אויסדערוויילט פאָלק, און האָט דערטרונקען די יענע־קע, וועלכע האָבן אַרויסגערופן זיין צאָרן; ווי אַזוי ער האָט שפּעטער אַראָפּגע־שיקט פון הימל מן און וואַכטל־פייגל פערציק יאָר צייט, וואָס די יידן זענען געווען אין דער מדבר און ער האָט גערעדט צו משהן פון באַרג סיני; ער האָט אָפּגעשטעלט די זון פאַר יהושוע און געשטאַרקט אים אין זיין קאַמף קעגן די ריזן. און פאַר דעם אַלעם האָט גאָט געבראַכט אַ מבול און האָט פאַרלענדט סדום און עמורה. אָט די אַלע זאַכן זענען אַלעמען באַקאַנט און אָנערקענט אַלס פאַקטן און דאָ קאָן נישט זיין קיין שום חשד וועגן אָפּנאַרעריי אָדער אויסגעטראַכטע ליגנס...

האָט דער כאַקאַן זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— איך זע איצט אייך, אַז איך מוז מיך נאָך אַ פרעג טאָן ביים פאָרשטייער פון די יידן, וועלכע זענען דאָס איבערבלייבעניש פון די בני ישראל. עס זעט אויס, אַז זיי זענען דער בעסטער באַווייז און אַ פאַקט פאַר אַלע די, וואָס גלייבן, אַז גאָט האָט געגעבן די תורה צו אַ מאַן.

ער האָט זיך דעמאָלט געווענדט צו ר׳ יצחק סאַנגורי און געזאָגט צו אים מיט אַ פריינטלעכן טאָן:

— רבי און פאָרשטייער פון די גלייביקע אין דער יידישער אמונה, מיר האָבן אויסגעהערט די רייד פון די קריסטן און מאַכמעדאַנער, איצט זאָג אונדז דו, ווי שטעלסטו דיר פאָר דאָס גלויבן אין גאָט?...

ר׳ יצחק סאַנגורי האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ וויים־זיידענער אַבאַיע אויפן בבלישן שטייגער, דער קאָפּ איז געווען אַרומגעהילט מיט אַ בלוי־גרינעם טורבאַן. דאָס גרויע בערדל האָט געצי־טערט אויפן לייכטן ווינטל, וואָס האָט אַ בלאָז געטאָן דורכן אָפענעם פענצטער. אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדט אין זיין זייט אַריין. ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק מיט זיין שטילן טאָן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן, ווי נישט ווילנדיק קיינעם אָנוואַרפן מיט גוואַלד זיין גלויבן:

— מיר גלייבן אין גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, וועלכער האָט אַרויס־געפירט די בני ישראל פון מצרים מיט אותות ומופתים; וועלכער האָט זיי גע־פירט איבער דער מדבר און געשפּייזט זיי דאָרט, און האָט זיי אַדורכגעפירט דעם ים סוף און דעם ירדן, געגעבן זיי דאָס לאַנד פון כנען אַלס זייער באַזיץ. מיר

גלייבן אין גאָט, וועלכער האָט געשיקט משהן מיט זיין תורה, און פיל נביאים נאָך אים, באַוועגט די יידן צו נעמען די תורה, צוזאָגנדיק אַ גרויסן שכר פאַר אָפּהיטן זי און אַ גרויסע שטראָף פאַר נישט אויספאָלגן אירע געזעצן. מיר גלייבן אין אַלץ, וואָס עס שטייט געשריבן אין דער תורה. בכלל איז אונדזער גלויבן באַזירט אויף אונדזערע היסטאָרישע דערפאַרונגען.

— אויב אַזוי... האָט דער כאַקאַן זיך אָנגערופן — איז דאָך אייער אמונה בלויז אַן ענין פאַר אייך יידן אַליין!...

— אמת, — האָט ר׳ יצחק סאַנגורי מיט אַ לייטזעליקן שמייכל געענטפערט — אָבער יעדער נישט־ייד, וועלכער פאַראייניקט זיך מיט אונדז, האָט אַ חלק אין דעם שכר, וואָס דער באַשאַפער וועט אונדז מזכה זיין און ער איז אַ גלייכער שותף צו דעם עולם הבא, וואָס מיר יידן האָבן נאָך אונדזער ערדישן לעבן...

— יאָ, רבי — האָט דער כאַקאַן בולאַן ווייך געזאָגט — איך פאַרשטיי דיינע רייד, איז דעריבער אפשר וואָלסטו מיר געקאָנט פותר־חלום זיין דאָס, וואָס איך זע שוין אַזוי פיל נעכט און לאָזט מיך נישט אָפּ. איך בין שוין אָן כוחות צוליב אָט דעם דאָזיקן חלום, איך שרעק מיך פאַר עפּעס און ווייס אַליין נישט פאַרוואָס... איך ווייס, אַז איינער פון אייערע אור־אור־עלטערן, יוסף, האָט פותר־חלום געווען פּרעהן דעם מלך פון מצרים און אַלץ איז מקוים געוואָרן, ווי ער האָט געזאָגט. דו ביסט דאָך פון דעם זעלבן פאָלק, פון די בני־ישראל, פאַרמאָגסטו געוויס אין דיר דעם זעלבן כוח, טאָ זיי מיר פותר־חלום, און אַלץ, וואָס דו וועסט מיר זאָגן, וועל איך אויספירן ביזן לעצטן וואָרט...

— טאָ דערמאָן דיך מיט יעדער איינצלהייט וועגן דיין זעאונג, וואָס האָסט געהאָט, ווייל יעדע איינצלהייט איז זייער וויכטיק, און אויב וועסט מיר דערציילן פּינקטלעך דעם חלום, וועל איך אפשר מיט גאָטס הילף קריגן דעם באַשייד... — האָט ר׳ יצחק סאַנגורי געענטפערט דעם קעניג.

— געוויס וועל איך דאָס טאָן, גרויסער חכם און רבי! — האָט דער כאַקאַן אויסגערופן — פיל־ווייניק האָסטו דאָך שוין געהערט וועגן דעם ברענענדיקן מלאך, וועלכער האָט מיר געזאָגט די ווערטער: „בולאַן, דיין כוונה איז גוט, אָבער דיינע מעשים זיינען שלעכט"... אָבער איצט דערמאָן איך מיך די קלענסטע איינצלהייטן: אינמיטן פלאַץ ווו די זעאונג האָט זיך פאַר מיינע אויגן פאָרגעשטעלט, איז געשטאַנען אַ ריזיק־צעבלעטערטער בוים מיט צווי ברייטע צווייגן. פּלוצלינג איז אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער שטורעם־ווינט און דער בוים איז איבערגעבראָכן געוואָרן, אָבער מיט אַ ווײַלע שפּעטער האָב איך אים ווידער געזען אַ פריש צעבליטן און אַ פייער האָט זיך צווישן זיינע צווייגן אָנגעצונדן, און דאָס זעלבע קול האָט פון פייער אַרויס געדונערט די אויבנדערמאָנטע ווערטער: „בולאַן, דיין כוונה איז גוט, אָבער דיינע מעשים זענען שלעכטע!"... איך פלעג מיך

אַזוי דערשרעקן, אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט אַן איינגעטונקענער אין קאַלטן שווייס פון גרויס פחד און מורא.

ר׳ יצחק סאַנגורי האָט זיך אויפמערקזאַם איינגעהערט אין די רייד פון צע־שראָקענעם כאַקאַן, און דער גאַנצער עולם איז מיטגעריסן געוואָרן פון די דאָ־זיקע אָפּשרעקנדיקע רייד, אויך דער קריסטלעכער גלח און דער מאַכמעדאַנער זענען געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט די מינדסטע אָנונג עפּעס צו זאָגן. ענדלעך האָט דער רבי געעפנט דאָס מויל און געזאָגט צום כאַקאַן:

— האָסטו געפּרוווט פרעגן דיינע אייגענע חכמים פון דעם סידהאַרטע־גלויבן, צי זיי ווייסן דעם באַשייד פון דעם חלום?

— איך האָב געפרעגט, אָבער זיי האָבן נישט געוווּסט מיר וואָס צו ענט־פערן. זיי האָבן געטאָן אַלע תחבולות: געריוכערט ווייריך, געבראַכט קרבנות, אָפּגעשפּראָכן אַלערליי שפּרוכן, וואָס איך האָב יאָ פאַרשטאַנען און וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, זיי האָבן מיר קיין באַ־שייד נישט געקאָנט געבן. איך האָב מיך אַפילו געווענדט צו איינעם אַ פילאָ־סאָף, וועלכער גלייבט נישט אין קיין שום גאָט, האָט ער פאַר מיר געהאַלטן אַ לאַנגע דרשה, געבראַכט ציטאַטן פון אַלטע גריכישע פילאָסאָפן, אַריסטאָטעל, פלאַטאָן, סאָקראַטעס און הערמעס און אויפגעוויזן, אַז ווילן און מעשים קאָן מען גאָרנישט איינס פון אַנדערן אָפּטיילן, אַז יעדע גוטע כוונה, אויב זי איז נאָר ער־לעך, איז דאָס שוין אַליין אין זיך אַ גוטע טאַט... אָבער איך האָב אַלץ נישט גע־האַט דעם ריכטיקן ענטפער, ווייל דער חלום האָט מיך נישט אויפגעהערט צו מאַטערן. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז דער באַשייד האָט נישט געטויגט.

— עס איז נישט אַזוי ווי דער פילאָסאָף האָט דיר געזאָגט — האָט ר׳ יצחק סאַנגורי געענטפערט — די כוונה, אַפילו ווען זי איז גוט, קאָנען די מעשים זיין שלעכטע און פאַרפירעריש. מענטשן און פעלקער, למשל, פירן צווישן זיך מלחמות. יעדער פון זיי האָט זיכער אַ גוטן ווילן, די כוונה צו פאַרפירן די מלחמה איז געווען אַ גוטע. אָבער דער וועג פון מלחמה איז פאַרזייט מיט טויזנטער קרבנות און טייכן בלוט. דעריבער זענען שוין די מעשים נישט קיין גוטע. זענען שוין די פילאָסאָפן נישט גערעכט דערמיט, ווען זיי זאָגן, אַז כוונה און מעשים זענען איינס און דאָס זעלבע.

— טאָ וואָס איז דיין באַשייד, רבי? — האָט דער כאַקאַן ווי מיט געבעט געפרעגט.

ר׳ יצחק סאַנגורי האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע און דערנאָך געענטפערט:

— דער דריזיק־צעבלעטערטער בוים מיט די צוויי צווייגן, דאָס איז דער שטאַם. איך וואָלט עס אָנגערופן: די תורה... וואָס איז אונדז איבערגעגעבן פערט

געוואָרן פון משהן אויפן באַרג סיני. די צוויי צווייגן, דאָס זענען די צוויי אמו־נות, וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דעם שטאַם. דער שטורעם באַווייזט, אַז דער בוים האָט געמוזט איבערגעבראָכן ווערן, אָבער דער שטאַם איז געבליבן און אויפסניי זיך צעבליט.

— נו, וואָס באַווייזט דאָס? — האָט דער כאַקאַן געפרעגט מיט איינגעהאַל־טענעם ענטוזיאַזם.

— דאָס לאָז איך איבער פאַר דעם כאַקאַן אַליין צו משפּטן... — האָט ר׳ יצחק סאַנגורי באַשיידן געענטפערט.

אַ ווײַלע איז געבליבן שטיל אין זאַל, אַז מ׳האָט געהערט דאָס לייכטע ווינטל, וואָס איז געקומען דורכן אָפענעם פענצטער פון ים. אַלע האָבן מיט גרויס נייגעריקייט אָפּגעוואַרט דעם ענטפער פון כאַקאַן.

ענדלעך האָט דער כאַקאַן געזאָגט זיין וואָרט:

— איך וויל נאָכאַמאָל אויספרעגן באַזונדער, אָן שום עדות, דעם פאָרשטייער פון די קריסטן, פאַטער יאָהאַנעס און דעם פאָרשטייער פון איסלאַם, דעם מופטי סולימאַן ,און דעמאָלט וועל איך קומען צו אייך און געבן מיין ענדגילטיקן ענט־פער. איר וואַרט־צו דאָ אין זאַל, און איך וועל אַריינגיין אין אַ דערבייאיקן קליינעם צימער, ווו איך וועל מיך לאַנג נישט זוימען און תיכף צוריקקומען...

ווי נאָר דער כאַקאַן איז אַרויס פון זאַל און הינטער אים זענען נאָכגעגאַנ־גען מיט געבויגענע קעפּ די צוויי פאָרשטייער פון די קריסטלעכע און מאַכמעדאַ־נישע רעליגיעס, איז אַנטשטאַנען אַזאַ רעש און אַזאַ טומל, אַז מען האָט געקאָנט טויב ווערן. אַלע צוזאַמען האָבן גערעדט און איינער איז אַריין אין דעם צווייטנס רייד. מען האָט זיך שיער נישט געשלאָגן, ווען עס וואָלט דער רבי, וועלכער האָט זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער הייך, נישט אויסגערופן: „שעמט אייך, מענטשן! איר זענט דאָ אַהער גערופן געוואָרן, כדי אויסצוהערן אַן ערנסטן ענין, אין וועלכן עס האַנדלט זיך וועגן דעם גליק פון אייער פאָלק, און איר פּילט דאָס נישט!...״

דער עולם האָט זיך באמת פאַרשעמט, און אַ גרויס דרך־ארץ איז אויפגע־גאַנגען צום ייִדישן רבין. עס איז שטיל געוואָרן ווי אין אַן אויער און מ׳האָט מיט אומגעדולד אָפּגעוואַרט אויף דעם צוריקקער פון כאַקאַן מיט די צוויי משולחים...

ענדלעך האָט זיך די טיר פון אַ זייטיקן צימער געעפנט און עס איז דערשי־נען דער כאַקאַן, דאָס פּנים זיינס האָט געשיינט און געלויכטן, די אויגן זיינע האָבן געפינקלט מיט אַ געטלעכן גלאַנץ. ער האָט, זעט אויס, שוין געהאַט אָנגע־נומען ביי זיך אין האַרץ אַן ערנסטן באַשלוס. הינטער אים זענען מיט געבויגענע קעפּ נאָכגעגאַנגען די צוויי פאָרשטייער, די פּנימער זייערע זענען געווען בלאַס

און פון די אויגן האָט אַרויסגעקוקט אומצופרידנקייט איבער דעם אויסגאַנג פון זייער געשפּרעך.

ווען דער כאַקאַן האָט זיך ענדלעך אַוועקגעזעצט אויף זיין פריִערדיקן פּלאַץ אונטער דער רויט־זיידענער חופּה און אויף ביידע זייטן די צוויי פאָרשטייער, פּאַטער יאָהאַנעס און דער מופטי סולימאַן, האָט ער אויסגערופן:

— פאָלק פון די כוזרים, הערט אויס מיט אויפמערקזאַמקייט, וואָס איך האָב אויסגעפונען, שטעלנדיק אָט די דאָזיקע צוויי פאָרשטייער פון דעם קריסטלעכן גלויבן און פון דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן עטלעכע פראַגעס און וואָס זיי האָבן מיר געענטפערט. איך וועל אייך מיין באַשייד נישט זאָגן. איר אַליין וועט עס זאָגן הויך בפני כל עם ועדה, און וואָס איר וועט זאָגן, דאָס וועל איך אָננעמען ווי אַ געבאָט!...

— זאָל לעבן אונדזער קלוגער כאַקאַן!... — האָבן זיך געהערט אויסרופן איבערן גאַנצן זאָל, און די קולות האָבן אַזוי געדונערט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז די ווענט פון דעם גרויסן פּאַלאַץ פאַלן איין...

און דער כאַקאַן האָט איבערגעגעבן פאָלגנדיקס:

— איך האָב פריִער אַריינגערופן צו זיך אין אַ באַזונדערן חדר דעם פּאַטער יאָהאַנעס פון דער קריסטלעכער קירך און אים געשטעלט די פאָלגנדיקע פראַגע: ווי וואָלט געווען, הייליקער פּאַטער יאָהאַנעס, ווען מען שטעלט דיר די ברירה אויסצוקלייבן צווישן דעם גלויבן פון מאַכמעד און דעם גלויבן פון תורת משה, וואָס וואָלסטו אויסגעקליבן?״... דער פּאַטער יאָהאַנעס האָט אָן איבערלייגונג גע־ענטפערט: „געוויס וואָלט איך בעסער אויסגעקליבן תורת משה, ווייל די מאַכמע־דאַנישע אמונה שטיצט זיך דאָך פונקט ווי אונדזער אמונה פון ישו הנוצרי אויף תורת משה... נאָר וואָס דען, דער נביא מאַכמעד האָט די יידישע תורה היפּש פאַרפלאָנטערט און פאַרדרייט. אויב שוין יאָ אָננעמען אַן אמונה, דאַרף מען זיך ווענדן צום שטאַם...״ דאָס זעלבע האָב איך געטאָן מיטן מופטי סולימאַן פון דער מוסולמענישער אמונה. איך האָב אים געשטעלט די זעלבע פראַגע: „ווען מען גיט דיר די ברירה אויסצוקלייבן צווישן דער קריסטלעכער אמונה און דער יידישער, וואָס וואָלסטו אויסגעקליבן?״... אָן שום ספק די יידישע אמונה!״ האָט דער מופטי אָן וואַקלעניש געענטפערט, „ווייל די קריסטלעכע אמונה שטיצט זיך דאָך אויף תורת משה, טאָ וואָס־זשע דאַרף איך גיין צו די נאָכמאַכער, אַז איך קאָן גיין צום קוואַל!״ איז עס אמת? האָב איך גוט איבערגעגעבן אייערע ענטפערס?... — האָט זיך דער כאַקאַן געווענדט צו די פאָרשטייער פון די צוויי אמונות.

„אמת״, האָבן ביידע גלייכצייטיק, אָבער שטיל געענטפערט.

נאָך דעם איז געוואָרן אַ הייטערע שטימונג. דער עולם האָט נישט געוואַגט

צו רעדן, אָבער מיט דעם בלויזן געשעפּטש פון איינעם צום אַנדערן, איז אַנט־שטאַנען אַזאַ טומל, וואָס מ׳האָט קוים געקאָנט איינהאַלטן.

— פאָלק פון די כוזרים, איצט ליגט ביי אייך צו אַנטשיידן, וועלכע אמונה איז די בעסטע? — האָט דער כאַקאַן אויסגערופן.

— אָן שום ספק, אַז די יידישע! — האָט זיך געלאָזט הערן אַ געשריי ווי פון איין מאַן — דאָס האָבן דאָך די פאַרשטייער פון דער קריסטלעכער און מאַכ־מעדאַנישער אמונה אַליין צוגעגעבן!...

— איר האָט ריכטיק געפּסקנט!... — האָט דער כאַקאַן מיט אַ רויִקן טאָן אויסגערופן.

דער גאַנצער עולם פון טויזנטער האָט זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ שטעל אויף און אָנגעהויבן זינגען, אַזוי ווי אַ מעכטיקער דונער וואָלט אויפגעקנאַלט אין דעם ריזיקן זאַל. די טירן האָבן זיך אויפגעפּראַלט אין דער גאַנצער ברייט און דער המון האָט אָנגעהויבן אַרויסשטראָמען פון דאָרט ווי אַ פייערדיקע לאַווע. עס האָבן זיך געצויגן מאַסן מענטשן, זינגענדיק און מאַכנדיק אויסרופן לכבוד דעם כאַקאַן בולאַן, דעם פּרינץ קאַזאַר און עמרם, לכבוד ר׳ יצחק סאַנגורי, וועלכער האָט גע־האָט אַ זיגערישן אויסזען. דאָס פּנים האָט אים געלויכטן ווי ביי אַ געטלעכן מלאך.

ביסלעכווייז זענען זיך אַלע צעגאַנגען אַהיים און אָנגעפּולט זייערע הייזער מיט פרייד און שמחה. מען האָט איבערגערעדט וועגן דעם אַלעם, וואָס זיי האָבן געהערט אין פּאַלאַץ פון כאַקאַן.

— פון יונגווייז אָן האָט ער זיך געוויזן אַלס אַזעלכער!... — האָט איינער, אַן אַלטער כוזרי, שוין אָן ציין, דערמאָנט זיך וועגן די מעשיות, וואָס האָבן אַרומ־געריינגלט בולאַנען...

— ווען דער פּעגאַן באַרבאַל לעבט, וואָלט זיך היינט געגאָסן בלוט אין די גאַסן. ער איז געווען אַ פאַרברענטער אָנהענגער פון געצנדינסט!... — האָט עמיץ זיך אָנגערופן.

— דאָס וואָס ער האָט אויסגעטרונקען דעם בעכער גיפט, איז אַ באַווייז, אַז ער אַליין האָט שוין אָנגעהויבן צו צווייפלען. ווייל אַ גלייביקער נעמט זיך אַליין נישט דאָס לעבן, נאָר קעמפט פאַר זיין גלויבן — האָט אַ צווייטער אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג.

פול מיט פרייד איז געווען דער פּרינץ קאַזאַר נאָך דעם אויסגאַנג פון דעם היינטיקן וויכוח. ער האָט שוין לאַנג געהאַט באַשלאָסן איבערצורייסן מיטן געצנ־דינסט, אָבער ער האָט נאָך צוגעוואַרט אויף זיין פאָטער, אַז ער זאָל עס מאַכן אויף אַן עפנטלעכן שטייגער. ער איז גלייך מיט עמרמען אַוועק צום הויז פון יצחק סאַנגורי, ווו דער רבי האָט אים אויפגענומען מיט גרויס שמחה.

— האָסטו געלערנט דורך דער צייט?... — האָט ער געפרעגט דעם פּרינץ קאַזאַר — ביסטו שוין באַקאַנט מיט די עיקרים פון אונדזער אמונה?... ביסטו גרייט דורכצוגיין די גרעסטע מצווה, וואָס אַ ייִד דאַרף דורכגיין אין די ערשטע טעג פון זיין געבוירן?... און דאָס, זיי וויסן, איז דער אייגנטלעכער סימן, אַז האָסט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט גאָט, אונדזער גאָט, דעם זעלבן אָפּמאַך, וואָס אונדזער פאָטער אברהם האָט געשלאָסן און געלאָזט זיך באַשניידן...

— יאָ, רבי... — האָט אַ פאַרשעמטער דער פּרינץ קאַזאַר געענטפערט — איך האָב געלערנט, און וואָס מער איך לערן, אַלץ מער זע איך איין די שיינקייט פון ייִדישן גלויבן, און דאָס האָבן דאָך היינט אַפילו זיינע קעגנער צוגעגעבן... איך בין גרייט כורת־ברית צו זיין מיט אייער גאָט, וואָס איז אויך מיין גאָט, וועמען איך האָב ליב מיט מיין גאַנץ האַרץ און מיט מיין גאַנצער נשמה...

ער האָט שיער נישט געזאָגט, ווי איך האָב ליב דיין טאָכטער אסתר, די שענסטע אין דער גאַנצער וועלט... אָבער ער האָט זיך מיט אַלע כוחות צוריקגעהאַלטן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט, אַז דער ייִדישער רבי זאָל אויף איין צענט־חלק פון אַ רגע מיינען, אַז נאָר צוליב דעם שענסטן מיידל אין דער וועלט נעמט ער אָן די ייִדישע אמונה...

נאָך דעם זעלבן אָוונט האָט ער זיך מיט דער הילף פון עמרמען באַגעגנט מיט אסתרן. זי האָט שוין געהאַט געהערט וועגן דעם וויכוח, וואָס איז היינט פאָרגעקומען אין פּאַלאַץ פון כאַקאַן, און מען האָט געקאָנט דערוואַרטן גאָר גרויסע זאַכן מצד דעם כוזרישן פאָלק. דאָס האַרץ ביי איר האָט זיך געצאַפּלט און שיער נישט אַרויסגעשפּרונגען פון איבערגעפולטער פרייד... ווען זי שעמט זיך נישט פאַר עמרמען, וואָלט זי איצט געפאַלן אויפן פּרינצס האַלדז און זיך גוט אויסגעוויינט פאַר גרויס גליק. די אויגן האָבן ביי איר אויפגעלויכטן, ווען זי האָט דערזען די צוויי בחורים אַריינקומען צו איר אין צימער...

— וואָס ברענגט איך צו מיר?... — האָט זי געפרעגט ביידע, אָבער איר בליק איז געווען אָנגעשטעלט אויפן פּרינץ קאַזאַר.

— דאָס גרעסטע גליק אין דער וועלט! — האָט פּרינץ קאַזאַר געענטפערט.

— וואָס פאַר אַ גליק?... — האָט זי אַ ציטער געטאָן מיט איר שטים — גליק אין פאַראַן פאַרשידנס...

— איך האָב געזאָגט: דאָס גרעסטע גליק!... — האָט פּרינץ קאַזאַר איבער־געחזרט מיט לויכטנדיקע אויגן — און וואָס קאָן זיין אַ גרעסער גליק, ווי דיך ליב צו האָבן?...

אסתר איז רויט געוואָרן ווי פּורפּור. טרערן האָבן אַ פינקל געטאָן אין אירע אויגן, אָבער דאָס זענען געווען טרערן פון אויסערגעוויינלעכן גליק...

„ער האָט מיך ליב... — האָט זי אַ טראַכט געטאָן — אָבער צי ווייסט ער

כאָטש אַ הונדערטסטל דערפון וויפל איך לייד צוליב אים אין די טעג און אין די נעכט?..."

זי האָט נישט געפונען די ווערטער, וואָס זי וואָלט געוווסט צו זאָגן דע־מאָלט, ווען זי חלומט וועגן אים. איצט, ווען ער שטייט פאַר איר אין דער ווירק־לעכקייט, זענען אַלע שיינע ווערטער אַוועקגעפלויגן ערגעץ־ווו אין אַ ווייטן חלל אַריין...

— האָסט מיך ליב, אסתר?... — האָט דער פּרינץ ענדלעך איבערגעריסן איר שווייגן.

אַנשטאָט צו געבן אַן ענטפער, איז זי אַ פאַל געטאָן אויף זיין ברוסט און אַ העשען האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר האַלדז. טרערן האָבן זיך געגאָסן — אַ קוואַל.

— קאַזאַר... — האָט זי באַוויזן אויסצורופן — מיין טייערער קאַזאַר...

מער האָט זי גאָרנישט געזאָגט, אָבער דאָס איז גענוג געווען פאַרן פּרינץ... ער האָט שוין געוווסט, אַז ער איז דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט. עמרם האָט אים מקנא געווען.

קאַפּיטל ניין

דאָס כוזרישע פאָלק איז זיך מגייר

די ערשטע טעג פון חודש אלול. די אָראַנזשן־ביימער זענען געווען אין זייער גאַנצן פונאַנדערבלי. די ווייסע און ראָזע קווייטן האָבן שוין אָנגעהויבן אַראָפּ־פאַלן, פון צווישן די געדיכטע גרינע בלעטער האָבן געגומען אַרויסקריכן גרינע קליינע אָראַנזשן, ווי גרינע פלוימען און האָבן פונאַנדערגעטראָגן אַן אויסטער־ליש־שאַרפן ריח. וואו־ביסט־וואו האָט אַן אָראַנזשל אָנגעהויבן קריגן אַ גאָלדן בעקל דורך דעם גלעט פון אַ זון־שטראַל... אויף דער ערד האָט מען געטרעטן איבערן בליעכטס ווי אויף אַ ווייכן, טייערן פילקאָלירטן טעפּיך. פון ים האָט שוין פון צייט צו צייט אַ בלאָז געטאָן אַ קיל ווינטל, אַ צייכן, אַז דער זומער הייבט זיך אָן געזעגענען מיטן לאַנד.

אין דעם קוואַרטאַל, וווּ עס האָבן געוווינט די ייִדן, האָט מען געהערט יעדן קילן פרימאָרגן שופר־בלאָזן, און ווען ס'איז נאָך קוים פאַרטאָג געווען האָט מען געזען אייניקע מאַנסבילן גיין זיך טובל־זיין אין די קאַלטע כוואַליעס פון כוזרישן ים. צווישן זיי אזוי אויך געווען ר' יצחק סאַנגורי. ער איז געווען אָנגעטאָן אין ווייסן זיידנס. דער ים האָט זיך נאָך געריוטלט נאָך דעם זון־אויפגאַנג און גע־מיגיעט זיך אין רעגנבויגנדיקע פאַרבן.

צוזאַמען מיט אים איז געגאַנגען דער יונגער עמרם. ער איז די לעצטע טעג געווען זייער האַפּערדיק. דאָס פּנים האָט געשיינט, ווי עס וואָלט שטענדיק אַ זון־שטראַל אויף זיין שטערן געלעגן... די אויגן האָבן ביי אים געפלאַקערט ווי צוויי ברענענדיקע הבדלות. ער האָט געהאַט אַ גוטע אורזאַך צו זיין אַזוי גליק־לעך. ער איז אַנומלט פאַרבעטן געוווען צום כאַקאַן, צוזאַמען מיט זיין בעסטן פריינט, דעם פרינץ קאַזאַר. זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג, ווי אַזוי איינ־צואָרדענען דעם גרויסן יום־טוב, ווען דאָס פאָלק וועט אָפיציעל, מיטן כאַקאַן און זיין משפחה אין דער שפּיץ, אָננעמען דאָס ייִדישע גלויבן. דער כאַקאַן האָט געוואָלט די דאָזיקע היסטאָרישע פּאַסירונג פאַרוואַנדלען אין אַ גראַנדיעזן יום־טוב, מיט טענץ און מוזיק און מיט פייערלעכע פּראָצעסיעס, בעת וועלכע עס וועלן ווייען אין דער לופט פאַרשידנקאָלירנדיקע פענער.

די גאַנצע קעניגלעכע משפּחה, מיט דער קעניגין סידהאַרטע, וועלכע האָט שוין געהאַט געביטן איר נאָמען אויף „בת־שבע", איז געווען אָנוועזנדיק ביי דער

דאָזיקער באַראַטונג און אויך ר׳ יצחק סאַנגורי, וועמענס וואָרט עס איז געווען הייליקביים כּאַקאַן בולאַן. עס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן די פּלענער ביז צו דער קלענסטער איינצלהייט. די פייערונג איז באַשטימט געוואָרן אויפן פּופצנטן טאָג פון חודש אלול, צוויי וואָכן פאַר ראש־השנה, אַזוי אַז אויף דעם דאָזיקן פּירכטלעכן טאָג פון ניי־יאָר זאָל דאָס כּוזרישע פאָלק שוין זיין ייִדיש...

ווען די פאַרזאַמלטע זענען זיך שפּעט אין דער נאַכט פונאַנדערגעגאַנגען, און עמרם האָט זיך אָנגעהויבן דערווייטערן פון קעניגלעכן פּאַלאַץ, האָט אים ביים טירל פון דעם פּרעכטיקן גאָרטן אָפּגעוואַרט די פּרינצעסין סולימאַ, וועלכע האָט נישט אויסגערעדט קיין איין וואָרט, נאָר מיט דער גאַנצער ליידנשאַפט פון אַ יונג רייף מיידל, האָט זי זיך געוואָרפן אויף עמרמס האַלדז און איינגעביסן זיך אין זיינע ליפּן און זי האָט שטיל זיך צעוויינט, גלייך עס וואָלט אויפגעלייזט געוואָרן אין איר אַ פּיין פון יאָרן גאַנצע...

— מיין איינציקער, מיין... מיין... — האָט זי נישט געפונען קיין ווערטער וואָס צו זאָגן וועגן איר גרויסער און אומבאַשרייבלעכער ליבשאַפט צו אים, און זי האָט אָנשטאָט מיט רייד, אויסגעדריקט איר גרויסע ליידנשאַפט מיט קושן און נאָכאַמאָל קושן, אַז זי איז אַזש אַ מידע פון די פיס געפאַלן. זי איז געווען אינגאַנצן צעבראָכן פון איבערגעפולטן גליק. זי האָט געפלאַקערט ווי אַ העליש פייער, זיך געטוליעט צו עמרמען, ווי ווערנדיק אַריינוואַקסן אין אים, איבער־פלאַנצן זיך אין זיין קערפּער און ווערן מיט אים איינס...

עמרם האָט אויך קיין וואָרט נישט גערעדט. ער איז געווען אינגאַנצן צו־טומלט פון דער דאָזיקער אומגעריכטער באַגעגעניש. יאָ, ער האָט באַמערקט נאָך ביים טיש בעת דער באַראַטונג, ווי סולימאַ בויערט אים דורך מיט אירע קויל־שוואַרצע אויגן. עס איז אים יעדעס מאָל הייס געוואָרן אין אַלע אברים, ווי נאָר זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. מען האָט בעת דער באַראַטונג דערלאַנגט פון די טייערסטע שפּייזן און שטאַרקע וויינען, פון וועלכן ר׳ יצחק סאַנגורי האָט גאָרנישט פאַרזוכט, ווייל בולאַן איז נאָך נישט געהאַט אַריבערגעגאַנגען צום ייִדישן גלויבן. דער כּאַקאַן איז אויף אים נישט בייז געווען דערפאַר, אָבער ווי געטאָן האָט עס אים, און אַ טרער האָט אויפגעפינקלט ביי אים אין אויג.

— זאָל דאָס זיין אַן אָפּקומעניש פאַר מיינע ביז־איצטיקע זינד!... — האָט ער כלומרשט אין שפּאַס אויסגערופן צו זיין רבין, אָבער דער דאָזיקער שפּאַס האָט אים פאַרשאַפט געוואַלטיקע יסורים — דערפאַר וועלן מיר אין טאָג, ווען דער הייליקער אַקט וועט פאַרקומען, טרינקען אַ גאַנצן מעת לעת ביזן ווייסן טאָג אַריין...

עמרם האָט אָבער יאָ געטרונקען, דער רבי אַליין האָט דאָס אים דערלויבט.

— דו האָסט אַ גרויס חלק אין זייער אַריבערגיין צו דער ייִדישער אמונה...

— האָט ער צו אים פריִער נאָך, פאַר דער באַראַטונג, געהאַט געזאָגט — דו ווײסט דיר האָבן אײַנגעקויפט די זעלבע מצווה, וואָס אונדזער פאָטער אברהם...

און ווען עמרם איז געווען שוין גוט בגילופין אונטער דעם שטאַרקן רײַז־ווײַן, האָט ער געוואָרפן גלוסטיקע בליקן צו סולימאַן, וואָס האָט זיך אויך איר איבערגעגעבן, און זי האָט פאַרלאָזט דעם טיש, כדי זיך אָפּצוקילן אויף דער ים־לופט אינדרויסן.

דאָרט טאַקע, בײַם אָפענעם טירל פון קעניגלעכן גאָרטן, וואָס גייט אַרויס אויפן ים, האָט ער זי באַגעגנט.

— קום צום ים־ברעג, מײַן טײַערע!... — האָט ער זי צאַרט אָנגענומען בײַ דער האַנט — וועלן מיר אַ ביסל רעדן וועגן אונדזער צוקונפט...

זי איז געגאַנגען, אָבער זיי האָבן גאָרנישט גערעדט. גערעדט האָט פאַר זיי דער מורמלענדיקער ים, דער טונקל־בלויער הימל מיט די אומצייליקע בלוי־גרינע שטערנדלעך, וואָס האָבן אַזוי היימישלעך צו זיי צוגעווונקען, ווי זיי וואָלטן אַלטע גוטע פרײַנט געווען...

ערשט ווען דער האָן האָט אַ קריי־געטאָן און אָנגעזאָגט, אַז ס׳איז האַלבע נאַכט, האָבן זיי זיך ווי פון אַ טיפן שלאָף אויפגעכאַפּט, אין די אויגן זיך אַרײַנגעקוקט און דאָרט דערזען אָן אַ שיער קעגנזײַטיקן גליק. זיי האָבן זיך לאַנג געקושט און געטוליעט זיך איינע צו די אַנדערע. הייסע שעפּטשענדיקע ווערטער, וואָס האָבן קיין שום צוזאַמענהאַנג נישט געהאַט, אָבער צעגליט און אָנגעהיצט זייערע לײַבער, האָבן געפּליסטערט זייערע ליפּן, ביז זיי האָבן זיך ענדלעך צעשיידט.

— נאָך אַ וואָך, און נאָך אַ וואָך, און אונדזער אייביקע פאַראייניקונג וועט ענדלעך קומען... — האָט איר עמרם אין אויער אַרײַנגעהויכט, און סולימאַ האָט אויפגעשוידערט פון דער פייכטער וואַרעמקייט פון זײַנע ליפּן.

**
*

ענדלעך זענען אָנגעקומען די לעצטע טעג פאַר דער פײַערלעכער צערעמאָניע פון אָננעמען דאָס ייִדישע גלויבן דורך אַ גאַנץ פאָלק, מיט זײַנע פירער אין דער שפּיץ.

מיט עטלעכע טעג פריִער זענען די עלטסטע פון כוזרים־פאָלק געקומען אין דער קליינער שול, וואָס ר׳ יצחק סאַנגורי האָט אויסגעבויט בעת זײַן אָנקומען קיין באַלאַנגאַר פון זײַן היימלאַנד בבל. דאָרט, אין דער דאָזיקער קליינער שול, האָט ער מיט זיי געלערנט וועגן די מצוות, וואָס זיי האָבן אָפּצוהיטן. דער כאַקאַן און זײַן זון, דער פּרינץ קאַזאַר ,האָבן זיך ערנסט אײַנגעהערט אין זײַנע רייד, נישט פאַרלירנדיק אַפילו קיין איין קלאַנג. ר׳ יצחק סאַנגורי האָט זיי געהייסן

זיך רייניקן, גיין טבילה יעדן טאָג און אָפּשיידן זיך פון זייערע ווייבער, די וועלכע האָבן ווייבער... ער האָט געשאַפן אַרום זיי די שטימונג פון די שלשת ימי הגבלה, איידער די ייִדן האָבן גענומען די תורה אויפן באַרג סיני.

ער האָט צו זיי גערעדט וועגן די גרויסע שוועריקייטן פון אָפּהיטן אַלע געבאָטן, אָבער וואָס שווערערע מצוות מען נעמט אויף זיך, אַלץ ליבער זענען זיי פאַר גאָט, וועלכער האָט אַפילו אונדזער עלטסטן פאָטער אברהם אויסגעפּרוווט, באַפעלנדיק אים צו ברענגען זיין איינציקן זון יצחק אויף דער עקדה...

ר׳ יצחק סאַנגורי האָט גערעדט וועגן דער הייליקייט פון לאַנד פון ישראל, וואָס איז צו אונדזערע אבות געגעבן געוואָרן פאַר קינדס־קינדער, און דער סוף וועט זיין, אַז דאָס דאָזיקע הייליקע לאַנד, וואָס איז פון אונדז אַרויסגעריסן געוואָרן מיט כוח דורך אַ געצנדינעריש פאָלק, וועט צוריק אונדז אומגעקערט ווערן און דאָס פאָלק, וואָס איז קעגן אונדז באַגאַנגען די גרויסע עוולה, וועט פאַרשווונדן ווערן פון פנים פון דער ערד, גלייך עס וואָלט גאָר קיינמאָל נישט עקזיסטירט...

דער כאַקאַן בולאַן האָט זיך איינגעהערט מיט אַלע זיינע חושים אין די רייד פון זיין רבין, און ענדלעך האָט ער אים געבעטן:

— דערצייל אונדז, רבי, ווי אַזוי איז דער פאָטער אברהם געקומען אויפן געדאַנק צו פאַרוואַרפן דאָס געצנדינסט און אָנגעהויבן גלייבן אין דעם איינאיינציקן גאָט?...

ר׳ יצחק סאַנגורי האָט זיך אַ ווייל פאַרטראַכט. אַ ליכט איז אויפגעגאַנגען איבער זיין פנים און ער האָט געענטפערט:

— אַ שיינע אגדה איז ביי אונדז פאַראַן וועגן דעם: „אין דער זעלביקער רגע, וואָס אברהם איז געבוירן געוואָרן, איז אויפגעגאַנגען אַ שטערן פון מזרח און האָט איינגעשלונגען פיר שטערן אויף אַלע פיר זייטן פון דעם הימל. האָבן די מכשפים געזאָגט צו נמרודן: אַ זון איז אין דער רגע געבוירן געוואָרן צו תרחן און פון דעם זון וועט אַרויסקומען אַ פאָלק, וואָס וועט ירשענען די וועלט און יענע וועלט. אויב דיין ווילן איז, זאָל מען געבן דעם פאָטער אַ פולע שטוב מיט זילבער און גאָלד און זאָל ער דעם זון לאָזן הרגענען. איז באַלד נמרוד אַוועקגעלאָפן צו תרחן און אים געזאָגט: „אַ זון איז צו דיר געבוירן געוואָרן נעכטן, גיב מיר אים אַוועק צו הרגענען און איך וועל דיר דערפאַר געבן אַ פולע שטוב מיט זילבער און גאָלד״. האָט צו אים תרח געזאָגט: „איך וועל דיר געבן אַ משל, צו וואָס די זאַך איז געגליכן. עס איז געגליכן צו אַ פערד, וואָס מען זאָגט צו אים: לאָז דיר אָפּשניידן דעם קאָפּ און מען וועט דיר געבן אַ פולע שטוב מיט האָבער. ענטפערט דאָס פערד: שוטים, וואָס איר זענט, אויב איר וועט מיר אָפּשניידן דעם קאָפּ, צו וואָס טויג מיר דער האָבער?... אַזוי איז מיט

דיר: אויב דו וועסט הרגענען מיין זון, צו וואָס טויג מיר דאָס זילבער מיטן גאָלד, פֿאַר וועמען וועל איך עס איבערלאָזן?״.

„האָט דער קייסער נמרוד צו אים געזאָגט: פֿון דיינע ווערטער זע איך טאַקע, אַז ס׳איז צו דיר געבוירן געוואָרן אַ זון. האָט אים תרח געענטפֿערט: עס איז מיר טאַקע געבוירן געוואָרן אַ זון, אָבער ער איז געשטאָרבן״. האָט צו אים נמרוד ווייטער געזאָגט: איך רעד צו דיר וועגן אַ לעבעדיקן זון און דו דערציילסט מיר אַ מעשה וועגן אַ טויטן זון.

וואָס־זשע האָט געטאָן תרח? ער האָט בהאַלטן זיין זון אברהם אין אַ הייל אויף דריי יאָר צייט. האָט דער אייבערשטער פֿאַר אים אָנגעגרייט צוויי פֿענצ־טער, פֿון איינעם איז גערונען בוימל און פֿון צווייטן האָט זיך געשאָטן מעל... און ער האָט געהאַט מיט וואָס זיך צו דערנערן.

„ווען אברהם איז אַלט געוואָרן דריי יאָר, איז ער אַרויס פֿון דער הייל. ווען ער האָט דערזען אַ גאַנצע וועלט פֿאַר זיך, האָט ער געטראַכט: ווער האָט עס באַשאַפֿן אַזאַ שיינע וועלט? און ווער האָט מיך אַליין באַשאַפֿן? האָט ער אַ גאַנצן טאָג מתפּלל געווען צו דער זון. אין אָוונט, ווען די זון איז אונטערגעגאַנ־גען אויף מערב און פֿון מזרח האָט אויפֿגעשיינט די לבנה, האָט ער אָנגעהויבן תפילה צו טאָן צו דער לבנה און ער האָט זיך געטראַכט: אָט זיי האָבן באַשאַפֿן מיך און די גאַנצע וועלט. ער האָט אַ גאַנצע נאַכט מתפּלל געווען צו דער לבנה און איר געדאַנקט פֿאַר זיין באַשאַפֿונג. אין דער פֿרי איז די לבנה פֿאַרשוווּנדן און ס׳איז ווידער אַרויסגעקומען פֿון מזרח די זון. ווען ער האָט דאָס דערזען, האָט ער אויסגערופֿן: „ניין, נישט ביי זיי אין די הענט ליגט דער גרויסער כּוח, זיי האָבן אַ האַר איבער זיך, צו אים וועל איך תפילה־טאָן און צו אים וועל איך זיך בוקן״...

דער כאַקאַן איז געווען אויסער זיך פֿון דער דאָזיקער אגדה און ער האָט אויסגערופֿן:

— עס איז זייער שיין דערציילט און די געשיכטע האָט מיך גערירט ביז די טיפֿעניש פֿון מיין נשמה... אויך איך וועל תפילה־טאָן צום גאָט פֿון אברהם און צו אים וועל איך זיך בוקן... אָבער דערצייל מיר, רבי, ווי אַזוי האָט דער פֿאָטער פֿון יידישן פֿאָלק פֿאַרטריבן דאָס געצנדינסט פֿון זיין לאַנד, ווייל איך וויל אַראָפּ־נעמען פֿון אים אַ ביישפּיל...

— אויב דו וועסט גיין אין די וועגן פֿון אונדזער פֿאָטער אברהם, וועט דיין לאַנד ווערן גרויס, דיין פֿאָלק מעכטיק און וועסט זיך אויסשפּרייטן אין אַ גרוי־סער אימפּעריע פֿון כּוזרישן ים ביזן ים התיכון!... — האָט אַ באַגייסטערטער ר׳ יצחק סאַנגורי אויסגערופֿן — אויב נישט דו, וועלן עס טאָן דיינע זין אָדער אייניקלעך אין די ווייטערדיקע דורות. זיי וועלן זיך אויסשפּרייטן ביז דעם היי־

ליקן לאַנד פון יהודה און ווערן איין גרויסע מעכטיקע אימפעריע, פאַר וועלבער די גאַנצע וועלט וועט מורא האָבן און זיי וועלן אָנהייבן גיין אין גאָטס וועגן. יאָ, איך וועל דיר דערציילן אַ צווייטע שיינע אגדה, ווי אַזוי אברהם האָט פאַר־טריבן דאָס געצנדינסט, פריער פון זיין פאָטער תרחס הויז און דערנאָך פונעם גאַנצן לאַנד.

און ר׳ יצחק סאַנגורי האָט אים דערציילט:

„דאָס הויז פון אברהמס פאָטער איז געווען דאָס אָרט, וווּ עס זענען אויס־געאַרבעט געוואָרן די שטיינערנע געטער און דערנאָך האָט מען זיי פאַרקויפט אין מאַרק צו פאַרשידענע מענטשן. איין טאָג האָט תרח געזאָגט צו זיין זון, אַז ער זאָל אַרויסגיין אין מאַרק און העלפן אים פאַרקויפן אַ צאָל געטער. תרח האָט אים איינגעפאַקט אין אַ קאַסטן אַ צענדליק שטיינערנע געצן און אים אַרויס־געשיקט אין מאַרק אַריין. איז געקומען צו אברהמען אַ מענטש און געפרעגט: „האָסטו מיר צו פאַרקויפן עפּעס אַ פיינעם גאָט?״ האָט אים אברהם געזאָגט: „וואָס פאַר אַ גאָט ווילסטו דיר אויסקלייבן?״ האָט אים דער מאַן געענטפערט: „איך בין אַ ריז, וויל איך זאָלסט מיר פאַרקויפן פונקט אַזאַ גאָט אַ ריז ווי איך בין אַליין״.

„האָט אברהם גענומען איין געץ, וועלכער איז געשטאַנען העכער פון אַלע איבעריקע געטלעך, און האָט געזאָגט צו דעם מאַן: „גיב אַהער דאָס געלט און נעם דיר דעם גאָט!״ האָט דער מאַן געזאָגט: „צי איז דער גאָט טאַקע אַזוי שטאַרק ווי איך?״ האָט אים אברהם געענטפערט: „דו, נישטיקער יונגאַטש! צי ווייסטו נישט ווי עס פירט זיך ביי געטער? ווער עס שטייט העכער, דער איז דער שטאַרקסטער!...״

„ווען דער מאַן האָט שוין גענומען אַוועקגיין, האָט אים אברהם אַ פרעג געטאָן: „הער נאַר, ווי אַלט ביסטו?״ האָט דער מאַן אים געזאָגט: „איך בין איצט אַלט געוואָרן זיבעציק יאָר!״ האָט אברהם צו אים אויסגערופן: „ווייִ איז צו אַזאַ מענטש, וואָס ער אַליין איז שוין אַלט זיבעציק יאָר און בוקט זיך צו אַ גאָט, וואָס איז ערשט היינט געמאַכט געוואָרן!״ האָט דער מאַן גענומען און אַוועקגעוואָרפן דעם געץ, צוריקגענומען פון אברהמען דאָס געלט און איז אַוועק־געגאַנגען.

„שפּעטער אַביסל איז געקומען אַ פרוי אַן אלמנה און זי האָט געזאָגט צו אברוּהמען: „איך בין אַן אָרימע פרוי, גיב מיר אַזאַ גאָט, וואָס זאָל זיין אַזוי אָרים ווי איך״. האָט אברהם אויסגעקליבן אַ געצל, וואָס איז געשטאַנען צום נידעריקסטן פון אַלע געטער און צו איר זיך אָנגערופן: „אַז ביסט אָרים, טאָ נעם דיר דעם דאָזיקן געץ, דאָס איז אַ געמיין געטל, דעריבער שטייט ער נידע־

ריקער פון אַלעמען, אָבער ער וויל זיך נישט רירן פון אָרט, ביז וואַנען וועסט מיר נישט געבן דאָס געלט״.

„די פרוי האָט אים אָוועקגעגעבן די לעצטע פּאָר פּרוטות און האָט גע־נומען אַוועקגיין. שטעלט זי אָפּ אברהם און ער זאָגט צו איר: „ווי אַלט ביסטו, מומעשי?״ האָט זי אים געענטפערט: „איך בין שוין זייער אַן אַלטע״... מאַכט צו איר אברהם: „אַז פגרן זאָל אַזאַ פרוי, וועלכע איז אַזאַ אַלטע און בוקט זיך צו אַ געטל, וואָס איז מער נישט אַלט ווי איין טאָג״. האָט די פרוי תיכף צוריק־געוואָרפן דעם גאָט אין דער קופּע אַריין, צוריקגענומען ביי אברהמען דאָס געלט און איז אַוועקגעגאַנגען.

נאָכדעם ווי אברהם איז אָפּגעשטאַנען אַ גאַנצן טאָג אויפן מאַרק און אויף דעם זעלביקן שטייגער איינגעטענהט מיט די קונים, האָט ער פאַרנאַכט צוזאַ־מענגענומען די סחורה און איז אַהיימגעגאַנגען צום פאָטער תרח. ווען די איבע־ריקע קינדער אין שטוב האָבן געזען וואָס פאַר אַ גרויסער סוחר אברהם איז, האָבן זיי געזאָגט צום פאָטער: „דער אברהם דיינער איז נישט קיין וואַזשנער סוחר, דו מאַך אים בעסער פאַר אַ כומר (אַ גייסטלעכער)״. האָט זיי אברהם געפרעגט: „וואָס איז די באַשעפטיקונג פון אַ כומר?״ האָבן זיי אים געענטפערט: „אַ כומר שטייט און באַדינט די געטער, איז מקריב צו זיי קרבנות, גיט זיי צו עסן און צו טרינקען״. הכלל, מ׳האָט אים געמאַכט פאַר אַ כומר. האָט זיך אברהם אַוועקגעשטעלט צו דער מלאכה. ער האָט אַנידערגעשטעלט פאַר די געטער שפּייז און געטראַנקען און צו זיי אַזוי געזאָגט: „זייט אַזוי גוט און הייבט אָן עסן און טרינקען, כדי איר זאָלט דערנאָך זיין גוט צו מענטשן״. אָבער קיין איינער פון זיי האָט זיך צום עסן און טרינקען נישט צוגערירט, האָט אברהם דעמאָלט אויס־געדופן: „אַ מויל האָבן זיי און קאָנען נישט עסן, אויגן האָבן זיי און קאָנען נישט זען, אויערן פאַרמאָגן זיי און קאָנען נישט הערן, אַ נאָז הענגט ביי זיי אַראָפּ און קאָנען נישט שמעקן, הענט האָבן זיי און קאָנען נישט אָנטאַפּן, פיס פאַרמאָגן זיי און קאָנען נישט גיין״...

„בינו לבינו איז אַריינגעקומען אַ פרויענצימער און האָט געטראָגן אַ שיסל זעמל־מעל. רופט זי זיך אָפּ צו אברהמען: „זיי אַזוי גוט, כומרל, און זיי דאָס מקריב פאַר די געטער!״ אָפּגעזאָגט, און איז אַוועקגעגאַנגען. האָט אברהם גע־נומען אַ שטעקן אין דער האַנט אַריין און צעשמעטערט אַלע געטער ביז איינעם, אַ חוץ דעם גרעסטן פון זיי. אין גרעסערן גאָטס האַנט אַריין האָט ער אַריינגע־שטעקט דעם שטעקן. דערוויל איז אָנגעקומען תרח. דערזען די דאָזיקע בראָך, האָט ער זיך געפרעגט ביים זון, דעם כומר: „ווער האָט דאָס געטאָן?״ האָט אברהם אומשולדיק געענטפערט: „איך וועל פאַר דיר גאָרנישט פאַרהוילן, טאַ־טע, אַ פרוי איז אַריינגעקומען, געבראַכט זעמל־מעל מקריב צו זיין פאַר די גע־

טער, האָב איך מקריב געווען. האָבן זיך די געטער אָנגעהויבן צו קריגן צווישן זיך. דער האָט געוואָלט פריִער כאַפּן אַ ביסל עסן און אַנדערע האָבן געוואָלט פריִער כאַפּן. האָט גענומען דער גרויסער גאָט דעם שטעקן אין האַנט און האָט זיי אַלע צעשמעטערט". האָט תרח מיט כעס אויסגערופן: „מאַכסט חוזק פון מיר! צי קאָנען זיי דאָס טאָן?..." האָט אברהם זיך אָנגערופן מיט שפּאָט אין זיין טאָן: „הער זיך נאָר גוט איין מיט דיינע אויערן, וואָס דיין מויל זאָגט!"...

ווען ר' יצחק סאַנגורי האָט פאַרענדיקט די מעשה, איז דער כאַקאַן אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ און מיט אַ געריירטער שטים אויסגערופן:

— אויך איך וועל אַזוי טאָן! באַלד גיב איך אַרויס אַ באַפעל, מען זאָל אַוועקגיין אין טעמפּל פון גאָט סידהאַרטע און צעשטויסן דאָרט אַלע שטיינערנע געצן און זייער שטויב זאָל מען אַריינוואַרפן אין כוזרישן ים, כדי עס זאָל בלייבן אויף אייביק אין געדעכעניש, אַז דאָ, אין דעם דאָזיקן ים פון מיין אימפּעריע, איז צעשטערט געוואָרן דאָס געצנדינסט פון מיין לאַנד, אַז מיין פאָלק האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די עבודה זרה און אָנגענומען דאָס גלויבן פון גאָט פון אברהם, יצחק און יעקבֿ!

דאָס פּנים זיינס האָט געלויכטן פון דעם דאָזיקן באַשלוס. ער איז געווען צופרידן מיט זיך. ער איז דער ערשטער כוזרישער מלך, וואָס פאַרוואַרפט דאָס געצנדינסט און ער טרעט אַריין אין אַ בונד מיט גאָט, וואָס האָט אַרויסגענומען די יידן פון מצרים און זיי געבראַכט אין צוגעזאָגטן לאַנד פון כנען.

אַלע ראַטגעבער פון כאַקאַן, זיין זון, דער קרוינפּרינץ קאַזאַר און דאָס ווייב זיינס, די געוועזענע סידהאַרטע און איצט „בת־שבע", נאָכן נאָמען פון קעניג דודס באַליבטן ווייב, האָבן זיך אויפגעשטעלט און געמאַכט אויסרופן לכבוד דעם גרויסן מלך, וועמענס נאָמען איז פאַרביטן געוואָרן פון „בולאַן" אויף סבריאל... דאָס האָט באַטייט: ער הערט זיך צו צו גאָטס רייד...

ווען די אסיפה האָט זיך פאַרענדיקט, איז שוין געווען פאַרנאַכט. דורך די אָפענע קאָלירטע פענצטער האָט אַריינגעשיינט די רויטע שקיעה, וואָס האָט אָפּגעגאָסן אַלעמענס פּנימער מיט אַ פּורפּור־פאַרב. עס האָט געהערשט אַ פריילעכע שטימונג, און אַ געטלעכקייט האָט אויף אַלעמענס געמיטער גערוט און אַלע האָבן זיך געפילט געהויבן...

אויף די גאַסן האָט געראַיעט פון פיל מענטשן, וועלכע האָבן אָפּגעוואַרט דעם אויסגאַנג פון דער היינטיקער אסיפה. אויב עס זענען נאָך געווען אָנהענגער פון אומגעקומענעם פּעגאַן באַרבאַל, האָבן זיי זיך פאַרשטעקט אין זייערע הייזער און מורא געהאַט אַרויסצוקומען אין גאַס אַריין, ווייל זיי וואָלטן פאַרשטייניקט געוואָרן פון דער מערהייט, וועמענס געדאַנקען זענען געווען די זעלביקע געדאַנקען פון זייער באַליבטן כאַקאַן.

ווען בולאַן האָט זיך באַוויזן אין גאַס, אַרומגערינגלט פון זיינע מקורבים און מיט יצחק סאַנגורי אינדערמיט, האָט אויסגעבראָכן אַן אַפּלאָז און טייזנ־טער מענטשן האָבן געמאַכט אויסרופן. פלוצלינג האָט זיך דערהערט אויך אַן אויסרוף: „דער יידישער רבי ר׳ יצחק סאַנגורי דאַרף ווערן דער פּעגאַן״!...

דער כאַקאַן האָט גליקלעך זיך צעשמייכלט און געזאָגט שטיל צו זיינע נאָענטע:

— עס איז אמת, וואָס מיין רבי האָט מיר אַנומלט געזאָגט: „די שטים פון פאָלק איז ווי די שטים פון גאָט״. מיר איז דאָס גאָרנישט איינגעפאַלן ווי אַזוי אָפּצוצאָלן מיט כבוד דעם רעטער פון מיין נשמה און די נשמות פון דעם גרעסטן טייל כוזרים... דעם פאָלק איז עס יאָ איינגעפאַלן...יאָ, ר׳ יצחק סאַנגורי ווערט מיין שני למלך, אָדער ווי ביי אונדז, כוזרים, רופט ער זיך — דער פּעגאַן.

— ר׳ יצחק זאָל ווערן דער פּעגאַן! — האָט זיך ווידער דערהערט שטימען, וואָס זענען אויפגעכאַפּט געוואָרן פון מער מענטשן.

עס איז געווען אַ שמעקעדיקער אָוונט. דער הימל האָט זיך נאָך ווי־נישט־ווו געוויטלט ביי די ראַנדן, אָבער אין דער הויך האָט שוין געשיינט אַ גרויסע קיי־לעכדיקע לבנה, וואָס האָט געזייט מיט זילבער איבער דער ערד, איבערן ים, און אַ רויִקע שטילקייט האָט אַראָפּגענידערט איבער גאַטס וועלט און איינגעפלאַנצט רויִקייט אין די הערצער פון די מענטשן.

די קעניגין איז איצט געזעסן איינע אַליין מיטן קעניג און האָט זיך צוגע־קוקט צו דער שיינענדיקער לבנה און עס איז איר אין מוח אויפגעשווומען דאָס בילד, ווי זי האָט זיך באַגעגנט מיט איר באַשערטן אין וואַלד, און אַ וואַרימ־קייט האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן איבער איר קערפּער. זי האָט אַנגעלענט דעם קאָפּ אויפן אַקסל פון מלך און עס האָט פאַר איר לעבעדיק אויפגעטויכט דאָס דעמאָלטיקע בילד, ווי זי איז אַ נאַקעטע געשטאַנען צווישן די געדיכטע צווייגן פון וואַלד און געוואַרט, אַז איר באַשערטער זאָל זי באַצווינגען. נאָר דער גאָט פון ישראל האָט זי געראַטעוועט פון שאַנד און אָנשטאָט חרפּה האָט ער איר אָנגעטאָן די קרוין אויפן קאָפּ. טרערן האָבן אָנגעהויבן קוואַלנווייז צו רינען אי־בער אירע באַקן און זי האָט מיט צאַרטער ליבע געגלעט דעם מאַנס האַנט און געקושט זי...

— דו ווייסט, מיין טייער ווייב — האָט דער כאַקאַן מיט אַ שטילער שטים זיך אָפּגערופן צו דער קעניגין — זינט איך האָב באַשלאָסן אָנצונעמען דאָס יידי־שע גלויבן, האָט זיך אויפגעהערט אין מיינע חלומות צו באַוויזן דער ברענענ־דיקער מלאך מיט זיין שטענדיקער צודרינגלעכער פראַגע, פאַרוואָס איך האַלט מיך ביי מיינע שלעכטע מעשים... זעט דאָך טאַקע אויס, אַז דאָס האָט מען גע־וואָלט אין הימל... דער רבי, ר׳ יצחק סאַנגורי, האָט מיך געפירט אויפן ריכטיקן

וועג, פאַר וועלכן איך וועל אים דאָס גאַנצע לעבן דאַנקבאַר זיין און מיין פאָלק וועט אים אייביק געדענקען...

די קעניגין האָט זיך נאָך מער געטוליעט צו אים און געשעפּטשעט מיט די ליפּן:

— גאָט האָט דיך באַשאַנקען, מיין מאַן, מיט גרויס חכמה און פאַרשטאַנד און איך בין די גליקלעכסטע אין דער וועלט, וואָס דער גורל האָט אונדז פאַר־אייניקט ביידע אין איין בונד פון ליבשאַפט און איבערגעבנקייט... זאָל געבענטשט זיין גאָט, דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב און איצט אויך דער גאָט פון דעם פאָלק פון די כוזרים.

עס איז ווידער געוואָרן שטיל. די לבנה האָט אַריינגעשיינט דורך די אָפענע פענצטער און געגאָסן מיט זילבער־שטראָמען אין דעם טונקעלן צימער און איינ־געהילט אַלץ אין אַ פאַנטאַסטישער קאָליר, וואָס האָט אויסגעזען ווי נישט דאָ־וועלטיק. עס האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז זיי שוועבן אַוועק אין דעם וואָלקן־שיין פון לבנהדיקן זילבער־גרין ערגעץ אין אַן אומבאַקאַנטער נייער וועלט אַריין. אַלץ אַרום האָט אויסגעזען ווי אַ צויבערלעכער חלום, וואָס איז גאָרנישט מעגלעך אויף דער וואָר. דורך די פענצטער האָט זיך געהערט דאָס שטילע געשעפּטש פון די כוואַליעס אין ים, וואָס האָט אַזוי געגלעט דאָס געמיט, און אַ רויִקייט האָט אַראָפּגעניִדערט אויף דער וועלט, איינגעדרימלט זיי און איינגעוויגט, ביז זיי זענען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף.

***

עס איז אָנגעקומען דער פופצנטער טאָג אין חודש אלול פון יאָר ד׳ אלפים תק״י (750). דער דאָזיקער טאָג האָט זיך עפּעס אונטערשיידט פון אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, און אפשר האָט זיך דאָס די איינוווינער פון כוזרים־לאַנד אַזוי אויסגעדאַכט צוליב דער גרויסער געשעעניש, וואָס זיי זענען אין דעם טאָג דורכ־געגאַנגען. די זון איז עפּעס מאָדנע רויט, ווי אַ פייער־פלאַקער, אויפגעגאַנגען אויף מזרח און אָנגעצונדן די וועלט פון איין עק ביזן צווייטן. דער ים האָט זיך געבאָדן אין פייער־פלאַקערדיקע שטראַלן און איז געוועזן רויט אָנגעגליט. אין די טויזנטער זענען די כוזרים, מיט זייער כאַקאַן אין דער שפּיץ, געגאַנגען פאַרטאָג צום ים און זיך טובל געוועזן זיבן מאָל. זיי האָבן זיך נאָך דעם געפילט ווי ניי־געבוירן, נייע מענטשן זענען זיי געוועזן און גאָר מיט אַנדערע אויגן אָנגעהויבן קוקן אויף דער וועלט. די רויטע זון, זענען זיי געוואָר געוואָרן מיטאַמאָל, איז נישט זייער גאָט, נאָר פונקט ווי זיי אַליין — איינע פון די פיל דינער פון וועלט־באַשאַפער, וועלכער האָט נישט קיין גוף און אַפילו נישט קיין געשטאַלט פון אַ גוף. מען זעט אים נישט און ער איז דאָ אומעטום. זיין פּראַכט רוט אויף אַלע

מענטשן און מאַכט זיי אונטערשיידן מיט זייערע לויטערע מחשבות פון דער חיה אין וואַלד...

פון אַלע שטובן אַרויס האָט מען אויף וועגענער געפירט די שטיינערנע געצן צום ים, דאָרט האָט מען זיי צעשטויסן אויף שטויב און אין ים אַריינגעשאָטן. דערביי האָט מען געיובלט, געטאַנצט און געזונגען פאַרשידענע לידער, וואָס זיי האָבן זיך אין די צוגרייטונגס־טעג געלערנט:

„הללויה, גיט אַ דאַנק צו גאָט, וואָרים ער איז גוט, וואָרים אויף אייביק איז זיין גנאָד. ווער קאָן אויסרעדן די גבורות פון גאָט, מאַכן הערן זיין גאַנצן לויב? — הודו לה׳ כי טוב כי לעולם חסדו!...

און אויסגעלאָזט האָבן זיי דאָס ליד מיט אַ רעפריין:

„געלויבט איז גאָט, דער גאָט פון ישראל פון אייביקייט ביז אייביקייט, און זאָל דאָס גאַנצע פאָלק זאָגן: אמן! הללויה!“...

עס זענען אויך פאָרגעקומען קאָמישע צופאַלן. אַ פאַמיליע האָט צונויפגעזאַמלט די שטיינערנע געטלעך פון שטוב און איידער זיי האָבן זיי אויפן וואָגן אַרויפגעוואָרפן, האָבן זיי אַ קוש געטאָן דעם קאַלטן שטיין און געשעפּטשעט מיט די ליפּן: „אויב מיר טוען שלעכט דערמיט, וואָס מיר פאַרוואַרפן אייך היינט און צעשטויסן אויף שטויב, נעמט אונדז נישט פאַר אומגוט, וואָרים מיר האָבן אייך דאָס גאַנצע לעבן געדינט געטריי און פול מיט גלויבן... עס איז אַ גזירה פון כאַקאַן, וואָס מיר מוזן געהאָרכזאַם דורכפירן“...

אָבער אַזעלכע פאַלן זענען געווען פאַראיינצלטע. די דאָזיקע מענטשן האָבן נאָך נישט געהאַט פאַרנומען מיט זייער שכל די לערע, וואָס מ׳האָט זיי אין די חדשים פון צוגרייטונג געלערנט.

די זון איז איצט געשטאַנען הויך אינמיטן הימל. די גאַסן זענען געווען געדיכט מיט מענטשן, מענער, פרויען און קינדער, אַלע אין זייערע שענסטע, קאָלירפולע קליידער אָנגעטאָן. אַזוי האָט באַפוילן דער כאַקאַן, און זיין באַפעל איז געווען הייליק. אַלע אין איין רייע. ווער אויף פערד און ווער צופוס, זענען איצט געגאַנגען ווייט אַוועק הינטער דער שטאָט, ווו עס איז געווען אין די בערג אַ הייל פון טויזנטער יאָרן צוריק. אין דער דאָזיקער הייל האָבן די ערשטע יידן, וואָס זענען אָנגעקומען אין דעם לאַנד פון די כוזרים, זייער בית־תפילה געמאַכט און זיי האָבן געהאַט דאָרט אין אַן אָרון ליגן זייערע הייליקע ספרים אויף פאַרמעט געשריבן. אין דער דאָזיקער הייל, האָט דער כאַקאַן באַשטימט, זאָל פאָרקומען די הייליקע צערעמאָניע פון איבערגיין אין דעם יידישן גלויבן.

פון פריִער־אויס האָט מען דאָ אַהער די טייערסטע קאָלירפולע טעפּיכער געבראַכט, אויף די פייכטע ווענט פון דער שטיינערנער הייל אויסגעהאָנגען, אויף די דילן אויסגעלייגט. מען האָט אָן אַ שיעור מנורות אַהערגעבראַכט און בעקנס

מיט בוימל, און ווען מען האָט דאָס אַלץ אָנגעצונדן, האָט אַ ליכטיקייט אָנ־געפּילט די הייל, פּונקט ווי בייטאָג. מ׳האָט די טייערסטע קטורת געדעמפּט און אַ ריח־ניחוח האָט זיך פאַרשפּרייט אינעווייניק און דורך דער עפענונג איז אַרויס־געקומען פון דער הייל אַ בלויז רויכל, וואָס האָט פאַרשמעקט דעם גאַנצן אַרום...

פיל שעהן האָט גענומען, ביז דער גאַנצער עטלעכע טויזנט קעפּיקער עולם האָט צוגעמאַרשירט צו דער דאָזיקער הייל. דער וועג האָט געפירט לענגאויס דעם ברעג פון ים, צופוסנס פון די בערג. פון איין זייט איז געפאַלן אַ שאָטן פון די הויכע בערג און פון דער צווייטער זייט האָט געזילבערט זיך דער רויִקער ים, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו דער היסטאָרישער סצענע פון אַ גאַנץ פאָלק, וואָס ווױנט שוין דאָ ביי זיין ברעג אַזוי פיל הונדערטער יאָרן.

נישט אַלע האָבן זיך מגייר געווען אין דעם איינעם טאָג, עס איז פּשוט נישט געווען קיין מעגלעכקייט דאָס צו טאָן. אין דעם טאָג פון 15טן אין חודש אלול האָבן זיך מגייר געווען בלויז די חשובסטע מענער און פרויען אין לאַנד, מיטן כאַקאַן בולאַן אין דער שפּיץ.

ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין דער טונקעלער הייל, וואָס איז מיטאַמאָל אויפגעשוווּמען אין דער ליכטיקייט פון די טויזנטער ליכט פון די מנורות און פון די בעקנס בוימאייל, האָט אַ ציטער אַלעמען דורכגענומען. אַלע זענען געווען אָנ־געטאָן אין ווייסע קליידער און די קעפּ באַדעקט מיט ווייסע הויכע היטלען. אַ פייערלעכקייט האָט גערוט אויף אַלעמענס פּנימער און אין די הערצער האָט גע־קלאַפּט ווי מיט האַמערס צוליב דער מורא פאַר גאָט, דעם אומבאַקאַנטן גאָט פון פאָלק ישראל, וואָס דאַרף איצט אויך ווערן זייער גאָט לעולם ועד.

מ׳האָט ממש געפילט אין דער ריזיקער הייל, ווי עס רוט דאָ די שכינה, מען האָט געהערט דאָס פלאַטערן פון די פליגל פון די מלאכים. אויף אַ דערהויבענער בימה איז אַרויפגעטרעטן ר׳ יצחק סאַנגורי, אָנגעטאָן אין ווייסן זיידנס, דאָס גרויע בערדל זיינס האָט געציטערט און געפלאַטערט אויפן קוים־באַמערקבאַרן ווינטל, וואָס האָט פון צייט צו צייט אַ בלאָז געטאָן פון הייסן דרויסן. די אויגן זיינע האָבן געפלאַקערט ווי צוויי ברענענדיקע הבדלות, און דאָס פּנים זיינס האָט געשיינט, ווי ביי אַ געטלעכן מלאך. ער איז געווען ערנסט און פאַרכטיק. ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַן אַלטע ספר־תורה, וואָס איז נאָך געשריבן געוואָרן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, נאָך פון די צייטן, ווען עס האָט עקזיסטירט דאָס מלכות יהודה אין הייליקן לאַנד.

צוויי מענטשן זענען אויף זיין ווונק צוגעקומען און האָבן זיך אַוועקגע־שטעלט אויףביידע זייטן פון דער בימה, אויף וועלכער עס איז אויסגעשפּרייט געוואָרן די פאַרמעטענע ספר־תורה און זיי האָבן זי אָנגעהויבן צו וויקלען אויף דער אָנווייזונג פון ר׳ יצחק סאַנגורי.

אַ שטילקייט האָט געהערשט אין דער הייל, כאָטש עס זענען דאָרט געווען פאַרזאַמלט עטלעכע טויזנט מענטשן. אַ הייליקע שטילקייט. ענדלעך האָט מען אויפגעהערט אויפצוּוויקלען די ספר־תורה. ר' יצחק האָט אָנגערירט דעם פּלאַץ מיטן עק פון זיין טלית, וואָס ער האָט געהאַט אויף זיך און אַ קוש געטאָן. ער האָט הויך געמאַכט די ברכה, וואָס האָט מיט זיין קלאָר קול און געציילטע ווער־טער אַרויסגערופן אַ ציטער אין אַלעמענס הערצער: געלויבט ביסטו אונדזער גאָט, דער האַר פון דער וועלט, וואָס האָסט אונדז אויסדערוויילט פון צווישן אַלע פעלקער און האָסט אונדז געגעבן דיין תורה, געלויבט ביסטו גאָט, וואָס גיט אונדז די תורה...

און ער האָט מיט אַ קלינגענדיקער מעטאַלענער שטימע אָנגעהויבן לייענען דאָס 20סטע קאַפּיטל פון חומש שמות, סדרה יתרו:

„און גאָט האָט גערעדט אַלע די דאָזיקע ווערטער, אַזוי צו זאָגן: איך בין גאָט דיין גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט.

„זאָלסט נישט האָבן אַנדערע געטער פאַר מיין פּנים. זאָלסט דיר נישט מאַכן אַ געשניץ, אָדער אַ שום געשטאַלט, פון וואָס אין הימל אויבן, אָדער וואָס אויף דער ערד אונטן, אָדער וואָס אין וואַסער אונטער דער ערד. זאָלסט זיך נישט בוקן צו זיי און זאָלסט צו זיי נישט דינען; ווארים איך גאָט דיין גאָט בין אַ צאָרנדיקער גאָט, וואָס רעכן זיך פאַר די זינד פון די פאָטערס מיט די קינדער, מיטן דריטן און מיטן פערטן דור פון די, וואָס האָבן מיך פיינט, און איך טו חסד מיטן טויזנטסטן גליד פון די, וואָס האָבן מיך ליב, און פון די, וואָס היטן מיין געבאָט.

„זאָלסט נישט אַרויפברענגען דעם נאָמען פון גאָט דיין גאָט צום פאַלשן, וואָרים גאָט שענקט נישט דעם, וואָס ברענגט אַרויף זיין נאָמען צום פאַלשן.

„געדענק דעם טאָג פון שבת, אים צו האַלטן הייליק. זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן אַלע דיינע מלאכות, אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת צו גאָט דיין גאָט, זאָלסט נישט טאָן קיין מלאכה, דו און דיין טאָכטער, דיין קנעכט און דיין דינסט, און דיין בהמה און דיין פרעמדער, וואָס אין דיינע טויערן. וואָרים זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד, דעם ים און אַלץ, וואָס אין זיי, און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער גערוט; דאַרום האָט גאָט געבענטשט דעם טאָג פון שבת, און האָט אים געהייליקט.

„האַלט אין כבוד דיין פאָטער און דיין מוטער, כדי דיינע טעג זאָלן זיך לענ־גערן אויף דער ערד, וואָס גאָט דיין גאָט גיט דיר. זאָלסט נישט הרגענען; זאָלסט נישט מזנה זיין; זאָלסט נישט גנבענען; זאָלסט נישט זאָגן אויף דיין חבר

פאַלשע עדות; זאָלסט נישט גלוסטן דיין חברס הויז; זאָלסט נישט גלוסטן דיין חברס ווייב, אָדער זיין קנעכט, אָדער זיין דינסט, אָדער זיין אָקס, אָדער זיין אייזל, אָדער וואָס נאָר עס איז דיין חברס.

„און דאָס גאַנצע פאָלק האָט בייגעוויזנט די דונערן און די פלאַמען און דאָס קול פון שופר און דעם רויכיגן באַרג; און ווי דאָס פאָלק האָט דאָס געזען, אַזוי האָבן זיי געציטערט, און זענען געשטאַנען פון דער ווייטן, און זיי האָבן גע־זאָגט צו משהן: רעד צו אונדז און מיר וועלן הערן, און זאָל נישט רעדן צו אונדז גאָט; מיר וועלן חלילה שטאַרבן.

„האָט משה געזאָגט צום פאָלק: איר זאָלט נישט מורא האָבן, וואָרים כדי אייך צו פּרוון איז גאָט געקומען, און כדי זיין מורא זאָל זיין פאַר אייער פּנים, אַז איר זאָלט נישט זינדיקן. איז דאָס פאָלק געשטאַנען פון ווייטן, און משה האָט גענענט צו דעם נעפל, וואָס דאָרטן איז געווען גאָט...״

ר׳ יצחק סאַנגורי האָט געלייענט די עשרת הדברות מיט אַ קלאָר און פייער־לעך קול, וואָס איז אַלעמען אַריינגעדרונגען טיף אין די הערצער און אַ הייליקע ציטערניש האָט אַלעמען דורכגענומען.

דאָס פאָלק האָט שטיל געשוויגן און זיך איינגעהאָרכט אין יעדן וואָרט, וואָס איז פון לשון־קודש איבערגעזעצט געוואָרן אויפן לשון פון די כוזרים דורך זיין תלמיד עמרם. עס האָט זיך געדאַכט צו פאַרנעמען די זעלבע קולות וברקים, וואָס די ייִדן האָבן פאַרנומען, שטייענדיק אונטער דעם באַרג סיני. די פלעמלעך פון די טויזנטער ליכט האָבן זיך מיטאַמאָל אויסגעוויזן צו זיין די פלאַמען, וואָס קו־מען פון הימל, און אָט אין די דאָזיקע פלאַמען באַהאַלט זיך דער אומגעזעענער גאָט פון די ייִדן.

דער כאַקאַן אַליין איז געווען זייער ערנסט אויף זיין פּנים. דאָס געזיכט זיינס האָט געפלאַקערט פון דערהויבנקייט און אין זיינע אויגן האָבן געברענט צוויי גליאיקע פייערלעך. ער האָט מיט די ליפּן נאָכגעשעפּטשעט יעדעס וואָרט, וואָס ר׳ יצחק סאַנגורי האָט אַרויסגעלייענט פון דער פּאַרמעטענער ספר־תורה, און ביי יעדן וואָרט האָט ער מכוון געווען עס אָפּצוהיטן און צו האַלטן לעולם ועד.

ווען דער רבי האָט געענדיקט לייענען די פּרשה, האָט ער אויסגערופן אויפן הויכן קול, נאָכדעם ווי ער האָט ווידעראַמאָל געמאַכט די ברכה: „אָט דאָס איז די תורה, וואָס משה האָט זי געגעבן די ייִדן, לויט ווי גאָט האָט געבאָטן דורך משהן...״

ווען די דאָזיקע צערעמאָניע האָט זיך געענדיקט, האָט דער עולם זיך געלאָזט גיין צוריק אַהיים מיטן זעלבן וועג, וואָס זיי זענען געקומען. אַלעמענס פּנימער זענען געווען ערנסט און מיט באַוווסטקייט, וואָס זיי האָבן גענומען אויף זיך,

וואָרים דערמיט האָט זיך דאָס נאָך נישט געהאַט פאַרענדיקט. צומאָרגנס האָבן זיי געזאָלט אַריינגעבראַכט ווערן בבריתו של אברהם אָבינו...

די זון האָט זיך שוין געזעצט און אָפּגעפאַרבט די וואַסערן פון ים מיט בלוטיקן פורפור און די הויכע בערג האָבן געפלאַקערט מיט זייערע שפּיצן ווי די הבדלות און זיי האָבן אויסגעזען ביי דער צופאַלנדיקער נאַכט ווי אַן עמוד האש. אַ קילקייט האָט אַלעמען איצט אַרומגענומען נאָך דער גרויסער היץ פון בייטאָג.

דער פּרינץ קאַזאַר איז געריטן אויף זיין ווייסן אַראַבישן פערד און לעבן אים איז אין שטילשווייגן געריטן זיין נאָענטסטער חבר, עמרם... זיי האָבן ביידע קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. אָבער ביידנס געדאַנקען זענען געווען כמעט די זעלבע: נאָך עטלעכע טעג וועלן פאַרביי, און עס וועלן געפּראַוועט ווערן די צוויי קעניגלעכע חתונות, צו וועלכע עס זענען שוין באַצייטנס פאַרבעטן געוואָרן די וויכטיקסטע האַרן פון לאַנד און פון די שכנותדיקע לענדער. מען האָט זיך גערעכנט אויף גאָר הויכע געסט פון די פרעמדע לענדער אויף דער חתונה פון פּרינץ קאַזאַר. דער יורש־עצר פון כוזרים־לאַנד. זיי האָבן געוואָלט אַרויסווייזן כבוד און איינטערטעניקייט צום צוקונפטיקן הערשער פון דער כוזרישער אימפעריע.

דער צומאָרגנדיקסטער טאָג איז אַדורך אין גרויסע פייערלעכקייטן. די גרעסטע האַרן פון לאַנד, מיטן כאַקאַן און דעם פּרינץ קאַזאַר בראש, האָבן זיך געלאָזט מל־זיין. אַ גרויסע געמיינזאַמע סעודה איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין קעניגלעכן פּאַלאַץ, אויף וועלכער עס זענען אויסגעטרונקען געוואָרן אַ סך פעסער מיט וויין, און עס זענען אָפּגעבראָטן געוואָרן הונדערטער שאָף, וואָס זייערע געווירצטע פליישן האָט די גאַנצע שטאָט פאַרשמעקט.

די כוזרים זענען געוואָרן יידן.

דעם זעלבן טאָג, ווען עס איז פאָרגעקומען דער ברית־מילה פון כאַקאַן בולאַן, אָדער ווי ער האָט זיך איצט שוין גערופן: מלך סבריאל, האָט דער הערשער פון מעכטיקן כוזרישן פאָלק אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל לייגן דעם גרונטשטיין צו אַ גרויסער שול אויפן שענסטן פּלאַץ פון דער שטאָט באַלאַנגאַר, נישט ווייט פון ים־ברעג, כדי עס זאָל שטענדיק זיין קיל דאָרט אין די גרעסטע היצן. די גרעסטע באַלמעלאָכעס פון לאַנד און פון פרעמדע לענדער זענען אַרויסגערופן געוואָרן, שטיין־האַקער און שטאָל־שניידער און האָלץ־אַרבעטער האָבן זיך גענומען צו זייער אַרבעט און עס האָט זיך באַלד דעם ערשטן טאָג אָנגעהויבן אַ פיבערדיקע בויאונגס־טעטיקייט פון דעם ערשטן גרויסן בית־המקדש פאַרן כוזרישן פאָלק...

אַ באַזונדערע צערעמאָניע איז פאָרגעקומען ביי די פרויען, ווען די קעניגין בת־שבע, די פריערדיקע סידהאַרטע, און איר טאָכטער, די פּרינצעסין סולימאַ, האָבן אָנגענומען דאָס יידישע גלויבן, צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע כוזרישע

ווייבער און מיידלעך. פריִער זענען זיי געגאַנגען אַלע אין ים, און די פרימאָרגן־כוואַליעס האָבן געוואַשן זייערע לייבער און גערייניקט זיי פון זייער געצנדינערי־שער טומאה. זיי זענען געגאַנגען טבילה, נאָכדעם ווי אַלע מענער האָבן שוין גע־האַט פאַרענדיקט זייער טובל־זיין זיך. ר׳ יצחק סאַנגורי האָט פריִער אייניקע פון זיי געהאַט אויסגעלערנט די ברכה, וואָס מ׳זאָגט ביים טובלען, און זיי האָבן אויס־געלערנט די איבעריקע. אַ צייט פריִער האָבן זיי זיך צוגעגרייט צו וויסן די דינים וועגן כשרות און ווי אַזוי צו פירן אַ יידישע שטוב, ווי אַזוי ליכט צו בענטשן פרייטיק־צו־נאַכטס און וואָס פאַר אַ תפילות דערביי צו זאָגן. עס איז די כוזרישע פרויען אָנגעקומען זייער שווער אויסצולערנען זיך אויף לשון־קודש צו זאָגן די אַלע תפילות, וואָס זענען בייטיק געווען. אָבער זייער ווילן איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן זיך סוף־כל־סוף אויסגעלערנט און זיי זענען געווען קינדיש גליק־לעך.

די גליקלעכסטע אויף דער וועלט איז אָבער געווען די פרינצעסין סולימאַ. זי האָט זיך אייפעריק געלערנט די יידישע תפילות און זי האָט זיי געזאָגט מיט אַזאַ פרומקייט, גלייך זי וואָלט פון דור־דורות אַרויסגעקומען פון יידן... ווען זי איז געגאַנגען טבילה, האָט זי מיט די ליפּן געשעפּטשעט אַן אייגענע תפילה, וואָס זי האָט אַליין פאַרפאַסט אין אַ מאָמענט פון גרויס דערהויבנקייט.

זי האָט געבעטן צו איר נייעם גאָט, וועלכן זי האָט שוין ליב געהאַט — ווי איר פריינדין אסתר, די טאָכטער פון יידישן רבין, ר׳ יצחק סאַנגורי, האָט זי געלערנט — בכל לבבה ובכל נפשה, מיט איר גאַנצן האַרצן און מיט איר גאַנצער נשמה:

„יהי רצון, זאָל זיין דער ווילן פון גאָט מיין גאָט, דעם גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, ער זאָל באַוויליקן זיין חסד אויף מיר און מיך רייניקן פון געצנ־דינסט, וואָס איז אפשר פאַרבליבן ערגעץ אין אַ פאַרבאָרגן ווינקל פון מיין נשמה. אויב דו קאָנסט נישט טאָן פאַר מיר, דיין דינסט, ווייל איך שטאַם־אָפּ פון געצנדינער, טאָ טו עס פאַר דעם אויסדערוויילטן פון מיין האַרץ, עמרם בן יצחק הלוי... ווען איך וועל זיין גערייניקט, זאָלסטו מיך באַוויליקן מיט בנים זכרים און גרויסע צדיקים, וואָס זאָלן זיין ראוי צו טראָגן דעם נאָמען ייִד אויף זיך...״

— נישט אַנדערש, נאָר איר כוזרים שטאַמט אָפּ פון די עשרת השבטים!...

— האָט אסתר אַן אַנטציקטע אויסגערופן, ווען זי האָט סולימאַן געהערט זאָגן איר אַליין פאַרפאַסטע תפילה...

און זי האָט זי אַרומגעכאַפּט קושן און האַלדזן און טאַנצן מיט איר ביים ברעג פון ים צווישן אַלע פאַרזאַמלטע פרויען, וואָס האָבן זיך דעמאָלט טובל־געווען.

— מיין טייערע אסתר... — האָט די פרינצעסין סולימאַ, אויסער זיך פון

גליק, געשעפּטשעט — איך פיל, ווי איך וואָלט געשוועבט אויף אַ בלויען וואָלקן גלייך צו די זילבער־פּורפּורנע הימלען אונטערן כסא־הכבוד, ווו עס רוט די שכינה, דער אומגעזעענער גאָט, וואָס זיין מאַכט איך פיל היינט איבער מיר...

אוןווירקלעך האָט דער הימל איצט אַזוי אויסגעזען אין דעם אויסטערלישן פּורפּורנעם פרימאָרגן בעת דעם פייערדיקן זון־אויפגאַנג.

— איך בין אָנגעפילט מיט פרייד, וואָס דו ווערסט מיין נאָענטסטע שוועס־טער! — האָט אסתר געמורמלט, אַרומנעמענדיק זי מיט אירע הענט — און איך בין גליקלעך, וואָס דו ווערסט דאָס ווייב פון דעם אויסדערוויילטן בחור, עמרם.

די פּרינצעסין סולימאַ איז רויט געוואָרן און אַ פּערלדיקע טרער האָט זיך איר געשטעלט אין די אויגן פון איבערגעפולטער פרייד. זי איז איצט אַזוי שיין געווען, אַז די שיינקייט האָט גאָרנישט אויסגעזען ווי אַן ערדישע, נאָר עפּעס אַ געטלעכקייט, אַראָפּגעשוועבט פון די הויכע הימלען, האָט פאַרבלאָנדזשעט דאָ אויף דער ערד און זיך אַרומגעבלאָנקעט, זוכנדיק אַ תיקון...

— מיין טייערער עמרם... — האָט די דאָזיקע געטלעכע שיינקייט געמורמלט שטיל מיט די ליפּן, גלייך ווי אַ טויב וואָלט געוואָרקעט און זי האָט מיט אירע אַלבאַסטער־ווייסע הענט אַרומגענומען די ליידיקע בלויע לופט און געפילט, אַז זי האַלט אַרומגענומען איר טייערסטן און אויסדערוויילטן בחור...

אַ פייערלעכקייט האָט געהערשט אין דער שול, ווו עס איז פאָרגעקומען די רעליגיעזע צערעמאָניע פון אַריינפירן די פרויען אין שויס פון דער יידישער אמונה און ווען מען האָט זיי געגעבן יידישע נעמען.

— דיין נאָמען ווועט זיין „שולמית״!... — האָט אסתר צו איר אַ דערפרייטע אויסגערופן, ווי די געליבטע פון שלמה המלך...

— און מיין מאַמעס נאָמען איז „בת־שבע״... ווי דאָס געליבטע ווייב פון דוד המלך... — האָט די פּרינצעסין אונטערגעכאַפּט מיט גליק אין איר טאָן...

די גרויסע פייערלעכקייט צוליבן איבערגיין צום יידנטום פון אַ גאַנץ פאָלק איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ וואָך צייט, די וואָך פון ראש־השנה. ערשטנס, דערפאַר, ווייל דעמאָלט וועלן די מאַנסבילן שוין זיין פאַרהיילט נאָך דער ברית־מילה, און צווייטנס, ווייל עס איז די הייליקסטע וואָך ביים יידישן פאָלק.

אין די פרימאָרגנס האָט מען געבלאָזן שופר און מ׳האָט געדאַווענט ביים ברעג פון ים, ווייל די קליינע שול האָט נישט געקאָנט אַריינעמען אַזוי פיל מענטשן אין זיך. עס האָט אויסגעזען, ווי אַ מחנה מלאכים וואָלטן זיך פון די הימלען אַראָפּגעלאָזט און מיט די ווייסע פליגל זיך צעפּאָכעט, וואָרים אַלע זענען געווען איינגעהילט אין טליתים און אין ווייסע קיטלען. זייערע תפילות, טייל אין לשון־קודש און טייל נאָך אין כוזרישן לשון, האָבן זיך אויסגעמישט מיט דעם געמורמל פון די פרימאָרגן־כוואַליעס פון ים און זענען ווייט אַוועקגעטראָגן גע־

וואָרן צו די זילבערנע האָריזאָנטן און אויסגעשפּרייט זיך איבער דער גאַנצער וועלט...

ר׳ יצחק סאַנגורי האָט פאַר זיי געהאַלטן אַ דרשה מעניני דיומא. ער האָט גערעדט וועגן דעם גרויסן נחת־רוח, וואָס גאָט האָט פון די גרים. ער האָט געזאָגט: „אין תהילים ווערט געבראַכט: „נדיבי עמים נאספו עם אלהי אברהם״ — די פירשטן פון די אומות האָבן זיך איינגעזאַמלט, דאָס פאָלק פון דעם גאָט פון אברהם... פאַרוואָס עפּעס בלויז פון „גאָט פון אברהם״ און נישט אויך — פון יצחק און יעקב?... דאָס איז דערפאַר, ווייל אברהם איז געווען דער ערשטער גר...״

און ווייטער האָט ר׳ יצחק סאַנגורי געזאָגט: „עס האָט איבערגעגעבן אלעזר אין נאָמען פון ר׳ יוסי בן זמרא — ווען עס זאָלן זיך צוזאַמענקומען אַלע מענטשן פון דער וועלט, קאָנען זיי אַפילו אַ מילב נישט באַשאַפן, און דאָך זאָגט זיך אין הומש: „ואת הנפש אשר עשו בחרן״ — און דאָס נפש, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין חרן. אָבער דאָ האָט מען געמיינט די גרים, וואָס אברהם אָבינו האָט מגייר געווען. צו וואָס־זשע ווערט נישט געזאָגט „מגייר געווען״ נאָר „געמאַכט״?... דאָס איז כדי אונטערצושטרייכן, אַז ווער עס איז מקרב אַ גר, איז גלייך ער וואָלט אים אַליין באַשאַפן...״

און אַזוי האָט ר׳ יצחק סאַנגורי אַרויסגעזאָגט אַ ריי געדאַנקען וועגן דעם ענין גרים, וואָס דאָס האָט געמאַכט אויף די כוזרים אַ שטאַרקן איינדרוק, און זיי האָבן זיך געפילט נאָך זייערע רייד דערהויבן און גליקלעך, וואָס זיי זענען אַרונטערגעבראַכט געוואָרן אונטער די פליגל פון דער ייִדישער אמונה.

אָבער גאָר גרויס און אומבאַשרייבלעך איז געווען די שמחה אין דער וואָך פון ראש־השנה, ווען עס איז געפּראַוועט געוואָרן די סעודת־מצווה פאַר אַלע גרים צוזאַמען, און עס זענען אויך פאָרגעקומען די צוויי חתונות פון פּרינץ קאַזאַר מיט ר׳ יצחקס טאָכטער און פון עמרם מיט דער פּרינצעסין סולימאַ, אָדער ווי זי האָט זיך שוין איצט גערופן — שולמית...

דער פּרינץ קאַזאַר האָט אין יענעם טאָג אָנגענומען זיין ייִדישן נאָמען „עובד־יה״, דער דינער פון גאָט... און עס איז דורכן כאַקאַן סבריאל דערקלערט געוואָרן עפנטלעך, אַז באַלד נאָך דער חתונה זיינער וועט ער, עובדיה, איבערנעמען דעם כוזרישן טראָן...

דאָס לאַנד פון די כוזרים האָט נאָך, זינט עס עקזיסטירט, אַזאַ גרויסע פרייד נישט געהאַט איבערגעלעבט. עס איז געווען די וואָך פון ראש־השנה, ווען דאָס לאַנד וועט צום ערשטן מאָל אין זיין עקזיסטענץ פייערן דעם טאָג פון ניי־יאָר. אָט אויף דער וואָך איז באַשטימט געוואָרן, אַז די ביידע הויכגעשטעלטע פאָרלעך זאָלן געפירט ווערן צו דער חופה. מיט פיל טעג פריִער האָט מען זיך געגרייט צו דער גרויסער געשעעניש. מען האָט געבראַכט פון איבערן גאַנצן לאַנד פעסער מיט

די בעסטע וויינען. עס זענען איינגעקויפט געוואָרן אַן אַ שיעור עופות, שאָף און רינדער. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אין קעניגלעכן הויף צו געבן אַ מאָלצייט פאַר אַלע אָרימעלייט אין לאַנד. וואָרים די שמחה איז געפּראַוועט געוואָרן נישט נאָר אין דער הויפּטשטאָט באַלאַנגאַר, נאָר אויך אומעטום, אין דער לענג און אין דער ברייט פון דעם כוזרים־לאַנד.

עס זענען אויך צוגעגרייט געוואָרן צענדליקער פעסער מיט סמאָלע און בוימאייל, וואָס וועלן אונטערגעצונדן ווערן מיטן צופאַלן פון דער נאַכט, ווען די חתונה־צערעמאָניע וועט זיך אָנהייבן.

די צוויי חתנים, דער פּרינץ עובדיה און דער ניי־באַשטימטער מיליטער־פירער עמרם, האָבן די עטלעכע טעג פאַרבראַכט צוזאַמען. זיי האָבן געלערנט די פאַרשידענע מצוות, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן ענין חופּה וקידושין. זיי זענען יעדן פרימאָרגן, מיטן אויפשפּראָץ פון נייעם טאָג, געגאַנגען צום ים און האָבן זיך טובל געווען אין די קילע פאַררויטלטע וואַסערן. דער פּרינץ האָט געלויכטן מיט אַ הימליש פייער. די אויגן זיינע האָבן געשיינט מיט נישט־ערדישן גליק. ער האָט געבענקט נאָך דער רגע, ווען ער וועט זיך אויף אייביק פאַראייניקן מיט זיין יונגער און שיינער כלה, אסתר. אַזאַ ענלעך געפיל האָט געהאַט עמרם. ער האָט קיין איין מינוט פון זיינע אויגן נישט אָנגעווירן דאָס בילד פון זיין פּרעכ־טיקער שולמית, די איינציקע טאָכטער און פּרינצעסין פון קעניג סבריאל, דעם ערשטן יידישן קעניג אין כוזרים־לאַנד. ער האָט געזען איר שמייכלענדיק פּנימל מיט די קויל־שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן אַזוי באַצווינגעריש געשמייכלט צו אים. ער האָט אַזש אויפגעשווידערט פון גרויס גלוסטונג צו איר...

און אָט איז דער גליקלעכסטער טאָג אָנגעקומען.

די זון איז אונטערגעגאַנגען ווי יעדן טאָג, פאַרשווונדן ווערנדיק אין די וויי־טע טיפענישן פון ים, באַפאַרבנדיק די וואַסערן מיט אַ פּורפּורנעם קאָליר און דעם הימל מיט אַ בלוילעך־פיאָלעטער פאַרב. אויף די גאַסן זענען שוין געווען אויס־געשטעלט רייען מענטשן אין די טויזנטער — מענער, פרויען און קינדער. זיי זענען געווען אָנגעטאָן אין די פאַרשידנפאַרביקסטע קליידער, אַז עס האָט אַזש געבלענדט פאַר די אויגן פון די רייכע קאָלירן. עס זענען אָנגעצונדן געוואָרן די פעסער סמאָלע און דער אָנגעזאַמלטער בוימאייל, אַז עס איז אַזוי ליכטיק גע־וואָרן ווי אין מיטן העלן טאָג.

די צוויי חתנים זענען געווען אָנגעטאָן אין די טייערסטע קליידער פון רויטע און גרינע קאָלירן, דורכגעוועבט מיט גאָלד און זילבער. זיי זענען געריטן ביידע אויף צוויי מילך־ווייסע פערד זאָכט־ביי־זאָכט אונטערן קלאַנג פון טראָמפּייטן, שופרות און פייפלעך, פּויקן און טאַצן־געברום. הינטער זיי זענען נאָכגעגאַנגען הונדערטער מענטשן מיט אָנגעצונדענע הבדלות פון וואַקס אויסגעאַרבעט. הינ־

טער דער דאָזיקער פּראָצעסיע זענען נאָכגעגאַנגעןביידע כלות אין ווייסן גע־קליידט, זייערע שוימיקע קליידער זענען באַלויכטן געווען מיט ראָזן קאָליר פון די פיל ליכט און דעם אָפּשיין פון די פייערן. ביידע מיידלעך האָבן פאַרכישופט מיט זייער אויסזען די טויזנטער פאַרזאַמלטע געסט. מען האָט זיי באַוואָרפן מיט בלומען פון די פאַרשידנסטע קאָלירן און ריחות. פון די פענצטער אין די הייזער אויף ביידע זייטן האָבן אַרויסגעלויכטן מנורות מיט אָנגעצונדענע קנייטלעך, און עס זענען אַרויסגעהאַנגען געווען פאַרשידנפאַרביקע טעפּיכער. יונגע מיידלעך האָבן אויף די גאַסן אַרויסגעטראָגן קוישן מיט בלומען און פרוכטן און געטיילט צווישן אַלע אָנוועזנדיקע געסט.

און ווו די צוויי חתנים און די צוויי כלות זענען פאַרבייגעגאַנגען, האָט מען זיי אויפגענומען מיט געזאַנג און פריידנס־אויסגעשרייען און ווינטשעוואַניעס.

די נאַכט איז צוגעפאַלן, און וואָס פינצטערער עס איז געוואָרן אויף דער וועלט, אַלץ ליכטיקער זענען געוואָרן באַלויכטן די גאַסן פון דער הויפּטשטאָט באַלאַנגאַר און אַלץ מער געדיכטער מיט מענטשן. כאָטש די פייערלעכקייטן זענען אָפּגעריכט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד, זענען פונדעסטוועגן טויזנטער מענטשן געקומען אין דער הויפּטשטאָט אַריין, כדי מיט די אייגענע אויגן צוצו־זען די גרויסע שמחה אין דער נאָענטקייט פון קעניג און זיינע מקורבים.

אין דעם גרויסן קעניגלעכן פּאַלאַץ, ווו עס איז אַנומלט דורכגעפירט גע־וואָרן דער גרויסער וויכוח צווישן די פאַרשטייער פון די דריי אמונות פון לאַנד, איז אויך געווען אַזוי ליכטיק ווי אין דרויסן. די דילן און די ווענט זענען באַהאַנ־גען געווען מיט די טייערסטע פּערסישע טעפּיכער און אויסגעשאָטן מיט די שמע־קעדיקסטע בלומען.

אויבנאָן זענען געשטאַנען צוויי טראָן־שטולן פאַר די צוויי חתנים. די שטולן זענען געווען באַצויגן מיט רויטן זייד און פון אויבן אַ בלויע חופה. ווען מ'האָט אַריינגעפירט ביידע חתנים, אָנגעטאָן איבער די פאַרבנרייכע קליידער שניי־ווייַסע קיטלען, האָט מען זיי באַזעצט אויף די טראָנען. די מוזיק האָט אויפגעשפּילט, צימבלען האָבן געטרילערט מיט זייערע סטרונעס, טראָמפּייטן זענען זיך פאַר־גאַנגען מיט אומעטיקע ניגונים. אַזוי האָט פאַראָרדנט ר' יצחק סאַנגורי, כדי זיך צו דערמאָנען אין חורבן בית־המקדש.

דער קרוינפּרינץ עובדיה האָט געהאַט אויף זיין קאָפּ אַ גאָלדענע קרוין, אַ צייכן, אַז ער נעמט איבער תיכף נאָך דער חתונה דעם טראָן פון זיין פאָטער סבריאל דעם ערשטן... צו זיין רעכטער האַנט איז געזעסן עמרם. ער האָט גע־האַט אַן ערנסט פּנים. זיינע אויגן האָבן געבלאַנדזשעט איבערן גרויסן זאַל. ער האָט מסתמא געזוכט זיין באַשערטע פּרינצעסין...

דער קעניג סבריאל איז געווען אָנגעטאָן אין זיינע שענסטע קעניגלעכע

מלבושים, אויסגענייט מיט גאָלד און מיט טייערע בלישטשענדיקע איידלשטיי־נער. ער איז געזעסן רעכטס פון די חתנים. לינקס איז געזעסן ר׳ יצחק סאַנגורי אין יום־טובדיקע ווייס־אַטלאַסענע קליידער, אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַן ענ־לעכן ווייס־זיידענעם טורבאַן. די אויגן האָבן ביי אים געפינקלט מיט פריידיקע טרערן, צוליב דעם גרויסן כבוד, וואָס ער האָט דערלעבט. אין גאַר איינציקע רגעס איז דער זאַל אָנגעפילט געוואָרן מיט מענטשן. מען האָט זיך געשטויסן און ממש געשלאָגן איבער אַ פּלאַץ אין דעם ריזיקן רוים. ווער עס איז געווען פלינ־קער און שטאַרקער, האָט פאַרכאַפּט אַן אָרט.

דורך די אָפענע פענצטער אין דעם ריזיקן זאַל האָט אַריינגעלויכטן דער רויטער פלאַם פון די אָנגעצונדענע פעסער סמאָלע, און עס איז אַריינגעדרונגען דאָס געשריי און דער געטומל פון דרויסן. דער ים איז געווען באַגאָסן מיט אַ פאַנ־טאַסטישער רויטקייט, וואָס האָט דערמאָנט אין עפּעס אַ פאַרכישופטן חלום אָדער אַ מעשהלע פון דעם אַראַבישן קאַליף ראַשיד אַל האַרון. די מוזיק האָט אויפגע־שאַלט און די גרויסע געביידע איז אָנגעפילט געוואָרן מיט נגינה און פּרעכטיקע מעלאָדיעס.

אין דער רגע האָט מען אַריינגעפירט די צוויי כלות, די פּרינצעסין שולמית און די טאָכטער פון ר׳ יצחק סאַנגורי, אסתר... זיי האָבן אין זאַל ממש אַריינ־געשוועבט ווי אויף פליגל, און פון אַלעמענס מיילער האָט זיך אַרויסגעריסן אַ באַוווּנדערנדיקער אויסגעשריי.

— ווי צוויי מלאכים זעען זיי אויס!... — האָט מען זיך געמורמלט איינע די אַנדערע אין די אויערן.

— צוויי פאַרכישופנדיקע מלכות!... — נישט דאָ־וועלטיקע באַשעפענישן...

— אויסגעטרוימטע וועזנס פון אַן אַנדערער וועלט!...

אַזוי האָט מען זיך שטילערהייט איבערגעוואָרפן מיט אַנטציקנדיקע באַ־מערקונגען.

ר׳ יצחק סאַנגורי האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און דערנענטערט זיך צו עמרמען און צו דעם פּרינץ עובדיה, און אַרויפלייגנדיק אויף זייערע קעפּ זיינע ביידע הענט, האָט ער זיי געבענטשט און געוווּנטשן, אַז זיי זאָלן נאָך דער־לעבן דעם שופר של משיח און צוזאַמען אויפגיין קיין ארץ־ישראל, ווו די אַל־וועלטלעכע יידישע מלוכה וועט געגרונטפעסטיקט ווערן.

דערנאָך האָט זיך דערנענטערט דער קעניג סבריאל מיט פאַמעלעכע טריט און לעבן אים זיין מלכה בת־שבע, די געוועזענע קליינע סידהאַרטע, וועמען ער האָט באַגעגנט מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק אַ נאַקעטע אין וואַלד ביי אויסטערלישע אומשטענדן... דער קעניג האָט געבענטשט די כלות און זיי געוווּנטשן צו געבוירן אַ סך געזונטע קינדער, וועלכע זאָלן אויפגעצויגן ווערן אין יידישן דת.

גאָר אַן אַנדער פּנים האָט איצט געהאַט דער קעניג סבריאל, דער געוועזע־נער געצנדינער בולאַן. עפּעס אַן אויסגעלייטערטקייט האָט זיך אויף זיין קיי־לעכדיקן געזיכט אָפּגעלייגט און עס האָט געדוכט אין אים אַ נייע נשמה... אַזוי איז אויך געווען די קעניגין בת־שבע... עס האָט נאָך פון איר פּנים אַראָפּגעשיינט די אַמאָליקע אויסטערלישע שיינקייט, פול מיט חן איז געווען איר געזיכט און אירע אויגן האָבן געלויכטן ווי צוויי גרינע ליכטיקע שטערן.

צוזאַמען מיט דער פייערונג פון דער חתונה איז אויך געפייערט געוואָרן די שמחה פון אָננעמען דאָס יידישע גלויבן דורך אַ גאַנץ פאָלק. די, וועלכע האָבן נאָך נישט געהאַט באַוויזן אַריינצוטרעטן אין ברית מיטן יידישן גאָט, האָבן זיך געפילט פאַרשעמטע און האָבן געהאָפט ווי מעגלעך שנעלער דאָס צו טאָן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער זענען אָנגעקומען ידיעות פון די איבעריקע שטעט אין לאַנד וועגן ענלעכע פּראָצעסיעס און שמחות לכבוד דעם איבערגיין פון כוזרישן פאָלק צום יידנטום און אויך לכבוד די חתונות פון דעם פּרינץ עובדיה און דעם מיליטער־פירער עמרם... די שמחות האָבן זיך געצויגן עטלעכע וואָכן איבערן גאַנצן לאַנד און דער יום־טוב ראש־השנה איז אַדורך אויפן פייערלעכסטן אופן. ר' יצחק סאַנגורי און אויך עמרם האָבן געדרשנט וועגן דער גרויסער באַ־דייטונג פון דעם דאָזיקן יום־טוב און געשילדערט פאַר די נייע יידן דעם גרויסן שכר, וואָס זיי וועלן האָבן אויף יענער וועלט אין גן־עדן...

צום שענסטן איז אָבער אויסגעפאַלן די גרויסע חתונה־סעודה, אויף וועל־כער' עס זענען פאַרבעטן געוואָרן אַלע אָרימעלייט פון דער שטאָט באַלאַנגאַר און אויך די, וואָס זענען גראַד געווען אין דער הויפּטשטאָט פון דער פרעמד. אין עט־לעכע זאַלן האָבן זיך פאַרזאַמלט פיל טויזנטער געסט, פון די העכסטע און אָנגע־זעענסטע לייט אין דער מלוכה, ביז די גרעסטע אָרימעלייט. אַלע זענען געווען גלייך אָנגעלייגט ביים קעניג אין הויף. די צוויי חתנים אוןביידע כלות זענען גע־זעסן אויבנאָן און האָבן אויפגענומען אַלע געסט, רעדנדיק מיט יעדן איינעם אַ פּאָר ווערטער און אָפּנעמענדיק פון זיי די ווונטשן און גוטע רייד.

די טישן זענען געווען געגרייט מיט אַלעם גוטן. עס זענען געשטאַנען פולע קרוגן מיט וויין, גרויסע שיסלען מיט גרינע אָליוון און סאַלאַטן. גאַנצע הויפנס מיט געבראָטענע פליישן אין קופּערנע פאַנען, רויטע פעפערלעך און געווירצן און שאַרפע משקאות, געבראַכט פון די ווייטע צאַקלאַבן־לענדער. דער עולם האָט גע־געסן אַזוי פיל וויפל זיי האָבן געקאָנט. עס האָט גאָרנישט אויסגעפעלט. די באַ־דינער האָבן געהאַלטן אין איין צוטראָגן פון דער ריזיקער קיך די געריכטע פליישן, וואָס האָבן פאַרשמעקט דעם גאַנצן זאַל, און זיי האָבן דערנאָך יעדן אונ־טערגעשטעלט אַ קרוג מיט וויין און אַ בעכער און געהייסן טרינקען וויפל דאָס האַרץ גלוסט.

האָט מען טאַקע געגעסן און געטרונקען לרוב, ביז דער עולם איז געוואָרן בגילופינדיק און מען האָט אָנגעהויבן זינגען פאַרשידענע לידער און אויסגיסן די הערצער אין ליבע און שבחים פאַר די נייע פּאָרלעך. דערנאָך זענען זיי זיך פאַרגאַנגען אין טענץ, דרייענדיק זיך ווי אין אַ ווירבל־ווינט. אינדרויסן איז גע־וואָרן שטאָק־פינצטער, נאָכדעם ווי די פעסער סמאָלע האָבן זיך געהאַט אויסגע־ברענט ביזן לעצטן, און יונגע פּאָרלעך זענען יעדעס מאָל אַרויס פון גרויסן זאַל צום פינצטערן ברעג פון ים און מ׳האָט זיך געשעפּטשעט ליבעס־רייד, צוגעזאָגט זיך אייביקע טריישאַפט און עס האָט זיך פאַרוועבט אַ ליבעס־פאַרבינדונג, וואָס וועט זיך שפּעטער מסתמא פאַרענדיקן אין אַ שידוך...

אויף דער חתונה־סעודה זענען אויך געווען שליחים פון פרעמדע מלוכות, וועלכע האָבן מיט זייערע מאָדנע הלבשות צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַלעמען. זיי האָבן באַוווּנדערט די רייכקייט און זאַטקייט אין כוזרישן כאַקאַנס פּאַלאַץ און זיי האָבן דאָס אַלץ גוט פאַרגעדענקט און פאַרקריצט אין זייערע מו־חות, כדי צו קאָנען גענוי וועגן דעם אַלעם דערציילן צו זייערע הערשער, ווען זיי וועלן צוריקקומען אַהיים.

דער כאַקאַן סבריאל האָט ספּעציעל פאַר די פרעמדע געסט גערעדט און זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן איבערגעבן צו זייערע קעניגן און פירשטן, אַז זיי האָבן זיך נישט מער פאַרוואָס צו שרעקן, די כוזרים זענען געוואָרן גאָר אַנדערע מענטשן, מיט אַ גאָט אין האַרץ און מיט לייטזעליקייט צו אַלע מענטשן, וועלכע זענען באַ־שאַפן געוואָרן אין גאָטס פּאָרם. ער האָט געהייסן איבערגעבן זייערע הערשער, אַז ער וועט אַראָפּנידערן דעם טשינש, וואָס זיי האָבן ביז איצט געצאָלט אַלס אונ־טערדריקטע פעלקער.

— מיר גלייבן אין דער השגחה פון אונדזער גרויסן גאָט, און ער וויל נישט, אַז שטאַרקערע פעלקער זאָלן אונטערדריקן שוואַכערע, ווייל מיר זענען ברידער פון די זעלבע אבות, וואָרים אַלע שטאַמען מיר אָפּ פון אָדם הראשון, נאָר בלויז אונדזערע גלויבנס זענען פאַרשידן... — האָט דער כאַקאַן געזאָגט און געגעבן זיי אָנצוהערן, אַז עס וואָלט געווען קלוג פון זייער זייט נאָכצוטאָן דעם ביישפּיל פון כוזרישן פאָלק און אָננעמען דאָס ייִדישע גלויבן. דעמאָלט וועט זיין איין גרויס פאָלק, וואָס וועט קיין שונאים נישט האָבן און אַלע וועלן לעבן בשלום אויף דער ערד, וואָס גאָט האָט באַשאַפן פאַר אַלעמען גלייך...

די פרעמדע שליחים זענען געווען גערירט פון קעניג סבריאלס רייד און זיי האָבן זיך מתחילת אומגעקוקט איינער אויפן אַנדערן און אַרויסגעוויזן לייכטן פאַרדאַכט, אַז דער כוזרי וויל זיי עפּעס דאָ אַריינכאַפּן אין זאַק... ער שטעלט פאַר זיי אויס אַ נעץ, וואָס מען קאָן נישט וויסן, צי מען וועט פון איר אַרויס, אויב מען זאָל אים האָרכן און אין איר אַריינגיין...

אָבער שפּעטער זענען זיי איבערצייגט געוואָרן, אַז דער כוזרי מיינט אַזוי ווי ער זאָגט. זיין קול קלינגט אויפריכטיק און אמת.

— אָבער דער כוזרי איז פאָרט נישט געבענטשט מיט קיין קלוגשאַפט... — האָט שפּעטער איין סלאַוו צום צווייטן געזאָגט, ווען זיי האָבן זיך געפונען אין זייער אכסניה אויף די גלעגערס — אויב שוין יאָ אַוועקגיין פון געצנדינעריי, אין וועלכן איך זע נישט קיין שום שלעכטס, טאָ פאַרוואָס האָבן זיי גראָד אויסגעקליבן די אמונה פון אַ פאָלק, וואָס קיינער האָט נישט ליב, וועלכעס ווערט גערודפט, געיאָגט און געפּלאָגט, און זייערע געבעט־הייזער זענען אָרים... בעת די קריסטלעכע קירכעס, צי די מעטשעטן פון די מוסולמענער, זענען רייך אויסגעשטאַט און מיט אַזעלכע הערלעכע געמאָלערייען אויף די ווענט, אַז מען ווערט פאַרכאַפּט פון דעם פּראַכט...

און זיי האָבן איינשטימיק ביי זיך באַשלאָסן, אַז ווען זיי וועלן צוריקקומען אַהיים אין זייערע לענדער, וועלן זיי נישט צורעדן זייערע פירשטן נאָכצוגיין אין דעם וועג, וואָס עס האָט אויסגעקליבן דער כאַקאַן בולאַן, אָדער ווי ער רופט זיך איצט מיט דעם אויסטערלישן נאָמען „סבריאל", וואָס עס איז שווער נאָכצוזאָגן, אַז מען קאָן זיך די צוין אויסברעכן...

— כאַ־כאַ־כאַ... — האָט זיך איינער פון די רוסן פונאַנדערגעלאַכט מיט אַ טיפן באַס — און זיי טאָרן דאָך איצט אַפילו מיט קיין פרעמדער באַבע נישט שלאָפן... ווייל ביים ייִדישן גאָט איז דאָס אַ זינד... „מען טאָר נישט גלוסטן צום חברס ווייב..." — זאָגט זיך ביי זיי אין די ביכער, און איך גלוסט צו אַלע באַבעס, וואָס איך באַגעגן אין מיין וועג... האָסטו געזען, ווי שיין די צוויי כלות זענען — נישט קיין ערדישע באַשעפענישן, הינטיש בלוט!... איך האָב שטאַרק געגלוסט צו זיי... אָ, ווען איך פיר מלחמה מיט די כוזרים און איך נעם זייערע פרויען אין געפאַנגענשאַפט, מאַך איך זיי באַלד פאַר מיינע קעבסווייבער!...

— ווי וועסטו פירן מיט זיי מלחמה!... — האָט אים אַ צווייטער רוס געענטפערט — אַז זיי זענען שטאַרק איצט ווי די טייוואָלים, און דערצו נאָך האָבן זיי צוגעקראָגן ייִדישע קעפּ, וואָס זאָלן פאַר זיי אויספּלאַנעווען די שלאַכטן... אָט דער, ווי הייסט ער דאָרט, דער עמרם... אַ העלדישער חברהמאַן, דאָס הינטישע בלוט!...

— אָבער די צוויי נקבות קאָנען מיר פון קאָפּ נישט אַרויס... — האָט דער ערשטער זיך פאַסמאַקעוועט און באַלעקט מיט דער צונג.

— דאָס ייִדישע גלויבן איז נישט פאַר אונדזערס אַ ברודער!... — האָט דער צווייטער נאָך אַ ווילע זיך אָנגערופן.

— און איך וועל אייך זאָגן — האָט אַ דריטער פון צווישן די סלאַווישע שליחים זיך פלוצים אָנגערופן — אַז די דאָזיקע באַרבאַרן, די כוזרים מיטן טאַ־

טערישן בלוט אין זיך, געפעלן מיר גראַד יאָ, וואָס זיי האָבן געהאַט אַזויפיל מוט אין זיך און אָפּגעוואָרפן דעם געצנדינסט. זיי זענען ווי איבער נאַכט אויסגע־איידלט געוואָרן און זייערע אויגן קוקן מער נישט אַזוי ווילד. איר ווערט דאָך לאַכן פון מיר און זאָגן, אַז עס איז אוממעגלעך, אַ פאָלק זאָל זיך ענדערן איבער נאַכט... דו גיב אָבער נאָר אַ קוק, מיט וואָס פאַר אַ התלהבות זיי גייען אין דער שול, ווי זיי „מאָליען" זיך ביים ברעג פון ים און ווי איבערגעגעבן זיי זענען איי־נער צום אַנדערן, מוזן מיר מודה זיין, אַז דאָס איז דער איינפלוס פון דער נייער אמונה, וואָס לערנט, אַז „מען זאָל נישט הרגענען, נישט גנבענען און נישט שווערן פאַלש"... ביי אונדז האָסטו דאָך פאַלשקייט אויף שריט און טריט, איין קניאַז דעם צווייטן וואָלט דאָך דאָס ווייסל פון אויג אַרויסגעגנבעט. אין די אויגן איז מען זיך גוטע פריינט, און ווען מען טרינקט זיך אָן מיט בראָנפן, קושט מען זיך אין די פּיסקעס... אָבער בעת מעשה האַלט ער די האַנט אין דער הינטער־קעשענע, ווו אַ שאַרפער קינזשאַל איז גרייט יענעם אין האַרץ צו פאַרזינקען...

— אָבער מיר געפעלט נישט די ייִדישע אמונה אויף אַ האָר!... — האָט דער ערשטער רוס זיך איינגעשפאַרט — נאָר מען מאָליעט זיך און מען מאָליעט זיך, און צו וועמען — צו אַ גאָרנישט... דו זעסט גאָרנישט פאַר דיינע אויגן, גיי און מאָליע זיך צו דער לופט!

— אָן לופט קאָנסטו נישט לעבן, חכם איינער!... — האָט אים דער דריטער געענטפערט — זאָל זיין צו דער לופט... און צו אַ שטיין זיך מאָליען, פאַר־שטייסטו יאָ?

— נו, זע איך דאָך שוין, אַז דו האָסט דיך אָנגעשטעקט מיט דער ייִדישקייט פון די כוזרים, עס האָבן זיך דיר אפשר די כוזרישע ווייבער פאַרגלוסט, דו נואף איינער!...

אַזוי האָבן זיי גערעדט כמעט אַ גאַנצע נאַכט, נישט קאָנענדיק באַנעמען די אויסטערלישע פאַסירונג ביים כוזרישן פאָלק...

אַזוי האָבן אויך די אַראַבער צווישן זיך איינגעטענהט, ווען זיי זענען גע־בליבן אַליין. אַזוי די ביזאַנטיער...

— דער ייִדישער רבי האָט אונדז באַזיגט!... — האָט פאָטער יאָהאַנעס מיט ביטערניש צוגעגעבן, און ער האָט זיך צעוויינט פאַר גרויס עגמת־נפש, און פון זיין מויל האָט זיך געפילט דער ריח פון בראָנפן.

— ווייל ביי אונדז איז פאַראַן אַ שפּאָר ביסל נאַרישקייטן אין דער אמונה...

— האָט אַ צווייטער ביזאַנטיער, אַ ספּעציעלער שליח פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, זיך אָנגערופן — אונדזערע זיידעס, די געצנדינער, האָבן אַלץ, וואָס די ייִדישע אַפּאָסטאָלן, די זשוליקעס, האָבן זיי איינגערעדט, געגלייבט... אַ באַבע, וואָס אַ מאַן איז זי נישט באַשלאָפן, האָט געהאַט אַ קינד און דאָס דאָזיקע קינד איז גע־

וואָרן אַ גאָט!... דאָס האָבן די ייִדן אונדז געוואָלט אַריינבאָרן אין זייער אמונה, און עס איז זיי נישט געגאַנגען אַזוי לייכט, האָבן זיי אונדז מיט כלערליי קונצן און צוזאָגענישן דאָך אַריינגענאַרט. גערעכט איז געווען יוליאַן דער אַפּטריניקער, ווען ער האָט געוואָלט זיך אומקערן צום געצנדינסט, וואָס איז אַזוי הערלעך און שיין... אויך די כוזרים וועלן זיך באַלד באַדענקען און צוריקקערן צו זייער פריִער־דיקן גלויבן, איר וועט זען!...

אָבער ער האָט געביטן זיין מיינונג, ווען ער האָט צומאָרגנס בייגעוווינט די פייערלעכע צערעמאָניע, ווי דער קעניג בולאַן אָדער ווי ער רופט זיך איצט „סבריאל", האָט איבערגעגעבן זיין טראָן צום פרינץ עובדיה. אַזאַ אויסטערלישע איבערגעגעבנקייט צו אַ ניי גלויבן האָט ער נאָך נישט געזען. זיי זענען נאָך מער פאַנאַטיש ווי די ייִדן אַליין!...

— דאָס האָט זייער נייער „אַפּאָסטאָל", ר' יצחק סאַנגורי, זיי אַזוי איינגע־רעדט — האָט ער שפּעטער צו זיינע פריינט, די ביזאַנטיער, געזאָגט.

דאָס איבערגעבן פון כוזרישן טראָן צום פרינץ עובדיה איז פאָרגעקומען תיכף נאָך ראש־השנה. די כוזרים האָבן נאָך אַלץ נישט געקאָנט פאַרגעסן די צוויי טעג פון דעם הייליקן יום־טוב, ווען זיי זענען געשטאַנען ווער אין דער שול און ווער אינדרויסןביים ברעג פון ים און תפילה געטאָן כמעט אַ גאַנצן טאָג צו זייער נייעם גאָט.

יעדער פון זיי האָט געהאַט אויף פּאַפּירוסן איבערגעשריבן די תפילות אויפן כוזרישן לשון און זיי האָבן נאָכגעזאָגט דעם חזן מיט גרויס כוונה. „ובכן תן פחדך" — און דאַרום וואַרף דיין פחד, גאָט אונדזער גאָט, אויף אַלע דיינע ווערק און דיין אימה אויף אַלץ וואָס האָסט באַשאַפן, און זאָלן די ווערק פאַר דיר מורא האָבן, און זאָלן זיך בוקן פאַר דיר אַלע באַשעפענישן, און זאָלן זיי ווערן איין בונד, כדי צו טאָן דיין ווילן מיטן גאַנצן האַרץ, אַזוי ווי מיר ווייסן עס, גאָט אונדזער גאָט, אַז די מאַכט איז ביי דיר, האָסט שטאַרקייט אין דיין האַנט און גבורה אין דיין רעכטער האַנט, און דיין נאָמען זאָל וואַרפן אַ שרעק אויף אַלץ וואָס דו האָסט באַשאַפן...

אַ ציטערניש איז אָנגעפאַלן אויף די ניי־גלייביקע. זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר דער שטאַרקייט פון דעם נייעם גאָט, וועלכער קאָן זיי צו יעדער צייט אומ־ברענגען. ער האָט צו זאָגן איבער זייערע לעבנס און אין זיין האַנט ליגט זייער גורל. גאָט פאַדערט, מען זאָל מורא האָבן פאַר אים.

אָבער באַלד האָבן זיי געזאָגט די צווייטע תפילה, און זיי האָבן זיך באַ־רויִקט, אַ דערלייכטערונג איז געקומען אויף זייערע נשמות און זיי האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט:

„ובכן תן כבוד" — און דאַרום זאָלסט אָפּגעבן כבוד, גאָט, צו דיין פאָלק,

לויב צו די וואָס האָבן מורא פאַר דיר, און אַ גוטע האָפענונג צו די, וואָס פאָרשן דיך און פאַלגן דיר נאָך, און שטאַרקן מוט צו די, וואָס לייגן זייער האָפענונג אויף דיר, גיב פרייד צו דיין לאַנד און צו דיין שטאָט...

אַלע זענען געווען אַנגעטאָן אין ווייסע קיטלען, און זיי האָבן זיך געפילט ווי גערייניקטע און אומשולדיקע פון יעדער זינד...

ווען מ׳האָט געבלאָזן שופר, איז אַ ציטערניש אַדורך איבער אַלעמענס לייבער, עס האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז ערגעץ־ווו פון די הימלען קומט דאָס דאָזיקע שופר־בלאָזן און זיי האָבן געפילט, ווי אומגעזעענע מלאכים האָבן זיך צווישן זיי אויסגעמישט, און אַלע נשמות פון זייערע אור־עלטערן, זינט הונדערטער דורות, זענען געקומען פון יענער וועלט און האָבן זיך מיטגעפרייט מיט זייער פרייד... זיי האָבן בפירוש געזען מיט זייערע אויגן, און אפשר האָט זיך זיי דאָס בלויז אויסגעדאַכט, ווי די נשמות זענען שפּעטער, נאָך די תפילות, אַוועקגעפלויגן איבערן ים, דאָס וואַסער האָט זיך אַזש געריגנצלט און געכוואַליעט אַזוי רעשיק, און איבערן כוזרישן ים האָט זיך ווי אַ ווייסער נעפל אויפגעהויבן, וואָס האָט ווי מיט אַ פאָרהאַנג געמאַכט אַ מחיצה צווישן זיי און די אַוועקפליענדיקע נשמות...

זיי האָבן זיך געפילט ווי דערהויבענע מענטשן, זיי האָבן זיך איצט אונטערשיידט פון בהמות און חיות. זיי האָבן אַ גאָט, פאַר וועלכן זיי האָבן טאַקע מורא און זיי פאָרכטן זיך, אָבער זיי הענגען אָן אין אים אַלע זייערע האָפענונגען, אין זיין האַנט גיבן זיי איבער זייערע נשמות, ווען זיי גייען שלאָפן... זיי האָבן צו וועמען צו בעטן, ווען עס איז שלעכט, און ווען זיי זאָגן די תפילות צום אומגעזעענעם גאָט, ווערט זיי עפּעס אַזוי לייכטער אויף דער נשמה... אַנדערע מענטשן זענען זיי געוואָרן...

אָט אַזוי האָבן זיך די טויזנטער און טויזנטער כוזרים געפילט צומאָרגנס נאָכן ערשטן ראש־השנה, זינט זיי האָבן אָנגענומען דאָס יידישע גלויבן. און אָט אין דעם דאָזיקן טאָג איז פאָרגעקומען די צערעמאָניע פון איבערגעבן דעם כוזרישן טראָן צום פרינץ עובדיה און זיין ווייב, די קעניגין אסתר, פון הויז סאַנגורי...

עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אינמיטן פון קעניגלעכן הויף אַ גרויסע בימה, וואָס איז באַצויגן געוואָרן מיטן רויטן זייד און באַזוימט מיט גאָלדענע פראַנדזן, אויף וועלכער עס זענען געשטאַנען צוויי טראָנען, פאַרן נייעם קעניג עובדיה און פאַר דער מלכה אסתר...

אַרום און אַרום זענען געשטאַנען מיליטער־אָפּטיילונגען, רייטער און פוסגייער מיט לאַנגע פּיקעס אין די הענט און טייל האָבן געהאַלטן בלאַנקע שווערדן און שווערע פייל־און־בויגנס. זיי זענען געשטאַנען אומבאַוועגלעך, ווי אויסגעגאָסענע סטאַטועס פון בראָנדז. די פנימער אָפּגעברענטע פון דער זון, אָנגעטאָן אין

רויטע העמדער, מיט גרינע גאַרטלען אַרום די לענדן אַרומגענומען. זיי האָבן מיט די אויגן נישט קיין פינטל געטאָן. און אַרום זיי זענען אין די צענדליקער טויזנ־טער מענטשן געשטאַנען ביז ווייט אַרויס אויף די גאַסן און לענגאויס דעם ברעג פון ים, מען האָט בלויז געהערט אַ געמורמל, ווי דאָס ברומען פון די ים־כוואַליעס, מ׳האָט געוואַרט נאָך אויפן מלך סבריאל, דעם רבין, ר׳ יצחק סאַנגורי און דעם נייעם קעניג־פּאָרל.

עס איז געווען אַ שיינער בלוי־זוניקער טאָג, שוין נישט אַזוי הייס ווי ביז איצט. עס איז דאָך חודש תשרי. אַ קיל ווינטל קומט צו שוועבן פון ערגעץ אַן אומבאַקאַנטן לאַנד און גלעט אַזוי צאַרט אויף די פּנימער. מען סודעט זיך און מען גיט זיך איבער פאַרשידענע השערות וועגן דעם, פאַרוואָס דער קעניג סבריאל גיט אַוועק זיין טראָן צום יונגן פּרינץ עובדיה און זיין שיינעם ווייב אסתר, די טאָכטער פון רבין, ר׳ יצחק סאַנגורי פון בבל...

האַרט לעבן דער אויפגעשטעלטער בימה זיצן אין גרויס דערוואַרטונג די פרעמדע שליחים פון די צאַקלאַבן־לענדער, פון ביזאַנץ און פון די אַראַבישע מדי־נות, צו דרום פון כוזרישן ים. יעדעס מאָל, ווען עס געשעט עפּעס אַן אומפּאַר־שטענדלעכע זאַך, בייגן זיי זיך אָן איינע צו די אַנדערע און רומען זיך איין עפּעס אין די אויערן. עס זעען זיך די פלאַקסענע קעפּ פון די רוסן, די שוואַרצע פּאַט־ליעס האָר פון די אַראַבער און די ברוינע האָר פון די ביזאַנטיער, יעדער מיט זיין טעמפּעראַמענט, מיט זיין אויסטערלישן פאַרגאַפטן בליק.

— דער קעניג! — הערט זיך אַ געמורמל.

אַלע קוקן זיך אום. עס ווערט אַ געשושקעריי, אַ גערעדעריי און עמיצער באַמיט זיך דאָס אַלץ איינצושטילן און עס געלינגט אים נישט, דאָס גערויש ווערט נאָך גרעסער.

ענדלעך זעט מען אָנקומען דעם קעניג סבריאל, דאָס פּנים ערנסט און פאַר־טראַכט. ער שפּריזט לאַנגזאַם, באַגלייט אויף ביידע זייטן פון זיינע נאָענטסטע ראַטגעבער. ער דערנענטערט זיך צו דער בימה, ענטפערט אויף די באַגריסונגען פון די פרעמדע שליחים. ער איז אָנגעטאָן אין זיין גאַנצער קעניגלעכער פּראַכט. קליידער פון פּורפּור מיט גאָלד און זילבער דורכגעוועבט ליגן געפּאַסט צו זיין פולן קערפּער. ער האַלט אין דער האַנט אַ גאָלדענע רוט, דעם סימבאָל פון זיין קעניגלעכער הערשאַפט. ווען ער זעצט זיך אַוועק אויף אַ ספּעציעל־צוגעגרייטער שטול, רעכטס פון דעם קעניגלעכן טראָן, הייבן די פייפלעך אָן צו פייפן, די טראָמפּייטן צו בלאָזן און די פּויקן און טאַצן צו דונערן, און דער עולם מאַכט אויסגעשרייען לכבוד אים:

— זאָל לעבן אונדזער גרויסער קעניג בולאַן... סבריאל!... — כאַפּט זיך נאָך

אַרויס ביי טייל פון עולם זיין געצנדינערישער נאָמען, אָבער ער ווערט באַלד פאַר־ריכט דורך די איבעריקע טויזנטער פאַרזאַמלטע מענטשן.

— לאַנג לעבן זאָל אונדזער הערשער!

— מיר ווינטשן אים צום נייעם יאָר פיל געזונט און גבורה!...

דער קעניג בייגט זיך און נייגט זיך אויף אַלע זייטן און שמייכלט אַזוי ערנסט, ווי גאָר אַ וויכטיקע פּאַסירונג דאַרף דאָ באַלד פּאַרקומען. דער קעניג וועט דאָ אָנזאָגן זייער אַ וויכטיקן באַשלוס, אַחוץ דעם וואָס ער גיט איבער זיין קרוין צו זיין אייגציקן זון, דעם פּרינץ עובדיה.

וועגן דעם טאַקע סודעט מען זיך צווישן דעם ריזיקן המון און מען וויל פּרווון טרעפן, וואָס די דאָזיקע מעלדונג וועט זיין...

אָבער אָט דערהערט מען ווידער דאָס בלאָזן פון די טראָמפּייטן, דאָס קלאַפּן פון די פּויקן און דעם אויסגעשריי פון גרויסן עולם:

— זאָל לעבן דער קרוינפּרינץ עובדיה און זיין ווייב אסתר!...

דאָס יונגע פּאָרפּאָלק, אָנגעטאָן אין זילבער און אין גאָלד, מיט אַ בלאַנקער שווערד אין עובדיהס האַנט, דערנענטערט זיך פּאַמעלעך צו די צוויי טראָן־שטולן, וואָס שטייען ליידיק און זיי באַזעצן זיך. הינטער זיי שפּרייזט נאָך אין מיליטער־רישע קליידער זיין נאָענטסטער פריינט און איצט, דער שוואָגער, עמרם און זיין פרינצעסין־ווייב שולמית...

אַ געמורמל פון ענטוזיאַזם ביי זייער דערשיינען.

— אַ מלאכישע שיינקייט!...

— אַזאַ פּראַכט האָבן נאָך מענטשלעכע אויגן נישט געזען...

פלוצלינג דערהערט זיך אַ געשריי: :

— לאַנג לעבן זאָל דאָס פּרינצלעכע פּאָרפּאָלק!...

דער פּרינץ עובדיה נייגט זיך צום עולם און שמייכלט גליקלעך צו זיין יונגן ווייבל, דער צוקינפטיקער קעניגין.

פון ערגעץ פירט מען צו די קעניגין בת־שבע, וועלכע איילט זיך מיט גיכע טריט, ווי זי וואָלט זיך צוליב עפּעס פאַרשפּעטיקט. זי שיינט נאָך איצט מיט איר אַמאָליקער שיינקייט. מען באַזעצט זי לעבן קעניג סבריאל.

ווידער שפּילן־אויף די טראָמפּייטן. דאָס מאָל קומט אָן דער נייער פּעגאָן, דער שני למלך, ר׳ יצחק סאַנגורי. ער ווערט באַגלייט דורך עטלעכע פון זיינע תלמידים. דער עולם מאַכט פאַרשידענע אויסרופן לכבוד אים, און עס נעמט ניט קיין עק צו די געשרייען און צו דעם פּאַטשן מיט די הענט און טופּען מיט די פיס.

דער קעניג שטעלט זיך אויף און מאַכט אַ צייכן מיט זיין גאָלדענער רוט.

דער עולם ווערט תיכף איינגעשטילט.

איבדרויסן בלאָזט אַן אָנגענעם ווינטל. דער הימל איז בלוי, אָן אַ פּיצל

וואָלקן. די זון שפּרייט אַרום זיך פלאַמיקן גאָלד, ווי אַ קרוין פון גליאיקן פייער.
דער קעניג הייבט אָן צו רעדן:

— מיין טייער פאָלק פון כוזרישן אָפּשטאַם, יידן און אַלע אַנדערע פעלקער, וואָס באַוווינען מיין לאַנד! אַ גרויסע פּאַסירונג איז פאָרגעקומען אין לאַנד פון די כוזרים, וואָס וועט פאַרבלייבן לעולם ועד אין דער געשיכטע, כל־זמן מענטשן וועלן עקזיסטירן אויף דער וועלט... מיין גאַנץ לעבן, זינט איך בין געקומען צו מיין שכל, האָט מיך באַאומרויקט אַ געדאַנק, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט גע־קאָנט פאַרטרייבן פון זיך: ווער האָט באַשאַפן אָט די דאָזיקע שיינע וועלט און אַלץ וואָס געפינט זיך אויף איר? ווער איז עס די גרויסע קראַפט, וואָס האָט אין מיר אַריינגעגעבן שכל מער ווי אין דער חיה? ווער מאַכט יעדן טאָג אויפשיינען די זון אין פרימאָרגן און אונטערגיין ביינאַכט? ווער האָט באַשאַפן די לבנה און די מיליאָנען־מיליאָסן שטערן? די אַלע פראַגעס האָבן מיר נישט געגעבן קיין רו דאָס גאַנצע לעבן, ביז איך האָב מיינס דערגרייכט... איר אַלע האָט נעכטן, אין דעם גרויסן און פאַרכטיקן טאָג פון ראש־השנה, געפילט די געטלעכקייט אין אייערע הערצער. אייערע נשמות זענען אויסגעאיידלט געוואָרן, איר זענט געוואָרן מענטשן און איר האָט מיט איינמאָל באַגריפן, אַז דער שטיין קאָן נישט זיין דער גאָט, וואָס האָט אייך באַשאַפן, ווייל דעם דאָזיקן „גאָט" באַשאַפן דאָך אייערע איי־געגע הענט... איך האָב געוואָלט אָננעמען אַ גלויבן, וואָס זאָל רעדן צו מיין נשמה און צו מיין האַרץ. פון די דריי אמונות, וואָס גלייבן אין אַן איינציקן גאָט האָב איך אויסגעקליבן די יידישע אמונה, ווייל די אַנדערע צוויי זענען בלויז נאָכגע־מאַכט דעם אָריגינאַל, אַ שאָטן פון דער אמונה אין איין איינציקן גאָט.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע, ווייל עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עמיצער וויל אים עפּעס פרעגן.

— ווער עס וויל מיך פרעגן, קאָן דאָס טאָן און איך וועל אים ענטפערן — האָט דער קעניג מיט אַ פריינטלעך קול געזאָגט.

אָבער אַ שטילקייט איז געווען דער ענטפער אויף זיין פראַגע.

און ער האָט דעריבער פאָרגעזעצט:

— איך האָב מיין ציל דערגרייכט און איך וויל איצט זיך צוריקציען פון אָנ־פירן מיט דער מלוכה. איך וויל מיך אָפּגעבן אין פאַראייניקן אונדזער כוזריש פאָלק מיט דעם פאָלק פון די בני ישראל און אויפשטעלן איין גרויס קעניגרייך, מיט דעם לאַנד פון יהודה אין דער שפּיץ. גאָט האָט מיר געהאָלפן געפינען דעם ריכטיקן וועג, ווייל איך מיין גאָט אָנטאָן אַ נחת־רוח און צוריקברענגען דאָס יידי־שע פאָלק אין זיין הייליקן לאַנד אַריין, וואָס איז אויך פאַר אונדז הייליק!... איך דערקלער דעריבער דאָ אָפן: אַלס קעניג נאָך מיר באַשטים איך מיין איינציקן זון, דעם פּרינץ עובדיה, וואָס וועט טיילן זיין טראָן מיט דער קעניגין אסתר, אַן

אַפּשטאַמיקע פון דעם דאָזיקן הייליקן פאָלק, וואָס גאָט האָט אויסדערוויילט צווישן אַלע פעלקער. איך האַלט דעם דאָזיקן צופאַל, וואָס מיין זון, מיין יורש־עצר, האָט גראַד אויסדערוויילט אַלס זיין ווייב אַן אַפּשטאַמיקע פון די בני ישראל ווי אַ העכערע השגחה פון הימל. שרייט מיט מיר מיט:

— זאָל לעבן דער נייער קעניג עובדיה! זאָל לעבן די קעניגין אסתר!...

— זאָל לעבן דער נייער קעניג עובדיה! זאָל לעבן די קעניגין אסתר! — האָבן זיך געהערט די אויסגעשרייען פון דעם ריזיקן טויזנטער און טויזנטער קעפּיקן עולם. און דער קעניג סבריאל האָט אויף אַ פייערלעכן אופן איבערגעגעבן די גאָלדענע רוט צו זיין זון עובדיה.

עטלעכע מינוט האָט געדויערט דער דאָזיקער אויסגעשריי, וואָס האָט זיך איבערגעחזרט און איבערגעחזרט צענדליקער מאָל. די גאַנצע לופט האָט אויפגעציטערט, עס האָט זיך געדאַכט, אַז די כוואַליעס פון ים האָבן אויך אויפגעציטערט און אָנגעהויבן זיך צו קנייטשן און רינצלען, און מיט די כוואַליעס איז איבער דער גאַנצער וועלט אַוועק דער אויסרוף: „זאָל לעבן דער נייער קעניג עובדיה!"

דער קעניג סבריאל האָט זיך אַוועקגעזעצט אַן אויסגעמאַטערטער. אַ שווייס האָט באַדעקט זיין פּנים און פערלדיקע טראָפּנס זענען אים גערונען פון שטערן, און ער איז געוואָרן בלייך, ווי נאָענט צו חלשות...

נאָך אים האָט זיך אויפגעשטעלט דער שני למלך, ר' יצחק סאַנגורי, און ער האָט געבענטשט דעם נייעם כוזרישן מלך און זיין טאָכטער, די כוזרישע מלכה און געווונטשן, אַז זיי זאָלן דויערן אויף דור־דורות און קיינמאָל נישט אונטערגיין, אַז זייער געדעכעניש זאָל קיינמאָל נישט אויסגעמעקט ווערן פון צווישן די יידן און אַז זיי פאַרבינדן פון היינט־מאָל אָן זייער גורל מיטן גורל פון יידישן פאָלק.

— זאָל לעבן דער קעניג עובדיה!... — האָבן זיך ווידער דערהערט געשרייען, און די זון האָט געשיינט און געזייט פרייד און גליק איבערן באַנייטן לאַנד פון די כוזרים...

— זאָל לעבן דער מלך עובדיה!

דער דאָזיקער הילכיקער אויסרוף האָט נאָך לאַנג־לאַנג געבויערט אין די אויערן, אַפילו ווען דאָס פאָלק האָט זיך שוין אָנגעהויבן פונאַנדערצוגיין יעדער אין זיין היים, פראַוועדיק די סעודה פון בייסאַכט צווישן זיין הויזגעזינד...

דער קעניג עובדיה האָט אָנגעהויבן אין אַ גליקלעכער שעה צו קעניגן איבער דעם לאַנד פון די כוזרים אין יאָר ד' אלפים תק"י (750), און אַ פריידיקע צייט איז אַנטשטאַנען פאַר דעם דאָזיקן טאַטערישן פאָלק, וואָס האָט אונטער דער פּי־

רונג פון זיין כאַקאַן בולאַן דעם גרויסן דערקענט די געטלעכע מאַכט און זי אָנגענומען.

די אונטערטאַנען זענען אַזוי גליקלעך געווען מיט זייער נייעם מלך, אַז זיי האָבן ביי יעדער געלעגנהייט אַרויסגעוויזן אים טרייהייט און נאָכפאָלגערשאַפט און אויף די גאַסן האָט מען אָפט גאָר אָן שום סיבה טיילמאָל דערהערט דעם אויסרוף:

— זאָל לעבן דער מלך עובדיה!...

קאַפּיטל צען

יצחק פירט צוריק קעניגלעכן בריוו

— זאָל לעבן קעניג עובדיה!... זאָל לעבן קעניג יוסף!...

— זאָל לעבן!... זאָל לעבן!...

די טראָמפּייטן בלאָזן, די פּויקן און טאַצן זעצן, מען הערט זינגען און טאַנצן אויף די גאסן און קולות הייבן זיך עד לב השמים.

יצחק כאַפּט זיך אויף פון שלאָף. ער קוקט זיך אום, רייבט זיך אויס די אויגן און ער ווייסט נישט אין דער ערשטער רגע, ווו ער געפינט זיך. אין קאָפּ מישט זיך אים פאַר מידקייט. ער איז אַ גאַנצע נאַכט כמעט נישט געשלאָפן. ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון די פאַרגעלטע פּאַפּירוסן, פון וועלכע ער האָט אַרויסגעלייענט די געשיכטע פון דעם כוזרישן פאָלק, זינט דער קעניג בולאַן האָט אָנגענומען דאָס יידישע גלויבן... ער איז נאָך אַלץ אַזוי שטאַרק אונטער דעם איינדרוק פון דעם איבערגעלייענטן, אַז עס דאַכט זיך אים כסדר אויס, אַז ער געפינט זיך גאָר ביי דער קרוינונג פון קעניג עובדיה, דעם זון פון קעניג בולאַן, וועלכער האָט ביים איבערגיין צום יידישן גלויבן אָנגענומען דעם לשון־קודשדיקן נאָמען „סבריאל״.

ער הערט נאָך בפירוש די אויסגעשרייען: „זאָל לעבן דער קעניג עובדיה!״ אָבער ניין... דאָס שרייט מען דאָך גאָר: „זאָל לעבן דער קעניג יוסף!״...

ער הייבט אונטער זיין קאָפּ, קוקט זיך אום פאַמעלעך. ער געפינט זיך אין אַ גרויסן ווייס־מאַרמאָרנעם זאַל, אויף אַ ווייך, פּעכלדיק־ווייס געלעגער. לעבן אים אויפן דיל וואַלגערן זיך אויף דער ערד פאַרגעלטע פּאַפּירוסן, וואָס צעשיטן זיך שוין באַלד פון אַלטקייט. פון דרויסן הערן זיך אויסגעשרייען לכבוד דעם קעניג יוסף, וואָס איז שוין דער צוועלפטער קעניג נאָך דעם כאַקאַן בולאַן. עס קומען נאָך אַלץ פאָר די פייערונגען לכבוד דעם צוויי הונדערטסטן יאָרטאָג, זינט די כוזרים האָבן אָנגענומען די יידישע אמונה.

אַ גליקלעכער שמייכל צעלייגט זיך אויף זיינע ליפּן און איבערן גאַנצן לענגלעכן פּנים; די שוואַרצע אויגן זיינע צעלייכטן זיך, ווען אויף דער שוועל בלייבט שטיין פלוצלינג דאָס פּראַכטפולע מיידל שולמית...

„זי איז דאָך ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך צו דער טאָכטער פון ר׳ יצחק סאַנגורי, צו דער שיינער אסתר, דאָס ווייב פון קעניג עובדיה, ווי זי ווערט אַזוי לעבעדיק געשילדערט אין די דאָזיקע פאַרגעלטע פּאַפּירוסן״ — זאָגט ער צו

זיך אַליין. ער וואָלט געשווירן, אַז דאָס איז די זעלבע אסתר פון מיט צוויי הונ־דערט יאָר צוריק. עס איז דער זעלבער אַנטציקנדיקער שמייכל, די זעלבע סאַמעט־שוואַרצע האָר און די בלוי־גרינע אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך אַזוי שטאַרב־לעך פאַרליבט דער כוזרישער פרינץ קאַזאַר...

ער זעט דאָס אַלץ אַזוי לעבעדיק און אין קאָפּ קומט ביי אים פאַר אַזאַ מיש־מאַש, אַז ער קאָן פאַר אַ ווײַלע נישט קומען צו זיך און אָפּגעבן זיך אַ קלאָרן דין־וחשבון...

— שולמית!... — גיט ער אַ רוף דאָס מיידל, וועלנדיק זיך זיכער מאַכן, אַז ער חלומט נישט מער, אַז דאָס איז די ווירקלעכקייט.

— יאָ, שיינער בחור פון קאָרדאָוואַ!... — צעלאַכט זיך שולמית מיט איר פול מויל פּערלדיקע ציינדלעך — האָסט געהאַט, זעט אויס, אַ שיינעם חלום... איך האָב דיך מיט אַ ווײַלע צוריק פון שלאָף אַרויס געהערט רופן: „אסתר"... דאָס איז דאָך מיין עלטער־עלטער־באָבע אסתר, די טאָכטער פון מיין אור־אַלטן זיידן ר׳ יצחק סאַנגורי... האָסט דיך פאַרליבט אין מיין אַלטיטשקער באָבען?... כאַ־כאַ־כאַ!...

איר געלעכטער האָט אַזוי הילכיק אָפּגעקלונגען אונטערן בלויעלכן געוועלב פון ריזיקן מאַרמאָרנעם זאַל, אַז ער האָט זיך אַביסל פאַרשעמט און מיט אַ שטיל קול צוגעגעבן:

— יאָ, דיין עלטער־עלטער־באָבע אסתר איז ווירקלעך געווען אַן אויסערגע־וויינלעך שיין מיידל, און דער וואָס האָט די געשיכטע פאַרשריבן, האָט זי געמוזט אַליין זען און ליב האָבן, ווייל איך זע זי נאָך איצט ווי לעבעדיק פאַר מיינע אויגן...

— ביסט גערעכט, יצחק. די בלעטלעך האָט פאַרשריבן דער קעניג עובדיה אַליין, און ווי שטאַרק ער האָט ליב געהאַט זיין יונג ווייבל, האָסטו דאָך געלייענט...

יצחק האָט אַ ווײַלע אַנגעקוקט שולמיתן און אויפסניי זיך אַנטציקט מיט איר אומגעוויינלעכער שיינקייט און אויסטערלישן חן. אין איר שמייכל איז גע־לעגן אַן אייביק לעבן פון גליק און לייטזעליקייט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און זי פאַרגליכן מיט פנינהן, די טאָכטער פון ייִדישן נשיא אין קאָרדאָוואַ, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט... ער האָט אויפגעצאַפּלט אינגאַנצן ביים דערמאָנען מיט די ליפּן איר נאָמען. אַ גוואַלדיקע בענקשאַפט האָט אים אַרומגעכאַפּט, אַז עס האָט אים אַזש פון געלעגער אונטערגעהויבן...

שולמית האָט דערפילט זיינע מחשבות און זי האָט מיט אַ לייכטן וואָלקן אויף איר חנעוודיקן פּנימל אויסגערופן:

— וועלן מיר גיין אויף דעם פייערלעכן מאַרש צו דער הייל, ווו אונדזער זיידע ר׳ יצחק סאַנגורי האָט מגייר געווען די כוזרים?... היינט קומט פאָר אַהין דער פייערלעכער אַרויסמאַרש, דאָס איז עטלעכע שעה פון דאַנען, לענגאויס דעם

ברעג פון כוזרישן ים... מען וועט דאָרט לייענען די זעלבע פרשה פון חומש, וואָס מ׳האָט געלייענטביים פייערלעכן אַקט פון קעניגס איבערגיין צום יידישן גלויבן... אויך דער מלך יוסף וועט אָנוועזנדיק זיין ביי דער דאָזיקער צערעמאָניע. עס איז דאָרט נאָך אַזוי איינגעאָרדנט פונקט ווי אין דעם טאָג, ווען די גרויסע פּאַסירונג איז פאָרגעקומען. עס האָט זיך דאָרט גאָרנישט געענדערט... די זעלבע טעפּיכער, די זעלבע ספרי־תורות און דער זעלבער אָרון...

— אַוודאי וועל איך גיין... ווי וועל איך קאָנען גאָר דערציילן אין קאָרדאָוואָ די גאַנצע הערלעכע געשיכטע, נישט האָבנדיק געזען מיט מיינע אויגן דאָס, וואָס איך האָב געלייענט אין די פאַרגעלטע פּאַפּירוסן... — האָט יצחק מיט פרייד אויסגערופן.

שולמית האָט זיך צוריקגעצויגן. יצחק האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און איז אַרויסגעלאָפן צום ים זיך טובלען. דאָרט האָט ער געטראָפן זיין גוטן פריינט, דעם געוועזענעם ביזאַנטיער דאַגאָמאַר־אברהם...

ביידע פריינט האָבן זיך זייער דערפרייט. יצחקן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט שוין אברהמען נישט געזען אַ לאַנגע צייט. ער איז נאָך אַזוי צעמישט געוועזן פון דער דורכגעלייענטער געשיכטע, אַז עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער אַליין האָט מיטגעלעבט אין יענער עפּאָכע פון פאָר צוויי הונדערט יאָר... ער האָט נישט געקאָנט צו זיך קומען.

— איך קאָן דיר אָנזאָגן אַ בשורה... — האָט אברהם מיט אַ שמייכל אויסגערופן צו יצחקן, און ער איז דערביי רויט געוואָרן ווי פּורפּור...

— וואָס איז געשען, אברהם?...

— איך גיי חתונה האָבן... — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט — באַלד נאָכדעם ווי איך וועל האָבן אַריינגעקומען אין דער יידישער עדה... איך האָב מיך נעכטן ביינאַכט באַקאָנט מיט אַ כוזריש מיידל און זי איז צו מיר צוגעקלעפּט געוואָרן...

— מזל־טוב, דאַגאָמאַר... אברהם — האָט יצחק זיך צוריקגעכאַפּט — זיי מיר מוחל... כל־זמן דו האָסט נאָך נישט כורת־ברית געווען מיטן גאָט פון אברהם, ביסטו נאָך אַלץ „דאַגאָמאַר"...

און ער האָט זיך צעלאַכט, קלאַפּנדיק זיין גוטן פריינט איבער דער פּלייצע, דערמאָנענדיק זיך דערביי, וויפל פּאַסירונגען זיי האָבן שוין דורכגעמאַכט צוזאַמען, זינט זיי זענען ביידע אַרויסגעגאַנגען פון קאָרדאָוואָ מיט דער גרויסער שליחות.

— אָבער שולמית איז גוואַלדיק פאַרליבט אין דיר, יצחק... — האָט דער ביזאַנטיער פאַרזיכטיק צו אים אויסגערופן...

יצחק איז געוואָרן טרויעריק. עס האָט אים וויי געטאָן דאָס האַרץ אויף דעם דאָזיקן אויסטערליש שיינעם מיידל, דאָס אור־אור־אייניקל פון דעם גרויסן ייד,

דעם באַשאַפער פון אַ ניי ייִדיש פֿאָלק, ר׳ יצחק סאַנגורי... ער האָט זיך פֿאַר־טראַכט און אַ לענגערע צייט געשוויגן, נישט ווייסנדיק וואָס צו ענטפֿערן זיין פריינט...

אָבער אין דער זעלבער רגע האָט אַ שאַל פון אַ שופר איבערגעריסן זייער געשפּרעך און אַ טראָמפּייטל האָט אַקאָמפּאַנירט...

— דער מאַרש צו דער הייל הייבט זיך באַלד אָן!...

עס איז געווען אַ קילער טאָג. די זון האָט גאָלדיק געשיינט, דער הימל איז געווען בלוי, אָן אַ פּיצל וואָלקן אויף אים. אָבער עס איז שוין פאַרט געווען חודש אלול, און די זון האָט שוין נישט אַזוי שטאַרק געפּלאַקערט ווי מיט אַ חודש צו־ריק. עס איז געווען דער פופצנטער טאָג אין חודש אלול, ווען מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק עס איז אין דער הייל, נישט ווייט פון ים־ברעג אין דאַגעסטאַן, פאַר־געקומען די צערעמאָניע פון איבערגיין פון כוזרישן פאָלק צום ייִדישן גלויבן.

דער עולם האָט אין ריזיקע צאָלן זיך אַרויסגעלאָזט אין דעם מאַרש, ווער אויף פערד רייטנדיק, ווער צופוס, פונקט ווי עס האָבן געטאָן זייערע אור־על־טערן פאַר צוויי הונדערט יאָר. לעבן יצחקן איז פון איין זייט געגאַנגען זיין פריינט אברהם, דער געוועזענער ביזאַנטיער, וועלכער האָט אויסגעפּועלט, אַז אויך ער זאָל היינט אין דער זעלבער הייל דערקלערט ווערן אַלס אָנגעהעריקער צום ייִדישן דת. פון דער צווייטער זייט איז געגאַנגען שולמית אַ טרויעריקע, מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, דערמאָנענדיק זיך, ווי איר עלטער־עלטער־באָבע אסתר איז אין דעם זעלבן טאָג מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק געווען אַ סך גליק־לעכער פון איר היינט־צו טאָג...

ווען זיי זענען אָנגעקומען מיט עטלעכע שעה שפּעטער צו דער הייל, איז שוין דאָרט געווען דער קעניג יוסף מיט דער קעניגין, עס זענען געווען אַלע ראַטגעב־בער און מיניסטאָרן, אָנפירער פון דער אַרמיי און פיל סאָלדאַטן פון דער כוז־רישער אַרמיי. טויזנטער מענטשן האָבן אָנגעפילט די הייל און אין ערפורכט שטיל געשוויגן, מיט געבויגענע קעפּ, כדי אָפּצוגעבן כבוד צו די יעניקע, וועל־כע האָבן מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק געהאַט דעם מוט אָװעקצוואַרפן דאָס געצנ־דינסט און אָננעמען דאָס גלויבן אין איינאיינציקן גאָט.

שולמית האָט אומבאַמערקט פון אַלע געדריקט יצחקס האַנט און ער האָט עס אַפילו נישט געפילט. ער איז געווען געריירט פון דעם דאָזיקן גראַנדיעזן בילד. עס האָט זיך ביי אים איצט אין מוח אויסגעמישט דאָס געלייענטע אין די פאַרגעלטע פּאַפּירוסן מיט דעם, וואָס ער זעט איצט מיט זיינע אייגענע אויגן.

עס האָבן געפּלאַקערט טויזנטער פלעמלעך אין די בעקנס מיט בוימל, וואָס האָבן פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ שטיקנדיקן ריח, אָבער אין דער הייל איז ליכטיק געווען ווי ביי טאָג.

דער רב פון דער הויפּטשטאָט באַלאַנגאַר האָט געלייענט די זעלבע פּרשה, וואָס עס האָט געלייענט ר׳ יצחק סאַנגורי מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק... דער עולם האָט שטילגעשוויגן און אויסגעהערט יעדן פּסוק, און אַ ציטערניש איז אַדורך איבער זייערע לייבער, גלייך זיי וואָלטן נאָכאַמאָל דורכגעגאַנגען די זעלבע פּייערלעכקייטן, וואָס זייערע עלטער־זיידעס.

עס איז איצט פאָרגעקומען די צערעמאָניע פון אַריינפירן דעם ביזאַנטיער דאגאָמאַר אין יידישן גלויבן. ער האָט נאָכגעזאָגט פּסוק ביי פּסוק אַלץ, וואָס עס איז אַרויסגעלייענט געוואָרן פון דער אַלטער ספר־תורה. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל און איינגעהילט אין אַ טלית. דאָס פּנים האָט ביי אים געפלאַמט און אין די אויגן האָבן זיך געצונדן פייער־פלעמלעך. ער האָט געציטערט איבערן גאַנצן קערפּער, און עס האָט זיך אים איצט אויסגעוויזן, אַז אויך זיין נשמה איז געשטאַנען ביים באַרג סיני, בעת משה האָט אַראָפּגעבראַכט די לוחות פון הימל.

— ווייסט דאָס אַלץ דערציילן ביי דיר אין לאַנד? — האָט שולמית מיט פולע אויגן טרערן געפרעגט ביי יצחקן.

— יאָ, טייער מיידל... — האָט יצחק איר געענטפערט און ער האָט געהאַט גרויס חשק איר אויסצוקושן דאָס מויל, אָבער ער האָט געדענקט די לעצטע רייד, פון זיין איינציקער פּניגהן, און ער האָט דאָס נישט געטאָן.

***

עס האָבן זיך דערנענטערט די טעג, ווען יצחק האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן אין זיין וועג אַריין אויף צוריק...

דער מלך יוסף האָט באַשטימט דעם טאָג אויף נאָך ראש השנה, אַז עס זאָל איינגעאָרדנט ווערן אַ גרויסע געזעגענונגס־סעודה פאַר דעם שליח פון קאָרדאָוואַ, און דער מלך אַליין האָט זיך גענומען גרייטן אַ בריוו צו ר׳ חסדאי אבן שפּרוט.

דאָס גאַנצע לאַנד האָט געפיבערט פון דערוואַרטונג. מען איז געקומען פון אומעטום קיין באַלאַנגאַר, די הויפּטשטאָט פון כוזרים־לאַנד און מען האָט זיך איינגעאָרדנט אין ביידלעך הינטער דער שטאָט, לענגאויס דעם ברעג פון ים. פיל האָבן זיך באַזעצט ביי זייערע באַקאַנטע און קרובים. מען איז געקומען מיט גאַנצע משפּחות, מענער, פרויען און קינדער. מען האָט געפירט מיט זיך שפּייז און פאַרשידענע זאַכן, וואָס זענען נייטיק געווען אויף דער צייט פון איבערבלייבן אין דער הויפּטשטאָט.

דאָס האָט מען זיך געגרייט צו דער גרויסער שמחה, וואָס דער קעניג האָט באַשלאָסן איינצואָרדנען פאַר יצחקן, דעם יונגן יידישן שליח פון קאָרדאָוואַ אין מדינת ספרד.

יצחק איז שטאַרק באַליבט געוואָרן ביי אַלעמען און מען האָט וועגן אים גערעדט מיט דער גרעסטער אַכטונג. ער פלעגט פאַר כוזרים אָפט האַלטן דרשות אין דער שול. מערסטנטיילס האָט ער גערעדט וועגן דער קאַראַימישער סעקטע, וואָס האָט געפּרוּווט באַאיינפלוסן די כוזרים און זיי אויפוויַיזן, אַז די רבנים האָבן אויף זיי אַרויפגעלייגט צופיל חומרות, אַז עס איז שווער דאָס אַלץ אויסצופירן און דאָס איז גאָר קעגן דער תורה...

ווען אַזאַ קאַראַימישער פּרעדיקער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט יצחקן, האָט זיך יענער געמוזט שנעל אָפּטראָגן, ווייל די פאַרזאַמלטע וואָלטן אים צע־ריסן אויף שטיקלעך.

— זיי האָבן נאָך געפּרוּווט צו באַאיינפלוסן דעם קעניג בולאַן, ווען ער האָט אָנגענומען דאָס יידישע גלויבן, אָבער עס איז זיי דעמאָלט נישט געלונגען, ווילן זיי, די אומדערמידלעכע עקשנים, דאָס באַווייזן איצטער, ווען דאָס יידיש־קייט איז טיף פאַרוואָרצלט אין די הערצער און אין די נשמות פון דער כוזרישער באַפעלקערונג... — האָט יצחק געדונערט מיט זיינע פייערדיקע רייד.

ער האָט אויך גערעדט וועגן דעם לאַנד פון יהודה און ער האָט אין לעבע־דיקע פאַרבן געשילדערט די צייט, ווען דאָס לאַנד וועט צוריק אַריבערגיין אין די הענט פון יידישן פאָלק און אַז זיי, די כוזרים, דאַרפן זיך גרייטן צו נעמען אָנ־טייל אין דער באַפרייאונג פון הייליקן לאַנד. ער האָט דערביי געשילדערט די אומאָפּהענגיקייט־קאַמפן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געפירט אין דער גרוי־סער עקשנות צו פאַרבלייבן אויף זיין ערד. ער האָט זיי דערציילט וועגן דעם גרויסן יידישן העלד בר־כוכבא, וועגן רבי עקיבא, וועגן רבי מאיר און אַנדערע גרויסע תנאים, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דעם הייליקן קאַמף צו באַפרייען די יידישע אומה פון גלות.

דער עולם האָט געשלונגען זיינע רייד און מיט פייערדיקע בליקן געקוקט אים אין מויל אַריין און געוואָלט אַזוי הערן אים רעדן אָן אַן אויפהער און אָן אַ סוף.

שולמית, די טאָכטער פון ר׳ אהרן סאַנגורי, איז שטענדיק געווען בעת זיינע דרשות און זי האָט פון אים איר בליק נישט אַראָפּגעלאָזט. זי האָט ממש געזאָ־טעמט מיט זיין אָטעם און איינגעזאַפּט אין זיך זיינע רייד און שפּעטער אין די נעכט אויף איר געלעגער וועגן אים געחלומט אויף דער וואַך...

זי האָט זיך געפילט אומגליקלעך. זי האָט דעם יונגן יידישן שליח פון קאָר־דאָווא ליב געקראָגן מיט דעם גאַנצן פיבער פון איר נשמה. זי האָט געפילט, אַז אויך ער איז צו איר נאָענט, אָבער ער איז ערלעך אין דער נשמה, אַז ער זאָל פאַרלאָזן זיין מיידל פנינה, וועגן וועלכער ער רעדט אַזוי פייערלעך און מיט אַזוי פיל ליבע... כאָטש ביי זיי דאָרט אין מדינת ספרד האָבן די יידן צו עטלעכע ווייַ־

בעו׳, און זי וואָלט זיך נישט אָפּגעשטעלט אַפילו צו זיין ביי אים ז׳אָס צווייטע ווייב, אָבער זי פילט מיט איר אינערלעכן ציטער, אַז ער וועט דאָס נישט טאָן. ער האָט צופיל ליב פּנינהן...

אויך ביים קעניג אין פּאַלאַץ איז וועגן דעם גערעדט געוואָרן. דער מלך יוסף האָט אַפילו געהאַט איינמאָל אין אַן אָוונט צוזאַמענגערופן אַ געהיימע אסיפה פון די נאָענטסטע מיטגלידער פון זיין קעניגלעכער משפחה. ער האָט שטאַרק גע־וואָלט זיך משדך־זיין מיט אַ ספרדישן ייִד. „זאָל דאָס כוזרישע בלוט וואָס מער זיך אויסמישן מיט דעם בלוט פון די ריכטיקע ייִדן און מיר וועלן אַזוי אַרום אין משך פון עטלעכע דורות ווערן איין גרויס ייִדיש פאָלק!“ — האָט דער קעניג געטענהט.

— אין מיר אַליין פליסט שוין ייִדיש בלוט, מיט וועלכן איך בין אָן אַ שי־עור שטאָלץ און גליקלעך... — האָט דער קעניג צוגעגעבן נאָך אַ ווייל זיך איינ־קוקן אין די אויגן פון די פאַרזאַמלטע געסט... — דאָס איז אַ דאַנק מיין עלטער־עלטער־באָבען אסתר סאַנגורי, די טאָכטער פון גרויסן רבין ר׳ יצחק סאַנגורי, וועמען מיר האָבן צו פאַרדאַנקען דאָס אָננעמען פון אמתן גלויבן! איך וואָלט געווען אָן אַ שיעור גליקלעך, ווען עס געלינגט אונדז צו פאַראייניקן מיין קרובה שולמית, פון די סאַנגוריס, מיט אָט־דעם פּרעכטיקן בחור יצחק בן נתן, דעם שליח פון די ייִדן אין מדינת ספרד.

— ווי אַזוי זאָלן מיר עס דורכפירן, גרויסער הערשער?... — האָט איינער פון די פאַרזאַמלטע משפּחה־מיטגלידער געפרעגט — קודם כל מוזן מיר דאָך וויסן, צי איז דאָס דער ווילן פון דעם מיידל אַליין...

דער מלך יוסף האָט אַ ווײַלע זיך פאַרטראַכט, און אין אַ ווייל אַרום געענט־פערט:

— ביי מיר איז קיין שום ספק ניט בנוגע דעם מיידל... איר נשמה איז אָנ־געקניפּט אין זיין נשמה. מיט יצחקן דאַרפן מיר אינגאַנצן נישט רעדן. אויב עס איז באַשערט דער זיווג, וועט ער אַליין קומען פון זיך זעלבסט... מיין עצה איז, אַז היות מיר האָבן פון פריער נאָך באַשטימט, אַז אַ גרופּע שליחים פון כוזרישן פאָלק זאָל מיטגיין מיט דעם שליח פון קאָרדאָוואַ, וועלן אין דער חברותא אויך מיטגיין אַ צאָל פון אונדזערע מיידלעך, און צווישן זיי אויך שולמית... די מייד־לעך ווילן מיר דורכויס אַהינשיקן, כדי אַזוי אַרום צו פאַראייניקן מיט אַ לעבע־דיקער בריק אונדזערע צוויי פעלקער, וועלכע זענען שוין נאָענט מיט דער אמונה און דאַרפן נאָך דערנענטערט ווערן מיטן בלוט...

דאָ האָט זיך אויפגעשטעלט דער פאָטער פון שולמיתן, ר׳ אהרן סאַנגורי. ער האָט אַ בליק געטאָן מיט זיינע קליינע, שוואַרצע אויגן, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעגליט אַ הייליק פלעמל. ער האָט זיך אַ וויש געטאָן איבערן פּנים מיט

דער האַנט, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרטרייבן פון זיך עפּעס אומאָנגענעמעס, און ער האָט געזאָגט:

אַלס פאָטער פון מיין איינאיינציק מיידל וואָלט איך זיכער געווען דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט, ווען זי ווערט אַנטשפּויזט צו דעם יונגן שליח פון מדינת ספרד. דאָס איז אָבער אוממעגלעך, ווייל איך ווייס, אַז יצחק איז שוין אַנטשפּויזט צו דער טאָכטער פון זיין נשיא אין קאָרדאָווע, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט. ער רעדט שטענדיק וועגן איר מיט דער גרעסטער ליבשאַפט, און זיין קול ציטערט־אויף, ווען ער ברענגט אַרויס איר נאָמען אויף זיינע ליפּן. מיין טאָכטער איז קראַנק מחולת אהבה צו דעם דאָזיקן יונגן מאַן, ווייל זי ווייסט, אַז איר ליבשאַפט צו אים איז בחינם... זי האָט אים ליב מיט אַזאַ קראַפט, וואָס מען קאָן זי נאָר פאַרגלייכן מיט דער ליבע פון אונדזער עלטער־עלטער־באָבען, אסתר סאַנגורי, צו דעם קעניג עובדיה...

— ביי זיי אין מדינת ספרד נעמען זיי צו עטלעכע ווייבער!... — האָט זיך עמיץ פלוצים אָנגערופן — איז דעריבער מעגלעך, אַז ער זאָל אויך שפּעטער אַנטשפּויזן שולמיתן, ווי עס האָבן געטאָן די הייליקע אבות פון פאָלק ישראל...

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט צו זען, ווער עס האָט געבראַכט דעם דאָזיקן אויסטערלישן אָנבאָט...

עס איז געווען די קעניגין אַליין, דאָס ווייב פון מלך יוסף. איר פּנים איז ביי די דאָזיקע רייד רויט געוואָרן ווי אַן אויפגייענדיקע זון. די אויגן האָבן אַזוי געלויכטן, גלייך אַ פלאַם וואָלט פון זיי אַרויסגעשיינט.

עס איז געוואָרן אַן אַמפּעריי און עס איז אַנטשטאַנען אַ שטאַרקער וויכוח וועגן דעם. די אָנוועזנדיקע געסט האָבן אַרויסגעזאָגט די פאַרשידנסטע מיינונגען. דערביי האָט מען דערלאַנגט יעדעס מאָל פרישע קרוגן מיט וויין און די דינער האָבן אויפסניי אָנגעפילט די בעכערס. מען האָט אויך דערלאַנגט די טייערסטע מאכלים, פון וועלכע אַלע האָבן הנאה געהאַט. אַביסל שוין בגילופין, האָט זיך איינער פון די אָנוועזנדיקע געסט אויפגעשטעלט און אויסגערופן:

— די קעניגין איז גערעכט! די יידן אין מדינת ספרד האָבן כמעט אַלע צו עטלעכע ווייבער, און אויב אפילו יצחק איז אַנטשפּויזט צו דער טאָכטער פון זייער נשיא, קאָן ער אויך שפּעטער חתונה האָבן מיט אַ צווייטער... מיר טאָרן אים נישט באַווירקן, אַז ער זאָל ברעכן זיין צוגעזאָגט וואָרט צו דעם מיידל, דער טאָכטער פון נשיא, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט, אָבער פאַרוואָס זאָל ער טאָקע נישט בעמען שולמיתן אַלס זיין צווייט ווייב, וואָס פון איר זאָל אַרויסקומען דער געמישטער יידיש־כוזרישער דור, הגם שולמית אַליין איז שוין אַ געמישטע, זי האָט אין זיך דאָס בלוט פון די כוזרים און פון די יידן אין בבל, פון וועלכע עס שטאַמט־אָפּ איר עלטער־זיידע, ר׳ יצחק סאַנגורי!...

אַ שטילקייט איז אַריינגעטרעטן צווישן די פּאַרזאַמלטע. קיינער האָט זיך נישט דערוועגט צו אַנטשיידן וועגן אַזאַ שווערן ענין. די אַרויסגעזאָגטע מיינונג איז געווען אי אויסטערליש און אי געוואָגט... ר׳ אהרן סאַנגורי האָט זיך געפילט אַביסל פאַרשעמט און געטראָפן אין זיין פּאַטערלעכן שטאָלץ... אוודאי געפעלט אים דער בחור פון קאָרדאָוואַ, ער זאָל זיין דער איידעם פון די סאַנגוריס... אָבער אַז שולמית זאָל זיין עמיצנס צווייטע ווייב!...

עס איז געווען שטיל אַ לענגערע ווײַלע. די דינער האָבן דערווײַל אַריינגעבראַכט פרישע קרוגן מיט ווײַן און פאַרשידענע פרוכטן פון דעם קעניגס גערטנער. זיי האָבן יעדן פון די געסט אָנגעפילט דעם בעכער מיט ווײַן. עס איז אַזוי שטיל געווען, אַז מען האָט געקאָנט דייטלעך הערן דעם „בול־בול" פון דער לויטעדיקער פורפור־פּליסיקייט, וואָס האָט זיך געגאָסן אין די גאָלדענע בעכער אַריין. די ריזיקע פענצטער זענען געשטאַנען אָפן אויפגעפּראַלט און האָבן אַרויסגעקוקט צום ים, פון וואַנען עס האָט פון רגע צו רגע אַ בליק־אַריין געטאָן דער ווייסער שוים פון דעם כוואַליענדיקן וואַסער און עס האָבן אַריינגעשימערט די גרינע שטערן־ליכט פון טונקל־בלויען הימל.

ענדלעך האָט דער קעניג זיך אָנגערופן:

— גוט, וואָס מיר האָבן די דאָזיקע זאַך באַטראַכט צווישן זיך, אָבער מיר טאָרן אַליין נישט באַשליסן, ווייל מזווג זיווגים זיין איז אַן ענין בלויז פאַר גאָט. און מיר דאַרפן בלויז צוהעלפן צו דער זאַך: שולמית זאָל צווישן אַ גרעסערער גרופּע פון כוזרישע מיידלעך מיטגיין אין דער שליחות קיין מדינת ספרד, זאָלן די דאָרטיקע יידן זען מיט זייערע אייגענע אויגן, ווער עס זענען די מענטשן, וואָס האָבן זייער גורל פאַרבונדן מיטן גורל פון יידישן פאָלק נאָך מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק. מיר וועלן צוגרייטן די גרויסע געזעגענונגס־סעודה און איך פאַראָרדן באַלד צו איינעם פון מיינע בעסטע סופרים, ער זאָל אָנשרייבן אַ בריוו צום פירשט און נשיא ר׳ חסדאי אבן שפּרוט אין קאָרדאָוואַ, וואָס דער שליח, יצחק בן נתן, וועט צוריקפירן אין זיין לאַנד אַריין. עס איז אַ ווייטער און לאַנגער וועג און מען דאַרף זיך צוגרייטן ווי געהעריק צו אַזאַ רייזע... און וועגן דעם איבעריקן זאָלן מיר זיך פאַרלאָזן אויף גאָט...

דערמיט איז די אַסיפה פאַרענדיקט געוואָרן. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערגיין. עס איז שוין געווען שפּעט בייננאַכט. אין דרויסן האָט געהערשט אַ געדיכטע פינצטערניש, בלויז די גרינע שטערן־שיין האָט אַביסל מילדער געמאַכט דעם חושך און מ׳האָט געקאָנט אונטערשיידן טונקעלע קעגנשטאַנדן אויפן פּאַן פון שוימיקן ים. דאָס וואַסער פון דעם כוזרישן ים האָט געוואַשן דעם ברעג מיט אַן עקשנותדיקער פּינקטלעכקייט, אַ וואַרף־טועֶנדיק יעדע עטלעכע רגעס אַ

ווייסע שוימיקע כוואַליע אויפֿן זאַמדיקן ברעג און זיך באַלד מיט אַ געסיטש צו־ריקגעצויגן אויף אַ ווייטן מהלך אָוועק...

ווען ר׳ אהרן סאַנגורי איז אין דער באַגלייטונג פֿון זיינע עטלעכע פֿריינט, ראַטגעבער ביים מלך יוסף, פֿאַרבייגעגאַנגען דעם ברעג פֿון ים אויף זייער וועג אַהיים, האָט ער פּלוצים דערהערט אַ באַקאַנטן געשעפּטש. ער האָט זיך אָפּגע־שטעלט און, פֿאַרטייענדיק דעם אָטעם, זיך איינגעהאָרכט. פֿון דער פֿינצטערניש אַרויס, אין דעם גרינעם שטערן־שיין, האָבן זיך אויסגעשניטן צוויי טונקעלע סי־לועטן, איינער כמעט אין אַנדערן אַריינגעוואַקסן. דאָס זענען געווען אַ מאַן מיט אַ פֿרוי... זיי זענען געווען אַזוי שטאַרק אַריינגעטאָן אין אַ געשפּרעך, אַז זיי האָבן אַפֿילו נישט באַמערקט די גרופּע דורכגייענדיקע מענטשן.

ר׳ אהרן סאַנגורי האָט דערקענט דאָס קול פֿון זיין טאָכטער שולמית און אין איינעם פֿון די צוויי סילועטן — דעם יונגן בחור יצחק בן נתן, דעם שליח פֿון קאָרדאָוואַ.

אַ פֿלאַטער האָט אַ צאַפּל־אויף געטאָן זיין האַרץ. ער האָט אויף אַ רגע איינ־געהאַלטן זיין שריט, גלייך ער וואָלט געוואָלט עמיצן אַ רוף־טאָן, אָבער תיכף האָט ער ווייטער אָנגעהויבן שטעלן זיינע טריט און איז אַוועקגעגאַנגען זיין וועג...

„נישט נאָר זיין צווייט ווייב, נאָר אַפֿילו זיין דריטע וואָלט זי באַשטאַנען צו זיין אין איר גרויסער אומגליקלעכער ליבע...״ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, און דאָס האַרץ האָט אין אים געוויי‌טיקט פֿאַר זיין איינציקער טאָכטער. ניין, ער וועט נישט שטערן אין דעם גאַנג פֿון זייער גורל... זאָל זי מיטגיין מיט דער חברותא קיין שפּאַניע, ווען דער שליח וועט באַשליסן זיין צוריקקער אַהיים...

לאַנג זענען שולמית און יצחק געגאַנגען לענגאויס דעם ברעג פֿון ים פֿון די כוזרים. דאָס מיידל האָט בעת דעם שפּאַציר אויסגעגאָסן איר פֿאַרבענקט האַרץ פֿאַר דעם יונגן צוּיבערהאַפֿטן בחור.

— האָסט געפֿאַנגען מיין האַרץ פֿון דער ערשטער רגע אָן, ווען איך האָב דיך באַגעגנט אויף דער גאַס ביי דיין אָנקומען פֿון ווייטן־ווייטן וועג קיין באַלאַנ־גאַר, צו דעם יום־טוב פֿון צוויי הונדערטסטן יאָרטאָג, זינט דאָס כוזרישע פֿאָלק האָט אָנגענומען דאָס יידישע גלויבן... איך בין פֿאַרכישופֿט געוואָרן פֿון דיין אויס־טערליש־פֿרעמדן בליק, פֿאַרשיכורט געוואָרן פֿון דיין זאַנפֿטן קול און איך וועל שטאַרבן, אויב דו וועסט פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד פֿון די כוזרים...

יצחק האָט געשוויגן. אַ פֿייער־פֿלאַקער האָט געגליט אין זיין האַרץ. אירע וואַנזיניק־פֿאַרליבטע רייד, וואָס זענען אַזוי אָפֿנהאַרציק אַריינגעדרונגען אין אים, האָבן אים אינגאַנצן צערודערט. ער האָט אַזעלכע אויפֿריכטיקע רייד קיינמאָל פֿון זיין פּנינהן נישט געהערט. אַנדערש זענען דאָ די מיידלעך אין לאַנד פֿון די כוז־רים, אָן איבערבלייב מסתמא פֿון די געצנדינערישע צייטן... פּנינה האָט אים זי־

כער נישט ווינציקער ליב, אָבער ער וואָלט געקושט אירע טריט, ווען ער הערט פון אירע ליפּן מורמלען אַזעלכע זיסע רייד... „אוי, פנינה, פנינה"... — האָבן זיינע ליפּן, קוים וואָס מ'האָט געקאָנט הערן, אַ פליסטער געטאָן.

ער האָט אין שולמיתן געזען ממש אַן אָפּבילד פון פנינהן... גלייך זיי וואָלטן צוויי שוועסטער געווען...

עס איז אים עפּעס איינגעפאַלן אין געדאַנק, וואָס ער האָט אָבער באַלד פאַר־טריבן פון זיך ווי אַ זלידנע פליג. ער האָט זיך אַליין פאַרשעמט צוליב די דאָזיקע הרהורי־רעים... ער האָט אַפילו אין דער פינצטער נישט געוואָגט איצט אַ קוק צו טאָן אין שולמיתעס פּנים אַריין. ער האָט זי בלויז לייכט אַ דריק געטאָן צו זיך, און מיט דעם האָט ער געוואָלט אָפּקויפן דעם יצר־הרע...

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי שטיל געוואָרן?... — האָט זי געפרעגט מיט גע־בעט אין איר שטים. זי האָט אים געוואָלט כסדר הערן און הערן, ווי ער רעדט. זיין קול האָט געצערטלט איר נשמה און געהיילט אירע פּייַנפולע וווּנדן. איר געמיט האָט זיך באַרויִקט, ווען זי האָט געהערט זיין קול, זיינע רייד האָבן גע־גלעט איר אויער און זי האָט זיך געקוויקט מיט זיינע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען

— פאַרוואָס ביסטו אַנטשוויגן געוואָרן, מיין טייערער?...

דער אויסדרוק „מיין טייערער" האָט זיך נישט ווילנדיק אַראָפּגעגליטשט פון אירע ליפּן, אָבער זי האָט דערויף קיין חרטה נישט געהאַט.

— איך האָב געטראַכט וועגן אומווירדיקס, דעריבער בין איך אַנטשוויגן געוואָרן... — האָט זיך יצחק מודה געווען אין זיין געוואָגטקייט.

— דו, וועגן אומווירדיקס?... — האָט שולמית מיט פאַרווּנדערונג אויסגע־רופן, נישט גלייבנדיק אירע אויערן, אַז אַט דער צויבערהאַפטער בחור קאָן רעדן אָדער אַפילו טראַכטן אומווירדיקע רייד.

— אַמאָל קומט אַן אומווירדיקער געדאַנק אין מוח אַריין קעגן דיין אייגע־נעם ווילן — האָט זיך יצחק פאַרענטפערט — דאָס איז די טאַט פון יצר־הרע, וואָס וויל דעם מענטש אָנרעדן צו זינד...

— צו וואָס פאַר אַ זינד?... האָט זי אומשולדיק געפרעגט און עס האָט איר אַ פאַרשטיק געטאָן אין האַלדז.

יצחק האָט ווידער געשוויגן, ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דעם שפּילקע־געדאַנק, וואָס האָט אַ שטאָך־געטאָן אין זיין מוח. אַ היץ האָט פאַרגאָסן אַלע זיי־נע גלידער און ער האָט אַזש אָנגעהויבן ציטערן אויף זיין גאַנצן קערפּער. ער האָט זיך געוואָלט מיט דעם ווונדערלעכן מיידל אָפּגעזעגענען און פאַרבלייבן מיט זיך אַליין ביים ים. עס איז שוין געווען זייער שפּעט ביינאַכט. דער מאָרגן־שטערן האָט שוין געפינקלט ווי אַ לויטער שטיק גרין פייער אין דעם בלויען הימל. אויף מזרח־זייט האָט זיך אָנגעהויבן בלאַסן, און צוזאַמען מיטן הימל האָט זיך

אָנגעהויבן אויך בלאָסן דער ים פון די כוזרים. אַ ווײַלע שפּעטער האָט אויף אַ ווײַטן באַרג־שפּיץ זיך אָנגעצונדן אַ רויט פלעמל, ווי אַ שליח פון דער באַלד אָבקומענדיקער זון, און האָט געגלימערט אין דער בלויקייט פון פאַרטאָג.

ער האָט אָנגעהויבן צו שעפּטשען מיט די ליפּן אַ תּפילה פון דעם פרימאָרגן דאַווענען: „ואל תביאינו לא לידי חטא ולא לידי עבירה ועון ולא לידי נסיון ולא לידי בזיון"... — און זאָלסט מיך נישט ברענגען צו זינד און נישט צו קיין עבירה און אומרעכט און נישט צו קיין נסיון און נישט צו קיין פאַרשעמונג...

די זון האָט מיטאַמאָל אַ שפּראָץ־אַרויס געטאָן פון אַקעגנאיבער די בערג און זיי אָפּגעפאַרבט מיט אַ פּורפּור־קאָליר. דער ים האָט זיך אָנגעהויבן באָדן אין בלוטיקע פאַרבן און זיי ביידע האָבן אויסגעזען ווי צוויי נישט דאָ־וועלטיקע באַשעפעניש, וואָס זענען פון ערגעץ אַ גן־עדן אַרויסגעטריבן געוואָרן פאַר זייער לעכצן צו זינד...

— גיי אַהיים!... — האָט איר יצחק כמעט ווי באַפוילן.

און שולמית האָט ווי אַן אונטערטעניקע שקלאַפין אויסגעפירט זײַן באַפעל. זי האָט זיך דערווײַטערט פון אים מיט פאַמעלעכע טריט, עטלעכע מאָל זיך אומקוקנדיק צו אים. יצחק האָט זי אָבער אינגאַנצן מער נישט געזען. ער איז געבליבן שטיין ביים ברעג פון ים און אָנגעהויבן אויסגיסן זײַן צעבראָכן האַרץ פאַר גאָט, וועלכער האָט זיך איצט אָנטפּלעקט אין זײַן פולער פּראַכט צו דער גאַנצער וועלט. ער האָט עפּעס געמורמלט מיט די ליפּן, און זײַן געמורמל איז אויפגעכאַפּט געוואָרן דורך די כוואַליעס פון ים, וואָס האָט זיי אַוועקגעטראָגן ווײַט אַוועק אין דער וועלט אַרײַן. ערגעץ־ווו אויף אַ בוים, נישט ווײַט פון ברעג, האָט אַ פויגל זיך צוגעהערט צום מענטשס פאַרבענקטע תּפילות, און מסתּמא אויס קנאה צו אים, האָט ער זיך אויך צעטרילערט אין אַ געבעט צום באַשעפער פון דער וועלט, דאַנקענדיק גאָט פאַר דער שוץ און אויפמערקזאַמקייט, וואָס ער שענקט אים און זײַנע שוואַכע קינדערלעך אין דער נעסט און דערפאַר, וואָס ער באַזאָרגט זיי מיט שפּײַז פאַר אַ גאַנצן טאָג...

אויף דער וועלט האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ גרעלע ליכטיקייט, וואָס האָט אַזש געבלענדט אין די אויגן. דער ים האָט זיך צעשמאָלצן אין זילבער און אין גאָלד און רויק געגלעט דעם ברעג און אײַנגעוויגט אים אין דער פאַרמיטאָגדיקער שטילקייט.

יצחק האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים אַ באַרויקטער און אַן אויסגעלײַטערטער. ווען ער איז אָנגעקומען צו די סאַנגוריס אין הויז אַרײַן, איז נאָך דאָרט אַלץ פאַרזונקען געווען אין שטילשווײַגן. שולמית האָט איצט געחלומט און געשפּונען אירע פאַנטאַזיעס אין פאַרזונקענעם שלאָף, צושמייכלענדיק דערבײַ אַזוי זיס מיט אירע פּורפּור־ליפּן.

ער איז באַלד אַוועקגעפאַלן אַ מידער אויף זיין געלעגער. אויף דער ערד אויפן געבלימלטן פילפאַרביקן טעפיך האָבן זיך נאָך געוואַלגערט די פאַרגעלטע פאַפּירוסן מיט דער געשיכטע פון די כוזרים, וואָס ער האָט אַנומלט אַ גאַנצע נאַכט געלייענט און ביז היינט זיך נאָך אַלץ צוליב דעם נישט געקאָנט באַרויִקן...

יצחק האָט איצט, ליגנדיק אויף זיין געלעגער, איידער ער איז איינגעשלאָפן, זיך דערמאָנט אין דעם געדאַנק, וואָס איז אים באַפאַלן היינט פאַרטאָג, בעת ער האָט שפּאַצירט מיט שולמיתן ביים ברעג פון ים. ער האָט זיך נאָך איצט גע־שעמט פאַר דעם ,כאָטש קיינער איז דערביי נישט געווען. ער האָט איצט קלאָר נאָכאַמאָל איבערגעטראַכט: ער וועט שולמיתן מיטנעמען קיין שפּאַניע, צוזאַמען מיט דער חברותא פון אַ צענדליק כוזרים, מענער און פרויען. ער וועט זי דאָרט אַנטשפּויזן פאַר זיין צווייט ווייב, נאָכדעם ווי ער וועט האָבן געפּראַוועט זיין חתונה מיט דער פּרעכטיקער פנינהן...

— וועט דאָס פנינה דערלויבן?... — האָט ער זיך אַליין געפרעגט — וועט זי וועלן טיילן איר ליבע מיט נאָך אַ פרוי, כאָטש עס איז דער מנהג אַזוי ביי זייערע עלטערן און עלטערנס עלטערן, ביז אברהם אָבינו?... האָט דאָך אברהם אָבינו, מיט דער דערלויבעניש פון דער מוטער שרה, גענומען הגרן פאַר אַ ווייב און געבוירן מיט איר ישמעאלן, פון וועמען אַ גרויס פאָלק איז אויפגעקומען... און יעקב אָבינו האָט גענומען רחלען און לאהן, דערנאָך בלהה און זלפּה און מיט זיי אויפגעשטעלט די איבעריקע קינדער פון די צוועלף שבטים, פון וועמען עס איז אַרויסגעקומען דאָס פאָלק ישראל...

„און ער אַליין? איז ער דען גרייט דאָס צו טאָן?...“

ער האָט זיך מיטן געדאַנק זיינעם געפילט שולדיק אַנטקעגן פנינהן, זיין אויסדערוויילטער, און ער האָט דאָס באַטראַכט פאַר אַ גרויסע זינד...

„שולמית און פנינה!...“ — האָט ער אַ מורמל געטאָן מיט די ליפּן און אין זיין מוח האָט זיך אָנגעהויבן מישן וואָר און חלום, און נישט וויסנדיק ווי אַזוי און ווען דאָס איז געשען — איז ער איינגעשלאָפן אין אַ טיפן שלאָף און עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו שפּינען אין זיין מוח אויסטערלישע חלומות...

ער איז אָפּגעשלאָפן אַזוי אַ גאַנצן טאָג. ער האָט אַפילו נישט געהערט, ווי זיין פריינט, דער געוועזענער ביזאַנטיער דאַגאָמאַר און איצטער אברהם, איז צו אים עטלעכע מאָל אַריינגעקומען אין צימער, ווו ער איז אַזוי האַרט געשלאָפן און האָט אים געפּרוווט אויפוועקן. יצחק האָט זיך אָבער נישט אויפגעכאַפּט. ער איז געווען צופּיל מיד, און צו אויסטערליש־שיינע חלומות האָט ער געזען, אַז ער זאָל זיך לאָזן פון זיי אַוועקרייסן...

ער האָט זיך שוין געזען צוריק אין זיין אַלטער היים אין קאָרדאָוואַ, אין דער באַגלייטונג פון זיין כוזרישער חברותא, און אויך שולמית איז דאָ אינדערמיט.

חמרים מיט מענטשן פֿאַרפֿילן די גאַסן און מאַכן אויסגעשרייען לכּבוד אים. שוין מער פֿון אַ יאָר צייט, ווי ער איז אַוועק אין דעם ווייטן און געפֿערלעכן וועג אַריין, וואָס קיינער האָט זיך נישט געריכט, אַז ער וועט ווען אַמאָל־ס׳איז צוריקקומען און דאָ זעט — יצחק איז דאָ צוריק מיט אַן עדה פֿון כּוזרישע ייִדן... יאָ, עס זענען געווען אמת די רייד פֿון דעם רייזנדיקן אַלדד הדני, פֿון די ביזאַנטישע שלוחים, אַז אַ ייִדיש פֿאָלק לעבט ערגעץ־ווייט הינטער די הרי־חושך, איבערגעבליבענע פֿון די פֿאַרלוירענע עשׂרת השבֿטים...

„אייביק וועט דיין נאָמען דערמאָנט ווערן מיט אַ ברכה אויף די ליפּן!" — זאָגט צו אים דער נשׂיא, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט — „דאָס ייִדישע פֿאָלק וועט דיך אין אַלע יאָרהונדערטער בענטשן פֿאַר דיין אונטערגענומענער שליחות"... יאָ, ער הערט דאָס בפּירוש פֿון נשׂיאס מויל.

און אָט איז דאָך פּנינה!... יאָ, ס׳איז פּנינה... זי שטראַלט אינגאַנצן, גלייך צען זונען וואָלטן אויפֿן הימל אַרויסגעקומען און פֿאַרגאָסן די וועלט מיט פֿייער־גאָלדענע שטראַלן. פּנינה דערנענטערט זיך צו אים. זי טוט אים אָן אַ לאָרבער־קראַנץ פֿון רויזן און אָראַנזשן־בלימעלעך און אתרוגים־קנאָספּן. זי בייגט אירע ליפּן צו זיינע צו. זי שעמט זיך איצט גאָרנישט פֿאַר קיינעם. נישט פֿאַר איר פֿאָטער, דעם שטרענגן חסדאי אבן שפּרוט, נישט פֿאַר איר לערער פֿון לשון־קודש, ר׳ מנחם בן סרוק, נישט פֿאַרן פּאָעט דונש בן לברט, דעם צווייטן ראַטגעבער פֿון איר פֿאָטער און נישט אַפֿילו פֿאַר יצחקס פֿאָטער, דעם אַלטן נתן מיט דער רויט־פֿייערדיקער באָרד, פֿאַר קיינעם נישט! זי קושט אים אין מויל אַריין אַזוי לאַנג און שטאַרק...

„פּנינה!" — וויל ער אויסשרייען, אָבער דאָס וואָרט בלייבט אים שטעקן אין דער קעל און ער קאָן בשום אופֿן נישט אַרויסשרייען איר נאָמען...

ער וויל זי צוריקקושן, אָבער זיינע ליפּן זענען פֿאַרמאַכט און געשלאָסן. וואָס נענטער ער רוקט זיך צו זיי צו, רוקן זיי זיך אָפּ אויף אַ טפח...

און אָט דערזעט זי שולמיתן. זי דערפֿרייט זיך מיט איר. „מיין שוועס־טער!", רופֿט זי אָן דאָס מיידל פֿון כּוזרים־לאַנד. „מיט דיר וועל איך טיילן מיין ליבע צו יצחקן..."

יצחק שטראַלט־אויף אינגאַנצן פֿון פֿרייד, ער קריגט פֿליגל און ער שוועבט אַזש ביז צום הימל... ער האָט געוווּסט, אַז אַזוי וועט זיין פּנינה אויפֿנעמען שולמיתן... עס איז אָנגעברייט, עס זאָלן פֿון איר טראַכט אַרויסקומען גרויסע דורות ייִדן...

מיטאַמאָל כאַפּט ער זיך אויף פֿון שלאָף און דער חלום פֿאַרשווינדט ווי רויך, ווי שפּעט־זומערדיק שפּינוועבס... ער דערזעט זיך ליגן אין דעם ווייס־מאַר־

מאָרגנעם זאָל ביי די סאַנגורים אין הויז. באַלד וועט ער זען שולמיתן... אָ, ווי ער וואָלט איר געוואָלט דערציילן דעם חלום זיינעם...

און ער האָט זיך פאַרשעמט פאַרן דאָזיקן דרייסטן געדאַנק...

ער האָט איצט דערפילט, אַז ער האָט ליב שולמיתן מיט דער זעלבער ליבע וואָס פנינהן...

„איז דאָס מעגלעך?..״ — האָט ער זיך אַליין פלוצלינג איבערגעפרעגט.

— ניין, עס איז נישט מעגלעך!... דאָס איז בלויז דערפאַר, וואָס איך בין אַזוי ווייט פון מיין געליבטער... ניין, בלויז פנינהן האָב איך ליב! ווי האָב איך געקאָנט גאָר טראַכטן אַזוי! אַ זינדיקער בין איך, און איך וועל דאַרפן תשובה־טאָן, ווי נאָר איך וועל אַהיימקומען קיין קאָרדאָוואַ... איך וועל זיך פאַר מיין רבין מתוודה זיין, איך וועל דאָס דעם פאָטער מיינעם דערציילן, זאָל ער מיך אויס־מוסרן דערפאַר... — האָט ער כמעט ווי אויסגעשריגן אויפן קול — ווי האָב איך גאָר געקאָנט דערלאָזן אַזאַ זינדיקן געדאַנק... בלויז פנינה איז מיין זיווג!... פון גאָט אַליין איז דער זיווג מיר באַשערט...

און ווי ער מאַטערט זיך אַזוי אין פיבערדיקן שוויס, איז אויף דער שוועל מיטאַמאָל געבליבן שטיין זיין פריינט אברהם בן אברהם...

— איך בין שוין ביי דיר דאָ געווען עטלעכע מאָל, מיין פריינט, אָבער דו ביסט אַזוי גוט געשלאָפן, אַז עס איז מיר אַ שאָד געווען דיך אויפצוּוועקן פון דיינע וווּנדערלעכע חלומות... איך האָב געזען דיינע צעשמייכלטע ליפּן — האָט דער געוועזענער ביזאַנטיער זיך פונאַנדערגערעדט און אַפילו נישט באַמערקט, אַז יצחקס פּנים איז רויט געוואָרן, ווי אָפּגעגאָסן פון דער רויטער שקיעה...

די זון האָט טאַקע שוין געהאַלטן ביים אונטערגיין און די שטוב איז געווען פול מיט פּורפּורנע שטראַלן. עס האָט צוביסלעך אַריינגעשלייכט זיך די נאַכט און די שקיעה איז בלייכער געוואָרן, און אַנשטאָט דער פריִערדיקער רויטקייט איז אָנגעקומען צו שוועבן אַ שטילער בלוי, וואָס האָט באַרוּיִקט דאָס געמיט...

— מאָרגן קומט־פאָר מיין חתונה... — האָט אברהם אָנגעזאָגט זיין פריינט די גליקלעכע בשורה — און דו ווייסט ווער עס קומט באַשיינען מיין שמחה?

ער האָט אַ ווײַלע אָנגעקוקט יצחקן, ווי ער וואָלט געוואָלט, ער זאָל טרעפן ווער עס וועלן זיין די אומגעריכטע געסט...

— ווער? — האָט יצחק ענדלעך געפרעגט.

— די פיר רייטערס, וועלכע האָבן אונדז גענומען אין געפאַנגענשאַפט אין די קאַווקאַזער בערג... זיי זענען געקומען אַזש פון דערבענד, פון ווייטן דרום... איינער פון זיי, דער וואָס האָט מיך דערקענט פאַר זיין אַמאַליקן „שונא״ און דערפאַר געוואָלט מיך טויטן, גיט מיר אַלס מתנה זיין שווערד, מיט וועלכער ער

האָט בדעה געהאַט דאָס לעבן מיר צוצונעמען... דאָס איז די שענסטע מתּנה אין מיין לעבן!...

ער וואָלט נאָך געוועז אַ סך גערעדט אָט דער דאָזיקער אַמאָליקער ביזאַנטי־ער, ווען שולמית וואָלט פּלוצלינג נישט געווען דערשינען אויף דער שוועל פון יצחקס צימער.

יצחק איז אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַן אומגעהויערער רויטקייט. ער האָט זיך פאַר איר פאַרשעמט פאַר זיין היינטיקן חלום, און כאָטש זי האָט קיין שום אָנונג נישט געהאַט וועגן דעם, האָט ער זיך דאָך געפילט אומרויִק אין איר קעגנוואַרט.

— אויף מאָרגן איז באַשטימט געוואָרן די געזעגענונגס־סעודה פאַר דיר! — האָט זי יצחקן אָנגעזאָגט אַ גוטע בשורה — דער בריוו צום נשיא פון קאָרדאָוואַ, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט, איז שוין אָנגעשריבן געוואָרן. מיין פאָטער האָט אַ סך צוגעהאָלפן אין דער לשון־קודשדיקער שפּראַך... די גאַנצע חבֿרותא גרייט זיך שוין אין וועג אַריין. אויף דער סעודה וועלן אויך זיין אָנוועזנדיק פיל שליחים פון די פרעמדע לענדער. דער מלך יוסף וויל זיי ספּעציעל פאַרבעטן, כּדי זיי זאָלן הערן דעם אינהאַלט פון בריוו און זאָלן זיי מורא קריגן פאַר דעם בונד, וואָס ער שליסט מיט דעם מעכטיקן קאַליף פון אַנדאַלוזיע דורך זיין אויסערן־מיניסטער, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט!... וואָרים די סלאַוון האָבן עפּעס זיך אָנגעהויבן צו בונ־טעווען קעגן אונדז...

דאָס זאָגנדיק, איז ווי אַ שאָטן אַדורך איבער איר פּנים.

אויך יצחק האָט שוין וועגן דעם געהערט אין גאַס רעדן. די סלאַוון האָבן זיך צוזאַמענגעשמועסט מיט די ביזאַנטיער, וועלכע האָבן לעצטנס געקראָגן אויף זיי אַ גרויסע השפּעה און מען שמועסט שטאַרק וועגן דעם, אַז זיי ווילן זיך בקרובֿ אָפּרייסן פון אונטערן יאָך פון די כּוזרים און אויפהערן צאָלן טשינש...

אַ שטאַרקע האַנט אין דעם האָט אויך דער קריסטלעכער פאַרשטייער אין דער קירכע פון באַלאַנגאַר, און דער מלך יוסף פּלאַנעוועט אָפּצושאַפן די רעכט פאַר די קריסטן צו האָבן אין דער הויפּטשטאָט זייערס אַ קירכע, ווייל אין איר האַלטן זיך אויף אַלע רעבעלן...

יצחקן איז טרויעריק געוואָרן ביים געדאַנק, אַז ער מוז שוין ווידער זיך לאָזן אין אַזאַ ווייטן וועג אַריין, כאָטש זיין גאַנצע נשמה האָט זיך געריסן דאָרט אַהין, וווּ עס געפינט זיך די אויסדערוויילטע פּנינה... ער האָט עפּעס אויך געהאַט אַ שטומע אָנונג, אַז אַ שוואַרצער וואָלקן הענגט איבער דעם לאַנד פון די כּוזרים, וואָס ער האָט נאָך אַזוי פיל מאַטערניש אויסגעפונען. די שונאים מערן זיך. זיי האָבן דאָס לאַנד טאָפּלט פיינט, אי פאַר דער גרויסקייט זיינער און אי פאַר דער אַנדערשקייט פון זייער גלויבן...

עס זענען אַפילו געהאַט אָנגעקומען ידיעות, אַז די רוסן זאַמלען פיל כּוחות

ביי דער פעסטונג סאַרקעל אויפן דאָן אין צפון, און די פּערסיער און אַנדערע אַראַ־בישע מדינהלעך פאַרשטאַרקן זייער מיליטער אויפן דרום, אויך אין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל זיצט מען נישט מיט פאַרלייגטע הענט. עס קומען פאַר געהיימע פאַר־זאַמלונגען, מען פירט געשפּרעכן מיט די רוסן. מען באַמיט זיך קודם־כל זיי אײַ־בערצוצייגן, אַז זיי זאָלן אָננעמען דאָס פּראַוואָסלאַוונע גלויבן פון די ביזאַנטיער.

די כוזרים פון זייער זייט האָבן זיך באַמיט צו באַאיינפלוסן די רוסישע שבטים, אַז זיי זאָלן אָננעמען דאָס ייִדישע גלויבן. ספּעציעלע פאַרשטייער זענען געשיקט געוואָרן אין לאַנד פון די רוסן און מ׳האָט געפירט מיט זיי פאַרהאַנד־לונגען וועגן דעם. פון די אַלע געשפּרעכן האָט זיך אָבער גאָרנישט אויסגעלאָזט. דער רוסישער פירשט איגאָר האָט געהאַט איין ענטפער: „אויב דער ייִדישער גאָט איז אַזאַ מעכטיקער, פאַרוואָס דערלאָזט ער אַזוי פיל פייניקן זיינע אויס־דערוויילטע קינדער פון ישראל. אַלע האָבן זיי פיינט און אַלע רודפן זיי... מיר דאַרפן נישט אָננעמען דאָס גלויבן פון אַ פאָלק, וועמען אַלע האָבן פיינט!...״

אַ גרויסן איינפלוס האָט אויף פירשט איגאָר געהאַט די ביזאַנטישע קירך, עס איז אים געפעלן געוואָרן די מאַלערישקייט און דאָס רייכקייט פון זייערע טעמפּלען, דאָס איינדרוקספולע אָפּריכטן פון זייערע תפילות. פונדעסטוועגן האָט ער אויך עקשנותדיק זייער גלויבן צוריקגעוואָרפן.

„מיר וועלן זיך שוין האַלטן ביים גלויבן פון אונדזערע אָבות״, האָט ער גע־האַט איין ענטפער. „דאָס פאָלק אונדזערס האָט ליב זיינע געטער און איז גערן מקריב זיינע קרבנות צו זיי״...

אויפן אַנדייט מצד די כוזרים, אַז דער ייִדישער גאָט העלפט זיי אין אונטער־יאָכן אַנדערע פעלקער און מען צאָלט זיי טשינש, פלעגט דער פירשט איגאָר גע־היימנישפול אַ שמייכל טאָן און גאָרנישט ענטפערן.

דער קעניג יוסף האָט געהיים אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו פאַרשטאַרקן די פעסטונגען לענגאויס די גרעניצן מיט די סלאַווישע שבטים און אויך אויף דרום, אויף דער גרעניץ מיט די פּערסיער. ער האָט פאַרשטאַרקט זיין אַרמיי מיט שפּיזן און שווערדן. דער עיקר איז זייער שטאַרק געוואָרן די פעסטונג סאַרקעל, ווו מ׳האָט זיך געקאָנט ריכטן דעם ערשטן אָנפאַל מצד די פאַרשטאַרקטע רוסן.

⁂

ענדלעך איז אָנגעקומען דער גרויסער טאָג, ווען דאָס כוזרישע פאָלק האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט דעם שליח פון קאָרדאָוואַ, דעם יונגן יצחק בן נתן. דער פּאַ־לאַץ פון קעניג יוסף איז איבערגעפולט געווען מיט מענטשן. אויך אינדרויסן פאַרן פּאַלאַץ זענען אויסגעשטעלט געוואָרן טישן און בענק פאַר נאָך אַנדערע טויזנ־טער, וואָס האָבן שוין מער נישט געקאָנט אַריינבאַקומען זיך אינעווייניק.

דער גרעסטער זאַל אין פּאַלאַץ איז אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר דעם צוועק. הונדערטער מנורות און בעקנס מיט בוימל האָבן געפֿלאַקערט און ליכטיק גע־מאַכט אין אַלע ווינקעלעך. עס איז צוגעפֿאַלן אַ מילדע נאַכט. דער הימל איז גע־ווען בלוי, אָן אַ פּיצל וואָלקן און די זילבערנע לבנה האָט געגאָסן מיט ווייסער ליכט איבער דער ביינאַכטיקער וועלט און געשמאָלצן אין זילבער דאָס וואַסער פֿון ים. אַ מילד ווינטל האָט געבלאָזן און געקילט די צעהיצטע פּנימער פֿון די טויזנטער געסט, וועלכע זענען געווען אין גרויס דערוואַרטונג.

אויבנאָן איז געזעסן דער קעניג יוסף און די מלכה מרים. ביידנס פּנימער האָבן געלויכטן פֿון גרויס באַגייסטערונג. פֿון רעכטס און פֿון לינקס זענען גע־זעסן די ראַטגעבער און מיניסטאָרן פֿון מלך. אַנטקעגן אים איז געזעסן דער שליח יצחק בן נתן. פֿון זיין פּנים איז אויפֿגעגאַנגען אַ פֿייערלעכע היילִיקייט, די אויגן האָבן געפֿינקלט און געלויכטן. אין די ערשטע רייען זענען אויך געזעסן די פֿאָר־שטייער פֿון ביזאַנץ, פֿון די רוסן און פֿון די אַראַבישע מדינות אין זייערע קאָליר־פֿולע טראַכטן. זיי זענען געווען פֿול מיט נייגעריקייט צו הערן דעם בריוו, וואָס קעניג יוסף שרייבט צום אויסלאַנד־מיניסטער פֿון קאַליף אַבדול ראַכמאָן און צום יידישן פֿירשט, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט. זיי האָבן געוווּסט, אַז מיט דעם דאָזיקן בריוו וויל דער קעניג פֿון די כוזרים נאָך מער פֿאַרבינדן זיך מיט שפּאַניע און מיט זייער הילף ווערן אַ מאַכט איבער ביזאַנץ און די סלאַווישע שבֿטים צוזאַ־מענגענומען.

די טישן זענען געווען געגרייט מיט אַלעם גוטן. עס האָט שימערירט פֿון דער פֿאַרשידנקאָלירטקייט אין די שפּייזן. אין גרויסע שיסלען זענען געשטאַנען די טונקל־גרינע אַליוון, רויטע רעטעכלעך, העל־גרינע סאַלאָטן און צווישן זיי צוגעברוינטע פֿליישן פֿון שאָף, געפֿרעגלטע פֿיש און קרוגן מיט וויין. דער עולם האָט זיך צוגעכאַפּט צו די עסנס מיט גרויס אַפּעטיט און אַלץ איז כהרף־עין פֿאַר־צערט געוואָרן, און ווידער האָט מען דערלאַנגט פֿרישע שפּייזן אויפֿן טיש אַרויף. די געשמאַקן האָבן געקיצלט אין די נאָזלעכער און דער וויין איז געקראָכן אין קאָפּ אַריין און מענטשן האָבן אָנגעהויבן פּלאָנטערן מיט די צונגען, שווער אַרויס־זאָגנדיק זייערע געדאַנקען.

די סלאַווישע שליחים האָבן מערסטנטיילס געטרונקען. וויפֿל די דינער האָבן פֿאַר זיי נישט אַוועקגעשטעלט קרוגן מיט וויין, איז דאָס אַלץ פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין זייערע העלדזער אַריין.

אָבער אָט האָט עמיץ אַ פּאַטש געטאָן מיטביידע הענט, אַ צייכן — עס זאָל ווערן שטיל.

עס האָט זיך אויפֿגעשטעלט דער ערשטער ראַטגעבער ביי דער רעכטער זייט פֿון קעניג, ער האָט אַרויסגענומען אַ פּאַרמעטענע מגילה פֿון זיין קעשענע און

אומקוקנדיק זיך אויפן עולם, צו זען, אויב אַלע זענען שוין שטיל און זענען גרייט אויסצוהערן דעם בריוו, האָט ער אָפּגעהוסט און אָנגעהויבן לייענען:

„פיל פרידן פון יוסף דעם מלך, דעם זון פון אהרן דעם גרויסן העלד, וועלכן קיין שום אַרמייען האָבן נישט געקאָנט מאַכן אַנטלויפן און עס האָבן אים נישט באַצווונגען קיין באַטאַליאָנען, אָבער וועלכער האָט מורא געהאַט פאַר גאָט און געציטערט פאַר זיינע רייד. דער חכם, וועלכער האָט געהאַלטן ערלעך חכמים, דער עניו, וועלכער האָט מקרב געווען אָרימעלייט און זיך צוגעהערט צו די רייד פון דער תורה...

„צו זיין געליבטן און טייערן ר׳ חסדאי בן יצחק בר עזרא אבן שפרוט, וועלכער איז זייער אָנגעלייגט ביי אונדז און מיר ערן אים, זאָל אים גאָט אָפּהיטן און האַלטן אויף אים זיין השגחה, אָמן.

„הנה, זיי וויסן, אַז מיר שטאַמען אָפּ פון די בני יפת, פון זיין זון תוגרמאַ, אין אונדזערע יחוס־ביכער שטייט פאַרשריבן, אַז תוגרמא האָט געהאַט צען זין, און אָט זענען זייערע נעמען: אָגיור, תירוש, אָוור, אוגוז, ביזל, תרנא, כזר, זגוד, בולגר, סאָוויר. מיר שטאַמען פון זיין זיבעטן זון, כזר. עס שטייט געשריבן, אַז אַמאָל זענען זיינע קינדער געווען גאָר ווינציק אין צאָל, אָבער הקדוש ברוך הוא האָט זיי געגעבן כוח און גבורה און זיי האָבן געפירט מלחמות מיט פיל שטאַרקע פעלקער און מיט גאָטס הילף זיי פאַרטריבן און געירשנט זייער לאַנד, געמאַכט זיי אַנטלויפן און נאָכגעיאָגט זיי ביזן טייך מיטן נאָמען דונאַי און וואָס איז נאָענט צו קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די אַלע פעלקער האָבן געמוזט צאָלן צו אונדזער פאָלק טשינש. נאָך דעם זענען אַריבער פיל דורות און עס איז אויפגעשטאַנען אַ מלך מיטן נאָמען בולאַן, אַ קלוגער און גאָטספאַרכטיקער מענטש און ער האָט פאַרטריבן דאָס געצנדינסט פון אונדזער לאַנד און אָנגענומען דאָס גלויבן אין דעם איינאיינציקן גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב״.

דער גאַנצער עולם איז געזעסן שטיל און אין אַ הייליקן שטילשווייגן אויסגעהערט די ווערטער פון בריוו. דערנאָך איז געגאַנגען די גאַנצע באַשרייבונג, ווי אַזוי דער קעניג בולאַן האָט אַרויסגערופן צו אַ וויכוח אַלע דריי אמונות, און געזיגט האָט דער פאַרשטייער פון דעם ייִדישן פאָלק, וועמענס גלויבן ער האָט אָנגענומען.

דער צווייטער קעניג צו דינען דעם ייִדישן גאָט איז געווען עובדיה, דער זון פון בולאַן. ער האָט אויפגעבויט שולן און בתי מדרשים, פאַרשפּרייט גאָטס תורה איבערן גאַנצן לאַנד. ער האָט צונויפגעזאַמלט אַלע ייִדישע חכמים און געגעבן זיי זילבער און גאָלד און זיי האָבן פאַר אים איבערגעשריבן דעם תנ״ך און דעם תלמוד און מתקן געווען די תפילות. ער האָט ליב געהאַט זיין פאָלק און די ייִדישע תורה און ער האָט געקיניגט איבער זיין פאָלק אַ סך גליקלעכע יאָרן. נאָך אים איז אויפגעשטאַנען זיין זון חזקיהו און נאָך אים — זיין זון מנשה און נאָך

מנשהן עובדיהס אַ ברודער, חנוכה. דערנאָך זיין זון יצחק, זיין זון זבולון און זיין זון מנשה און זיין זון נסי און זוון זון מנחם, און זיין זון בנימין און זיין זון אהרן. און איך ,יוסף, בין אַ זון פון אהרן און אַלע זענען מיר מלכים בן מלכים, און קיינער טאָר נישט זיצן אויף דער שטול פון אונדזערע אָבות. עס זאָל זיין דער ווילן פון דעם, וואָס מאַכט קעניגן די מלכים, אַז ער זאָל פירן אונדזער מלכות אין דעם וועג פון זיין תורה און זיינע מצוות״...

ווייטער זענען געגאַנגען אין בריוו גענויע ידיעות וועגן דער לאַגע, דעם קלימאַט און די פּאָליטישע פאַרהעלטענישן פון דער כוזרישער מדינה:

„אַרום אונדזער לאַנד זיצן אַ סך פעלקער, מיט שטעט און פעסטונגען, און זיי אַלע צאָלן מיר טשינש. אויף דער דרומדיקער זייט זענען פופצן מעכטיקע אומות, אויף מערב־זייט זיצן דרייצן פעלקער, וואָס צאָלן מיר טשינש מיטן גוטן ווילן, און דערפאַר שיץ איך זיי מיט מיינע מעכטיקע חיילות קעגן יעדע אָנפאַלער. מיין לאַנד איז נישט רייך אין קיין רעגן, אָבער דערפאַר פאַרמאָגט עס אַ סך טייכן, וואַסערן און קוואַלן און איז גאָר רייך אין פיש. די ערד איז פעט און פרוכטבאַר״.

צום סוף פון בריוו זאָגט זיך וועגן דעם הייליקן לאַנד פון יהודה, צו וועלכן ער טוט בענקען. הלוואי זאָל גאָט מקרב זיין דעם קץ און ער זאָל נאָך אין אונדזערע צייטן צונויפזאַמלען די, וואָס זענען צעשפּרייט איבער דער וועלט.

„דו האָסט אויך דערמאָנט אין דיין בריוו — שרייבט דער מלך יוסף — אַז דו גאַרסט צו זען מיך פּנים אל פּנים. איך גאַר אויך צו זען דיין אָנגעזיכט און די הערלעכקייט פון דיין חכמה און גדולה. גיב גאָט, אַז דיין באַגער זאָל דערפילט ווערן, און איך זאָל זוכה זיין, אַז דו זאָלסט מיר זיין ווי אַ פאָטער און איך זאָל דיר זיין ווי אַ זון און לויט דיין וואָרט זאָל איך פירן מיין גאַנץ פאָלק און איך אַליין זאָל זיך נוהג זיין לויט דיינע קלוגע רייד און דיינע עצות.

„פיל שלום צו דיר און צו דיין עדה — יוסף בן אהרן, קעניג פון כוזרים־לאַנד״.

ווען דער ערשטער ראַטגעבער האָט געענדיקט לייענען דעם בריוו און זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ, איז אויסגעבראָכן אַזאַ שטורעם פון פרייד און געפּאַטשעריי מיט די הענט, אַז מען האָט געקאָנט טויב ווערן. אַלעמענס בליקן זענען איצט געווענדט געווען צום שליח יצחק בן נתן און אַלע האָבן אים געווונטשן, אַז ער זאָל דעם בריוו אַריבערפירן בשלום און זאָל ברענגען צו אַ פאַראייניקונג פון אַלע ייִדן אין דער וועלט מיט דעם כוזרישן פאָלק, וואָס דינען צום זעלבן גאָט פון די ייִדישע אָבות.

גלייך ווי אויף אַ באַפעל, האָבן זיך אַלע אויפגעהויבן פון זייערע פלעצער, אָנגענומען זיך פאַר די הענט, און אין אַ ריזיק ראָד פון טויזנטער מענטשן האָבן

זיי אָנגעהויבן צו דרייען זיך אין אַ ווירבל־טאַנץ, אין אַ ווילדן קאַראַהאָד, אַז אַ ווינט האָט אַזש אַ בלאָז געטאָן און די ליכט־פלעמלעך האָבן זיך אַ באַוועג געגעבן דאָ אין איין זייט און דאָ אין דער צווייטער זייט אַריין. דאָס בילד איז געווען אומבאַשרייבלעך. אַ מעכטיק געזאַנג פון טויזנטער ברוסטן האָט זיך אַרויסגעריסן און האָט אָפּגעשאָלט אין דער לופט, אַרויסגעריסן זיך אין דרויסן און געשוועבט איבערן ים, ווען כוואַליעס האָבן דאָס געזאַנג פאַרטראָגן אין די ווייטע וועלטן אַריין...

נישט צו וויסן ווי אַזוי און פון וואַנען — שולמית האָט זיך געפונען ביי דער זייט פון יצחקן און פעסט זיין האַנט געהאַלטן, געדריקט זיך צו אים און געשעפּטשעט אים אין אויער אַריין: „איך וויל דיין שקלאַפין זיין, דיין אייביקע דינסט, נעם מיך מיט מיט דיר, מיין טייערער!...“

דער קעניג האָט אָנגעטאָן כבוד צו יצחקן. ער האָט זיך בעצמו ובכבודו דער־נענטערט צום יונגן שליח פון קאָרדאָווע, אַרויפגעלייגט אויף זיין קאָפּ די הענט און בפני כל עם ועדה געבענטשט אים, אַז ער זאָל נאָך דערלעבן צו זיין דער פּאַראייניקער פון ביידע משפחהדיקע פעלקער, און זיי זאָלן ווערן איין אומה, וואָס זאָל זיך אויסשפּרייטן פון ים צו ים און צווינגען די איבעריקע פעלקער פון דער וועלט אָנצונעמען דאָס ריכטיקע גלויבן און דעמאָלט וועט הערשן שלום ושלווה אויף דער גאַנצער וועלט...

די פרעמדע שליחים האָבן זיך איבערגעקוקט און אַ ציטער איז אַדורך אי־בער זייערע גלידער. זיי האָבן אין די דאָזיקע רייד פון מעכטיקן כוזרישן הער־שער געזען אַ גרויס געפאַר פאַר זייערע לענדער און זיי האָבן זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז ווען זיי וועלן באַריכטן צו זייערע קייסאָרים און פירשטן די רייד פון מלך פון די כוזרים, וועלן זיי צואיילן די הערשער זייערע צו פאַרשטאַרקן די אַר־מייען, בויען מעכטיקערע פעסטונגען, אַנישט וועט דאָס יידישע פאָלק, צוזאַמען מיט די טאָטערישע כוזרים, פאַרפלייצן די גאַנצע וועלט...

אַ גאַנצע נאַכט האָט געדויערט די גרויסע שמחה. קיינער האָט גאָרנישט געטראַכט אַפילו פון גיין שלאָפן. מען האָט שפּעטער געטאַנצט אין די גאַסן, ביים ברעג פון ים. מען האָט פעסער מיט סמאָלע אָנגעצונדן און דאָס פייער האָט ווי אַ פלאַמיקער ים זיך אויסגעשפּרייט און באַלויכטן די גאַנצע אומגעגנט, אַז מען האָט גאָרנישט געדענקט, אַז עס איז איצט אַ פינצטערע נאַכט...

— יצחק... — האָט שולמית פאַרחלשט געשעפּטשעט צום יונגן בחור און מער קיין וואָרט נישט געקאָנט אויסריידן. זי האָט זיך געשטיקט מיט אירע רייד און אירע אויגן זענען געווען פאַרנעפּלט און זי וואָלט זיך געלאָזט איצט טראָגן פון ווינט איבער די ימים, אַבי מיט אָט דעם דאָזיקן וואונדערלעכן יונגנמאַן צו־זאַמען...

— שולמית... — האָט ער איר געענטפערט און אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר מויל, אַז זי זאָל מער נישט רעדן — עס איז אַ זינד יעדעס וואָרט, וואָס דו זאָגסט. שווייגן איז איצט די בעסטע זאַך...

זי האָט געקושט די פלאַך פון זיין האַנט און אין אַנמאַכט געפאַלן אין זיי־נע אָרעמס און געבעטן זיך ביי אים אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, אַליין נישט וויסנדיק וואָס זי בעט און וואָס זי וויל פון אים.

ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן און דער ים האָט זיך אָנגעהויבן פאַרבן אין מיניעַנדיקע קאָלירן, איבערגייין פון טונקל־בלוי אין ברוין, אין רויט און אין שי־מערירנדיקן גאָלד, האָט אַ נייער טאָג זיך אויסגעשפּרייט אויף דער וועלט, און מענטשן זענען ווי שיכורע געגאַנגען איבער די גאַסן פאַר מידקייט. די גאַנצע שטאָט האָט אויסגעזען ווי איין גרויסע צעהוליעטע און גליקלעכע וועלט, וואָס וויסט פון גאָרנישט מער ווי נאָר זיך פרייען און לויבן גאָטס נאָמען. האָט מען טאַקע אין דער איצטיקער רגע פון נייעם טאָג־אויפגאַנג געזען שטיין גרופּקעס מענטשן, ווער ביים ברעג ים, ווער אונטער אַ בוים אין די ריזיקע שטאָט־גערט־נער און מתפּלל געווען צו גאָט ביחידות, געדאַנקט אים פאַר דער גוטסקייט, וואָס ער ווייזט צו זיי אַרויס און פאַר דעם גליק, וואָס ער שענקט זיי יעדן טאָג, געפינענדיק זיך שטענדיק אונטער זיין זיכערער שוץ...

***

אין איין שיינעם פרימאָרגן איז אַלץ געווען גרייט צום אָפּפאָר. די גרופּע איז באַשטאַנען פון עטלעכע צענדליק יונגעלייט און מיידלעך פון כוזרישן אָפּ־שטאַם, וועלכע האָבן געזאָלט מיט דעם יונגן שליח יצחק בן נתן אַוועקגיין אין דעם וויייטן לאַנד פון אַנדאַלוזיע, וואָס געפינט זיך אונטער דער הערשאַפט פון מלך חסד, דעם קאַליף אַבדול ראַכמאַן און אונטער דער פירנדיקער האַנט פון יידישן פירשט, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט.

דאָס מאָל איז זייער וועג נישט געגאַנגען איבער דער טריקעניש, ווי דער וועג פון יצחק בן נתן דאָ אַהער. זיי האָבן באַשלאָסן אויף פערד צוצורייטן צום שוואַרצן ים, וואָס געפינט זיך אונטער דער הערשאַפט פון כוזרים־לאַנד און מיט אַ שיף אָפּפאָרן דורכן באָספּאָרוס אין דעם ים התיכון און פון דאָרט גלייך קיין שפּאַניע. דער דאָזיקער וועג איז אַ סך נעענטערער און זיכערער. אַ גרויסע מחנה פון מיליטערישע רייטער איז געווען אָנגעגרייט דורכן מלך יוסף, וואָס האָט די גרופּע געלאָזט באַגלייטן ביז קיין קרים, וואָס ליגט אויפן שוואַרצן ים, ווו אַ זעגל־שיף אונטער דער כוזרישער פאָן איז געשטאַנען גרייט פאַר זיי...

דער דאָזיקער טאָג וועט אויף אייביק פאַרבלייבן אין געדעכעניש פון כוז־רישן פאָלק און ביי אַלע איינוווינער פון דער שטאָט באַלאַנגאַר, די הויפּטשטאָט פון די כוזרישע מלכים. אַ גאַנצע נאַכט פריִער איז קיינער נישט געגאַנגען שלאָפן.

עס זענען אויך נישט געשלאָפן די עלטערן פון דער פּראַכטפולער שולמית. זיי האָבן זיך אויסגעוויינט זייערע אויגן, וואָס זיי דאַרפן זיך שיידן מיט דער איינציקער טאָכטער. זיי האָבן זי אָבער בשום אופן נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון מאַכן דעם דאָזיקן שריט. שולמית האָט פאַרבונדן איר גורל מיטן גורל פון די אומבאַקאַנטע ייִדן אין מדינת ספרד. זי האָט צוגעזאָגט דורך פאַרשידענע שליחים, וואָס קומען און פאָרן אָפּ פון יענעם לאַנד, צו שרייבן צו די עלטערן וועגן זיך און זי האָט געהאָפט, אַז מיט דער צייט וועלן פיל כוזרים קומען זיך באַזעצן צווישן ייִדן, כדי דאָרט ביי די ספרדים צו לערנען ווי אַזוי אויסצובילדן זייער פאָלק.

— סוף כל סוף זענען מיר דאָך אין קרובהשאַפט מיט די ייִדן אין שפּאַניע, וואָרים צווישן זיי געפינען זיך פיל אָפּשטאַמיקע פון בבל און מיר זענען אָפּשטאַמיקע פון בבל... — האָט זי גערעדט צו איר פאָטער און מוטער, און דערביי געשטיקט אין זיך די טרערן, וואָרים זי האָט נאָך ביז איצט נישט געוווּסט, וואָס יצחק טראַכט וועגן איר... און זי האָט אים נישט געוואָלט פרעגן...

עס איז אויפגעגאַנגען אַ גאָלדענער טאָג פון חודש תשרי. די אָראַנזשןפרוכט איז שוין געווען צייטיק און די גאָלדענע פירות האָבן פאַרשמעקט און אַרויסגעלויכטן פון די גערטנער. דער ים האָט געשטורעמט, אפשר האָט ער זיך געברוגזט, וואָס זי, שולמית, פאָרט אַוועק פון דאַנען. אַזוי האָט זיך דעם שיינעם מיידל יעדנפאַלס אויסגעוויזן.

דער קעניגלעכער פּאַלאַץ, פון וואַנען די גרופּע מיט יצחק בן נתן אָן דער שפּיץ האָט געזאָלט אָפּרייטן, איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. יצחק האָט זיך אין דער רגע דערמאָנט זיין אָפּפאָר פון קאָרדאָוואַ. עס האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן דאָס האַרץ פון גרויס פרייד. אָ, וויפל וואַסערן זענען שוין פון יענעם טאָג אָן אָפּגעפלאָסן און וויפל פּאַסירונגען ער האָט שוין דורכגעמאַכט. איצט ברענגט ער אין זיין לאַנד אַריין די גרויסע בשורה פון גאולה. ער, דער יונגער עקשנותדיקער שליח, האָט געפונען דעם שבט, וועגן וועלכן ייִדן האָבן אַזוי לאַנג געחלומט. וואָרים ער איז נאָך אַלץ איבערצייגט געווען, אַז די כוזרים שטאַמען־אָפּ פון די עשרת השבטים, וואָס זענען פאַרלוירן געגאַנגען פון פאַרן חורבן בית־ראשון. „סתם אַ געצנדינעריש פאָלק וואָלט נישט אָנגענומען דאָס ייִדישע גלויבן. און קיין געטלעכער מלאך וואָלט זיך צו זיין הערשער נישט באַוויזן אין חלום!...”
— האָט ער צו זיך געטענהט.

ער האָט געפירט מיט זיך אַן אָפּשריפט אויף פּאַפּירוסן די געשיכטע פון כוזרישן פאָלק, זינט זיי זענען געוואָרן ייִדן. ער וועט דעם ייִדישן פאָלק דאָס געבן צו לייענען און זאָל עס זען די גרויסקייט פון גאָט, וואָס קלויבט אויף זיינע קינדער פון אומעטום, וואו זיי געפינען זיך נאָר...

אַ מחנה רייטער אין די שענסטע מלבושים, דורכגעוועבט מיט גאָלד און זילבער, איז געשטאַנען פאַרן פּאַלאַץ. אַנטקעגנאיבער זענען געשטאַנען די

טראָמפּייטן־בלאָזער און די פּייקלער און זיי האָבן געשאַלט און געפּויקט, און די הילכיקע טענער האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט ווי פּריידיקע בשורות פאַר דער גאַנצער וועלט. עס איז לעבן יצחקן געשטאַנען זיין פריינט אברהם בן אברהם, דער געוועזענער ביזאַנטיער מיט זיין ערשט חתונה געהאַטן יונגן ווייבל. טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן, ווען ער האָט זיך געדאַרפט געזעגענען מיט זיין גואל און פריינט. זיי האָבן זיך לאַנגע מינוטן געהאַלטן אין די אָרעמס און זיך נישט געקאָנט איינער פון אַנדערן באַפרייען.

דער קעניג אַליין האָט זיך דערנענטערט צו יצחקן און אַרומגענומען אים מיט פאָטערלעכער צערטלעכקייט און געגעבן אים זיין ברכה אויפן ווייטן וועג, און געווונטשן, אַז עס זאָלן איינגעשטעלט ווערן בקרוב נענטערע באַציִונגען מיט די איבעריקע יִדן איבער דער גאַנצער וועלט.

עס האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען און געזעגנונגס־ווערטער פון גאַנצן עולם פאַר יצחק בן נתן, וועלכער האָט געוווּנען די ליבע פון אַלעמען. מען האָט אים ממש פאַרטרונקען אין אַ ים פון בלומען פון די פאַרשידנסטע קאָלירן. די מוזיק האָט אויפגעשפּילט, דער רב פון דער הויפּטשטאָט באַלאַנגאַר האָט אים געבענטשט אין זיין וועג אַריין, און דער מאַרש האָט זיך אָנגעהויבן...

גאָר אַ גרויסע שמחה האָבן איינגעאָרדנט די כוזרים פאַר דער גרופּע שלי־חים קיין שפּאַניע אין דער האַפּן־שטאָט קערטש, וואָס ליגט אויפן מזרח־ברעג פון קרימער האַלב־אינדזל, ביים אַרויסגאַנג פון אַזאָווער ים אין שוואַרצן ים אַריין. נאָך צוויי וואָכן רייטן אויף פערד זענען זיי דאָרט אַהין אָנגעקומען, דורכשניי־דנדיק די קאַווקאַזער בערג. גלייך די ידיעה וואָלט זיך אין דער לופט פונאַנדער־געטראָגן, האָט מען שוין אין דער דאָזיקער פריילעכער האַפּן־שטאָט געוווּסט וועגן אָנקומען פון יצחק בן נתן, דעם שליח פון קאָרדאָווא און זיינע באַגלייטער, די כוזרישע יִדן, מיט דער שיינער שולמית אינמיטן.

עס איז צוגעגרייט געוואָרן אַ טריומף־טויער פון הויכע צעדער־ביימער, אַרומגעפלאָכטן מיט די פאַרשידנאַרטיקסטע בלומען און אַראַנשזן. עס האָט זיי ביים טויער אָפּגעוואַרט מוזיק, מיט טראָמפּייטן, שופרות און פּויקן האָט מען אויפגענומען די שליחים. מען האָט זיי אָקעגנגעטאַנצט מיט קוישן פרוכטן און בלומען. דער וועג איז געווען אויסגעשטעלט מיט חמרים מענטשן, מענער, פרויען און קינדער אין די שענסטע און פאַרביקסטע קליידער. מען האָט געזונגען די אויסטערליש־קלינגענדיקע לידער פון לאַנד און מען האָט געמאַכט אויסרופן לכבוד זיי. אַזאַ יום טוב האָט נאָך די דאָזיקע שטאָט אין איר געשיכטע נישט איבערגעלעבט.

אין קערטש האָבן אויך געוווינט פיל אַראַבער און ביזאַנטיער. זיי האָבן לפנים וועגן אויך אָנטיילגענומען אין דער דאָזיקער שמחה, אָבער אין האַרץ האָבן

זיי געשאָלטן די „טאָטערן" — אַזוי האָבן זיי אָנגערופן אויס פיינטשאַפט די כוזרים — און די ייִדן. די בכבודיקע איינוווינער פון דער שטאָט האָבן זיך ממש געשלאָגן איבער די געסט. יעדער האָט געוואָלט זיי האָבן ביי זיך אין הויז, ווו מען האָט באַצייטנס שוין געהאַט צוגעגרייט פון די בעסטע מאכלים און טייערס־טע געטראַנקען. מען האָט געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט, און די פלאַמען פון די אָנ־געצונדענע פעסער מיט סמאָלע האָבן באַלויכטן די שטאָט און אַ גרויסן שטח פון ים ווייט אַוועק פון ברעג.

יצחק האָט זיך געהאַלטן פון ווייטנס פון שולמיתן. ער האָט זיך נישט געוואָלט שטעלן פאַר קיין נסיון. דאָס מיידל האָט דערפון זייער שטאַרק געליטן, אָבער זי האָט פאַרביסן מיט די ציין און גאָרנישט געזאָגט. זי האָט אָנגענומען פאַר ליב די יסורים, וואָס האָבן זי געפּייניקט...

בלויז דריי טעג זענען זיי פאַרבליבן אין קערטש. די שיף איז שוין געשטאַנען גרייט זיי אויפצונעמען. די שטאָט האָט פאַרגעלייגט אַ צאָל מיליטער־לייט אין פאַנצערס, שפּיזן און שווערדן און גוטע שיסער פון פייל און בויגנס. וואָרים מען האָט געשמועסט, אַז איבערן מיטללענדישן ים דרייען זיך אַרום פּיראַטן־שיפן איז טאָמער ווערן זיי באַפאַלן, זאָל מען זיך קאָנען אָקעגנשטעלן.

יצחק האָט זיך דערמאָנט די טרויעריקע געשיכטע, וואָס ר' משה בן חנוך האָט דערציילט אין יענער נאַכט, ווען ער איז אַלס אַ שקלאַף אַריינגעקומען צום נשיא, ר' חסדאי אבן שפרוט, אין הויז. ער האָט די דאָזיקע פאַרגעלייגטע שמירה אָנגענומען, האָבנדיק אויפן זינען מער שולמיתן ווי זיך אַליין.

ביי דער שיף איז געווען כמעט די גאַנצע שטאָט מיט מענטשן. מען האָט זיי אַלעמען אַרויסבאַגלייט מיט מוזיק, אַ קלאַפּעריי פון פּויקן און טאַצן און מיט געזאַנג. יצחק איז געווען אויפגעהייטערט דערפון, וואָס דער וועג אַהיים דער־נענטערט זיך, כאָטש עס איז נאָך אַזוי ווייט צוצוקומען צום ערשטן שפּאַ־נישן ברעג. ער איז געווען אומרויִק און דעם ערשטן טאָג איז ער געבליבן אויפן דעק פון דער שיף און געשפּרייזט הין און צוריק אַ פאַרזונקענער אין כלערליי מחשבות און רעיונות. עס איז געווען אַ בלויער חשון־טאָג. אין דרום פון קרים אויפן שוואַרצן ים איז נאָך געווען גוט וואַרעם און דאָס וועטער איז געווען אַ בלוי־גאָלדיקער. מען האָט שוין דעם ברעג מער נישט אָנגעזען. די זון האָט גע־שטראָלט און געשאָטן בשפע מיט גאָלד איבער די גלאַטע וואַסערן פון ים.

אַביסל שטורמישער איז געוואָרן, ווען זיי זענען דורכן באָספאָרוס דורכגע־פאָרן און אַריינגעקומען אין מיטללענדישן ים. די זון האָט זיך איין טאָג באַ־האַלטן אונטער די וואָלקנס און אַ טרויעריקייט האָט אַלעמען באַהערשט. אַ שטענדיקע וואַך איז געשטאַנען אויפן דעק, וואָס האָט געזוכט איבער דער לענג און ברייט פון ים, צי עס קומט נישט אָן קיין פּיראַטן־שיף. אָבער אויפן ים איז

געווען שטיל און רויִק. די כוואַליעס האָבן זיך פון צייט־צו־צייט אָנגעברוגזט און געמאַכט יד אחת מיטן פאַרוואָלקנטן הימל און אָנגעוואָרפן אַ מרה־שחורה אויף די פאָרער פון דער שיף, אָבער אַלץ איז אַדורך בשלום. אונטער יצחקס אָנפירונג האָט מען דריי מאָל אין טאָג תפילה געטאָן צו גאָט און מען האָט געזאָגט פאַר שידענע קאַפּיטלעך תהילים, וואָס האָבן זיך צוגעפּאַסט צו דער רייזע אויפן ים.

שולמית האָט זיך כסדר געהאַלטן צווישן דעם צענדליק מיידלעך, טייל כוז־רישע און טייל ייִדישע, וועמענס עלטערן האָבן אָפּגעשטאַמט פון בבל, פונקט ווי זי אַליין. זי האָט מיט זיי די תפילות געזאָגט און דערציילט זיי וועגן דער גע־שיכטע פון זייער אייגן פאָלק, און וויפל זי האָט געוווּסט פון יצחקס געשפּרעכן, האָט זי זיי אויך דערציילט וועגן די ייִדן אין מדינת ספרד, וווּהין זיי פאָרן איצט און וועלן אפשר דאָרטן דאַרפן אויף אייביק פאַרבלייבן.

די ים־רייזע האָט אָפּגעדויערט מער פון צוויי חדשים. זיי האָבן געהאַט עט־לעכע שטורעמס אויפן וועג און איינמאָל האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז אַ פּי־ראַטן־שיף דערנענטערט זיך צו זיי, אָבער זיי זענען אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק.

אַ פּראַכטפולער זוניקער טאָג פון אָנהייב חודש שבט איז געווען, ווען זייער שיף האָט זיך אָנגעשלאָגן אין דעם ברעג פון מאַלאַגאַ־האַפן. די גאַנצע געגנט אַרום איז געווען באַדעקט מיט גרינע ביימער, און דאָס בלימעלעך פון אָראַנזשן האָט ווי מיט שניי אָפּגעשאָטן די ביימער־שפּיצן און אַ שטאַרקער ריח האָט גע־קיצלט אין די נאָזלעכער. יצחק איז געווען אויסער זיך פון שמחה. ער איז שיִער נישט פון זינען אַראָפּ פון גרויס פרייד, ווען ער האָט אַריינגעצויגן אין זיך די לופט פון שפּאַנישן באָדן.

— אָט דאָרט איז מיין געבוירן־שטאָט קאָרדאָוואַ!... — האָט ער מיט פיל גליק אין זיינע אויגן אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף צפון פון מאַלאַגאַ.

און זיינע אַלע גלידער האָבן זיך פון גרויס חדווה צעזונגען, די אויגן האָבן געשטראַלט און דאָס פּנים האָט געשיינט ווי אַ זון. צוזאַמען מיט אים האָבן זיך מיטגעפרייט אַלע פון דער גרופּע שליחים. אַלץ איז ביי זיי געווען ניי און אויף יעדער זאַך האָבן זיי זיך געוווּנדערט און געטאַנצט ווי די קליינע קינדער. ביי שו־למיתן זענען געשטאַנען טרערן אין די אויגן. זי האָט אַליין נישט געוווּסט — צי פון פרייד, צי פון טרויער... — די טרערן האָבן זיך געגאָסן איבער די זון־פאַר־ברוינטע באַקן אין שטראָמען גאַנצע און געפינקלט קעגנאיבער דער זון ווי לויי־טערע פּערל.

קיינער האָט זיך אויף זיי נישט געריכט, און אין מאַלאַגאַ האָבן נישט גע־וווינט קיין סך ייִדן, האָט זיי דעריבער קיין שום בן אדם נישט אָפּגעוואַרט ביי דער שיף. אָבער באַלד האָט זיך די ידיעה צעטראָגן איבער דער שטאָט און עס זע־נען אַרויסגעקומען אַ גרופּע ייִדישע יונגעלייט, וועלכע האָבן געהערט וועגן יצחק

בן נתן און געוווסט וועגן זיין באַרימטער שליחות. זיי האָבן זיך ווארים געפרייט מיט אים און אויסגעדריקט אין זייער בליק באַוווּנדערונג פאַר דער גרופּע כוזרי־שע יידן. זיי האָבן יעדן פון זיי ממש אָנגעטאַפּט מיט די הענט. טייל פון זיי האָבן געמאַכט די ברכה פון „שהחינו".

— זיי זעען דאָך אויס פּונקט ווי מיר, בלויז זייערע קינבאַקן סטאַרטשען אַ ביסל אַרויס, און די אויגן זענען קליינטשיקע... האָבן זיי צווישן זיך גערעדט שטיל — אָבער זעט נאָר די שיינהייט!...

דאָס האָט איינער אָנגעוויזן אויף שולמיתן.

— זי זעט מער אויס אויף אַן אונדזעריקע טאָכטער ווי אויף אַן אָפּשטאַמיקע פון די כוזרים! — האָט איינער פון זיי געזאָגט אויפן אויער צו יצחק בן נתן.

— זי שטאַמט טאַקע אָפּ פון בבלער יידן, אָבער שוין זינט אַ סך דורות, ווי אירע אור־עלטערן זענען אָנגעקומען אין דעם לאַנד פון די כוזרים — האָט זיי יצחק דערקלערט — און טאַקע איר עלטער־עלטער־זיידע, ר׳ יצחק סאַנגורי, האָט מגייר געווען דאָס כוזרישע פאָלק.

די יונגעלייט האָבן זי אַרומגערינגלט און איר אָפּגעגעבן גרויס כבוד. מען האָט זיי אַלעמען פאַרגעלייגט צו פאַרבלייבן אויף עטלעכע טעג אין מאַלאַגאַ, אָבער יצחק איז געווען אומגעדולדיק, ער האָט שוין געצויגן אַהיים קיין קאָרדאָוואַ, און ער איז דערויף נישט באַשטאַנען. ער האָט בלויז איינגעוויליקט אָנטיילצונע־מען אויף אַ שמחה, וואָס זיי האָבן איינגעאָרדנט אויף דער שנעל און מ׳האָט גע־בראַכט פיל קרוגן מיט ווין פון די מאַלאַגער ווייַנקעלערן און מען האָט געטרונ־קען לרוב. אויך די אַראַבישע באַפעלקערונג, געוויר ווערנדיק פון וואַנען דער שליח קומט און ווער ער איז, האָבן זיי איינגעאָרדנט אַ מין פאַנטאַזיע, געשפּרונגען אויף זייערע פלינקע פערדלעך און געוואָרפן די שפּיזן און די שווערדן אין דער לופטן און זיי אויפגעכאַפּט אונטער דעם ענטוזיאַסטישן געשריי פון די אָנוועזנדיקע געסט.

מיטן אונטערגאַנג פון דער זון, ווען די גרינקייט אַרום האָט אָנגענומען אַ געמיש פון פּורפּור און וויאָלעט קאָליר, האָט די גרופּע זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין אויף געדונגענע פערד און מויל־אייזלען. דער געשמאַק פון דעם בליעכץ איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז מ׳האָט קוים געקאָנט דעם אָטעם אָפּכאַפּן. זיי זענען געריטן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, איידער יצחק האָט געגעבן אַ באַפעל אָפּ־צושטעלן זיך און איבערנעכטיקן אין לייוונטענע ביידלעך, וואָס זענען אויף דער שנעל אויפגעשטעלט געוואָרן.

ער האָט נישט געוואָלט פאַרלירן קיין איין שעה. דאָס האַרץ האָט געצאַפּלט אין אים און ער האָט געבעטן ביי גאָט, אַז ער זאָל אַלץ טרעפן בשלום אין דער היים. עפּעס איז ער ביי די יונגעלייט אין מאַלאַגאַ געוויר געוואָרן, און נעמ־

לעך, אַז מנחם בן סרוק איז אַריינגעפּאַלן אין אומחן ביים נשיא ר׳ חסדאי אבן שפּרוט און אַלץ צוליב זיין שונא דונש בן לברט, וועלכער האָט אויסגעוועבט קעגן אים עפּעס אַ רכילות... וואָס די רכילות איז געווען, האָבן די יונגעלייט אין מאַלאַגאַ אים נישט געזאָגט. ער האָט אָבער דערקענט, אַז זיי ווילן עס אים נישט זאָגן, און ער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט.

***

אויפן דריטן טאָג, מיט זון־אויפגאַנג צוגלייך, זענען זיי אַריינגעקומען אין די טויערן פון דער שטאָט קאָרדאָוואַ. יצחק איז אַראָפּ פון פערד און זיך אַוועק־געשטעלט אונטער אַ בוים און מיט איבערגעפולטער פרייד אויסגערופן: „מה טובו אהליך, יעקב, משכנותיך ישראל!...״ ער האָט זיך דערפרייט מיט זיין היים, נאָך וועלכער ער האָט אַזוי שטאַרק געבענקט און ווו ער פאַרמאָגט זיינע טייערסטע...

— איז מיין טאַטע כאָטש געזונט, מיין מאַמע!... און פנינה?... — האָט ער זיך אַליין געפרעגט און געקוקט אין לויטערן הימל אַריין, ווי ער וואָלט דאָרט געזוכט אַן ענטפער.

ווי אַ בליץ האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן די ידיעה, אַז יצחק בן נתן איז גע־קומען צוריק אַהיים, ער איז געקומען מיט אַ גרופּע פון כוזרישע ייִדן, בחורים און מיידלעך און ער האָט אויך געבראַכט אַ בריוו פון קעניג יוסף בן אהרן, דעם איצטיקן הערשער פון כוזרים־לאַנד. עס האָט ממש געדויערט אַן אויגנבליק, און כאָטש עס איז נאָך געווען גאַנץ פרי, איז די שטאָט פאַרפולט געוואָרן מיט מענטשן. פון אַלע הייזער איז מען אַרויסגעקומען, פלינק זיך אָנגעטאָן, אַרומגע־וואַשן זיך, די ערשטע ברכות געזאָגט און מען איז שוין געווען ביים טויער, ווו מען קומט אָן פון מאַלאַגאַ.

— ווו איז מיין פאָטער?... — האָט יצחק מיט שרעק זיך געפרעגט.

— ר׳ נתן איז קראַנק! — האָט מען אים געענטפערט.

און ער האָט אַלץ פאַרגעסן, אַפילו נישט אין פנינהן זיך דערמאָנט, און ער איז געלאָפן אַהיים. די פרייד צווישן פאָטער און זון איז געווען עד אין לשער. ר׳ נתן איז טאַקע געווען זייער קראַנק, די רויטע פייערדיקע באָרד איז געווען היפש דורכגעפלאָכטן מיט גרויע האָר. די מוטער האָט נישט אויפגעהערט אים צו קושן און אַרימנעמען און באַטאַפּן אים:

— ביסטו עס טאַקע, מיין טייערער זון?... ביסטו געזונט און עס האָט דיר חלילה גאָרנישט פּאַסירט?...

— זעסט דאָך, מאַמע... — האָט גוטמוטיק יצחק געענטפערט מיט אַ שמייכל און געקושט זי און געגלעט די ווייסע האָר אויפן קאָפּ.

באַלד איז אָנגעקומען אַ שליח פון נשיא ר׳ חסדאי אבן שפרוט מיט אַ באַ־פעל, אַז יצחק זאָל שוין אַהינקומען אין נשיאס פּאַלאַץ. ערשט איצט האָט ער זיך דערמאָנט אָן פנינהן, און ער איז בלייך געוואָרן, אַלע אברים האָבן אין אים אָנ־געהויבן צו ציטערן פון גרויס גערירטקייט. ער איז באַלד אַרויס צוזאַמען מיטן שליח.

ביים פּאַלאַץ פון נשיא זענען שוין געשטאַנען פיל מענטשן, וועלכע האָבן אָפּגעוואַרט יצחק בן נתן, און ווען זיי האָבן אים דערזען, איז אויסגעבראָכן אַזאַ גוואַלטיקער אַפּלאָז און אַזעלכע אויסגעשרייען, אַז מען האָט געקאָנט טויב ווערן. יעדער איינער האָט זיך געשטופּט אים אָפּצוגעבן שלום, אָנרירן כאָטש זיין מלבוש. יצחק איז אויסגעוואַקסן ביי די איינוווינער פון קאָרדאָוואַ אין אַ לעגענדע. מען האָט זיך מיט די אויגן נישט צוגעגלייבט, אַז אָט דער בחור, וועלכן אַלע האָבן געקענט פון דער ישיבה, זאָל האָבן באַוויזן אַזאַ גרויסע זאַך, ווי אַוועקפאָרן אין אַזאַ ווייט לאַנד אַריין, אַזש הינטער די הרי־חושך און אויסגעפינען די יידישע מלוכה. וועגן וועלכער מ׳האָט נאָך מיט אַכציק יאָר צוריק שוין גערעדט און דערציילט זיך גוזמאותדיקע מעשיות.

יצחק האָט נישט געוווּסט וועמען פריִער צו ענטפערן, ער איז געווען אינ־גאַנצן צעמישט, די אויגן האָבן געפינקלט און דאָס פּנים האָט ביי אים געפלאַ־קערט. קיינער פון דער גרופּע כוזרים איז דאָ נישט געווען, מען האָט זיי שוין געהאָט פונאַנדערגעטיילט צווישן די בכבודיקע מענטשן אין שטאָט און זיי רוען זיך איצט אויס נאָך דער לאַנגער און שווערער רייזע.

ער האָט מיט זיינע אויגן עמיצן געזוכט. אָט איז דער ציפּרעסן־גאָרטן, ווו ער פלעגט זיך אַזוי אָפט טרעפן מיט פנינהן... אַ פלאַטער האָט אים אַרומגענו־מען ביים דאַזיקן דערמאָנען זיך. אָבער אָט איז געשען דער נס: פנינה!...

יאָ, עס איז פנינה, זי אַליין... זי איז מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס צוגעלאָפן צו יצחקן און, פּונקט ווי ער האָט אין די לעצטע טעג אין דער כוזרישער הויפּט־שטאָט באַלאַנגאַר געחלומט, אַזוי איז עס אין דער ווירקלעכקייט געשען: זי איז אַרויפגעפאַלן אויף זיין האַלדז און אָפּן פאַר אַלע, אָן שום שעמען זיך, האָט זי אים געקושט און געהאַלדזט, און ער האָט זי צוריקגעקושט. יאָ, ער פילט אירע זאַפטיקע פּורפּור־ליפּן, ער זויגט זיך אין זיי איין און קאָן זיך נישט אָפּרייסן...

— מיין טייערער!... — רייסן זיך אַרויס פון אירע ליפּן די איינציקע צוויי ווערטער, און מער האָט זי נישט געקאָנט.

יצחק איז אַפילו קיין איין וואָרט נישט אימשטאַנד געווען אַרויסצוברענגען. ער האָט איינגעהאַלטן מיט אַלע זיינע כוחות די טרערן, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט פון זיין האַלדז. ער איז געווען אַזוי איבערגענומען פון דער פּלוצלינגער באַגעגע־

ביש, אַז ער האָט נישט געוווסט ווי צו האַנדלען, וואָס איר צו זאָגן. ער האָט גע־וווסט בלויז איין זאַך: ער איז דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט.

עס האָבן זיך דערהערט טריט פון צווישן דער געדיכטעניש אין ציפּרעסן־גאָרטן. עס זענען אָנגעקומען עטלעכע לייבוועכטער פון נשיא און הינטער זיי — ער אַליין, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט.

דער בכבודיקער נשיא האָט זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן צוליב דעם אי־בערפלוס פון זיינע געפילן. ער האָט אַרומגענומען דעם יונגן יצחק בן נתן, צוגע־דריקט אים צו זיין האַרץ און געשעפּטשעט:

— האָסט אויפגעטאָן אַ גרויסע זאַך, מיין זון!... דיין נאָמען וועט אייביק שיינען אין דער ייִדישער געשיכטע. מען וועט וועגן דיר לידער זינגען, און מען וועט דיך לויבן און נאָכזאָגן שבחים אַ סך הונדערטער יאָרן נאָכדעם, ווי אונדזער געביין וועט שוין אויף דער ערד נישט זיין...

באַלד זענען אויך אָנגעקומען פאַרן פּאַלאַץ די צוויי משוררים, מנחם בן סרוק און דונש בן לברט. דער ערשטער האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן האַלדז פון זיין יונגן תלמיד, געקושט אים אויףביידע באַקן און געמורמלט מיט פריידיקע טרערן אין די אויגן:

— גרויס כבוד האָסטו מיר פאַרשאַפט, מיין טייערער תלמיד און עס זענען ווערט געווען אַלע מיינע פּיין, וואָס איך האָב דאָ דורכגעלעבט, אַבי זוכה צו זיין דיך ווידער צו זען און אין דיינע הענט איבערגעבן דעם טייערן אוצר, וואָס דו האָסט מיר אָנגעטרויט פאַר דיין אַוועקפאָרן. דער אוצר דיינער האָט זיך נאָך מער צעבליט און זי איז ווערט, זי זאָל ווערן דיין עזר כנגדו...

יצחק האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער האָט צוליב דעם געליטן פּיין, אָבער עפּעס האָט ער זיך אָנגעשטויסן, פאַרבינדנדיק זיינע רייד מיט די רייד פון די יונגעלייט אין דער האַפן־שטאָט מאַלאַגאַ... דערנאָך איז צו אים צוגעקומען דונש בן לברט, אַביסל אַ פאַרשעמטער און מיט אַ שטיל קול צו אים געזאָגט:

— זיי מיר מוחל, טאָמער האָב איך אין האַרץ געצווייפלט אין דעם, וואָס דו האָסט אונטערגענומען און אַזוי העלדיש דורכגעפירט... זיי געבענטשט, מיין זון!...

די גרויסע פרייד אין שטאָט האָט נישט נאָכגעלאָזט. נאָך אין דעם זעלבן אָוונט איז אין פּאַלאַץ פון נשיא פאָרגעקומען די פּראַכטפולע אויפנאַמע פאַרן שליח און די איבעריקע געסט, די כוזרישע יונגעלייט און מיידלעך, וווּ עס איז אויך אַ פייערלעכן אופן פאַרגעלייענט געוואָרן דער בריוו פון דעם כוזרישן מלך יוסף בן אהרן.

עס זענען אָנגעצונדן געוואָרן אַלע מנורות און אַלע בעקנס מיט בוימאייל האָבן אויפגעפלעמלט. עס איז געווען אַזוי ליכטיק און פייערלעך, ווי אין יענעם

געדענקבאַרן אָוונט, ווען מ׳האָט פאָרגעלייענט דעם בריוו פון ר׳ חסדאי אבן שפרוט צום קעניג יוסף.

טויזנטער מענטשן האָבן אָנגעפילט דעם זאַל און פיל מער טויזנטער זע־נען געבליבן שטיין אינדרויסן. יצחק איז געזעסן אויבנאָן, פון איין זייט איז לעבן אים געזעסן פנינה, די טאָכטער פון נשיא, וואָס האָט געשיינט מיט אַלע חנען פון אַ יידישער טאָכטער, און פון דער צווייטער זייט — שולמית, דאָס אור־אור־אייניקל פון ר׳ יצחק סאַנגורי, אַדאַנק וועמען די כוזרים האָבן אָנגענומען דאָס יידישע גלויבן.

— די צוויי שענסטע פרויען אין דער וועלט!... — האָט מען צווישן זיך געמורמלט.

פון ביידנס אויגן האָבן געפלעמלט גרינע ליכט ווי שטערן־שיין, און ביידנס פנימלעך זענען געווען ברוין פון דער זון און אַ יידישער חן האָט זיך איבער זיי אָפּגעלייגט, אַז מ׳האָט די אויגן נישט געקאָנט אָפּרייסן.

— זיי זענען ביידע ווערט, אַז יצחק בן נתן זאָל זיי מקדש זיין... — האָט עמיצער אַ זאָג געטאָן.

— אויב ער וויל, קאָן ער דאָס טאָן... — האָט אַן אַנדער שטימע געענט־פערט — עס געווענדט זיך בלויז, צי פנינה, די פירשטלעכע טאָכטער, וועט וועלן טיילן איר ליבע מיט נאָך אַ פרוי...

פנינה איז באַלד נאָענט געוואָרן מיט שולמיתן און זי האָט דאָס מיידל אָנ־גערופן „שוועסטער״... און זיי זענען טאַקע געווען ענלעך ווי צוויי שוועסטער. מ׳האָט זיי שטענדיק געזען צוזאַמען און זי האָט באַקומען איר וווינונג אין פּאַלאַץ פון נשיא אַלס די טאָכטער פון גרעסטן ייד אין כוזרים־לאַנד...

ר׳ משה בן חנוך איז ספּעציעל געקומען צו דער שמחה און האָט באַגריסט דעם יונגן יצחק און אים אויסגעדריקט די איבערגעגעבנסטע און האַרציקסטע רייד. בלויז ר׳ נתן, יצחקס פאָטער, האָט נישט געקאָנט באַשיינען די גרויסע פייערלע־כע חגיגה, ער איז געלעגן אין בעט אַ שווער־קראַנקער, און דאָס האָט יצחקן פאַר־שאַפט גרויס עגמת־נפש.

די פייערלעכקייט האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ הויך־גייסטיקער דרשה פון נשיא, ר׳ חסדאי אבן שפרוט. ער האָט זייער געלויבט יצחקס עקשנות דורכצו־פירן די שליחות, אין וועלכער קיינער האָט נישט געגלייבט. דאָ האָט ער אַ קוק געטאָן אין דער זייט אַריין פון דונש בן לברט, וועלכער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— גערעכט איז געווען טאַקע דער רייזנדיקער אלדד הדני, וועלכער האָט באַ־הויפּטעט, אַז אין יענער געגנט געפינט זיך אַ יידישע מדינה, ער האָט בלויז אַביסל מגזם געווען און באַשיינט מיט זיין רייכער פאַנטאַזיע. איצט, נאָכדעם ווי

אונדזער גרויסער העלד, יצחק בן נתן, האָט די זאַך באַשטעטיקט און אַלס ראיה געבראַכט אַהער עטלעכע פון די דאָרטיקע איינוווינער, ווייסן מיר שוין אויף זי־כער, אַז אַזאַ מדינה עקזיסטירט, און אָט איז דאָך דער בריוו פון דעם יידישן מלך! — האָט ער אויסגערופן מיט טרערן אין די אויגן און ער האָט אַ קוש געטאָן דעם פּאַרמעט, אויף וועלכן דער בריוו איז געשריבן געווען.

דערנאָך האָט מנחם בן סרוק אויפן באַפעל פון נשיא אָנגעהויבן לייענען דעם בריוו, וואָס איז געשריבן געווען אויף אַ ריינעם לשון־קודש דורכן פּאָטער פון שולמית... ווען די דאָזיקע זאַך איז דערקלערט געוואָרן, איז ווידער אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגן געוואָרן אין דער זייט פון דעם שיינעם כוזרישן מיידל.

מיטן געבן צו לייענען מנחם בן סרוקן דעם בריוו פון יידישן מלך ביים טייך איטיל (וואָלגע), האָט דער נשיא אים געוואָלט איבערבעטן פאַר די נגישות, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין צוליב די רכילות קעגן אים מצד זיין קעגנער דונש בן לברט. יצחק איז שפּעטער געוואָיר געוואָרן וועגן דעם. מנחם בן סרוק האָט געהאַט צוגעזאָגט יצחקן, אַז ער וועט איבער דער צייט, וואָס ער וועט זיין אויף דער רייזע, האַלטן אַ וואַך אויג אויף פנינהן. דונש בן לברט האָט צוגעטראָגן דעם נשיא, אַז מנחם בן סרוק שדכנט זיך צו זיין טאָכטער. מ׳האָט אים נאָכגע־שפּירט און אויסגעפונען, אַז ער זעט זיך טאַקע זייער אָפט מיט דעם שיינעם מיידל. ר׳ חסדאי אבן שפרוט האָט אים אַלס שטראָף דערווייטערט פון זיין הויף און אים אויך באַזייטיקט אַלס זיין ראַטגעבער. מנחם בן סרוק האָט דערפון זייער שטאַרק געליטן. ער האָט אָבער נישט געוואָלט אויסגעבן דעם סוד, אַז פנינה איז יצחקס געליבטע און אַז ער דאַרף זיך מיט איר פאַרנעמען.

ערשט לעצטנס האָט זיך אַרויסגעוויזן דער גאַנצער אמת, ווען פנינה האָט ענדלעך באַשלאָסן צו רעדן מיטן פּאָטער אָפענע רייד וועגן איר נאָענטקייט מיט יצחקן.

איצט האָט זיך דער נשיא געפילט שולדיק קעגן דעם משורר און ער האָט אים געוואָלט פאַרגיטיקן דערמיט, וואָס ער האָט אים מכבד געווען מיט לייענען דעם בריוו פון יידישן מלך אין לאַנד פון די כוזרים.

דער בריוו האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף אַלע אָנוועזנדיקע. עס זענען געפעלן געוואָרן זיינע רייד, ווו ער רעדט וועגן אָפהיטן די תורה און די מצוות און ווו ער רעדט וועגן הייליקן לאַנד פון ארץ־ישראל. ביי ר׳ חסדאין האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן, ווען דער בריוו האָט זיך פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

„און איך זאָל זוכה זיין, אַז דו זאָלסט מיר זיין ווי אַ פּאָטער און איך זאָל דיר זיין ווי אַ זון און לויט דיין וואָרט זאָל איך פירן מיין גאַנץ פאָלק און איך

אַליין זאָל זיך נוהג זיין לויט דיינע קלוגע רייד און עצות. פיל שלום צו דיר און דיין עדה, יוסף בן אהרן, קעניג פון די כוזרים."

עס איז געווען אומגלייבלעך, אָבער עס איז דאָך פּאָרט אַ פאַקט! — אַ יידישער מלך נאָך אַזוי פיל הונדערטער יאָרן פון גלות און לעבן צווישן פרעמדע פעלקער!

דער עולם האָט נאָכן פאַרענדיקן דעם בריוו אַזוי זיך צעשטורעמט פון באַגייסטערונג, אַז עס האָט גאָרנישט גענומען קיין סוף צו די אויסגעשרייען און אויסרופן לכבוד יצחקן, די כוזרישע געסט און לכבוד דעם נשיא. עס איז געווען ממש אַ ליל שימורים. גראָד איז געווען אַ ליכטיקע לבנה־נאַכט פון האַלב חודש שבט. אינדרויסן האָט געשמעקט דאָס בלי־עכץ און דער יונגער עולם האָט זיך אַרויסגעלאָזט אינדרויסן און אָנגעהויבן פאַר גרויס שמחה צו טאַנצן. יעדער איינער פון די פיל יונגעלייט האָט זיך געריסן צו טאַנצן מיט שולמיתן, אָבער דאָס כוזרישע מיידל האָט זיך עפּעס מאָדנע געהאַלטן. זי איז געווען זייער טרויעריק, און אַפילו דאָס האָט איר צוגעגעבן אָן אַ מאָס חן...

פנינה האָט באַמערקט איר טרויער, און זי האָט זיך, ווי אַ פרוי, לייכט געקאָנט אָנשטויסן, וואָס איר קווילט... זי האָט די ערשטע צייטן גאָרנישט גערעדט, זי האָט געשטיקט אין זיך דאָס געפיל פון אייפערזוכט.

מיט אַ וואָך שפּעטער נאָך דער אויפנאַמע פאַר יצחקן, איז באַשטימט געוואָרן זיין חתונה מיט פנינהן.

— האָסט דורכגעפירט אַ גרויסע טאַט!... האָט פנינה אים געזאָגט מיט אַ צאַפּלדיקן שמייכל אונטער דער חופה און זי האָט אים געקושט אין מויל אַריין...

די חופה איז אויפגעשטעלט געוואָרן, אויפן פאַרלאַנג פון חתן־כלה, אין דעם ציפּרעסן־גאָרטן פון נשיא ר' חסדאי אבן שפרוט. ר' משה בן חנוך איז געווען דער מסדר קידושין און מנחם בן סרוק איז געווען דער עדות...

די סעודה איז אָבער פאַרשטערט געוואָרן, ווייל ס'איז פּלוצלינג אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז דער קאַליף אַבדול ראַכמאַן איז געשטאָרבן און זיין זון אלהאַקים איז אַרויף אויפן טראָן פון אַנדאַלוזיע. ער האָט דערביי אָפּגעגעבן אַ שבועה, אַז ער וועט מיט די יידן זיך באַגיין אַזוי גוט פונקט ווי זיין פאָטער.

דער נשיא ר' חסדאי אבן שפרוט, דער אויסלאַנד־מיניסטער פון אַנדאַלוזיע, האָט באַלד אויסגערופן אַ טרויער אויף דרייסיק טעג און דעריבער איז שוין די סעודה נישט פאָרגעקומען אַזוי פייערלעך, ווי מען האָט זיך געריכט אין קאָרדאָוואַ.

דאָס יונגע פּאָרפאָלק איז אָבער צופרידן געווען דערפון. זיי זענען געווען גליקלעך, וואָס זייער לאַנגער און אַזוי ווייטער טרוים איז ענדלעך פאַרווירקלעכט געוואָרן.

די וואָך נאָך זייער חתונה איז נפטר געוואָרן ר׳ נתן, יצחקס פאָטער, און ס׳איז אים איינגעאָרדנט געוואָרן אַ גרויסע לוויה, ביי וועלכער די גאַנצע שטאָט איז געווען אָנוועזנדיק. דער נשיא האָט אים מספּיד געווען און דערמאָנט זיין גרויסע עניוות אין זיין האַנדלונג מיט ר׳ משה בן חנוך. זעענדיק, אַז עס איז געקומען אין שטאָט אַריין אַ גרעסערער למדן פון אים, האָט ער אים אָפּגעטרעטן דאָס אָרט צו ווערן דער ראש ישיבה...

יצחק האָט זיך אויך באַמיט שלום צו מאַכן צווישן זיין רבין ר׳ מנחם בן סרוק און זיין קעגנער דונש בן לברט, וואָס עס איז אים פיל־ווייניק געלונגען.

— אַזעלכע צוויי גרויסע פּאָעטן און בעלי־דיקדוק, וועמענס חיבורים עס וועלן פאַרבלייבן לעולם ועד ביים יידישן פאָלק, טאָרן נישט זיין צעקריגט צווישן זיך — און ער האָטביידנס הענט צונויפגעקלאַמערט און ס׳איז געוואָרן שלום.

שולמית איז געבליבן וווינען אין הויז פון נשיא, ר׳ חסדאי אבן שפּרוט. עס איז איר אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַזונדער צימער און זי האָט אויסגעדריקט איר איינציקן באַגער: זי וויל איבערשרייבן אויף פּאַרמעט די געשיכטע פון איר לאַנד און ווי אַזוי איר עלטער־עלטער־זיידע האָט מגייר געווען אַזאַ מעכטיק פאָלק ווי די כוזרים.

— זאָלן די שפּעטערדיקע פּאָעטן און סופרים האָבן פון וואַנען צו שעפּן זייערע ידיעות וועגן דעם פאָלק פון די כוזרים, און זאָל די יידישע געשיכטע וויסן, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען!... — האָט זי געזאָגט.

עפּילאָג

דאָס יידישע לעבן אין שפּאַניע איז אָנגעגאַנגען אונטער דער הערשאַפט פון נייעם קאַליף אלהאַקים מיטן זעלביקן וועג ווי אין די צייטן פון זיין פאָטער, דעם מלך חסד, קאַליף אַבדול ראַכמאַן. ער האָט איבערגעגעבן די גאַנצע אויס־לענדישע פּאָליטיק אין די הענט פון ר׳ חסדאי אבן שפּרוט, און די מלוכות פון ביזאַנץ און דייטשלאַנד האָבן נאָך מער דורך־ארץ געקראָגן פאַרן יידישן פירשט.

די גרופּע כוזרים, וועלכע איז אָנגעקומען צוזאַמען מיט יצחק בן נתן, כאָטש אין אָנהייב פילנדיק זיך פרעמד אין דער נייער סביבה, האָט זיך ביס־לעכווייז איינגעלעבט. זיי האָבן דאָ חתונה געהאַט און געמאַכט שפּאַניע פאַר זייער נייער היים. בלויז איין שולמית האָט זיך אָפּגעזונדערט און געטאָן איר אַרבעט פון איבערשרייבן די געשיכטע פון די כוזרים מיט דער גרעסטער פּינקט־לעכקייט. פון צייט צו צייט האָט זי געפרעגט עפּעס ביי יצחקן, אָבער זי האָט זיך באַמיט אים אויסצומיידן. פנינה איז געווען צו איר ווי אַ שוועסטער, זי האָט זי געצערטלט, געגאַנגען אָפּט מיט איר אויף לאַנגע שפּאַצירן, וועלנדיק ביי איר געוואויר ווערן די סיבה פון איר אָפּגעזונדערטקייט. אָבער עס איז געווען אומזיסט. שולמית איז געווען אָפּגעשלאָסן אויף זיבן שלעסער.

עס זענען אַוועק יאָרן, שלעכטע ידיעות זענען אָנגעקומען פון כוזרים־לאַנד דורך די שליחים פון ביזאַנץ און אַנדערע לענדער, וואָס האָבן געפירט געשעפטן מיט מדינת שפּאַניע. די רוסן האָבן אונטער דעם נייעם פירשט סוויאַטאָסלאַוו, דעם זון פון פירשט איגאָר, זיך געשטאַרקט איבער די כוזרים און האָבן איינגע־נומען די פעסטונג פון סאַרקעל אויפן דאָן. ווי מ׳האָט געשמועסט, האָבן זיי געהאַט די שטילע אונטערשטיצונג פון ביזאַנץ, וועלכער עס איז נישט געפעלן געוואָרן דער כוזרישער גאַנג. די ביזאַנטיער איז ממש געגאַנגען אין לעבן אַרי־בערצוגעווינען די רוסן צו דער קריסטלעכער אמונה פון ביזאַנץ, און די יידישע אמונה פון די כוזרים איז זיי געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלדז.

אַ טרויער האָט געהערשט אין הויף פון דעם נשיא ר׳ חסדאי אבן שפּרוט. די שלעכטע בשורות פון דעם כוזרים־לאַנד, מיט וועלכן ער האָט געשטרעבט צו פאַרבינדן זיך און ער האָט געוואַרעמט אין זיין האַרץ די האָפענונג אינגאַנצן אַהין זיך איבערצוטראָגן, כדי צו דינען מיט זיין חכמה און גוטער עצה דעם יידישן קעניג ביי דער וואָלגע, האָבן אים אינגאַנצן צעבראָכן און זיין געזונט האָט דערפון שטאַרק געליטן.

דאָס איז געווען אין יאָר 965 (ד׳ אלפים תשכ״ה), ווען די ערשטע שלעכטע

בשורה איז אָנגעקומען. און איין ידיעה, פּונקט ווי ביי איובֿן, האָט געיאָגט די אַנדערע. די רוסן, מיט דער הילף פון די פּעטשענעגן און אַנדערע סלאַווישע שבֿטים, זענען געגאַנגען פאָרויס, פון זיג צו זיג. די כּוזרים האָבן זיך טאַקע געשלאָגן העלדיש, אָבער די צאָל פון שונא האָט זיי איבערגעשטיגן און זיי האָבן אָנגעמאַכט חורבנות אין דעם לאַנד.

ר׳ חסדאי האָט ממש געפיבערט, און נישט געקוקט אויף די שלעכטע ידיעות פון כּוזרים־לאַנד, האָט ער דאָך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן זיין געליבט לאַנד אַנדאַ־לוזיע און פאָרן צום כּוזרישן מלך יוסף בן אהרן, אפשר וועט ער אים קאָנען געבן גוטע עצות און אויסמיידן אַ פאָלשטענדיקע מפּלה. דער קאַליף אלהאַקים האָט אים אָפּגערעדט פון דעם דאָזיקן שריט, ער האָט געפּרוווט ווירקן אויף אים מיט די פאַרשידנסטע אופנים, אָבער ר׳ חסדאי איז געווען גוואַלטיק איינגע־שפּאַרט.

יצחק בן נתן האָט איצט פאַרנומען איינע פון די אָנגעזעענסטע שטעלעס ביי זיין שווער ר׳ חסדאי אבן שפּרוט. ער איז געווען זיין הויפּט ראַטגעבער און ער איז אפשר געווען דער, וועלכער האָט געווירקט אויף ר׳ חסדאין צו פאָרן אין לאַנד פון די כּוזרים, וואָרים ער אַליין האָט אויך געשטרעבט זיינע ווייטער־דיקע יאָרן דאָרט צו פאַרענדיקן. גרויסע פּלענער האָט יצחק געבויט אין צוזאַ־מענהאַנג מיטן פאַראייניקן דאָס כּוזרים־לאַנד מיט דעם לאַנד פון יהודה און שאַפן איין גרויסע יידישע אימפּעריע. ווען נישט די אַריינגעכאַפּטע מפּלות מצד די רוסישע שבֿטים, וואָלט דאָס אפשר גאָר בקרובֿ געווען פאַרווירקלעכט געוואָרן.

יצחק האָט שוין איבער דער צייט געהאַט גענומען פאַר זיין צווייט ווייב די שיינע שולמית, און געשען איז עס אַזוי:

פּנינה איז נישט געבענטשט געוואָרן מיט קיין קינדער און זי איז אַרומגע־גאַנגען אומעטיק, מורא האָבנדיק, אַז איר מאַן וועט דערפאַר וואַרפן אַן אומחן אויף איר. אויף אַלע יצחקס באַמיִונגען זי איבערצוצייגן, אַז ער האָט זי פּונקט אַזוי שטאַרק ליב ווי ווען זי וואָלט יאָ געהאַט קינדער, האָט זי זיך נישט גע־קאָנט באַרויִקן.

— איך האָב דיך פּונקט אַזוי ליב ווי אין יענער נאַכט, ווען מיר האָבן זיך געזעגנט אין דיין פאָטערס ציפּרעסן־גאָרטן... — האָט איר יצחק דערמאָנט די אַלטע גוטע צייטן.

זי האָט אים אַרומגעכאַפּט און שטאַרק געקושט דערפאַר.

אָבער איינמאָל, זיצנדיק פאַרטיפט אין חומש און לייענענדיק די סדרה „ויצא“, האָט זי פּלוצלינג אין אַ וואַנזיניקן אַנפאַל אויסגערופן ווי די מוטער רחל צו יעקבֿן: הבה־לי בנים ואם אין מתה אנכי. — גיב מיר קינדער, אַנישט שטאַרב איך!...

יצחק האָט שטאַרק רחמנות געקראַגן אויף איר, ער האָט געזען ווי זי מאַ־טערט זיך צוליב דעם און ער האָט איר גאָרנישט געקאָנט אויסרעדן. אין דעם אויגנבליק איז אַריינגעקומען אין זייער צימער שולמית.

פנינה איז אויפגעשפּרונגען אַ צעשטראָלטע און זי האָט אויסגערופן מיטן לשון פון חומש: הנה שולמית, בא אליה ותלד על ברכי ואבנה גם־אנכי ממנה — אָט איז שולמית, קום צו איר און זי וועט געבוירן אויף מיינע קני, און אויך איך וועל אויפגעריכט ווערן פון איר...

יצחק איז רויט געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן צו צאַפּלען אינגאַנצן. אַזאַ ענלעכע איבערלעבונג האָט אויך דורכגעמאַכט שולמית. יצחק האָט אין אָנהייב געטראַכט, אַז זיין געליבטע ווייב איז צוליב דער גרויסער זאָרג פון נישט האָבן קיין קינדער פון זינען אַראָפּ. אָבער ווען זי איז צוגעשטאַנען צו אים און גע־טענהט אין פולן ערנסט:

— שולמית האָט דיך ליב, זי איז איין גרויס שטיק צער. דו האָסט זי אויך ליב. און איך האָב זי ליב ווי מיינע אַן אייגענע שוועסטער — האָב מיט איר חתונה און מיר וועלן לעבן צוזאַמען, און דו וועסט האָבן קינדער מיט איר...

ווען זי האָט כסדר נישט אויפגעהערט איינצוטענהן, סיי מיט איר מאַן יצחק און סיי מיט שולמיתן, האָבן זיי ענדלעך דערצו מסכים געווען און שולמית איז געוואָרן דאָס צווייטע ווייב ביי יצחקן...

זי האָט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער געבוירן אַ זון, און די פרייד איז געווען אין לשער. פנינה איז געווען גליקלעך און זי איז צו דעם קינד געווען ווי אַן אייגענע מאַמע. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז אויך פנינה געבענטשט געוואָרן מיט אַ זון, און צו זייער ביידנס גליק איז נישט געווען קיין גרעניץ. יצחק מיט זיינע צוויי ווייבער האָבן געלעבט ווי די גליקלעכסטע מענטשן אונטער דער זון. שולמית האָט אויפגעלעבט אינגאַנצן. דער טרויער איז פאַרשווונדן פון איר פּנים. יצחק האָט זי איצט געזען פּונקט אַזוי ווי ער האָט זי באַגעגנט דעם ערשטן טאָג, ווען ער איז אָנגעקומען אין דער כוזרישער הויפּטשטאָט באַלאַנגאַר. זי איז געווען לעבעדיק ביז גאָר, די אויגן האָבן געשיינט ווי זיבן זונען.

אין יאָר 970 (ד׳ אלפים תש״ל) איז געשטאָרבן ר׳ חסדאי בן יצחק בן עזרא אבן שפרוט, דער גרויסער נשיא ביי יידן אין שפּאַניע. ער האָט נישט דערלעבט צו הערן די טרויעריקע בשורה, אַז די מלוכה פון די כוזרים צעפאַלט זיך אויף ברעקלעך. די שטאָט באַלאַנגאַר איז געפאַלן אין די הענט פון די רוסן. עס איז ביי די כוזרים נאָך געהאַט פאַרבליבן דאָס האַלב אינדזל קרים, אָבער אויך דאָרט, זעט אויס, וועלן זיי זיך לאַנג נישט קאָנען האַלטן.

שולמית האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן, דערהאַלטנדיק די דאָזיקע אַלע ידיעות. זי האָט נישט געהאַט קיין שום אַנונג, ווו עס געפינען זיך אירע עלטערן.

זי האָט געפּרוּווט זיך טרייסטן, אַז אפשר האָבן זיי זיך גערעטעוועט, ווייל ווי מען האָט איבערגעגעבן, האָבן טויזנטער כוזרים־משפחות זיך אַרויסגעראַטעוועט פון לאַנד און זענען צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן איבער די שכנותדיקע געגנטן אַרום דער שטאָט קיִעוו ביים דניעפּער. פיל זענען אַוועק קיין דייטשלאַנד און אין דעם סלאַווישן לאַנד פּוילן, וואָס האָט זיך גענומען אויסבילדן אין יענער צייט ווי אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה...

— אפשר וועלן אויך מיינע עלטערן דאָ אַהער אָנקומען... — האָט זי זיך געטרייסט, טוליענדיק זיך אין האַלב־טונקעלן בין־השמשות צו יצחקן און פּנינהן.

דערווייל זענען זיי נאָך נישט געהאַט אָנגעקומען, און ווער ווייסט צי זיי וועלן ווען עס איז גאָר אָנקומען... אַ טרויער איז באַפאַלן די יִדן אין שפּאַניע, כאָטש זייער לאַגע דאָרט איז געווען די בעסטע ווי אין אַלע ווינקעלעך אויף גאָטס ערד. וואָרים איינע פון די שענסטע האָפענונגען ביי יִדן איז געגאַנגען לאיבוד און זיי האָבן לאַנג־לאַנג נישט געקאָנט געפינען קיין טרייסט.

שולמית האָט געהאַט פאַרענדיקט איר איבערשרייבן די געשיכטע פון די כוזרים און זי האָט דעם כתב־יד באַהאַלטן אויף אַ זיכער אָרט, כדי ער זאָל נישט פאַרפאַלן ווערן פאַר די קומענדיקע דורות.

אין יענער צייט (אין יאָר 960) איז אין פראַנקרייך געבוירן געוואָרן גרשום בן יהודה, וועלכער איז שפּעטער מיט יאָרן באַקאַנט געוואָרן בכל תפוצות ישראל אונטערן נאָמען רבנו גרשום בן יהודה אָדער דער „מאור הגולה״, וועלכער האָט פאַרבאָטן ביי יִדן די פיל־ווייבעריי, און די דאָזיקע תקנה איז באַקאַנט עד היום אונטערן נאָמען „חרם דרבנו גרשום״. ער האָט אין מאַינץ, דייטשלאַנד, אויפגע־שטעלט אַ גרויסע ישיבה, וואָס ער האָט אָנגעפירט ביזן טויט (1028).

מיט איבער הונדערט יאָר שפּעטער איז געבוירן געוואָרן דער שפּעטער באַ־רימט געוואָרענער פּאָעט און פילאָסאָף רבי יהודה הלוי (1086־1142), וועלכער האָט פון געפונענע כתבים וועגן דער עקזיסטענץ פון די כוזרים און זייער איבער־גיין צום יִדנטום אָנגעשריבן זיין גרויס פילאָסאָפיש ווערק „ספר הכוזרי״. אין דער צווישנצייט זענען געבוירן געוואָרן אַזעלכע גדולים בישראל ווי: שלמה אבן גבירול, רבי יצחק אלפסי, ר׳ האי גאון אין פומבדיתא, רש״י, משה אבן עזרא.

דאָס יִדישע פאָלק, אויף וועמען דער נביא ירמיהו האָט געזאָגט: „כי לא אלמן ישראל״, איז געשוועמען אין דער געשיכטע דורך שטורעמס און בייזע גע־וויטערן, האָט אָבער כסדר פון צווישן זיך אַרויסגעגעבן זיינע גרויסע חכמים און געלערנטע, וואָס האָבן אויפגעהאַלטן דאָס יִדישע פאָלק עד היום הזה און ביז דער גרינדונג פון מדינת ישראל, וואָס זאָל געדויערן לעולם ועד. אמן.

(סוף)

פון זעלבן מחבר:

רבי עקיבא (פאַרלאַג ראָמאַנען־ביבליאָטעק, ניו־יאָרק, 1947)
רבי מאיר און ברוריה (פאַרלאַג שאָולזאָן, ניו־יאָרק, 1950)
שלום אַש פון דער נאָענט (פאַרלאַג שאָולזאָן, מיאַמי, פלאָרידע, 1958)
די כוזרים (פאַרלאַג יידבוך, בוענאָס איירעס, 1960)

העברעיש:

רבי עקיבא (הוצאת ספרים מסדה, תל־אביב, התשי״ד)
רבי מאיר וברוריה (הוצאת ספרים מסדה, תל־אביב, התשט״ז)

שפּאַניש:

Rabi Meir y Beruria (Editorial Candelabro, Buenos Aires, Argentina)

איבערזעצונגען:

פויערן, פון סט. וול. ריימאָנט, פיר בענד
(פאַרלאַג אָריענט, וואַרשע, 1925־1926)
איבער מדבריות און וויסטעניש, פון הענריק שענקעוויטש
(פאַרלאַג קלעצקין, ווילנע, 1928)
די קינדער פון קאַפּיטאַן גראַנט, פון זשיל ווערן
(פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע)
דריי טעג, אַ רויט בלימל און אַנדערע דערציילונגען, פון וו. גאַרשין
(פאַרלאַג בזשאָזע, וואַרשע)

עס ווערן געגרייט צום דרוק:

בר־כוכבא (דאָס דריטע בוך פון דער טרילאָגיע)
פּליטים, ראָמאַן פון די מלחמה־יאָרן, (1940 ־ 1941)
דער קעניג שלמה (ביבלישער ראָמאַן)

אין פאַרלאַג „ייִדבוך“ זענען ביז איצט דערשינען

1) י. ל. פרץ — דריי חסידישע דערציילונגען

2) ח. ש.קאַזדאַן — מעטאָדיק פון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור (אויספאַרקויפט)

3) י. י. טרונק — כעלמער חכמים (אויספאַרקויפט)

4) שלמה סיימאָן — אַמאָליקע ייִדן (אויספאַרקויפט)

5) פּראָפ׳ ליבמאַן הערש — אויף דער גרעניץ פון צייטן

6) יצחק פּערלאָוו — אין אייגענעם לאַנד (אויספאַרקויפט)

7) י. י. טרונק — דער פריילעכסטער ייִד אין דער וועלט (אויספאַרקויפט)

8) ש. סיימאָן — תוך ייִדישקייט

9) נ. ב. מינקאָוו — זעקס ייִדישע קריטיקער

(פּרעמירט דורך דעם ל. בימקאָ־פאָנד)

10) אברהם זאַק — אין אומרו פון יאָרן

(פּרעמירט דורך דעם מ. סטאָליאַר־פאָנד)

11) יוסף רייך — וואַלד אין פלאַמען

12) מ. וו. בערנשטיין — אין לאַבירינטן פון תקופות (אויספאַרקויפט)

13) לעאָן קאָברין — מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע

14) יצחק פּערלאָוו — דזשעבעליאַ (ראָמאַן) (אויספאַרקויפט)

15) ברוך ריווקין — ה. לייוויק — זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק

16) מלכה לי — דורך קינדערשע אויגן (אויספאַרקויפט)

17) יעקב פּאַט — די לערערין אסתר (אויספאַרקויפט)

18 שלמה סיימאָן — וואָרצלען (אויספאַרקויפט)

(פּרעמירט דורך דעם מ. סטאָליאַר־פאָנד)

19) מנחם באָריישאָ — עסייען (אויספאַרקויפט)

20) משה דלוזשנאָווסקי — דערציילונגען און דראַמען

21) לעאָן בערנשטיין — ערשטע שפּראָצונגען (אויספאַרקויפט)

(פּרעמירט דורך דער ז. גזשיוואַטש־פּרעמיע)

22) משה אייזענבוד — געלעבט הינטער קראַטן (אויספאַרקויפט)

23) פ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — ייִדישער אומקום אין פראַנקרייך

24) דוד איגנאַטאָוו — „אָפּגעריסענע בלעטער“

25) חיים גוטמאַן (דער לעבעדיקער) — פּאָמפּאַדור

26) נח גאָלדבערג — אויף צעוואָרפענע וועגן

27) י. ה. פישמאַן — פריִער און שפּעטער
28) ל. לאַסאָווין — אַ חתונה אויפן באַרג לבנון
29) משה דלוזשנאָווסקי — ווי אַ בוים אין פעלד (ראָמאַן) (אויספאַרקויפט)
30) ב. שעפּנער — אַ בליק אויף ישראל און אויף דער וועלט
31) פ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — לאָדזש אין מיין זכרון
32-33) אברהם זאַק — אויף שליאַכן פון הפקר (צוויי טיילן)
(פּרעמירט דורך דעם לואיס־ לאַמעד־פאָנד)
34) סטעפאַן צווייג — די וועלט פון נעכטן
35) וויליאַם נאַטאַנסאָן — קולטור קוואַלן
36) ב. ריווקין — יִידישע דיכטער אין אַמעריקע
37) יצחק פערלאָוו — פלאָראַ אינגבער
38-39) שמואל איזבאַן — די קעניגין איזבל (2 בענד)
40) שלמה סימאָן — צווייגן
41) מ. וו. בערנשטיין — און דאָס איז געווען אַשכנז...
42) מ. אַקערמאַן — אויסגעלאָשענע שטערן
43) שלמה ראָזענבערג — די כוזרים

אין גיכן דערשיינט:

אַנטאָלאָגיע פון דער וועלט־ליטעראַטור (צוגעגרייט פון יצחק איסאַקסאָן)
י. י. טרונק — משיח געוויטער

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina

Copyright by:
S. ROSENBERG (New York)

HECHO EL DEPOSITO QUE MARCA LA LEY
Industria Argentina

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Againes Germany.

Este libro se terminó de imprimir en el mes de Diciembre de 1960, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN, S.R.L., Avda. Corrientes 1976, Bs. Aires

---

וועגן אַלע ענינים פון פאַרלאַג זיך ווענדן:

EDITORIAL "IDBUJ"

BOULOGNE SUR MER 671 — T. E. 62-9566 — BUENOS AIRES

República Argentina

S. ROSENBERG

LOS KUZAROS

(DI KUZRIM)

Editorial
"IDBUJ"
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina
Buenos Aires - 1960